STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03021

MORDEKHAI TENENBOYM-TAMAROF

Nina Tennenbaum-Backer

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מרדכי טענענבוים־טאַמאַראָף

דער העלד פון די געטאָס

אין צוויי בענדער

מרדכי טענענבוים־טאַמאַראָף

מרדכי
טענענבוים-טאמאראף
דער העלד פון די געטאס

פון

נינאַ טענענבוים־בעקער

ערשטער באַנד

אויסגעברייטערטע אויפלאַגע

די ערשטע פובליקאַציע פון דעם בוך (אַ קירצערע) איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין העברעיש דורך יד ושם א. נ. „האדם והלוחם, מרדכי טננבוים־תמרוף, גיבור הגיטאות״, ירושלים תשל״ד

פאַרלאַג „ניי־לעבן״

תשל״ז תל־אביב 1977

MORDEKHAI TENENBAUM-TAMAROFF

HERO OF THE GHETTOES

By

NINA TENENBAUM-BACKER

Volume 1

אַלע רעכט געהערן דער מחברטע

כל הזכויות שמורות למחברת

Al Rights Reserved

©

נדפס בישראל

Publishing House "Nai Leben", Tel-Aviv

דפוס „אור" בע"מ, שד' הר־ציון 104, תל־אביב, טל. 822481, 446151, ישראל

אַריינפיר־וואָרט

פון פּראָפ. ד״ר אריה טאַרטאַקאָווער

פּאַמעלעך, אָבער מיט זיכערע טריט דערנענטערן מיר זיך צו דער דערקענטעניש פון דער ריכטיקער באַדייטונג פון דער קאַטאַסטראָפע, וואָס האָט געטראָפן דאָס יידישע פאָלק בלויז מיט איין דור צוריק און פון די אומשטאַנדן, אין וועלכע ס'איז געשען, דאָס וואָס איז געשען. אין קעגנזאַץ צו דער מיינונג וועגן די קרבנות פון דער קאַטאַסטראָפע, ווי שאָף געפירטע צו דער שחיטה, וואָס איז אַנגענומען ביי אַ סך יידן און אויך ביי די פעלקער פון דער וועלט — וואָסערע עס זאָלן נישט זיין די מאָטיוון פון אַזאַ סברה — פאַרמירט זיך וואָס אַ מאָל מער אויס די מיינונג וועגן דער איינציקאַרטיקער גבורה, וואָס האָט זיך דעמאָלט אַנטפּלעקט און געהערט צו די העכסטע צייגענישן פון דעם מין אין דער געשיכטע פון דער גאַנצער מענטשהייט. זייער מעגלעך, אַז פון שטאַנדפּונקט פון געשיכטלעכן אמת איז נישטאָ קיין סתירה צווישן דיביידע הנחות. עס זענען געווען אין יענער צייט פאַלן פון מאַסן־מאָרדן אָן, אָדער כמעט אָן אַ ווידערשטאַנד מצד די קרבנות; און עס זענען געווען פאַלן, אין וועלכע גרופּעס מענטשן האָבן זיך בלויז מיט די ליידיקע הענט — וייל קיין אַנדער געווער האָבן זיי כמעט ווי נישט געהאַט — אַנט־קעגנגעשטעלט די רוצחים, כדי צו פאַרטיידיקן דעם כבוד פון פאָלק און דעם כבוד פון די אַלע, וואָס דאָס וואָרט פון גאָט לעבט אין זייער האַרץ. אָבער אַ געוואַלדיקער תהום ליגט צווישן די צוויי מינים רעאַגירן. וואָרעם דער ערשטער פאַל איז נישט קיין ספּעצי־פיש יידישע דערשיינונג, ענלעך האָבן זיך דאָך געפירט אַ סך פון די אונטערדריקטע פעלקער אין יענע טעג, פּונקט ווי אין די פריערדיקע דורות. אָבער דער צווייטער פאַל טיילט זיך אויס הויפּטזאַכלעך ווי דער יידישער ליכטשטראַל אין די טעג פון פינצטערקייט, ווען די גאַנצע מענטשהייט אָדער איר מערהייט האָט נישט באַוויזן זיך קעגנצושטעלן קעגן דער צעווילדעוועטער בעסטיע.

מען קען זיך נישט פאָרשטעלן דעם דאָזיקן ליכטשטראַל אָן דער גרויסער אידעע, פון וועלכער ער איז אַרויסגעוואַקסן און אָן דער כאַריזמאַטישער אָנפירערשאַפט, אַרום וועלכער ס'האָבן זיך קאָנצענטרירט די קעמפערס. וועגן דער אידעע איז שוין גערעדט

געוואָרן; דאָס איז געווען די פאַרטיידיקונג פון מענטשלעכן און יידישן כבוד קעגן דער אָרגאַניזירטער פאַרברעכערישקייט. דאָס איז געווען די אָנפירערשאַפט, וואָס האָט דערמעגלעכט צו פאַרוואַנדלען די דאָזיקע פאַרטיידיקונג אין איינער פון די גרעסטע אויפטוען אין דער געשיכטע. צו אונדזער גליק און צום גליק פון דער גאַנצער מענטשהייט, האָט זי זיך אַנטפּלעקט צו יענער צייט אין דער דערהויבנסטער פאָרעם, זי האָט זיך אַנטפּלעקט אין אַלע לענדער פון יידישן גרויסן פּיין: אין פּוילן, ליטע, סלאָוואַקיי, פראַנקרייך, יוגאָסלאַוויע און אַנדערע און אין די אַלע לענדער האָט זי דערפילט אַ מיסיע, וואָס אויסער איר דירעקטער ווירקונג, איז זי באַשטימט פאַראייביקט צו ווערן אין זכרון פון דורות; זיי האָבן דעמאָלט פאַרשטאַנען צו קעמפן פאַר דעם כבוד פון מענטש, און ווען נייטיק, צו שטאַרבן, כדי מיר אַלע זאָלן קענען לעבן מיט כבוד.

צו איין קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון אַזאַ אָנפירערשאַפט איז געווידמעט דאָס דאָזיקע בוך. עס איז געווידמעט דעם מענטש, וואָס זיין נאָמען, לעבן אייביקן נאָמען פון מרדכי אַניעלעוויטש, איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ סימבאָל פון יידישער גבורה אויף דער פּוילישער ערד.

מרדכי טענענבוים איז געווען נישט בלויז איינער פון די הויפּט־קעמפערס, וואָס וויניקע קענען זיך צו אים פאַרגלייכן, נאָר אויך אַ מענטש, וואָס מיט זיין געניאַלן גייסט האָט ער באַוויזן צו אָרגאַניזירן דעם יידישן קאַמף אויף אַ סטראַטעגישער און מאָראַלישער הייך. אין דעם באַשטייט זיין גרויסקייט, וואָס גייט ווייט אַריבער די גרענעצן פון דער צי יענער תקופה און ווערט דער קנין פון אַלע דורות. און נאָך עפּעס איז כדאי אונטערצו־שטרייכן, אַז גלייכצייטיק מיט דער דאָזיקער טעטיקייט, וואָס גייט אַריבער די מעגלעכקייטן פון אַ דורכשניטלעכן מענטש, האָט ער אויך באַוויזן איבערצולאָזן אַן אָריגינעלע און ווערטפולע דאָקומענטאַציע און צו שאַפן צוזאַמען מיט זיין געטרייען חבר דעם אַרכיוו פון ביאַליסטאָקער געטאָ, וואָס טראָגט דעם נאָמען פון זיי ביידע (טענענבוים־מערסיק).

פון דעם דרינגט אַרויס די באַדייטונג פון דעם בוך, וואָס ווערט דאָ דערלאַנגט די לייענערס. אַ סך יאָרן האָט זיך געפּאָדערט ביז דאָס בוך איז צוגעגרייט געוואָרן און האָט זוכה געווען פאַר־עפנטלעכט צו ווערן, ווייל אויסער דעם גרויסן אָנשטרענג, וואָס

ס'איז נייטיק פאַר דער אַרבעט, פאַרלאַנגט זיך אויך אין אַ געוויסער מאָס אַ היסטאָרישע פערספעקטיוו, כדי אָפּצושאַצן די געשעענישן לויט זייער ריכטיקער באַדייטונג. און ווידער, ס'איז כלל נישט קיין חסרון, וואָס די מחברטע פונעם בוך איז אַ שוועסטער פון טענענבוימען. אין איר ליבע און פאַרערונג פאַר דעם מענטש, זענען מיר אַלע אירע שותפים. און פון דער צווייטער זייט — די אינטימע ידיעות וועגן זיין לעבן (און אפשר אויך דער דעליקאַטער צוגאַנג פון אַ פרוי) האָבן איר דערמעגלעכט אַריינצודרינגען אין דער טיפעניש פון די ענינים אויף אַ סך מער שלימותדיקן אופן, ווי ס'וואָלט עס געקענט טאָן אַן אַנדער — אַפילו דער חשובסטער פאָרשער — וואָס איז אָבער אַ זייטיקער מענטש.

אין ביכער פון דעם מין שטייגט דער סוביעקטיווער צוגאַנג אַ סך מאָל אַריבער די אָביעקטיווע שילדערונג, אָדער נאָך ריכטי־קער, ער דערגענצט די דאָזיקע, כדי עס זאָל זיך באַקומען פאַר אונדז דער היסטאָרישער אמת אין זיין פולן, ריכטיקן באַנעם. אַחוץ דעם, איז זי אַליין אויך אַ פרוי מיט הויכער בילדונג און גרויסער ליטעראַרישער פעיקייט.

אין די ברייטע ראַמען — און זיי וועלן אַוודאי נאָך גרעסער ווערן — פון דער מאַרטיראָלאָגיע־ליטעראַטור איז פאַר דעם בוך פאַרזיכערט אַ חשובער פלאַץ און מיר אַלע זענען מחוייב איבער־צוגעבן אונדזער ברכה און דאַנק דער מחברטע, אַלע מיטהעלפערס און דעם אינסטיטוט, וואָס האָט געזאָרגט פאַרן אַרויסגעבן אים אין אַ שיינער פאָרעם, ווי נאָך אַ רינגעלע אין דער לאַנגער קייט פון זיין טעטיקייט.

אריה טאַרטאַקאָווער

הקדמה

צו דער ערשטער אויסגאַבע פון מיין בוך „האדם והלוחם, מרדכי טננבוים־תמרוף, גיבור הגיטאות", יד ושם, תשל"ד.[1]

מיט דער דאָזיקער אַרבעט בין איך אויסן אויפצושטעלן אַ מצבה מיין ברודער מרדכי טענענבוים, דעם ראָמאַנטישן און פילפאַרביקן „מאָטילעק"[2], וואָס האָט זינט דער פריעסטער יוגנט זיך פאַרמאָסטן אויף אַ הויכן פלי צו דער זוניקער ליכט און געליי־טערטער לופט און אין די טעג פון דעם פאָלקס־קאַטאַקליזם זיך פאַרוואַנדלט אין דעם מערקווירדיקן טאַמאַראָף, דעם מוח און אָרעם פון דער הייליקער יידישער מלחמה קעגן די דייטשע מערדערס.

אין דער שטרעבונג אַרויסצוברענגען אַ מעגלעך קאָמפּלעט בילד פון זיין אויסנעמלעכער געשטאַלט, האָב איך געזוכט נישט אויסצומיידן קיין שום וועזנטלעכע ידיעה, שריפט צי עדות, וואָס קאָן צוטראָגן אָדער פאַרטיפן נאָך אַ שטריך צו זיין גייסטיקן פּאָרטרעט.

מיין כוונה איז צוצוגעבן נאָך אַ ניואַנס צו דער שילדערונג פון דער לעצטער טראַגישער תקופה, וואָס פאַרנעמט דאָס הייליק־סטע אָרט אין די פרייהייטס־קאַמפן פון אונדזער פאָלק, ווי אויך אַרויסצוברענגען אין אַ געוויסן רעליעף די באַזונדערע פּאַטריאָ־טישע ווערטן, וואָס האָבן דעמאָלט אינספּירירט צו העראָישע מעשים און זענען מסוגל אויך ווייטער צו באַשטראַלן דעם וועג פון דורות.

*

דער גאַנצער אומגעהייער מעכטיקער פאַרטיליקונגס־אַפּאַראַט האָט געצילט אָנצוגרייפן נישט בלויז דעם גוף, נאָר אויך דעם גייסט פון די קרבנות און זיי צו דערפירן צום אָפּגרונט פון פאַרצווייפלונג און צעמישונג.

---

1 אַביסל פאַרקירצט צוליב טעכנישע טעמים.

2 אַ שמעטערלינג, אויף פויליש, אויך אַ צערטלעכע פאַרקירצונג פונעם נאָמען מרדכי־מאָטעלע.

אין דעם פינצטערן תהום פון אומקום, ווען די שוידערלעכע קלעפּ האָבן ביי אַנדערע, אַפילו עלטערע און דערפאַרענע געזעל־שאַפטלעכע טוערס, פאַרנעפּלט דעם בליק און צעטרייסלט דעם באַדן אונטער די פיס, האָבן די יונגע אויגן פון מרדכי טענענבוים נישט פאַרלוירן זייער ווייטזע־קראַפט און ער איז געבליבן פעסט צוגעשמידט צו דער פאַריאַכטער ערד. דאָס בלוט און אַש פון די מאַסן־גריבער און קרעמאַטאָריעס האָבן צו אים געשריגן און געמאָנט אַ באַצאָלונג. די וויזיע פון נאַציאָנאַלן ווידערגעבורט און פון געשיכטלעכער אויסלייטערונג האָט געפאָדערט אַ היסטאָרישן חשבון און טענענבוים האָט באַנומען דעם פיינלעכן רוף און געוואָרן זיין עכאָ, זיין וואַרטזאָגער. מיט איבערמענטשלעכער אָנשטרענגונג און אויסדויער האָט ער באַזייטיקט אַלע מניעות, וואָס האָבן זיך פאַר אים געהויפנט און איז נישט אַוועק פון דער וועלט פריער, איידער די הייליקע צוואה און דער אימפעראַטיווער אָנזאָג פון די קדושים האָבן באַקומען אַ תיקון...

*

מרדכי טענענבוים האָט טיף געוואָרצלט אין דעם נאַציאָנאַלן אַרבעטער־לאַגער און פון אים געצויגן זיין גייסטיקע יניקה. ער איז געווען די עכטע און נאָבעלע פאַרקערפּערונג פונעם סאָציאַליסטישן ציוניזם און פון זיין אָריגינעלער פּרוכט — דעם חלוציזם, וואָס האָט ממשותדיק רעאַליזירט די עטישע לאָזונגען אויך אין דעם אייגענעם פּריוואַטן לעבן.

אויב פריער האָט די גאולה־בענקשאַפט אַרויסגערופן די זעונג פון אַן אַרבעטס־באַנייונג אינעם באַפרייטן לאַנד פון די אבות, האָט זי שפּעטער, פּנים אל פּנים מיטן גרויזאַמען אונטערגאַנג, אַוועקגעשטעלט די וויזיע פון אַ גייסטיקער רענאַוואַציע דורך דעם אָפּפערווייליקן קאַמף מיטן שונא, וואָס זאָל אים צווינגען צו באַצאָלן מיט בלוט פאַר בלוט און זאָל רעהאַביליטירן די מאָראַ־לישע ווערטן פון דעם פאַרמשפּטן פאָלק. דעם טרוים וועגן אַ בכבודיקן לעבן אויף דער ארץ־ישראלדיקער ערד, האָט מרדכי איצט פאַרוואַנדלט אויף אַ חלום וועגן אַ ווירדיקן טויט אויף די גלותדיקע באַריקאַדעס.

עס איז אומעגלעך געווען אָפּצוראַטעווען דעם גוף; מען האָט העכסטנס געקענט באַפרייען די נשמה פון קנעכטישער דערנידערונג. דאָס איז געוואָרן דער געדאַנקען־גאַנג און דער „אני מאמין" פון אַלע אַקטיווע און רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן, וואָס

זענען דערצויגן געוואָרן אין פּיעטעט פאַר די שענסטע אידעאַלן פון דער מענטשהייט.

*

אַחוץ דעם צענטראַלן העלד, ווערט דאָ אָפּגעגעבן פּלאַץ זיינע חברים, דער עיקר די חלוצים, וואָס האָבן אים באַגלייט אין זיין דראַמאַטישן געראַנגל און זענען געווען דער רוקנביין פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין אַלע געטאָס.

טענענבוים האָט אָנגעצונדן די יוגנטלעכע הערצער מיט אַ פלאַמיקן גלויבן אין דער הייליקייט פונעם יידישן קאַמף און מיט פאַראַכטונג צום טויט, צו וועלכער עס קענען זיך דערהייבן נאָר געציילטע יחידים און מנהיגים פון אַן ערשטראַנגיקער מדרגה. ער האָט אויך אַ סך פון זיי פאַראייביקט פאַר דער געשיכטע.

לעבן די חלוצים ווערט דאָ אַרויסגעבראַכט ווערן אַ גאַלעריע פאַרדינסטפולע פיגורן פון פאַרשידענע אַנדערע פּאָליטישע ריכ־טונגען, וואָרעם זיי אַלע צוזאַמען האָבן צוגעטראָגן אַ הויכן, ס׳רוב דעם העכסטן פּרייז צו דער פאַרווירקלעכונג פון דעם בלוטיקן רעוואַנזש. דער אויפשטאַנד, דאָס קרוין־ווערק פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, האָט געקענט רעאַליזירט ווערן נאָר אין סך־הכל פון אַ צילבאַוווסטן און פאַראייניקטן אָנשטרענג פון אַלע פּאַרטייישע שטרעמונגען.

אַזוי אַרום ווערט דער גייסטיקער ד ע נ ק מ אָ ל פון מרדכי טענענבוים־טאַמאַראָף זיין אַרומגערינגלט מיט נאָך אַ סך מצבות פון באַקאַנטע און אַנאָנימע גיבורים, וואָס איבער זיי אַלע שוועבט דער אַרעאָל פון קידוש השם.

*

אין דעם פאַרמלחמהדיקן פעריאָד דערשיינט דאָ מרדכי טענענבוים אויפן פאָן פון זיין משפחה, סביבה און לאַנד, פון וואַנען ער איז אַרויסגעוואַקסן און אויך אויפן באָדן פון די יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, אין וועלכע ער האָט זיך דערצויגן און געווירקט. שוין דעמאָלט האָט זיך אין אים אַנטפּלעקט אַ מערקווירדיקע נייגונג צו דער פּראָבלעמאַטיק פון נאַציאָנאַלן אָפּוועך און הערויזם, וואָס איז געקומען צום אויסדרוק אין אַ ריי זיינע שריפטן.

רעקאָנסטרוירן דעם ווייטערדיקן גאַנג ז י י נ ע ם בעת די מלחמה־יאָרן — מיינט באַהעפטן זיך מיט דער דאַמאָלסטיקער ווירקלעכקייט, געזען מיט זיינע אויגן, איבערגעטראַכט מיט זיינע

מחשבות און אַדורכגעווייטיקט מיט זיין נשמה. דערפון פליסט אַרויס די פּריאָריטעט, וואָס ווערט אָפּגעגעבן זיינע אייגענע כתבים פון יענער צייט און וועלכע זענען דאָך דער געטרייעסטער שפּיגל פון זיין אינערלעכן מהות.

נאַטירלעך זענען אויך אויסגענוצט געוואָרן די פאַרשידענע מקורות פון דאָקומענטאַרישן, מעמואַריסטישן און סינטעטישן כאַראַקטער פאַר דער ספּעציפישער און אַלגעמיינער פאַקטאָגראַפיע.

מיין ווונטש איז אַרויסצוברענגען דעם הויפּט־העלד הן אין דער סוביעקטיוו־פּריוואַטער עקסיסטענץ, ווי אַ מענטש, הן אין זיין אָרגאַניזאַציאָנעל־געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, ווי אַ קעמפער.

אין הסכם מיט דעם, פּרעטענדירט נישט דאָס בוך צו געבן אַן אַלגעמיין בילד פון דער היסטאָרישער עפּאָכע אויף קיין שום כראָנאָלאָגישן אָדער געאָגראַפישן אָפּשניט. דער מצב בכלל און געוויסע געשעענישן בפרט ווערן געשילדערט אַלס באַזע פון טענענבוימס אויסווירקונג, ווו ער איז נישט בלויז זייערס אַ פּראָדוקט, נאָר אויך אַ שעפערישער פאַקטאָר. זיין וויכטיקע ראָל אין דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג בכלל און פון דעם ציוניסטיש־סאָציאַליסטישן לאַגער בפרט, האָט באַוויגן פאַרצושטעלן אַ ריי סעקטאָרן און קעמערלעך, ווי אויך זייערע קעגנזייטיקע באַציונגען.

אין יעדן פאַל האָב איך זיך באַמיט, אין די ראַמען פון די מעגלעכקייטן, צו רעפּראָדוצירן דעם ריכטיקן פאַרלויף פון יענע געשעענישן, דעם פּראָצעס פון אויסוויקלונג פון דער קאַמפּס־אידעאָלאָגיע און צו באַשטימען די אייגנטלעכע פּאָזיציע, וואָס טענענבוים האָט אין איר פאַרנומען.

אויף דעם אָרט האַלט איך פאַר מיין אַנגענעמען חוב אויס־צודריקן אַ האַרציקן דאַנק דעם פּראָפ. ד״ר אריה טאַרטאַקאָווער און דעם ד״ר מאַרק דוואָרזשעצקי פאַר זייער וואָגיקער מאָראַ־לישער שטיצע, וואָס האָט דערמעגלעכט בייצוקומען די פאַרשידענע שוועריקייטן, פאַרבונדענע מיט דער דאָזיקער אויסגאַבע, ווי אויך די מיטאַרבעטער פון „יד ושם״, ד״ר יוסף קערמיש און בראָניאַ קליבאַנסקי פאַר צושטעלן געוויסע מאַטעריאַלן פון מיין ברודערס היסטאָרישן עזבון.

לסוף אויך אַ וואַרעמען יישר כוח מיין מאַן, ד״ר אברהם בעקער פאַר זיין באַדייטנדיקער טעכנישער הילף.

די מחברטע

צו דער יידישער אויסגאַבע

די מאָטיוון, וואָס האָבן באַוויגן צו דער דאָזיקער פובליקאַציע זענען: 1) די העברעישע אויפלאַגע איז שוין כמעט אויסגעשעפּט און ס'נויטיקט זיך אַ צווייטע; 2) דער באַגער צו קאָמפּלעטירן די טעמע מיט נייע און וויכטיקע מאַטעריאַלן, טיילווייז ביז היינט אין ערגעץ נישט פאַרעפנטלעכטע און 3) צו געבן אויך דעם יידיש־לייענער די מעגלעכקייט זיך צו באַקענען מיט דעם לעבן און ווירקן פון די מערקווירדיקסטע זין פון יידישן פאָלק אין דער טראַגיש־סטער תקופה פון אונדזער געשיכטע.

מיין באַזעצן זיך אין ישראל און די אָפּהילכן פון דעם ערשטן בוך, האָבן מיר געגעבן די געלעגנהייט זיך איינצושאַפן אַן אָריגי־נעלע און אויטאָריטאַטיווע צוגאָב־דאָקומענטאַציע, ווי אויך עדות־זאָגן פון מענטשן, וואָס זענען געווען דירעקט פאַרבונדן מיט די געשילדערטע געשעענישן און דער עיקר מיט דעם הויפּט־העלד אין פאַרשידענע פאַזעס און אויף פאַרשידענע ערטער פון זיין געזעל־שאַפטלעך־פּאָליטישער טעטיקייט.

אין שייכות מיט די אַלגעמיין אויסגעברייטערטע ראַמען פון דער מאָנאָגראַפיע, זענען אויך דערגאַנצט געוואָרן אַנדערע אַספּעקטן פון דער פאָרשונג אין דער שטרעבונג צו אַ מעגלעכער עקזאַקטקייט און שלימותדיקייט פון דעם אַרויסגעבראַכטן בילד.

אויף דעם אָרט דריק איך אויס אַ האַרציקן דאַנק די אַלע, וואָס זענען געווען וויליק און פריינדלעך מיר צו העלפן מיט ווערטפולע אינפאָרמאַציעס און דאָקומענטאַציע — זייערע נעמען ווערן געלעגנטלעך אָנגעוויזן אין טעקסט.

נאָך אַ מאָל אַ יישר כוח מיין ליבן מאַן פאַר זיין אומ־שאַצבאַרע מאָראַלישע און טעכנישע הילף אין דער רעאַליזאַציע פון דער דאָזיקער אויסגאַבע.

די מחברטע

מקורות

I דאָקומענטאַרישע

א) יידישע

1) די כתבים פון מרדכי טענענבוים־טאַמאַראָף

מ. טענענבוים האָט איבערגעלאָזט שריפטן, פאַרשידענע לויט דער צייט, אינהאַלט, פאָרעם, שפּראַך און באַשטימונג — אַ רעפלעקס פון זיין רייכער פערזענלעכקייט.

די ערשטע, פון פאַר דער מלחמה, שטאַמען פון פריען עלטער און זענען געווען פאַרבונדן מיט זיין טעטיקייט, צוערשט אין דער באַוועגונג פון „השומר הלאומי" („הנוער הציוני") און שפּעטער אין „פרייהייט" און „החלוץ". שוין אין די נאָטיצן אין דעם אַרבעטבוך פון קק"ל און אין די מאמרים, פאַרעפנטלעכטע אין „אונדזערע ידיעות" איז קענטיק זיין הייסער נאַציאָנאַלער טעמפּעראַמענט און דינאַמישער געדאַנק, וואָס שטויסט צו רעוואָלוציאָנערע פאָדערונגען און מעשים.

די דאָזיקע נייגונג און דער בולטער ליטעראַרישער טאַלאַנט זענען געקומען צום אויסדרוק צ"א אין זיין פּרעכטיקן חיבור "KINERET" (כנרת), אין פּויליש.

אַ באַזונדערן פאָרשערישן באַדייט האָבן די כתבים, פאַרפאַסטע בעת די מלחמה־יאָרן, ווען טענענבוים האָט געשפּילט אַ וואָגיקע ראָל, ווי אַ חלוצישער מנהיג, אין דער שטאַלטיקונג און פאַרווירקלעכונג פון דער קאָנצעפּציע פון דעם יידישן באַוואָפנטן קאַמף קעגן דעם נאַצישן שונא.

וועגן דעם פּעריאָד, אין אָנפאַנג פון דעם קריג, אונטער דער סאָוויעטישער ממשלה אין ווילנע, זענען פאַרבליבן עטלעכע פּערזענלעכע בריוו פון 1940/41 און אויך איינער, אַרויסגעשיקט קיין אויסלאַנד מיטן צוועק פון אינפאָרמאַציע וועגן די מאַסן־אַרעסטן און פאַרשיקונגען אויף סיביר און אין אַנדערע שטראָף־לאַגערן.

אַ פאַרהעלטענישמעסיק אומפאַנגרייכע דאָקומענטאַציע האָט טענענבוים פאַרפאַסט אין דער מאַרטיראָלאָגיע־תקופה. ער האָט געהאַלטן פאַר זיין הייליקע מיסיע נישט בלויז אַריינצוטראָגן דעם דערהויבענעם תוכן פון נאַציאָנאַלן העלדישן קאַמף אין יענע „צייטן פון פאַראַכטונג", נאָר אויך איבערצולאָזן וועגן אים געשיכטלעכע באַווייזן. אויך דאָס איז געווען אַ וויכטיקע פאָרעם פון ווידערשטאַנד קעגן דעם היטלעריסטישן פּלאַן אָפּצו־

ווישן יעדן, סיי פיזישן, סיי גייסטיקן יידישן זכר פון דער ערד־אויבערפלאַך.

צו דער נאַצישער תקופה אין ווילנע האָט טענענבוים זיך באַצויגן אין זיינע שפּעטערדיקע כתבים. פון דאָרט שטאַמט נאָר זיין אייגנהענטיקע צושריפט צום ווידערשטאַנד־אויפרוף פון 1־טן יאַנואַר 1942.

דער צווייטער עטאַפּ פון זיין טעטיקייט אין וואַרשע האָט געבראַכט אַ צאָל פּובליציסטישע אַרטיקלען אויף די שפּאַלטן פון דעם אידעישן אָרגאַן „ידיעות" און אַ פאַרצייכענונג אויף אַ צעטל, וואָס איז דורך אים בייגעלייגט געוואָרן צו דעם פאַרבאַהאַלטענעם „דרור"־אַרכיוו.

אַחוץ די דאָזיקע, איז די גאַנצע דאָקומענטאַציע געשאַפן געוואָרן אין ביאַליסטאָקער געטאָ אין די חדשים יאַנואַר־אַפּריל 1943 און זי נעמט אַרום: אַ פּלאַמיקע קאַמפּס־פּראָקלאַמאַציע, אַ טאָגבוך מיט אַ המשך און אַנאַליטישע אָפּהאַנדלונגען פון דעם עקאָנאָמיש־פּאָליטישן מצב פונעם געטאָ, ווי אויך וועגן פאַרלויף פון דער ערשטער ליקווידאַציע־„אַקציע", אַ באַריכט וועגן דער אַלגעמיינער אסיפה פון זיין קיבוץ, אַ געזעגענונגס־בריוו צו דער שוועסטער טאַמאַראַ אין ארץ־ישראל, אַ מאמר וועגן דעם בעסטיאַלישן היטלעריזם, באַשטימט ווי אַ פּראָפּאַגאַנדע־מאַטעריאַל פאַר די דייטשע סאָלדאַטן, ווענדונגען צו די פּוילישע מיליטערישע קרייזן מכוח וואָפן פאַר דער געטאָ־פאַרטיידיקונג און צו דער וועלט מיט אַ ס. אָ. ס.־רוף וועגן הילף, אַ פאַרנעמיקן דין וחשבון צו דער הסתדרות און די אידעישע חברים, ווי אויך פאַרשידענע פאַרצייכענונגען און סטאַטיסטישע אינפאָר־מאַציעס (די גענויע רשימה פון די באַהאַנדלטע שריפטן ווערט געבראַכט באַזונדער).

נאָך אַ לאַנגן, אָנגעשטרענגטן אַרבעטטאָג פון שווערן אָרגאַניזאַציאָנעלן געראַנגל, האָט מרדכי טענענבוים, מייסטנס ביי נאַכט, ווען אַלץ אַרום איז געווען פאַרזונקען אין שלאָף, ביי אַ שוואַכער ליכט, זיך געפּלייסט צו פאַרעגיסטרירן די דייטשע רציחות און גלייכצייטיק די קאַפּיטלען פון יידישן פיין און גבורה. דער באַוווסטזיין פון זייער היסטאָרישער באַשטימונג האָט דעם מחבר, וואָס איז געווען עקסטרעם ערלעך לגבי זיך אַליין און אַנדערע, באַוויגן צו ווייזן דעם גאַנצן אמת, ווי אומאַנגענעם און ווייטיקלעך ער זאָל נישט זיין. טייל מאָל רעאַגירט זיין ברויזנדיקער טעמפּעראַמענט מיט העפטיקע רייד אויף אַזאַ אָדער אַנדערע פּאַסירונג — דאָס באַציט זיך ספּעציעל צום טאָגבוך, געשריבן אויף דער הייסער מינוט — אָבער דאָס פאַרמינערט נישט די עכטקייט פון זיינע שילדערונגען, וועלכע פאַר־בלייבן ווי אַ נאַטירלעכע, נישט רעטושירטע פאָטאָגראַפיע פון יענער ווירקלעכקייט, פון דעם דראַמאַטישן אָנשטרענג פאַר אַ ווירדיק לעבן און לסוף פאַר אַ בכבודיקן טויט. די צאַפּלדיקע אויטענטישקייט, די אָריגינעל־

קייט און קראַפט פון אויסדרוק, פּאַרוואַנדלען זיין דאָקומענטאַציע אין אַן אוניקום פון דעם מין אין דער חורבן־ליטעראַטור בכלל און פונעם ביאָ־ליסטאָקער געטאָ בפרט.

אַן אייגנאַרטיקער אופן פון איבערגעבן פאַרהוילענע ידיעות פאַרן צוקונפטיקן היסטאָריקער זענען די אָבסערוואַציעס, וואָס טענענבוים האָט געמאַכט אויף אַ ריי אַנדערע דאָקומענטן, וועגן וועלכע ס׳וועט שפּעטער זיין די רייד.

אַ וויכטיקן דערגאַנצונג־מאַטעריאַל טראָגן צו די פּריוואַטע און אינטימע בריוו פון מרדכין, וואָס ברענגען פּרטים סיי וועגן אים פּערזענלעך, סיי פון אַלגעמיינעם כאַראַקטער און האָבן זיך אויסבאַהאַלטן ביי די אַדרעסאַטן, ווי היילקע רעליקוויעס.

מיט אַ געפיל פון זשענירטקייט און שולדיקייט, וואָס וואָלט וועלן בעטן מחילה ביי מיין ברודער, דעק איך אויף די פאַרבאָרגענע ווינקעלעך פון זיין האַרץ, וואָס ער האָט אוודאי געהאַט בדעה צו פאַרבאַהאַלטן פאַר פרעמדע בליקן. אָבער דווקא דער נאַטירלעכער ביי אים ליריש־סענטימענ־טאַלער טאָן, וואָס הערט זיך אַרויס בעיקר פון די בריוו צו זיין קאַמפּס־חברה אויף דער אַרישער זייט, בראָניאַ ווינ‏יצקאַ, גיט איבער דעם פּסיכישן מהות פונעם מחבר. נישט געקוקט אויף זיין טענדענץ זיך צייטווייליק אַרויסצוהייבן פון דער העסלעכערווירקלעכקייט, זענען זיי דאָך אַדורכ־געזאַפּט מיטן אַרומיקן סאָציאַל־פּאָליטישן קלימאַט. די פּריוואַטע קאָרעס־פּאָנדענץ פאַרבלייבט דער איינציקער רעפלעקטאָר, וואָס איז געוואָנדן דורך אים אַליין אויף דער ספערע פון די אייגענע מחשבות און שפּירונגען, ווי אויף געוויסע ערשטראַנגיקע פּאָליטישע געשעענישן אינעם געטאָ ערב זיין טראַגישן פינאַל.

די דאָקומענטן זענען געשריבן אין דריי לשונות, אָפּהענגיק פון זייער באַשטימונג: די פון אינפאָרמאַטיוון כאַראַקטער. פאַר דער צוקונפט — אין העברעיש, צו די מיטצייטיקע געטאָ־יידן — אין יידיש און צו דער אויסערלעכער וועלט — אין פויליש. דער שרייבער באַהערשט זייער גוט די שפּראַכן, פאַרמאָגט אין יעדער פון זיי אַ רייכן, פילפאַרביקן וואָקאַבולאַר און אַ פּלאַסטישע פּעדער, וואָס איז מסוגל אַרויסצוברענגען סובטעלע ניואַנסן און שטאַרקע אַקצענטן.

די אייגענע כתב־ידן און מאַשינשריפטן האָט מ. טענענבוים־טאַמאַראָף אויסבאַהאַלטן צוזאַמען מיט אַ גרעסערער צאָל צונויפגעזאַמלטע היסטאָרישע מאַטעריאַלן פון אַנדערע שרייבערס, עדות א״א, מיט די דאָקומענטן, באַקומענע פונעם יודנראַט, אין איין אונטערערדישן אַרכיוו, וואָס איז

שפּעטער אָנגערופן געוואָרן אויף די נעמען פון דעם איניציאַטאָר און פונעם מיטאָרגאַניזאַטאָר: טענענבוים־מערסיק.

אָבער וואָס די אַרכיוויסטן פון נעכטן האָבן דערגרייכט אָפּצוראַטעווען פון דער לויערנדיקער פאַרניכטונג, האָבן די היסטאָריקער פון היינט נישט באַוויזן צו פאַרהיטן אין דער גאַנצקייט און דערלאָזט דערצו, אַז אַ וויכ־טיקער חלק זאָל פאַרשווינדן אָן אַ זכר.

די פּרשה, פאַרבונדן מיטן פאַרפאַלן ווערן פון אַ טייל היסטאָרישע שריפטן און די גילגולים, וואָס עס האָבן אין דער סאַמע היסטאָרישער קאָמיסיע אַדורכגעמאַכט די אָריגינאַלן (אַחוץ אַ פּאָר געציילטע), באַזונדערס די פון מ. טענענבוים, איז פאַרבליבן איינגעהילט אין געדיכטע שאָטנס. די פאַרנעפּלטע און סתירותדיקע ווערסיעס האָבן נישט דערמעגלעכט צו אידענטיפיצירן די נעלם געוואָרענע אַרכיוואַליען און אויך נישט צו לאָקאַליזירן במשך פון לאַנגע יאָרן די פאַרשוווּנדענע כתב־ידן, פון וועלכע עס זענען נאָר פאַרבליבן קאָפּיעס.

אין קאָנסעקווענץ פון דער נויטווענדיקייט זיך צו באַנוצן בלויז מיט אָפּשריפטן, האָט די פאָרשונג לאַנגע יאָרן אָנגעטראָפן אויף באַדייטנדיקע מניעות, אויף וועלכע ס'איז אָנגעוויזן געוואָרן אין דער פריִערדיקער אויסגאַבע.

ערשט נאָך העכער אַ פערטל יאָרהונדערט זענען די אָריגינאַלן אַרויס־געשווומען אויף דער אויבערפלאַך, אַזוי אַז איצט זענען שוין געשטאַנען צו דער דיספּאָזיציע כמעט אַלע אויטענטישע כתבים אין זייער אורשפּרונג־לעכער פאָרעם.

די רשימה פון די אַרכיוו־דאָקומענטן, וואָס ווערט געבראַכט צום סוף פון צווייטן באַנד, ספּעציפירט די דאָזיקע אויך פון דעם שטאַנדפּונקט.

דאַקעגן האָט זיך נישט אָפּגעפונען אַ טייל פון אַרכיוואַלן שטאָף, וואָס האָט, לויט אַלע וואַרשיינלעכקייטן, געהאַט אַ וויכטיקן היסטאָרישן און פאָרשערישן ווערט. וועגן דעם — שפּעטער.

2) מיטצייטיקע דאָקומענטן וועגן מ. טענענבוים און אַלגעמיינע

אינטערעסאַנטע פּרטים וועגן מ. טענענבוים אויפן גרונט פון דער חלוצישער באַוועגונג פון פאַרן קריג אַנטהאַלטן די בריוו, וואָס זיין נאָענטע חברה ט. שניידערמאַן האָט אין די יאָרן 1937/38 געשריבן צו זייערס אַ בשותּפותדיקער פריינדין, נחמה אייזענשטיין, אין ארץ־ישראל.

בנוגע דער מלחמה־צייט זענען פאַראַן עטלעכע מיטצייטלערישע דאָ־קומענטן, פאַרפאַסטע דורך אַקטיווע חלוצים, וואָס זענען אויף פאַרשידענע אַרבעטס־עטאַפּן געשטאַנען אין אַ נאָענטן, דירעקטן קאָנטאַקט מיט

מ. טענענבוים און האָבן אים אַוועקגעשטעלט אין צענטער פון זייערע שילדערונגען.

אין אָנבליק פון טויט־געפאַר, האָבן די מחברים געהאַלטן פאַר זייער חוב איבערצולאָזן פאַר די חברים אין ארץ־ישראל און פאַר דער יידישער וועלט בכלל, אַ גבית־עדות וועגן דעם פאַרשניטענעם ישוב און באַזונדערס מכוח דער לעצטער פרשה פון זייער באַוועגונג.

די באַריכטן הייבן זיך אָן פון דעם ליטווישן און סאָוויעטישן פעריאָד אין ווילנע, וואָס ווערן באַהאַנדלט פראַגמענטאַריש און גייען איבער מער אויספירלעך צו דער תקופה פון דער בלוטיקער דייטשער אָקופּאַציע דאָרט און שפּעטער אין ביאַליסטאָק און וואַרשע.

די שריפטן דערגאַנצן זיך קעגנזייטיק און שטעלן פאַר ערשטראַנגיקע קוואַלן פון אינפאָרמאַציע, ספּעציעל וועגן דעם דאָזיקן אידעיִשן סעקטאָר און דער ראָל, וואָס מרדכי טענענבוים האָט אין אים געשפּילט.

דער ערשטער אויטענטיק, אויסבאַהאַלטן אין דעם טענענבוים־מערסיק אַרכיוו, איז פאַרפאַסט געוואָרן אין ביאַליסטאָק, דעם 1־טן מערץ 1943, דורך דער יונגעטשקער צפורה בירמאַן, אַ מיטגלידערין פון זיין קיבוץ.

אַזוי ווי איר מדריך, טענענבוים, און אפשר אויך סטימולירט דורך אים, האָט זי אָנגעשריבן זכרונות וועגן ווילנע און שפּעטער אַ לענגערן בריוו, אין יידיש, א״ק „צו מיינע ליבע חברים, ווו איר זענט״, אַ באַריכט און גלייכצייטיק אַ פלאַמיקע נקמה־צוואה.

איר שריפט, וואָס טראָגט סיי אַ פּערזענלעכן, סיי אַן אַלגעמיינעם חותם, באַציט זיך אין אַ גרויסער מאָס צו דער גאַנצער חלוצישער מחנה, מיט וועלכער זי איז געווען אָרגאַניש פאַרבונדן.

מיט טיפער נאָסטאַלגיע האָט צפורה געשילדערט דעם נישט־וויטן עבר און מיט גרויליקן פּיין די קעגנוואַרט, וואָס איז געשטאַנען אונטערן צייכן פון אונטערגאַנג פון איין זייט און פון צוגרייטונג צו אַ באַוואָפנטן ווידערשטאַנד — פון דער צווייטער.

אין איר שילדערונג פעלן ידיעות וועגן וואַרשע, ווו זי איז נישט געווען.

דעם בלויז פּילט אויס, טיילווייז, אַן אַנדער דאָקומענט, (וואַרשיינלעך ביז איצט אין ערגעץ נישט פאַרעפנטלעכט), וואָס באַציט זיך צו דער סאָוויעטישער און נאַצישער תקופה אין ווילנע, ווי אויך צו די געטאָס אין ביאַליסטאָק און אין וואַרשע. ער איז געשריבן אין בודאַפּעסט דורך אַן אַנאָנימען מעמואַריסט [1] אין נאָוועמבער 1943 ד. ה. שוין כמעט נאָכן פול־שטענדיקן חורבן פון דעם פּוילישן יידנטום.

דער מחבר זעט אויס צו זיין עלטער פון צ. בירמאַן, סיי אין די יאָרן, סיי אין דער אָרגאַניזאַציאָנעלער היעראַרכיע און איז אין אַלגעמיין גוט

באַהאַוונט אין אַ סך ענינים פון לאָקאַלן און אויך צענטראַלן מאַסשטאַב. פאַראַן דאָ אַ ריי גאָר אינטערעסאַנטע און ביז איצט אומבאַקאַנטע פּרטים, כאָטש אויך געוויסע אומפּינקטלעכקייטן בנוגע פּאַסירונגען, וועגן וועלכע עס זענען צו דעם מעמואַריסט דערגאַנגען נאָר שמועות.

די זכרונות זענען פאַרפאַסט אין פאָרעם פון אַן אָביעקטיוון דין וחשבון און באַנוצן נישט דעם פּראָנאָמען „איך", נאָר גאָר זעלטן די ערשטע פּערזאָן מערצאָל, וואָס קען אָנווייזן אויף אַ דירעקטע מיטבאַטייליקונג אין אַ ריי פון די באַשריבענע געשעענישן. אָבער נישט תמיד האָט דער מחבר דיספּאָנירט מיט גענויע און פּינקטלעכע ידיעות, באַזונדערס דעמאָלט, ווען ער האָט זיך געפונען ווייט פון דעם אָרט פון זייער פאַרלויף און אַפילו פונעם לאַנד.

מרדכי שטייט אויך בראש פון די פיגורן און טאַטן, וואָס ווערן געשילדערט אין דעם חיבור און דער „אַנאָנימער" ברענגט אויף איין אָרט אַ קאָנצענטרירטע כאַראַקטעריסטיק פון אים: „די אַרבעט אין געטאָ, צוגרייטונג צום ווידערשטאַנד, זאָרג פאַר קולטור און מאָראַל פון דעם קעמפער, איינקויף פון וואָפן".

וועגן דעם זייער שווערן מאָראַלישן און מאַטעריעלן מצב פון דעם באַריכט־שרייבער זאָגט עדות די פעסטשטעלונג ביים שליסן זיין שריפט:
— „עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די אונגאַרישע יידן זענען נישט געקומען צו הילף די פּליטים און ווען די דאָזיקע וואָלטן נישט געפונען קיין וועג צו די פּוילישע חברים, וואָלטן זיי געווען געצווונגען אומצוקערן זיך קיין פּוילן".

אָבער, זעט אויס, די דאָזיקע זענען נישט געווען אין שטאַנד צו פאַרהיטן אים, און ס'רוב זיך אַליין, פון אומקום, וואָס האָט דאָרט אַלץ שטאַרקער זיך אויסגעשפּרייט, ביז די דייטשע אינוואַזיע קיין אונגאַרן, אין מערץ 1944, האָט דערפירט צו דער טאָטאַלער יידן־פאַרטיליקונג.

*

פון אַ באַזונדערן אינטערעס איז דער פאַקט, וואָס דער גרויסער רוב פעסטשטעלונגען, דערונטער וועגן דער שלעכטער באַציונג מצד די אונגאַרישע יידן צו די פּוילישע פּליטים, און אַפילו אַ ריי אומפּינקטלעכקייטן און טעותן, פיגורירן אין נאָך צוויי אַנדערע מקורות,ביידע איבערגעשיקטע ווי באַריכטן קיין ארץ־ישראל, אין די ראַמען פון דער טעטיקייט פון רעטונגס־קאָמיטעט, געשאַפן ביי דער יידישער אַגענץ, וועלכער האָט צ. א. אויך געזאַמלט מאַטעריאַל וועגן מצב פון די יידן אין די לענדער, אָקופּירטע דורך די דייטשן.

מסתמא מחמת קאָנספּיראַטיווע טעמים זענען נישט אָנגעוויזן געוואָרן די דאַטע און אויך נישט דאָס אָרט, ווען די באַהאַנדלטע באַריכטן זענען

צונויפגעשטעלט געוואָרן. עס איז אָבער אָנצונעמען, אַז זיי באַציִען זיך צום סוף פון 1943 און זענען געשריבן אויך אין בודאַפּעסט. אין ארץ־ישראל זענען זיי איבערגעגעבן געוואָרן אין ספּעציעלע ביולעטינען, אָנפאַנג 1944, ווי אַ באַשטאַנד־טייל פון אַן אַלגעמיינעם אינפאָרמאַציע־שטאָף.

די ערשטע פון די שריפטן איז די א. ג. „טרילאָגיע״ אָדער „מגילה״, וואָס שילדערט דעם זעלבן וועג — ווילנע, ביאַליסטאָק און וואַרשע, אַפילו נאָך מיט מער פּרטים. דאָס איז אַ לענגערער באַריכט,[2] וואָס איז נוגע די דריי דערמאָנטע געטאָס. אויך אין דעם ווערט אַרויסגערוקט אויבן אָן די געשטאַלט פון „מרדכי טענענבוים, וואָס האָט שפּעטער דערפילט אַ דע־צידירנדיקע ראָל אין דעם יידישן ווידערשטאַנד קעגן די נאַציס״.

ס׳זאָלן האָבן געווען עטלעכע מחברים פון דער „טרילאָגיע״, אָבער אָנגעוויזן זענען נאָר הערמאַן און אַניטאַ אַדלער און די דאָזיקע לייקענען דאָס אָפּ. זיי האָבן אַפילו אויסצוזעצן קעגן געוויסע אומפּינקטלעכקייטן, וואָס שייך צו זיי פּערזענלעך.[3]

ס׳איז וואַרשיינלעך, אַז די מינדלעכע אינפאָרמאַציעס, וואָס זיי און אפשר אויך אַנדערע, האָבן אָפּגעגעבן נאָכן אָנקומען פון פּוילן קיין אונגאַרן, האָבן געדינט ווי אַ באַזע פאַר דער שילדערונג, וואָס דער פּראָטאָקאָלאַנט און צוזאַמענשטעלער האָט אָנגערופן „טרילאָגיע״ אָדער „מגילה״. די ווייט־גייענדיקע ענלעכקייט אין דעם גייסט, אינהאַלט און פאָרעם, הגם עס זענען אויך פאַראַן געוויסע אונטערשידן, מיט דעם אָנגעוויזענעם אַנאָנימען שרייבער פון בודאַפּעסט, דערלויבט אויף דער השערה, אַז אפשר האָט אויך דער דאָזיקער צוגעשטעלט ידיעות, אָבער נישט זיין אָנגעשרי־בענעם טעקסט, וואָרעם אויף דעם איז נישטאָ קיין שום רמז אין דער „טרילאָגיע״. דאָקעגן ווערט באַמערקט, אַז דאָס שטעלט מיט זיך פאָר בלויז אַ „תמצית״ פון דער אָריגינעלער „מגילה״ און ס׳איז פאַראַן אַ צוזאָג איבערצושיקן שפּעטער דעם פולן טעקסט. די מחברטע האָט אָבער אַזאַ נישט געפונען.

אויך די אינפאָרמאַנטן פון דער „טרילאָגיע״ זענען, מסתמא, געווען לייטנדיקע חלוצים, וואָס האָבן באַצוועקט באַזונדער אַרויסצובררענגען די טעטיקייט פון זייער באַוועגונג. די הויכע אָנערקענונג און פיעטעט פאַר די העלדישע חברים־קעמפּערס, אויך פון אויסער דעם „דרור״, האָבן באַוויגן די מחברים אָפּצומערקן אַ ריי נעמען און דורך דעם אויסשטעלן זיי אָנדענק־מצבות.

פון דער „טרילאָגיע״ דרינגט אַרויס, אַז אין אונגאַרן האָט זיך געפונען נאָך אַ גרופּע פון 6 חברים, וואָס אין דער צייט פון שרייבן דעם באַריכט איז נישט געווען באַוווּסט וועגן זייער גורל.

דער ווייטערדיקער דאָקומענט, וואָס נעמט אויך אַרום די אויבן אָנגעוויזענע דריי שטעט — דאָס איז אַ באַריכט פון אַ גרופּע פון „הנוער הציוני״,[4] פאַרעפנטלעכט מערץ 1944. אויך דער, אַ באַדייטנדיק קירצערער און בדרך כלל אָן נעמען, איז זייער ענלעך אין דער שילדערונג פון אַ טייל געשעענישן, אַפילו אין אייניקע אויסדרוקן. עס איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז די אַלע לעצטע באַריכטן פון בודאַפּעסט שטאַמען פון איין בשותפותדיקן אינפאָרמאַטיוון מקור, אָדער יעדן פאַלס פון אַקטיוויסטן מיט אַ געמיינזאַמער ווירקונגס־באַזע, וואָס זענען פריִער געשטאַנען אין קאָנטאַקט אויך אויפן געביט פון פאַראייביקן יענע פאַסירונגען פאַר דער צוקונפט, באַוויגן דערצו דורך דעם געפיל פון היסטאָרישער אחריות.

*

פאַראַן נאָך אַ דאָקומענט, וואָס באַציט זיך בלויז צום געטאָ ווילנע און נאָר צו איין פרשה, פאַרבונדן מיט דער מערקווירדיקער געשטאַלט פון דעם עסטרייכישן יידן־פריינד און קדוש, אַנטאָן שמיד, און אין דעם דאָזיקן ווערט אַרויסגעבראַכט דער נאָמען פון מרדכין.

דאָס איז אַ מיטצייטיקע, אומפאָנגרייכע שריפט פון אַן אומבקאַנטן מחבר, וואָס טראָגט צו אַ סך וויכטיקע פּרטים און איז אָפּגעפונען געוואָרן אין דעם ערשטן טייל פון דעם רינגעלבלום־אַרכיוו אין וואַרשע.[5]

די געשטאַלט פון מרדכי טענענבוים איז אויך אַרויסגעהויבן געוואָרן אין צוויי ראַפּאָרטן, אָנגעשריבענע נאָך דער ליקווידאַציע פון וואַרשעווער געטאָ, אין באַהעלטענישן אויף דער אַרישער זייט.ביידע זענען דאַטירט דעם 24־טן מאַי 1944 (וואַרשיינלעך דעם טאָג פון אַרויסשיקן מיט אונטערערדישע קאַנאַלן).

דער ערשטער איז צונויפגעשטעלט געוואָרן דורך עטלעכע מיטגלידער פונעם יידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט און באַשטימט פאַר די פאָרשטייערס פון פּוילישן יידנטום אין דעם נאַציאָנאַל־ראַט פון דער פּוילישער רעפּובליק אין לאָנדאָן און פאַר דעם יידישן וועלט־קאָנגרעס אין ניו־יאָרק, פאַרעפנטלעכט ס'ערשטע מאָל אין דער זאַמל־שריפט „דורך פייער און בלוט״; דער צווייטער — דורך אָנפירערס פון דער חלוצישער אָרגאַניזאַציע און אַדרעסירט צו דער פאַרטיי און הסתדרות אין ארץ־ישראל.

צו דער ערשטער יאָרצייט פון אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ האָבן די באַריכטן אויך באַזונדער אונטערגעשטראָכן דעם קאַמף אין ביאַליסטאָקער געטאָ אין שפּיץ מיט מרדכי טענענבוים־טאַמאַראָף.

*

אַ מיטצייטלעכן מקור'דיקן מאַטעריאַל פון אַלגעמיינעם פאַרנעם האָט צוגעשטעלט דער היסטאָרישער אַרכיוו פון ד״ר ע. רינגעלבלום, ספּעציעל

זיינע אייגענע כראָנאָלאָגישע נאָטיצן, ווי אויך די שטודיעס איבער יענער געטאָ־ווירקלעכקייט.

אַ גרונטלעכער אויטאָריטאַטיווער קוואַל פאַר דערקענטעניש פון די געטאָ־אָרגאַניזאַציעס — און געראַנגל בכלל און אין ביאַליסטאָק מיט דער אומגעגנט בפרט, פון דעם גאַנג פון פאַרטיליקונג, די פראָגעס פון פאַר־טיידיקונג און ווידערשטאַנד און דער גאַנצער חורבן־פּראָבלעמאַטיק — איז דער טענענבוים־מערסיק־אַרכיוו. ביידע די אַרכיוון געפינען זיך אין יד ושם.

אַ וויכטיקער צוגאָב־מאַטעריאַל איז אָפּגעפונען געוואָרן אין די אַרכיוון: אין צענטראַלן ציוניסטישן (ארכיון ציוני מרכזי) אין ירושלים, ביים אוניווערסיטעט אין תל־אביב (בית התפוצות), אין בית לוחמי הגיטאות ע״ש יצחק קצנלסון א״א, וואָס ווערן אָנגעוויזן אין תוך פון דער באַ־האַנדלטער טעמאַטיק.

אַן אָריגינעלע דאָקומענטאַציע־דערגאַנצונג האָבן צוגעטראָגן די מיט־צייטלעכע טאָגביכער פון מחברים, וואָס זענען ס׳רוב אומגעקומען — זיי דערלויבן אַריינצודרינגען, אויפן פּאָן פון די אַלגעמיינע, אויך אין די אינדיווידועלע איבערלעבענישן. אויף דעם געביט האָבן געדינט מיט ווערטפולע ידיעות ספּעציעל די טאָגביכער פון די באַקאַנטע שרייבערס און קולטור־טוערס אין ווילנע, זעליק קאַלמאַנאָוויטש און הערמאַן קרוק.

ב) דייטשע קוואַלן

אויף דעם אָרט ווערט גענומען אין באַטראַכט נאָר דאָס ביאַליסטאָקער געטאָ, וואָס איז געווען די באַזע פון טענענבוימס טעטיקייט ביז זיין טראַגישן אונטערגאַנג.

די געשיכטע־פאָרשונג פון דעם געטאָ האָט לכתחילה כמעט נישט דיספּאָנירט מיט קיין שום דייטשן גרונטיקן מאַטעריאַל, וואָס זאָל באַריכטן וועגן די פאַרשידענע עטאַפּן פון דער אויסראָטונג־פּאָליטיק און דורך דעם אומדירעקט וואַרפן אַ שיין אויף דער יידישער קעגנווירקונג און פאַרטיי־דיקונג, ווי למשל דער ראַפּאָרט פון געג. סטראָאָפּ, דעם ליקווידאַטאָר פון וואַרשעווער געטאָ, וועגן פאַרלויף פון די קאַמפן.

די גאַנצע דאָקומענטאַציע איז דורך די אָקופּאַנטן אַרויסגעפירט אָדער פאַרניכטעט געוואָרן. אַ געוויסן ערזאַץ פון פעלנדיקן שטאָף שטעלן צו די ענטפערס אויף די אַנקעטעס, וואָס דער יידישער היסטאָרישער אינסטיטוט אין וואַרשע האָט דורכגעפירט מיט די געוועזענע הערשערס אין ביאַליס־טאָקער „בעצירק״, דער עיקר מיט די געסטאַפּאָ־שעפן וו. מאַכאַל און פ. פרידעל, בעת זיי זענען ווי קריגס־פאַרברעכערס געזעסן, אין די יאָרן 1948/49, אין דער ביאַליסטאָקער תפיסה.

זייערע תשובות, געשטיצטע אויף זאַכקענטעניש, האָבן צוגעטראָגן געוויסע וויכטיקע אינפאָרמאַציעס בנוגע רעסאָרטן, אין וועלכע זיי זענען נישט געווען ספּעציעל פאַראינטערעסירט צו פאַרשווייגן די ריאַלע אומ־שטאַנדן, ווי זיכערקייט, ווירטשאַפט אין געטאָ, יודנראַט, יידישע פּאָליציי א״א. אָבער וואָס שייך די אַנטי־יידישע פאַראָרדענונגען, ווו זיי אַליין זענען געווען די דירעקטע באַפעלערס און אויספירערס, זענען זייערע צייגנ־שאַפטן אָרעמע — די כוונה איז געווען צו פאַרהוילן די אייגענע פאַר־ברעכערישע מעשים. דאָך האָבן די אַנקעטעס אויך אין דעם פּרט אַריינ־געטראָגן אַ טייל אינטערעסאַנטע דאַטעס וועגן דער ערשטער און צווייטער ליקווידאַציע־אַקציע און וועגן דעם יידישן ווידערשטאַנד, לויט דעם שונאס אָפּשאַצונג.

ערשט יאָרן שפּעטער איז אָפּגעפונען געוואָרן, ביז היינט דער איינ־ציקער, דייטשער אָפיציעלער דאָקומענט, וואָס איז נוגע דער „יידן־אַקציע״ אין ביאַליסטאָקער געטאָ. דאָס איז אַ באַריכט וועגן דעם ווידערשטאַנד און דער פולשטענדיקער פאַרניכטונג, געשריבן אין קעניגסבערג, סעפּטעמ־בער 1943 און באַשטימט פאַרן רייכס־מיניסטער פון אינפאָרמאַציע און פּראָפּאַגאַנדע, ד״ר י. געבעלס.

ג) פּוילישע און אַנדערע קוואַלן

די אונטערערדישע פּוילישע אויסגאַבעס האָבן בדרך כלל ווייניק זיך פאַרנומען מיט דער יידישער פּראָבלעמאַטיק אין געטאָ און נאָר פון צייט צו צייט אָפּגעמערקט ספּעציעל וויכטיקע געשעענישן.

אַזוי איז פאַרצייכנט געוואָרן דער ווידערשטאַנד אין ביאַליסטאָקער געטאָ בעת דער ערשטער, פעברואַר־אַקציע, אין אַ פּאָר אונטערערדישע צייטונגען און אין דער אויסגאַבע פון דער פּוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי (פּ. פּ. ר.) אין וואַרשע, פון מערץ 1943.

וועגן דעם אויפשטאַנד און דער ענדגילטיקער ליקווידאַציע פונעם ביאַליסטאָקער געטאָ האָבן געשריבן באַריכטן די לאַנד־דעלעגאַטור צו דער פּוילישער רעגירונג און צו דעם יידישן מיטגליד פון נאַציאָנאַל־ראַט אין לאָנדאָן, אין סעפּטעמבער 1943, אַ פּאָר ביולעטינען פון דעם זעלבן חודש און פון אָקטאָבער, דער עיקר אַרויסגעגעבן דורכן ראַט צו העלפן די יידן אין וואַרשע, Żegota (זשעגאָטאַ), ווי אויך אַ ביולעטין פון יאַנואַר 1944.

די קאַמפן אין ביאַליסטאָקער געטאָ האָבן אויך געפונען אַן אָפּהילך אין געוויסע אַיראָפּעישע צייטונגען, ווי פון דער שווייץ, טערקיי א״א.

II זכרונות און גביות־עדות

דער מעמוארן־מאַטעריאַל, וואָס דינט אין דער אַלגעמיינער היסטאָריאָ־גראַפיע ווי אַ צוגאָב־שטאָף, האָט באַקומען אַ גרויסע באַדייטונג אין דער רעקאָנסטרוקציע פון דעם חורבן־פּעריאָד. פאַר אַ סך וויכטיקע געשעענישן, פאַר וועלכע עס פעלן אויטענטישע באַשטעטיקונגען, זענען די זכרונות פון די ווייניקע לעבנגעבליבענע דער איינציקער קוואַל פון אינפאָרמאַציע, וואָס פילט אויס די אַנטשטאַנענע בלויזן.

דריי זענען געווען די הויפּט־שטחים און פּאַזעס פון מרדכי טענענבוימסווירקונג אין דער מלחמה־צייט: ווילנע, וואַרשע און ביאַליסטאָק. וועגן די דאָזיקע האָבן געשריבן זכרונות און אַרויסגעגעבן ביכער קאָמפּעטענטע מחברים, וואָס זענען געווען גוט באַהאַוונט, אַפילו דירעקטע עדות און אָפט מיטבאַטייליקטע אין די פּאַסירונגען, וואָס זיי האָבן געשילדערט און פאַר־העלטענישמעסיק אַ קורצע צייט נאָך זייער פאַרלויף.

ווי אַ באַזע פאַר דעם ערשטן אָפּשניט, מכוח וועלכן טענענבוים אַליין האָט וועגן זיך זייער ווייניק איבערגעגעבן, דינט דאָס מאָנומענטאַלע ווערק „ירושלים דליטאָ אין קאַמף און אומקום" פון ד"ר מאַרק דוואָרזשעצקי. דער פאַקט, וואָס דער מחבר האָט בשעתו געהאַט געמאַכט סיסטעמאַטישע נאָטיצן אין געטאָ און אָנגעשריבן די זכרונות רעלאַטיוו אַ קורצע צייט נאָך דער באַפרייונג, פאַרגרעסערט זייער רעקאָנסטרוקציע — און באַווייז־קראַפט. דאָס בוך ברענגט אַרויס אַ ברייט, פילפאַרביק בילד מיט אַ שלל עלעמענטן וועגן דער געטאָ־עקסיסטענץ בכלל און וועגן מרדכי טענענבוימס־טאַמאַראָף בפרט, מיט וועלכן דער אויטאָר איז געווען אידעיש און געזעל־שאַפטלעך גאָר ענג פאַרבונדן אויף די פאַרשידענע געביטן פון דער ווידער־שטאַנד־באַוועגונג און פערזענלעך האַרציק באַפריינדעט.

ווי אַ גוטער אָבסערוואַטאָר, איז ד"ר דוואָרזשעצקי געווען מסוגל אַריינצודרינגען אין דער גייסטיקער וועלט פון זיין יונגערן חבר און איבערצוגעבן אירע פילצאָליקע און פילפאַרביקע אַנטפּלעקונגען.

ווערטפולע דאַטעס וועגן ווילנע אין אַלגעמיין און וועגן טענענבוים באַזונדער, אַנטהאַלטן אויך די זכרונות פון ח. גראָסמאַן „אנשי המחתרת" און פון ר. קאָרטשאַק, „להבות באפר", ביידע אָנפירנדיקע טוערינס פון „השומר הצעיר" און פון דעם קעמפערישן אונטערערד.

די ענגע צוזאַמענאַרבעט צווישן די צוויי קרובהשע ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, טראָץ געוויסע חילוקי־דעות, האָט געשטעלט די שרייבערינס אין אָפטן קאָנטאַקט מיט טענענבוימען און זיי געגעבן די מעגלעכקייט אים צו דערקענען אין די פאַרשידענע טעטיקייטס־

עטאַפּן. אויך זיי האָבן וואַרעם פאַרגעשטעלט טענענבוימס אייגנאַרטיקע פּערזענלעכקייט, אַרויסגעבראַכט זיין געדאַנקען־גאַנג בעת אידעאָלאָגישע וויכוחים און אין אַנבליק פון וויכטיקע אַנטשיידונגען.

פאַר דעם צווייטן כראָנאָלאָגישן עטאַפּ, וואַרשע, איז דער עיקרדיקער מקור די הקדמה פון יצחק צוקערמאַן („אַנטעק”) צו דער אויסגאַבע פון מרדכי טענענבוימס שריפטן „דפים מן הדליקה”.

פון די הויפּט־אָנפירערס פון דער חלוצישער באַוועגונג און פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, איז צוקערמאַן געווען, צוזאַמען מיט צביה לובעטקין, פאַרבונדן מיט מרדכין אויף אַ סך אַרבעטס־שטחים און האָט געטיילט מיט אים אַפילו איין דירה און איין שטיקל ברויט.

טענענבוים, וואָס האָט איבערגעלאָזט אַן אומפאַנגרייכן קאָנספּעקט וועגן וואַרשע, האָט אָבער אין אַ גרויסער מאָס פאַרשוויגן זיין אייגענעם ביישטייער צו געוויסע וויכטיקע געשעענישן. די בלויזן אין דעם פּרט האָט צוקערמאַן אויסגעפילט מיט ערשטראַנגיקע ידיעות וועגן זיין פּאָליטיש־געזעלשאַפט־לעכער און פּובליציסטישער אַרבעט, וועגן אים פּערזענלעך און זיין משפחה, ערב איר מאַרטירער־וועג קיין טרעבלינקע.

דער דאָזיקער אינפאָרמאַטיווער שטאָף איז אויך געשריבן געוואָרן פאַרהעלטענישמעסיק נאָך אויף פריש, אַ קורצע צייט נאָך דער מלחמה און דעריבער טראָגט ער דעם חותם פון עכטקייט און אויטענטישקייט.

צ. לובעטקין האָט אין אירע שילדערונגען צוגעטראָגן אַ וואָגיקן דערגאַנצונג־מאַטעריאַל פון אַלגעמיינעם כאַראַקטער.

דאָס אָנגעוויזענע בוך פון ח. גראָסמאַן איז געווען אַ יסודותדיקער קוואַל פון אינפאָרמאַציע וועגן דעם ווירקונגס־פּעריאָד פון מרדכין אין ביאַליסטאָק. די מעמואַריסטין, וואָס האָט אַדורכגעמאַכט נאָענט פון אים דעם וועג פון ווילנע און אַלס שליחה אָפט זיך מיט אים באַגעגנט, איז אויך דאָ געווען אַן עדות פון זיין דראַמאַטישן געראַנגל אויף אַלע שטאַפּלען ביז אויפשטאַנד. ווי דער איינציק לעבנגעבליבענער מיטגליד פונעם שטאַב, האָט זי מיט געפיל געשילדערט מ. טענענבוים אין זיין סאַמע לעצטער און טראַגיש דערהויבענער ראָל פון דעם קאָמאַנדיר פון די העלדישע קעמפערס.

צו דעם מין מעמואַריסטישער ליטעראַטור, וואָס האָט בייגעשטייערט מיט אינטערעסאַנטע אָנגאַבעס וועגן אים, געהערן אויך די אַרטיקלען פון ב. וויניצקאַ (קליבאַנסקי) און פון דב פּירעי, קאָמפּלעטירטע מיט באַזונדערע עדות־זאָגן, וואָס די מחברטע האָט ביי זיי אויפגענומען.

*

אַ וייטערדיקן צוגאָב־שטאָף האָבן געליפערט די זכרונות און גביות־עדות פון פאַרשידענע קרייזן און שיכטן.

די ווייניקע, ניצול געוואָרענע פון דער קאַטאַסטראָפע, האָבן זיך געפילט מאָראַליש פאַרפליכטעט איבערצוגעבן וועגן די דייטשע מאָרד־מעשים, זייער אייגענעם און אַלגעמיינעם ליידנס־וועג, אין דער פאָרעם פון דערינערונגען, וואָס זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין פאַרשידענע אויסגאַבעס, אָדער גביות־עדות, כדי דאָס זאָל נישט פאַרלוירן גיין פאַר דער געשיכטע־פאָרשונג.

דער מאַטעריאַל פילט אויס טיילווייז די פעלנדיקע פּאָזיציעס, וואָס זענען אַנטשטאַנען אין דער פאַקטאָגראַפיע מחמת דעם מאַנגל אין אָריגי־נעלער דאָקומענטאַציע.

אין דער הינזיכט זענען אויסגענוצט געוואָרן די עדותשאַפט־זאַמלונגען פון דער יידישער וואָיעוואָדישער היסטאָרישער קאָמיסיע אין ביאַליסטאָק (1945—1947) און אויך פון דעם אַרכיוו פון יד ושם.

בנוגע דעם ערשטן קוואַל איז נויטיק אַ באַזונדערער קאָמענטאַר, וואָס שייך איין קאַטעגאָריע עדות, די פּאַרטיזאַנער.

בכלל גענומען, דערוועקן צייגנשאַפטן, וואָס ווערן אָפּגעגעבן יאָרן נאָכן פאַרלויף פון די פאַקטן, ערנסטע באַוואָרענישן. מיט דער צייט־דיסטאַנץ ווערט, אין אַלגעמיין, פאַרמינערט די שאַרפקייט פון די פאַרשטעלונגען און עס פאַרמירט זיך אויס, אַפילו אונטערבאַוווסטזיניק, אַ געוויסער פסיכישער אָפּזאָץ פון שפּעטערדיקע אָפּשאַצונגען.

דער אַטריבוט פון פאַרגעסנקייט און קאָנפוזיע ווירקט נאָך שטאַרקער ביי מענטשן, וואָס האָבן אַליין נישט דערפאַרן און בייגעוווינט די פּאַסירונגען, נאָר שטיצן זייערע ידיעות בלויז אויף דערגאַנגענע צו זיי שמועות. דעריבער זענען אין דער הינזיכט מער באַגלייבט די דערקלערונגען פון די דירעקט באַטייליקטע און עדי ראיה, הגם אויך דאָס איז אָפּהענגיק פון דעם זכרון און פאַרבונדן מיט דעם פאַקטאָר פון נישט שטאַנדהאַפטיקייט פון דער מענטשלעכער געדעכעניש. פון דעם שטאַנדפּונקט פאָדערט זיך אַ מער רעזערווירטער צוגאַנג צו די עדות־זאָגן פון די פּאַרטיזאַנער.

אין אַנדערע געטאָס, ספּעציעל וואַרשע, שטיצט זיך די היסטאָריאָ־גראַפיע פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג און פון דעם לעצטן אַרויסטריט, הויפּטזאַכלעך אויף די שילדערונגען פון די אָפּגעראַטעוועטע אָנטיילנעמערס, וואָס האָבן זיך געפונען אין געטאָ גופא.

דאַקעגן אין ביאַליסטאָק זענען אין דער אומגעהייער פאַרביסענער שלאַכט כמעט אַלע קעמפערס אומגעקומען און בלויז געציילטע זענען געבליבן לעבן.

אַ דאַנק דער נאָענטקייט פון די וועלדער, האָבן זיך אָפּגעראַטעוועט נאָר אַ פּראָפּאָרציאָנעל גרעסערע צאָל פּאַרטיזאַנער. הגם זייערע שליחים פלעגן אַריינקומען אין געטאָ, איז דאָך דער קאָנטאַקט נישט געווען קיין

פערמאַנענטער. ווענן אַ סך פאַקטן האָבן זיך די פּאַרטיזאַנער דערוווּסט שפּעטער, פון אַנדערע מער אָדער ווייניקער באַהאַוונטע אינפאָרמאַנטן, ציי סתם פון קלאַנגען, אונטערגעכאַפּטע אויף פאַרשידענע וועגן און שטעגן. די באַריכטן, דערגרייכטע פונעם געטאָ, האָבן אַזוי אַרום איינגעשלאָסן לעבן דעם ריכטיקן תוכן, אויך ווערסיעס, וואָס זענען אַנגעוואַקסן אויפן צווישנ־וועג. פון דעם געמיש, וואָס האָט זיך געשאַפן אויף אַזאַ שטייגער, איז דער וואַלד־מענטש נישט געווען מסוגל אויסצושיילן דעם קערנדיקן אמת. חוץ דעם האָט זיך דער רוב פּאַרטיזאַנער רעקרוטירט פון דעם קאָמוניסטישן לאַגער און דעריבער האָבן זיי געפעלט ידיעות וועגן דער אַרבעט פון אַנדערע פּאָליטישע גרופּירונגען.

פון דעם דאָזיקן ספּעציפישן עלעמענט שטאַמט די מערהייט פון די גביות־עדות, וואָס זענען אָפּגעגעבן געוואָרן נאָך דער מלחמה וועגן די צוגרייטונגען און פאַרלויף פון דעם באַוואָפנטן אַרויסטריט אין ביאַליס־טאָקער געטאָ.

נישט געקוקט אויף אַלע באַוואָרענישן און חסרונות, שטעלן דאָך צו די דאָזיקע ראַפּאָרטן טייל מאָל דעם איינציקן ערזאַץ, וואָס קאָן אויספילן אַ ריי ווייסע פלעקן אין דער פעלנדיקער פאַקטאָגראַפיע. אָבער אין דעם פאַל מוז אָנגעוואָנדן ווערן אַ קריטישער און אַנאַליטישער מעטאָד, אַ קאָנ־טראָל, וואָס זאָל אויסשיילן דאָס מאָסגעבנדיקע פון דעם פיקטיוון אָנוווּקס. אין קעגנזאַץ קאָן דאָס דערפירן צו פאַרקריפּלונגען פון דעם געשיכטלעכן אמת — אָבער וועגן דעם אַספּעקט, מער אויספירלעך שפּעטער.

*

מיטן צוועק צו קאָמפּלעטירן אָדער ווערי‌פיצירן ידיעות, זענען פון אַ צאָל אינפאָרמאַנטן אָפּגענומען געוואָרן צוגאָב־דערקלערונגען צו די, וואָס זיי האָבן שוין פריִער געהאַט ערגעץ ווו אָפּגעגעבן, אָבער דער עיקר זענען איינגעשאַפן געוואָרן נייע גביות־עדות, תשובות אויף אַרויסגעשיקטע אַנ־קעטעס, אויף באַזונדערע אָנפראַגעס אז״וו.

זיי באַציִען זיך צו פאַרשידענע פעריאָדן, אָנהייבנדיק פון טענענבוימס ערשטע יאָרן אין די יוגנט־אָרגאַניזאַציעס דורך די ווייטערדיקע עטאַפּן אין וואַרשע, הכשרה אין באַראַנאָוויטש, ערב — און נאָכן מלחמה־אויסברוך. די עדות דאָס זענען געוועזענע מדריכים, תלמידים (חניכים) און בכלל אי־דעישע חברים און מיטאַרבעטערס: א. ריינהערץ, נ. אייזענשטיין, ה. עקשטיין, ח. שטיינגאַרט, ח. זילבערבערג, מ. נאָוואָפּרוצקי (נוט), י. פּערליס, מ. באַ־ראַנטשוק, צ. פעלדמאַן, די משפּחות ברום און וויגדערהויז א״א.

דער ערנסטער פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכער סטאַזש און די אויסגע־פּירטע אחריותפולע פונקציעס פון די מענטשן געבן צו אַ ספּעציעלע ווערט

זייערע דערמאָנונגען און אָבסערוואַציעס, סיי וועגן טענענבוים אַליין, סיי בנוגע ענינים פון אַלגעמיינעם כאַראַקטער.

צו די וויכטיקסטע דערוואַרבענע נייע עדות וועגן דער היטלעריס־טישער תקופה געהערן דער דיכטער ה. אַדלער און זיין פרוי אַניטאַ,[6] וואָס האָבן באַגלייט מ. טענענבוים אין ווילנע, שפּעטער אין וואַרשע און בכלל געגעבן די מעגלעכקייט צו קאָנטראָלירן און סעלעקציאָנירן ידיעות פון אַנדערע קוואַלן, טיילווייז אומפּינקטלעכע.

אין שייכות מיט ווילנע, האָט אויך צוגעטראָגן אַ ווערטפולןביישטייער דער סימפּאָזיום, וואָס דער היסטאָריקער דב לעווין האָט אַדורכגעפירט מיט אַ גרופּע אָנפירנדיקע אַקטיוויסטן פון דאָרטיקן קאָמפּערישן אונטער־ערד, וועלכע זענען געשטאַנען אין אַ נאָענטן קאָנטאַקט מיט מ. טענענבוים און בכלל געווען גוט באַהאַוונט אין דעם פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן, דהיינו, מיט: ד"ר מאַרק דוואָרזשעצקי, ד"ר לעאָן בערנשטיין, פּעסיע שיינבוים־בערנשטיין, אלחנן מגיד און שלמה בראַנד.[7]

אַן ענלעך עדות־זאָגן, וואָס האָט אונדז געדינט מיט וואָגיקע ידיעות, איז געווען די פון דעם פּאַרדינסטפולן טוער ניסן רעזניק,[8] אויפגענומען דורך דעם היסטאָריקער יצחק ארד.

די אַלע אויסגערעכנטע עדות האָבן אין זייער פונקציע פון אַזאַ אָדער אַנדערער פאַרבינדונג מיט מרדכי טענענבוים בייגעטראָגן אינטערעסאַנטע פּרטים וועגן אים אַליין, בעת אַ ריי אַנדערע — זיי וועלן וייטער געלעגנט־לעך אָנגעוויזן ווערן — האָבן בייגעשטייערט מיט אָנגאָבעס בנוגע פאַר־שידענע אַספּעקטן פון דער געפאָרשטער טעמאַטיק.

זייער אַלעמענס ווערטפולע הילף האָט דערלויבט אַרויסצובררענגען פון דער פאַרגעסנקייט געוויסע שטריכן פון דעם געשילדערטן בילד, כדי זיי אויפצוהאַלטן אין דעם געדעכעניש פון דער געשיכטע.

איך האַלט פאַר מיין אָנגענעמען חוב אויסצודריקן אויך אויף דעם אָרט אַ טיפן, האַרציקן דאַנק זיי אַלע צוזאַמען און יעדן באַזונדער, ווי אויך דעם חורבן־פאָרשער, צבי שנער (בית לוחמי הגיטאות), פאַרן איבערשיקן מיר אַ טייל דאָקומענטאַרישע מאַטעריאַלן.

III ביכער און אָפּהאַנדלונגען

פון די פאַרשידענע אויסגאַבעס, סיי פון אַלגעמיינעם, סיי פון פראַג־מענטאַרישן כאַראַקטער, וואָס האָבן צוגעטראָגן יסודותדיקן שטאָף פאַר דער מאָנאָגראַפיע, געהערן אין דער ערשטער ריי:

א) דאָס מאָנומענטאַלע ווערק פון מ. ניישטאַדט „חורבן און אויפשטאַנד

פון די יידן אין וואַרשע״, וואָס האָט צוגעשטעלט אַ רייכן מקור פון באַריכטן, בריוו און אַ שלל ידיעות וועגן פילצאָליקע גיבורים, „די געפאַלענע אויף דער וואַך״ אין פאַרשידענע געטאָס, צווישן זיי אויך וועגן מרדכי טענענבוים־טאַמאַראָף און זיינע נאָענטע חברים.

ב) דאָס בוך, פאַרפאַסט אין ברייטע ראַמען, פון מ. באַלבערישסקי „שטאַרקער פון אייזן״ וועגן ווילנער געטאָ, געשטיצט טיילוויז אויף אָריגינעלן מאַטעריאַל, האָט דערלויבט צו דערגאַנצן אונדזער שילדערונג מיט אַ סך וויכטיקע ידיעות.

ג) דאָס אומפאַנגרייכע בוך פון ב. מאַרק „דער אויפשטאַנד אין ביאַליסטאָקער געטאָ״ האָט געליפערט אַ סך וויכטיקע אָנגאַבן וועגן דער ווירטשאַפטלעכער סטרוקטור פון דעם געטאָ, דער לאָקאַלער נאַצישער היעראַרכיע, די פאַרשידענע פּאָליטישע סעקטאָרן א״א. דאַקעגן אין זיין אַנאַליז פון די פּאָליטישע פאַרהעלטענישן האָט דער מחבר זיך געשטיצט נישט אויף די אויטענטישע דאָקומענטן, נאָר אויף די ווייניקער באַגלייבטע גביות־עדות פון די פּאַרטיזאַנער, וואָס האָט געשאַפן אַ נישט ריכטיק בילד פון דעם בראשית און אַנטוויקלונג פון דער קאַמפס־אידעע. אָבער ביי דעם אַלעם האָט דאָס בוך געדינט ווי אַ קוואַל פון אַ סך ידיעות, ספּעציעל וועגן דער לעצטער תקופה פון דער געטאָ־עקסיסטענץ און דעם יידישן באַוואָפנטן ווידערשטאַנד.

ד) די סעריע מאמרים פון ש. דאַטנער, פאַרעפנטלעכטע אין פאַר־שידענע אויסגאַבעס, ווי אויך די אַדורכגעפירטע אַנקעטעס מיט די דייטשע קריגס־פאַרברעכערס, האָבן בייגעטראָגן אַ סך וויכטיקע עלעמענטן פאַר דער געפאָרשטער טעמע.

ה) אָפּהאַנדלונגען פון אַנדערע היסטאָריקערס, וואָס ווערן אָנגעוויזן אויף דעם געהעריקן אָרט.

ערשטער טייל

פאַר דער מלחמה

קאַפּיטל איינס

די היים און סביבה

מרדכיס געבורט

איינע פון די גאַסן פון דער יידישער האָרעפּאַשנער געגנט אין וואַרשע האָט גראַד געהאַט דעם אַזוי פיין קלינגענדיקן נאָמען: מילאַ, וואָס מיינט אין פּויליש — ליבלעכע...

די גאַס האָבן יידן פונאַנדערגעטיילט אויף צוויי אָפּשניטן און זיי געגעבן צונעמען אין איינקלאַנג מיט זייערע טאָפּאָגראַפישע אייגנשאַפטן, דהיינו:

דעם אָנהייב ביז דזשיקע, שפּעטער זאַמענהאָף־גאַס, האָט מען גערופן די „שמאָלע מילע״, אין קעגנזאַץ צו איר פאַרלענגערונג, וועלכע מ׳האָט באַצייכנט ווי די „ברייטע מילע״. און הגם די לעצטע האָט נישט געהאַט אַזעלכע ענגע טראָטואַרן ווי די ערשטע אָדער די אַנדערע יידישע געסלעך, האָט זיך אויך דאָרט געבלויט אַ זייער באַגרענעצטער הימל־פּאַס צווישן די ביידע רייען פון די סטאַנדאַרטנע דריי און פיר־שטאָקיקע הייזער. קיין בוים, קיין גרינס איז דאָרט נישט געווען בנמצא.

אָבער מילע זשומעט מיט יידיש לעבן און מיט יידישער פּראַצע, מיט יידישן געראַנגל, יידיש לשון און אידעיִש־פּאָליטישע מחלוקות. ס׳איז אַ יידישע דאָמיניע, זעלטן וווינט דאָ אַ קריסט. אַ סך הייזער, באַזעצטע פון אַ 60 און מער משפּחות, האָבן אַן איין און איינציקן גויִשן שכן, דעם הויז־וועכטער, ווי מ׳האָט אים גערופן — סטרוזש.

לענגאויס די מאָנאָטאָנע הייזער־קאַסטנס, ווי קאַזאַרמעס, ציִען זיך רייען פון אומצייליקע שפּייז־געוועלבלעך, סאָדע־וואַסער־בודקעלעך און אַנדערע קליינע קרעמלעך, וואָס פירן אַ וועגעטירנדיקע עקסיסטענץ, אַזוי בולט און בילדעריש אַרויסגעבראַכט אין א. ליעסינס ליד „דער קרעמער״.

די גאַס איז שטענדיק פול מיט גערויש פון קינדער, מיט גערודער פון מענטשן־שטראָם, וואָס איילט אָן אויפהער אַהין און צוריק, מיט געשלעפּטע פּעק און מיט הייזעריקע אויסגעשרייען פון גאַסן־הענדלער.

— „אַ קאַלטס און אַ גוטס״ — רעקלאַמירן זיי אין אַ זומערטאָג אַ היימיש־פאַבריצירט גלעזל לימאָנאַד פאַר אַ פּאָר גראָשן. עס פאַרנעמען

זיך מיט דעם מסחר יונגע און אַלטע, מענער און פרויען, אַפילו קינדער. כמעט אַלע אין אָפּגעריבענע און אָפּגעריסענע קליידער, מיט ערנסטע און פאַרחושכטע געזיכטער, פון וועלכע ס׳קוקן אַרויס טונקעלע און טרויעריקע אויגן. אַפילו אויף די יונגעטשקע פּנימלעך ליגט אויסגעגאָסן אַ פאַר־זאָרגטקייט און זעלטן ווען באַהעלט זיי אַ שמייכל, סיידן ווען עפּעס אַ „פעטער״ קונה האָט זיי באַגליקט...

— „הייסע באָבעס! געבראָטענע קאַרטאָפל!״ — לויבן זיי זייער סחורה אין ווינטער.

אָט זיצט אַ יידענע און וואַרעמט זיך די געפרוירענע הענט ביי כמעט שוין אַ פאַרלאָשענעם פייער־טאָפּ. נאָך אַ ביסל און פון די רעשטלעך קוילן בלייבט נישט מער ווי אַ הייפל אַש. איצט ווערט איר בליק נאָך מער קאַלעמוטנע. ער שניידט זיך איין מיט אַ פאַרצווייפלטער און שטומער בקשה אין יעדן דורכגייער, ווי זאָגנדיק: „גיב מיר עפּעס צו לייזן, זעסט נישט, אַז ס׳איז מיר געבליבן די גאַנצע סחורה?״

אָפט דאַכט זיך, אַז עס זענען פאַראַן מער פאַרקויפערס ווי קונים. און אַזוי טרעפט נישט איין מאָל, אַז נאָך אַ טאָג פון אומזיסטער מאַטערניש און האָרעוואַניע, שלעפּן די אומגליקלעכע פּרנסה־געבערס אַלץ צוריק אַהיים: אַ קרוגל פאַרפאַרבט און פאַרזיסט וואַסער, אַ טעפּל מיט באָבעלעך אָדער געבראָטענע קאַרטאָפל, אַ קעסטעלע מיט שיך־בענדלעך, נאָדלען א. א.

די אַרומיקע געביידעס זענען אויסגעקלעפּט מיט קאָלירטע פּלאַקאַטן, וואָס שפּיגלען אָפּ דעם פּאָליטישן און עקאָנאָמישן קאַמף אין וואַרשע בכלל און אויף דער יידישער גאַס בפרט. יעדע פּאַרטיי קלערט אויף איר שטעלונג צו די אַקטועלע פראַגן און באַגרינדעט איר פּראָגראַם, אַטאַקירט די קעגנערס און רופט צו שליסן די רייען א. א. וו. די פאַרביקע אַפישן שרייען אַראָפּ פון די מויערן מיט גרויסע און פעטע יידישע און פּוילישע אותיות. זיי באַקעמפן איינער דעם צווייטן, שטויסן זיך קעגנזייטיק אַרויס, פאַרלייגן זיך איינער אויפן אַנדערן און פאַרדעקן די גאַנצע קעגנערישע „פּלאַטפאָרם״.

*

פרילינג 1916. דער סאַמע ברען פון דער ערשטער וועלט־מלחמה.

אויף דער ברייטער מילע־גאַס, אין הויז נומער 46, האָט געוווינט חיים דוד טענענבוים מיט זיין פרוי שרה הענע (ביידע האָט מען גערופן בלויז ביי די צווייטע נעמען) און מיט זייערע זעקס קינדער. דאָס זיבעטע, דער בן־זקונים, איז געבוירן געוואָרן אַכט טעג פאַר פורים און זיין ברית־מילה איז אויסגעפאַלן גראָד אין דעם דאָזיקן שיינעם יום־טוב.

הגם אין יענע שווערע מלחמה־טעג האָט פורים, נאַטירלעך, זיך נישט אויסגעצייכנט מיט זיין אייגנאַרטיקער זאָרגלאָזיקייט און פריילעכקייט, האָט

יעדער איינער זיך באַמיט דעם יום־טוב מיט עפּעס אָפּצומערקן. שוין אָפּגערעדט פון דודן. ביי אים איז דאָך היינט אַ דאָפּלטע שׂמחה. ער האָט זיך געמוזט זייער אָנשטרענגען, כדי איינצואָרדענען אַ בכבודיקן ברית. דערצו איז עס דאָך אויך פּורים. ווי־זשע קאָן מען פאַרשעמען דעם טיש?

דער לאַנגער טיש, אין מיטן עסצימער, באַדעקט מיט אַ ווייסן, שיין געהאָפטן טישטוך — העגנעס אַ מיידלערישע אַרבעט — איז העל באַלויכטן פון דעם זשיראַנדאָל, וואָס הענגט אַראָפּ פון מיטן סופיט און פון די גרויסע ליכט אין די זילבערנע לייכטער אויפן טיש. ער איז באַדעקט מיט כל טוב: מיט פאַרשידענע משקאות, געזאַלצענע מאכלים, זיס גע־בעקס א״א. דוד שטעלט יעדעס מאָל נאָך עפּעס צו. ס׳איז קוים דאָ פּלאַץ פאַר דעם טיש־געפּעס. עס פינקלען די זילבערנע גאָפּל־מעסערס, ס׳שעמערירן די קרישטאָלענע גלעזער, ס׳גלאַנצן די טייערע פאַרצעלאַנען — די רעשטלעך פון העגנעס רייכן אויסשטייער.

ביסלעכווייז קומט זיך צונויף דער עולם און ביידע צימערן פילן זיך אָן מיט געסט.

מזל טוב! מזל טוב! — צעהילכט זיך דער עולם נאָך דער ברית־צערעמאָניע, בשעת וועלכער דאָס ניי געבוירן יינגעלע באַקומט דעם נאָמען מרדכי, לזכר דעם יום־טוב פּורים. אויפן קינדס קעפּעלע, וואָס לייכט אַרויס פון שטרויענעם וויגעלע מיט גילדענע געקרייזלטע הערעלעך און גרויסע, סאַמעטענע אייגעלעך, שיטן זיך ווונטשן: ער זאָל אויסוואַקסן אַזאַ חכם און צדיק ווי דער העלד פון דער מגילה!

די געסט האָבן זיך צערעדט וועגן זייערע צרות און דאגות און דער פאָטער איז פאַרבליבן אין אַ פאַרלעגנהייט. ווי אַזוי פאַריאָגן דעם אומעט און נישט דערלאָזן צו צעשטערן די שׂמחה?

מיט אַ מילדן שמייכל און מיט אַ גלייכווערטל פּרוווט ער אויפמונטערן דאָס געמיט: — „אַז מ׳פרעגט אונדז נישט קיין עצה, די וועלט איז דאָך איבערגעגעבן אין די הענט פון די נאַראָנים" — און באַלד דערנאָך לאָזט ער פאַלן די ווערטער פון בטחון: — „זאָל זיך דער זאָרגן, ווער ס׳האָט נישט קיין גאָט אויף מאָרגן". — עס האָט זיך אים איינגעגעבן אַ ביסל אויפצוהייטערן די שטימונג.

די מוטער, אַ בלאַסע און שוואַכע איז געלעגן אין בעט. זי פילט זיך אַ ביסל פאַרשעמט פון דעם אַלעם. לסוף ברענגט זי אַרויס די מחשבה, וואָס עגבערט איר מוח: — „האָב איך געדאַרפט אין אַזאַ צייט ברענגען נאָך אַ קינד אויף דער וועלט? נישט קיין מאָדערנע פרוי, האַ?" — זאָגט זי אַ פאַרשולדיקטע צו איר שוועגערין, אַזוי זוכנדיק מסתמא ביי איר אַ געוויסע באַרעכטיקונג פאַר זיך. די לעצטע כאַפּט אויף איר כוונה און

הגם אַליין וועט זי נישט איבערשטייגן די צאָל פון צוויי קינדער, גיט זי זיך אַ בייזער מיט אַ גוט געמאַכטן אָנשטעל: — „וואָס פאַלט דיר איין אין דער מיטן? קינדער אין שטוב, אַ ברכה אין שטוב! וועסט „מעצישעם״ (אם ירצה השם) האָבן פון אים אַ סך נחת...״

די מאַמע דערפילט זיך געטרייסט. זי קוקט זיך איין אין איר קליינטשיק עופעלע און איר מוטערלעך האַרץ פיבערט פון שטאַרקער עמאָציע: וואָס פאַראַ גורל וועט אים צוגעטיילט ווערן?

דער עולם צעגייט זיך. פאַרענדיקט די סעודה, אַוועק די שׂמחה. פון די ווינקעלעך לויפן צוריק אַרויס די באַהאַלטענע דאגות. מוטער און פאָטער קוקן זיך איבער: אירע אויגן פאַרציִען זיך מיט אַ וואָלקנדל. אָבער אין זיינע שיינט אַ שטראַל פון בטחון.

דער פאָטער

חיים דוד טענענבוים איז געווען אַ שיינער טיפּ פון אַ מאַן: אַ שלאַנקער, מיט אַ לענגלעך געזיכט און אַ הויכן שטערן, מיט העל־בלויע אויגן און לייכט־געקרייזלטע האָר פון אַ האָניק־קאָליר. אַ שיינע ראָם פאַר זיין איידל פּנים האָט געשאַפן די טונקל בלאָנדע באָרד, תּמיד זאָרגפעליק פאַרקעמט. אין די מויל־ווינקלען פלעגט אָפּט נעסטן אַ דיסקרעטער שמייכל, וואָס האָט אַרויסגערופן סימפּאַטיע. בכלל האָט עפּעס אַ מאָדנע ליכטיקייט געשטראַלט פון אים. אויך זיינע באַוועגונגען, באַהערשטע און געמאָסטענע, האָבן גינסטיק באַווירקט שוין ביים ערשטן קאָנטאַקט. קענטיק, אַז די נאַטור האָט געוואָלט אויסערלעך אָפּמערקן זיין אינערלעכן מהות, ער זאָל נישט מוזן זיך מאַני־פעסטירן דווקא דורך ווערטער, ווייל די צונג איז ביי דודן גראָד געווען איינגעהאַלטן, הויפּטזאַכלעך אין דער סביבה פון זיינע בני־בית. דאַקעגן האָט זי זיך צעבונדן מחוץ דעם פאַמיליע־קרייז, ספּעציעל אויף די עלטערע יאָרן, וואָרעם אין די יינגערע איז ער געווען ממש אַ שותק.

אין אַ פאַסיקער געזעלשאַפט פלעגט ער זיך באַלד אַרויסרוקן אויבן אָן. גערעדט האָט ער ווייניק, שטיל און געלאַסן, אָבער געבליצט מיט יידישער חכמה און שאַרפזין. דערצו האָט ער פאַרמאָגט אַ ראַפינירטן חוש פאַר הומאָר. גוט באַהאַוונט אין די אוצרות פון דער תורה ווי אויך אין דער ליטעראַטור און פאָלקלאָר, האָט דוד באַזיצט די פעיִקייט אַרויסצושיילן פון זיי דעם סאַמע תמצית.

מרדכיס פאָטער איז געווען אַ מענטש פון זעלטענער ערלעכקייט און גוטסקייט. דערביי האָט ער אַרויסגעוויזן אַ גרויסע מאָס טאָלעראַנץ פאַר יענעמס שוואַכקייטן. נישט איין מאָל האָט ער אַראָפּגעשלונגען אַן עוולה לגבי זיך אָן אַ שום פּראָטעסט; סיידן ווען מ׳האָט אים שוין ביז גאָר ווי

געטאָן, פֿלעגט ער אָפּחוזקן פֿון זיין קעגנער מיט שאַרפֿע שטעכווערטער. דאַקעגן איז זיין רעאַקציע תמיד געווען אַ ליידנשאַפֿטלעכע, ווען די קריוודע האָט אָנגערירט אַ פֿריינד. אָבער קיין פֿאַרביסנקייט האָט דוד אויף קיינעם נישט נאָכגעטראָגן — שטענדיק גרייט געווען אויסצוציִען די האַנט צו שלום. אייגנטלעך האָט דוד טענענבוים גאָר קיין שונאים נישט געהאַט. אַלע האָבן אים הויך געשעצט און באַצייכנט ווי אַ „חכם”. ווי אַ רבי איז ער געווען אַרומגערינגלט מיט מענטשן, וואָס האָבן ביי אים געזוכט אַן עצה אָדער סתם אַ גוט וואָרט. און טאַקע נאָר יענעם האָט ער געקענט גוט ראָטן, אָבער נישט זיך אַליין. וואָרעם אין זיינע אייגענע ענינים האָט ביי אים געהאַט דעם פֿאָרצוג דאָס עמאָציאָנעלע, וואָס האָט אויך געמיינט אַ גרויסן צוטרוי צו מענטשן, דאַקעגן אין פּרעמדע עסקים — דאָס ראַציאָנעלע, דער לאָגישער אַנאַליז פֿון די פֿאַרשידענע עלעמענטן. אַ סך אַנטוישונגען און דורכפֿאַלן, פֿון וועלכע ער האָט פֿאַרהיטן זיינע פֿריינד, האָט ער אַליין נישט געקענט אויסמיידן. דודס כאַראַקטער איז געווען באַקרעפֿטיקט דורך אַ דערציִונג, וואָס האָט אים געהאַלטן אין אַ זייט פֿון דער גאַנצער וואָכעדיקער עקסיסטענץ און נישט געגעבן קיין שום לעבנס־דערפֿאַרונג.

דוד איז אויסגעוואַקסן אין אַ באַלעבאַטישער און טראַדיציאָנעלער יידישער היים, אין דעם מאָלערישן שטעטל ווישאָגראַד, וואָס ליגט ביים ברעג פֿון דעם ווייסל־טייך. זיין פֿאָטער, שלמה, איז געווען אַ פֿאַרמעגלעכער ייד, וואָס האָט געהאַט נישקשהדיקע איינקונפֿטן פֿון זיינס אַ גרויס הויז און פֿון אַ געטראַנקען־פֿאַבריק. די משפּחה, מיט צוויי זין און פֿיר טעכטער, האָט זיך אייגנטלעך מיט גאָרנישט אויסגעטיילט פֿון אַנדערע פֿון דער קאַטעגאָריע אין אַ טיפּיש יידיש שטעטל אין פּוילן.

דוד האָט זיך אויסגעלעבט אין דער וועלט פֿון ספֿרים און דערפֿאַר וויניקער ווי אַנדערע קינדער געפֿילט דעם טאַטנס דעספּאָטיזם. שלמה טענענבוים איז געווען אַ טרוקענער מענטש און אַ שווייגער. האָט ער שוין יאָ גערעדט — זענען עס געווען באַפֿעלן. ער האָט פֿיינד געהאַט אַרויס־צווייזן „סענטימענטאַליזם”.

אין דער אָנוועזנהייט פֿון פֿאָטער האָבן די קינדער נישט געוואַגט צו שטיפֿן, אַפֿילו די שוואַכע און קרענקלעכע מאַמע, נחמה (זי איז טאַקע יונג געשטאָרבן) איז אַרומגעגאַנגען אַ פֿאַרטשמעליעטע אין דער שטייפֿער שטוב־אַטמאָספֿער. ערשט ווען דער פֿאָטער איז אַרויס אין גאַס, פֿלעגט זיך אויסגיסן די אָנגעזאַמלטע ענערגיע אין אַ געפֿילדעריי און זשומעריי ווי אין אַ בינשטאָק.

ווען די קינדער זענען אונטערגעוואַקסן, האָט זיך שלמה איבערגעצויגן קיין וואַרשע, אין דער מיינונג, אַז דאָ וועלן זיין בעסערע פּערספּעקטיוון

זיי אויסצוגעבן. אויך דאָ האָט ער געקויפט אַ גרויס רענטן־הויז.

אַ קורצע צייט שפּעטער האָט אַ שדכן צונויפגעפירט די צוקונפטיקע מחותנים שלמה טענענבוים און רפאל גאָלדמאַן. דער שידוך איז ביידן געפעלן געוואָרן — ביידע גראַטענע און נגידישע קינדער. דוד איז עלטער פון 20 יאָר און הענע — פון 19, האָבן חתונה געהאַט. צוזאַמען מיט דער שוואַרץ־חנוודיקער הענען האָט דוד באַקומען אַ גרויסן נדן מיט אַ צולאָג פון פינף יאָר קעסט.

*

אין דער רחבותדיקער דירה פון זיין שווער אויף דער שיינער אָרלע־גאַס פלעגט זיך דער שוויגנדיקער דוד פאַררוקן אין זיין חדר מיט אַ ספר. רפאל, דערפאָלגרייך אין אַלע הינזיכטן, האָט זיך געוווּנטשן אַן אַנדערע באַנעמונג מצד זיין יונגן איידעם — אַ ווענדונג נאָך הילף און ראַט. אָבער דוד איז געווען שטאָלץ און נישט פאַרטראַגן יענעמס אַריינמישונג אין זיינע ענינים. דערוויילע איז געבוירן געוואָרן דאָס ערשטע קינד — חנה׳לע. דודן איז נמאס געוואָרן זיין פאַסיווע ראָל און די אָפּהענגיקייט פון שווערס טיש, אָבער ער איז נישט געווען דערפאַרן און האָט אויך נישט פאַרמאָגט קיין פּראַקטישן חוש. ביי אַ נישט געלונגענעם פּרווו פון אַ שותפות אין אַ געשעפט האָט ער פאַרלוירן אַ היפּש ביסל פאַרמעגן. וואָלט די האַרציקע שוויגער נישט געוואָרן שווער דיאַבעטיש קראַנק, וואָלט אפשר אויסגעמיטן געוואָרן די שפּאַנונג צווישן די ביידע פאַרעקשנטע מענער. אָבער זי איז געלעגן חדשים־לאַנג צוגעשמידט צום בעט, אָדער זיך געפונען אין די אויסלענדישע קוראָרטן. נאָך בערך דריי יאָר קעסט האָט דוד ענדגילטיק באַשלאָסן צו פאַרלאָזן דאָס הויז פון זיין שווער־און־שוויגער און פאַרלייגן אַן אייגענע היים.

אויך זייענדיק „פאַר זיך" האָט דוד זיך גענומען צו פאַרשידענע פּרנסות און אַ לענגערע צייט נישט געקענט געפינען קיין סטאַבילע מאַטעריעלע באַזע, וואָס זאָל דערלויבן אָן אומרו טראַכטן וועגן מאָרגן. ער איז געווען אַ מייסטער אויף אויסאַרבעטן פּראָיעקטן פון אונטערנעמונגען, למשל, פון סוראָגאַטן פון צוקער, ווען דאָס דאָזיקע אַרטיקל האָט געפעלט, אָבער פאַר דער פּראַקטישער אויספירונג זיך גענייטיקט אין אימעצנס פינאַנסיעלער און אַדמיניסטראַטיווער הילף. זיין ווייטגייענדיקער גלויבן אין מענטשן האָט אים נישט איין מאָל פאַרפירט. ערשט הענעס איינפלוס במשך פון יאָרן און אויך די באַקומענע פינאַנסיעלע קלעפּ האָבן אויסגעניכטערט דודס בליק אויפן לעבן. ער האָט שפּעטער רעזיגנירט פון די גרויסע פּלענער און שוין געזוכט צו דערגרייכן עפּעס מיט אייגענע כוחות. אָבער דאַמאָלסט זענען אים שוין פאַרבליבן קליינע געלט־מיטלען און אויך די אַלגעמיינע

אומגינסטיקע עקאָנאָמישע לאַגע האָט אין דער ערשטער ריי אָנגעגריפן די עלעמענטן אָן אַן איינגעפונדעוועטער פּאָזיציע.

*

אין 1916, אין מרדכיס געבורטסיאָר, האָט זיין פאָטער געצויגן די חיונה פון אַ קליינעם האָלץ־לאַגער, וואָס ער האָט געהאַט איבערגענומען אַ קורצע צייט פאַר דער מלחמה. דאָס האָט זיין פרוי אים באַווירקט צו נעמען ס׳ערשטע, וואָס קומט אונטער, כדי צו פאַרהיטן פאַר אַ פּולשטענדיקער ירידה. דאָס געשעפט האָט אַריינגעבראַכט אַ באַשיידענע פּרנסה, אָבער געפאָדערט העגעס מיטאַרבעט. די קינדער אין שטוב זענען געבליבן אונטער דער אויפזיכט פון אַ נערוועזשער דינסט. די מוטער, געיאָגט פון אומרו, פלעגט לויפן יעדע פרייע מינוט כאַפּן אַ בליק אויף די „פּיצעלעך״, זיי אָנקאָרמען און געבן אַ גלעט איבער די קעפּעלעך.

שפּעטער זענען נאָך געווען פאַרשידענע אַנדערע באַשעפטיקונגען, אויך פאַרמיטלונגען ביי פאַרקויף פון הייזער, ביז דוד טענענבוים האָט געשלאָסן באַקאַנטשאַפט מיט אַ געשעפטסמאַן און הייזער־אייגנטימער, א. זעמש. דער דאָזיקער באַלעבאָס האָט אים זייער ליב באַקומען און געשעצט ווי אַ קלוגן און געטרייען פריינד. די כמעט פּערמאַנענטע אָנ־וועזנהייט פון דודן איז פאַר אים געוואָרן אַ נויטווענדיקייט. יעדן טאָג, אַרום האַלב אַכט אַ זייגער אין דער פרי, פלעגט אויפן הויף, וווּ די משפחה האָט געוווינט, זיך צעקלינגען זעמש׳ס הילכיקער רוף: דוד! — דאָס האָט ער אים גערופן צו באַגלייטן אומעטום, צו דערליידיקן די גע־שעפטלעכע ענינים. דוד פלעגט אויפשטראַלן פון צופרידנקייט און מיט זיין ליכטיקן שמייכל געבן אַ צייכן דורכן פענצטער, אַז ער גייט שוין אַראָפּ. אַזוי פלעגט דוד אַרומגיין מיט אים במשך פון לאַנגע שעהן, ווי זיין ראַטגעבער, פון איין אַמט צום צווייטן, דורך באַנקן, היפּאָטעקן, געריכטן א. א. וו.

דוד האָט געענטפערט מיט דער זעלבער סימפּאַטיע, מיט זיין אייגנ־אַרטיקער גוטסקייט און ערלעכקייט. דעם פריינדס אינטערעסן האָט ער פאַרטיידיקט מיט אַ גרעסערער אָנשטרענגונג און מער דערפאָלג ווי זיינע אייגענע. דוד איז געוואָרן דער פאַקטישער פאַרוואַלטער פון זעמש׳ס הייזער.

פאַר זיין העלפן אויסוויקלען די געשעפטס־ענינים פלעגט אים זעמש, לויט זיין איינזען, צוטיילן אַ געוויסן פּראָצענט. דוד האָט קיין מאָל זיך מיט אים נישט געדונגען מכוח דער הויך פון זיין באַלוינונג. הגם נישט תמיד האָט געקלעקט צו דעקן אַלע הצטרכותן פון דער פאַמיליע, האָט זי דאָך געגעבן אַ סאָלידע באַזיס פון פּרנסה, בפרט נאָך, ווען זעמש, וועלנדיק אויך אין די אָוונטן פאַרברענגען אין דודס געזעלשאַפט, האָט אים אין

דער צווייטער העלפט פון 1934 אַריבערגענומען צו זיך אין הויז, אויף לעשנאָ 27 און אָפּגעטרעטן זיין אייגענע וווינונג פון דריי צימערן, פריי פון דירה־געלט, וואָס איז געווען אַ געוויסע פאַרלייכטערונג פאַר דודס הויז־בודזשעט.

זעמש אַליין איז, נאָך דער סעפּאַראַציע פון זיין פרוי, איבערגעגאַנגען אין אַן אַנדערע וווינונג אין דעם זעלבן הויז.

אַזוי האָט מרדכיס פאָטער, לכל הפחות די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן, באַקומען אַ געוויסן תיקון פאַר זיך און אַן אַנווענדונג פאַר זיין „טעאָרע־טישער" לעבנס־חכמה, וואָס אַ צווייטער האָט קאָנקרעט אויסגענוצט מיט גוטע רעזולטאַטן פאַר זיך און אויך פאַר אים. דאָס איז געווען די בעסטע תקופה פון דודס לעבן, פאַרשטערט נאָר דורך אויסערלעכע און אָביעקטיווע פאַקטאָרן פון אַלגעמיין פּאָליטישן כאַראַקטער.

אין סוביעקטיוון זין האָט דוד זיך דאַמאָלסט דערוואָרבן אַ מין אינער־לעכע באַפרידיקונג פון אַ מענטש, וואָס האָט סוף כל סוף פאַרנומען אַ געהעריקע פּאָזיציע. עס האָט זיך דעמאָלט צעבליט זיין איינגעבוירענער אָפּטימיזם און נאָך מער צעהעלט זיין הדרת־פּנים.

אויך אין דער היים לגבי זיינע בני־בית, זענען דאָס געווען די באַ־רעדעוודיקסטע יאָרן און די האַרציקסטע אין צוזאַמענלעבן מיט זיין פרוי. אַ וואַרעמע היימלעכקייט האָט אַלעמען אַדורכגעדרונגען אין שטוב, ווען ביים פאָטער האָט זיך די צונג צעבונדן מיט דעם געשמאַקן הומאָר. ספּעציעל בשעת די שבתדיקע און יום־טובדיקע סעודות פלעגט ער באַ־שטראַלן דעם טיש מיט חכמה, שאַרפזין און טרעפלעכע אַלוזיעס.

אין יענער צייט האָט אויך די מוטער טיילווייז פאַרטריבן פון זיך דעם טרויער פון איר בליק און מיט מער האָפענונג אַנטקעגנגעגאַנגען דער צוקונפט.

די מוטער

הענע, מרדכיס מוטער, האָט געשטאַמט פון אַ נגידישער היים. איר פאָטער, רפאל גאָלדמאַן, איז געווען אַן אייגנטימער פון אַ גרויס רענטן־הויז אין וואַרשע. באַזאָרגט מיט אַ סאָלידער פּאָזיציע, פלעגט ער לאַנגע שעהן, ביז שפּעט אין דער נאַכט, פאַרברענגען אין זיין ביבליאָטעק, וואָס האָט אַנטהאַלטן אַ רייכע קאָלעקציע פון טייערע און זעלטענע ספרים.

אַ תלמיד־חכם און אַ רעליגיעזער ייד, איז רפאל געווען אַ מענטש מיט קאַפּריזן און אַ התנהגות, וואָס האָט געמאַכט פרומע יידן קוקן אויף אים מיט אַ קרום אויג. ער האָט אַרויסגעוויזן אַ סך פאַרשטענדעניש פאַר אַנדערש גלייביקע. אין שייכות מיט דעם פלעגט ער פון צייט צו צייט

פֿאַרבעטן צו זיך ליבעראַלע גײסטלעכע פֿון אַנדערע אמונות, כדי צו פֿירן מיט זײ ויכוחים אויפֿן יסוד פֿון די הײליקע שריפֿטן, אין װעלכע ער איז געװען אַ גרױסער בקי. די דיסקוסיעס, אין אַלגעמײן געמיטלעכע, האָבן אָבער מאָמענטװײז אָנגענומען אַ גאַנץ היציקן טאָן און עס האָט זיך געפֿאָדערט אַ סך טאַקט מצד דעם בעל־הבית אײנצושטילן די אױפֿגע־רודערטע געמיטער.

זײַנע דרײַ זין — אײן עלטערן און צװײ יונגערע פֿון הענען — האָט רפֿאל געװאָלט באַגרענעצן צום לימוד אין חדר און ישיבה, כדי זײ צו פֿאַרהיטן פֿון „גױיִשע װעגן", דאַקעגן דער טאָכטער האָט ער אַחוץ רעלי־גיעזער אױסבילדונג (געהאַלטן פֿאַר איר אַ מלמד), געגעבן אױך אַן אַלגעמײנעם קולטור־באַגאַזש און פֿאַר אַ לערער אָנגענומען גראָד אַ גלח, מיט אַ סך װיסן און מיט ליבעראַלע אָנשױונגען, װאָס איז באַקאַנט געװען װי אַ גוטער פּעדאַגאָג. עטלעכע יאָר האָט דער גײסטלעכער געלערנט הענען אַלגעמײנע קענטשטאַנדן, װי אױך די פֿראַנצױזישע שפּראַך. אַ ספּעציעלער מוזיק־לערער האָט איר געגעבן לעקציעס פֿון פּיאַנאָ־שפּילן.

מיט אַ באַזונדערער ליבע האָט די הײם באַשײנט הענעס מוטער, פֿײגע בײלע. מרדכיס באָבע האָט אין זיך פֿאַרקערפּערט די שענסטע מידות פֿון אַ ײדישער צדיקה. באַהױכט מיטן אידעאַל פֿון מענטשן־ליבע, האָט זי געזען איר ציל אין טראָגן הילף צו קראַנקע און אָרעמע, שװאַכע און עלנטע.

— פֿאַרװאָס האָט מיך גאָט באַשאָנקען מיט רײַכקײט און גליק ? — פֿלעגט זי פֿרעגן און אַלײן ענטפֿערן : — כדי איך זאָל זיך טײלן מיט די, װאָס האָבן נישט געהאַט דעם זכות דערצו און מוזן אָנקומען צום מענטש־לעכן חסד.

זײער אָפֿט, ספּעציעל ערב שבת און יום־טוב, פֿלעגט פֿײגע אַרומגײן איבער די אָרעמע גאַסן, אַרײַנקוקן אין די פֿינצטערע און פֿײכטע קעלער־שטובן, װוּ עס האָט געהערשט נױט. איר הילף איז נישט געװען קײן אײנ־מאָליקע, נאָר אַ סיסטעמאַטישע.

אין דער גרױסער דירה פֿון הענעס עלטערן איז אײן צימער געװען באַשטימט פֿאַר אָרעמע לײט. מ'האָט פֿאַר זײ געפֿירט אַ באַזונדערע קיך. די באַלעבאָסטע האָט געלערנט די דינערשאַפֿט אױפֿצונעמען די געסט אַזױ, מ'זאָל חלילה קײנעם נישט װײ טאָן.

אין דער ברײט־פֿאַרצװײגטער, פֿילאַנטראָפּישער אַרבעט האָט פֿײגעלע אַרײַנגעצױגן איר הײס געליבט טעכטערל, װאָס האָט מיט דער צײַט גענומען טײלן איר מוטערס אחריות פֿאַרן גורל פֿון די אונטערשטיצטע.

געטאָן האָט זי דאָס מיט אַזאַ התלהבות, וואָס האָט אויף תמיד איבערגעלאָזט שפּורן אין איר איידעלער נשמה.

הענע האָט פאַראייניקט אין זיך די בעסטע מעלות פון אירע טאַטע־מאַמע. פון דעם פאָטער האָט זי געירשנט די שטרעבונג אַרויסצוגיין אויף דעם ברייטן לעבנס־שליאַך, ווי אויך די נייגונג צום זעלבשטענדיקן דענקען. אָבער די מערסטע אייגנשאַפטן האָט זי איבערגענומען פון דער מוטער — גרענעצלאָזע גוטסקייט, ליבע צום מענטש בכלל און דעם יידנדיקן בפרט. ווי ביי דער מאַמען, איז אויך ביי דער טאָכטער, דאָס טאָן צדקה געווען אַן אינערלעכע באַדערפעניש, אַן דעם האָט זי זיך געפילט ליידיק, אָן אַ תוכן און אָן אַ תיקון.

*

מיטן פאַרלאָזן איר עלטערן־היים איז הענע פאַרבליבן ווי אָן אַ באָדן אונטער די פיס. כדי צו פאַרלייכטערן איר טאָכטער דעם שווערן עול — זי איז שוין געווען שוואַנגער מיטן צווייטן קינד — האָט די מוטער פאַרהאַלטן ביי זיך דאָס הייס געליבטע אייניקל, חנה׳לע, ביזן סוף פון איר קורץ לעבן.

מיט איר זייער קאָסטבאַרן אויסשטייער („כ׳האָב באַקומען פאַר יעדן הערעלע — אַ פּערעלע" — פלעגט הענע דערציילן), האָט דאָס פּאָרפאָלק זיך אַריינגעצויגן אין אַ צוויי־צימערדיקער דירה אויף מילע־גאַס נר. 46. דאָס טייערע צירונג איז ביסלעכווייז איינגעשרומפּן געוואָרן, פאַרקויפט אָדער פאַרמשכנט אין נויט־פאַלן. די ענערגישע הענע איז נישט פאַרבליבן פּאַסיוו אין אָנבליק פון איר נייער לאַגע. זי איז נישט אָפּגעשטאַנען אין אירע אָנגעשטרענגטע באַמיִונגען צו לענקען דודס מחשבה אויף פּראַקטישע וועגן און בכלל אַריינצודרינגען אין זיין אָפּגעשלאָסענער וועלט. אַ דאַנק איר האַרציקייט און געדולד, פאַרשטענדעניש און אינטואיציע, האָט זי איינגענומען אַלץ נייע קעמערלעך פון זיין נשמה ביז צו ווערן אַן אינטע־גראַלער טייל פון איר מאַנס פּסיכישן וועזן. די פריער פאַרבאַהאַלטענע אין אים געפילן האָבן אויך געפונען אַן אויסדרוק אין ווערטער, וואָס האָבן אַלץ שטאַרקער גענומען אַרויסשפּראָצן אויף דער אויבערפלאַך און זוכן אַ באַהעפטונג מיט דער פרוי, ביז מאַן און ווייב פלעגן זיך שוין פאַרשטיין אויפן בליק, לייענען דעם צווייטנס געדאַנקען ווי אין אַן אָפן בוך.

די לעבנס־אָנשויונג פון מרדכיס מוטער האָט זיך באַזירט אויף די הויכע מאָראַלישע פּרינציפּן און ווערטן, וואָס זי האָט אַרויסגעטראָגן פון איר קינדער־שטוב.

אָבער די באַדינגונגען אין איר אייגענער היים, האָבן הענען אַוועק־געשטעלט פאַר אַ לאַנגן און גרויען אינדערוואָכן. זי האָט געמוזט צונויפ־

בינדן די אָפּט צו קליינע הכנסות מיט די גרויסע הוצאות, באַטראַכטן גוט יעדע פּאָזיציע אין דעם הויז־בודזשעט. די נויטווענדיקייט, וואָס זי האָט געפּילט, עסטעטיש צו באַצירן איר דירה און אָנצופילן זי מיט יום־טובדיקייט האָט נאָך מער באַשווערט איר אויפגאַבע.

דער אָפּשיין פון עלטערנס הויז האָט איר אין אָנהייב צוגעגעבן כּוח איבערצוטראָגן די שוועריקייטן און בייצוקומען די שטרויכלונגען. פון דאָרטן איז געקומען דאָס ליכט, וואָס האָט באַשטראַלט איר וועג. אָבער דער פּריצייטיקער טויט פון איר מוטער אין עלטער פון קנאַפּע 50 יאָר — האָט אויך דאָס פאַרלאָשן.

העגעס פאָטער האָט נאָך אַ צייט חתונה געהאַט מיט אַ פרוי פון גרויסן, רבנישן יחוס, וועלכע איז אָבער אַליין געווען קליינלעך און ענגהאַרציק. זי האָט דערווייטערט די קינדער פונעם פאָטער, פאַרטריבן די אָרעמע־לייט און צעטרעטן אַלע שיינע מידות פון דעם צדקה־הויז.

רפאל האָט זיך מיט איר געגט און שפּעטער געמאַכט נאָך אַ פּרווו מיט אַ צווייטער צוריקצושטעלן עפּעס פון דער פריערדיקער פּרעכטיקער היים, אָבער דאָס איז שוין מער נישט געלונגען. ער איז אַוועק פון דער וועלט פאַרביטערט פונעם גורל, וואָס איז אים די לעצטע יאָרן צוגעטיילט געוואָרן.

פאַר העגען איז דער טויט פון איר מוטער געווען אַ דאָפּלטע טראַגע־דיע: די אבידה פון דעם טייערסטן וועזן און דאָס פאַרשווינדן פון דעם צויבער פון דער אַלטער היים, וואָס האָט אַלץ געוואַרעמט איר נשמה.

די נאָסטאַלגיע נאָך דער פאַרגאַנגענהייט, וואָס האָט זי געגאָגט און די מורא פאַרן מאָרגן, האָבן פון איר אַרויסגעקוקט מיט אַ טרויעריקן אומרו. אויף תּמיד איז אין איר פאַרבליבן דער מעלאַנכאָלישער היימווייַ נאָך דעם פאַרלאָפענעם גליק און די גלאָריפיקאַציע פון יענעם לעבנס־שטייגער. אָבער אין די קריטישסטע מאָמענטן פלעגט אין איר אויפוואַכן אַן אונטערנעמונגס־גייסט, וואָס האָט געהאָלפן אַרויסברענגען דרייסטע באַשלוסן. דעמאָלט האָט זי געטריבן פון זיך די שאָטנס פונעם עבר און מיט אַלע כּוחות געזוכט אַריינצווואַקסן אויף דעם נייעם גרונט, וואָס איז געווען פאַר איר אַזוי האַרט.

די משפּחה

אין דעם פּעריאָד פון מרדכיס קינדער־יאָרן הייבט זיך אָן אויסצו־פורעמען דאָס אויסזען פון דער פאַמיליע, ווו יעדער פון די ברידער און שוועסטערס האָט צוזאַמען מיט די עלטערן צוגעטראָגן צו איר זיין אינדי־ווידועלן חלק.

פריער, ווען די קינדער זענען געווען קלענער, זענען זיי נאָכגעגאַנגען

דעם טראַדיציאָנעלן גייסט פון טאַטע־מאַמע. דער יונגער דור האָט זיך דירעקט מיטבאַטייליקט אין דעם גאַנצן רעליגיעזן צערעמאָניאַל, באַריי־כערט און באַשיינט מיט זיין פאַרשטעלונג־קראַפט און ענטוזיאזם די פייער־

די מוטער

לעכע שטימונג בעת די יום־טובדיקע סעודות. די היים איז געווען באַוועל־טיקט פון אַ רעליגיעזן תוכן, וואָס האָט אָבער נישט אָנגענומען קיין ריגאָריסטישע פאָרעם און אַ דאַנק דעם זיך נישט געלייגט אויף די בני־בית ווי אַ צו שווערע לאַסט.

די יינגלעך זענען געגאַנגען צום ערשטן אין אַ חדר, שפּעטער אין אַ שול. די מיידלעך, וואָס האָבן באַזוכט אַ רעגירונגס־שול, האָט לכתחילה אַ מלמד געלערנט אין דער היים יידיש לייענען און שרייבן. מיט דער צייט האָבן שוין די יונגערע זיך גענומען בונטעווען קעגן דעם דאָזיקן לימוד, זיך באַפרייט פון אים, אַרויסגעוויזן אַן אינטערעס נאָר פאַר אַלגע־מיינע קענטענישן, פאַר דער פּוילישער שפּראַך און קולטור. ווען די דערוואַקסענע קינדער האָבן מיט דער צייט פאַרלאָזט די היים, איז זי שוין געבליבן באַהערשט מער פון אַ וועלטלעכן גייסט און די עלטערן האָבן כמעט נישט פּראָבירט אויסצואיבן קיין באַזונדערן דרוק צו פאַרהיטן דעם רעליגיעזן תוכן און בלויז אָנגעגאַנגען מיט די טראַדיציאָנעלע יום־טובים; פאַר די דאָזיקע וועט נאָר מרדכי אַ ביסל שפּעטער אַרויסווייזן אַ באַזונ־דערע פאַרשטענדעניש. — „די צייט פאָדערט צו גיין אויף קאָמפּראָמיסן" —

פלעגט דוד זאָגן צו דער פרוי און איר עצה'ן נישט צו מאַכן קיין גרויס וועזן פון דעם, וואָס די קינדער „זינדיקן" אַ ביסל אונטער. זאָלן זיי זיך אויסלעבן לויט זייער אייגענעם אייגנזין — איז געווען זיין שטעלונג אויך אין אַנדערע פראַגעס. דאָך האָט ער געהאַלטן אַ וואַך אויג און אויער איבער ערנסטערע ענינים און דיסקרעט זיך באַמיט משפּיע צו זיין דורך אַ פּאָר לאַקאָנישע ווערטער אָדער אַן אַלוזיע.

מער אַקטיוו אין דעם פּרט איז געווען די מוטער. ביי איר גרויסן דרך־ארץ פאַר גייסטיקער אַרבעט, האָט זי דאָך באַנומען די נויטווענדיקייט פון פּראָדוקטיוויזאַציע, פון איבערשיכטונג אויף יסודות פון פיזישער, קוואַליפיצירטער אַרבעט, באַזירט אויף טעאָרעטישער צוגרייטונג. בעיקר אין דעם פּעריאָד פון פאַרענדיקן די שול, ד.ה. ערב אַ באַשלוס מכוח אַ ווייטערדיקן וועג, האָט די מוטער געפּרוווט צו באַווירקן „צו לערנען אַ סאָלידן פאַך, כדי מיט די אייגענע הענט זיך קענען פאַרדינען אויף די באַדערפענישן".

אָבער אירע סוגעסטיווע ביישפּילן און אַרגומענטן זיך צו פאַרשרייבן אויף די „אָרט" — אָדער אַנדערע ספּעציאַליזירטע קורסן, האָבן נישט געפונען דעם געהעריקן אָפּהילך.

אַן ענלעכע טאַקטיק האָט זי אויך אָנגענומען לגבי מאָטילעקן און אים גראַד יאָ איבערצייגט, אָבער דער פּרווו האָט זיך נישט איינגעגעבן.

בכלל האָט זיך די מוטער אַרומגעטראָגן מיט אַ מין שולד־געפיל, הלמאַי די קינדער זענען שוין יונגערהייט אויסגעשטעלט געוואָרן אויף געוויסע אומבאַקוועמלעכקייטן; אַלס רעקאָמפּענסאַציע האָט זי געוואָלט זיי פאַרשוינען פון אַלע מעגלעכע באַלעסטיקונגען און פליכטן אין דער היים.

הגם דאָס האָט באַפרייט פון אַן עול, האָט עס אָבער גורם געווען עגאָצענטרישע טענדענצן ביי אַ טייל מיטגלידער פון דער פאַמיליע.

*

טראָץ דער ראָמאַנטיק, וואָס האָט כמעט אַלע פאַראייניקט, האָט די משפּחה פאַרגעשטעלט מיט זיך אַ פאַרשידענע מאָזאַיק פון פּסיכישע אייגנ־שאַפטן, סאָציאַלע נייגונגען און פּאָליטישע שטרעבונגען.

יעדער פון די 3 זין און 5 טעכטער האָט שוין אין יונגן עלטער געפילט די זאָרג פון עקאָנאָמישער אומזיכערקייט, פון באַדגלאָזיקייט און באַגרע־נעצטקייט פון די יידישע אַרבעטס־קוואַלן, אַזוי ווי דער רוב יידישע יוגנט אין וואַרשע און אין פּוילן בכלל.

עס האָט אין אַלגעמיין באַהויכט די היים אַ טיפע ליבשאַפט צום געדרוקטן וואָרט און דאָמינירט די טענדענץ צו דעראָבערן זיך אַן

אינטעלעקטועלע פּאָזיציע. תמיד איז דער, אָדער אַן אַנדערער געזעסן ביז שפּעט ביינאַכט פאַרטיפט איבער אַ בוך און ווען מ׳האָט פאַרענדיקט איין שטודיע, האָט מען זיך גענומען צו אַ צווייטער. געשטויסן אויך דורך דעם באַוווסטזיין, אַז אַ יידישער אינטעליגענט איז אויסגעשטעלט אויף אַ גרויסע קאָנקורענץ און כדי זיך צו עפּעס דערשלאָגן, דאַרף ער באַזיצן אַ סך וויסן. בלויז איינער, דער מיטלסטער ברודער, יוסף, האָט בפירוש געזען זיין אָרט אין די רייען פון פיזישע אַרבעטערס און געשטרעבט צו ווערן אַ פּראָדוקטיווער עלעמענט אויף דעם געביט. ער איז אויך געוואָרן אַן עכטער פּראָלעטאַריער, אַזוי לויט דער איבערצייגונג ווי אין פירונג. אַ שטורמישער טעמפּעראַמענט, האָט ער זיך פאַרמאָסטן צו צעשטערן די גאַנצע בורזשואַזע וועלט און אויפצובויען אַן אַנדערע פון יושר און גערעכטיקייט. ער האָט אויסגעקליבן אַ פאַך, טריקאָטאַזש, כדי „אַנצוטאָן" די מענטשן און פלעגט חוזק פון די „קליינבירגערלעכע" שטרעבונגען פון די בני־בית. זייער טיכטיק אין דער קאָמוניסטישער אָרגאַניזאַציע, ספּעציעל אין דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג און גערודפט דורך דער פּאָליציי, האָט ער נאָך אַלס יונגער בחור געמוזט פאַרלאָזן פוילן (ער איז אַוועק קיין בעלגיע און דאָרט אומגעקומען אין דער נאַצי־תקופה).

אין זין פון פּאָליטישע אָנשויונגען האָבן זיך אין דער פאַמיליע מיט דער צייט באַקעמפט פאַרטייִשע פּראָגראַמען פון קאָמוניזם, בונדיזם, פּאָלקיזם, נאָר איין שוועסטער איז פאַרבליבן גלייכגילטיק צום פּאָליטישן קאַמף. די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע אידעע האָט אַריינגעבראַכט און רעפּרעזענטירט מרדכי.

יעדער פון די פּאָליטיש אַקטיווע און „באַוווסטזיניקע", פלעגט אַהיים ברענגען אויפקלערונגס־מאַטעריאַל פון זיין קרייז אָדער פאַרטיי, וואָס איז פאַרן „קעגנער" געווען פּסול, טריפה. מ׳האָט באַטראַכט פאַר אונטערן כבוד צו נעמען אין דער האַנט אַריין יענע „אַבסורדן". ווען מען איז אַ ביסל עלטער און רייפער געוואָרן, פלעגט מען שוין יאָ, מיט נייגיר, הגם פאַרזיכטיק און פאַרבאַהאַלטענערהייט, כאַפּן אַ בליק אין דער „פיינדלעכער" ליטעראַטור. מ׳האָט געזוכט שטאָף צו שלאָגן דעם צווייטן לאַגער מיט זיינע אייגענע אַרגומענטן. נישט איין מאָל, בפרט בשעת אַ וואַל־קאַמפּאַניע, האָבן די חילוקי־דעות געפירט צו העפטיקע וויכוחים און שטרייטן, אָנגעהאַלטן אין אַ טאָן פון אַ גאַסן־מיטינג. מען האָט זיך קעגנזייטיק קריטיקירט און געשטאָכן מיט זידל־ווערטער, צונויפגעזאַמלטע פונעם גאַנצן פּראָפּאַגאַנדע־לעקסיקאָן.

בשעת וואַלן האָט יעדער זיך באַמיט צו באַקומען די שטים פון דער מאַמען. מ׳האָט זי פאַרוואָרפן מיט צעטלען און אויפרופן, און זי, די האַרציקע נשמה, נישט וועלנדיק קיינעם אָנטאָן קיין צרות, האָט יעדן באַזונדער צו־

געזאָגט צו שטימען אויף „זיין" ליסטע און אַזוי אַרום פֿאַרגרעסערן אירע שאַנסן אויף אַ זיג. אויף וועמען זי האָט אין דער אמתן געשטימט איז געבליבן איר אייביקער סוד. דאַקעגן האָבן אַלע געוווסט, אַז דעם פֿאָטערס שטים איז אָפּגעגעבן געוואָרן פֿאַר די פֿאַלקיסטן.

*

די ווייטערדיקע משפחה — די פֿעטערס, מומעס און קוזינען — האָבן מיט זייער דורכשניטלעכער און באַלעבאַטישער פֿיזיאָנאָמיע נישט צוגעטראָגן קיין ספּעציפֿישע ווערטן צו דער געשטאַלטונג פֿון מרדכיס ענגן פֿאַמיליען־קרייז. דער בונד פֿון קרובהשאַפֿט און דער אָנגעהאַלטענער קאָנטאַקט איז גיכער געווען פֿון רוטין און אַ פֿאָרמעלער, ווי אַ האַרציק־נאָענטער. מ׳פֿלעגט קומען איינער צום אַנדערן פֿון צייט צו צייט, קעגנזייטיק טיילן זיך מיט די זאָרגן און פֿרייד, מיט צרות און נחת פֿון קינדער.

דאָס זענען געווען ס׳רוב קליינבירגערס און נישקשהדיק איינגעאָרדנטע, וואָס האָבן זיך לייכטער ווי דוד טענענבוים אַדורכגעשלאָגן אַ וועג אין לעבן. זייער גייסט — אַ מער ווייניקער טראַדיציאָנעלער. דער עלטערער דור, אַפֿילו ווען ס׳האָט אים געפֿעלט אַן אַקטיווע באַציִונג צו געוויסע נאַציאָנאַלע פּראָגעס, איז דאָך געווען עמאָציאָנעל אַריינגעוואָקסן אין דעם יידישן לעבנס־שטייגער.

דאַקעגן איז די יוגנט, כמעט אין גאַנצן אַ שטודירנדיקע, דערצויגן דער עיקר אויף דער פּוילישער קולטור און פּוילישער שפּראַך, לייכט אַרונטערגעפֿאַלן דעם אַסימילאַטאָרישן דרוק פֿונעם אַרום.

דאָרט ווו די היים האָט נישט געקענט קעגנווירקן דער פּוילישער גאַס מיט קיין אייגענע יידישע ווערטן, האָט זיך געשאַפֿן אַ סכנותדיקע דער־ווייטערונג פֿון איר.

אויף דעם אַלגעמיינעם פֿאָן פֿון משפּחה־בילד, האָבן זיך אויסגעטיילט צוויי פּערסאָנאַזשן, וואָס האָבן מיט זייערע אויסטערלישע האַנדלונגען געמאַכט אַ זייער שווערן רושם.

דער ערשטער, דעם פֿאָטערס יונגסטער ברודער, אַ באַגאַבטער מאָלער־קינסטלער, איז, צו אַלעמענס שטוינונג, אין יאָר 1921 אַוועק קיין סאָוויעט־רוסלאַנד און פֿון דאָרט געשיקט אַ בריוו, אין וועלכן ער האָט אויסגעדריקט חרטה מחמת זיין ביז איצטיקן לעבן פֿון אַן „עקספּלאָאַטאָר" און באַ־דויער, וואָס אַלע זייניקע זענען אָדער שטרעבן צו זיין „הויז־באַזיצערס אַנשטאָט הויז־וועכטערס". נאָך אַ קורצער קאָרעספּאָנדענץ, וואָס איז געווען אָנגעהאַלטן אין אַן ענלעכן סטיל, איז יעדער שפּור נאָך אים פֿאַרשוווּנדן.

נאָך מער צער האָט אַלעמען פֿאַרשאַפֿט אַ קוזין פֿון פֿאָטערס צד, וואָס האָט שטודירט יוריספּרודענץ און שוין געווען אַ דערפֿאָלגרייכער שרייבער

פון קרימינאַל־פּאָליציי־שע נאָוועלן (אין פּויליש). אין די ליטעראַרישע קרייזן האָט מען אים גערופן „דער פּוילישער וואַלאַס״. ער האָט באַשלאָסן, פאַר יעדן פּרייז, זיך צו דערשלאָגן צום אַמט פון אַ פּראָקוראָר פאַר קרי־מינעלע פאַרברעכנס. די אַרבעט האָט אים געזאָלט צושטעלן אַ רייכן מאַטעריאַל פאַר זיין ליטעראַרישער שאַפונג. די אויסזיכטלאָזיקייט צו דער־גרייכן זיין ציל אַלס ייד, האָט באַוויזגן דעם אַמביציעזן קאַריעריסט צו פאַרלייקענען זיין שטאַם — זיך צו שמדן. אגב, האָט אים אויך דאָס נישט געבראַכט די געגאַרטע פּאָזיציע. ער פלעגט שפּעטער קומען יעדן פרייטיק צו נאַכטס צו די עלטערן און זיי „טרייסטן״, אַז ער איז גאָר נישט געוואָרן קיין „גוי״ — ער האָט נאָר אַראָפּגעריסן פון זיך „די יידישע קייט״, וואָס האָט אים געפּענטעט אינעם גאַנג פאָרויס. אינערלעך איז ער געבליבן דער זעלבער מענטש „אָן נאַציאָנאַלע פאָראורטיילן״ מיט אַ שטרעבונג צו אַ פּאָסטן, וואָס ס׳קומט אים, לויט זיין נאַטירלעכן באַרוף — אַזוי האָט ער אויסגעטייטשט זיין האַנדלונג. זעט אויס, אַז די נייע פּעל האָט אים לחלוטין נישט געבראַכט קיין באַרו־קונג. פאַרקערט, ס׳איז קענטיק געווען די אַנטוישונג: זינט דעם פּאַטאַלן טאָג איז אַ שטענדיקער אומעט געלעגן אויסגעגאָסן אויף זיין פּנים.

דער טרויעריקער פאַל האָט געהאַט אַ געוויסע אויסווירקונג אויפן באַפּעסטיקן דעם נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין איז דער גאַנצער משפּחה. דער רענעגאַט האָט באַדייט אַ שווערן מאָראַלישן קלאַפּ פאַר אַלעמען, באַוויגן די עלטערן צו רעווידירן די דערצי־נג פון זייערע קינדער און צו סטימולירן דעם אינטערעס פאַר יידישקייט.

די טענדענץ האָט זיך צונויפגעגאָסן מיטן אַלגעמיינעם נאַציאָנאַלן אויפשוווּנג אויף דער יידישער גאַס, מיטן אַנטשטיין פון אַ נעץ יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן קעגנגעווירקט די אַסימילאַטאָרישע שטרעמונגען.

עטלעכע קוזינען זענען אַריינגעצויגן געוואָרן אין די ציוניסטישע גרופּירונגען, וואָס האָט זיי געשטעלט אויסערן געפאַר פון דערווייטערן זיך פונעם אייגענעם פאָלק. אָבער די טעמע איז לאַנג נישט פאַרשוווּנדן פון די געשפּרעכן. אין די שמועסן צווישן קרובים פלעגט מען מיט פאַר־ביטערונג אינטערפּרעטירן דעם פאַל פון דעם משומד און אים שטעמפּלען.

מרדכי, וואָס איז נאָך געווען אַ יינגעלע, האָט מיט אָפענע אויערן, פון אַ ווינקל, זיך צוגעהערט צו דער מאַמעס רייד: — „אַן אומגליקלעכער מענטש, אָן אַ שום גלויבן, נישט קיין ייד און נישט קיין קריסט. אַ בושה פאַר אונדז און אַ חוזק פאַר זיי״. — אַלע שטוביקע זענען מסכים געווען מיט איר אָפּשאַצונג. אַ ציט שפּעטער, ווען דער משומד איז אַוועק קיין ד. אַמעריקע אויף אַ שרייבער־קאָנגרעס און שוין מער נישט צוריקגעקומען,

האָבן אַלע לייכטער אָפּגעאָטעמט. די ווונד האָט אויפגעהערט צו אייטערן און זיך גענומען היילן.

בערך אין יענער צייט, אפשר כדי צו רעקאָמפּענסירן דעם אונטער־וואַקסנדיקן דור פאַר דעם מאָראַלישן קלאַפּ, האָט מען זיך מיט אַ מאָל דערמאָנט וועגן אַ יחוס, וואָס האָט געדאַרפט הייבן דאָס געפאַלענע געמיט — דאָס איז געווען די קרובהשאַפט מיט נחום סאָקאָלאָוו. דעם פאָטערס מוטער, נחמה, איז געווען די טאָכטער פון ראובן יוסף קאָהן און חיה סוכאַטשעווסקי; פון דער זעלבער פאַמיליע האָט געשטאַמט סאָקאָלאָווס מוטער, מרים גיטל, די טאָכטער פון שמואל קאָהן, וואָס האָט חתונה געהאַט מיט חיה סוכאַ־טשעווסקיס אַ שוועסטער.

אַ ספּעציעלע „שוואַכקייט" אין דער הינזיכט האָט אַרויסגעוויזן איין מומע, אַ „הייסע" ציוניסטקע, וואָס פלעגט אָפט אָנדייטן אויף דעם פאַקט און רעדן מיט גרויס באַגייסטערונג וועגן דער דאָזיקער פּראָמינענטער פּערזענלעכקייט. עס האָט געמאַכט אַן איינדרוק, ווי זי וואָלט גערופן צו הילף דעם נאָמען אַלס אַ באַווייז, אַז פון דעם זעלבן גענעאַלאָגישן בוים איז אַרויסגעוואַקסן אַ מענטש מיט אַ סך פאַרדינסטן פאַרן יידישן פאָלק.

*

מיט אַ מערקווירדיקן צויבער איז אַריינגעדרונגען אין משפחה־ווײזן די געשטאַלט פון דער באָבען, אייגנטלעך, איר גייסט. זי האָט אַרויסגעקוקט פון דעם גרויסן פּאָרטרעט ממש ווי אַ לעבעדיקע. דאָס אָרט, וווּ דאָס בילד איז געהאַנגען, רעכטס, אין עסצימער, האָט זיך אויף תמיד איינגעקריצט אין זכרון מיט אַ באַזונדער ליכט, מיט אַ מין „זיו־השכינה".

דער פּאָרטרעט פון דער באָבען איז אויך אויסערלעך געווען אַ שיין קונסט־ווערק; דער ביוסט אין נאַטירלעכער גרייס, געמאָלן מיט אייל־פאַרבן, איז געווען איינגעפאַסט אין אַ דיקער גאָלדענער ראַם. אין דעם געזיכט, איבעם גאַנצן אויסזען, איז געווען עפּעס פון הימלישן. דאָס איז אַרויסגעפלאָסן פון דער מלאכדיקער גוטסקייט, וואָס האָט פון איר גע־שטראַלט און אפשר אויך טיילווייז פון די גאָלדענע שטערנדלעך אויפן בלויען זשאַבאָט פון איר בלוזע.

די מוטער האָט באַוויזן צו שאַפן אַרום דער באָבען אַן אַרעאָל פון מאָראַלישער דערהויבנקייט און די קינדער האָבן זי באַפליגלט מיט יוגנט־לעכער פאַנטאַזיע. דער באָבעס בילד איז געווען אַ וויכטיקער פאַקטאָר אין זייער דערציונג און אַ קוואַל פון אינספּיראַציע פאַר די נאָבלסטע געפילן פון מענטשן־ליבע. די באָבע, ווי אַ טעמע פאַרן הויזגעזינד פלעגט אַרויסשווימען ערב עפּעס אַ יום־טוב, וואָס האָט אָנגערעגט צו זכרונות, אָדער ווען אימעצער פון די אָרעמע לייט, וועלכע הענע פלעגט וואַרעם

אויפנעמען, געבן אָנצועסן, אַלטע וועש און קיינעם נישט אַרויסלאָזן מיט ליידיקע הענט, האָט אין איר דערקענט די טאָכטער פון דער אומ־פאַרגעסלעכער נדבנטע. דעמאָלט האָבן אַ שטראָם געטאָן דערינערונגען און טרערן...

— „ווער קאָן זי דען פאַרגעסן?״ — האָט זי אָנגעהויבן מיט אַ טאָן פון ווייטיק און התלהבות. אין דער רגע האָבן זיך אַלעמענס בליקן געוואָנדן צו דער באָבעס מאַטריאַרכאַלן פּאָרטרעט. אין דעם גרויען אינדערוואָכן האָט זיך מיט אַ מאָל אַריינגעריסן עפּעס פון אַ פאַרכישופטער וועלט. די שטוביקע פלעגן זיך צונויפזאַמלען ביים גרויסן טיש, זיך איינהערן אין די ליריש־פאַרבענקטע רייד און ווערן אַליין פאַרפלייצט פון זיסע טרוימען וועגן אַ בעסער און שענער לעבן. און אינטערעסאַנט! כאָטש די פערזענלעכקייט און די אויפטוען פון דער באָבען זענען שוין געווען גוט באַקאַנט, האָט דאָך קיינער נישט געוואַגט צו שטערן די פייערלעכע שטימונג, דעם מאָדנעם צערעמאָניאַל. אַזוי אַרום האָט די „מזרח־וואַנט״ פון עסצימער סימבאָליזירט די אידעאַלן פון הומאַנער ליבע און סטימולירט צו גוטע מעשים.

קאַפּיטל צוויי

די קינדער־יאָרן

אין דעמבלין

מרדכיס פריִעסטע קינדער־יאָרן זענען געשטאַנען אונטערן צייכן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה און דעם מאָראַלישן, ווי אויך ווירטשאַפטלעכן כאַאָס, וואָס זי האָט מיטגעבראַכט. די שווערע פאָלגן פון דעם קריג האָבן שטאַרק אָנגעגריפן די יידישע באַפעלקערונג און אירע הכנסה־קוואַלן, וואָס זענען געווען פאַרבונדן מיטן רוסישן מאַרק. דערצו האָבן די אָפטע רעקווי־זיציעס און סתם רויבערייען מצד דעם דייטשן אָקופּאַנט, דערפירט צו אַ מאַנגל אין פּראָוויאַנט, נאָך מער ווען די פּויערים האָבן גענומען אויס־באַהאַלטן די רעשטלעך אַגראַר־פּראָדוקטן, כדי זיי נישט אַוועקצוגעבן פאַר די אַנטוואָרטעטע דייטשע מאַרקן. צווישן דער שטאָטישער באַפעלקערונג האָט זיך פאַרשפּרייט אַ הונגער.

אין אָנבליק פון דער שווערער לאַגע, איז דוד צוזאַמען מיט זיין פאַמיליע אַוועק קיין דעמבלין, נאָר די צוויי עלטסטע קינדער, חנה און עקיבא, זענען פאַרבליבן אַ געוויסע צייט אין וואַרשע, כדי נישט איבער־צורייסן די לימודים. דער פאָטער און די מוטער פלעגן מיט גרויס אָנשטרענג אַריבערפירן צו זיי אַ ביסל פּראָוויאַנט און אויך נאַפט, וואָס האָט שטאַרק געפעלט. שפּעטער, ווען די קאָמוניקאַציע מיט וואַרשע איז נאָך מער באַשווערט געוואָרן, זענען אויך דיביידע געקומען קיין דעמבלין.

דאָס שטעטל, וואָס איז געלעגן אויף דער גרענעץ צווישן עסטרייך און דעם טייל טעריטאָריע, פאַרנומענעם דורך די דייטשן, האָט געגעבן די מעגלעכקייט לייכטער צו דערגרייכן באַשפּייזונג. דאָס לעבן אין דעמבלין איז געפלאָסן פאַרהעלטענישמעסיק רויִק. דער שמוגל, וואָס איז אָנגעגאַנגען דורך דער גרענעץ, האָט געליפערט די נייטיקע פּראָדוקטן צו ביליקע פּרייזן, אָבער דאָס פּרימיטיווע שטעטעלע, נישט ברוקירט, אָן וואַסער־לייטונג, אָן אַ שול און אַ געהעריקער סביבה, איז געווען אָן אָפּקומעניש פאַר די דערוואַקסענע און די עלטערע קינדער. דאַקעגן האָט עס די קליינע קינדער צוגעשטעלט געזונטע קוואַלן פון פאַרגעניגן.

*

דאָס מיזינקל, מרדכי, האָט זיך דאָ זייער גוט אַנטוויקלט און געוואַקסן אַ פּרעכטיק קינד. איין מאָל, ווען באַצירט מיט לאַנגע גאָלדענע לאָקן און אָנגעטאָן אין קאָלירטע מלבושים, האָט ער זיך געשפּילט אויפן פעלדביים מאָלערישן ברעג פונעם טייכל און אַרומגעשפּרונגען פון בלום צו בלום, האָט די מוטער, אַן אַנטציקטע, אַ זאָג געטאָן: — „פונקט ווי אַ מאָטילעק". אַלעמען איז געפעלן געוואָרן דער פאַרגלייך צו אַ שמעטערלינג און פון דעמאָלט אָן האָט מרדכי באַקומען דעם נאָמען „מאָטילעק". און זיין גאַנץ קורץ לעבן איז ער שוין פאַרבליבן אין דער היים מיט דעם דאָזיקן שיין קלינגענדיקן און ראָמאַנטישן צונאָמען, וואָס איז שפּעטער געוואָרן אַ סימבאָל — אַ זומער־פייגעלע, וואָס רייסט זיך אין די הויכ־קייטן, צו דער זוניקער ליכטיקייט און פאַלט אַראָפּ מיט פאַרברענטע פליגלען...

אין דעמבלין האָט מען מיט פרייד אויפגענומען די ידיעה וועגן סוף פון דער מלחמה און די פּראָקלאַמאַציע פון פּוילנס אומאָפּהענגיקייט. דער צוריקקער צו זעלבשטענדיקייט האָט באַוויזן נייע פּערספּעקטיוון, דערוועקט האָפענונגען, אָבער די זענען גיך אויסגערונען.

מ'האָט זיך אומגעקערט קיין וואַרשע אין העלפט 1920, געדונגען אַ דירה אויף דער זעלבער מילע־גאַס, נאָר אין אַן אַנדער הויז — נר. 53. דאָרטן איז געבוירן געוואָרן די יונגסטע שוועסטער — טאַמאַראַ.

די לימודים

ביי די קנאַפּע פינף יאָר האָט די מוטער אָוועקגעפירט מאָטילעקן אין אַ חדר, וואָס האָט זיך געפונען אַנטקעגן דעם וווינהויז. מיט דערשראָקענע אויגן האָט דאָס קינד באַטראַכט די ייִנגלעך, וואָס האָבן זיך מיט אַ זשומענ־דיקן גערויש געשאָקלט איבער זייערע סידורימלעך, דעם שטאַרק באַוואַק־סענעם רבין און זיך פאַרטראַגן אין אַ געוויין. די מאַמע האָט אים געמוזט אַרויספירן פון דאָרט און איינשטילן מיט אַ שיין מעשהלע. אַ ביסל אַ באַרויִקטער, איז מרדכי לסוף מסכים געווען צו פאַרבלייבן אינעם חדר.

ער האָט זיך צוגעוווינט צו דער נייער סביבה, צו די לימודים און שוין געגאַנגען אַהינצו מיט חשק.

נאָך אַ צוויי יאָר האָט די מוטער אַרויסגענומען איר זונעלע פונעם חדר און אים אַריינגעגעבן אין דער תרבות־שול. די ריכטונג פון דערציִונג איז געווען פאַר דער היים אַ נייע, וואָרעם די אַנדערע קינדער האָבן באַזוכט שולן מיט דער פּוילישער לערן־שפּראַך. די צייט האָט ביי דער מוטער רייף געמאַכט דעם ווילן צו געבן איר קינד אַ מאָדערנע נאַציאָנאַלע דערציִונג.

מרדכי איז געווען אַנטציקט פונעם בייט. — „זייער אינטערעסאַנט, ס'געפעלט מיר ביז גאָר" — האָט ער אויסגעדריקט זיין צופרידנקייט און באַטאָנט, אַז ער וואָלט זיך מער נישט אומגעקערט און דעם „לאַנגווייליקן" חדר. עטלעכע יאָר איז מאָטילעק געגאַנגען זייער גערן אין שול אַריין. ער איז געווען אַן אויסגעצייכנטער און דיסציפּלינירטער, ממש מוסטער־האַפטער תלמיד.

בערך אין 12־יאָריקן עלטער, איז געקומען אַ ראַדיקאַלע ענדערונג אין זיין באַציונג צו דער שול. זי האָט אים אויפגעהערט צו אינטערעסירן. די פאַרוואונדערטע לערערס האָבן אים גערופן צו אָרדענונג, נאָכגעפרעגט ביי זייער ביז איצטיקן ליבלינג אויף די סיבות פון דער אומפאַרשטענד־לעכער התנהגות, אָבער נישט געקענט פון אים אַרויסבאַקומען קיין שום אויפקלערונג — ער האָט עקשנותדיק געשוויגן און געהאַלטן די אויגן צוגעשמידט צום פּאָל. האָבן די לערערס אָנגעהויבן אַרויסרופן די מוטער און זיך באַקלאָגן, אַז איר זון ווייזט נישט אַרויס קיין אויפמערקזאַמקייט בעת די לעקציעס און לייענט אין קלאַס ביכער, וואָס האָבן נישט קיין שייכות מיט דעם באַהאַנדלטן מאַטעריאַל. נאָך מער, ער ציט אַריין אין דיסקוסיעס אַנדערע שילערס און וואָגט אַפילו איבערצורייסן דעם לערער מיט פראַגעס אָן אַ פאַרבינדונג מיטן פּראָגראַם. דאָס שטערט דער נאָר־מאַלער אַרבעט — האָבן זיי געטענהט און געבעטן אים צו באַאיינפלוסן אין דער היים.

דערביי פלעגן די דערציִערס אונטערשטרייכן, אַז מרדכי איז איינער פון די אינטעליגענטסטע און פעִיקסטע תלמידים, אָבער זיין לעצטע אויפפירונג אין קלאַס גייט ווייט אַרויס פון די ראַמען פון שול־דיסציפּלין. עס האָט אַפילו פּאַסירט, אַז מאָטילעק האָט אַהיים געבראַכט אויף די קוואַרטל־צייגענישן שלעכטע קוואַליפיקאַציעס פון געוויסע קעגנשטאַנדן. זיי, לויט דער דערקלערונג פון די לערערס, זענען געווען ווי אַ שטראָף פאַר זיין נישט קאַראַקטערער התנהגות. די מוטער פלעגט דאַמאָלסט מיט אַ סך געדולד אים אויפקלערן די נויטווענדיקייט פון לערנען, בכדי נישט צו בלייבן „אַ גראָבער יונג", צו קענען זיך דערווערבן אַ שענערע און בעסערע פּאָזיציע אין לעבן.

מאָטילעק, אַ זייער סענסיטיווער, האָט אין אַזעלכע פאַלן זיך גע־שפּירט ביז גאָר אומבאַקוועם, געוואָרן צוויק־רויט און געפּרוווט נישט דרייסט זיך פאַרטיידיקן: — „די לעקציעס זענען שטאַרק לאַנגווייליק... מיר איז שוין פאַרמיאוסט געוואָרן דאָס מעכאַנישע איבערחזרן... דאָס זיצן אין קלאַס איז אַ פאַרלוירענע צייט" — האָט ער שטיל, מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן געזוכט צו באַרעכטיקן זיינע פאַרווורפן.

ער האָט אָנגעהויבן אויסצוגעפונען חסרונות הן אין דעם לערן־פּראָגראַם, הן אין דער מעטאָדיק. עס האָבן אים נישט באַפרידיקט די ראַמען און נישט דער אופן ווי אַזוי דער מאַטעריאַל ווערט דערלאַנגט די תלמידים.

— „וויפל וויכטיקע דערגרייכונגען פון מענטשלעכן גייסט ווערן פאַר אונדז לגמרי נישט אַרויסגעבראַכט! אויך דעם פּראָגראַמאַטישן שטאָף לערנט מען אַזוי איבערפלעכלעך, אַז ס'איז אוממעגלעך זיך צו שאַפן עפּעס אַ באַגריף וועגן די באַהאַנדלטע פּראָבלעמען. די קנאַפּע ידיעות, וואָס די שול גיט, קענען נישט דינען אַפילו ווי אַ מינימאַלער יסוד פון קענטע־נישן" — האָט מרדכי געטענהט מיט פאַרדראָס. טייל מאָל פלעגט ער זיך אומקערן אַהיים שטאַרק דענערווירט און אויסשרייען הויך זיין קריטיק באַלד נאָכן אַריינקומען אין שטוב.

— „ביז חלשות חזרט מען איבער מינדערוויכטיקע פּרטים, ווען עיקרדיקע זאַכן ווערן אין גאַנצן פאַשוויגן. די לערערס באַציִען זיך צו די שילערס, ווי צו וועזנס מיט אַ באַגרענעצטער אינטעליגענץ, ווי צו קליינע קינדער" — האָט מאָטילעק העפטיק רעוואָלטירט קעגן זיינע דערציִערס. ער פלעגט פּרווון אויספועלן ביי דער מוטער די דערלויבעניש צו פאַרלאָזן די שול.

— „איך וועל דעמאָלט אויסנוצן די צייט אַ סך צוועקמעסיקער און לערנען ווי ס'דאַרף צו זיין" — האָט ער זיך געבעטן.

ווען ער האָט אויפן אַנטשלאָסענעם פאַרלאַנג פון דער מוטער לסוף פאַרענדיקט די שול, האָט מרדכי געהאַט דאָס געפיל, ווי די גאַנצע וועלט פון וויסן וואָלט זיך ברייט געעפנט, כדי צו אַנטפּלעקן פאַר אים אירע פילצאָליקע סודות. מיטן גאַנצן ברען פון זיין טעמפּעראַמענט האָט ער זיך צוגעכאַפּט צו די ביכער און געזוכט וועגן פון דערקענטעניש פון אַזאַ אָדער אַנדערן פּראָבלעם, וואָס האָט אים געעגבערט דעם מוח.

די מאַמע האָט דאָך ביי אים געפועלט צו מאַכן אַ פּרווו אַריינצוטרעטן אין אַ פאַך־שול. ער האָט עס געטאָן, אָבער פאַרבליבן דאָרט אַ קורצע צייט, ווייזט אויס, נישט געפונען קיין באַפרידיקונג אויף דעם געביט. עס איז פאַר איר קלאָר געוואָרן, אַז דעם מיזיניקל לאָקט די ספערע פון אַבסטראַקטן וויסן. אַ ביסל שפּעטער וועט ער שטאַרק פאַרכאַפּט ווערן פון דעם דראַנג צו ווידמען זיך דער פאָרשונג פון די מזרח־קענטענישן.

קאַפּיטל דריי

די פרייִע יוגנט

די ליבע צום בוך

ביי מרדכין האָט זיך אין פרייִען עלטער דערוועקט דער אינטערעס צו דער אַרומיקער וועלט. זיין אַמביציע האָט אים געשטויסן צו דערווערבן זיך אַ מעגלעך ברייט וויסן, ווי אַ מיטל צו קענען זיך שאַפן אַ זעלבשטענדיקע קאָנצעפּציע וועגן געוויסע פּראָבלעמען און אָפּשאַצן ווערטן מיטן אייגענעם פאַרשטאַנד, נישט דורך אַקצעפּטירן קאָנווענציאָנעלע מיינונגען און באַגריפן.

דער דראַנג צו קענטענישן אויף פאַרשידענע געביטן האָט אים באַוויגן צום אומדערמידלעכן לייענען און לערנען. נאָכן פאַרענדיקן די תרבות־שול פלעגט ער זיצן גאַנצע טעג, ביז שפּעט ביי נאַכט, פאַרטיפט אין די ביכער. זיין גייסטיקער אומרו האָט פון אים געמאָנט אַלץ נייַע פאַרמעסטן. דער פאַרנעם פון זיינע אינטערעסן איז געווען אַ גרויסער, דהיינו: בעלעטריסטיק, געשיכטע, פילאָזאָפיע, אַנטראָפּאָלאָגיע, נאַטור־וויסנשאַפט, אַסטראָנאָמיע א״א. בערך ביי 16 יאָר קומען צו: פּאָליטישע עקאָנאָמיע, מאַרקסיזם און אַ ביסל שפּעטער די פאַרהעלטענישמעסיק יונגע און מאָדערנע וויסנשאַפט — סאָציאָלאָגיע.

יעדער נייער אָביעקט פון שטודיע רופט ביי אים אַרויס אַ טיפן נייגיר, וואָס דערגייט נישט זעלטן צו אַ באַגייסטערונג; זייער אָפט איז אים פּשוט שווער זיך צו שיידן מיטן בוך. ער האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ נישט־אָנגעזעטיקטן, ווען דער דאָרשט נאָך וויסן טרייבט כסדר צו פרישע קוואַלן. ווען עס טויכט אויף פאַר מיינע אויגן מאָטילעקס געשטאַלט אין דער היים, זע איך אים תמיד פאַרזונקען אין אַ בוך אָדער מיט אַ פעדער אין דער האַנט.

דעם פאַרשידנאַרטיקן מאַטעריאַל האָט ער שטודירט מיט אַן אייגענעם סיסטעם. כדי בעסער אַריינצודרינגען אין דעם תוכן פון די ענינים, האָט ער געמאַכט קאָנספּעקטן אויף פּויליש אין אַ ספּעציעלן, דיקן און גרויסן העפט, דעם דאָזיקן האָט ער שטרענג אויסבאַהאַלטן פאַר אַ פרעמד אויג אין אַ שופלאָד אונטער אַ שלאָס.

אין דעם העפט פאַרצייכנט ער אַלץ, וואָס זעט אים אויס וויכטיק, גאַנצע אויסצוגן, צי „גאָלדענע געדאַנקען" פונעם מחבר. מיט צופרידנקייט שטרייכט

ער אונטער די ריכטיקייט פון די מיינונגען, מיט וועלכע ער איז מסכים, צוגעבנדיק אָפט אייגענע אָבסערוואַציעס. ווען אָבער מרדכי איז נישט איינשטימיק מיטן שרייבער, פאַרפירט ער מיט אים אויף די שפּאַלטן פון די בלעטלעך אַ וויכוח, קריטיקירט יענעמס געדאַנקען־גאַנג, פרעגט אָפּ די אויספירן און ברענגט אַרויס מיט אַ געהעריקער באַגרינדונג זיין שטאַנדפּונקט.

אין רעזולטאַט פון זוכענישן און טראַכטענישן האָט זיך דער העפט, אַ פאַרפולטער מיט ידיעות און אידעעס, פאַרוואַנדלט אין אַ מין אוצר, וואָס אַנטהאַלט די וואָר, אויסגעשיילט און אויסקריסטאַליזירט דורך אים אַליין. די פאַרפיקסירטע באַהויפּטונגען און פעסטשטעלונגען האָבן אים געזאָלט דינען ווי אַ קאָמפּאַס און וועגווייזער אין זיין גאַנג פאָרויס.

באַהערשט פון טענדענצן צו יושר און צדק, זוכט מרדכי צו באַגרייפן די פאַקטאָרן, וואָס רעגירן מיט די געזעלשאַפטלעכע געשעענישן און צו געפינען אין דער קאָנסטעלאַציע אַ פּאַסיק אָרט פאַר זיך. די סאָציאָלאָגיע גיט די נייטיקע מעטאָדאָלאָגיע צו פאָרשן די פּראָצעסן און מרדכי שטעלט זיך פאַר אַן אויפגאַבע צו באַקענען זיך מיט דער דיסציפּלין און אירע באַזונדערע שיטות. דעם געהעריקן דידאַקטישן מאַטעריאַל האָט ער געפונען אין דער ביבליאָטעק פון זיין שוועסטער נינאַ, וואָס האָט דאַמאָלסט אָנגע־הויבן צו שטודירן די ספּעציאַליטעט אויפן וואַרשעווער אוניווערסיטעט.

די לערע העלפט אים צו אַנטוויקלען די פעיִקייט צו אַנאַליזירן און אויפנעמען דערשיינונגען נישט בלויז סטאַטיש, ד״ה אין מצב פון ז ײ ן, נאָר אויך דינאַמיש, אין גאַנג פון װ ע ר ן, דאָס מיינט פון שאַפונג און געשטאַלטיקונג פון אַ נייערווירקלעכקייט.

מרדכי שטרעבט צו באַגרייפן די גורמים, וואָס באַשטימען די געזעל־שאַפטלעכע אַנטוויקלונג, פאָלגט נאָך די אויסווירקונג פון דער פאַרגאַנ־גענהייט אויף דער קעגנוואַרט, כדי צו ציען מסקנות אויף דער צוקונפט און אין הסכם מיט דעם אָנצוצייכענען פאַר זיך פּלענער פון האַנדלונגען און אופנים פון זייער רעאַליזאַציע, ווי ער וואָלט וועלן דערגיין דעם תכלית פונעם לעבן, ממש דערגרונטעווען זיך צו די יסודות, אויף וועלכע עס באַזירט זיך די וועלט. באַנעמען ריכטיק די פאָרשטייענדיקע פּראָצעסן — דאָס איז פאַר אים דער פּראָביר־שטיין פון הויכער מענטאַלער פּאָטענץ. דער יונגער אינטעלעקטואַל באַגערט מיטן גאַנצן ברען פון זיין נשמה אויסצואיבן אין זיך אַזאַ גייסטיקע קראַפט, „דינאַמיק פון געדאַנק״ — ווערט זיין ליבלינג־פראַזע.

דער פֿאַרלאַנג פֿון אַן אוידיטאָריע

די רעיונות, וואָס האָבן באַשעפֿטיקט זיין מוח, האָט מרדכי געזוכט אַרויסצוברענגען נישט בלויז אויף שריפֿט אין זיין העפֿט, נאָר אויך אין לעבעדיקן וואָרט. ער האָט געפֿילט די נויטווענדיקייט זיך צו טיילן מיטן וויסן, מיטצוציען מיט זיין געדאַנקען־גאַנג און געזוכט דערפֿאַר אַ פֿאָרום. די יוגנטלעכע, וואָס קומען צו אים, שפּעטער די חברים פֿון דער אָרגאַניזאַציע, פֿאַרוואַנדלען זיך גיך אין זיין אוידיטאָריע, דערביי קוקט זיך מרדכי אַרום מיט אומרו, אַז אַ פּרעמד אויער, ספּעציעל פֿון אַ דערוואַקסענעם, זאָל חלילה נישט אויפֿכאַפּן זיינע רייד, וואָרעם דער אימפּולסיווער טעמפּעראַמענט האָט געפֿאָדערט אַ וואַרעמען און אַקטיוון אָפּהילך אויף די אָנרעגונגען. דאַקעגן, ווי נאָר ער האָט באַמערקט אַ מאַנגל אין אינטערעס, פֿלעגט זיך זיין אייפֿער אויסלעשן און אַ פֿאַרשעמקייט איבעררייסן זיין לשון. דערפֿאַר האָט ער אויך אין דער פֿריער יוגנט אויסגעמיטן דיסקוסיעס מיט עלטערע, כּדי זיך נישט אויסצושטעלן אויף אַן עווענטועלע אָפּאָזיציע אָדער קריטיק צי מינדערשעצונג.

אָפֿט האָבן אים פֿאַרשידענע פּראָבלעמען אַזוי ווייט פֿאַרכאַפּט, אַז ס'איז שווער געווען אָפּצולענקען זיינע מחשבות אויף אַן אַנדערן אָביעקט. ס'האָט זיך מאָמענטווייז געדאַכט, אַז ער באַוועגט זיך אויף אַן אַנדערן שטח און לייגט נישט קיין אַכט אויף דעם אַרום, ווי ער וואָלט זיך בלויז איינגעהערט אין זיין אינערלעכער געדאַנקען־וועלט.

ווי נאָר מרדכי האָט באַגעגנט אַ פּאַסיקן חבר, האָט ער פֿאַר אים אַוועקגעשטעלט אַזאַ אָדער אַנדערע פֿראַגע, וואָס האָט אין יענער רגע צום שטאַרקסטן באַאומרויִקט זיין מוח. דערביי האָט ער געקוקט דעם מיטשמועסער גלייך אין די אויגן, כּדי צו ציען די פֿולע אויפֿמערקזאַמקייט צו זיינע רייד.

אין דער היים פֿלעגט מאָטילעק אויסלאָדן זיין גייסטיקן באַגאַזש, דער עיקר, פֿאַר דער יונגערער שוועסטער טאַמאַראַ. אין איר האָט ער געפֿונען אַ דאַנקבאַרן און גוטן מאַטעריאַל, וואָס לאָזט זיך קנעטן לויט זיין איינזען. מאָטילעק פֿלעגט איר געבן ביכער צו לייענען און דערנאָך זי עקזאַמינירן, קאָנטראָלירן איר אויפֿנעם־פֿעיִקייט. תּמיד פֿלעגט ער אַרויסרופֿן לאַנגע און הייכיקע פּאָלעמיקעס, וואָס האָבן אייגנטלעך אים אַליין געגעבן די געלעגנהייט אַרויסצוברענגען זיין אָנגעזאַמלט וויסן און אויך ספֿקות. מיט דער צייט ווען טאַמאַראַ האָט געפּרוּווט נישט דרייסט פֿאַרטיידיקן איר שטאַנדפּונקט, פֿלעגט ער שאַרף אַרונטעררייסן אירע אויספֿירן. יעדע מיינונג, פֿאַרשידן פֿון זיינער, האָט אַרויסגערופֿן אַ שטורמישע רעאַקציע פֿון זיין

זייט. — „ווען וועסטו שוין געפינען דעם געהעריקן צוגאַנג צו אַ זאַך?״ — האָט ער געשריגן צו טאַמאַראַ און באַלד אַ מער באַהערשטער, איבערגע־גאַנגען צו אַן אויפקלערונג און אַן אַנאַליז פון דעם באַהאַנדלטן ענין, געהאַלטן פאַר איר אַן ערנסטע לעקציע, ווי אַ לערער פאַר דערוואַקסענע תלמידים. נאָך דעם איז געקומען זיין וואָרענונג: — „דו דאַרפסט נישט מסכים זיין מיט אַלעם, וואָס דו לייענסט, מיט יעדער מסקנה פונעם אויטאָר, אַן אינטעליגענטער מענטש דאַרף זיך פאַרטיפן אינעם שטאָף, באַטראַכטן יעדע טעזע באַזונדער און האָבן דעם מוט אָפּצוּוואַרפן די, וואָס ער האַלט פאַר פאַלש. עס ווערן דאָך געשריבן אַן אַ שיעור אַבסורדן, טאָ צו וואָס קאָן מען דערגיין, אויב מ׳זאָל מעכאַניש אָננעמען יעדן מחברס רעיון? מ׳דאַרף פאַרנעמען אַן אַקטיווע שטעלונג בנוגע דער לעקטור, אַליין פּראָבירן דערגרונטעווען דעם תוך פון דער זאַך, וואָס אינטערעסירט דיך און ערשט דעמאָלט וועט זיך פאַר דיר אַנטפּלעקן דער אמת, וועלכן דו ווילסט געפינען!״ — אַזוי האָט ער געלערנט זיין שוועסטער צו טראַכטן זעלבּ־שטענדיק. האָט זי אָבער, לויט זיין איבערצייגונג, ריכטיק אויפגעפּאַסט די באַהאַנדלטע טעמע, פלעגט מאָטילעק שטראַלן פון פרייד, זי לויבן און צוגעבן מוט צו ווייטערדיקער אַרבעט איבער זיך.

וואָס איז אַלץ נישט אַריין אין זיין טעמאַטיק?!

געשיכטע און פילאָזאָפיע, מאַרקסיסטישע דיאַלעקטיק און דאַרווינס טעאָריע, מעדיצינישע דערגרייכונגען, דער פּלאַנעטאַרער סיסטעם, די נייעסטע ליטעראַרישע ריכטונגען און אַקטועלע פּאָליטישע פּראָגעס — אַלץ דאָס האָט געגעבן אַ קאַלירפולן שטאָף פאַר זיינע רעפעראַטן און וויכוחים, אין וועלכע ער האָט באַקומען נאָך אַ מאָל אַ געלעגנהייט אַרויסצובּרענגען זיין אויפפאַסונג און אָריענטאַציע. ער פלעגט עס טאָן מיט אַזוי פיל אייפער, אַז ס׳איז שווער געווען אָפּצושטעלן דעם שטראָם פון זיינע ווערטער. פלעגט טאַקע די מוטער, בעת די מאָלצייטן אַ לענגערע ווילע אים רופן צום טיש. דער זון זעצט זיך לסוף אַוועק און הייבט אַן גיך צו שלינגען דאָס עסן, ווי עס וואָלט אים אַ שאָד געווען יעדע מינוט דערויף. קוים באַוויזן צו פאַרענדיקן די סעודה, מיטן לעצטן ביסן אין מויל, איז ער ווידער ממשיך די אָנגע־הויבענע טעזע, אָדער פאַרטיפט זיך אין אַ צווייטער, וואָס פאַרשלינגט אים אויף דאָס ניי.

פון צייט צו צייט דאַכט זיך דער מאַמען, אַז איר מיזיניקל שטרענגט צו פיל אָן זיין יונג קעפּל און דאָס קאָן אפשר דערפירן צו אַ מענטאַלער דערשעפּונג. זוכט זי אופנים אים צו צעשטרייען און אָפּצולענקען פון די ערנסטע טראַכטענישן, אָפט דורך שאָך־שפּיל. מרדכי האָט, ווי פון זיך אַליין, באַהערשט די קאָמפּליצירטע פיגורן־קאָמבינאַציעס נאָכן צוקוקן זיך

עטלעכע מאָל צו דעם פּאַטערס שפּיל און ער האָט זיך אויסגעלערנט אויף אַזוי פיל, אַז ס׳איז אָנגעקומען שווער אים צו באַזיגן.

די מאַמע אַליין האָט אויך ליב געהאַט צו שפּילן שאָך און זיך געבעטן: — „זײַ אַ גוטער, נאָר איין פּאַרטיע!״ — מאָטילעק פלעגט זיך אַוועקזעצן ביים שאָך־ברעטל און באַלד אַרויסגיין דער געווינער. צייטנווייז זוכט ער צו געבן דער מאַמען די פרייד פון נצחון און מאַכט בכיוון שלעכטע צוגן. די מאַמע באַמערקט עס און בייזערט זיך אויף איר פּאַרטנער — זי וויל נישט קיין געפעלשטן זיג. עס טרעפט אָבער, אַז ער טוט עס אַזוי געלונגען, די מוטער זאָל זיך נישט אָפּגעבן קיין חשבון דערפון און דעמאָלט שטראַלט זי פון הנאה: — „אויך איך קאָן אַ מאָל געווינען!״

די גייסטיקע פאַרמירונג

מרדכיס נאַציאָנאַלער באַוווסטזיין, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אויסצו־קריסטאַליזירן אין פריען עלטער, איז שוין געשטאַנען אונטערן צייכן פון די וואָלקנס, וואָס האָבן פאַרטונקלט דעם פּאָליטיש־סאָציאַלן האָריזאָנט אין פּוילן. די שטייגערונג פוןווירטשאַפטלעכן קריזיס איז געווען באַגלייט מיט רדיפות קעגן די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, גאַנץ באַזונדער קעגן די יידן. דער אַנטיסעמיטיזם נעמט אָן אַלץ שאַרפערע פאָרמען, עס שפּרייט זיך אויס דער דיסקרימינאַציע־סיסטעם, וואָס גייט איבער צו בולטן אָפענעם טעראָר.

די שטודירנדיקע יוגנט האָט זיך געפונען אין אַ שווערער לאַגע. די עקאָנאָמישע סטאַגנאַציע און די אַרבעטסלאָזיקייט, די נישט נאָרמאַלע פּראָפעסיאָנעלע סטרוקטור פון דער יידישער באַפעלקערונג מיט די צוויי דריטל באַשעפטיקטע אין דעם קליינעם און צעשטויבטן גראָשן־האַנדל — האָבן געגעבן די יוגנטלעכע גאָר ווייניק שאַנסן צו ווערן ווירטשאַפטלעך אַקטיוו.

דער אָנגעוויטיקטער פּראָבלעם שווימט אַרויס אין שטוב, ווי אַ טעמע פון געשפּרעכן ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן. חברים און חברטעס, וועלכע קומען באַזוכן מרדכיס עלטערע שוועסטער־ברידער און אויך אים אַליין, באַרירן אָפט די פראַגע, אַז ס׳איז שווער צו באַקומען אַרבעט. מ׳טיילט זיך מיט די מיינונגען, מען זוכט באַקאַנטשאַפטן און אַן אויסוועג פון דעם מצב אַן אויסזיכטן. מאָטילעק, וואָס האָט תמיד אָנגעשפּיצטע אויערן פאַר יעדן שמועס פון אַלגעמיינעם כאַראַקטער, פאַרבלייבט אין אַזעלכע פאַלן גלייכ־גילטיק. ער ווייזט נישט אַרויס קיין שום אינטערעס פאַר די ענינים, וואָס זענען פאַרבונדן מיטן פּראַקטישן איינאָרדנען זיך, זיין מחשבה איז געוואָנדן אויף אַנדערע אָביעקטן.

*

*

אין צווישנצייט איז געוואַקסן אויף דער יידישער גאַס דער געראַנגל פאַרן באַהעפטן דעם יונגן דור מיט נאַציאָנאַלע ווערטן און קעגן אַסימילאַציע. דער פּראָצעס איז געקומען באַזונדערס בולט צום אויסדרוק אין וואַרשע, אין דער גייסטיקער מעטראָפּאָליע פון דעם יידנטום, ווו די ברייט־פאַר־שפּרייטע געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט, ליטעראַטור און לאַזונגען זענען אַריינגעדרונגען כמעט אין יעדער יידישער שטוב.

אין דער ערשטער פאַזע פון מרדכיס גייסטיקער אַנטוויקלונג, זענען אין צענטער פון זיינע פאַראינטערעסירונגען געשטאַנען פּראָבלעמען פון אַלגעמיינעם כאַראַקטער און נישט דווקא ספּעציפיש יידישע. אָבער מיטן לויף פון דער צייט און אפשר אונטער דער ווירקונג פון די נייע שטראָמען, וואָס האָבן אויפגעברויזט דאָס לעבן אין פּוילן בכלל און דאָס יידישע בפרט, האָט זיך געענדערט די ריכטונג פון זיינע רעיונות.

אמת, יידישקייט אין אירע פאַרשידענע מאַניפעסטאַציעס האָט אין אים טיף געוואָרצלט. ער האָט אויך פאַרמאָגט אַ יסודותדיקע צוגרייטונג, אַרויס־געטראָגן פון דער תרבות־שול, אָבער זיינע ידיעות און טיילווייז אָפּעקטן האָבן נישט געזוכט קיין אַקטיוון אויסדרוק, זיי זענען געלעגן ווי איינגע־דרימלט און נישט אָנגערעגט צו פאַרטיפן אָדער דערגאַנצן דאָס וויסן. אויך זיין רעאַקציע אויף געוויסע דערשיינונגען אין יידישן לעבן האָט נישט פאַרמאָגט די אייגנאַרטיקע פאַר אים עלעמענטן פון ענטוזיאַזם און פלאַם.

ווי מיט אַ מאָל האָבן אין אים דערוואַכט די דאָזיקע פילונגען און מחשבות, זיי זענען מיט קראַפט אַרויסגעשוומען ווי פון דעם אונטערבאַ־ווּסטזיין און געוואָרן עפעקטיווע פאַקטאָרן פון זיין מענטאַלן פּראָגרעס. ער האָט דערשפּירט די נויטווענדיקייט צו באַרייכערן די קענטענישן וועגן זיין אייגן פאָלק און מיט אייפער זיך אַריינגעוואָרפן אין אַ גרינטלעכן לימוד פון געשיכטע און ליטעראַטור, פון די אַלטע און נייע גייסטיקע אוצרות. עס האָט זיך פאַר אים אַנטפּלעקט אויף דאָס ניי די פאַרצייטיקע תקופה, פול מיט תורה און סודות און איצט שטאַרק געלאָקט זיין נייגיר. אין זיין וועלט־באַנעם פון די הומאַניסטישע און עטישע ווערטן, וועבט זיך אַלץ פעסטער אַריין דאָס נאַציאָנאַלע און טראַדיציאָנעלע, וואָס שאַפט דעם סינטעז פון אינטעגראַלער יידישקייט.

אין די שמועסן מיט זיינע קאָלעגן האָט זיך אַלץ אָפטער געהערט דער קלאַנג פון יידיש און העברעיש, הגם ער לעבט זיך נאָך אויס דער עיקר אין דער פּוילישער שפּראַך, הן אין וואָרט, הן אין שריפט.

אין איינעם אַ טאָג — ער איז דעמאָלט אַלט געווען ביי די 15 יאָר —

האָט ער צונויפגענומען זיינע ביכער און העפטן, אָפּגעמעקט דעם פֿאַר־פּוילישטן נאָמען „מיעטשיסלאַוו" און אָנגעשריבן „מרדכי". זיינס אַ חבר, וואָס איז געווען אָנוועזנדיק בשעת מעשה, האָט זיך צעלאַכט פֿון דעם איינ־פֿאַל. אָבער מרדכי האָט דעם אַקט צוגעגעבן אַן ערנסטן כאַראַקטער און אויפגעקלערט געלאַסן, אונטערשטרייכנדיק מיט כוונה יעדעס וואָרט באַ־זונדער: — „מיין נאָמען, מרדכי, געפֿעלט מיר זייער. איך וואָלט געוואָלט אויסוואַקסן אַזוי גוט און קלוג, ווי מרדכי הצדיק". — אויף דעם אופֿן האָט ער אויסגעדרוקט זיין געשטאַרקט נאַציאָנאַל געפֿיל.

אין דער באַציונג צו טראַדיציע און רעליגיעזע מנהגים, האָט מרדכי פֿון תּמיד אָן אַרויסגעוויזן מער סענטימענט און פֿאַרשטענדעניש פֿון די אַנדערע אין דער היים. ווען דער יונגערער דור האָט מיט אַ ביסל ביטול געקוקט אויף די „רעליגיעזע אַבערגלויבנס" און געזוכט זיך צו באַפֿרייען פֿון דעם „באַלאַסט", איז זיין אויפֿפֿירונג אין דעם פּרט געווען אַן ערנסטע און קאָרעקטע. אין די יום־טובֿים פֿלעגט ער אויס כבוד פֿאַרן פֿאָטער אים באַגלייטן אין שיל אַריין, הגם פֿאַרבלייבן דאָרט נאָר אַ קורצע צייט און קיין מאָל נישט פֿעלן צו די פֿייערלעכע מאָלצייטן. זיין אָנשויונג, אין תּוך אַ פֿריידענקערישע, האָט אים נישט געשטערט צו האָבן דרך־ארץ פֿאַר דעם טראַדיציאָנעלן צערעמאָניאַל. ער האָט געטראָגן זיין יידישקייט נישט ווי אַן אַרויפֿגעוואָרפֿענע לאַסט, נאָר ווי אַ נאַטירלעכע זאַך, וואָס דאַרף אויפֿגענומען ווערן מיט געהעריקער ערנסטקייט. מיטן לויף פֿון דער צייט האָט זיך נאָך מער פֿאַרטיפֿט זיין אינטערעס צום נאַציאָנאַלן תּוכן און צו די רעליגיעזע פֿאָרמען. דער פֿריִערדיקער צוגאַנג, וואָס איז געווען גיכער אַן עמאָציאָנעל־פּאַסיווער, פֿאַרוואַנדלט זיך אין אַן אַקטיוו־פּאָזיטיוון. עס ווערט אים ליב די יום־טובֿדיקייט, די שבתדיקע שטימונג. אין די ריטועלע געבאָטן זעט מרדכי סימבאָלן פֿון נאַציאָנאַלן גייסט, וואָגיקע אַטריבוטן פֿון יידישער דערציונג, וואָס דאַרפֿן איינפֿלאַנצן אין דעם יונגן דור דעם קולט פֿאַר דער פֿאַרגאַנגענהייט — דעם טרויער נאָך די מפּלות און די פֿרייד צוליב די נצחונות פֿונעם פֿאָלק, און בכלל די טרייִשאַפֿט צום שטאַם, די שטרעבונג צו אַ פֿריי און ווירדיק לעבן.

ספּעציעל עמאָטיוו רעדט צו מרדכין די געהויבענע פּסח־אַטמאָספֿער. ער לייענט מיט פֿאַטאָס די הגדה און קלערט אויף טאַמאַראַן איר גרויסע געשיכטלעכע ווערט, דעם באַזונדערן לעגענדאַרישן רייץ. זיין פֿאַנטאַזיע שוועבט אַרויס צו יענע ווייטע צייטן און לעבט אויף פֿאַרביקע בילדער פֿון דעם נס פֿון יציאת מצרים, ווי ער אַליין וואָלט זיך צוזאַמען מיט דער פֿאַרשקלאַפֿטער מאַסע געשפּאַרט צו פֿרייהייט. אין יענער תּקופֿה פֿון פֿאַרשטאַרקטן נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין הערט זיך אַ נייער טאָן אין מאָטילעקס

פאָרטראָגן פאַר זיין אוידיטאָריע — אַ תנכישער. מיט אַ סך באַגייסטערונג רעדט ער וועגן דעם אורקוואַל פון חכמה און מאָראַל, באַרוישט פון די נביאישע וויזיעס, ציטירט ער גאַנצע פרקים, בעת די אויגן גלאַנצן מיט אַ באַזונדער פייערל.

קאַפּיטל פיר

אין די יוגנט־אָרגאַניזאַציעס

אין „הנוער הציוני״

דער אויפגעברויזטער נאַציאָנאַלער טעמפּעראַמענט שטויסט מרדכי'ן זיך אָנצושליסן אין אַ ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. זיינע ערשטע טריט פירן אים, אין 1930, צו דער יוגנט־באַוועגונג פון אַלגעמיין־ציוניסטישן כאַראַקטער, „השומר הלאומי״. דאָרט האָט ער לכתחילה געזען פאַר זיך מעגלעכקייטן זיך צו טיילן מיט זיין וויסן, צו ווירקן און באַווירקן, די אויסזיכטן צו קענען „מער געבן ווי נעמען״. (אין הסכם מיט אַזאַ איינשטעלונג האָט ער שפּעטער געראָטן דער שוועסטער טאַמאַראַ אַריינצוטרעטן אין „השומר הצעיר״, אַ בעסער אָרגאַניזירטע באַוועגונג, פון וועלכער זי וועט קענען אַ סך געניסן פאַר איר גייסטיקער אַנטוויקלונג.)

מרדכי ווערט אַ מיטגליד אין גדוד „בני־העם״ פון „השומר הלאומי״, אַ באַוועגונג, וואָס האָט זיך געווידמעט חוץ סקויטינג, אויספלוגן, זומער־קאָלאָניעס אד״גל, אויך אַלגעמיינער און נאַציאָנאַלער דערציונג, אין וועלכער די טעטיקייט לטובת דעם קרן קימת האָט פאַרנומען אַ גאָר וויכטיק אָרט.

דער מיטגלידער־עלעמענט האָט זיך רעקרוטירט פון יוגנטלעכע, אַר־בעטנדיקע אָדער לערנענדיקע אין אַ פאַך־ צי אַ מיטל־שול און אויך אָן באַשעפטיקונג, מיינסטנס פון א. ג. באַלעבאַטישע היימען. אויך מרדכי האָט דעמאָלט באַזוכט אַ טעכנישע שול, אָבער ווי אָנגעוויזן, האָט ער זי נאָך אַ קורצער צייט פאַרלאָזט.

אין זיין גדוד — אַ גרופּע פון העכער 40 יינגלעך און מיידלעך אין עלטער פון 13—15 יאָר — האָט טענענבוים זיך אויסגעצייכנט מיט גייס־טיקער רייפקייט און זעלבשטענדיקן געדאַנק, וואָס האָבן איבערגעשטיגן זיין עלטער. ער איז געווען אינטעליגענט, באַלעזן, געהאַט אַ גיכע אָריענטאַציע און נישט אויפגענומען פּאַסיוו יענעמס מיינונגען, נאָר אַרויסגעבראַכט די אייגענע, קריטישע. זיין רעאַקציע איז אָפט געווען אַן אימפּולסיווע, מיט אינערלעכער קראַפט, הגם דער טאָן פון רעדן — גראַד אַ באַהערשטער און שטילער. ס'איז געווען קענטיק, אַז סיי זיינע ווערטער, סיי די טאַטן זענען אַדורכגעטראַכט און באַגרינדעט אין דער מחשבה. ער פלעגט עקשנותדיק פאַרטיידיקן זיין שטעלונג, זי בייטן נאָר, באַוויזן דורך אייגענער רעוויזיע און מאָטיווירונג. דעריבער איז זייער שווער געווען אים צו באַאיינפלוסן,

דאַקעגן האָט ער פאַרמאָגט די פעיִקייט משפּיע צו זיין אויף אַנדערע.[1]

אויך זיין קענטעניש פון העברעיִש האָט אים באַלד אַוועקגעשטעלט העכער איבער די אַנדערע, געגעבן די מעגלעכקייט צו ווערן דער לערער



מרדכי אין דעם „משפּט" (דער ערשטער לינקס)

פון דער גרופּע און פון איינצלנע חברים. הגם די אומגאַנג־שפּראַך אין דער אָרגאַניזאַציע איז געווען פּויליש, האָט דאָך געהערשט די טענדענץ צו לערנען דאָס לשון פון דעם אַלטן און נייעם ארץ ישראל. זיין באַליבטער לערן־מאַטעריאַל זענען געווען די אגדות פון תנ"ך.[2]

מרדכי איז תמיד געווען פון די ערשטע אָנצורעגן אַ וויכוח, אַן אויסנעמלעכער אין איינפעלערישקייט און איניציאַטיוו פון טעטיקייטן; ער פלעגט הייסן קומען זיינע חברים פריער און מעשה מדריך צוגרייטן פאַר אַלע אַרבעט, אימפּראָוויזירן אַ פּראָגראַם, אַן אַרטיקל פאַר דער אינערלעכער צייטונג אד"גל, וואָס זאָל פאַרבליפן אַלעמען, אַפילו דעם מדריך. ער איז געווען עלאָקווענט און געהאַט וואָס צו זאָגן, גענומען אַ לעבהאַפטן אָנטייל אין די וויכוחים איבער ביכער אָדער פרייע טעמעס, וואָס פלעגן איינגעאָרדנט ווערן, צ. ב. אַ משפּט אויף דער טעמע: „דער יחיד און די מאַסע", בעת וועלכן מרדכי איז אויפגעטרעטן אין דער ראָל פון אַ פּראָקוראָר.[3]

*

אין יענער צייט האָט מרדכי אָנגעהויבן זיין ערשטע פאַראַנטוואָרטלעכע, אין אַ געוויסן זין לייטנדיקע אָרגאַניזאַציאָנעלע אַרבעט און אין שייכות מיט איר אויך באַקומען אַ שריפטלעכע טריבונע אַרויסצוברענגען זיינע מחשבות, געפילן און די אויפוואַכנדיקע ליטעראַרישע נייגונגען. ער איז באַשטימט געוואָרן ווי אַ באַפולמעכטיקער פונעם גדוד „בני־העם" פאַרן קרן קימת

לישראל און צו פירן אַ ספּעציעלן „ספר עבודה" (אַרבעטבוך), געווידמעט דער טעטיקייט.

דאָס בוך, אַ מין אַלבום, געשריבן אין העברעיש, האָט אַרומגענומען דעם פּעריאָד פון 1.6.1931 ביז 1.4.34. ס'פיגורירן אין אים אויך אַ ריי פּאָזיציעס, וואָס האָבן זיך באַצויגן צו פריערדיקע דאַטעס. מרדכי האָט די פונקציע אויסגעפירט זאָרגפעליק, מיט ליבשאַפט און אַ חוש פאַר עסטעטיק.

נאָך דעם אַריינפיר־וואָרט פונעם מדריך מיט אַ וואַרעמען רוף צו „שעפערישער און בויונג־אַרבעט", האָט מרדכי פאַרפולט די בלעטלעך מיט אַן אינהאַלט, לויט זיין אייגענעם איינזען. די סיסטעמאַטישע באַריכטן פון די געלט־זאַמלונגען זענען באַגלייט און באַצירט מיט פאָטאָגראַפיעס פון די „לערער און מנהיגים פונעם ישראלדיקן פאָלק", מיט בילדער און צייכע־נונגען, צונויפגענומענע פון פאַרשידענע אויסגאַבעס, באַזונדערס פון קק"ל, מיט ארץ־ישראל־מאַפּעס, לאַנדשאַפטן פון ירושלים, תל־אביב, כותל מערבי א"א, מיט אילוסטראַציעס פון חלוצישער אַרבעט און פלייס, אַליץ פאַרזען מיט געהעריקע אויפקלערונגען אָדער אייגענע באַמערקונגען.

מרדכי האָט געפירט די זאַמל־אַקציעס מיט ענטוזיאַזם, זיך באַמיט צו מאָביליזירן, באַווירקן די חברים און די יונגערע עלעמענטן צו אַ גרעסערן אָנשטרענג אין דער ריכטונג, ווי אויך אַליין אַ סך בייגעשטייערט. איין מאָל אין חודש פלעגט מען אויסליידיקן די פושקעס און פאַרעפנטלעכן די רשימות פון די זאַמלונגען. אויסער דעם זענען אויך דורכגעפירט געוואָרן ספּעציעלע אַקציעס ווי צו חנוכה, ט"ו בשבט, פורים, בכורים א"א. די ערשטע פושקע־אויסליידיקונג, זינט דער גרינדונג פון דעם גדוד, איז פאָרגעקומען דעם 26.10.30 און שוין מיט מרדכיס אָנטייל. אין לויף פון דער אַרבעט זענען בדרך כלל געשטיגן די איינקונפטן, וואָס ער פלעגט פאַרגלייכן מיט די פריערדיקע און מיט פרייד אונטערשטרייכן זייער וווקס. און איין מאָל, ווען דער סכום איז געווען אַ קלענערער, האָט דער באַפולמעכטיקטער אַרויס־באַקומען פון ערגעץ ווו די פעלנדיקע סומע און זי אַריינגעטראָגן אויפן נאָמען פון גדוד, כדי צו דעקן דעם אונטערשיד און נישט אַרויסצוווייזן קיין ירידה. מרדכי האָט אויך בייגעשטייערט זיין, פאַרהעלטענישמעסיק, גרויסן פערזענלעכן חלק, אַזוי, אַז אין דעם אונטערשטן, יערלעכן סך הכל, האָט ער זיך אַרויסגערוקט און דאָס מיט אַ באַדייטנדיקן סכום אויפן ערשטן אָרט אין דער ליסטע פון די ביישטייערס. נעמענדיק אין אַכט זיינע שוואַכע זאַמל־מעגלעכקייטן אין דער היים, האָט ער דאָס געקענט דערגרייכן נאָר אויפן חשבון פון באַגרענעצן ביז אַ מינימום זיינע אייגענע אויסגאַבעס

און אָפּגעבן אַלע דערוואָרבענע גראָשנס פאַרן יידישן נאַציאָנאַל־פאָנד (קק״ל).

די אינטענסיווע באַמיִונגען אויף דעם געביט האָבן געבראַכט גוטע רעזולטאַטן און מרדכי האָט פאַרצייכנט מיט שטאָלץ, אַ פּאָר מאָל אויך מיט גרויסע אותיות און אין אַ ספּעציעל רעמל, דעם הויכן סכום אַריינגעפלאָסן געלט און די באַמערקונג: „דאָס ערשטע אָרט אין קן, חזק ואמץ״.

פאַר די גרעסטע געלט־זאַמלונגען און פאַר „איבערגעגעבענער אַרבעט״ האָט מרדכי באַקומען אויסצייכענונגען און לויב־אויסדרוקן פון דער קאָמאַנדע, דער לאָקאַלער אָנפירונג פון זיין באַוועגונג און אַ דיפּלאָם פון וואַרשעווער קן פון קק״ל. אויך דעם גאַנצן גדוד איז צוגעטיילט געוואָרן דורך דער צענטראַלע אין פוילן אַ באַזונדערער דיפּלאָם „פאַר דער מסירות־דיקער אַרבעט לטובת דעם קק״ל.״

מרדכי האָט פון זיין זייט אויסגעדרוקט די חברים לויב און אָנערקענונג פאַר זייער אָנשטרענג, אָבער אויך וואָרענונגען און אָבסערוואַציעס.

די ערשטע רשימות זענען געמאַכט געוואָרן אָן אָן אונטערשריפט, אָדער מיט דעם צייכן „באַפולמעכטיקער״, די שפּעטערדיקע טראָגן שוין מרדכיס חתימה, באַגלייט מיט דעם טיטל „לייטער פון אַמט״ און אָפט מיט אַ שטעמפּל פון ק״ק פונעם גדוד „בני־העם״.

זעט אויס זיין נטיה צו שרייבן און צו רעדאַקציע־אַרבעט האָט אים אָנגערעגט צו אָרגאַניזירן אַן אילוסטרירטע צייטונג־אויסגאַבע צו דער געלעגנהייט פון יום־טוב פּסח און דער האַלב־יאָריקער טעטיקייט פאַרן קק״ל. ער האָט געמאָלדן די גדוד־מיטגלידער וועגן דעם באַשלוס אין דעם פּרט, אַז ס׳זענען שוין אַריינגעקומען מאמרים פון עטלעכע אָנפירנדיקע חברים און וועגן דעם נאָמען „גאולה״, וואָס איז דורך אים באַשטימט געוואָרן.

בכלל האָט טענענבוים אין דעם אַרבעטבוך אָפּגעשפּיגלט, דער עיקר אין בילדער מיט קורצע אויפקלערונגען, דאָס ארץ־ישראל־לעבן אין זיינע פאַרשידענע אַספּעקטן, דעם קאַמף מיט די אַראַבער, מיט דער מאַנדאַטאָרישער מאַכט, די „הגנה״ אא״וו און צייטנווייז אַרויסגעבראַכט אייגענע אָבסערוואַציעס.

באַציענדיק זיך צו דער נויטווענדיקייט פון פאַרגרעסערן די יידישע זידלונגען פאַר דעם אויפבוי פון דער נאַציאָנאַלער היים, שרייבט טענענבוים צ״א: „ווען יעדער וואָלט געשפּענדעט 5 גראָשן יעדן טאָג, וואָלט ארץ־ישראל אויסגעלייזט געוואָרן נאָך אין אונדזער דור״.

צו דער יאָרצייט פון די בלוטיקע געשעענישן אין לאַנד, האָט מרדכי געבראַכט אילוסטראַציעס פון פאַגראָמירטע יידישע הייזער און איינע פון

זיי, מיט דער צושריפט: „אַ זון פון פאָלק טראָגט אַ ספר תורה... ראַטעוועט דעם גייסטיקן אוצר פון די הענט פון די פּאָגראָמשטשיקעס". דער קאָמענטאַר כאַראַקטעריזירט זיין גרויסע פאַרשטענדעניש און פאַרערונג פאַר די יידישע הייליקייטן שוין דעמאָלט אין אַזאַ יונגן עלטער. ער האָט גוט געקענט תנ"ך און ציטירט פון אים ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן. אַזוי ביי די בילדער, וואָס שטעלן פאָר חלוצישע אַרבעט און דערגרייכונגען, ווערן



די פאָטאָגראַפיע פון מרדכין פון אַרבעטבוך

געבראַכט די פסוקים פון ישעיה, ס"א: „און זיי וועלן אָפּבויען אייביקע חורבות, וויסטן פון פאַרצייטן וועלן זיי אויפריכטן און זיי וועלן באַנייען חורבע שטעט, וויסטענישן פון דור דורות", ווי אויך פון דעם פּרק ס"ה: ..."און זיי וועלן בויען הייזער און באַווינען, און פלאַנצן ווייגערטנער און עסן זייער פרוכט" (איבערזעצונג פון יהואש).

אין ניסן 1932 איז מיט גרויסע אותיות פאַרשריבן געוואָרן אַ באַפעל, לויט וועלכן מרדכי טענענבוים איז אויף דער אייגענער בקשה באַפרייט פון דער אָנפירונג מיטן קק"ל־אַמט און עס ווערן אָנגעוויזן צוויי פאַרטרעטערס אויף זיין אָרט.

ווי אַן אויסדרוק פון אָנערקענונג, איז דעם ביז איצטיקן באַפולמעכ־טיקן און בוך־פירער געווידמעט געוואָרן אַ ספּעציעלע זייט מיט זיין פאָטאָגראַפיע, באַצירט מיט אַ צייכענונג און אַ קינסטלערישער אויפשריפט:

„לזכרון" (צום אָנדענק). פונעם המשך פון דעם פנקס (אָדער אַלבום), וואָס די נאָכפאָלגערס האָבן אים באַטיטלט „ספר החיים" (לעבנס־בוך), איז צו זען, אַז מרדכי האָט זיך אויך ווייטער באַטייליקט אין די ביישטייערונגען פאַרן קק"ל.

מרדכי איז געווען זייער אַקטיוו אויך אויף אַנדערע געביטן פון אָרגאַניזאַציאָנעלער טעטיקייט. אַ דאַנק זיין באַהאַוונטקייט און רעדנער־טאַלאַנט, איז ער באַשטימט געוואָרן אַלס לעקטאָר אויף פאַרשידענע פאַר־זאַמלונגען. אויך איז ער אַריינגענומען געוואָרן צווישן די מדריכים, וואָס האָבן אויסגעבילדעט אַנדערע גרופּעס. זיין דערציערישע אַרבעט איז געווען פאַרבונדן מיט אָפטע אויספלוגן, אַפילו אין טעג פון רעגן און שניי. דער לימוד אויף דער שויס פון דער נאַטור איז געגאַנגען באַגלייט מיט אַ סך געזאַנג. זומער־צייט האָט טענענבוים צוזאַמען מיט אַנדערע מדריכים מיט־געאַרבעט אויף די קינדער־קאָלאָניעס.[5]

*

מיט אַ זעלטענער רייפקייט, ערנסטקייט און אַ קריטישן בליק האָט דער יונגעטשקער מרדכי באַטראַכט די אויפגאַבעס, וואָס רוקן זיך אַרויס פאַר אַ ייד בכלל און פאַר אַ ציוניסט בפרט. ער האָט געזען די נויטווענדיקייט פון אַ ראַדיקאַלער איבערדערציונג, כדי צו דערגרייכן די נאַציאָנאַלע און מענטשלעכע שלימות. דאָס קומט בולט צום אויסדרוק אין זיינס אַ פּאָסט־קאַרטל, געשיקט קיין ארץ־ישראל, דעם 6־טן אַפּריל 1933, אין העברעיש, אין וועלכן עס זענען אָנגעצייכנט די קאָנטורן פון דער לאַנדמאַפּע מיט אַ ציטאַט פון אַ מדרש וועגן דעם זכות פון יציאת־מצרים מיט דעם פאָלגנדיקן טעקסט: — „פאַר דער ממשותדיקער גאולה דאַרף קומען די גייסטיקע, מ'דאַרף פאַרניכטן אַלע בריקן מיט דער אַלטער וועלט, וואָס איז פול מיט צביעות און שקר; זיך גרייטן צו זיין ראוי פאַר אַן אויסדער־ווילט און הייליק פאָלק." די שריפט פאַרענדיקט זיך מיטן זאַץ: — „אַ שומר — דאָס איז אַ מענטש אין פולן זין פון וואָרט!" נאָך דעם קומט אַ וויזער ביז צו דער אונטערשריפט: „מרדכי", וואָס זאָל באַדייטן אַן אידענטיפי־קאַציע פון זיין נאָמען מיט דעם באַגריף „שומר" (הלאומי). דאָס כאַראַקטע־ריסטישע קאַרטל זאָגט עדות וועגן באַגער צו דערהייבן די ווערטן, וואָס שאַפן דעם אינהאַלט פון דער נאַציאָנאַלער און קולטורעלער, ווי אויך פון זיין אייגענער עקסיסטענץ. דאָס וועט שוין ווערן די דערציונגס־אויפגאַבע, וועלכער ער וועט ווידמען אַלע זיינע כוחות און פעיקייטן.

*

צום סיום פון דער דריי־יעריקער אַרבעט פונעם גדוד פאַרן קרן קימת, האָט מרדכי אָנגעשריבן אַ מין דין־וחשבון, געמאַכט אויף אַ צייכענונג פון



[illegible]

[illegible]

בני־ישראל [illegible] לדעת מצווים [illegible]
[illegible]
[illegible] את [illegible]
[illegible]
[illegible]

לכן הגאולה המושלמת צריכה להיות
גאולה [illegible], צריך להחזיר את כל
הנשמות אל העולם הזה, [illegible]
[illegible]
וקדוש.

[illegible]

קאַרטל פון 1933 קיין ארץ־ישראל

אַ האַמער און סערפּ, אַ סימן פון זיין דערוואַכטער סימפּאַטיע פאַר סאָציאַ־ליסטישע פּרינציפּן.

אין טעקסט זאָגט זיך אַזוי:

— „שוין מער ווי אַ יאָר האָב איך נישט געהאַט דאָס בוך אין מיין האַנט. מיט אַ באַזונדער געפיל פון סאַטיספאַקציע און אַנערקענונג פון אַ דערפילטן חוב, שרייב איך איצט דאָ — האָב איך דאָך אַזוי פיל אַרבעט, ווילן און געדאַנק געווידמעט דעם קק״ל, דעם העכסטן אידעאַל פון אַלע אַנדערע — דער אויסלייזונג פון דער ערד פון די אבות פאַר דעם נאַציאָנאַלן פאַרמעגן. דאָס בוך וועט עדות זאָגן צום גוטן פאַר מיר...

די אַרבעט פאַרן קק״ל איז געווען נישט נאָר פון די קליינטשיקע קינדערלעך, וואָס ווייסן גאָרנישט פונעם לעבן, מיר זענען אַרויס אויף אַ ברייטן און שווערן שליאַך, פון הכשרה און עליה. די פאַרזאַמלונגען זענען איצט מער נישט געווידמעט פאַר שמועסן, ווי אַ שטייגער: וואָס איז אַ פאָן און איר ווערט, נאָר אַן ערנסטער אַרבעט, געוואָנדן פאַר קאָנקרעטע זאַכן פון טאָג־טעגלעכן לעבן אין גלות און אין דער נאָענסטער צוקונפט (? נישט קיין דייטלעכע שריפט) אין ארץ... צוליב דעם סיום וויל איך איצט נישט שרייבן וועגן דעם אַלעם, וועגן וואָס כ׳האַלט רעדעס אויף די פייערלעכע אסיפות פון די גדודים אא״וו. אַנשטאָט ווערטער — אַנשטאָט צייכענונגען און שיינע סימבאָלן — צום קיבוץ, צו הכשרה, קיין ארץ! נישטאָ קיין צייט.

מיין ברכה אלס חבר פון גדוד און באַפולמעכטיקטער פון קן: הלוואי אין דער נאָענסטער צוקונפט זאָלן מיר זוכה זיין צו באַאַרבעטן מיט אונדזער שווייס די ערד, וואָס מיר האָבן אויסגעלייזט!

נאָר דאָס איז דער וועג, קיין אַנדערער איז נישט פאַראַן. כ׳לייג אויך פאָר צו ווידמען דעם רעשט פון דעם בוך פאַר ענינים פון הכשרה, קיבוץ אא״וו (לעבן דעם קק״ל).

דריי יאָר זענען פאַרביי — ביז הונדערט און צוואַנציק!״

דער קק״ל־אַמט אין וואַרשעווער קן

באַפולמעכטיקטער ביז תרצ״ג

מרדכי

1.V.34

צוזאַמען מיט דער באַפרידיקונג פונעם דערפילטן חוב כלפּי דעם קק״ל, אַנטהאַלט אַזוי אַרום די שריפט אַ הייסן רוף צו וויטערדיקע פאַרמעסטן, וואָס זאָלן פון די ראַמען פון טעאָרעטישע און עמאָציאָנעלע לאָזונגען אַרי־בערגיין צו קאָנקרעטע און פּאָזיטיווע חלוצישע מעשים. מיט דעם האָט זיך



מרדכיס שריפט צום סיום פון דער טעטיקייט אין קק״ל

דער פּנקס פּאַקטיש געשלאָסן, חוץ עטלעכע בילדער, וואָס זענען שפּעטער געבראַכט געוואָרן דורך זיינע נאָכפאָלגערס אָן קאָמענטאַרן.

דער גיכער אינטעלעקטועלער פאָרשריט פון מ. טענענבוים האָט אים אַרויסגעהויבן איבערן ניוואָ פון זיין גדוד און פון דער באַוועגונג. דער „הנוער הציוני״, וואָס איז אַנטשטאַנען נאָך דער פאַראייניקונג פון „השומר הלאומי״ מיט „ירדניה״, „הרצליה״ און אַנדערע גרופּעס, האָט אים מער נישט באַפרידיקט. די אָרגאַניזאַציע איז געווען פאַר אים „צו שוואַך״. ער

האָט זיך אויך באַקלאָגט, אַז ס׳ווערט נישט גענומען אין באַטראַכט דער סאָציאַלער אַספּעקט און די נייטיקייט צו טראָגן הילף צו די אָרעמע שיכטן.[6]

דאָס איז געווען אַ מאַניפעסטאַציע פון איינעם פון די בולטסטע שטריכן פון זיין כאַראַקטער, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן צו אַנטפּלעקן, פון דעם „נאָן־קאָנפאָרמיזם״, דאָס נישט צופּאַסן זיך צו די הערשנדיקע באַדינגונגען און דעם דראַנג צו דרייסטע און קאָנסטרוקטיווע ענדערונגען.

זיין דינאַמישער כאַראַקטער, די אָרגאַניזאַציאָנעלע דערפאַרונג און דער ווילן צו ווירקן לטובת דער רעאַליזאַציע פון די חלוצישע אידעאַלן, האָבן אים באַוויגן צו זוכן אַ ברייטער אַרבעטספעלד און מיט אַ סאָציאַליסטישער פּלאַטפאָרם. סוף 1934 האָט מרדכי פאַרלאָזט דעם „הנוער הציוני״, אַ געוויסע צייט איז ער פאַרבליבן אויסער אַן אָרגאַניזאַציע, אפשר נישט דעצידירט, וועלכע ס׳וועט צום בעסטן אַנטשפּרעכן זיינע איבערצייגונגען.

אין דער „פרייהייט״־באַוועגונג

אין 1935 האָט זיך מרדכי טענענבוים אָנגעשלאָסן אין דער יוגנט־באַוועגונג פון „פרייהייט״. ער איז אַריינגעטרעטן אין איר מיט דעם באַגער „עפּעס אויפצוטאָן״ — אַזוי האָט ער מאָטיווירט זיין אָנשלוס פאַרן פאַראַנט־וואָרטלעכן פון סניף, משה׳ל נאָוואָפּרוצקי.[7] ער האָט גלייכצייטיק אויסגע־דריקט זיין אומצופרידנקייט מיט דער פּאַסיווקייט פון „הנוער הציוני״ און דעם דאָרטיקן „קליינבירגערלעכן עלעמענט״.

מרדכי האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַן אויסנעמלעכן טיפּ, אַן אינטעליגענט, וואָס האָט אַפילו אויסערלעך, אין זיין באַנעמען, אין לבוש, זיך אויסגעטיילט פון אַנדערע פון דער אָרגאַניזאַציע. לכתחילה האָט ער זיך אַליין געשאַפן אַ ווירקונגס־באַזע און אַ ביז גאָר אייגנאַרטיקע: צונויפ־געזאַמלט און אָרגאַניזירט אין קלאַסן אָרעמע קינדער פון דער געגנט און זיי געלערנט יידיש, העברעיש און געזאַנג. די קינדערלעך זענען צו אים געפלאָסן פון אַלע זייטן, אַזוי אַז דאָס לערן־צימער איז געוואָרן ענג. זיין זאָרג פאַר די תלמידים איז געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ער האָט געזוכט איינצו־שאַפן פאַר זיי עסן, מלבושים און אַלע אַנדערע נייטיקע זאַכן. פאַר דעם צוועק האָט זיך מרדכי אַפילו געוואָנדן נאָך הילף צו זיינע געוועזענע חברים פון „בני־העם״ און אַזוי אָנגעצונדן די יוגנטלעכע פאַר דער אויפגאַבע, אַז חוץ די אייגענע ביישטייערונגען, האָבן זיי דורכגעפירט ספּעציעלע זאַמ־לונג־קאַמפּאַניעס, ענלעך ווי פריִער אונטער זיין השפּעה פאַרן קק״ל. אגב, האָט ער אויך זיך באַמיט אַריינצוציִען די חברים אין זיין נייער אָרגאַניזאַציע, אַ טייל האָבן אים טאַקע נאָכגעפאָלגט.[8]

נישט געקוקט אויף דער אומגעוויינלעכער האַלטונג און אויפפירונג,

האָט ער דאָך גיך געפונען אַ בשותפותדיקע שפּראַך מיט אייניקע חברים, באַזונדערס זיך צונויפגעלעבט מיט משה׳לען, מיט וועלכן ער פלעגט פאַר־ברענגען אַ סך פון דער פרייער צייט. מרדכי, וואָס האָט פון תמיד אָן זייער ליב געהאַט טעאַטער און מוזיק, ספּעציעל קלאַסישע, האָט אין אים געפונען אַ געטרייען און ענטוזיאַסטישן באַגלייטער. זיי זענען אָפט געגאַנגען אין דער פילהאַרמאָניע און אָפּערע, טייל מאָל אויך מיטגעצויגן אַנדערע חברים. מרדכי פלעגט פאַר זיי אַרויסבר׳ענגען זיינע קאָמענטאַרן און התלהבות פאַר דער צויבער־וועלט פון קלאַנגען.

נאָך אַ קנאַפּ האַלב יאָר איז אים אָנפאַרטרויט געוואָרן די אָנפירונג פון אַ גרופּע יוגנטלעכע, וואָס האָבן נאָר וואָס פאַרענדיקט די פאָלקשול. די קבוצה, בערך 20 ייִנגלעך און מיידלעך, האָט אָנגענומען דעם פּילזאָגנדיקן נאָמען „נאַטור״. דער מדריך האָט געטאָן זיין דערציונגס־אַרבעט מיט אַ סך ליבשאַפט און איבערגעגעבנקייט. ווי פריער, האָבן אַ גאָר וויכטיק אָרט אין זיין פּראָגראַם פאַרנומען די אויספלוגן. די יוגנט האָט פאַרברענגט זאָרגלאָז אין די שאָטנדיקע וועלדלעך, אָפּגעפרישט זיך אין די שטראָמיקע וואַסערן, געאיבט אין סקויטינג און דערביי האָט מרדכי מיט זיי געלערנט אַ קאַפּיטל יידישע געשיכטע, פּאַלעסטינאָגראַפיע, געפירט אַ שמועס אויף אַקטועלע פּראָבלעמען אד״גל, דאָס אַלץ אַדורכגעפלאָכטן מיט פריידיקן געזאַנג. ער האָט זיך געפילט, ווי דער אַפּוטראָפּוס איבער זיינע תלמידים, זיי געוואָלט דערציען אויף דרייסטע מענטשן און שטאָלצע יידן, וואָס האָבן „נישט קיין מורא פאַר אַ גוי״. אין דער הינזיכט איז ער געווען ספּעציעל פּילעווודיק. ער האָט ליב געהאַט אַרויסצונעמען זיין גרופּע אויף שפּאַצירן אין די אָוונטן, דווקא אין די רייכע קריסטלעכע גאַסן, און גערעדט דעמאָנס־טראַטיוו יידיש. איז טאַקע געשען אַ מאָל, אַז אַ באַנדע אַנטיסעמיטישע סטו־דענטן איז אויף זיי אָנגעפאַלן, ספּעציעל זיך איזדיעקעוועט איבער מרדכין, דערקענענדיק אין אים דעם אָנפירער. איינער האָט זיך אַרויפגעזעצט אים אויף די אַקסלען און געשלאָגן איבערן קאָפּ. ער האָט זיך פאַרטיידיקט, ווי ער האָט נאָר געקענט, אַרויסגענומען אַ... שליסל, דראָענדיק זיי מיט דעם, כלומערשט, ווי מיט אַ רעוואָלווער, ביז ס׳איז אָנגעקומען אַ פּאָליציאַנט און פאַרטריבן די אָנפאַלערס.

די נייגונג צו גיין אין די רייכע פּוילישע געגנטן האָט געשטאַמט וואַרשיינלעך פון אַ מין קנאה צו די מענטשן, וואָס זיצן בשלווהדיק אויף זייער אייגענעם, זיכערן באָדן.

דער יונגער מדריך האָט געשטרעבט צו לערנען „אַלץ״, העלפן שטאַל־טיקן דעם כאַראַקטער פון די יוגנטלעכע דורך אָפטער זעלבסטקריטיק, וועקן דרך־ארץ פאַר דעם בן־אדם און פאַר דעם צווייטן מין. אין באַצוג צו די

מיידלעך איז בולט געווען זיין טענדענץ צו סטימולירן אין זיי דאָס געפיל פון עמאַנציפּאַציע און זעלבסטווירדע, די שטרעבונג צו זעלבשטענדיקייט און צו אייגענע דערגרייכונגען.

מרדכי איז געווען היימיש מיט זיין גרופּע, די באַציונג צו איר — גיכער אַ פּאַטערלעכע; ביי זיין איבערגעגעבנקייט און געטרייקייט, האָט ער אויך פאַרמאָגט די פעיקייט אָנצוהאַלטן זיין אויטאָריטעט, אַפילו אַ געהעריקע דיסטאַנץ. דערביי איז ער געווען, אין אַ געוויסער מאָס, געהיימענישפול, מען האָט ווייניק געוווּסט וועגן אים פּערזענלעך און דאָס האָט אים צוגעגעבן אַ מיסטעריעזן רייץ. ער האָט געוואָלט זיין קבוצה אויף פּראַקטיש צוגרייטן צו עליה און זי באַאיינפלוסט צו גיין אויף הכשרה. אויך שפּעטער, נאָך דער צעשיידונג, האָט דער מדריך קיין מאָל נישט פאַרגעסן זיינע חניכים און געזאָרגט פאַר יעדן באַזונדער.[9]

נאָך אַ געוויסער צייט פון אַרבעט אין דער באַוועגונג איז טענענבוים באַשטימט געוואָרן אַלס מיטגליד פון דער מועצת השכבה הצעירה (ראַט פאַר דער יונגערער שיכט), ווו ער איז געווען זייער אַקטיוו סיי אויפן אָרט, סיי אין פאַרשידענע שליחותן, פאַרבונדענע אויך מיט זומער־קאָלאָניעס. בעת די היצן האָט זיך די דערציונגס־אַרבעט קאָנצענטרירט אויף דער פרייער נאַטור. דאָרט זענען אויך איינגעאָרדנט געוואָרן קורסן פאַר יונגע מדריכים און מרדכי פלעגט זיי אָפט באַזוכן.[10]

אַ פּאָר חדשים אויסערן זומער־סעזאָן און אַזוי במשך פון עטלעכע יאָר, איז מרדכי געווען באַשעפטיקט אין אַ פאַבריק פון פאַרבקעס פאַר שול־קינדער. די באַשיידענע פאַרדינסטן האָבן אים געקלעקט צו דעקן זיינע אָפטע הוצאות אויף קולטור־צוועקן.

אין מינסק־מאַזאָוויעצקי

צו יענער צייט האָט פּאַסירט מיט מרדכין אַ קוריאָז, וואָס האָט אַרויס־געבראַכט זיין נאָמען אויף די שפּאַלטן פון דער פּאָליצייישער כראָניק. דאָס איז געווען פאַרבונדן מיטן פּאָגראָם אין מינסק־מאַזאָוויעצקי (אויסגעבראָכן אין רעזולטאַט פון אַ פּערזענלעכן נקמה־אַקט, אַ מאָרד, וואָס אַ יידישער שניידער, אגב, אַ גייסטיק נישט נאָרמאַלער, האָט אויסגעפירט אויף אַ פּוילישן וואַכמייסטער).

אין דער סביבה פון טעראָר (קורץ נאָכן פּאָגראָם אין פּזשיטיק), ווען דער אונטערגעהעצטער המון האָט געשלאָגן יידן, געראַבעוועט און אונטער־געצונדן יידישע הייזער און געשעפטן, האָט זיך פּלוצעם באַוויזן מרדכי אין דער באַגלייטונג פון זיין חברה טעמאַ שניידערמאַן און איר שוועסטער, וואָס האָבן געהאַט דאָרטן משפּחה און גוט געקענט די שטאָט. דער פאַקט

פון אָנקומען גראָד דעמאָלט, ווען יידן זענען אין גרויסער פּאַניק מאַסנווייז פון דאָרט אַנטלאָפן, איבערלאָזנדיק אויף הפקר זייער האָב און גוטס, האָט ביי דער פּאָליצײַ אַרויסגערופן אַ חשד אויף זיי. די נאָטיץ פון 4־טן יוני 1936 אין דער וואַרשעווער טאָג־צײַטונג „הײַנט“ האָט איבערגעגעבן: „אין ערשטן טאָג פון די געשעענישן איז געוואָרן פאַרהאַלטן אויף דער באַן אין מינסק מאַזאָוויעצקי אַ געוויסער מרדכי טענענבוים פון וואַרשע, וועלכער האָט נישט געקענט גלײַך אַרויסזאָגן צוליב וואָס ער איז געקומען... ווי מיר ווערן געוויר, וועט מען די אַרעסטירטע באַפרײַען“.

עס איז נישט באַוווּסט דער ציל פון דער נסיעה, צי איז זי געשטאַנען נאָר אין שייכות מיט טעמעס קרובים אָדער אפשר אויך געהאַט נאָך אַ באַשטימונג. פאַראַן אַ נישט באַשטעטיקטע סברה וועגן אַ פּלאַן צו העלפן אָרגאַניזירן אַ פאַרטיידיקונגס־גרופּע. יעדן פאַלס איז עס געווען אַ באַווייז פון מרדכיס אונטערנעמונגס־גייסט און דרייסטקייט.

הײַנט

וואַרשע דאָנערשטאָג פ׳ בהעלותך י״ד סיון תרצ״ו 4 יוני 1936 4 czerwca

אדרעס: וואַרשע, בעלדנא 8.
Wyd. „HAJNT" Warszawa
skrzynka pocztowa 150.
פאר געלד: פּאָסט־טשעק־קאָנטאָ 23.260
פאר טעלעגראַמען: „HAJNT" Warszawa
טעלעפאָן פון רעדאַקציע 6.34.21
טעלעפאָן פון אַדמיניסטראַציע 624-08

מינסק־מאַזאָוויעצק

מען אַנטלויפט פון מינסק־מאַזאָוויעצק

די טראַגעדיע פון מינסק מאַזאָוויעצק

אין ערשטען טאָג פון די געשעהעני־שען איז געוואָרען פערהאַלטען אויף דער באַהן אין מינסק מאַז. א געוויסער מרדכי טענענבוים פון וואַרשא, וועל־כער האָט נישט געקאָנט גלייך אַרויס־זאָגען, צוליב וואָס ער איז געקומען קיין מינסק־מאַז. צוזאַמען מיט איהם האָט מען אויך פערהאַלטען זיין כלה טעמע און איהר שוועסטער רחל שניידערמאַן, אויך פון וואַרשא. ווי מיר ווערען גע־וואָיר, וועט [illegible] די אַרעסטירטע בע־פרייען, ווייל ג[...]ען זיי איז נישט פער־האַן קיין שום חשד.

די נאָטיץ וועגן מרדכיס אַרעסט

קאַפּיטל פינף

העכערע שטודיעס און אידעאָלאָגישע פּאַרטיפונג

אָריענטאַלע וויסנשאַפטן

די אָרגאַניזאַציע האָט נאָך מער געשטאַרקט ביי אים דעם דראַנג אויסצובררייטערן און צו פאַרטיפן זיינע קענטענישן און באַווירקט דעם אויס־וואַל פון דעם הויפּט־אָביעקט פון זיינע שטודיעס: די מזרח־וועלט, ארץ ישראל און אירע שכנים. פאַר דעם צוועק האָט טענענבוים באַזוכט אַן אָוונט־קורס געווידמעט דעם לימוד פון דער מזרח קולטור און אויך אַליין זייער אַ סך געלערנט, דאָס אַלץ, לויט זיין אייגנשאַפט, בסוד אַפילו פאַר די נאָענסטע מענטשן. ערשט ווען ער האָט מיט הצלחה אויסגעהאַלטן דעם אַריינטריט־עקזאַמען אין „אינסטיטוט פאַר אָריענטאַלע וויסנשאַפטן" ביים וואַרשעווער אוניווערסיטעט, איז דער ענין אויפגעדעקט געוואָרן.

— „איר קענט מיך גראַטולירן, כ'בין געוואָרן אַ סטודענט פון אָריענ־טאַליסטישן אינסטיטוט" — מיט די ווערטער איז ער אין אַ געוויסן טאָג פון הערבסט 1936 אַריין אין שטוב, אַ צעשטראַלטער פון פרייד. אין דעם לערן־אַנשטאַלט האָבן שטודירט ס'רוב מענטשן, וואָס האָבן זיך געגרייט צו דיפּלאָמאַטישע קאַריערעס, הויכע מיליטער־לייט און קאַנדידאַטן פאַר וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען אין די מזרח־לענדער.

די ערשטע צייט נאָכן אַריינטריט אין דעם הויכן לערן־אַנשטאַלט איז מרדכי אַרומגעגאַנגען ממש פאַרשיכורט פון גליק. פון זיין פּנים האָט זיך כמעט נישט אָפּגעטון דער געהיימעניספולער שמייכל, אַ שמייכל צו די ווייטע עקזאָטישע און רייצנדיקע וועלטן. אַלץ אין אים האָט געשיינט מיט האָפענונג און דערוואַרטונג, מיט דער אינערלעכער האַרמאָניע, וואָס עס גיט די דערפילונג פון אַ טיפן באַגער. ער האָט דערזען דעם אָנהויב פון פאַרווירקלעכונג פון זיינע טרוימען.

אַ גאַר אַנדערן איינדרוק האָט געמאַכט מאָטילעקס אַריינטריט אין אינסטיטוט אויף דער משפּחה. אוודאי, זענען אַלע געווען גערירט און שטאָלץ אויף זיינע פעיקייטן. ס'איז דאָך, אָן שום צווייפל, נישט לייכט געווען אויסצוהאַלטן אַזאַ ערנסטן עקזאַמען אין דעם אַקאַדעמישן אַנשטאַלט פון הויכן ניוואָ. עס האָט זיך געפאָדערט אַ סך וויסן און פאַלגלעד — עקשנות און אָנשטרענג. אָבער פון דער צווייטער זייט, האָט דער אויסוואַל, דווקא פון אַזאַ אומפּראַקטישער דיסציפּלין און נישט תכליתדיקער קאַריערע,

באַאומרויקט און באַשוועַרט די געמיטער פון די בני־בית. וואָרעם מען האָט דאָך שוין פאַרזוכט די פאַרביטערונג און אַנטוישונג, וואָס עס איז אויסגעפאַלן אויפן גורל פון יידישן אינטעליגענט אין דער שטיקנדיקער, אַנטיסעמיטישער אַטמאָספער פון פאַרמלחמהדיקן פוילן, און דאָ קלויבט אויס מרדכי אַזאַ „בטלניש פאַך", וואָס האָט נישט געגעבן קיין פערספעקטיוו אויף עפעס אַן עקאָנאָמישע פאָזיציע. קיינער האָט אָבער נישט געמאַכט קיין אָנשטרענג איינצולעשן מאָטילעקס גרויסע התלהבות און אים אָפצולענקען פון דעם „פאַלשן" וועג. ס'וואָלט געווען אומזיסט. ס'איז שוין געווען אַזאַ „משפחה־פעלער", אַז ווען אימעצער האָט אָנגענומען אַ פעסטן באַשלוס, האָט אים קיינער און גאָרנישט געקענט אָפּווענדן פון אים.

און ער איז אין דעם פּרט געווען ביז גאָר האַרטנעקיק. דערפאַר האָט אַפילו די מוטער זיך אָפגעהאַלטן איינצוטענהן מיט אים ערנסט. גאָר שטילערהייט האָט זי געשאָקלט מיטן קאָפּ און געזיפצט, געדריקט אין זיך דעם פאַרדראָס. בלויז אַ מאָל, ווען ס'האַרץ איז איבערפולט געוואָרן, האָט זי אַ שטילן מורמל געטאָן: — „אַזאַ פעיקער, ווי ער איז, און טראַכט גאָרנישט וועגן קיין תכלית. ער וועט זיך דאָך נישט קענען פאַרדינען אַפילו אַ טרוקן שטיקל ברויט". דער פאָטער דאַקעגן, ווי זיין שטייגער, האָט אין ערשטן מאָמענט אויסערלעך מיט גאָרנישט רעאַגירט.

אַליין אַ פאַנטאַזיאָר, האָט ער אויפגענומען מרדכיס דעציזיע גוטמוטיקער פון אַנדערע. — „מיר האָבן שוין דערציערס און פילאָזאָפן, סאָציאָלאָגן און קהלישע פאַרזאָרגערס, וועלן מיר איצט אויך האָבן אַן אייגענעם דיפלאָמאַט. אפשר וועט ער מאַכן אַ שטיקל טאָלק ביי אונדז" — האָט דער פאָטער, אַן אויפגעלייגטער, מיט אַ ליבלעכן, לייכט איראָנישן שמייכל אַ זאָג געטאָן שפעטער ביים טיש, קוקנדיק אַ ביסל מיט שטאָלץ אויף זיין מיזיניק, וואָס האָט בשעת מעשה אָנגעשפּיצט די אויערן, צוגעשמידט זיין בליק צום טעלער און זיך פאַררויטלט ביז צו די וואָרצלען פון די האָר.

מאָטילעק לערנט מיט גרויס ענטוזיאַזם און התמדה די מזרח־שפּראַכן, די זיטן און די מנהגים, די פילאָזאָפישע סיסטעמען און פּאָליטישע פאַרהעלטענישן פונעם אָריענט. ער שטראַלט מיט ליבשאַפט צו די לימודים און געפינט אין זיי די טיפסטע אינטעלעקטועלע באַפרידיקונג. ווען אַלע שטובִיקע האָבן געטראַכט מיט קאַטעגאָריעס פון „דאָ־קייט", האָט זיין מחשבה זיך געטראָגן צו יענע ווייטע לענדער.

*

די שטודיעס האָבן באַווירקט די פאָרשטעלונג וועגן זיין צוקונפטיקער ראָל אין ארץ ישראל. ער זעט זיך אין אַן אַראַביש דאָרף ווי אַ פאַלאַך. ער

קומט זיך צונויף מיט ישמעאלס אייניקלעך אויף סעודות, לעבט מיט זייערע מנהגים, לשון און זינגט זייערע לידער. ער וועט דאָס טאָן אַלץ מיט דער כוונה בעסער צו דערקענען דעם לעבנס־שטייגער און די מענטאַליטעט פון דעם פאָלק, כדי צו געפינען אַ געמיינזאַמע שפּראַך מיט אים. ער וועט פּראָבירן — איז זיין חלום — צו איבערצייגן די אַראַבער, אַז ס׳איז פאַר זיי לוינבאַר צו לעבן בשלום און אין פריינדשאַפט מיטן יידישן פאָלק, וואָס ברענגט אַריין קולטור, פּראָגרעס און וווילשטאַנד פאַר אַלע איינוווינערס פון פּאַלעסטינע.

אַן אַנדערש מאָל האָט מרדכי אַ צווייטע ראָמאַנטישע וויזיע: — „אין ארץ ישראל וועל איך זיין אַ פּאַסטוך, די סטאַדע וועט זיך פּאַשען און איך וועל האָבן מיט זיך אַ וואַנדער־ביבליאָטעק, כ׳וועל לייענען, וויפל די נשמה וועט גלוסטן״ — דאָס איז זיין טרוים פון אַ לעבן „על התורה ועל העבודה״... אין ברייטן זין פון די ווערטער.

*

מיט זיין ליבשאַפט צום מזרח בכלל און ארץ־ישראל בפרט שטרעבט ער אָנצושטעקן אַלע זיינע חברים און תלמידים, וואָס באַזוכן אים אָפט. פאַר זיין פאָרום צוהערערס ברענגט ער אַרויס די נייע טעמאַטיק, וואָס באַהערשט דעם געדאַנק און שטייט ווייט אויסער דער טאָג־טעגלעכער אָרגאַניזאַציאָנעלער רוטין־אַרבעט. ער זעצט אַוועק זיינע געסט נאָענט צו זיך און פאַלט גיך אַריין אין טראַנס פון דערציילן עפּעס פון די אומבאַקאַנטע לענדער, אַ פאַרכאַפּנדיקע מעשה, אין פּויליש און יידיש, אָפּהענגיק פון דער אוידיטאָריע, אַלץ אָפּטער אַדורכגעפלאָכטן מיט העברעישע אויסדרוקן. אַ דאַנק זיינע שילדערונגס־פעיִקייטן, דעם רייכן אוצר פון ווערטער און אויך דער אינערלעכער היץ, וואָס שלאָגט פון אים אַרויס, צעגליען זיך לייכט די יוגנטלעכע געמיטער. דער קלאָריט פון זיין פּערזענלעכקייט האַלט אַלעמען וואַך און געשפּאַנט, ווי היפּנאָטיזירט שלינגט מען זיינע רייד. מען לאָזט זיך דורך אים פירן ערגעץ וויט, צו די עקזאָטישע מערקווירדיקייטן. ביים עקספּאָנירן — ווערט דער פּרעלעגענט אַליין ווי פאַרכישופט... זיין רעיון שוועבט אין יענע וועיטקייטן, דאָס פּנים פלאַמט פון באַגייסטערונג און די לאַנגע טשופּרינע וואַרפט זיך ווי געטריבן פון אַ שטורעם.

*

אַ גאַנץ באַזונדער אָרט צווישן די באַזוכער פאַרנעמט אַ יונג און שיין מיידל, מיט אַ ברייטלעך און סימפּאַטיש געזיכט. אירע לאַנגע האָר, פון קאַשטאַן־קאָליר, זענען פאַרפלאָכטן אין צוויי צעפּ, וואָס גיבן איר צו ווייבערישן חן. איר פּנים איז נישט קיין טיפּיש סעמיטיש, אָבער אַ געניט אויג קאָן יאָ אין אים דערזען געוויסע יידישע שטריכן.

ווען זי טרעט איבער די שוועל, מיט אַ פֿאַמעלעכן טראָט, וואָס האַלט גלייך אויסגעשטרעקט איר רונדיקע און גראַציעזע פיגור, פֿאַרבלייבט דאָס מיידל אַ רגע שטיין פֿאַרשעמט. פון אירע ליפּן גליטשט זיך אַראָפּ אַ שטילע, קוים דערהערבאַרע פֿראַגע: „מרדכי איז דאָ?" בשעת מעשה פֿאַררויטלט זי זיך ביז צו די אויערן און דאָס שטרייכט נאָך מער אונטער די בלויקייט פון אירע אויגן, וואָס שליסן זיך באַלד צו שעמעוודיק, אָדער קוקן אַוועק אין אַ זייט. ווי נאָר דער געזוכטער דערהערט דעם קלאַנג פון איר קול, לויפט ער איר אַנטקעגן מיט פרייד, וואָס לויכט אַרויס פון זיין גאַנץ וועזן. ערשט איצט באַפרייט זיך דאָס מיידל פון איר פֿאַרלוירנקייט און אַ לייכטער שמייכל שלאָגט דורך די ערנסטקייט פון געזיכט. מרדכי באַגריסט זי מיט די ליבלעכסטע און צאַרטלעכסטע בליקן, און ווי נאָר זי האָט זיך אַוועקגע־זעצט לעבן אים, נעמט ער אַרויס פון שופלאָד דעם דיקן העפט. די שטים איז ביי אים וואַרעם און ווייך, די פינגער פירן איבער די פֿאַרשריבענע בלעטלעך און בשעת מעשה קוקט ער זיך אַרום פֿאַרזיכטיק, וואָרעם נאָר פֿאַר איר איז איצט באַשטימט דער „היכל" פון גייסט, מיט איר טיילט ער זיך מיט די מחשבות און ספקות. זי האַלט אָנגעשפּיצט די אויערן, כדי נישט צו פֿאַרלירן קיין איין קלאַנג. אַ מאָל רייסט די צוהערערין איבער דעם שטראָם פון זיינע רייד מיט אַ שטילער און זאַכלעכער פראַגע, וואָס באַקומט תיכף אַן אויפקלערונג און דאָס שוין אין אַ מער געזועצטן טאָן.

די חברטע איז געלאַסענער און פּראַקטישער פון אים. ווען דער בחור לאָזט זיך פֿאַרטראָגן ווייט אויף די כוואַליעס פון זיין פֿאַנטאַזיע, לאָזט זי זיך אויך מיטרייסן, אָבער צייטנווייז קומט אירס אַ נישט דרייסטע, לאָגישע באַמערקונג, וואָס העמט אַ ביסל מרדכיס צעשפּילטע פֿאַרשטעלונג־קראַפט. מאָטילעק רעדט צו איר נאָר פּויליש און וואָרפט זעלטן ווען אַריין אַ יידיש אָדער העברעיש וואָרט, ס׳רוב תיכף פֿאַרטייטשט.

די דאָזיקע חברטע איז — טעמאַ שניידערמאַן.

דאָס ווערק וועגן חלוציזם

די ליבשאַפט פון מרדכי טענענבוים צו די אָריענטאַלישע שטודיעס איז געווען אָרגאַניש פֿאַרבונדן מיט דער שטרעבונג צו חלוצישער רעאַליזאַציע אין גייסט פון די פּיאָנערן פון דער אידעאָלאָגיע. זיין „דינאַמיק פון געדאַנק" און דער באַגער פון שלימותדיקייט אויף יעדן טעטיקייטס־שטח האָבן אים געשטויסן צו פֿאַרטיפן זיך אין חלוציזם, אין זיין טעאָרעטישן באַנעם און אין דער אָפּעראַטיווער אויסווירקונג. אַזוי אַרום האָט זיך אויסגעברייטערט דאָס פעלד פון זיינע פֿאַראינטערעסירונגען אויף נאָך אַ וויכטיקן געביט, אויף וועלכן דער יונגער פֿאָרשער האָט אַליין און מיט אייגענע כוחות געזוכט

אַריינצודרינגען אין זיין אידעישן מהות, אין דער ממשותדיקער געשטאַלטונג. זעט אויס, דער אומרו אין דעם תחום איז געווען פאַרבונדן מיט דער אומצופרידנקייט מחמת דער גייסטיקער סטאַגנאַציע אין דער באַוועגונג, מאַנגל פון איניציאַטיוו און מיט דער זאָרג פאַר אַ באַנייונגס־קראַפט.

אַן אינטערעסאַנט ליכט אויף דעם דאָזיקן פאַרבאָרגענעם קאַפּיטל פון זיין דענקען און שאַפן, וואַרפן די בריוו פון טעמען קיין ארץ־ישראל (פון 10.11.1937). לויט איר האָט דער „החלוץ" זיך דעמאָלט געפונען אין אַ מצב פון ירידה און פון אַ גרויסן אָפּפלוס פון מענטשן. עס האָט געפעלט דער כוח, וואָס זאָל מיטרייסן צו מעשים. אין יענער צייט האָט די פּראָב־לעמאַטיק געהאַלטן טענענבוימען צוגעשמידט צום שרייבטיש גאַנצע טעג, יעדע פרייע מינוט. דער כאַראַקטער פון זיין אַרבעט איז געווען „אומבאַקאַנט" אַפילו פאַר טעמען. ערשט שפּעטער איז דער סוד פאַר איר אַנטפּלעקט געוואָרן און זי, פון איר זייט, אונטער דעם שטאַרקן רושם, האָט איבערגעשיקט די בשורה צו דער חברטע קיין א״י (10.1.38) אין דער פאָלגנדיקער פאָרעם: — „מרדכי האָט אָנגעשריבן אַ ווערק, אַ רעוואָלוציע וועגן חלוציזם, עפּעס אַזוינס ווי „הומאַניזם און החלוץ". טעמע איז געווען אין דער מיינונג, אַז די אויספירן פון דעם ווערק וואָלטן געדאַרפט קאָנקרעט אַנגעוואָנדן ווערן אין דער אָרגאַניזאַציע, הגם דאָס אַנטהאַלט „אַזעלכע אַפּיקורסותן" און „אין אַלגעמיין: רעפאָרמעס, קאָאָפּעראַטיוון, אַרבעטס־קאָלעקטיוון". טעמע האָט צוגעזאָגט איר פריינדין איבערצושיקן אַן עקזעמפּלאַר, אָבער עס האָט זיך געפּאָדערט, נאַטירלעך, פריִער אַזאַ צו קאָפּירן.

עס איז נישט באַוווּסט דער ווייטערדיקער גורל פון דעם ווערק. חוץ טעמען האָט מרדכי קיינעם פון די חברים, אַפילו מיט קיין וואָרט נישט דערמאָנט וועגן זיין שאַפונג. עס איז אָבער וואַרשיינלעך, אַז ער האָט יאָ געפּרוּווט די דאָזיקע צו פאַרעפנטלעכן און זי איבערגעשיקט אין אַ פאַרלאַג, וואָרעם, אַ פּאָר חדשים שפּעטער, איז אָנגעקומען אַהיים אויף מרדכיס נאָמען אַ קאַרטל, אין פּויליש, מיט אַן אָפּזאָג צו דריקן זיינס אַ בוך. אויף די אָנפרעגעס פון די שטוביקע וועגן דעם ענין, האָט ער אין פאַרלעגנהייט, אַ פאַררויטלטער, געענטפערט מיט עפּעס אַ ברום אונטער דער נאָז. טעמעס בריוו מכוח זיין „ווערק" האָט מן הסתם אויפגעדעקט יענע געהיימעניש פון דער פלאַנירטער אָבער נישט רעאַליזירטער אויסגאַבע פון דעם בוך.

טענענבוים איז ביז זיינע לעצטע טעג געבליבן טיף אַדורכגעדרונגען מיט די חלוצישע אידעאַלן און נישט פאַרפעלט קיין געלעגנהייט אַנטייל צו נעמען אויף אַלע פאָרומס, ווו די פּראָבלעמאַטיק איז אַוועקגעשטעלט און דיסקוטירט געוואָרן. ער האָט זיך אויך באַטייליקט אין דעם וועלט־סעמינאַר פונעם „החלוץ" אין וואַרשע.[11]

די שפּעטערדיקע פאַראייניקונג פון „פרייהייט" מיט „החלוץ הצעיר" (סעפּטעמבער 1938) האָט צוגעגעבן דער אַרבעט אַ נייעם שוואונג.

*

זעט אויס, אַז אין מרדכיס נשמה האָט שוין דאַמאָלסט געדרימלט אַ חלום צו קאָנען דינען מיט עפּעס זיין שווער געפּרוווט און געטרודפּט פאָלק. דאָס איז געקומען צום אויסדרוק בשייכות מיט דעם פאָלגנדיקן עפּיזאָד: אין די יאָרן 1937—38 האָט זיין שוועסטער (נינאַ) געהאַט פאַר אַן אויפגאַבע צו שרייבן קורצע נאָטיצן פון פּאָליטיש־עקאָנאָמישן כאַראַקטער, וואָס זענען געווען באַשטימט פאַר פאַרשידענע פּוילישע ליבעראַלע אויסגאַבעס. דער ציל איז געווען קעגנצושטעלן דער שרייענדיקער אַנטיסעמיטישער דעמאַגאָגיע אַן אָביעקטיוון מאַטעריאַל, וואָס זאָל דעמאַסקירן פאַר דער ברייטער עפנטלעכקייט די שענדלעכע, רעאַקציאָנערע מעטאָדן פון די שונאי־ישראל. אויף מאָטילעקן האָט דער עצם פאַקט פון אַזאַ אַרבעט געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק. ער האָט אָפּגערוקט אין אַ זייט די אייגענע ענינים, כדי צו העלפן איינשאַפן די נייטיקע אינפאָרמאַציעס און דערביי זיי פאַרזען מיט שאַרפזיניקע באַמערקונגען, וואָס האָבן געגעבן אַן אינטערעסאַנטן דרוק־מאַטעריאַל. די גאַנצע צייט האָט ער זיך באַצויגן צו דער אַ פונקציע ממש מיט באַגייסטערונג, יעדעס מאָל אונטערגעשטראָכן דעם ווונטש צו קענען אויספירן „אַ שיינע און ווירדיקע אַרבעט" לטובת דעם כלל.

די שטאַרקע נייגונג צום שרייבן איז ביי אים געגאַנגען געפּאָרט מיט דער שטרעבונג אָפּצוהיטן די ריינקייט און קלאָרקייט פון יעדן לשון, מיט וועלכן ער האָט זיך באַנוצט. ער פלעגט אויך אָפּט אין דער הינזיכט מאַכן באַמערקונגען די חברים, אָנווייזן אויף פעלערן און אומפּינקטלעכקייטן. אַזאַ פאַרלאַנג פון עקזאַקטקייט, האָט אים באַוויגן צו זיין וואַכזאַם אויף די פאַרשידענע קולטור־געשעענישן און זייערע ווערטן צוצואייגענען פאַר זיין גייסטיקן באַגאַזש.

אין איינעם פון זיינע צושריפטן צו אַ בריוו צו דער עלטסטער שוועסטער אין אַרגענטינע, האָט ער זי קריטיקירט, הלמאי זי וואַרפט זיך נישט אונטער די אָנגענומענע פילאָלאָגישע כללים פון יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט (ייוואָ) און אונטערגעשטראָכן די ריכטיקייט פון דער רעפאָרם פון אויסלייג. „מן הסתם ווייסטו וועגן דעם — אַליין אַ לערערין, — אויב נישט — נעם צו קענטעניש".

קאַפּיטל זעקס

די פּטירה פונעם פאָטער

דאָס גרויסע אומגליק

פעברואַר 1938 האָט געבראַכט אַ טראַגישן קלאַפּ פאַר דער גאַנצער משפּחה. דער פאָטער איז נפטר געוואָרן. דער טויט איז געקומען פּלוצעם און אומגעריכט. מיט אַ צייט צוריק איז דוד ערנסט קראַנק געוואָרן אויף אַ ניר אַזוי ווייט, אַז דער דאָקטאָר האָט געראָטן זי כירורגיש צו באַזייטיקן, אָבער דער פאָטער האָט געבעטן צו פּרוּוון אַנדערע מיטלען אויסער אַן אָפּעראַציע און פאַקטיש נאָך עטלעכע וואָכן היילונג און דיעטע האָט זיך זיין געזונט־צושטאַנד באַדייטנדיק פאַרבעסערט.

דעם קריטישן טאָג האָט דער טאַטע געגלייבט, אַז עס האָט אים פאַר־שאַדט עפּעס אַן עסן, זיך געפילט שלעכט און געלייגט אין בעט אַריין. דער דאָקטאָר, וואָס פלעגט אים באַהאַנדלען איז גראָד נישט געווען אין דער היים. אין אָוונט זענען געקומען עטלעכע באַקאַנטע — ווער סתם אַזוי צו פאַרברענגען, ווער אַן עצה האַלטן. דוד האָט פאַרגעסן וועגן זיין ווייטיק. ער איז געווען אויפגעהייטערט, דאָ און דאָרט צוגעוואָרפן אַ באַמערקונג, אַ וויץ. זיין שלאָפצימער האָט אָפּגעהילכט מיט געלעכטער, הומאָר.

ווי נאָר אָבער די געסט האָבן פאַרלאָזט די שטוב, האָט דוד אַ זאָג געטאָן מיט אַ געדעמפּטער שטים: — „ס'איז מיר נישט גוט, אַ ביסל וואַסער" און שוין נישט באַוויזן דאָס אויסצוטרינקען, געבליבן באַוווסטלאָז. דער אַרויסגערופענער דאָקטאָר האָט פעסטגעשטעלט אַ בלוט־אויסגוס אין מוח. צו מאָרגנס אין דער פרי, דעם 9־טן פעברואַר, האָט דער פאָטער אויס־געהויכט זיין נשמה.

דאָס גרויסע אומגליק האָט איינגעהילט די היים אין אַ גרענעצלאָזן טרויער. די גאַנצע וועלט איז מיט אַ מאָל פאַרפינצטערט געוואָרן. פון אַלע ווינקלען האָט געבלאָזן מיט אומעט און פוסטקייט. עס איז פאַרשוווּנדן דער לעבעדיקער שטראַל, וואָס איז געווען בכוח אַפילו די פינצטערע צייטן צו באַהעלן מיטן ליכט פון אַ שמייכל און בטחון.

די מוטער איז אַריינגעפאַלן אין אַ טרייסטלאָזער פאַרצווייפלונג. נישט וועלנדיק נאָך מער פאַרביטערן די קינדערס געמיט, האָט זי דערשטיקט אין זיך דאָס געוויין און איז אַרומגעגאַנגען אַ מרה־שחורהדיקע, מיט אַ

פאַרשטיינערט פּנים. איצט איז זי ווידער אין גאַנצן באַהערשט געוואָרן פון די שרעק־וויזיעס פון דעם אומזיכערן מאָרגן.

אָבער נאָך אַ קורצער צייט האָט די מאַמע זיך גענומען אָפּטרייסלען פון איר פּאַסיווער דעפּרעסיע. און געשען איז דאָס אויף אַ מערקווירדיקן אופן: איר צער און יאוש האָבן געפונען אַן אָפּפלוס אין לידער. אין די שירים האָט די אומגליקלעכע אויסגעקלאָגט דעם גרויסן בראָך וואָס האָט פאַריתומט איר שטוב און די האַרצרייסנדיקע בענקשאַפט נאָך דעם אומפאַרגעסלעכן מאַן.

די לידער האָט זי, ענדלעך ווי איר זון — זיינע שריפטן, געזוכט אויסצובאַהאַלטן פאַר די שטוביקע און בכלל פאַר אַ פרעמד אויג. נאָר איין שיר, אגב אַ נישט פאַרענדיקטער, צופעליק געפונען דורך דער טאָכטער, האָט אויפגעדעקט איר סוד און איבערגעלאָזט אַ דערשיטערנדיקן רושם מיט דער קראַפט פון אויסדרוק און אָריגינעלער פאָרעם. אַזוי אַרום האָבן זיך אין הענען אַנטפּלעקט פאַרבאָרגענע ליטעראַרישע אייגנשאַפטן, וואָס האָבן אַרויסגעשלאָגן אויף דער אויבערפלאַך אונטער דער ווירקונג פון אַ שטאַרקער איבערלעבעניש. ס׳איז וואַרשיינלעך, אַז די טאַלאַנטירטע מוטער האָט בכלל פאַרמאָגט געוויסע נייגונגען, וואָס זייער אויסערונג און אַנווענדונג זענען געשטערט געוואָרן דורך די אומגינסטיקע באַדינגונגען.

די מוטער, נאָך איר מאַנס טויט, האָט געשריבן אַ סך, הונדערטער לידער, דער עיקר, ווען זי פלעגט בלייבן אַליין, אָדער שפּעט ביי נאַכט. דאָס בלעטל פּאַפּיר האָט זי גיך פאַרשטעלט, ווען אימעצער איז אַריינגעקומען, מ׳האָט דאַן געמאַכט דעם אָנשטעל, ווי מ׳וואָלט גאָרנישט באַמערקט, כדי זי נישט אַריינצוברענגען אין אַ פאַרלעגנהייט.

ערשט שפּעטער בעת דער מלחמה, אין די אומשטאַנדן פון טרויעריקער צעשיידונג מיט די קינדער, האָט די מאַמע איבערגעשיקט צו זיי עטלעכע אירע שאַפונגען, כדי זיך צו פאַרבינדן מיט אירע ליבסטע אויך אין דער שפּראַך פון פּאָעזיע.

גלייכצייטיק מיטן דראַנג צו דיכטונג, האָט זיך ביי איר דערוועקט דער ווילן און די אַמביציע צו דערגרייכן מאַטעריעלע אומאָפּהענגיקייט. נישט געקוקט אויף די פּראָטעסטן פון די קינדער, האָט זי זיך באַמיט איינצושאַפן פאַרדינסטן מיט פאַרשידענע האַנט־אַרבעטן — שטריקן, העפטן אד״גל.

*

ווי די אַנדערע שטוביקע, איז אויך מאָטילעק נאָך דעם פאָטערס פּטירה אַרומגעגאַנגען טיף דערשלאָגן און פאַרזונקען אין מעלאַנכאָליע. עס איז אים אָפּגענומען געוואָרן דער חשק צו וויכוחים. אויך די חברים, וואָס

האָבן פריער אָנגעפילט די שטוב מיט יוגנטלעכקייט און געפילדער, קומען איצט ווייניקער און ווען יאָ — פאַרשטענדיקט מען זיך שעפּטשענדיק, כדי נישט צו פּראָפאַנירן די אַטמאָספער פון טרויער.

מרדכי איז דאַנקבאַר פאַר יעדן פאַר יעדן אויסדרוק פון מיטגעפיל. אין דעם זיין ענטפערט ער זיין חברה אין ארץ־ישראל, פאַר איר „דערלאַנגען אַ פריינד־לעכע האַנט... אַ גאַבעלעם זשעסט" (נאָך אַ צייט פון אַן איבערגעריסענעם קאָנטאַקט).

מאַטילעק פאַרטיפט זיך נאָך מער אין דער אָריענטאַלישער פילאָזאָפיע — אפשר זוכט ער איצט דאָרט אַ טרייסט פאַר דעם צער, וואָס פאַרקלעמט זיין האַרץ?

די היים אָן דעם פאָטער האָט אויך באַקומען אַן אַנדערן אויסזען אין מאַטעריעלן זין. די פינאַנסיעלע פּאָזיציע, אַ נישט שלעכטע, וואָס דוד האָט זיך די לעצטע יאָרן דערוואָרבן, איז פאַרשוווּנדן צוזאַמען מיט אים. מען האָט געדאַרפט בויען די עקסיסטענץ אויף נייע יסודות.

אָבער מרדכי שטייט ווייט פון די פּראָבלעמען; גלייך ווי פריער, ווידמעט ער נישט קיין אויפמערקזאַמקייט די טאָג־טעגלעכע, גרויע דאגות. מיט אַ סטאָאישער רויִקייט איז ער גרייט זיך אָפּצוזאָגן פון פאַרשידענע באַקוועמ־לעכקייטן און איינגיין אויף באַגרענעצונגען, פון וועלכע ער גיט זיך אפילו נישט אָפּ קיין חשבון, אַזוי שטאַרק איז ער פאַרזונקען אין דער אַנדערער, גייסטיקער ספערע. די קליינלעכע פּרטים, די מאָנאָטאָנע זאָרגן, וואָס אַלע צוזאַמען שאַפן דעם ריטעם פון אַ דורכשניטלעך לעבן — זענען פאַר אים נישט וועזנטלעך, ער זעט זיי נישט אַפילו אָדער האַלט נישט פאַר נייטיק צו פאַרשווענדן צייט און ענערגיע דערויף. זיין ה י י נ ט איז אָנגעלאָדן מיט פיל אויפגאַבעס, מיט אינטעלעקטועלע פּראָבלעמען און מיט אָרגאַניזאַציאָנעלער אַרבעט, וואָס פאַרשלינגען אים פולשטענדיק. ער איז אַנטשלאָסן אַליין, מיט די אייגענע הענט, צו שמידן זיין מ אָ ר ג ן און נישט אונטערגעבן זיך פּאַסיוו דעם בלינדן שפּיל פונעם גורל.

מרדכי פאַרלאָזט די היים

עס ווערט ביי אים רייף די קאָנצעפּציע, וואָס פאַרבינדט דאָס פּערזענ־לעכע מיט דעם פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן פון זיין אָרגאַניזאַציע. ער שטעקט שוין אין איר מיט אַלע זיינע גייסטיקע וואָרצלען. דער חלוצישער קאָלעקטיוו, אָדער קיבוץ, וועט ווערן זיין נייע היים, די אידעישע חברים — די נייע משפחה.

אַ פּאָר חדשים נאָכן פאָטערס טויט, אין דעם זעלביקן יאָר 1938, פאַרלאָזט מאָטילעק זיין עלטערנס הויז.

אין איינעם אַ טאָג ווענדט ער זיך צו דער מוטער: — „מאַמעשי, איך דאַרף דיר עפּעס זאָגן...״ — זיין דעליקאַט פּנים איז באַגאָסן מיט רויטקייט, אָבער דער בליק איז קלאָר געוואָנדן גלייך צו דער מאַמעס אויגן. ער קוקט מיט ערנסטקייט און זיכערקייט, בלויז די שטים ציטערט לייכט אין אָנפאַנג, אָבער באַלד ווערט זי קרעפטיקער און פעסטער: „איך טרעט אַריין אין אַ קיבוץ. נישט צו פאַרלייכטערן מיר דאָס לעבן, נאָר כדי צו דערפילן מיין פליכט. זיי מיר מוחל, מאַמעשי, איך קאָן נישט אַנדערש״ — האָט ער צוגעגעבן נאָך אַ רגע שטילקייט און אַרומגענומען די מוטער מיט גע־רירטקייט.

העניע איז אין ערשטן מאָמענט געבליבן ווי פאַרשטיינערט. ס׳איז פאַר איר געווען אַ ביטערע, ממש אַן אויפטרייסלענדיקע בשורה. „אַלע פייגל זענען זיך צעפלויגן״... — האָט זי אַ טיפן זיפץ געגעבן, דערמאָנענדיק דאָס פּאָפּולערע ליד פון איציק מאַנגער. עס זענען געהאַט פאַרבליבן אין דער היים בלויז צוויי טעכטער און ער מאָטילעק, דער איינציקער זון, וואָס איז אין דער מוטערס פאַרשטעלונג געווען באַשטימט צו פאַרטרעטן דעם פאָטער אין אַ טייל פונקציעס, פאַרבונדן מיט מענלעכע טעטיקייטן, מיט אָנהאַלטן דאָס טראַדיציאָנעלע לעבן א״א.

שווער, ביז גאָר שווער, איז דער מאַמען אָנגעקומען די צעשיידונג מיט איר מיזיניק. אָבער זי האָט פאַר אים נישט אויסגעוויזנט דאָס פאַרקלעמטע האַרץ, נישט געמאַכט קיין פאַרווורפן און פרוון אים אָפּצוהאַלטן פון זיין באַשלוס. מיט איר טיפער אינטויציע האָט זי אַוודאי באַנומען זיין באַדער־פעניש זיך אַרויסצורייסן פון דעם גרויען אַרום אין אַ וועלט, וואָס פירט צו דער פאַרווירקלעכונג פון זיינע גאולה־חלומות.

— „זאָלסט מצליח זיין, מיין קינד, אויף יעדן וועג, וואָס דו קלייבסט דיר אויס!״ — ענטפערט די מאַמע. איבער אירע בלאַסע באַקן, וואָס זענען ווי מיט אַ מאָל מער איינגעפאַלן, קייקלען זיך טרערן. — „איך בעט דיך נאָר איין זאַך: פאַרגעס אונדז נישט און קום וואָס עפטער באַזוכן!״ — דאָס איז געווען איר איינציקע בקשה.

מאָטילעק האָט דאָס פאַרזיכערט — ער וועט געדענקען...

די לעצטע אומאַרמונג און קושן מיט דער מאַמען און מיט די שוועס־טערס — און ער פאַרלאָזט די היים.

קאַפּיטל זיבן

אויף די וועגן פון הכשרה

דער סעמינאַר אין זיעלאַנקאַ

די וויטערדיקע טריט פון מרדכי טענענבוים זענען געווען פאַרבונדן מיט פּראַקטישער אויסבילדונג אויף פאַרשידענע שטחים פון חלוצישער טעטיקייט, כדי צו קענען ווירקן לטובת דער באַוועגונג, מעגלעך אַלזייטיק צוגעגרייט.

זומער 1938 איז מרדכי באַשטימט געוואָרן אויף אַ 3־חדשימדיקן לאַנד־סעמינאַר פון „החלוץ" אין זיעלאַנקאַ, נאָענט פון וואַרשע, אין וועלכן עס האָבן זיך באַטייליקט בערך 80 אַקטיוויסטן, פאַרשטייערס פון קיבוצים און די אָנגעהעריקע יוגנט־באַוועגונגען („פרייהייט", „החלוץ הצעיר", „השומר הצעיר", „גרודוניה"). דער קורס אָרגאַניזירט מיטן צוועק צו אינסטרויִרן קאַנדידאַטן אויף מדריכים, מענטשן צו דערפילן צענטראַלע פונקציעס, האָט אַרומגענומען אַ רייכן לערן־פּראָגראַם פון הומאַניסטיק, פּעדאַגאָגיק, יידישער געשיכטע א״א. און איז געפירט געוואָרן אויף אַ הויכן ניוואָ. צום לעקטאָרן פּערסאָנאַל האָבן געהערט פּראָפ׳ א. טאַרטאַקאָווער, י. טאַבענקין, וואָס איז דעמאָלט געקומען קיין פּוילן, ד״ר י. קאָרטשאַק, ד״ר ע. רינגעלבלום א״א.[1]

דער סעמינאַר מיט אַן אינטערנאַט האָט זיך געפונען אויף אַ פאָלוואַרק, וואָס זיין באַלעבאָס, דער פילאַנטראָפּ דאָקטאָראָוויטש פון וואַרשע, האָט געשטעלט צו דער דיספּאָזיציע פון „החלוץ". עס זענען דאָרט געווען פּאַווי־ליאָנען „גאַבריעלאַ", אויפן נאָמען פון זיין פרוי, וווּ דאָקטאָראָוויטש פלעגט אַראָפּברענגען אָרעמע קינדער אויף זומער־קאָלאָניעס און זיי אויסהאַלטן אומזיסט.

דאָרטן איז אויך באַזונדער, זינט יאָר 1937, אָרגאַניזירט געוואָרן אַ מיליטערישע הכשרה פאַר חלוצים — קאַנדידאַטן אויף עולים. אין צוזאַ־מענהאַנג מיט דעם וואַקסנדיקן אַנטיסעמיטיזם אין פּוילן און די באַדערפע־נישן פון פאַרטיידיקונג אין ארץ־ישראל, איז געמאַכט געוואָרן אַן אָנשטרענג צוצוגרייטן מיליטעריש די קיבוצים פון הכשרה. אין רעזולטאַט פון אַ ווענדונג מצד די פאָרשטייערס פון דער „הגנה" אין פּוילן, יהודה ארזי און פונעם „החלוץ", ד״ר מיכאל פּעקער, צום פּוילישן מיליטערישן שטאַב און צו דעם אויסערן־מיניסטעריום, איז דערלויבט געוואָרן די איינאיבונג מיט

געווער אין די ראַמען פֿון מיליטערישער דערציִונג פֿאַר חלוצים.[2] די בקשה איז אַרגומענטירט געוואָרן מיטן פֿאַקט, וואָס די „הגנה" איז געווען אויסגעשטאַט מיט פּויליש געווער און די איבונגען אין מאַנדאַטאַרישן לאַנד זענען באַשווערט מחמת דער אָנגעשטרענגטער לאַגע. די רעגירונג איז איינגעגאַנגען אויף דעם פֿאָרשלאַג אין דער האָפֿענונג, אַז דאָס וועט באַ־גינסטיקן אַ גרעסערע יידן־עמיגראַציע פֿון פּוילן.

אין זיעלאָנקאַ זענען געמאַכט געוואָרן די געהעריקע איינריכטונגען און שליחים פֿון ארץ־ישראל האָבן געלערנט, ווי זיך צו באַגיין מיט וואָפֿן, טרעפֿן אין ציל, וואַרפֿן גראַנאַטן, ווי אויך אַלגעמיינע מיליטערישע דיסציפּלין און דאָס אַלץ באַהויכט מיטן גייסט פֿון ציוניזם.[3]

אַזאַ קורס פֿלעגט אָנהאַלטן בערך אַ חודש, מיטן אָנטייל פֿון עטלעכע צענדליק יוגנטלעכע, דערונטער אויך מיידלעך. די קאָנטראָל איבער דער אַרבעט האָבן געהאַט פּוילישע אָפֿיצירן, זיי האָבן אויך געהאָלפֿן אינס־טרויִרן און צוגעשטעלט לייכט געווער (רעוואָלווערן זענען געווען פֿאַר־באָטן, נאָר איינער האָט געלערנט זיך באַגיין מיט אַזעלכן). מחמת מאַנגל אין ביקסן, האָט מען זיך באַנוצט מיט הילצערנע כּלים.

שפּעטער זענען דורכגעפֿירט געוואָרן צענדליקער לאָקאַלע קורסן אויך פֿון דער באַוועגונג פֿון „הנוער הציוני" מיטן צוועק צו שאַפֿן זעלבשוץ־גרופּעס אין פֿאַל פֿון פּאָגראָמען. קורץ פֿאַר דעם מלחמה־אויסברוך איז איינגעאָרדנט געוואָרן אַ צווייטער לאַנד־קורס, וואָרעם דער רוב פֿון די פֿריערדיקע אַבסאָלווענטן האָט שוין געהאַט עולה געווען.

מרדכי טענענבוים פֿלעגט אָפֿט באַזוכן און בייזיין די איבונגען אין זיעלאָנקאַ.[4] די מיליטערישע צוגרייטונג איז געוואָרן, לעבן דער חלוצישער הכשרה, אַ באַדינג צו עליה און בכלל איז די אָרגאַניזאַציע פֿון פּאַרטיידיקונגס־קרעפֿטן געוואָרן אַ וויכטיקער באַשטאַנד־טייל פֿון דער חלוצישער טעטיקייט אין די קיבוצים און אויף די הכשרות. די תלמידים זענען אַרויס פֿון דעם מיליטערישן קורס „מיט אַ געהויבענער שטימונג און גלויבן אין כּוחות פֿון טאַט און מיט זיכערקייט פֿון רעאַליזאַציע".[5]

עס אונטערליגט נישט קיין ספֿק, אַז די דערפֿאַרונג אויף דעם געביט, וואָס טענענבוים האָט דעמאָלט דערוואָרבן, האָט אים געדינט אין זיין שפּעטערדיקער טעטיקייט און אויך דער גייסט פֿון „הגנה" האָט אומעטום געריכטעט זיינע שריט.

אין באַראַנאָוויטש

טענענבוים האָט געשטרעבט צו קומען אין לאַנד צוגעגרייט נישט בלויז טעאָרעטיש, נאָר אויך ווי אַ חלוץ בפּועל ממש, וואָס איז פֿעיִק צו טאָן

יעדע פיזישע אַרבעט. פאַר דעם צוועק איז ער אַרויסגעפאָרן אין קיבוץ־הכשרה, „שחריה", וואָס האָט זיך געפונען אין באַראַנאָוויטש. די באַדינגונגען פון דעם בשותּפותדיקן לעבן דאָרטן זענען געווען זייער שווערע — אָן אָפּהילך דערפון געפינט זיך אויך אין טעמעס בריוו קיין ארץ־ישראל (פון 11.8.37), וואָס שטרייכט אונטער מרדכיס עקשנותדיקן כאַראַקטער: ער וועט דאָרט גיכער „פאַלן" איידער צוריקקומען — האָט זי געשריבן. אַרויסגעפאָרן אַהין איז ער אַ קנאַפּ יאָר שפּעטער, ווי ער האָט געהאַט פּלאַנירט.

דער קיבוץ אין באַראַנאָוויטש האָט דעמאָלט געציילט בערך 300 חברים און איז געווען דער צענטער (גוש המרכז) פאַר די סניפים פון גאַנץ פּאָלעסיע. אין יענער צייט האָט דער קיבוץ שוין געהאַט אַ גרויס הויז, אַרומגערינגלט מיט פּרוכטן־ביימער און בלומען. מ'האָט אויך געוווינט אין אַנדערע געביידעס. אַלע חברים האָט פאַרפליכטעט דער יסודותדיקער פּרינציפּ: צו דערגרייכן אַלץ בלויז מיט די אייגענע כוחות. ס'איז געווען פאַרבאָטן אָנצונעמען וואָס פאַרן נישט הילף פון דרויסן, אַפילו אַ פּאָסטמאַרקע, צי אַ גלעזל טיי אא"וו. דער ציל איז געווען — אויסצולערנען פאַרשידענע פאַכן און קענען זיך אָן עצה געבן אין אַלע באַדינגונגען. צווישן די מיטגלידער זענען געווען אַ סך בעלי־מלאכות, וואָס האָבן ס'רוב געאַרבעט אין די פאַבריקן און וואַרשטאַטן פון די אָרטיקע יידן, ווי אויך אין אייגענע אַרבעטס־פּלעצער, ווי שניידעריי, שוסטעריי א"א און זיי האָבן זיך געפילט ווי אַ פּראָדוקטיווער און נוצלעכער עלעמענט. אָבער פאַר קולטור־מענטשן, ווי מרדכי, איז געווען ביז גאָר שווער און דערפאַר האָט מען געדאַרפט זאָרגן, זיי זאָלן זיך נישט איינברעכן און אַנטוישן. בשייכות מיט דעם איז אַפילו געקומען אַ ספּעציעלער שליח, מ. באַראַנטשוק פון וואַרשע צום מזכיר פונעם קיבוץ, אברהם ברום, און אים אָנגעזאָגט, צו לייגן אַ ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט אויף מרדכין און אים „אָפּהיטן ווי אַ דעפּאָזיט", ווייל ער איז באַשטימט צו אַ וויכטיקער אויפגאַבע אין דער צענטראַלע פון דער באַוועגונג, אין דער הויפּטשטאָט. מרדכי איז אַריין אַרבעטן אין אַ טאַרטאַק. געקומען גלייך פון אַן אַקאַדעמישן אַנשטאַלט און נישט געוווינט צו קיין פיזישן אָנשטרענג, האָט ער געהאַט אויסצושטיין אַ שווערן און ביטערן נסיון. דאָך האָט ער זיך נישט אונטער־געגעבן און מיט אַלע כוחות באַמיט צו באַווייזן, אַז ער איז מסוגל צו טאָן די סאַמע פּשוטע און שווערסטע אַרבעט. כאָטש זיינע אַקסלען זענען געווען צעקאַליטשעט און די הענט פול מיט מאָזאָליעס פון טראָגן די קלעצער און ברעטער, האָט ער נישט געוואָלט הערן פון פאַרלאָזן דעם טאַרטאַק און זוכן אַ לייכטערע באַשעפטיקונג. אין דער זעלבער צייט האָט ער באַריכטעט צו זיינע נאָענטע, אַז ער איז „זייער צופרידן" (פון טעמאַס בריוו פון 28.9.38).

מרדכי האָט זיך אויך דאָרטן אויסגעצייכנט מיט זיין מענטאַלער רייפ־

קייט און „אינטעלעקטועל איז צו אים נישט געווען קיין גלייכער אין באַראַנאָוויטש" — גיט איבער זיין דאַמאָלסטיקער חבר פון דעם זעלבן קיבוץ, מרדכי ברום.[7]

איין געשעעניש האָט זיך באַזונדערס איינגעקריצט אין זכרון מיט דעם שטאַרקן רושם, וואָס זי האָט געמאַכט אויף אַלעמען. ס'איז געווען אין יום־כיפּור 1938, קורץ נאָך דעם מינכענער אָפּמאַך, לויט וועלכן דער סודעטן־געביט, וואָס האָט געהערט צו טשעכאָסלאָוואַקיי, איז איבערגעגעבן געוואָרן צו היטלער־דייטשלאַנד. אַ שליח פון וואַרשע איז דעמאָלט אַרויסגעטרעטן מיט אַ רעדע, וואָס האָט באַרעכטיקט טשעמבערליינס פּאָליטיק פון פּשרה, כדי פאַר יעדן פּרייז אויסצומיידן אַ מלחמה. מרדכי, נאָך ווייניק דאָרט באַקאַנט, „אַ שטילער, איידעלער און אַן אַנטימיליטאַריסט", האָט פּלוצעם זיך באַוויזן אין זיין „רעוואָלוציאָנערן טעמפּעראַמענט".[8] ער האָט שטאַרק אָפּאָגירט דעם לעקטאָר און געטענהט, אַז אַן אָפּאָרטוניסטישע פּאָליטיק פון נאָכגעבן היטלערן וועט דעם שלום נישט אָפּראַטעווען, פּונקט פאַרקערט, דאָס וועט נאָך שטאַרקן דעם שונא און אָפּשוואַכן מאָראַליש די ווידער־שטאַנד־קראַפט פון די דעמאָקראַטישע מלוכות.

אויף דער דאָזיקער פאַרזאַמלונג האָט טענענבוים אויך אַרויסגעבראַכט דעם געדאַנק, אַז מ'דאַרף דערציען דעם מענטש, ער זאָל אַרויסגיין פון מאַטעריעלישקייט צו גייסטיקייט, סטימולירן אים צו מאָראַלישע ווערטן. דאָס איז געווען אַ נייער טאָן אין די שמועסן, אַ נייע „לעבנס־פילאָזאָפיע",[9] וואָס ער האָט אַוועקגעשטעלט פאַרן קיבוץ.

אין „שחריה" האָט זיך מרדכי פאַרנומען מיט קולטור־אַרבעט, פלעגט איינאָרדענען מסיבות, האַלטן פאָרטראָגן, שמועסן, אַרומפאָרן אין די שכנות־דיקע סניפים אין אַנטשפּרעכנדיקע מיסיעס.

פאַרן אומקערן זיך קיין וואַרשע האָט ער אָנגעפירט אין סלאָנים מיט אַ סעמינאַר פאַר יוגנטלעכע פון „החלוץ" און „פרייהייט" פון דער סביבה. אַזוי אַרום האָט ער אין באַראַנאָוויטש זיך אַליין און אויך אַנדערע געגרייט צו עליה.

קאַפּיטל אַכט

אין חלוצישן קאָלעקטיוו

די ליטעראַריש־פּובליציסטישע טעטיקייט

אָנהויב 1939 איז טענענבוים אַרויסגערופן געוואָרן פון זיין הכשרה־פּלאַץ קיין וואַרשע, כדי מיטצואַרבעטן אין מרכז פון „החלוץ", אויף דזשעלנע 34, ווו ער איז, אגב, געוועזן דער יוגנסטער. דאָרט האָט זיך געפונען אַ חלוצישער קאָלעקטיוו פון אָנפירנדיקע חברים און ער איז געבליבן ווינען צוזאַמען מיט זיי. אַהער פלעגן אויך קומען שליחים פון ארץ־ישראל. די ספּעציפישע סביבה האָט נאָך מער באַקרעפטיקט זיין ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע אָנשויונג, אָבער אויך ער האָט אַריינגעטראָגן אין איר דעם חותם פון זיין רייכער פערזענלעכקייט.

מרדכי איז אַריינגענומען געוואָרן אין דער אָפּטיילונג פון קולטור און אויפקלערונג, צו וועלכער ס'האָט אויך געהערט די אויסגאַבע פון אידעישן אָרגאַן פון „החלוץ" און „העובד" — „אונזערע ידיעות".

אַ ביסל פריער איז געדרוקט געוואָרן זיינס אַ ליטעראַרישער חיבור, אַרויסגעשיקט פון באַראַנאָוויטש, א"ק KINERET, אין אַן אַנדערער אויסגאַבע פון דער אָרגאַניזאַציע, אין מאָנאַט־שריפט „HECHALUC HACAIR" וואָס איז דערשינען יאַנואַר 1939, (נר. 35). דער דאָזיקער איז געווען באַשטימט דער עיקר פאַר דער שטודירנדיקער, פּויליש רעדנדיקער יוגנט.

דער טעקסט אין דער יידישער איבערזעצונג איז פאָלגנדיקער:

כ נ ר ת

קיין מאָל האָבן דיך מיינע אויגן נישט געזען. אומבאַקאַנט איז מיר דיין מילדער שמייכל אין די העלע, אין זון געבאָדענע טעג; אַזוי אויך דיין צאָרן, ווען דו באַדעקסט זיך מיט כמאַרעס. אין דיינע וואַסערן האָב איך זיך נאָך נישט געבאָדן, וועגן גליק ביי די ברעגעס פון דיינע וואַסערן — נישט געחלומט. פרעמד ביסטו מיר, כנרת — און אַזוי האַרציק נאָענט. דער נאָמען דיינער צערטלט מיין אויער ווי אַן איידעלע מוטערלעכע האַנט — — — אונדזערע חכמים האָבן געזאָגט, אַז דיין נאָמען איז „כנרת", וואָרעם די פּירות ביי דיינע ברעגעס זענען זיס, ווי די שטים פון אַ פידל. די סטרונעס פון דיינע כוואַליעס, באַוויגן דורכן סמיטשיק פונעם ווינט, זינגען אויס אונדזער ביטערע דאָליע, — טרויער, בענקשאַפט און האָפענונג, — — —

פון דיינע דערנער האָט מען אַ קרוין געפלאָכטן פאַר דעם בן־אדם, וואָס האָט דער מענטשהייט ליבע און שלום געפּרעדיקט. — אין פינצטערן תהום פון דיינע וואַסערן זאַפּסטו איין די קרעכצן פון דיינע געראודפטע זין, וואָס ווערן דיר דערלאַנגט פון אַלע עקן וועלט. צו די ברעגעס פון דיינע וואַסערן זענען געקומען אונדזערע ברידער מיט דער בשורה פון שלום און באַפרייונג, מקריב זייענדיק זייער לעבן פאַר דער פרייהייט פון דיין פאָלק, פאַר זיין גאולה — — —

ווען די זון פאַרגייט און רויטלט די קרוינען פון די ביימער אין גאָרטן פון קיבוץ, און די שאָטנס וויקלען איין די ערד, לויפט דער געדאַנק צו די ברידער אונדזערע, וואָס שטייען אויף דער וואַך ביי די ברעגעס דיינע. כ׳טו תפילה פאַר זייער לעבן און געזונט; איך שיק אַ געבעט אויף אַ גערעטעניש און פרוכטן פון זייער פּראַצע און מי, איך בין מתפּלל פאַר זייער פרייד, פאַר די, וואָס אַנטוישט אין לעבן, האָבן זיך צוגעטוליעט צו דיין שויס, זוכנדיק באַרויִקונג און פאַרגעסנקייט. דו ביסט זייער לעצטער אָנהאַלט — פאַרלאָז זיי נישט אין די שרעקלעכע טעג און נעכט! —

„שחריה״ — באַראַנאָוויטש.

מרדכי

ווי ס׳איז צו זען, איז עס אַ שאַפונג פון אַ הויכער ליטעראַרישער קוואַליטעט, פאַרפאַסט אין פּראָזע, אָבער אין סטיל פון לויטערער פּאָעזיע, אַדורכגעדרונגען מיט טיפער ליריק און סימבאָליק, פול מיט וויטיקלעכן טרויער און לעכצנדיקער בענקשאַפט צו גאולה; אין סך־הכל — אַ הייסע תפילה פאַר די אומגליקלעכע, געראודפטע ברידער פון אומעטום און פאַר די, וואָס האָבן זיך דערשלאָגן צו די אָפּפרישנדיקע ברעגעס פון כנרת, זייער לעצטע סטאַציע...

די שילדערונג איז געווען אַ בולטער אויסדרוק פון זיין שוין דעמאָלט קרעפטיקער פעדער, פון אַ דערוואַכטן שרייבערישן טאַלאַנט.

„אונדזערע ידיעות״

די צייטשריפט „אונדזערע ידיעות״ (אָדער „אונזערע״) פלעגט דערשיינען יעדע וואָך, אָדער איין מאָל אין צוויי וואָכן מיט אַ טיראַזש פון 16 טויזנט עקזעמפּלאַרן (אַזוי איז זי פאַרשפּרייט געוואָרן פאַרן סאַמע מלחמה־אויסברוך, אין אויגוסט 1939). דעם יסודותדיקן מאַטעריאַל, חוץ די אַלגעמיינע אינפאָר־מאַציעס פון יידישן לעבן, האָט צוגעשטעלט די ארץ־ישראלדיקע פּרעסע. די אַרויסגעבערס האָבן זיך באַטראַכט פאַרן אַוואַנגאַרד פון חלוציזם, זיך באַמיט אונטערצושטרייכן די חלוצישע פאַרווירקלעכונג און בכלל דעם דערציִערישן אַספּעקט. די רעדאַקציע פון דער צייטונג האָט זיך געפונען

אין דער „באַראַכאָוו־היים״, אויף גענשאַ־גאַס 14 און דער רעדאַקטאָר איז געווען מולקע באַראַנטשוק, וואָס האָט זיך געגרייט צו דער עליה. מרדכי האָט אים געדאַרפט פאַרטרעטן.

בעת זייער ערשטער באַגעגעניש, האָט טענענבוים זיך פאַרגעשטעלט ווי אַ סטודענט פון אָריענטאַלישן אינסטיטוט און געמאַכט אַן איינדרוק פון „אַן עקסטראַוואַגאַנט אין זיין אופן פון רעדן, אויפפירונג און בכלל פון אַ פאַנ־טאַזיאָר״[1]. לכתחילה האָט ער געוואָלט אַלץ איבעראַנדערשן: די פאָרעם, דעם סדר, דעם אינהאַלט פון דעם אָרגאַן, אָבער דער עלטערער חבר האָט געהעמט זיין נאָוואַטאָרישן אייפער. דאָך נאָך אַ קורצער צייט און גאַנץ לייכט האָבן זיי זיך גוט איינפאַרשטאַנען און האַרמאָניש צוזאַמענגעלעבט אין איין צימער. אויך אין דער סביבה האָט מרדכי איינגעפירט דעם מנהג, יעדן זונטיק־פרימאָרגן צו גיין אין דער פילהאַרמאָניע און אויף פאַרשידענע קולטור־אימפּרעזעס אין באַגלייטונג פון חברים. אָבער אין תוך, צוליב זיין סובטעלקייט, איז ער פאַרבליבן אַ שעמעוודיקער און פאַרשלאָסן אַפילו פאַר די נאָענסטע מענטשן. אַזוי למשל, האָט ער זיין חברטע טעמע אַ לענגערע צייט פאָרגעשטעלט פאַר אַ שוועסטער, ביז זיי האָבן אַליין אַנטדעקט דעם אמת.

טענענבוים, וואָס איז דעמאָלט געווען מער צוגעוווינט צו דער פּוילישער שפּראַך, האָט זיך גיך איינגעאיבט אין איבערזעצן פון העברעיש אויף יידיש און אויך אַליין אָנגעהויבן צו שרייבן אַרטיקלען אין נאָמען פון דער רעדאַק־ציע, אָן אַן אונטערשריפט.

אויף דעם אָרט וועלן באַהאַנדלט ווערן נאָר די מאמרים, וואָס זענען געחתמעט מיט זיין נאָמען, הגם אויך געוויסע אַנדערע ווייזן אָן, לויטן תוכן און סטיל, אויף אים ווי דעם מחבר.

ער האָט רעאַגירט מיט ברען און דרייסטקייט אויף פאַרשידענע פּאַסי־רונגען אין יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן, אַליין אַרויסגערוקט פּראָבלעמען און געזוכט פאַר זיי אַ לייזונג.

אין „אונדזערע ידיעות״[2], נר. 78 (מערץ 1939), געווידמעט דעם „גייסט פון תל־חי״, איז באַהאַנדלט געוואָרן אַן ענין, וואָס האָט געעגבערט שטאַרק זיין געדאַנק: די מאַטיוון פון פּאַסיווקייט פון די גלות־יידן, דער מאַנגל פון אַ געהעריקער רעאַקציע אויף די עוולות לגבי זיי און אין קעגנזאַץ צו דעם — די גבורה פון די ארץ־ישראלדיקע בויערס.

אין באַצוג צו דער ערשטער דערשיינונג האָט ער געשריבן דאָס פאָלגנדיקע: — „יידן האָבן זיך אויסגעלערנט מוותר זיין אויף עלעמענטאַרע פאָדערונגען פון זעלבסטדערהאַלטונגס־אינסטינקט. דאָס געפיל פון פּחד, אויסערלעכע אָביעקטיווע סיבות, אויך די רעליגיע, שרעק פאַר יענער וועלט

— די גאַנצע געשיכטע פון יידן אין גלות צייכנט זיך אויס מיט ראַציאָנעלער, באַגרינדעטער פּחדנות". אויסער איינצלנע פאַלן, איז נישט געווען „קיין מאַסן־ווידערשטאַנד".

דער שרייבער האָט קריטיקירט די נישט געהעריקע דערציִונג מצד די עלטערן, די „פּראַקטישע" און „סנאָבן", וואָס האָבן נישט געלערנט אַ „יידיש קינד", עס זאָל אויך קענען זיך „באַשיצן פון עשו׳ס הענט". דאַקעגן ווערט מיט התלהבות אַרויסגעהויבן דער טיפּ פון די „שומרים", וואָס האָבן אָרגאַ־ניזירט די זעלבשוץ אין רוסלאַנד און באַוויזן, אַז „אַ ייד קאָן אויך נישט אַנטלויפן". די דאָזיקע, וואָס האָבן פאַרלאָזט זייער היים, אַלץ, און „זענען מיט אַ באַגער צו בראשית אין אַ מדבר געגאַנגען" — זיי ווערן באַצייכנט, ווי „מענטשן ריזן".

אַ קליין הייפל אין אַ ים פון ווילדקייט און רויב צווישן די אַזיאַטישע שבטים, האָט פאַרן פּרייז פון בלוט און לעבן אויפגעשטעלט דעם ערשטן „שטאָק פון אַ יידישן סאָציאַליסטישן פרייזלאַנד־בנין".

אין הסכם מיט זיינע מוזיקאַלישע נייגונגען, האָט דער מחבר זייער הויך געשאַצט די ראָל פון געזאַנג ווי אַ דערציערישן פאַקטאָר אין דער אָרגאַני־זאַציע. די לידער — שרייבט ער — דריקן אויס די נשמה פון דער באַוועגונג, „צער, מעלאַנכאָליע, בענקשאַפט", זיי זענען „לעבעדיקע, טאַנצנדיקע, פריי־לעכע" און רעדן מיט אַ באַזונדער לשון. בשייכות מיט דעם ברענגט ער אַרויס דעם אָריגינעלן געדאַנק, אַז ווען קינסטלערס וואָלטן געהערשט, וואָלטן די חלוצים צו זיי זיך געוואַנדן, אויסגעזונגען „דעם גאַנצן ווייטיק... די גאַנצע פאַרצווייפלונג" און געפונען פאַרשטענדעניש ביי די דאָזיקע מענטשן.

אין לידער איז אויך פאַרקערפּערט דער גרויסער קולט פון די חלוצים פאַר די שומרים, די וועגווייזער, ספּעציעל פאַר טרומפּעלדאָרן. בעת טענענ־בוים קאָמענטירט דעם פּרט, רייסט זיך ביי אים אַרויס אַ כאַראַקטעריסטישע רעאַקציע: ער איז זיי „מקנא". דער מאָטיוו ווערט אַזוי אויפגעקלערט: „נישט דערפאַר, וואָס מיר ווילן זיין „גבורים", נאָר ווייל מיר ווילן מכפּר זיין אויפן לעבן פון אונדזערע זיידעס און טאַטעס, ווייל מיר ווילן — כאָטש אויף אַ רגע — דערהייבן זיך צו דער מדרגה פון אַ פרייען מענטש, פילן די מאַיעסטעט פון אַ פריי לעבן. ווי ווייניק מענטשן לעבן אַ מענטשלעך לעבן" — האָט ער אויסגעפירט מיט פאַרדראָס.

מען האָט דערפון אַרויסגעשפירט זיין באַגער צו ווירדיקע טאַטן, וואָס זאָלן געבן דעם לעבן אַ פּאָזיטיוון — אַ נאַציאָנאַלן און מענטשלעכן זין. עס איז שוין אין אים דעמאָלט געווען רייף די קאָנצעפּציע פון עקסטרעמער קרבנות־גרייטקייט. וואָרעם די דאָזיקע העלדן — שרייבט ער — „זיי געבן אַפילו מיט זייער טויט אַ טעם דעם לעבן".

אַזוי אַרום אַנטפּלעקט זיך ביי אים די מערקווירדיקע נטיה פאַר דער טעמע „גבורה״. ער ווערט פון איר ממש פאַרכאַפּט, אַנאַליזירט אירע פאַר־שידענע אַספּעקטן. קודם כל וויל ער איבערצייגן זיינע חברים, אַז עס נויטיקן זיך נישט קיין מיליטערישע אָדער אַנדערע ספּעציעלע אייגנשאַפטן, כדי צו ווערן אַ „העלד״. יענע, די באַזונגענע, זענען געווען פּשוטע מענטשן, „אַזעלכע ווי איך, דו, ער״. דאָס מיינט, אַז יעדער איינער קאָן זיין אַ פּאָטענציעלער קאַנדידאַט אויף אַ „גבור״, אויב ער האַנדלט אין איינקלאַנג מיט געוויסע כללים, וואָס ווערן דורך אים אַנגעוויזן ווי אינטעגראַלע עלעמענטן פון דעם באַגריף „העלד״. צו די געהערן:

1) אַנאָנימקייט — דאָס מיינט טאָן זאַכן, וואָס רופן אַרויס „באַוווּנדע־רונג, דרך־ארץ״ און שטוינונג, אָבער אָן באַרימען זיך מיט דעם פאַר מענטשן און אָן באַגערן וואָסערע נישט אויסצייכענונגען.

— „די העלדישקייט באַקעמפט די העלדן — עס קומט פאַר אַ דעמאָ־קראַטיזאַציע, אַ פאַרגעזעלשאַפטלעכונג פון דער גבורה״ — האָט באַצייכנט דער יונגער „טעאָרעטיקער״ דעם כאַראַקטער פון דעם דאָזיקן סאָציאָלאָגישן פּראָצעס.

2) פּשטות — אַלץ ווערט געטאָן מיט באַשיידנקייט, אָן „אָנשטעל און פּאַראַד. מען גייט צו דער אַרבעט — באַפאַלט מען — פאַרטרייבט מען״.

3) שנאה צו „גבורה״ — מען זוכט נישט קיין געלעגנהייט צו דעמאָנס־טרירן די „העלדישקייט״. אַן אמתער גבור האָט פיינד מיליטאַריזם און די ביקס, ער לעכצט נאָך שלום און טאָג־טעגלעכער קאָנסטרוקטיווער אַרבעט.

4) „באַוווּסטזיין — וויסן פאַרוואָס מען קעמפט און אָפּהיטן צוליב דעם די ריינקייט פון קאַמף״. דאָ מאַכט דער שרייבער אַן אינטערעסאַנטע דיגרעסיע: די יידן זענען די נאָבלסטע שונאים, וואָס פאַרטיידיקן צום מערסטן דעם קעגנערס לעבן און פאַרמעגן.

5) פּערמאַנענטע גבורה. ס׳איז נישט קיין גרויסע זאַך „אָנצוגאַרטלען די לענדן״ צו אַן איינמאָליקן פאַרצווייפלונגס־אַקט, למשל אַ שפּרונג טאָן מיט פאַרמאַכטע אויגן. העלדישקייט באַטייט אויסגעהאַלטנקייט אומעטום, אין דער פאָרעם פון לעבן „און נישט אָפּטרעטן קיין שפּאַן באָדן״.

מ׳קען נאָך אַ סך שרייבן אויף דער טעמע, זאָגט דער אויטאָר פונעם אַרטיקל. אָבער ס׳איז נישט נייטיק קיין באַזונדערע אָפּהאַנדלונג. וואָרעם די טעגלעכע פּרעסע אין ארץ־ישראל איז פול מיט כראָניק פון קאָנקרעטע, ממשותדיקע גבורה־טאַטן. אַזוי למשל דערציילט דער „דבר״ וועגן כופר הישוב און צוואַנג־באַשטייערונג, וועגן עליה אויפן באָדן, וועגן יידן, וואָס וואַנדערן צו פוס פון בוכאַראַ קיין א״י. — „יעדע ידיעה — אַן אוצר, אַ דערמוטיקונג, אַ פּראַכטפולער טייל פון אַ הערלעכער העלדן־עפּאָפּייע, וועלכע

האָט זיך אָנגעהויבן מיט די בילו״ים און ציט זיך איבער ״השומר״, תל־חי, חולדה ביז — חניתה״. דאָס אַרטיקל האָט פאַרענדיקט טענענבוים מיט אַ שטאַרקן אַקאָרד, וואָס דריקט אויס זיין טיפע איבערצייגונג און הייליקן צוזאָג:

—״און כל זמן עס בלייבט אונזער פאָלק אין גלות און זיין יוגנט ווערט געיאָגט פון יאוש און גערופן פון גלויבן, וועט זיך די גאָלדענע קייט פון גבורה נישט איבעררייסן, מיר וועלן זי ווייטער ציען!״. דער מאמר איז געחתמעט: מרדכי.

די ווערטער, געשריבן ערב דעם מלחמה־אויסברוך, אין די באַדינגונגען פון שאַרפע שפּאַנונגען און פון דער אָנרוקנדיקער נאַצישער געפאַר, זענען געווען אַן אָנזאָג פון זיין ווייטערדיקער אייגענער ״פּערמאַנענטער גבורה״.

*

טענענבוים האָט געזען פאַר זיך שווערע, וויכטיקע אויפגאַבעס און אויסגעדריקט די מיינונג, אַז זיין אָרגאַניזאַציע האָט נישט באַוויזן זיך צו שטעלן אויף דער הויך פון דער היסטאָרישער שעה. עס ״איז בולט די נישט צוגעגרייטקייט צו דערפילן די פאָדערונגען פון דער תקופה״ — האָט ער פאָרמולירט זיין קריטישן בליק לגבי דער באַוועגונג.

״די אויפגאַבן זענען געוואַקסן — ס׳מוז וואַקסן אונזער כוח״ — דאָס איז דאָס קעפּל פון אַ ווייטערדיקן אַרטיקל אין ״אונזערע ידיעות״, נר. 88 (אַפּריל 1939).

הגם די אויפטוען פון דער אָרגאַניזאַציע זענען גרויסע און דאָס חלוצישע ווערק, ווי אויך די בוינג־קראַפט האָבן זיך אויסגעברייטערט, זענען דאָך נישט אַרומגענומען געוואָרן אַלע נויטיקע אַרבעטשטחים. (ווי איבערשיכטונג, שטייגנדיקע עמיגראַציע־נויט, אויסזיכטלאָזיקייט פון דער יוגנט, פּליטים־פּראַגע א״אַ). אויב דער חלוצישער כוח וועט זיך נישט פאַרגרעסערן, דראָט אַ סכנה, עס זאָל זיך שאַפן ״אַ קאָנטראַסט פון אויפגאַבן און מעגלעכקייטן״ — פירט אויס טענענבוים. אַנאַליזירנדיק די סיבות פון דער שוואַכקייט, דער אינערלעכער און אויסערלעכער, ווייזט ער אָן, אַז דער חלוצישער אַוואַנגאַרד איז נישט בלויז קליין אין צאָל, נאָר ס׳פעלט אים אויך ״חלוצישע גרייטקייט״, די באַלדיקע דעציזיע צום טאַט, צו פאַרלאָזן די היים. דערביי ווערט געזאָגט, אַז די ערנסטע אָביעקטיווע שטערונגען (די אומרוען אין א״י, די באַגרע־נעצונגען פון דער מאַנדאַטן־מאַכט, די מאַכינאַציעס פון דעם שוואַרץ־ברוינעם אימפּעריאַליזם, די אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע), שאַפן אַ נישט גינסטיקן ״גייסטיקן קלימאַט״ פאַר דער חלוצישער באַוועגונג און דאָס איז משפיע אויף איר אויסזען.

אַזוי האָבן באַוואוסטזיין מוח מחשבות מכוח פאַרשטאַרקן די אָרגאַ־

ניזאַציע און פאַרטיפן איר אידעאָלאָגיע, זיך קעגנשטעלן אויף אַלע מעגלעכע וועגן די וואַקסנדיקע שטרויכלונגען פאַר דער חלוצישער רעאַליזאַציע. דעם געראַנגל וועט טענענבוים אויך פירן ביזן סאַמע סוף אין וואָרט און שריפט.

*

מ. טענענבוים האָט שטאַרק איבערגעלעבט די דראַמאַטישע טרויעריקע געשעענישן אין ארץ־ישראל. אין זיין קורצן מאמר באַטיטלט „חניתה וועט זיגן „אונזערע ידיעות" נר. 92 (מאַי 1939), האָט ער זיך באַצויגן צום „ווייסן בוך" און גערופן צו מאַכן די מאַקסימאַלסטע אָנשטרענגונגען, כדי צו זיגן. וואָרעם „דאָס איז די לעצטע שאַנס — וועלן מיר זי נישט אויס־נוצן, נישט געקוקט אויף אַלע מעגלעכע קרבנות, זענען מיר פאַרלוירן" — האָט ער געשריבן מיט מערקווירדיקן פאַרגעפיל און אויסגעדריקט די האָפענונג, אַז די זין פון די תל־חי׳ס, חניתה׳ס א״אַ וועלן לסוף אָפּהאַלטן אַ נצחון און דאָס „ווייסע בוך" וועט אויסגעשטעלט ווערן צו שאַנד.

— „מיר טרעטן אַריין אין אַ תקופה פון פאַרשנעלערטן טאָט, פון באַלדיקן, ממשותדיקן ענטפער אויף יעדן רוף פון לאַנד" — האָט דער מחבר ווייטער געזאָגט און געפאָדערט צו מאָביליזירן מענטשן און מיטלען, כדי צו געבן דעם ישוב נישט „עצות", נאָר „זיך אינגאַנצן". פאַר דעם צוועק שלאָגט פאָר טענענבוים צו פּראָקלאַמירן אַ ציילונג פון דער יידישער יוגנט „צו הילף דעם פאָלק און לאַנד".

*

חוץ דער פּעריאָדיסטישער און דערציונגס־אַרבעט אויפן אָרט, פלעגט טענענבוים אַרויספאָרן אין פאַרשידענע שליחותן אין דער פּראָווינץ. אַזוי למשל, האָט ער זיך באַטייליקט מצד דעם מרכז (צוזאַמען מיט נאָך דעלעגאַטן) אויף די פּרילינגס־כינוסים (קאָנפערענצן), אין סלאָנים, וואָס האָט אַרומגענומען אַ ריי שטעט, צווישן זיי באַראַנאָוויטש, אויך אין לאָמזשע, ווו 11 סניפים פון דער סביבה האָבן אָפּגעגעבן באַריכטן וועגן זייער אַרבעט[3].

אויף דעם גרונט האָט טענענבוים צוגעשטעלט דעם נייטיקן אינפאָר־מאַטיוון שטאָף פאַר דער צייטונג.

בשייכות מיט די מלחמה־שטימונגען איז מרדכי דעלעגירט געוואָרן אין עטלעכע קיבוצים, צווישן זיי אין בענדין, צו העלפן די חברים זיך צו באַזאָרגן מיט שפּייז, אָנצוהאַלטן די אָרגאַניזאַציאָנעלע קאָנצענטראַציע, פאַרהיטן די הכשרות פון צוזאַמענפאַל און בכלל צו שטאַרקן דעם גייסט.

קאַפּיטל נײַן

מרדכיס פּאָרטרעט

צו די בולטסטע שטריכן פון מרדכי טענענבוימס כאַראַקטער האָבן געהערט זײַן אידעאַליזם און רעוואָלוציאָנערער גײַסט, וואָס זענען נישט אײַנגעגאַנגען אויף קײן קאָמפּראָמיסן. ער איז אויסגעוואַקסן האַרמאָניש אין זײַנע מחשבות און מעשים, תמיד טרײַ די פּרינציפּן פון אמת און יושר, וואָס ער האָט פאַר זיך אָנגעצייכנט און זײַ זענען געווען אומבויגזאַם, נישט דערלאָזט קײן פשרות, ווען אַפילו דאָס איז געווען פאַרבונדן מיט אַ סך לײַדן. די הויכע מאָראַל און דער דרײַסטער זעלבשטענדיקער געדאַנק האָבן אים באַוויגן צו רעוואָלטירן קעגן יעדן אָפּנויג, וואָס האָט פאַר אים באַדײַט אַ פאַרשוועכונג פון נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע ווערטן. די אײגנ־שאַפטן, באַגלייט מיט אַ טיפער ליבשאַפט צום מענטש, נאַטור און שײנקייט, האָבן אין אים אויסגעפורעמט אַ טיפּ פון אַ פלאַמיקן ענטוזיאַסט און ראָמאַנטיקער, וואָס איז אין שטאַנד געווען אַלײן זיך צו באַגײַסטערן און צו באַפליגלען אַנדערע מיט אידעאַלן.

די עטישע און גײַסטיקע אַטריבוטן האָבן זיך אויך אויסערלעך אָפּגע־שפּיגלט אין זײַן געשטאַלט. ער איז געווען שײן געבויט, שלאַנק אויסגע־וואַקסן, דאָס פּנים — לענגלעך און דעליקאַט, די הויט — אַ גלאַטיקע און ווי לײַכט אָפּגעברענט פון דער זון. אַלץ איז אין אים געווען סימפּאַטיש: דער הויכער שטערן, די טונקל־ברוינע פאַרחלומטע אויגן, באַזוימטע מיט לאַנגע ווײעס, אַ שײן מאָדעלירט, בלוט־פול מויל, וואָס האָט עדות געזאָגט אויף אַ הײסן טעמפּעראַמענט. דער בליק אָפּט פול מיט נײַגיר און דער־וואַרטונג, איז מאָמענטנווײַז אָנגעלאָדן מיט אַזאַ פײַערל, ווי ער וואָלט וועלן איבערגעבן די אײגענע ליכט דעם מיטשמועסער. אַן ענערגישן אויסזען און מענלעכן חן האָט אים צוגעגעבן די ברײטע ליניע פון די דיקע און שוואַרצע ברעמען, וואָס זענען געווען פאַראײניקט איבער דער נאָז מיט אַ לײַכטן אײַנבויג.

די געדיכטע טונקעלע האָר האָבן זיך אויסגעלײגט מיט אַ לײַכטער כוואַליע, באַזונדער פון פאָרנט און דאָס האָט אַ ביסל צונויפגעהאַלטן די לאַנגע טשופּרינע פון צעוואָרפן ווערן, ווען ער פלעגט אין ברען פון זײַנע רייד באַוועגן מיטן קאָפּ, מיטן גאַנצן גוף.

בעת ער איז געווען פאַרזונקען אין די מחשבות, איז זײַן פּנים פאַר־

בליבן ערנסט און געשפּאַנט, אָבער ווי נאָר עס האָט זיך באַוויזן אַ חבר, האָבן זיך די ליפּן אָנגעטאָן אין אַ רייצנדיקן שמייכל.

מרדכי האָט פאַרמאָגט בולטע מזרח־שטריכן, אויך פון אַן אַרמענער אָדער גרוזינער, אָבער ביי דעם פעלקער־צוזאַמענשטעל אין פּוילן האָט זיין אָפּשטאַם נישט געקענט אונטערליגן קיין שום ספק. „מיין יידישקייט — פלעגט ער זאָגן — ליגט מיר אויסגעגאָסן אויפן פנים".

אַנטאָן פלעגט ער זיך מיט אַ מין אַרטיסטישער נאַכלעסיקייט. ער האָט זיך נישט געוואָלט אונטערוואַרפן דעם הערשנדיקן דעמאָלט „שטייפן" קראַגן און אויך נישט געהאַלטן, אַז דער קראַוואַט, ווי ס'איז געווען אָנגענומען איז אַן אַבסאָלוט נייטיקער רעקוויזיט אין דער קליידונג פון אַ ציוויליזירטן מאַן. ער פלעגט טראָגן ספּאָרט־מלבושים מיט אַן אויס־געלייגטן „סלאָוואַצקי"־קאָלנער. אויך דער ראָק איז ביי אים זעלטן געווען פאַרמאַכט ביזן לעצטן קנעפּל. אַזוי האָט ער זיך געפילט פרייער, וויניקער געשפּאַנט. זיינע בגדים זענען געווען שטענדיק ציכטיק און אויסגעפּרעסט, אין הסכם מיט זיין נאַטירלעכער נייגונג צו ריינקייט און אָרדענונג.

טענענבוימס עסטעטיק און אייגנאַרטיקע עלעגאַנץ האָבן נישט געשפּילט אויף קיין אויסערלעכע עפעקטן; זיי זענען אַרויסגעדרונגען פון דער אינערלעכער באַדערפעניש און שטרעבונג צו האַרמאָניע.

*

מיט אַזעלכע גרונט־אייגנשאַפטן איז מרדכי טענענבוים אַריינגעטרעטן אין דער פינצטערער תקופה פון דער צווייטער וועלט־מלחמה און פון דער היטלער־אָקופּאַציע. ער איז דעמאָלט קוים אַלט געווען 23 יאָר — דער בליענדיקער עלטער, ווען עס אַנטפּלעקן זיך אַ נייע גייסטיקע פּאָטענץ, פרישע שעפערישע כוחות און ענערגיע־קוואַלן.

ווי אַזוי וואָלט ער אויסגעוואַקסן אין נאָרמאַלע באַדינגונגען, אין צייטן פון שלום? צו וואָס פאַרא מדרגה וואָלט ער דערגרייכט? — שווער, זייער שווער וועגן דעם אַפילו צו טראַכטן. עס הייבט אָן צו מישן אין קאָפּ, צו שטיקן אין האַלדז און פאַרקלעמען דאָס האַרץ...

צווייטער טייל

דער אָנהייב פון דער מלחמה — אונטערן סאָוויעטישן רעזשים

קאַפּיטל צען

דער מלחמה־אויסברוך

די באָמבאַרדירונג פון וואַרשע

דער ערשטער סעפּטעמבער פון יאָר 1939, דער טראַגישער סיגנאַל פון דער נאַציאָנאַלער קאַטאַסטראָפע, האָט טעלעגראַפירט... האָט טענענבוימען געטראָפן אין חלוצישן קאָלעקטיוו אויף דזשעלנאַ 34. דאָרט האָט ער איבערגעלעבט די טעג פון פּאַניק און אימה, די ערשטע באָמבאַרדירונגען, וואָס האָבן געזייט חורבן און טויט.

פּוילן איז באַלד פון אָנהייב פאַרבליבן ווי אַן אונטערגייענדיקע שיף אָן אַ קאַפּיטאַן. די רעגירונג, צוזאַמען מיט די הויכע באַאַמטע, איז אַנטלאָפן מיטן געלט און גאָלד קיין רומעניע, אַ סך פּאָליטישע פירערס האָבן פאַרראַטן דאָס לאַנד, וואָס איז געבליבן פאַרזונקען אין אַ כאַאָס פון דעזאָריענטאַציע און דעמאָראַליזאַציע.

די היטלעריסטישע חיילות האָבן אין אַ בליץ־שנעלן טעמפּאָ פאַרנומען די מערב טעריטאָריעס און זיך דערנענטערט צו דער הויפּטשטאָט. וואַרשע האָט באַשלאָסן זיך צו פאַרטיידיקן. די לאָזונג פון שטאָט־פּרעזידענט סטאַ־ניסלאַוו סטאַזשינסקי: „קעגנשטעלן זיך דעם שונא ביזן לעצטן טראָפּן בלוט" — איז אונטערגעכאַפּט געוואָרן דורך דער באַפעלקערונג מיט גרויס ענטו־זיאַזם.

די גאַנצע חלוצישע מחנה איז געווען זייער אַקטיוו אויף אַלע אָפּשניטן פון דער אָרגאַניזירטער פאַרטיידיקונג. צוזאַמען מיט אַ סך בירגערס, האָבן זיי זיך געשטעלט פרייוויליק צו גראָבן טראַנשייען און שוץ־קעלערס. די צענטראַלע פון „החלוץ" איז געווען גרייט, ווי אַ ריי אַנדערע אָרגאַניזאַציעס און פּריוואַטע הייזער, צו ווערן אַ פעסטונג, צו פאַרטיידיקן יעדן שפּאַן ערד. מען איז געשטאַנען אויף דער וואַך ביי טאָג און ביי נאַכט, כדי אין יעדן מאָמענט צו אַלאַרמירן אין פאַל פון אַ סכנה.

וואַרשע האָט אָפּגעוואָרפן דעם דייטשן אולטימאַטום, וואָס האָט געפאָ־דערט דאָס אומקאָנדיציאָנעלע אונטערגעבן זיך און געדראָט, אין קעגנפאַל, מיט אָפּווישן די שטאָט פון דער ערד־מאַפּע. דער פיינד האָט געענטפערט

דערויף מיט אַ גענעראַל־אַטאַקע פון באָמבאַרדיר־עסקוואַדרעס און שווערער אַרטילעריע. די הויפּטשטאָט איז געשטאַנען איינגעהילט אין רויך און פלאַמען. מענטשן האָבן געזוכט שוץ אין די קעלערס און גריבער.

אונטער די פֿאַלנדיקע באָמבעס האָבן מולקע און מרדכי צוגעגרייט די לעצטע צייטונג — זי איז אָבער אין דער דרוקעריי פֿאַרצערט געוואָרן פונעם פייער.[1]

פֿאַרן מרכז פון „החלוץ" האָט זיך אַוועקגעשטעלט די גורלדיקע פֿראַגע: וואָס צו טאָן? אַ באַזונדערס שטורמישער וויכוח איז פֿאָרגעקומען אויף דער לאַנדווירטשאַפֿטלעכער פֿאַרם אין גראָכאָוו, לעבן וואַרשע, ווו עס האָט זיך געפֿונען אַ צאָל קינדער פון דער יוגנט־הכשרה, אַרויסגעטריבענע אין 1938 צוזאַמען מיט זייערע עלטערן, ווי פּוילישע בירגערס, פון דייטשלאַנד אויף דער גרענעץ־סטאַציע זבאָנשין.

די היציקע דיסקוסיעס האָט אָפּגעשטעלט דער קאָמוניקאַט פון דער פּוילישער מאַכט, וואָס האָט גערופן די יונגע מענער צו פֿאַרלאָזן די צענטראַלע געביטן און קאָנצענטרירן זיך אין די מזרחדיקע, ווו עס וועלן געשאַפֿן ווערן מיליטערישע אָפּטיילונגען צום קאַמף מיט די אַגרעסאָרן. דער אַפּעל האָט באַווירקט די דעציזיע און פֿאַראייניקט דעם ווילן צו לאָזן זיך אין וועג אַהינצו.

די געזעגענונג מיט דער מוטער

צו מאָרגנס, גאַנץ פֿרי, האָט מאָטילעק, אַ בלייכער און מיט אַ טרויעריק פּנים, זיך באַוויזן אין דער מאַמעס שטוב.

אין יענעם פֿרימאָרגן איז אַ ביסל איינגעשטילט געוואָרן די לאַנגע מוראדיקע קאַנאָנאַדע, וואָס האָט ממש צעטרייסלט דעם מוח. — „איך בין געקומען זיך געזעגענען — האָט ער שטיל אַ מורמל געטאָן — איך גיי אויף מזרח אין הסכם מיטן באַפֿעל פון דער פּוילישער פֿאַרטיידיקונגס־מאַכט".

דערהערנדיק דאָס, האָט די מוטער זיך באַגאָסן מיט ביטערע טרערן. מרדכי נעמט זי אַרום, טוליעט זיך שטאַרק צו און ציטערט פון אויפֿרעגונג. דאָס געזיכט איז קאַלך־ווייס, די אויגן פֿינקלען מיט עמאָציע און מיט פֿייכטקייט. צוגעדרוקט צו דער מאַמען, בלייבט ער אַ לענגערע ווײַלע אומבאַוועגלעך און פֿאַרשוויגן. מיט גרויס אָנשטרענגונג דערשטיקט ער אין זיך די שטאַרקע איבערלעבונג, רייסט זיך האַסטיק אָפּ מיט אַ פֿעסטן מענערישן טראָט און שוין באַהערשט פון אַן ענערגיע־צופֿלוס ווענדט זיך דער זון צו זיין מוטער מיט אַ ווייכער שטים, וואָס איז ערנסט און אומעטיק. ער רעדט איצט מיט דרייסטקייט, וואָס איבערראַשט אין אים. אַזוי ווי

דער מלחמה־שוידער וואָלט אים פאַרוואַנדלט אין אַ רייפן מענטש, וואָס קען און וואַגט אַלץ און אַלעמען צו מעסטן מיט זיין בליק.

— „דו ווילסט דאָך נישט, מן הסתם, דיין זון זאָל זיין אַ פּחדן" — גיט ער אַ קאַלעמוטנעם שמייכל.

ניין, אַוודאי וויל דאָס נישט די מוטער און דערפאַר, הגם דאָס האַרץ טריפט מיט בלוט, פּרוווט זי נישט אָפּהאַלטן אים פון דער געפערלעכער נסיעה. זי זעט אויך איין, אַז זיין חוב רופט אים אַהין...

די מאַמע נעמט אַרום דעם שיינעם, ליכטיקן קאָפּ פון איר יינגל און באַדעקט אים מיט הייסע קושן. פוןביידנס אויגן רינען טרערן, וואָס גיסן זיך צונויף אין איין שטראָם.

— „זיי פאַרזיכטיק מיין קינד, היט זיך אויס פאַר אַ דייטשער קויל... וואַרף זיך אויף דער ערד, ווען עס דערנענטערט זיך אַן אַעראָפּלאַן. איך בעט דיך, ווי נאָר מעגלעך, שיק איבער ידיעות וועגן זיך. כאָטש אַ פּאָר ווערטער, אַז דו לעבסט... געדענק תמיד דאָס ליד: — „אַ בריוועלע דער מאַמען..." פאַרגעס אונדז נישט! זיי מצליח!"..

דער לעצטער קוש. מיט אַ גיכער באַוועגונג ווישט מרדכי די טרערן, וואָס ער קען נישט איינהאַלטן. ער צעקושט זיך מיט די שוועסטערס און פאַרלאָזט די היים מיט אַן אַראָפּגעבויגענעם קאָפּ, איבער וועלכן עס שוועבט דער מאַמעס בענטשנדיקער בליק.

אַ ביסל שפּעטער, אין אָנבליק פון די רדיפות און באַרבאַרישע מעשים פון די נאַציִשע אָקופּאַנטן אין וואַרשע, האָבן מרדכיס שוועסטערס געפּרוווט באַאיינפלוסן די מוטער צו פאַרלאָזן די שטאָט. זי האָט אָבער מיט אַ טיפן זיפץ אָנטשלאָסן געענטפערט: — „ניין! לאָזן זיך סתם נע־ונד אין דער וועלט אַריין? — צווייטנס, מוז דאָך אימעצער בלייבן אָפּצוהיטן אַלץ, אויף וואָס מ'האָט געאַרבעט דאָס גאַנצע לעבן. די מלחמה וועט דאָך נישט דויערן אייביק. וואָס פאַראַ שלעכטס קענען מיר די דייטשן טאָן? צונעמען די גיטער? פאַרט אַליין געזונטערהייט! איך וויל נישט, איר זאָלט שפּעטער זאָגן, אָדער טראַכטן, אַז צוליב מיר האָט איר צעבראָכן אייער לעבן"...

דאָס אומגליק האָט געוואָלט, אַז אירע אַרגומענטן זאָלן האָבן דעמאָלט אויסגעזען צו זיין לאָגישע. אַזוי איז די מוטער פאַרבליבן, כדי צו טיילן דעם פיינלעכן גורל פון דעם גאַנצן פּוילישן יידנטום.

דער וועג אויף מזרח

פון דזשעלנא 34 האָט זיך געלאָזט אַ גרופּע פון אַ 30 מענטשן צו דער חלוצישער פאַרם אין גראָכאָוו. דאָרט האָט מען איינגעשפּאַנט די פורן מיט די 4 פערד, אַרויפגעזעצט די יוגנטלעכע, צווישן זיי די געקומענע פון דייטש־

לאַנד און די אָנפירנדיקע חברים, צעטיילטע אין גרופּעס, האָבן זיך געלאָזט אין וועג אַריין צו פוס.

די חלוצישע מחנה האָט מיט פאַרשידענע וועגן און שטעגן געוואַנדערט צום ציל. זי האָט מאַרשירט אָרגאַניזירטערהייט. ענלעך ווי די הונדערטער טויזנטער אַנטלאָפענע פון די דייטשן, איז זי כסדר געגאַנגען פאָרויס; מ׳פאַלט צו דער ערד, ווען ס׳באַווייזט זיך אַ פיינדלעכער אַעראָפּלאַן, וואָס שפּייט מיט פייער און פאַרניכטונג, מ׳בייסט זיך איין אין שטויביקן שאָסיי, בשעת די באָמבאַרדיר־מכשירים לאָזן זיך אַראָפּ נידעריק און צילן אין די קעפּ פון די פאַרשמאַכטע וואַנדערערס. אַ סך פאַלן פון די באָמבעס, אָבער נאָך מער פון הונגער און מידקייט. אויך פון די חלוצים זענען נישט אויסגעמיטן געוואָרן קיין קרבנות, אָבער זיי האָבן געשאַפן איין גרויסע משפחה, וואָס העלפט זיך קעגנזייטיק, האַלט אונטער איינער דעם צווייטן און געפינט, ווען נייטיק, אַן אויפמונטערנדיק וואָרט. איין גרופּע, ווי אַ פאַרפאָסטן, איז געגאַנגען פאָרויס און מאָביליזירט די לאָקאַלע חלוצים צו פאַרזאָרגן עסן און געלעגערס פאַר די אָנקומענדיקע חברים.

קאַפּיטל עלף

אויף די געביטן פאַרנומענע דורך סאָוויעט־רוסלאַנד

אין קאָוועל

דער באַשטימטער טרעפפונקט איז געווען קאָוועל. אויף די קבוצות פון בענדין, קראָקע, טשענסטאָכאָוו און אַנדערע האָבן געשטראָמט אַהין. עס האָבן זיך דאָרט פאַרזאַמלט עטלעכע הונדערט חלוצים.

תיכף נאָכן אָנקומען אויפן אָרט, ביי דער ערשטער געלעגנהייט, האָט מרדכי געשיקט אַ בריוועלע דער מאַמען. געבראַכט האָט עס אַ חברה פון „פרייהייט", וואָס האָט זיך אויך געקליבן צו פאָרן קיין קאָוועל. די מוטער פון דאַנקבאַרקייט, האָט זי געקושט און באַשיט מיט די האַרציקסטע ברכות. מרדכי האָט געשריבן, אַז ער איז בשלום אָנגעקומען אויפן אָרט, באַרויִקט מ'זאָל וועגן אים „נישט זאָרגן" און צוגעזאָגט אויף להבא, ווען נאָר מעגלעך, צו וויסן צו געבן וועגן זיך.

*

דער הויפּט־ציל פון די דאַמאָלסטיקע אָנשטרענגונגען פון „החלוץ" און פון די ציוניסטישע באַוועגונגען בכלל, איז געווען צו געפינען אַ וועג קיין ארץ־ישראל. דאָס האָט באַדייט צו קאָנצענטרירן זיך אין דער נאָענטקייט פונעם ים, און אין יענע באַדינגונגען, קודם כל — ביי דער רומענישער גרענעץ. אין שייכות מיט דעם איז קאָוועל, ווי אויך אַנדערע ערטער אין וואָלין און אין מזרח גאַליציע, געוואָרן די באַזע פון ווירקונג. דער „החלוץ" האָט אַרויסגעשיקט ספּעציעלע שליחים, מודיע צו זיין וועגן דעם אָנגעצייכנטן פּלאַן.

די חברים האָבן זיך איינגעאָרדנט אין אַ קיבוץ. קיין פינאַנסיעלע מיטלען האָבן זיי גראָד נישט געפעלט. מ'האָט באַוויזן אַרויסצונעמען דעם רוב חלוציש געלט פון די בענק און אַפילו איינצוקויפן אַ פערד־און־וואָגן, וואָס איז אָבער רעקוויזירט געוואָרן דורכן מיליטער. אַ צווייטער קוואַל פון איינקונפטן איז געווען דאָס זאַלץ. אויפן וועג איז זיי געלונגען צו פאַר־נעמען אַ גרעסערן קוואַנטום (עטלעכע וועגעלעך) פון דעם אַזוי וויכטיקן און שטאַרק געזוכטן אַרטיקל, וואָס איז גראָד געלעגן הפקר און דאָס האָבן זיי אויסגעביטן אין די דערפער פאַר לעבנס־פּראָדוקטן.[1]

אין הסכם מיטן מאָלאָטאָוו־אָפּמאַך פון 23־טן אויגוסט 1939, האָט די

רויטע אַרמיי דעם 17־טן סעפטעמבער אינוואַדירט די מזרח־געביטן פון פוילן. די נייע שייד־ליניע איז שטרענג אָפּגעשלאָסן געוואָרן. די חלוצים האָבן דאָך געמאַכט באַמיִונגען אַריבערצוּוואַרפן די יוגנטלעכע איבער דער גרענעץ. צו דעם צוועק זענען אויפגעשטעלט געוואָרן פון ביידע זייטן ספּעציעלע גרופּעס, וואָס האָבן אָנגעבונדן קאָנטאַקטן מיט די אָרטיקע פּויערים. אָבער די פּרווון זענען, אין אַלגעמיין, דורכגעפאַלן. מענטשן זענען געוואָרן אַרעסטירט דורך דער רוסישער גרענעץ־וואַך און איינער, געכאַפּט מיט געלט, אַפילו דערשאָסן. נאָר מיט אַ געוואַלדיקן אָנשטרענג איז געלונגען אַרויסצושיקן בלויז 20 חברים קיין טשערנאָוויץ.

אין צווישנצייט איז דער אויפהאַלט אין קאָוועל אויך אויסגענוצט געוואָרן פאַר לאָקאַלער אַרבעט — צו שטאַרקן דעם חלוצישן אַקטיוו און זיין גייסט. דאָ איז אויך אָנגעצייכנט געוואָרן אַזאַ טעטיקייטס־פּלאַן אין צענטראַלן מאָסשטאַב.

אָנפאַנג אָקטאָבער איז אין אַ קליין צימערל, וואָס האָט זיך גראָד געפונען אין נאָענטער שכנות פון דער סאָוויעטישער געהיים־פּאָליציי, פאָרגעקומען אַ זיצונג פונעם צענטער פון „החלוץ" און עס איז געוואָרן באַשלאָסן אָנצוגיין מיט דער אָרגאַניזאַציאָנעלער טעטיקייט אויף אַלע מעגלעכע שטחים פון דער דייטשער און סאָוויעטישער אָקופּאַציע, ווי אויך צו זוכן וועגן פון עליה קיין ארץ־ישראל. מען האָט אָנגעמערקט די ריכטליניעס און די מענטשן פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון די פאָרשטייענדיקע פּראָגראַמען — די „דריי זיילן פון דער באַוועגונג". צו מאָרגנס איז פאָרגעקומען אַ געזעגענונג־מסיבה, וואָס דער קיבוץ אין קאָוועל האָט איינגעאָרדנט פאַר די חלוצים, ערב זייער אָפּפאָרן „אויף די נייע קאַמפּס־פּאָזיציעס".[2]

טענענבוים איז באַשטימט געוואָרן קיין ווילנע, וואָס האָט זיך זינט דעם 19־טן סעפטעמבער 1939 געפונען אונטער דער סאָוויעטישער מאַכט און האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ גרויסן פּליטים־צענטער, ווו ס'איז געפלאָסן אַ מעכטיקער שטראָם חלוצים פון גאַנץ פוילן. ער האָט זיך געלאָזט אין וועג אַריין צוזאַמען מיט אַ גרופּע חברים, צווישן זיי טעמע שניידערמאַן.

אין פּינסק

טענענבוים איז פאַרבליבן אין ווילנע אַ קורצע צייט און נאָך דעם זעלבן חודש, אָקטאָבער, אַרויסגעפאָרן אין שליחות פונעם חלוצישן מרכז (צענטראַלע) — קיין פּינסק, כדי צו העלפן אויפשטעלן דאָרט אַ הכשרה־פּונקט.

אין אָנפאַנג פון סאָוויעטישן רעזשים, האָבן בדרך כלל אומעטום די חלוצים געמאָלדן דער אָרטיקער מאַכט, אַז זיי אָרגאַניזירן זיך אין אַרבעטס־קאָלעקטיוון מיט דער אויסזיכט אויף עליה. אָבער אין רעזולטאַט פון דעם

איז שטופּנווייז געוואַקסן די שפּיאָנאַזש־געץ אַרום זיי, די באַגרענעצונגען און רדיפות, וואָס האָבן מיט דער צייט געצווונגען אַראָפּצוגיין אין אונטער־ערד, צו ווירקן אומלעגאַל און שפּעטער אַפילו צו ליקווידירן די קיבוצים אַלס אַזעלכע.

אָבער די מיטגלידער זענען ווייטער פאַרבליבן פאַרבונדן מיט דער באַוועגונג, אונטער איר אידעאָלאָגישער השפּעה און דערציערישן מעטאָד אין גייסט פון אַרבעטנדיקן ארץ ישראל, מיט לימוד פון העברעיש, גרינדונג פון שפּאָר־קאַסעס פאַר דער עליה און אא״וו.

*

אין שייכות מיט דעם פּראָיעקטירטן הכשרה־פּונקט אין פּינסק, האָט מען קודם־כל געדאַרפט אויסזוכן אַ פּאַסיקע דירה. די לאָקאַלע אָרגאַניזאַטאָרן האָבן זיך אַרויסגעזאָגט פאַר אַ באַשיידן הויז אין דער שטאָט־פּעריפעריע, דאַקעגן איז דער דעלעגאַט באַשטאַנען אויף אַ שיינעם בנין און דווקא אין די צענטראַלע גאַסן, וואָרעם נאָר אַזאַ „פּאַסט פאַר אַ סיסטעם, עלול צו דערציִען און דערהייבן די מענטשן, וואָס ווילן אויס אַ קאָמונע־לעבן" — אַזוי האָט טענענבוים באַגרינדעט זיין פאָרשלאָג. אין דער פראַגע האָט ער אַפילו געטראַכט זיך צו ווענדן צו דער סאָוועטישער רעקוויזיציע־קאָמיסיע, וואָס האָט זיך געפונען אונטערן פאָרזיץ פון אַ יידיש מיידל פון פּינסק מיט דער כוונה, אפשר וועט זיך איינגעבן צו דערווערבן אַ לוקסוס־רעזידענץ דורך קאָנפיסקירן ביי איינעם פון „די פּוילישע בורזשויעס".[4] אָבער די חברים האָבן אָפּגעוואָרפן דעם גאַסטס פּראָיעקט — ס'איז געדונגען געוואָרן אַ שטוב אין עק שטאָט, אַרומגערינגלט מיט אַ גאָרטן.

אינטערעסאַנט זענען אויך געווען די חלוקי־דעות בנוגע דער איינאָר־דענונג פונעם קיבוץ. מען האָט געוואָלט געבן אים אַן אויסזען פון אַ פּריוואַטער וווינונג. אָבער דער שליח האָט געהאַלטן, אַז ס'איז נויטיק אַרויסצוהייבן דאָס ספּעציפישע, דאָס חלוצישע, ווי אַ סטימול „צו לעבן לויטן אינערלעכן אמת אונדזערן". לסוף האָט ער באַווירקט דעם עולם אין דעם זין, אַז די ארץ־ישראל־מאַפּע זאָל הענגען אינעם צימער פון סעקרעטאַריאַט, אָבער דאָס בילד פון ברענער — אין דעם עסצימער.

אויף דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג פון דעם נייעם קיבוץ, האָט מרדכי טענענבוים גערעדט „פול מיט בטחון און פאָדערונגען".

צווישן די אַרטיקע אַקטיוויסטן פונעם אונטערגרונט האָט זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט הערשל פּלאָטניצקי, דער יונגערער ברודער פון די צוויי מערקווירדיקע שוועסטערס: פרומקע און חנטשע. די ערשטע האָט פאַרלאָזט איר עלטערן־הויז צוויי טעג פאַר טענענבוימס אַהערקומען. הערשל איז געווען אַן ענטוזיאַסט און לייכט זיך געלאָזט באַגייסטערן מיט פאַרשידענע

פלעגער, וואָס מרדכי האָט פונאַנדערגעוויקלט. צו די האָט געהערט די מאַפּע פון באַהעלטענישן, אָנגעצייכנט דורך אים, פאַר קאָנספּיראַציע־אַרבעט. איר ציל איז געווען צו פאַרבינדן די געהיימע נעץ פון די אָרגאַניזאַציע־קעמערלעך מיט דער פּעריפעריע פון שטאָט. מיט דעם ראָזיקן ענין איז ווידער געווען פאַרבונדן אַ זייער אינטערעסאַנטער עפּיזאָד, געשילדערט פון מרדכיס דעמאָלסטדיקן באַגלייטער יודקה[5] און דהיינו:

אונטער איינעם פון די וועגן, וואָס האָבן געפירט אין שטאָט אַריין, איז געווען אַ הייל. לויט אַ פאַרשפּרייטער לעגענדע, האָט זי געדינט ווי אַן אַריינגאַנג אין אַן אַלטן טונעל, וואָס האָט געזאָלט אַדורכשניידן די שטאָט אין דער לענג און אין דער ברייט. אין הסכם מיט דער זעלביקער ווערסיע, האָט זיך פריער די פּוילישע שלאַכטע דאָרט פאַרשטעקט פאַר די קאָזאַקישע אָנפאַלן און לעצטנס — זאָלן זיך אין טונעל אַרומדרייען... נאָר שדים און רוחות. האָבן טאַקע אַ סך מענטשן ביי נאַכט אויסגעמיטן צו גיין נאָענט פון דעם שרעק־אָרט. דער אָ קאַנאַל איז דורך דעם חלוצישן שליח פון ווילנע אַוועקגעשטעלט געוואָרן אין צענטער פונעם פּראָיעקט צו שאַפן אַן אונטער־ערדישן לאַבירינט. — „מרדכי איז געווען דער איינציקער, וואָס האָט געוואַגט אַריינצוגיין אין דעם טונעל און אויספאָרשן זיינע באַהעלטענישן" — האָט געשריבן יודקה. דער פאַקט זאָגט עדות דערויף, ווי ערנסט טענענבוים האָט שוין דעמאָלט געטראַכט וועגן פאַרטיידיקונג קעגן אַלע מעגלעכע אָנגריפן. דער „החלוץ" האָט אויך אָנגעהויבן צוגרייטונגען אין דער ריכטונג. עס זענען מאָביליזירט געוואָרן פון דער אַרבעטנדיקער און לערנענדיקער יוגנט גרופּעס פון „פינפטלעך"[6], וועלכע האָבן באַקומען מיליטערישע אויסשולונג.

בכלל האָט דער באַזוך פונעם דעלעגאַט פון דער צענטראַלע געגעבן אַ שטויס פאָרויס די לאָקאַלע אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט זיך אויך צ"א דערוואָרבן אַ דרוק־מאַשין פאַר געשטענצלטע שריפטן. דער באַגאַבטער און ענערגישער הערשל פּלאָטניצקי האָט באַוויזן פלייסיק צו שטיין אויף דער וואַך פון דער אַרבעט און דער ראַיאָן האָט געהערט צו די צום בעסטן אָרגאַניזירטע אין דעם אונטערערד.

*

אין יענער צייט האָט מרדכין באַהערשט אַ באַגער אויסצוגיסן פון זיך אַ ביסל ביטערניש, וואָס דער הערשנדיקער אַנטיסעמיטישער גייסט האָט אָפּגעזעצט אין זיין האַרץ. דער אָנגעזאַמלטער, זינט יאָרן, האַס און כעס קעגן די יידן־פיינדלעכע „פּאַנעס" (הערן), האָט געזוכט אַ געלעגנהייט פון עפּעס אַ רעוואַנש. אַזוי למשל איז מרדכי אַדורכגייענדיק לעבן אַ רעסטאָראַן אין צענטער שטאָט, וווּ עס האָט פאַר דער מלחמה געהאָנגען

אַ שילד: „יידן נישט געווונטשן" — דווקא אַהין אַריין. מיט טראַציקייט האָט ער זיך געוואָנדן צו די פּוילישע קעלנערס, באַשטעלנדיק כלערליי רייכע מאכלים, וואָס האָבן אין יענער צייט פון מאַנגל פון לעבנס־מיטל געקלונגען ווי אַ חוזק און שפּאָט. בעת דער איבערראַשטער פּערסאָנאַל איז געשטאַנען אַן לשון, האָט דער קליענט מיט ביטול געפרעגט: — „האָט זיך באמת גאָרנישט אויסבאַהאַלטן אין אייער קעלער פון דעם פאַנסקען שאַמפּיין? אָדער אפשר זאָגט איר זיך אָפּ מיר צו דערלאַנגען, ווייל איך בין אַ ייד".

נאָך דער דעמאָנסטראַציע, האָט מרדכי געזאָגט: — „די לונגען האָבן מיר שיער נישט געפּלאַצט פון איינאָטעמען די פרייע לופט. ס'איז פאַראַן אַ מין פרייהייט, וואָס דו וואַרגסט זיך מיט איר!".

מ. טענענבוים האָט געלעכצט נאָך אויטענטישער פרייהייט און געפילט די נויטווענדיקייט ווי אויך אַ חוב זיך צו ראַנגלען פאַר איר אַפילו אין די געפערלעכסטע באַדינגונגען. יעדע באַגרענעצונג אין דער היגזיכט, האָט ער אויפגענומען בונטאַריש און געזוכט מיטלען זי אויסצומיידן און באַקעמפן.

דעריבער איז אויך אָנגעקומען זייער שווער צו איבערצייגן אים, אַז ס'איז נויטיק צו בייטן זיין וווין־פּלאַץ און נישט צו פאַרבלייבן נאָענט פון דער מיליץ, וואָס האָט זיך באַזעצט אַנטקעגן. נאָך לאַנגער מי, האָט דער גאַסט זיך אונטערגעגעבן און געלאָזט איבערפירן אין אַן אַנדערע דירה.

אויפן וועג האָט מרדכי דערפאַרן אַ זעלטענע איבערלעבעניש, וואָס האָט אים שטאַרק פאַרכאַפּט: פון אַ הייזקע, אין אַ שטיל, פאַרוואָרלאָזט געסל, האָט זיך פלוצעם פון אַ פענצטער דערהערט אַ שטים פון אַן אַלטיטשקער: — „האָט רחמנות, כ'בעט אייך, ס'איז שוין נאַכט?" — אויף זיין פראַגע האָט די פרוי אויפגעקלערט, אַז מיט עטלעכע וואָכן צוריק ווען דער פּחד פאַר די אָנרוקנדיקע דייטשן האָט אַ סך יידן אַרויסגעטריבן פון זייערע היימען, האָבן אויך אירע קינדער פאַרלאָזט די שטאָט; דאָס איז געשען אין אַן אָווגט און זינט דאַמאָלסט איז צו איר קיין שום ידיעה פון זיי נישט אָנגעקומען. פון יענעם טאָג אָן האָט די פאַרטרויערטע מאַמע זיך געמאַכט אַ מנהג צו זאָגן יעדן אָוונט אַ תפילה פאַרן ווויל פון אַלע יידן, וואָס געפינען זיך נע־ונד. — מרדכי איז געבליבן אויפגעטרייסלט פון דער דערציילונג און געבעטן די אַלטיטשקע, זי זאָל אים אַריינלאָזן. — „דערבאַרעמדיקע... באָבעלע, האָט דאָך גאָט אַליין מיך געשיקט צו אייך. האָט ער דאָך אייך צוגעשאַנצט אַ ריינע מצווה, ווילט איר זי... נישט מקיים זיין?" — די פרוי האָט לסוף געעפנט די טיר. ביז שפּעט ביי נאַכט איז מרדכי דאָרט געזעסן און שטילערהייט זיך צוגעהערט צו די קרעכצן פון אירע תחינות, וואָס זי האָט מיט אַ צעבראָכן געמיט געלייענט פון „צאינה וראינה".

דאָס דאָזיקע טיף רירנדיק בילד האָט מ. טענענבוים אַ לאַנגע צייט

געטראָגן איינגעקריצט אין זיין פּילעוודיקער נשמה און אָפּט דערמאָנט. שפּעטער, שוין פון ווילנע, פלעגט ער שיקן פּעקלעך צו דער פאַריינזאַמטער יידישער מאַמען. צו די גרויפּן, וואָס ער האָט איינגעקויפט אויפן שוואַרצן מאַרק, איז צוגעלייגט געוואָרן אַ בריוול: — „דאָס ביסעלע, מיט וואָס איך קאָן אייך שיקן אַ האַרצרייסנדיקן גרוס".

נאָכן דערפילן זיין אויפגאַבע האָט דער שליח פאַרלאָזט פּינסק. העכער אַ מעת לעת געוואַרט אויף דער סטאַציע ביז ס'איז אָנגעקומען אַ משא־צוג אין דער ריכטונג פון ווילנע, אין האַלבוועג זיך איבערגעזעצט אויף אַ נאָרמאַלער באַן, וואָס איז געפאָרן זייער פּאַמעלעך. מרדכי, אַזוי ווי זיין חבר יהודה העלמאַן, מיד, הונגעריק און פאַרמאַטערט, האָט זיך איינגעקור־טשעט אין אַ ווינקל און טיף אַנטשלאָפן געוואָרן. פאַר טאָג, ווען דער צוג איז אָנגעקומען אויפן אָרט, האָט ער געעפנט די אויגן אַ צעשמייכלטער, ווי פון אַ זיסן חלום און מיט אַ מאָל אָנגעהויבן צו ציטירן גאַנצע, לאַנגע אויס־צוגן פון זלמן שניאורס פּאָעמע „ווילנע" און אַזוי פליסיק, אַז ס'האָט אַרויס־גערופן ביים צוהערער שטוינונג און פאַרווונדערונג פאַר זיין אויסערגע־וויינלעכן זכרון. אַזוי האָט דער סענטימענטאַלער מרדכי באַגריסט מיט עמאָציע ווילנע, די שטאָט פון דעם שפּרודלדיקן און שעפערישן קולטור־לעבן, פון תורה און חכמה, וואָס האָבן איר געבראַכט דעם בכבודיקן נאָמען „ירושלים דליטא". ווען ער האָט דערגרייכט די „ברייטע גאַס", איז ער מיט אַ מאָל געבליבן שטיין, זיך צעלאַכט און צעקושט מיט זיין באַגלייטער. ס'איז געווען אַ קוש פון ליבשאַפט פאַר אַלע יידישע גאַסן, פאַר דער חלוצישער באַוועגונג, פאַר דער גאַנצער יידישער וועלט.

קאַפּיטל צוועלף

ווילנע אונטער דער ליטווישער הערשאַפט

אַלגעמיינער מצב

אויפן סמך פון אַן אָפּמאַך וועגן „קעגנזייטיקער הילף", האָט דער ראַטן־פאַרבאַנד, דעם 23־טן אָקטאָבער 1939, איבערגעגעבן צו ליטע איר אַמאָליקע הויפּטשטאָט ווילנע מיט דער אומגעגנט, מיטן באַדינג אויפצוהאַלטן אין דעם לאַנד אירע מיליטערישע באַזעס.

אַ טייל מלוכה־אַמטן זענען דעמאָלט איבערגעפירט געוואָרן אַהער פון קאָוונע, אָבער די רעגירונג אַליין און אַ צאָל צענטראַלע אינסטיטוציעס זענען לעת עתה דאָרט פאַרבליבן.

די ידיעה וועגן דער ליטווישער ווילנע האָט אַרויסגערופן גרויסע האָפענונגען אין דער יידישער וועלט און טויזנטער מענטשן האָבן פון אומעטום אָנגעהויבן שטראָמען אַהינצו. אָבער באַלד און אומגעריכט, נאָך אין דער צייט פון איינשטעלן די נייע ממשלה, איז פאָרגעקומען אַ פּאָגראָם אויף יידן, אויסגעפירט, לויט איין ווערסיע, דורך די פּאָליאַקן, וואָס האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט דעם גרויסן רוב פון דער באַפעלקערונג, און לויט אַ צווייטער — אָנגעהויבן פון ליטווישע פּאָליציאַנטן און אַרויסגעהאָלפן דורך פּוילישע אַנטיסעמיטן. דער דירעקטער גורם איז געווען די גרויסע שטייגערונג פון לעבנס־מיטלען, הויפּטזאַכלעך פון ברויט, און די לאַנגע רייען ביי די קראָמען, אָבער די אייגנטלעכע סיבה — די איינגעבאַקענע שנאה צו יידן און די באַשולדיקונג אין קאָלאַבאָראַציע מיט די רוסישע אָקופּאַנטן, וואָס האָבן אין סאַמע אָנפאַנג אַדורכגעפירט מאַסן־אַרעסטן און פאַרשיקונגען ווי פּאָליטישע קעגנערס. הגם צווישן די אַרעסטאַנטן זענען אויך געווען אַ סך יידן פון פאַרשידענע פּאַרטיייִשע ריכטונגען, האָט דער אונטערגעהעצטער המון געזוכט צו נעמען נקמה אין די יידן. נאָך מער, אַז דעמאָלט זענען פאָרגעקומען מאַניפעסטאַציעס פון פּראָ־קאָמוניסטישע קרייזן, צווישן זיי אויך יידישע, קעגן די הויכע פּרייזן און גלייכצייטיק צו געזעגענונג מיט די רוסן. די פּאָליאַקן האָבן בשעת מעשה אויסגעשריגן לאָזונגען קעגן די ליטווינער, יידן און סאָוויעטן און צו דעם אַלעם פאַרשפּרייט אַ בילבול וועגן אַ מאָרד איבער זייערס אַ קינד און אַ גלח. אין סך־הכל האָט דער צעיושעטער פּעבל במשך פון דריי טעג, אין פאַרשידענע קוואַרטאַלן געראַבעוועט און דעמאָלירט יידישע געשעפטן, געשלאָגן און פאַרוווּנדעט, בלויז דעם לעצטן טאָג, דעם 31־טן אָקטאָבער, אַ 200 יידן.

אַן אָפּיציעלער ליטווישער קאָמוניקאַט האָט צו מאָרגנס געמאָלדן וועגן דער איינגעשטעלטער רו, דעם אַרעסט פון די שולדיקע און אַז די געשעענישן זענען פאָרגעקומען אַלס פועל יוצא פון דער לאַנג־עקסיסטירנדיקער שנאה צווישן דער פּוילישער און יידישער יוגנט, פאַרשטאַרקטער דורכן אומבייט פון דער פּאָליטישער הערשאַפט און אויך מחמת דער אָנוועזנהייט פון פּליטים, צווישן זיי קרימינעלע עלעמענטן, וואָס זענען אַרויס פון די תפיסות.

אין פאַרדאַכט פון נייע עקסצעסן, האָט דער ראש פון דער פריערדיקער קהילה, ד"ר יעקב וויגאָדזקי, זיך געוואָנדן צום אינערן־מיניסטער מיט דער בקשה אויסצומיידן אַזעלכע אויף להבא און באַקומען הבטחות דערויף; אָבער דער ווילנער ישוב, אויף אַ באַראַטונג פון לאָקאַלע און פּליטים־פאַר־שטייערס, האָט באַשלאָסן צו אָרגאַניזירן אַ זעלבשוץ. אין שייכות מיט דעם איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַן אויפרוף צו די יידישע אַרבעטערס. די מאַכט אין ווילנע, אויס מורא, אַז די אַנטי־יידישע אַרויסטריטן פון די פּאָליאַקן זאָלן נישט איבערגיין אין אַנטי־ליטווישע און אויך פאַר אַ סאָוויעטישער אינטערווענץ, איז אַפילו געווען גרייט צו באַזאָרגן די יידן מיט וואָפן, אָבער מיט דעם באַדינג, אַז דאָס זאָל נאָר באַנוצט ווערן אין הסכם מיט אירע באַפעלן. די חלוצישע באַוועגונג האָט אָפּגעוואָרפן דעם פאָרשלאָג, נישט וועלנדיק דינען ווי אַן אינסטרומענט אין פרעמדע הענט.[1]

יעדן פאַלס האָבן די דאָזיקע גרופּעס געשאַפן אין די קיבוצים אַ פאַר־טיידיקונגס־כוח, וואָס זאָל זיין גרייט פאַר יעדער עווענטואַליטעט.

נישט געקוקט אויף דעם רעאַקציאָנערן און אולטראַ־נאַציאָנאַליסטישן כאַראַקטער פון דער רעגירונג, האָט ליטע, ווי אַ נייטראַלע מלוכה, געגעבן די מעגלעכקייט פון קאָנטאַקטן מיט אויסלאַנד, אויך מיט ארץ־ישראל, און אין אַלגעמיין פון אַ רעלאַטיוו פרייער באַוועגונג. דעריבער איז ווילנע, חוץ אַ טראַנזיט־פּונקט, גיך געוואָרן די באַזע פאַר דער אָרגאַניזירטער יידישער טעטיקייט מיטן אויסקוק אויף עמיגראַציע — פון ציוניסטישע עלעמענטן קיין ארץ־ישראל און פון אַנדערע, באַדראָטע אין סאָוועט־רוסלאַנד (געזעל־שאַפטלעכע טוערס, בונדיסטן, רעליגיעזע, שרייבערס א"א) — אין די דעמאָקראַטישע לענדער.

דער חלוצישער קיבוץ, צו וועלכן עס זענען כסדר געפלאָסן חברים פון פאַרשידענע מחנות, האָט אַפילו געפּלאַנט אַריבערצוברענגען קיין ווילנע יוגנטלעכע פון די רוסישע געגנטן, כדי זיי איינצושליסן אין די רייען פון די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונגען און אין די פאָרגעזעענע טראַנס־פּאָרטן קיין ארץ־ישראל. שוין באַלד אין אָנהייב איז טאַקע געווען אַ ווענדונג וועגן עליה פון דער חלוצישער אָרגאַניזאַציע אין קאָוונע.[2] ענלעכע פּראָג־

ראַמען האָבן אויסגעאַרבעט אויך אַנדערע יוגנט־באַוועגונגען, ווי „השומר הצעיר", „הנוער הציוני", „בית"ר" א"א.

דערווייל איז דער אַריינקום קיין ווילנע באַשרענקט געוואָרן. די ליט־ווישע גרענעץ, אין אַנהייב אַ מער ווייניקער ליבעראַלע, איז אָפּגעשלאָסן געוואָרן און אויך דער דורכגאַנג פון סאָוויעטישן רוסלאַנד הערמעטיש פאַרמאַכט אין רעזולטאַט פון ענדגילטיקן באַשטימען און פאַרפעסטיקן די גרענעצן צווישןביידע לענדער, העלפט נאָוועמבער 1939. דעמאָלט האָט זיך אָנגעהויבן דאָס אָרגאַניזירטע שוואַרצן די גרענעצן, פאַרבונדן מיט אַ סך געוואַגטקייט און מסירות־נפש.

מיטן צוועק בייצוקומען די גרויסע מכשולים, האָט דער „החלוץ" איינ־געשטעלט ספּעציעלע „גרענעץ־גרופּעס" אויף ביידע זייטן: — פון דער סאָוויעטישער — אין לידע, און פון דער ליטווישער — אין איישעשאָק, וואָס האָבן מיט דער הילף פון באַצאָלטע אָרטיקע פּויערים אַריבערגעשמוגלט די מענטשן. די אַרבעט אויסגעפירט אין שווערע און געפערלעכע באַדינ־גונגען, האָט פאַרשלונגען מערערע קרבנות — אַ טייל איז פאַרכאַפּט און אַרעסטירט געוואָרן דורך דער אָדער יענער גרענעץ־וואַך, ס'רוב, דורך דער רוסישער, און פאַרשיקט אין די טרויעריק באַרימטע צפונדיקן אַרבעטס־לאַגערן; געוועזן אויך אומגעקומענע אין וועג און אויפן אָרט פון פראָסט און אַנדערע פּלאָגן [3].

בכלל האָט די רעטונגס־אַקציע קיין און דורך ווילנע, וואָס האָט אויף דעם שטח אָנגענומען אַ גרעסערן מאַסשטאַב, פאַרגעשטעלט מיט זיך אַ באַזונדערס אינטערעסאַנטע, ממש שפּאַנענדיקע פּרשה פון העכסטער הילפס־גרייטקייט, סאָלידאַריטעט, בשותפותדיקן נאַציאָנאַלן אָנשטרענג פון די לאָקאַלע און פּליטים־קאָמיטעטן צוזאַמען מיט די אויסלענדישע, ווי אויך מיט דעם ארץ־ישראל־אַמט, וואָס איז אַנטשטאַנען אין ווילנע און מיטן „דזשוינט", דעם הויפּט־פינאַנסירער.

אין „שחריה"

ווילנע, ווו עס האָט פאַר דער מלחמה עקסיסטירט אַ חלוצישע אָרגאַני־זאַציע מיט אַ לאַנדווירטשאַפטלעכער הכשרה „שחריה", איז מיטן גרויסן מענטשן־צופלוס פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ וויכטיקן צענטער פאַר דעם גאַנצן מזרח־געביט. דאָ האָט זיך אויסגעפורעמט די אָריענטאַציע פון דער באַוועגונג אין הסכם מיט דער נייער לאַגע. פון דאַנען זענען דורך שליחים געפלאָסן אין פאַרשידענע ריכטונגען אינסטרוקציעס און ספּעציעלע אויס־גאַבעס, וואָס האָבן אָנגעצייכנט די אַרבעטליניע פאַר די פאַראַנענע, אָדער פאַר דער גרינדונג פון נייע סניפים.

שוין אין דעם ערשטן מלחמה־פעריאָד איז טענענבוים געוואָרן פון די הויפּט־אָרגאַניזאַטאָרן פון „פרייהייט״ — „החלוץ הצעיר״ און פון דעם פּאַראייניקטן „החלוץ״, אגב אין וועלכן זיין באַוועגונג איז געווען דער עיקרדיקער באַשטאַנד־טייל מיט 78.3% פון דער גלאָבאַלער צאָל מיטגלי־דערשאַפט.[4] אַ ברייטערע קערפּערשאַפט האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט די „חלוצישע קאָאָרדינאַציע״, וואָס האָט חוץ זיי, „השומר הצעיר״, „גורדוניה״ און „עקיבא״ אויך איינגעשלאָסן די גרופּירונגען פון „הנוער הציוני״ און „מזרחי״.

— „אין ווילנע, ווּ עס האָבן זיך קאָנצענטרירט אַ 2.000 חברים פון „החלוץ״ פון פּוילן, איז מרדכי געשטאַנען בראש פון דער טעטיקייט און געווען איר לעבעדיקער גייסט״.[5] ער איז געווען דער אומדערמידלעכער וואַנדערער, האָט געגנבעט גרענעצן מיטן צוועק אָנצוהאַלטן די פאַרבינדונג פונעם צענטער מיט די פאַרשידענע אָקופּירטע געביטן, איבערגעפירט געלט און מאַטעריאַל, שריפטן, וואָס ער אַליין האָט פאַרפאַסט און פאַרשפּרייט, כדי מיטן אידעיִשן וואָרט צו סטימולירן צו אַ באַנייטער טעטיקייט און פרישע פאַרמעסטן.

דער הויפּט־פּונקט פון ווירקונג פון דער חלוצישער באַוועגונג אַלס גאַנצער, פאַראייניקטער אין דער קאָאָרדינאַציע און פון די באַזונדערע ריכטונגען, איז געווען דער קיבוץ „שחריה״, אויף דער גאַס סובאַטש נר. 37, אין דער געגנט פון די „ביליקע״ א. ג. „נייע הייזער״, וואָס דער באַראָן הירש האָט אויפגעבויט פאַר אָרעמע. פאַר דעם קריג האָט זיך דאָרט געפונען אַ יידישער לערער־סעמינאַר מיט אַן אינטערנאַט. איצט, כאָטש עס איז פאַרנומען געוואָרן נאָך אַ שטאָק, איז דאָס געווען ווייט נישט גענוג פאַר אַלע מענטשן. נאָך מער, ווען עס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן, אין יאַנואַר 1940, די פאַראָרדענונג, אַז נאָר ליטווישע בירגערס איז דערלויבט צו וווינען אין דער שטאָט. די כוונה איז געווען צו באַגרענעצן די רעכט פון די פּליטים, צווינגען זיי צו פאַרלאָזן ווילנע און זיך איינאָרדענען ביי אַרבעטן, דער עיקר, לאַנדווירטשאַפטלעכע אין דער פּראָווינץ. אגב, האָבן די חלוצים אויסגענוצט די געשאַפענע קאָניונקטור און פאַרלייגט אַ צאָל אַגריקולטור־הכשרה־פּונקטן, מיט הונדערטער חלוצים אין פאַרשידענע טיילן לאַנד.

דער באַפעל וועגן גירוש האָט אַרויסגערופן אַ פאַרשטענדלעכע פּאַניק צווישן די יידן. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ געיעג נאָך ליטווישע אידענטי־טעטס־קאַרטן. אין דעם ענין האָט זיך „שחריה״ גראָד געפונען אין אַ „פּריווי־לעגירטער״ לאַגע. פאַר געוויסע „טובות״ (כאַבאַר) האָט מען געפועלט ביי דער פּאָליציי צו לעגאַליזירן די רשימות, וואָס זענען צוגעשטעלט געוואָרן

דורך דעם קיבוץ, איינשליסנדיק אין זיי אויך נעמען פון עלטערע געזעל־שאַפטלעכע טוערס. אַ דאַנק דער רעגיסטראַציע, האָבן די פּליטים אויך באַקומען דאָס רעכט אויף שפּייז־קאַרטן.[6]

אין קיבוץ האָט געהערשט אַן אומגעהיירע ענגשאַפט. אויפן אָרט, וואָס איז געווען באַשטימט פאַר 170 מענטשן, האָבן זיך אַריינגעקוועטשט בערך 1.200. געווען צייטן, ווען 5־6 מענטשן זענען געשלאָפן אין איין בעט,[7] טייל מאָל אויך טורנעסווייז און אויפן פּאָל, אָבער מ׳האָט זיך נישט באַקלאָגט אויף דעם מצב, אַלץ אָנגענומען פאַר ליב, אַבי צו דערגרייכן דעם ענדציל, די עליה.[8]

אין דעם תמיד אָנגעפּראָפּטן אַלגעמיינעם זאַל, פול מיט רעש און געפּילדער, האָבן פאַרשידענע גרופּעס אין די ווינקעלעך אָפּגעהאַלטן באַראַ־טונגען און געגרייט פּלענער אויף להבא.[9]

עס האָט אויך געהערשט אַ הונגער. אויף צו באַקומען אַ האַלבן קילאָ ברויט האָט מען געדאַרפט שטיין אין לאַנגע רייען, צו וואָס נישט אַלע זענען געווען מסוגל און דערצו האָט, הויפּטזאַכלעך אין אָנפאַנג, אויסגעפעלט געלט. אין איינקלאַנג מיט דער מאָראַל פון אַ קאָלעקטיוו, האָט מען דאַמאָלסט דאָס דערהאַלטענע ברויט אָוועקגעגעבן די קראַנקע און די געזונטע האָבן געליטן הונגער.[10]

טענענבוים איז געווען זייער אַקטיוו אויפן געביט פון איינאָרדענען מענטשן, זוכן פאַר זיי אַרבעט און אָנהאַלטן קאָנטאַקטן מיט פאַרשידענע הילפס־קאָמיטעטן. מיט זיין איידלקייט און גוטסקייט פלעגט ער שענקען וואַרעמע אויפמערקזאַמקייט יעדן איינעם און אָפט אַפילו אָפּטרעטן זיין בעט צו שלאָפן.[11]

ערשט ווען דער פריער געשאַפענער פּליטים־קאָמיטעט צוזאַמען מיטן „דזשוינט" האָבן צוגעטיילט אַ מאַטעריעלע הילף, האָט זיך יעדע ריכטונג איינגעאָרדנט באַזונדער. אַזוי איז דער „השומר הצעיר" אַריבער אויף טאַרטאַקי־גאַס נר. 3 און „מיט אַ געפיל פון אָנערקענונג זיך געזעגנט" פון די חברים פון „החלוץ־דרור" פון סובאַטש".[12] אויך „הנוער הציוני" און „עקיבא" האָבן אָרגאַניזירט זייערע אייגענע קיבוצים און הכשרות. אין סך־הכל איז „שחריה" פאַרבליבן, חוץ אַ קליינער גרופּע פון „גורדוניה", דער צענטער פון דער באַוועגונג „פרייהייט־החלוץ הצעיר", וואָס האָט מלחמה־צייט (יאַנואַר 1940, אויף אַ צוזאַמענפאָר פון אַקטיוויסטן אין לעמ־בערג) באַקומען דעם נאָמען „דרור".[13]

די מיטגלידער האָבן זיך רעקרוטירט פון די פּליטים פון די אַרומיקע און ווייטעריקע געגנטן. אַ סך פון זיי האָבן געהאַט אונטער זיך אַ לענגערע צוגעהעריקייט און טעטיקייט אין אַנדערע קיבוצים, אַדורכגעמאַכט הכשרות

און סעמינאַרן, וואָס האָבן זיי געגעבן אַ הויכן גראַד פון אידעאָלאָגישער באַהאַוונטקייט און באַוווסטזיניקייט. אַ דאַנק דעם איז דער עלעמענט געוואָרן דער קערן פון דער באַוועגונג.

דער קאָאָרדינאַטאָר פון דער יוגנט און סעקרעטאַר פונעם קיבוץ איז געווען דער איבערגעגעבענער חלוץ צבי מערסיק, וואָס האָט גלייכצייטיק דערפילט די פונקציע פון אַ פאַרבינדלער מיט דער לאָקאַלער פאַרטיי „פועלי־ציון" (צ. ס.)

*

ווינטער 1939—1940, איז דער מצב אין „שחריה" געווען זייער אַ שווערער מחמת די שרעקלעכע קעלטן — די פרעסט האָבן איבערגעשטיגן 40 גראַד צעלזיוס. עס זענען אויך אָנגעקומען מיט אָפּגעפרוירענע גלידער יוגנטלעכע, וואָס האָבן געשוואַרצט די גרענעץ נאָך אַ לאַנגן מהלך פון גיין צו פוס. ס'האָבן אויסגעפעלט וואַרעמע וועש, קליידער, בעטגעוואַנד. אַ סך זענען דאָך אַהער אַנטלאָפן אָן גאַרנישט, איז מען געלעגן איינגעהילט אין שמאַטעס.

טראָץ די זייער שלעכטע באַדינגונגען, האָבן די מדריכים זיך באַמיט אָנצוהאַלטן אַ קולטור־סביבה און נישט לאָזן פאַלן די מאָראַל. מ'האָט איינ־געאָרדנט אָוונטן מיט געהעריקע פּראָגראַמען. איין אַזאַ אָוונט איז געווען געווידמעט דעם יידישן ליד. כדי זיך נישט צו שעמען, האָט מען אויסגעלאָשן דאָס ליכט און משה נאַוואָפּרוצקי האָט אַרויסגעהאָלפן אין געזאַנג און רעציטאַציעס.

מיט אַ מאָל איז מרדכי אַרויס אויפן לאַנגן קאָרעדאָר און אַן אויפגע־ברויזטער, מיט די הענט אויפן קאָפּ, נערוועיש געשפּאַנט אַהין און צוריק. אויף דער פראַגע פון אַ דערשטוינטער חברה, וואָס איז געשען, האָט ער געענטפערט: — „כ'האָב מורא, אַז דאָס איז דער לעצטער קולטור־אָוונט, וואָס מיר פירן אַדורך".[14] זיין אינטואיציע האָט אים אונטערגעזאָגט, אַז אין גיכן וועלן די רוסן פאַרנעמען ווילנע און עס וועט קומען אַ סוף צו דער פרייהייט.

דערווייל איז אָנגעגאַנגען אַ ברייט פאַרצווייגטע אָרגאַניזאַציאָנעלע טעטיקייט. עס איז איינגעשטעלט געוואָרן אַן ענגע מיטאַרבעט מיטן סניף אין קאָוונע. אין דער זאָרג אויסצושפּרייטן די באַוועגונג אויף אַנדערע שטחים, איז, פעברואר 1940, אַרויסגעשיקט געוואָרן פון קיבוץ „שחריה" אַ קבוצה צו גרינדן אַן אָפּטיילונג אין שאַוולי (ליטע). די יוגנטלעכע האָבן געפונען אַ דירה, אָבער זיך נישט געקענט צונויפרעדן מיטן באַלעבאָס, וואָס האָט חוץ ליטוויש געקענט נאָר אַ ביסל ענגליש. ערשט ווען מרדכי איז געקומען, האָט ער מיט דעם קליינער צאָל ענגלישע ווערטער, וואָס זענען אים געווען באַקאַנט, באַוויזן זיך מיט אים צו פאַרשטענדיקן און שליסן דעם אָפּמאַך.

עס איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַ שיינער קיבוץ, וואָס האָט געציילט בערך 200 מיטגלידער. זיי האָבן געאַרבעט ביי די יידן אין דער אומגעגנט און אויך געשאַפן אַן אייגענעם וואַרשטאַט פון שטעפּעריי און שיך־פּראָדוקציע. מיט דער הילף פון די אָרטיקע נדבנים איז געדונגען געוואָרן פאַרן קיבוץ אונטער דער שטאָט אַ לאַנדווירטשאַפטלעכע פאַרם, ווו מ'האָט קולטיווירט גרינצייג און בלומען, וואָס האָבן אַריינגעבראַכט אַ באַדייטנדיקע הכנסה. פון צייט צו צייט פלעגט טענענבוים קומען מיט נאָך אַ חבר און איינמאָנען אַ געוויסן סכום געלט פאַרן מרכז אין ווילנע. עס האָט אַזוי אָנגעהאַלטן אויך אין דער שפּעטערדיקער סאָוויעטישער תקופה, ווען מען האָט זיך שוין געמוזט צעטיילן אויף קלענערע גרופּעס.

ווי תמיד, האָט מרדכי זיך שטאַרק געקימערט צו באַשיינען און באַרייכערן דאָס קאָלעקטיווע לעבן מיט טראַדיציאָנעלע פייערלעכקייטן און בכלל צו מונטערן דעם גייסט אין די שווערע מאָמענטן. אין דעם פּרט איז כאַראַקטעריסטיש דער פאָלגנדיקער עפּיזאָד:

מרדכי איז פאַרבליבן אויף פּסח אין שאַוולי. די שטימונג איז געווען אַ דערדריקטע — דער ערשטער סדר אויסער דער היים, דער אומרו וועגן גורל פון די נאָענטע. ווען די פּרוּוון אַ ביסל אויפצוהייטערן די געמיטער האָבן זיך נישט איינגעגעבן, איז ער אין איין מאָמענט אַרויס אין דרויסן און נאָך עטלעכע מינוט זיך אומגעקערט מיט אַ צעשמייכלט פּנים און אַ סימולירטער ידיעה, אַ נאַר וואָס באַקומענער מעלדונג, אַז עס זענען אָנגעקומען סערטיפיקאַטן! דאָס איז געווען אַ געלונגענער טריק, וואָס האָט אין איין רגע איינגעבראָכן דאָס אייז און דער אומעט האָט זיך אָפּגעטאָן. אַ פרייד האָט באַהערשט אַלעמען. די חברה האָט זיך געלאָזט ווייל גיין, געזונגען און געטאַנצט ביזן טאָג אַריין.[15]

אין דער שטרעבונג פונאַנדערצובויען די נעץ פון קיבוצישע פּונקטן און הכשרות, אַפילו אין די ווייטסטע געגנטן, און באַזונדערס צוצוגרייטן די יוגנט פאַר אַגריקולטור, איז אויך אַרויסגעשיקט געוואָרן אַ גרופּע קיין ווירבאַליס, האַרט ביי דער דייטשער גרענעץ, אויף צו לערנען לאַנדווירטשאַפט אין דער אָרטיקער פאַרם.

אַ געוויסע צייט נאָך דעם, ווי די רוסן האָבן פאַרנומען ליטע, האָט די קבוצה זיך אומגעקערט קיין ווילנע.[16]

*

בכלל פלעגט מרדכין זיין לעבעדיקע אינטעליגענץ אונטערזאָגן אָריגינעלע איינפאַלן, וואָס האָבן אים אין באַזונדערס אומגינסטיקע סיטואַציעס געהאָלפן דערגרייכן דעם ציל.

דער קיבוץ „שחריה" האָט זיך געגרייט אויפֿצונעמען דעם 1־טן מאַי 1940 מיט אַ פֿאַסיקן פּראָגראַם. נאַטירלעך האָט דער געזאַנג פֿון „אינטער־נאַציאָנאַל" געדאַרפֿט זײַן אַן אומבאַדינגטער באַשטאַנד־טייל פֿון דער פֿייערונג, אָבער אין דער ליטווישער ווילנע איז געווען פֿאַרבאָטן אָפּצומערקן דעם פּראָלעטאַרישן יום־טוב. צוויי געהיימע פּאָליציי־לײַט זענען אַרײַן אין קיבוץ מיט אויסגעשטרעקטע רעוואָלווערן און געדראָט אַלע צו דערשיסן אין פֿאַל פֿון עובר זײַן אויף דער פֿאַראָרדענונג. אָבער מרדכי האָט זיך נישט אונטערגעגעבן. ער האָט אַוועקגעשטעלט אין דרויסן אַ וואַך צו אָבסערווירן און אַלאַרמירן אין פֿאַל פֿון אַ געפֿאַר. אין אַ שטימונג פֿון אַ געהיימער צערעמאָניע זענען געהאַלטן געוואָרן אין דער שטיל רעדעס און נאָך זיי האָט ער איינגעלאַדן אַלעמען, שעפּטשענדיק צו דעקלאַמירן דעם פּראָלעטאַרישן הימען.[17]

אין מרדכין האָבן זיך דאַן אַנטפּלעקט געוויסע אייגנשאַפֿטן, וואָס זענען פֿריער געווען טיילווייז פֿאַרבאָרגן, אָדער האָבן זיך אפשר אין צווישנצייט אויסגעפֿורעמט. די מלחמה־קאַטאַסטראָפֿע האָט מיט איין קלאַפּ צעטרייסלט זײַנע שיינע פּלענער. אָבער ביי זײַן בולטער דיספּאָזיציע צום אַבסטראַקטן דענקען, האָט ער זיך נישט פֿאַרלוירן אויך אין אַנבליק פֿון דער טראַגישער ווירקלעכקייט. זײַן דינאַמישער געדאַנק האָט געזוכט אַנצווענדן די ביז איצטיקע אידעיִשע קאָנצעפּציע אין הסכּם מיט דער אַנטשטאַנענער לאַגע. די אומגינסטיקע, און שפּעטער גרויליקע באַדינגונגען, האָבן צוגעאײַלט דעם פּראָצעס פֿון זײַן גייסטיקן אויסוואַקסן. דערביי איז געגאַנגען ביינאַנד די פֿרי דערוואָרבענע מענטאַלע רײַפֿקייט מיט דעם יוגנטלעכן און לײַדנ־שאַפֿטלעכן טעמפּעראַמענט, וואָס האָט אַרויפֿגעלייגט אויף זײַן טעטיקייט גלייכצײַטיק דער חותם פֿון לאָגיק און פֿאַנטאַזיע.

טענענבוים האָט אָנגעצייכנט פֿאַר זיך ברייטע אויפֿגאַבעס און איז דערביי באַהערשט געוואָרן פֿון אַן אומגעוויינלעכער אײַלעניש זיי צו רעאַלי־זירן. ער פּלעגט אונטערנעמען נסיעות ממש פֿיבערדיק, ווי עס וואָלט אים אַ שאָד געווען צו פֿאַרלירן יעדן טאָג.

*

דער שאַרפֿער מאַנגל פֿון אַקטיווע קאַדרעס האָט אים באַוויגן צו זײַן אַליין אומעטום, נישט געקוקט אויף די געפֿאַרן, וואָס האָבן געלויערט אויף די וועגן.

די פֿאָלגנדיקע שילדערונג וואַרפֿט אַן אייגנאַרטיקע ליכט אויף דעם באַזונדערן דרך פֿון זײַנע פֿירונגען:

„דער ווינטער פֿון 1940 איז געווען אַ זייער שווערער. די שפּיטאָלן אין ווילנע זענען געווען פֿול מיט מענטשן, וואָס האָבן געהאַט אָפּגעפֿרוירן

זייערע הענט, פּיס, נעזער און אויערן. עס שטייט מיר נאָך פאַר די אויגן דאָס בילד, ווי אין אַ פּראַסטיקן אָוונט האָט זיך מרדכי מיט אונדז געזעגנט, כדי זיך צו לאָזן אין וועג אַריין איבער פאַרשנייטע פעלדער און וועלדער, דורך גרענעצן און וואַכן, כדי אָנצובינדן קאָנטאַקטן מיט חלוצישע גרופּן אין רוסישן און דייטשן געביט. אין געפערלעכע באַדינגונגען האָט ער געפירט אַ מסירות־נפשדיקע אַרבעט, זיך אויסשטעלנדיק אויף די גרעסטע סכנות. דריי חדשים שפּעטער איז ער געקומען צוריק, אַ פאַרמאַטערטער, אָבער ווי שטענדיק ענטוזיאַסטיש געשטימט. איך האָב געזען די אומלעגאַלע צייטונג, וואָס ער האָט מיט זיך געבראַכט... ער האָט זי דאָרט אַליין געשריבן, אַליין מימעאָגראַפירט, אַליין פאַרשפּרייט. וואָס ס'וואָלט מיט אים געשען, ווען מען כאַפּט אים מיט דער צייטונג בשעת ער האָט געשוואַרצט די גרענעצן, אָדער בעת ער האָט געאַרבעט איבער איר, איז לייכט זיך פאָרצושטעלן."[18] נאָך עטלעכע מאָנאַטן פון גרויסע אָנשטרענגונגען זענען אין אַ ריי שטעט און שטעטלעך רעאַקטיווירט געוואָרן די אָרגאַניזאַציאָנעלע קעמערלעך און אַפילו געשאַפן נייע.

אויך די געליבטע טעמע, מיט וועלכער ער האָט זיך אינטים פאַרבונדן אין בשותפותדיקן גורל, איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון דעם הייסן און אינטענסיוון אַרבעטס־ריטעם, וואָס האָט אַוועקגענומען אין אַ גרויסער מאָס פוןביידע זייער פּריוואַט־לעבן.

דער געראַנגל פאַר עליה

אַ גאָר באַזונדערן און עיקרדיקן אַספּעקט פון דער דאַמאָלסטיקער ציוניסטישער טעטיקייט בכלל און חלוצישער בפרט, האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט דער ענין עליה. לכתחילה איז זי געווען אַ לעגאַלע און דעריבער אַ זייער באַגרענעצטע. טראָץ די גרויסע אָנשטרענגונגען, זענען אָנגעקומען פון דעם ענגלישן קאָנסול אין קאָוונע זייער ווייניק סערטיפיקאַטן, וואָס האָט ווייט נישט דערמעגלעכט די עליה פון די טויזנטער קאַנדידאַטן. זיי זענען פאַרטיילט געוואָרן לויט אַ פאַרטיי־שליסל און קודם־כל צו די מער באַדראָטע אין פאַל פון אַ פרישער סאָוויעטישער אָדער נאַצישער אָקופּאַציע פון ליטע, צו די פאַרדינסטפולע ציוניסטישע וועטעראַנען, צו רעליגיעזע און זייערע משפחות. אַלס פועל־יוצא האָט דער "החלוץ" באַקומען אַ קליינעם קוואַנטום און דאָס ערשט נאָך שווערע וויכוחים.

די אָרגאַניזאַציע האָט פון איר זייט באַשטימט די צאָל סערטיפיקאַטן פאַר די באַזונדערע באַוועגונגען, ווו זיי זענען פאַקטיש פאַרדאָפּלט געוואָרן דורך פיקטיווע חתונות. דער קיבוץ האָט זיינע סערטיפיקאַטן פאַרטיילט יושרדיק, נעמענדיק אין אַכט די פּריאָריטעט פון דער רעגיסטראַציע צו

הכשרה און עליה, אָדער אַנדערע מאָטיוון פון נוצלעכקייט מצד די פּרעטענדענטן.[19]

חוץ די געוואַלדיקע שוועריקייטן צו באַקומען אַרויספּאָדערונגען (דרישות, אַפידעוויטס) קיין ארץ־ישראל און אין אַנדערע לענדער, האָבן זיך אַרויס־געדרוקט נאָך מניעות אין שייכות מיט איינרייזע — און טראַנזיט־וויזעס, ווען אַלע וועגן זענען געווען בלאָקירט און פון אַ־מעטום האָבן געלויערט סכנות.

נאָכן באַזייטיקן געוויסע שטרויכלונגען, איז אין מערץ 1940, אַרויס־געפאָרן אַ טראַנספּאָרט מענטשן און צווישן זיי עטלעכע מרדכיס נאָענטע חברים, פאַרדינסטפולע טוערס פון חלוצישן מרכז. די געזעגענונג איז געווען אַ געמיש פון טרויער מיט פרייד, אומעט פון צעשיידונג און גליק פון אַ דערגרייכטן ציל.

טענענבוים האָט זיך געפּרייט מיט יעדן איינעם, וואָס איז אַרויס אויפן וועג צו באַפרייונג. אין נאָמען פון די פאַר־אָגטע הימלאָזע, „פאַר־וואָגלטע", האָט ער באַשאָנקען די עולים מיט מתנות פון ביכער און זיי פאַרזען מיט טרויעריק־סענטימענטאַלע דעדיקאַציעס. אַזוי למשל האָט ער געשריבן אויפן בוך פאַר יצחק פּערליס, דעם מיטגליד פון דער „החלוץ"־צענטראַלע אין פּוילן, געוועזענעם רעדאַקטאָר פון „החלוץ הצעיר" און דאַמאָלסטיקן שליח פון ארץ־ישראל:

„פאַר פּערליס...

פון די גרויסע און טרויעריקע טעג אין ווילנע

אין טאָג פון זיין עליה —

13.III.40 די איבערגעבליבענע חברים פון מרכז".

ענלעך קלינגט דיווידמונג פאַר נאָך אַ רעדאַקטאָר און מיטאַרבעטער, מולקע באַראַנטשוק:

„מולקען —

אין טאָג פון זיין עליה —

די פאַרוואָגלטע חברים פון מרכז".

דאָס איז געווען דער ערשטער קאָנטינגענט, אַרויסגעשיקט קיין ארץ ישראל און באַגלייט דורך דער גאַנצער חלוצישער קאָנצענטראַציע מיט גלויבן און האָפענונג אויף ווייטערדיקע טראַנספּאָרטן. פון דעסטוועגן האָט מרדכי נישט געקענט פאַרבאַהאַלטן דעם אומרו־געפיל, פון די דעדיקאַציעס ווייעט אַ נאָסטאַלגישער אומעט.

שפּעטער, ביז מאַי 1940, זענען אַרויס נאָך עטלעכע גרופּעס, בערך 400 עולים מיטן מאַרשרוט לאַטוויע, שוועדן, האָלאַנד, פראַנקרייך און איטאַליע, ווי אויך אַ 150 — אין אַנדערע לענדער.[20]



דעדיקאַציע פאַר מולקען

מיט דער דייטשער אָקופּאַציע פון מערב־אייראָפּע איז דער וועג אָפּגעשלאָסן געוואָרן. ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ פרישער געראַנגל פאַר דערוועלבן נייע דרכים און נייע וויזעס מיט געוויסע פּאָזיטיווע רעזולטאַטן, דער עיקר אַ דאַנק דער הילף פון האָלענדישן און יאַפּאַנישן קאָנסולאַט.

דער מאַמעס אָנזאָג

זינט נאָוועמבער 1939 האָט זיך אין ווילנע געפונען מרדכיס יונגסטע שוועסטער — טאַמאַראַ. זי האָט געוווינט באַזונדער — אָנגעשלאָסן אין שומרישן קיבוץ.

פאַרשלונגען דורך די פּילצאָליקע פּראָבלעמען, האָט מאָטילעקן נישט געסטאַיעט קיין צייט אויף צו באַזוכן זיין שוועסטער. אָבער בעת זיינע אָפטע רייזעס, ערגעץ ווייט פאַרוואָרפן, פלעגט זיך זיין האַרץ צעבענקען נאָך די נאָענטע און דעמאָלט האָט אויך אויפגעטויכט טאַמאַראַס ליבע געשטאַלט. דער ראָמאַנטישער ברודער האָט גוט פאַרשטאַנען איר טרויעריקע עלנטקייט און געפרווט פון דער ווייטנס זי אויפצוהייטערן מיט וואַרעמע בריוולעך. דאָס זענען אין רוב לאַקאָניש קורצע קאַרטלעך, געשריבן אין איילעניש, וואָס באַצוועקן איבערצושיקן, חוץ גרוסן, אויך אַן איינשטיך פון הומאָר און לעבנס־לופט. ער נעמט צו הילף אַפילו די נאַטור, כדי אויסצולייטערן טאַמאַראַס פאַרזאָרגט און פאַרביטערט פנים. איין אַזאַ שריפט, וואָס שטאַמט



קאַרטל צו טאַמאַראַ

פון 18.3.40, פון קאָוונע, אַנטהאַלט דעם פאָלגנדיקן טעקסט (אין פויליש):

גרוסן,
דער פרילינג־שמייכל;
אַ דערמאָנונג:
ווען אָנקומען בריוו —
מיר איבערשיקן.
אַ לויב!

מ.

„דער פרילינג־שמייכל", וואָס דער ברודער האָט איר איבערגעשיקט, האָט דערגרייכט זיין באַשטימונג און אַריינגעדרונגען אין האַרץ מיט פריידי־קייט און ליבשאַפט.

ער האָט דעמאָלט געשפּירט אויף זיך די אחריות פון אַן איינציקן אַפּוטרופּוס. דאָס האָט ער אויך באַקומען ספּעציעל אָנגעזאָגט פון דער מוטער.

נישט געקוקט אויף זיין פאַרנומענקייט און אַרומפאָרן, האָט ער אָנגע־האַלטן אַ גאַנץ אָפטע קאָרעספּאָנדענץ מיט דער מאַמען אין וואַרשע. — „גוטע נייעסן" — דאָס איז געווען אין יענער צייט אַלץ, וואָס זי האָט זיך געווונטשן צו דערהאַלטן פון אירע קינדער. אין דעם בריוו פונעם 17.3.1940, וואָס מרדכי האָט פון איר באַקומען (אין פויליש) רעקאָמענדירט זי אים גאַנץ ספּעציעל די אויפזיכט איבער זיין שוועסטער. אין פריערדיקן שרייבן האָט

ער מודיע געווען דער מוטער אין אָנפאַנג, אַז טאַמאַראַ וועט לערנען לאַנד־ווירטשאַפט, שפּעטער — אין אַ פאַך־שול. איז איר אינטערעסאַנט צו וויסן די סיבה פון דער ענדערונג, וואָרעם דער ערשטער פּלאַן זעט אויס צו זיין „זייער פּאַסיק״, אָבער באַלד גיט זי צו: — „צווייטנס, כ׳וויס אַליין נישט, וואָס ס׳איז בעסער. מיין טייערער, כ׳האָב זי איבערגעגעבן אונטער דיין השגחה. דו, וואָס טוסט פאַר אַלע גוטס, האָסט דאָך זיכער אַ חוב זיך מטפּל צו זיין, ווי אַ פאָטער, מיט דער אייגענער יונגער יתומה.״

ווייטער דערציילט די מוטער, אַז זי וואָלט געוואָלט ביי עפּעס אַרבעטן, אָבער ס׳איז נישטאָ ביי וואָס. „אַ גליק״, וואָס ס׳איז איר נאָך פאַרבליבן אַ ביסל שפּייז־פּראָדוקטן, ווייל אויף די „היינטיקע״ פּרייזן, וואָלט געווען אומעגלעך צו קויפן. דאָס דירה־געלט פאַרן פאַרדונגענעם צימער ווערט איר נישט געצאָלט, הגם בעת אַ משפט האָט מען איר צוגעפּסקנט 2/3 פון דעם חוב פאַר 8 חדשים. צום סוף זאָגט זיך אין דער שריפט: — „אויף היינט וועסט דו זיך נישט באַקלאָגן. וועסט האָבן גענוג וואָס צו לייענען... איך גיב דיר אָפּ פאַר דער גאַנצער צייט״. די קער־זייט פון דעם בויגן פּאַפּיר האָט אַנטהאַלטן אַ לאַנג ליד.

מיט אַן אינערלעכן צאַפּל, וואָס איז געוואַקסן אין דער מאָס פון לייענען, האָט מרדכי גיך געפירט דעם בליק איבער די געדיכט פאַרשריבענע שורות. פאַרענדיקט די לעקטור, איז ער אַ רגע פאַרבליבן, ווי פאַרשטיינערט און באַלד דערנאָך האָט אים אַ ריס געטאָן פון אָרט. מיט דער מאַמעס בריוו אין דער האַנט, איז ער געלאָפן צו טאַמאַראַ. עס איז גראָד געווען מיטאָגצייט, אַלע זענען געווען פאַרזאַמלט אין עסצימער. נאָך אַ שטילער באַגריסונג, האָט מרדכי דערלאַנגט זיין שוועסטער די שריפט. זי האָט מיט טרערן אין די אויגן געלייענט וועגן דער מאַמעס פּראָבלעמען, זאָרגן און אָנזאָגן. אָבער, ווען ס׳איז געקומען צו דער צווייטער זייט, צום געדיכט, האָט טאַמאַראַ ביי די ערשטע ווערטער זיך שטאַרק צעוויינט. דער ברודער האָט איר געגעבן אַ באַרויִקנדיקן גלעט איבערן קאָפּ און אַליין מיט אַ שטים, וואָס האָט קוים באַהערשט דעם אינערלעכן שלאָכץ, אָנגעהויבן צו לייענען. דער זשום און רעש פון אַרום האָבן זיך מיט אַ מאָל אָפּגעשטעלט, אַ טויטע שטילקייט האָט זיך צעגאָסן אינעם זאַל. דאָס בענטשנדיקע ליד פון דער מאַמען האָט אַ שווער געטאָן אין דער לופט און אויפגערודערט די פאַרבענקטע הערצער פון די יוגנטלעכע.

אָט איז אונדזער פרייע איבערזעצונג פון דעם ליד אין יידיש:

„זון, דו גייסט אַרויף אויף דעם וועג, דעם שווערן פונעם לעבן,
ווו כ׳קאָן דיך נישט היטן, מיין וואַכיק אויג אויף דיר געבן.
געוואָרפן די היים, גייסטו אויף פרעמדע לענדערס שטחים,



פון דער מוטערס ליד צו מרדכין

ווו ס׳זענען דיר אומבאַקאַנטע הערצער, אומבאַקאַנטע דרכים.
איצט דער מאָרגנשטערן פון גליק מיט שקאַרלאַט־שטראַלן דיך באַגלייט
אויף דיין וועג די האָפענונג — פילפאַרביקע בלומען פאַרזייט.
אָבער ווען די יאָרן, די רייפערע וועלן די געפילן דיינע איבערבייטן
און דו וועסט זיך דערזען איינער אַליין צווישן פרעמדע לייטן
און דו וועסט זיך דערזען אַן עלנטן אויף דעם שטח פון דער וועלט,
ווו קיינער וועט נישט פאַרשטיין דיינע געפילן, דיין האַרץ, דיין גאַנג,

דאַמאָלסט קער זיך אום צו דיין היימלאַנד לכל הפּחות מיט דעם געדאַנק
און טראָג זיך אַריבער אין דיין געליבטער משפּחס שויס!
דערמאָן זיך, ווו דו האָסט פאַרבראַכט די קינדער־יאָרן, דאָס הויז,
דערמאָן זיך די ברידער, די שוועסטערס — דיינע אומשולדיקע
שפּילערייען!
דיין פאָטער געדענק, וואָס פריִיט זיך אין דעם ליכטיקן גן־עדן
און פון די הויכקייטן קוקט אויף דיר — אויף אונדזביידן,
און דיין מוטער, וואָס האָט אויסגעטראָגן דעם טרויער פון צעשיידן.
וועט זי נישט אויך די דערמאָנונג פון ליבשאַפט געווינען?
וועט זי נישט אויך די דערמאָנונג פון ליבשאַפט געפינען?
זיי געזונט, זון, או, אוי, ווי שווער איז דער וועג פון לעבן!
איך בענטש דיך, אויך דו רוף צו גאָט, ער זאָל דיר הילף געבן.
גיי, איך געזעגן דיך, מיין ליבער זון, אָבער שטענדיק געדענק
די ערלעכקייט דיינע זיין וועט פאַר דער מי — דער בעסטער געשענק״.

נאָך דעם שיר איז געקומען די צושריפט, אַז זי איז אויף דער עלטער געוואָרן „אַ פּאָעטיסע״ און האָט שוין אָנגעשריבן אין יידיש מער ווי 300 לידער, וואָס אַנטהאַלטן איר „ביאָגראַפיע״. הגם דער מאַמען איז אומבאַקוועם אויפצודעקן איר סוד, גיט זי אָן אַ פאַרענטפערונג: זי „טראַכט און שרייבט״, ווייל ס׳איז נישטאָ עפּעס אַנדערש וואָס צו טאָן, זי מיינט, אַז איר זון וועט „אַ ביסל לאַכן״ דערפון.

אַ לאַנגע ווײַלע נאָך דעם, ווי מרדכיס קול איז פאַרשטומט געוואָרן, איז דער עולם געזעסן אָן אַ שאָרך און באַוועגונגסלאָז אונטער דעם אויסער־געוויינלעכן רושם.

יעדער באַזונדער האָט מיט אַ מאָל דערזען, פאַר די אויגן פון זיין נשמה די אייגענע מוטער, דעם טאַטן און אַלע נאָענטסטע. מרדכיס מאַמע האָט פאַר אַלע זיי אויסגעזונגען דאָס ליד פון ליבשאַפט און טריישאַפט, פון בענקשאַפט און בענטשן. די יוגנטלעכע געמיטער זענען פאַרזונקען געוואָרן אין אַ נאָסטאַלגיע.

*

מרדכי האָט זיך גוט איינגעקריצט אין האַרץ די בקשה פון דער מוטער, ער זאָל וואַכן איבער דער יונגער שוועסטער. עס איז געווען זיין חוב זי צו ריכטן אויף אַ וועג צו אַ ווירדיקער צוקונפט. מען האָט געדאַרפט אָננעמען אַ קאָנקרעטן באַשלוס בנוגע דעם אויסוואַל פון אַ פּראָפעסיע. ער פלעגט אָפט באַרירן די טעמע אין די פּערזענלעכע שמועסן און אויך אין דער קאָרעספּאָנדענץ מיט איר. אַזוי למשל אין דעם בריוו פונעם 4־טן אַפּריל 1940, פון שטעטל סינוליני, גיט מרדכי זיין שוועסטער די פאָלגנדיקע

אָנוויייזונגען: —...„געדענק, פאַר יעדן פּרייז זיך לערנען אַ פאַך... לייענען אַ סך, נאָר האַלטן זיך אין אַ געוויסן סדר, ווייל אַנדערש פירט עס צו אַ כאַאָס און איבערפלעכלעכער „קענטשאַפט" פון אַלעם.

דער זעלביקער כתב באַציט זיך צו דעם ביטערן גורל פון דער מוטער. דער זון איז מסוגל זיך אַריינצופילן אין איר געמיט־צושטאַנד: — „גרויסער גאָט, ווי שלעכט איז איר, אוודאי, צו זיין אַזוי פיינלעך איינזאַם! פאַרשטיי, אַז אונדז איז לייכטער — די באַוועגונג, דער קיבוץ, די סביבה. דער מאַמען האָט איצט פאַרפעלט אַלץ, אין וואָס זי האָט געגלייבט, צו וואָס זי איז געווען איבערגעגעבן בלב ונפש... אַלע צעזייט. דער פאָטער איז נישטאָ. ווי גרוי די מוטער מוז שוין זיין!"... — מרדכי רעכנט זי צו באַזוכן אין אַ 4־6 וואָכן אַרום, צו פאָרן קיין וואַרשע: פרומקע פּלאָטניצקאָ, די אומדערמידלעכע אַקטיוויסטקע, איז שוין מחויב עולה צו זיין — קלערט ער אויף און טראַכט זי צו פאַרטרעטן. ער שרייבט וועגן דער פּלאַנירטער רייזע אַזוי פשוט, גלייך ס'וואָלטן נישט עקסיסטירט קיין גרענעצן און געפאַרן.

וועגן זיך פערזענלעך, האָט ער ווייניק וואָס צו זאָגן, וואָרעם ס'איז „ווי תמיד — דאגות, קיבוצים, רעגולירן באַלאַגאַנען און בכלל — די באַוועגונג".

אין אַלגעמיין האָט מאָטילעק אין שריפט אַרויסגעוויזן אַ סך צאַרטקייט זיין שוועסטער, וואָס ס'איז אים שווער געווען צו אויסערן פנים אל פנים. אָבער ביי דער גאַנצער ליבשאַפט, האָט זיין יושרדיקייט אים נישט דערלויבט צו דערמעגלעכן איר די עליה פאַר אַנדערע, וואָס, לויט אים, זענען געווען מער באַרעכטיקט דערצו.

קאַפּיטל דרייצן

ווילנע אונטערן סאָוויעטישן רעזשים

ווייטערדיקער גראַנגל פאַר עליה

העלפט יוני 1940 האָט די „רויטע אַרמיי" פאַרנומען ווילנע און דעם 3־טן אויגוסט איז ליטע, אַזוי ווי לאַטוויע און עסטאָניע, פאָרמעל פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ סאָוויעטישע רעפּובליק.

די ראַטן־מאַכט האָט אָנגעהויבן איר נייע הערשאַפט מיט אַ שטאַרקער האַנט. עס זענען לכתחילה פאַרבאָטן געוואָרן אַלע פּאַרטייען אַחוץ דער קאָמוניסטישער. די פאַרשידענע פּאָליטישע גרופּירונגען האָבן אָפּגעשטעלט זייער טעטיקייט. אויסער דער נאַציאָנאַליזאַציע פון גרעסערן פּריוואַטן אייגנטום, ווי אויף אַלע געביטן פון דער סאָוויעטישער אָקופּאַציע, וואָס האָט, אגב, פאַראָרעמט אַ סך יידן, זענען אויך פאַרשטאַטלעכט געוואָרן דאָס שול־וועזן (יידיש איז געבליבן ווי אַ לערן־שפּראַך, אָבער דער לימוד פון העברעיש און פון יידישער געשיכטע איז פאַרבאָטן געוואָרן) און אויך אַזוי די ביבליאָטעקן, פון וועלכע מ'האָט באַזייטיקט די נישט „פּאַסיקע" ביכער. אויפן אָרט פון די געשלאָסענע צייטונגען, איז דערשינען איינע אונטער דער השגחה פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

אָבער דער „החלוץ" איז ווייטער געווען אַווירקנדיקער פאַקטאָר אויף דער יידישער גאַס. „די איינציקע, וועלכע איז געבליבן אויף דער וואַך צו היטן דאָס יידישע לעבן, זיין היינט און זיין צוקונפט — איז געווען די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע מחנה און קודם כל די חלוצישע יוגנט"[1] האָט געשריבן דער חלוצישער טוער ד. קאַזיעבראַדזקי.

די אַרבעט אין קיבוץ „שחריה" איז געוואָרן שווער און געפערלעך. די קאָמוניסטן בכלל און די יידישע בפרט, האָבן באַטראַכט די ציוניסטן פאַר „קאָנטררעוואָלוציאָנערן" און די מיט סאָציאַליסטישע איבערצייגונגען (אַזוי אויך די „בונדיסטן") נאָך פאַר „סאָציאַל־פאַשיסטן". זיי זענען טאַקע געווען אָפטע קרבנות פון קאָלאָסאַלן שפּיאָנאַזש־אַפּאַראַט. פון האַלב־קאָנספּיראַציע איז מען געווען געצוווּנגען אַריבערצוגיין צו אַ פולער. אין אַנבליק פון דער וואַקסנדיקער סכנה האָט דער קיבוץ, ווי בכלל די הכשרה־פונקטן, זיך געמוזט אויפלייזן. די מענטשן האָבן זיך צעטיילט אויף קלענערע גרופּעס און ווייטער געלעבט אויף קאָלעקטיווע יסודות. אָבער דער קיבוץ איז ממשיך געווען זיין עקסיסטענץ, ווי דער גייסטיקער צענטער פון דער באַוועגונג, הגם די פאַרבליבענע חברים האָבן זיך געפונען אין שטענדיקן פּחד.

מרדכי טענענבוים האָט געהאָלפן איינאָרדנען די חברים, געזאָרגט פאַר אַרבעט, וואָס זאָל אַנטשפּרעכן דעם חלוצישן באַגעם און עס זאָל איבער אַלעמען שוועבן דער אידעאַל פון „שחריה". מכוח דעם כאַראַקטער פון דער אַרבעט האָט געשריבן די חלוצה צפורה בירמאַן אין איר געזעגענונגס־בריוו „צו מיינע ליבע חברים, ווו איר זענט", דאָס פאָלגנדיקע: — „אונדזערע חברים האָט מען נישט געזען יאָגנדיק אין פאַבריק, וועלכע האָט פאַרזיכערט אַ גרינג און שיין לעבן. צו האָלץ מיט די העק און זעגן, פלעג איך טרעפן אונדזערע. אַ פּאָר שעה געאַרבעט, פאַרדינט אויף דעם טאָג ברויט און די איבעריקע שעהן פאַרנומען זיך מיט זוכן אַ וועג צום לאַנד".

*

די פראַגע פון עליה איז איצט געוואָרן נאָך מער דרינגענדיק און עס איז נויטיק געווען צו ווירקן אין גרויס איילעניש. דער באַפעל צו שליסן די יידישע אָרגאַניזאַציעס האָט אויך אַריינגענומען דעם א"י־אַמט אין ווילנע און די הילפס־קאָמיטעטן פאַר די עמיגראַנטן. די ידיעה וועגן פלאַנירטן פאַרמאַכן פון די דיפּלאָמאַטישע פאַרשטייערשאַפטן האָט פאַרגרעסערט דעם פיבער אויסצונוצן די נאָך עקסיסטירנדיקע מעגלעכקייטן איינצושאַפן רייזע־פאַפּירן, אַרויסצובאַקומען פון די קאָנסולאַטן די געהעריקע דאָקומענטאַציע.

אַ גרויסע דערגרייכונג איז געווען דאָס דערהאַלטן פון 250 וויזעס קיין ארץ־ישראל פון דעם ענגלישן קאָנסול. פאַרן פאַרלאָזן זיין פּאָסטן האָט ער איבערגעגעבן אָפיציעלע „בריוו"־באַשטעטיקונגען פון עליה־דערלויבעניש קיין א"י און אויך מערערע ליידיקע פאָרמולאַרן פאַר דעם צוועק.

אין דעם פּרט פון טראַנזיט־וויזעס איז כדאי צו פאַרצייכענען די הומאַנע פאַרשטענדעניש און נאָבעלע האַנדלונג פון דעם דאַמאָלסטיקן יאַפּאַנישן קאָנסול, סאַגיהאַראַ, וואָס איז געווען, ווי אַלע דיפּלאָמאַטן, אַקרעדיטירט אין קאָוונע. ווען מ'איז צו אים געקומען מיט האָלענדישע וויזעס קיין קוראַסאַאָ און געבעטן די רייזע־דערלויבעניש דורך יאַפּאַן, האָט ער נישט געוואַרט אויף דעם ענטפער פון זיין רעגירונג, נאָר אַליין, אויף אייגענער אחריות, אַרויסגעגעבן אַזעלכע און דאָס זייער ליבעראַל, אויף פאַרשידענע דאָקומענטן. ס'איז אינטערעסאַנט דערביי, אַז דער מיטפילנדיקער קאָנסול איז אַזוי אָנגעגאַנגען מיט זיין הומאַנער פּראָצעדור ביז צום סאַמע לעצטן טאָג פאַר זיין אָפּפאָר, דעם 31־טן אויגוסט, הגם זינט אַ צייט איז ער שוין געווען אָפּגערופן דורך זיין רעגירונג.[3]

נאָך לאַנגער שתדלנות האָט זיך לסוף איינגעגעבן צו באַקומען טראַנזיט־וויזעס אויך פון טערקיי. צו די פאַסירונגען באַציט זיך מסתמא דער דער־מאָנטער אַנאָנימער מעמואַריסט פון בודאַפּעסט: „נישט געקוקט אויף אַלע שטערונגען, האָט מרדכי געפונען אַ וועג צום ענגלישן און יאַפּאַנישן קאָנסול

אין קאָוונע, ווו ס'איז אים געלונגען אַריבערצופירן עטלעכע חברים קיין ארץ־ישראל".[4]

חוץ די גרויסע שוועריקייטן פאַרבונדענע מיט דורכפאַר־פּאַפּירן, האָט מען אויך געדאַרפט בייקומען אַנדערע ערנסטע שטרויכלונגען.

אין רעזולטאַט פון פאַרבאָט אַרויסצושיקן געלט קיין ליטע, האָט דער „דזשוינט" מער נישט דיספּאָנירט מיט די נויטיקע קאָלאָסאַלע פאָנדן, אָבער די שטערונג איז אויף אַ צייט באַזייטיקט געוואָרן אַ דאַנק דעם הסכם, וואָס ס'איז געשלאָסן געוואָרן מיט דעם ליטווישן „רויטן קרייץ" — דער האָט זיך פאַרפליכטעט ווייטער צו דעקן די הוצאות אויפן חשבון פון די צוקונפטיקע צאָלונגען מצד דער דאָזיקער יידיש־אַמעריקאַנער הילפס־אינסטיטוציע.[5]

נאָך אַ מניעה איז געווען די הערמעטישע אָפּגעשלאָסנקייט פון די סאָוויעטישע גרענעצן, וואָס האָט אומעגלעך געמאַכט יעדן פּרווו פון אַרויספאָר. כדי צו באַקומען אַ דערלויבעניש אויף עמיגראַציע, האָט מען גענומען שטורעמען מאָסקווע מיט ביטעס און אינטערווענצן אויך פון אויסלאַנד. ערשט אין סעפּטעמבער 1940 איז אָנגעקומען אַ תשובה, לויט וועלכער פּליטים, וואָס באַזיצן אַריינפאָר־פּאַפּירן אין וואָס פאַראַ לאַנד, וועלן באַקומען די עמיגראַציע־דערלויבעניש נאָכן אַריינטראָגן אַ בקשה אין דעם געהעריקן סאָוויעטישן אַמט אין מאָסקווע אָדער קאָוונע און דער־ליידיקן דעם באַטרעפנדיקן אָפּצאָל.

אָבער די קליינע צאָל רייזע־באַוויליקונגען זענען נישט געווען גענוג צו דעקן די פאָדערונגען פון די מחנות קאַנדידאַטן פון אַלע סעקטאָרן, וואָס האָבן זיך געריסן צו דער פרייער וועלט בכלל און קיין ארץ־ישראל בפרט. האָט מען געשאַפן און אַנטוויקלט אַ גאַנצע אונטערנעמונג פון פעלשן פּעסער, וויזעס, פאָרמולאַרן מיט דעקלאַראַציעס, אַז די באַטרעפנדיקע סערטיפיקאַטן געפינען זיך אין א"י אָדער אין קושטאַ, (טערקיי), פון קאָמבינירן מאַרשרוטן אַפילו ווייטע און לאַנגע, וואָס זאָלן לסוף דערפירן צו דעם געגאַרטן ציל.

ס'איז אַנטשטאַנען אַ „פאַבריקאַציע" פון שריפטן און אונטערשריפטן, אין וועלכער אויך מרדכי און טעמע זענען געוואָרן גרויסע ספּעציאַליסטן. אַזוי האָט מען צ"א נאָכגעמאַכט די באַשטעטיקונגען פון ציוניסטישן אַק־ציאָנס־קאָמיטעט אין ניו־יאָרק,[6] אַז די באַטרעפנדיקע סערטיפיקאַטן גע־פינען זיך גרייט אין ארץ־ישראל.

טענענבוים „האָט אָנגעבונדן קאָנטאַקטן, אויסגעפונען תחבולות, אויס־געאַרבעט פּראָגראַמען, איניציאירט, דערליידיקט, אָרגאַניזירט; און אַ סך פון די, וואָס האָבן זיך דעמאָלט אָפּגעראַטעוועט — זענען ניצול געוואָרן אַ דאַנק זיינע אָנשטרענגונגען".[7]

מרדכי האָט געהאַלטן אַ וואַך אויג אויפן גאַנצן עליה־פּראָצעס, אַז

עס זאָל נישט פאַרפעלט ווערן קיין שום פאַרלאַנגטער רעקוויזיט און נאָכגעפאָלגט יעדן ענין באַזונדער. עס זענען געווען פאַלן, אַז דער פּאַראינטערעסירטער אַליין האָט פאַרשלעפּט מיטן דערליידיקן געוויסע פאָרמאַליטעטן, ווי למשל צושטעלן עדות, אָדער אַן אַנדערן באַווייז, דעמאָלט פלעגט ער מאַנען און אַרויסהעלפן צו דערפילן די געפאָדערטע פּראָצעדור.[8]

די פאַרשאַפענע עליה־סערטיפיקאַטן, דערוואָרבן מיט בשותפותדיקן אָנשטרענג, זענען אויך פאַרטיילט געוואָרן לויט אַ פאַרטייִשן שליסל.

צ. בירמאַן האָט אַזוי געשילדערט די אַטמאָספער צווישן דער חלוצישער יוגנט, וואָס איז געווען פאַרכאַפּט פון דעם פיבערדיקן געיעג אָפּצונאַרן די דיפּלאָמאַטישע אַמטן, כדי אַרויסצובאַקומען די אַרויספאָר־דערלויבענישן: — „שטיקנדיק איז געווען די לופט פאַר אונדז, אַן דער טרייסט פון די אָפּגעפּאָרענע, אַז מיר זענען נאָך יונג און װעלן נאָך באַװייזן צו קומען אין לאַנד, האָבן מיר נישט געקענט לעבן. מיר האָבן געזוכט. ביינאַכט און ביי טאָג האָב איך געזען אונדזערע חברים פאַרטראַכטע, זוכנדיק אַ וועג. ווען עס איז איינעם פון אונדז געקומען אין האַנט אַ פּאַפּירל, האָבן עס אַלע בודק געווען, צי קאָן מען נישט מיט דעם אָפּנאַרן דעם קאָנסול און זיך אַרויסכאַפּן. עס דערמאָנט זיך מיר די פרייד ביי אונדז אין צימער, ווען מען האָט געבראַכט פאַלשע סערטיפיקאַטן. אַליין זיי אויסגעפילט, אַליין אונטערגעשריבן און אָנגעגעבן אויף קוראַסאַאָ. יאָ, מיר האָבן געוווּסט, אַז פאַר אַזאַ אָפּערע קען מען געשאָסן ווערן, ס׳האָט אַנדערש נישט געקענט זיין. מ׳האָט געמוזט כאָטש יוצא זיין פאַרן אייגענעם געוויסן, אַז אַלע באַמיִונגען זענען געמאַכט געוואָרן. מ׳האָט נישט געררוט. אייגער צום צווייטן פלעגט מען לויפן, זיך געטיילט מיט יעדן שטיקעלע פּאַפּיר. מיט פרייד האָבן מיר גענומען אין האַנט דעם אַליין געמאַכטן דאָקומענט. מיט אימפּעט געלאָפן אין די צימערן פון קאָנסולאַט, געשטאַנען טעג אין ריי, בכדי דאָס אָנגעבן. קיינער איז אָבער נישט אָפּגעשטאַנען. אַלע האָבן געוואָלט און זיך געריסן דאָס אָפּגעבן. עפּעס איז דערנאָך גרינגער געוואָרן אויף דער נשמה, עפּעס פרייער דער מוח״.—

עס האָבן נישט געהאָלפן די וואָרענונגען מצד אַ פריינד אין דער פּאָליציי, אַז מען שרייבט זיך אַליין אונטער „אַ צעטל אויף סיביר״.[9]

צו די דינאַמישסטע עליה־אָרגאַניזאַטאָרן האָבן געהערט אַנדזשעי (יעקב) לעביעד[10] („השומר הצעיר״), וואָס איז געווען אַ גרויסער מייסטער אין דער פעלשונג־מלאכה פון דאָקומענטאַציע, יחיאל (איליאַ) שיינבוים[11] („דרור״); יוסף גלאַזמאַן[12] („בית״ר״) און ניסן רעזניק[13] („הנוער הציוני״), אַלע ערשטראַנגיקע פיגורן אין זייערע אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן געשפּילט אַ

גרויסע ראָל אין דעם אַרטיקן, געזעלשאַפֿטלעכן לעבן און שפּעטער אין דעם אויפֿבוי און אָנפֿירונג פֿון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג.

אין סך־הכּל פֿון דעם אינטערוועציאָן, געמיינזאַמען אָנשטרענג איז דער־גרייכט געוואָרן דאָס אַרויסשיקן פֿון אַ ריי טראַנספּאָרטן. יעדער פֿון זיי איז געווען אַ גרויס געשעעניש פֿאַרן ישוב, באַגלייט מיט טרערן, געזאַנג און האָפֿענונג אויף דער אייגענער עליה.

*

דער מאַרשרוט, וואָס האָט בדרך כּלל געפֿירט צום לאַנד דורך יאַפּאַן, כינע, קוראַסאַאָ, צי דורך טערקיי אָדער פּערסיע (איראַן), פֿלעגט אָפֿט אָנטרעפֿן אַ סך שטרויכלונגען אויפֿן וועג און דאָס האָט געצוווּנגען צו לאַנגע אויפֿהאַלטן און וואַנדערונגען.

אין דעם פּרט איז כּדאַי אָנצוווייזן אויף איין אַזאַ גרופּע, וואָס איז אויסגעפֿאָרן אַ האַלבע וועלט ביז זי האָט זיך דערשלאָגן צום ציל. זי איז לכתּחילה באַשטאַנען פֿון 9 מענטשן, ס׳רוב פּועלי־ציוניסטישע טוערס, צו וועלכע ס׳האָבן זיך אין וועג אָנגעשלאָסן נאָך פּליטים. זיי האָבן געוואַנדערט במשך פֿון אַכט מיט אַ האַלבן חודש (פֿון 19־טן סעפּטעמבער 1940 ביז אָנפֿאַנג יוני 1941) און אַדורכגעמאַכט דעם פֿאַלגנדיקן וועג דורך לענדער און שטעט: יאַפּאַן, שאַנכיי, האָנג־קאָנג, סינגאַפּור, צייַלאָן, אינדיע, אַדען, סועץ ביז קאַנטאַראַ. ביים סוף פֿון דער נסיעה זענען זיי דורך די ענגלענדער אַרעסטירט געוואָרן, געזעסן אַ מעת לעת אין אַ מצרישער תּפֿיסה, ווו מ׳האָט ביי זיי צוגענבעט דעם באַגאַזש. די פּליטים זענען אַרויסגעפֿאָרן כּלומרשט ווי טוריסטן, אָבער נישט געווען פֿאַרזען מיט די נויטיקע וויזעס. זיי האָבן אויך נישט דיספּאָנירט מיט קיין געלט אויף צו דעקן די הוצאות פֿון אויס־האַלטונג און ווייטערדיקע פֿאַר־בילעטן.

דאָס מערקווירדיקסטע פֿון דער לאַנגער רייזע איז געווען די דערשיינונג פֿון טיפֿער נאַציאָנאַלער סאָלידאַריטעט, וואָס האָט אויפֿגעשטראַלט אין די פֿאַרוואָרפֿנסטע ווינקעלעך פֿון דער וועלט, ווו ס׳האָבן זיך געפֿונען אַפֿילו בלויז איינצלנע יידן. אומעטום האָט מען אָפּגעוואַרט, איינגעלאַדן, באַזאָרגט מיט אַלעם נויטיקן פֿאַרן המשך פֿון דער נסיעה.

צום לויב פֿון די עליה־אָרגאַניזאַטאָרן אין ווילנע דאַרף געזאָגט ווערן, אַז דאָס האָבן זיי פֿון דאָרטן אינסטרויִרט די יידן אין יאַפּאַן (ס׳רוב רוסישע אַנטלאָפֿענע אַהין בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה) און אויך אין אַנדערע ערטער, צו טראָגן הילף און די האָבן עס געטאָן מיטן גרעסטן ענטוזיאַזם, אונטערגעשטיצט אין דעם דורכן „דזשוינט" און דער סוכנות (יידישע אַגענץ). אַזוי האָט דער הילפֿס־קאָמיטעט אין קאָווע (יאַפּאַן) גענומען אויף זיך די אחריות און גאַראַנטירט פֿאַר אַלע פּליטים. דאָרטן איז אַדורך בערך 2000

פּערזאָן, וואָס זענען באַזאָרגט געוואָרן מיט געלט און וויזעס. די אָרטיקע יידן האָבן אויך זיך פאַרבונדן מיט די שכנותדיקע, שאַפנדיק אַ מין קייט פון הילפס־קאָמיטעטן, וואָס אַלע צוזאַמען האָבן דערמעגלעכט צו דערגרייכן דעם געוווּנטשענעם ציל.

אין דער הילף־טעטיקייט האָבן אויך מיטגעאַרבעט אַ פּאָר נישט־יידישע, פּראָמינענטע פּערזענלעכקייטן, ווי אַ פּראָפעסאָר פון אוניווערסיטעט אין טאָקיאָ און אַ פּלאַט־קאַפּיטאַן, וואָס האָט זיך באַמיט פאַר דער יאַפּאַנישער מאַכט לטובת די פּליטים.[14]

די גרעסטע צאָל טראַנספּאָרטן איז אָפּגעפאָרן אין דעצעמבער 1940. איינער פון אַ 260 מענטשן, האָט געהאַט דעם פאָלגנדיקן מאַרשרוט: מאָסקווע, קיעוו, אָדעס מיט דער באַן און פון דאָרטן מיט דער שיף קיין קאָנסטאַנטי־נאָפּאָל, ביירוט און אַלעפּאָ אין לבנון (דעמאָלט אונטערן פראַנצויזישן מאַנ־דאַט). לויט דער דערקלערונג פון אַן אָנטיילנעמער אין דער נסיעה, זענען כמעט אַלע פּאַפּירן געווען נאָכגעמאַכטע.[15]

ס׳איז געווען אַ ווערסיע, אַז אַ טייל לעגאַל באַקומענע סערטיפיקאַטן, זענען צוריקגעשיקט געוואָרן, כדי זיי זאָלן נאָך אַ געהעריקער איבעראַרבע־טונג, (בייטן פאָטאָגראַפיעס און באַזייטיקן דעטאַלן) אויף דאָס ניי אויסגע־נוצט ווערן.[16]

דעם 18־טן דעצעמבער איז אויך אָפּגעפאָרן אַ גרופּע פון עטלעכע הונדערט יידן דורך אָדעס און קרים מיט יאַפּאַנישע און כינעזישע וויזעס.[17]

אַן אָפּקלאַנג וועגן דער הילף, וואָס ס׳האָבן אין דער פראַגע פון עליה געגעבן די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס און די יידישע אַגענץ, געפינט זיך אין דער קאָרעספּאָנדענץ פון סוף 1940 צווישן די ביידע קערפּערשאַפטן. דער צענטראַל קאָמיטעט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע פון פּוילן אין תל־אביב האָט זיך געוואָנדן צו דער עליה־אָפּטיילונג ביי דער יידישער אַגענץ אין ירושלים מיט דעם פאָלגנדיקן:

...„ס׳איז אונדז באַוווּסט, אַז אויפן גרונט פון אַ רעקאָמענדאַציע מצד דער יידישער אַגענץ צו דער יידישער קהילה אין קאָווע, יאַפּאַן, דערליידיקט די דאָזיקע פאַר פּוילישע פּליטים, וואָס געפינען זיך אין ליטע, יאַפּאַנישע טראַנזיט־וויזעס און אויך דאָס רעכט... אָן אַ שום אָפּהאַלט און אָפּצאָל (בילעטן) פאָרצוזעצן די רייזע.“ פון דעם ווייטערדיקן טעקסט איז צו זען, אַז די עליה־אָפּטיילונג האָט שוין געהאַט טעלעגראַפיש רעקאָמענדירט צו דער דער־מאָנטער קהילה אַ צאָל מענטשן און איצט ווערט זי געבעטן ווידער אונטער־צונעמען די זעלביקע פּראָצעדור לטובת אַ בייגעלייגטער רשימה פון 41, ס׳רוב פאָרדינספולע עסקנים.[18]

אין סך־הכל פון דעם אומדערמידלעכן געראַנגל פון די יידישע איינער־

לעבע און אויסערלעכע פאַקטאָרן זענען צו יענער צייט אַרויסגעראַטעוועט געוואָרן דורך ווילנע אַ 4000 נפשות.[19] צווישן זיי אויך געזעלשאַפטלעך נישט אַקטיווע עלעמענטן, משפחה־מיטגלידער א״א. וואָרעם, ווי דערמאָנט, האָט די גאַנצע אַקציע געטראָגן אַן אַלגעמיין יידישן כאַראַקטער. די צאָל אַרויס־געפּאָרענע חלוצים און קינדער פון דער יוגנט־עליה ווערט געשאַצט פון 700 ביז 1000.[20]

טענענבוים בלייבט אויף זיין פּאָסטן

דעם זעלבן חודש, דעצעמבער 1940, ווען ס׳האָט זיך געגרייט אַ נייער קאָנטינגענט פאַר עליה, האָט טעמאַ פאַרלאַנגט פון מרדכין, דאָס מאָל צו פאַררעגיסטרירן זיין שוועסטער טאַמאַראַ. ער וואָלט אַוודאי ווייטער געפינען „בילכערע״ קאַנדידאַטן, אָבער זיין חברה האָט געשטעלט אַ באַדינג, אַז אין קעגנפאַל, וועט זי אַלץ איבערלאָזן און אַליין אַרויספאָרן. דאָס האָט געווירקט.

מיט אַלע פיבערן פון איר נשמה האָט טאַמאַראַ געגאַרט מרדכי זאָל מיטפאָרן. זי האָט צו אים געטענהט, אַז נאָך אַזוי פיל פעלשונגען, איז שוין די העכסטע צייט, ער זאָל אויך פאַר זיך און טעמען אויסשטעלן אַזעלכע דאָקומענטן. זיין תשובה איז געווען: „די פעדער איז טאַקע אין מיינע הענט, אָבער אין דינסט פאַר אַנדערע, לויט אַ יושרדיקער ריי פאַר עליה. חוץ דעם, מוז דאָך אימעצער פאַרבלייבן מיט די הונדערטער יוגנטלעכע, זיי אָפּהיטן און העלפן אַנטלויפן אין דעם ווייטערדיקן גאַנג פון די מלחמה־געשעענישן״.

טאַמאַראַ האָט פריער נישט פאַרמאָגט די דרייסטקייט זיך אַריינצולאָזן מיט אים אין גרעסערע וויכוחים, אין וועלכע ער איז תמיד געווען אַ סך שטאַרקער. אָבער איצט, אין אָנבליק פון נאָענטן אָפּשייד, איז אין איר אַרויסגעשווומען אַ נייער כוח, וואָס האָט באַזיגט די שעמעוודיקייט און צוגעגעבן אימפּעט אירע אַרגומענטן. מיט פאַרצווייפלטער עקשנות האָט זי אים געפּרוווט איבעררעדן, אַז מען קאָן דינען דער נאַציאָנאַלער זאַך אויך מיט אַנדערע מעשים, נישט איינשטעלנדיק תמיד דעם קאָפּ.

„די וועלט איז טאַקע שיין, דאָס לעבן וווּנדערלעך, אָבער מ׳דאַרף פאַרשטיין, ווי אַזוי צו לעבן. לעבן מענטשלעך — מיינט שטרעבן צו אַ ווירדיקער עקסיסטענץ און דאָס באַדייט צו קעמפן פאַר פרייהייט און גערעכ־טיקייט. אָן אַזאַ אינהאַלט, איז דאָס לעבן אַ פּוסטע וועגעטאַציע״ — האָט דער ברודער פּאַרטיידיקט זיין שטעלונג. אויף אירע ווערטער, אַז עס איז נישטאָ אַזאַ אידעאַל, וואָס זאָל פאָדערן און ווערט זיין דעם „קרבן עולה״, איז געקומען זיין תשובה: — „דער מענטש דאַרף קודם כל זיין אין אָרדענונג מיט זיך אַליין. פאַראַן איין רגע, פאַר וועלכער ס׳איז כדאי צו לעבן און אַפילו

צו שטאַרבן. אַן אידעאַל איז נישט דערגרייכבאַר, ס'איז וויכטיק דער וועג, וואָס פירט צו אים. ווען אַפילו דער אידעאַל זאָל נאָר זיין אַן אוטאָפּיע, גיט ער אויך אַ תוכן דער מענטשלעכער עקסיסטענץ. און איינס פון די ביידע: אָדער גלויבן, קעמפן און שטאַרבן מיט אַ זין, ווען ס'איז נויטיק, אָדער — פאַרבלייבן נישט מער ווי אַ ווערטלאָזער קעגנשטאַנד" — מיט אַזעלכע אַפאָריזמען האָט מאָטילעק באַגרינדעט דעם אָפּזאָג צו פאַרלאָזן דעם תחום פון זיין טעטיקייט. נאָך אַ מינוט טראַכטן, האָט ער צוגעגעבן מיט אַ מער מילדן, אָבער זיכערן קול: — „איך בין מחויב פריער אַנדערע צו פאַרזאָרגן. כ'האָב נישט קיין שום מאָראַלישע רעכט אַליין צו אַנטלויפן פון דער סכנה".

ביזן סאַמע סוף האָט טאַמאַראַ געזוכט משפּיע צו זיין אויף איר ברודער, הגם זי האָט געוווסט, אַז אַלץ איז אומזיסט, ווייל ער נעמט נישט אין באַטראַכט זיך פּערזענלעך. די אייגנליבע, וואָס איז אַ נאַטירלעכער אַטריבוט פון יעדן לעבעדיקן נפש, האָט ער שוין לאַנג אין זיך דערדריקט און סובלי־מירט צו העכערע ווערטן. אין דעם זין אויך האָט זיך טאַמאַראַ שפּעטער פאַרענטפערט פאַר דער עלטסטער שוועסטער, חנה, הלמאי זי האָט איבער־געלאָזט מרדכין אַליין. קיין שום אַרגומענטן זענען נישט געווען מסוגל אים צו באַוועגן צו קאָמפּראָמיסן, ווייל ער איז געווען „אַ פאַנאַטיקער פון זיינע אידעאַלן, זיין פּולס האָט געקלאַפּט מיטן פּולס פונעם גאַנצן יידישן פאָלק און פון דער וועלט בכלל." הגם ער האָט אַזוי ליריש־ראָמאַנטיש זיך באַ־גייסטערט מיט שיינע אַנטפּלעקונגען פון דער נאַטור, פאַרליבט געווען אין דער וועלט און אין זיין טעמען, אין דער מערב־קולטור און אין דער מזרח־עקזאָטיק, האָט ער דאָך כסדר ריזיקירט מיטן אייגענעם לעבן און געווען גרייט אויף דעם העכסטן קרבן, כדי צו ראַטעווען אַנדערע. ער האָט פאַרמאָגט אַ באַוווסטזיין פון אַ ספּעציעלער מיסיע, וועלכער ער איז מחויב צו ווידמען זיך אין גאַנצן. דעריבער איז מרדכי געבליבן אויף זיין פּאָזיציע אין ווילנע.

טאַמאַראַ אַ דערשיטערטע און אָן כוח פאַר אַ ווייטערדיקן געראַנגל, האָט זיך געלאָזט מיטפירן מיט דער גרופּע, וואָס איז געווען פאַר איר באַשטימט. דעם יאָמערלעכן געוויין פון דער שוועסטער פאַר דער געזעגענונג, האָט מאָטילעק געפּרוווט איינצושטילן מיט טרייסטווערטער, מיט זיין באַצויבער־רנדיקן שמייכל, וואָס ער האָט באַוויזן אַרויפצוציען אויף דעם אויסגעבלייכטן פּנים. אָבער ביי די לעצטע קושן, האָט זיין קוראַזש טיילווייז נאָכגעלאָזט און עס האָבן זיך געגאָסן טרערן, וואָס ער האָט פאַרשעמטערהייט גיך געווישט פון די באַקן... טאַמאַראַ האָט אויסגענוצט די רגע פון זיין פאַרטראַכטקייט, כדי אים אַריינצושטופּן אין דער קעשענע די אָרעמע געלט־אָפּשפּאָרונגען, געזאַמלט אַ לענגערע צייט צו קויפן זיך אַ פּאָר שיך, דערביי האָט זי קונציק פאַרשטעלט דעם מער צעריסענעם פּאַנטאָפל, אַז ער זאָל נישט באַמערקן

דעם טרויעריקן מצב פֿון איר לבֿוש און נישט האָבן דערפֿון קיין עגמת־נפֿש. (בעתן שוואַרצן די רוסישע גרענעץ, איז זי באַפֿאַלן און באַרויבט געוואָרן דורך פּוילישע פּויערים.)

מרדכי, וואָס האָט דערוואָרבן גרעסערע סומעס פֿאַרן קיבוץ און אונטער־גרונט, פֿלעגט זעלטן זיך נעמען דאָס נייטיקע פֿאַר זיין אייגענעם געברויך. אַדרבא, אין דרינגענדיקע פֿאַלן, און אַזעלכע זענען געווען גאַנץ אָפֿט, פֿלעגט ער אויך זיינע פּריוואַטע איינקונפֿטן אַוועקגעבן פֿאַר אַלגעמיינע הוצאות.

פֿון צייט צו צייט האָט טאַמאַראַ, אין די ראַמען פֿון אירע באַשיידענע מעגלעכקייטן, געבראַכט צו אים אַ שטיקל פּוטער, אָדער ווורשט און ער מיט טעמען האָבן דאָס געגעסן מיט הנאה. טאַמאַראַ האָט אויך געוווּסט, אַז אין יענעם דראַמאַטישן טאָג פֿון צעשיידונג איז איר ברודער אַרומגעגאַנגען אַ הונגעריקער און דאָס ביסל געלט וועט אים שטאַרק צו נוץ קומען.

פֿון זיין זייט האָט מאָטילעק אויף דעם לעצטן געזעגענונגס־עטאַפּ מיט זאָרג פֿאַר איר נאָך אַ מאָל אָנגעצייכנט די ריכטליניעס אויפֿן ווייטערדיקן לעבנס־וועג: אַרבעט איבער זיך, פּראָפֿעסיאָנעלע אויסבילדונג, קיבוץ אד״גל.

דער טראַנספּאָרט, מיט וועלכן טאַמאַראַ איז אָנפֿאַנג דעצעמבער אָפּגעפֿאָרן, האָט געהערט צו די קלענערע און געציילט 90 מענטשן. געפֿאָרן איז מען קיין מאָסקווע, ווו עס זענען דערליידיקט געוואָרן די פֿאָרמאַליטעטן. אַ טייל זענען געווען באַזאָרגט מיט וויזעס קיין יאַפּאַן, ווו עס האָבן אויך זיי כלומרשט געוואַרט סערטיפֿיקאַטן אויפֿן חשבון פֿון די צוקונפֿטיקע „שעדיולן״ (צוטיילונגען). טאַמאַראַס גרופּע, באַשטימט קיין טערקיי, האָט אין דער פּראָצעדור פֿון דער נסיעה זיך געשטיצט אויף די פֿריער אָנגעוויזענע פֿאַלשע דערקלערונגען וועגן פֿאַראַנענע דאָרט סערטיפֿיקאַטן. ווען זיי זענען אָנגעקומען מיט דער שיף פֿון אָדעס אויפֿן אָרט, האָט די טערקישע מאַכט זיי פֿאַרבאָטן דעם אַריינגאַנג. צוויי טעג זענען די פּאַסאַזשירן פֿאַרבליבן אויף דער רוסישער שיף, ביז די אינטערווענץ פֿון דער „יידישער אַגענץ״ און פֿון „דזשוינט״ האָט געפֿועלט, זיי אַריינצולאָזן אין לאַנד אַריין. די אָרגאַניזאַציעס האָבן געדעקט די צוגאָב־הוצאות פֿאַרן אויסהאַלט אויף דער שיף און זיך פֿאַרפֿליכטעט, אַז די ערשטע באַקומענע סערטיפֿיקאַטן וועלן זיין באַשטימט פֿאַר זיי. ערשט ווען אַזעלכע זענען דערהאַלטן געוואָרן, האָבן די מענטשן פֿאָרגעזעצט די נסיעה קיין א״י.[21]

צוזאַמען מיט מרדכין איז אויך געבליבן טעמאַ. די טיפֿע ליבשאַפֿט צו זיין אויסדערוויילטער פּרוי איז ביי אים געגאַנגען ביינאַנד מיט אַ צוויט מעכטיק געפֿיל — פֿאַר זיין פֿאָלק. דעריבער איז אויך טעמאַ באַשטימט געוואָרן צו דינען דער נאַציאָנאַלער זאַך.

אין אַ שילדערונג וועגן טעמאַס טעטיקייט אין דער באַהאַנדלטער תקופֿה,

האָט מרדכי געשריבן, אַז אונטער דער סאָוויעטישער אָקופּאַציע איז זי געווען די פאַרבינדלעריין צווישן דער באַוועגונג אין ליטע און אוקראַינע. „מאַטעריאַלן, דאָקומענטן, שפּעטער האָבן מיר זיך געריסן צו פאָרן קיין שאַנכיי, קיין קוראַסאַאָ — ווו מען האָט נאָר געקענט — האָט טעמאַ פאַרטראָטן די דיפּלאָמאַטישע פאַרשטייערס פון די מדינות און אונדז אַרויסגעגעבן געהעריקע דאָקומענטן. זי איז געוואָרן אַ מייסטערין אין דעם „פאַך". [22]

*

לכתחילה האָט דער סאָוויעטישער עמיגראַציע־אַמט נישט געמאַכט קיין באַזונדערע שוועריקייטן און נישט שטאַרק בודק געווען די צוגעשטעלטע דאָקומענטן. דאָס דערפּעפּענען צו יענער צייט אַ טויער פאַר טויזנטער פּליטים האָט מסתמא, חוץ דער פינאַנסיעלער פאַראינטערעסירונג אין גרויסן סכום פון אויסלענדישער וואַלוטע (דאָלאַרן), וואָס איז אַריינגעפלאָסן, אויך געהאַט אַ פּאָליטישן גרונט — ווייזן אַ זשעסט פאַר דער מערב־וועלט.

אָבער שפּעטער האָט די מאַכט געביטן איר טאַקטיק, אפשר אין שייכות מיט דער פרישער ריכטליניע פון מאַסן־אַרעסטן און אַרויסשיקונגען פון די פאַרדעכטיקטע, אַנטי־סאָוויעטישע עלעמענטן. יעדן פאַלס איז די רעוויזיע פון די רייזע־פּאַפּירן געוואָרן שטרענגער און דער אַרויספאָר — שווערער.

דער דורכפאַל פון אַ ריי חברים מיט פאַלשע צייגענישן און די פאָלגנדיקע אַרעסטן, האָבן באַוויזן אָפּצושטעלן די עליה אין דער ביז איצטיקער פאָרעם און מאָסשטאַב. אָבער מרדכיס מחשבה האָט זיך כסדר אומגעקערט צו דעם אויסגעטרוימטן לאַנד. „מרדכי, מערסיק, שטענדיק געזוכט, שטענדיק געפּלאַנט צו פאָרן אין בוכאַרע און פון דאָרט זיך רייסן ווייטער" — האָט געשריבן צ. בירמאַן אין איר בריוו.

גאַנץ ספּעציעל האָט מרדכי געליטן דערפון, וואָס מערסיק איז געבליבן פאַרשפּאַרט. פאַרנומען תמיד מיט אָן אַ שיעור אָרגאַניזאַציאָנעלע ענינים, איז זיין נסיעה אַלץ אָפּגערוקט געוואָרן ביז עס איז געוואָרן צו שפּעט. מרדכי האָט געמאַכט די גרעסטע אָנשטרענגונגען צו העלפן דעם פריינד דערפילן זיין לעבנס־טרוים, צ״א האָט ער סוף מערץ 1941, צוזאַמען מיטן אַקטיוון מיטאַרבעטער, אברהם גאָלאַוונער, אַרויסגעשיקט אַ טעלעגראַם קיין ארץ־ישראל, (אַדרעסירט צו יהודה העלמאַן אין נהלל), מיט דער בקשה „צו טאָן אַלץ מעגלעכע", כדי צוצושטעלן פאַרן טערקישן קאָנסול אין מאָסקווע די פאָטאָקאָפּיעס פון מערסיקס און זיין פרויס סערטיפיקאַטן. די באַמיִונגען האָבן נישט געבראַכט קיין רעזולטאַט.



טעלעגראַם צו י. העלמאַן, געשריבן דורך מרדכין.

אין אידעאָלאָגישן גרעאַנגל

אויף דעם שטייגנדיקן פּאָליטישן דרוק און די צודרינגלעכע באַמיִונוגען אַריינצוציִען די יוגנטלעכע אין „קאָמסאָמאָל״ (קאָמוניסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציע), האָט די באַוועגונג געענטפערט מיט אַ זייער אינטענסיווער אידעישער אויפקלערונגס־אַרבעט. נישט געקוקט אויף די פולע שטרויכלונגען און אַרעסטן, איז די גאַנצע צייט אָנגעגאַנגען אַן אומדערמידלעכער גרעאַנגל פאַרן אָפּהיטן די אייגענע אידענטיפיקאַציע. דאָס חלוצישע וואָרט האָט אַפילו באַוויזן אַריינצודרינגען אין נייע קרייזן פון דער לערנענדיקער יוגנט. עס האָט זיך צעוואָקסן די צאָל סניפים און איז אָנגעהאַלטן געוואָרן אַ שטענדיקער קאָנטאַקט, אין קאָנספּיראַציע, אויך מיט די וויטערע אָרגאַניזאַציאָנעלע קעמערלעך. די אונטערערדישע צייטונגען, בריוו, צירקולאַרן א״א „זענען צעפירט געוואָרן אין יעדער שטאָט און שטעטל, ווו נאָר עס איז געווען... אַ חבר, אומעטום האָט מען געפונען אַן אָפּקלאַנג... געלייענט אין גרופּעס און פּריוואַט און אויפגענומען מיט יום־טובדיקער פרייד״ — האָט געשריבן צ. בירמאַן.[23] טענענבוים פלעגט זייער אָפט אַליין אַרומפאָרן מיט די אומלעגאַלע שריפטן, וואָס ער איז געווען פון זייערע איניציאַטאָרן, פאַרפאַסערס און קאָלפּאָרטערן, וואַנדערן, פון אָרט צו אָרט, כדי צו פאַרבינדן די חלוצישע באַוועגונג אין די פאַרשידענע אָקופּירטע געביטן.[24]

מ׳האָט אויך געזאָרגט פאַר ביכער, איינגעאָרדנט באַראַטונגען פונעם

אַקטיוו פאַר דער אונטערגרונט־אַרבעט. פאַר דעם צוועק איז אָרגאַניזירט געוואָרן, אָנפאַנג 1941, מיט מרדכיס אָנטייל, אַ סעמינאַר אין וואָלאָקומפּיע, אַ פאָרשטאָט פון ווילנע. דאָרט האָט זיך געפונען אַ פאַרם, וואָס די איבער־געגעבענע פריינד, ד״ר אליהו זאַקס און פרוי סאָשאַ (סאַלאַ) האָבן געשטעלט צו דער דיספּאָזיציע פון די חלוצים.

אין דער צייט ווען יעדער איז געווען פאַרפליכטעט צו לערנען די סאָוויעטישע קאָנסטיטוציע און די געשיכטע פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי, האָבן די חלוצישע מדריכים געזוכט נייע אופנים איינצופלאַנצן ביי זייערע חניכים (תלמידים) אַן אַנדערע „תורה״ [25] — פון דעם אַרבעטער־ציוניזם. עטלעכע צענדליק סעמינאַריסטן, באַרייכערט מיט קענטענישן און אינס־טרוקציעס, זענען זיך צעפאָרן אויף זייערע ווינערטער אויסצופירן די פאָרשטייענדיקע אויפגאַבעס.

אַזאַ ברייט פאַרצווייגטע חלוצישע טעטיקייט איז געפירט געוואָרן אָן אויפהער אויך אין די טעג פון גרויסע סכנות, וואָס האָבן געצווונגען צו ווירקן טיף אין דער אונטערערד. אַן אָפּהילך וועגן דער שטאַרקער מאַסקירונג געפינט זיך אין די שפּעטערדיקע שריפטן פון מרדכי טענענבוים: אויף איין אָרט, בעת ער באַציט זיך, אין דער נאַצישער תקופה, צו דער נויט־ווענדיקייט פון אָנגעמען שטרענגע פאָרזיכטיקייטס־מיטלען, דערמאָנט ער די ווייטגייענדיקע קאָנספּיראַציע אין די סאָוויעטישע צייטן, ווען גרופּעס פלעגן זיך באַגעגענען נאָר בעת די מאָלצייטן. [26] אויף אַ צווייט אָרט — ווערט די צייט באַצייכנט ווי פון „אַן אמתדיק הערואישן גערַאנגל״. [27]

מיט אַ סך דרייסטקייט איז אויך געווען פאַרבונדן דאָס איינאָרדענען אַ פּסח־פייערונג. אָט וואָס צ. בירמאַן האָט וועגן דעם געשריבן: — „פּסח 1941. אין די פאַבריקן, אין די שולן רעפעראַטן קעגן אַזעלכע ימים טובים. ביי אונדז אַ פּראַקטיקע „הגדה״ אויף אונדזער שטייגער, מיט אַ בלוי־ווייסן טאָוול... די הגדה איז צעשיקט געוואָרן אומעטום... פיל פרייד און מוט האָט זי געגעבן די חברים, געשטאַרקט״... אויף דעם „סדר״ זענען איינגעלאַדן געוואָרן אידעיש נאָענטע חברים, צ״א ד״ר מאַרק דוואָרזשעצקי, וואָס איז געבליבן אונטער אַ טיפן רושם פון דער פייערונג און אויך פון מרדכיס הגדה־אינטערפּרעטאַציעס. [28]

אויך דעם ערשטן מאַי האָבן די חלוצים אָפּגעמערקט אויף זייער שטיי־גער. זיי האָבן זיך נישט באַטייליקט אין דער אַלגעמיינער, ריזיקער מאַסן־דעמאָנסטראַציע, נאָר לכבוד דעם פּראָלעטאַרישן יום־טוב אַרויסגעלאָזט אַ ספּעציעלע „שיינע צייטונג״ אין העברעיש און מיט איר אין קעשענע שטאָלץ פּאַראַדירט איבער די גאַסן. [29]

*

דאָס לעבן אין סאָוויעט־רוסלאַנד האָט אַוועקגעשטעלט פֿאַר אַ ריי האַרבע אידעאָלאָגישע פּראָבלעמען, בנוגע וועלכע טענענבוים האָט געמוזט נעמען אַ שטעלונג נישט נאָר פּריוואַט, נייערט אויך ווי דער רעפּרעזענטאַנט פֿון דער חלוצישער באַוועגונג.

אין דער הינזיכט איז זייער דראַמאַטיש געווען דער טאָג, ווען יידישע קאָמוניסטן זענען געקומען אין דער פֿאָרם אין וואָלאָקומפּיע, ווו אַ טייל יוגנטלעכע האָבן געאַרבעט אויפֿן אָרט און אַנדערע אין פֿאַבריקן אין שטאָט, מיט אַ באַשלוס צו פֿאַרוואַנדלען זי אין אַ מוסטער־קאָלכאָז פֿאַר דער אַרומיקער געגנט. די עמיסאַרן האָבן געפּרוווט ווירקן אויף די חלוצים, זיי זאָלן זיך אָפּזאָגן פֿון דעם ארץ־ישראל־אידעאַל. „מרדכי האָט אין נאָמען פֿון „החלוץ״ פֿאַרפֿירט מיט זיי אַ וויכוח, וואָס האָט געדויערט פֿיר טעג און נעכט. זיין אַרויסטריט איז געווען נישט קיין פֿאַרענטפֿערונג, נאָר אַן אַנגריף, וואָס מאָנט די רעכט פֿאַרן יידישן פֿאָלק צו אַ פֿריי לעבן אין זיין היימלאַנד. די חברים האָבן מיט מורא נאָכגעפֿאָלגט יענעם געראַנגל, אָבער ווי גרויס איז געווען זייער באַפֿרידיקונג, ווען זיי האָבן געזען, אַז די קאָמוניסטן... האָבן פֿאַרלאָזט די פֿאַרם אָן דער מעגלעכקייט פֿון געווינען די חלוצים אויף זייער זייט״.[30]

אַ לייזונג פֿון קאָלעקטיוון שטאַנדפּונקט האָט אויך געפֿאָדערט די פֿראַגע פֿון אָננעמען די סאָוויעטישע בירגערשאַפֿט. דער באַקאַנטער אולטימאַטום: סאָוויעטישע בירגערשאַפֿט, אָדער רעגיסטרירן זיך אויף צוריק אין די פּוילישע געביטן, פֿאַרנומענע פֿון די נאַציס, האָט אַרויסגערופֿן אַ שטאַרקע צעטומלונג צווישן די א. ג. ביעזשענצעס. פֿון איין זייט — די פּערספּעקטיוו אַרונטער־צופֿאַלן אונטער דער הערשאַפֿט פֿון דעם אויסטערלישן שונא, פֿון דער צווייטער צו פֿאַרבלייבן, ווי אונטער אַן אייזערנעם טויער, אָפּגעשלאָסן פֿון דער אויסערלעכער וועלט. דערצו האָט דאָס דעקלאַרירן זיך אַלס אַ סאָוויע־טישער בירגער געמיינט פֿאַרלייקענען די עליה און דעם חלוצישן געדאַנק.

דאָס אָפּזאָגן זיך פֿון סאָוויעטישן פּאַספּאָרט האָט געבראַכט שווערע קאָנסעקווענצן. גאָר אין גיכן האָבן זיך אָנגעהויבן אַרעסטן, מענטשן זענען פֿאַרנומען געוואָרן פֿון זייערע אַרבעטפּלעצער, פֿון דער גאַס און פֿלעגן פֿאַר־שווונדן אַפֿילו אין מיטן דער נאַכט. שפּעטער האָט מען זיך דערוווּסט, אַז זיי ווערן אָפּגעפֿירט אין תּפֿיסה און דערנאָך פֿאַרשיקט מיט עשאַלאָנען אויפֿן וווייטן סיביר, אָדער אין אַנדערע קאַטאָרגע־פּלעצער.

מרדכיס גרופּע, אַזוי ווי אַלע, וואָס זענען געווען רעגיסטרירט אין דער סאָוויעטישער זיכערקייטס־פּאָליציי (נ. ק. וו. ד.) אויף אומקערן זיך קיין פּוילן, האָט געלעבט אין כסדרדיקן פּחד. אין די „הייסע״ טעג פֿלעגט מען זיך פֿאַרבאַהאַלטן און אין די נעכט נישט שלאָפֿן אונטער דעם אַדרעס, וואָס

מ׳האָט אָנגעגעבן אין דעם אַמט. דער מדריך האָט געהאָלפֿן אַלע חברים זיך ערגעץ צו פֿאַרשטעקן, אָבער אַליין איז ער מוטיק אַנטקעגנגעגאַנגען דער געפֿאַר און גרייט געווען אָנצונעמען אָפּן דעם פֿאַרמעסט מיט דער סאָוויעטישער מאַכט. „דער איינציקער, וועלכער איז געשלאָפֿן אין דער היים, איז געווען מרדכי, זיך צוגעגרייט אַן אַפּטייקל און געוואַרט״ — האָט אָנגעוויזן צ. בירמאַן אין איר בריוו. ער וואָלט גיכער אויסגעקליבן דעם טויט, איידער זיך אונטערגעבן דעם פֿיזישן צוואַנג פֿון דעם רוסישן הערשער.

אַן אָפּהילך פֿון דער תקופה געפֿינט זיך אין אַן אַנדערן בריוו פֿון צ. בירמאַן,[31] וואָס זי האָט דעם 16.4.41 אַרויסגעשיקט צו „פֿריינדעלע״ אין א״י. זי דערציילט דאָרטן, אַז „די איבערלעבענישן זענען געווען נישט צו באַשרייבן״, אַז דער שלעכטער „קלימאַט״ האָט אַ סך פֿאַרטריבן אין אַ „שפּיטאָל״ (געמיינט: תפיסה), די חברים אָבער זענען פֿאַרבליבן „געזונט״. לעצטנס, ווערט ווייטער באַריכטעט, איז אַ ביסל „וואַרעמער געוואָרן״ און אַלע אַרבעטן. אָבער ס׳עגבערט די שרעק, נישטאָ קיין רו, וואָרעם מ׳איז אַלץ באַדראָט מיטן „שפּיטאָל״.

ווען דער געיעג פֿון דער געהיים־פּאָליציי אויף די, וואָס האָבן נישט אָנגענומען די סאָוויעטישע בירגערשאַפֿט, איז אַ ביסל איינגעשטילט געוואָרן, האָט די חלוצישע מחנה לייכטער אָפּגעאָטעמט. מען האָט קודם כל געדאַרפֿט מאָביליזירן הילף פֿאַר די חברים אין וואַרשע,[32] ווו עס האָט געהערשט אַ גרויסע נויט, און אויך אין די רוסישע לאַגערן. יעדער איינער האָט געקענט שיקן איין פּעקל אַ חודש, האָט מען געמוזט זוכן הונדערטער מענטשן, וואָס זאָלן מסכים זיין דאָס צו טאָן אין זייער נאָמען און אויף די ערטער, ווו ס׳איז געווען דערלויבט. פֿון סיביר זענען אָנגעקומען ידיעות, אַז מען אַרבעט זייער שווער און דער הונגער איז גרויס, מ׳האָט אַפֿילו געבעטן ברויט. פֿאַר דעם צוועק איז געשאַפֿן געוואָרן אַ ספּעציעלער פֿאָנד — „מצור״: משען לאסירי ציון — רוסיה (אונטערשטיצונג פֿאַר די רוסישע אסירי־ציון). ס׳זענען געמאַכט געוואָרן באַמיִונגען צו באַקומען אַרויספֿאָר־וויזעס פֿאַר די אַרעסטאַנטן און ערשט שפּעטער איז קלאָר געוואָרן, אַז אַפֿילו מיט אַזעלכע האָט מען זיי נישט געוואָלט באַפֿרייען.

„מרדכי איז אַרעסטירט געוואָרן צוליב זיינע בריוו קיין סיביר, אָבער מען האָט אים אַרויסגענומען מיט כּאַבאַר נאָך פֿאַרן משפּט. דאַמאָלסט איז אָפּגעשטעלט געוואָרן די פֿאַרבינדונג מיט די חברים אויף סיביר״.[33]

מרדכיס לעצטע בריוו פֿון דער סאָוויעטישער ווילנע

מן הסתם אין שייכות מיט דער אַקציע צו באַפֿרייען פֿאַרשיקטע איז פֿאַרבונדן אַ קאַרטל פֿון 2.5.41, וואָס מרדכי האָט אַרויסגעשיקט צו זיין

שוועסטער נחמה, וואָס איז געווען פֿאַרשפּאַרט אין אַ לאַגער אין סיביר, אין צוזאַמענהאַנג מיט איר רעגיסטראַציע אויף צוריקקערן זיך קיין פּוילן. דאָס איז געווען אַ תשובה אויף איר ערשטן בריוו פֿון דער פֿאַרשיקונג, וואָס איז דערלויבט געוואָרן צו שרייבן ערשט נאָך עטלעכע חדשים אַרעסט. מרדכיס שריפֿט האָט אַרויסגערופֿן שטוינונג נישט נאָר ביי דער אַדרעסאַטין, נייערט אויך אין דעם גאַנצן לאַגער צוליב דעם גאָר זעלטענעם אינהאַלט. עס האָט זיך דאָרט געזאָגט, אַז „דערווייל" האָט ער זיך געוואָנדן מיט אַ „בקשה" וועגן באַגנעדיקונג „צו דעם העכסטן ראָט (פֿון דעם סאָוויעטן־פֿאַרבאַנד) און זיין פֿאָרזיצער".

אַזאַ דרייסטער איינפֿאַל צו גרייכן מיט אַן אינטערווענץ צו די העכסטע מלוכה־אינסטאַנצן און דערצו אין באַדיגגונגען, ווען הונדערטער טויזנטער מענטשן האָבן פֿאַרפֿולט די לאַגערן מחמת די זעלביקע טעמים און אויך ער אַליין איז באַגאַנגען דעם „חטא" און געווען באַדראָט — האָט אַלעמען איבערראַשט.

נאָך אַ לאַנגע צייט האָבן די לאַגערניקעס קאָמענטירט זיין מוט און שווונג. עס האָט זיך געדאַכט, אַז אפֿשר וועט דאָס דאָך עפּענען עפּעס אַ טירל צו דער פֿרייהייט, וואָרעם ער האָט געבעטן דאַטעס מכּוח דעם פֿאָרמעל־רעכטלעכן צושטאַנד און די דאָקומענטן פֿון זיין שוועסטער. דאָס האָט באַוויזן זיין כּוונה אונטערצונעמען ווייטערדיקע שריט אין דעם ענין. די געהעריקע קאָפּיעס פֿון אַלע ווענדונגען האָט ער צוגעזאָגט צוצושטעלן אין דער גאָענטסטער צייט; ס'איז דערביי מן הסתם געווען אַ פּלאַן אָנצוהייבן פֿאַר דער שוועסטער אַן ענלעכע פּראָצעדור, ווי פֿאַר די חברים. אין דעם זעלבן קאַרטל האָט דער ברודער געהאַלטן פֿאַר נייטיק זיך צו פֿאַרענטפֿערן פֿאַרן נישט אַרויסשיקן אַ פּעקל פּראָוויאַנט — פֿון גרויסע שטעט, דערונטער פֿון ווילנע, איז געווען פֿאַרבאָטן. ביי דער ערשטער געלעגנהייט און אין די נאָענטסטע טעג, האָט ער פֿאַרזיכערט אַזאַ צו באַזאָרגן אין שייכות מיט זיין פּלאַנירטער נסיעה קיין ביאַליסטאָק.

קורץ פֿאַרן אויסברוך פֿון דער דייטש־סאָוויעטישער מלחמה, איז אָנגעקומען אַ שריפֿט פֿון אים מיט אַ פּאַקעטל מעדיקאַמענטן, אַרויסגעשיקט מיט שנעל־פּאָסט. די שוועסטער איז דעמאָלט געווען געפֿערלעך קראַנק אויף אַ קאָמפּליצירטע לונגען־אָנצינדונג און די דאָקטאָרשע, אויך אַן אַרעסטאַנטין, האָט אויסגעפֿועלט, מען זאָל דערלויבן דער חולה טעלעגראַפֿיש צו בעטן די אומבאַדינגט נייטיקע רפֿואות. מרדכי האָט תּיכּף דערפֿילט די בקשה און דורך דעם געהאָלפֿן אָפּראַטעווען איר לעבן. אין דעם זעלבן בריוו האָט זיך געזאָגט, אַז ער האָט אַרויסגעשיקט אַ פּעקל שפּייז, אָבער דאָס איז שוין נישט אָנגעקומען. דער דייטש־סאָוויעטישער קריג האָט איבערגעריסן דעם

ווייטערדיקן קאָנטאַקט און אָפּגעשטעלט די קאָרעספּאָנדענץ. פון מרדכיס שפּעטערדיקן בריוו צו טאַמאַראַ דרינגט אַרויס, אַז ער איז געבליבן זייער באַזאָרגט מכוח איר געזונט און אַפילו מיט אַ צווייפל, צי די שווער „לונגען־קראַנקע" שוועסטער האָט גובר געווען די לעבנס־סכנה.

*

אין דעם זעלביקן חודש מאַי, דעם 24־טן (1941), האָט מרדכי אָנגעשריבן אַ בריוו צו טאַמאַראַ אין ארץ־ישראל, פול מיט זאָרג און ווילן איר בייהילפיק צו זיין אין דער איינגלידערונג אין נייעם לעבן. קודם כל האָט ער זי באַגריסט צוליב איר אַריינטריט אין דער אַגריקולטור־שול אין נהלל. — „דאָס איז די קלוגסטע זאַך, וואָס דו האָסט געקענט טאָן. דער עיקר — האַלטן זיך אין דעם, נישט בייטן יעדן טאָג די אַרבעט און די פּאָראַינטערעסירונגען, ווייל דאָס פירט צו גאָרנישט. ס'איז דאָ סיי בילדונג (?), סיי אַרבעט. נאָך דריי יאָר, פילנדיק זיך אין דער היים, אומאָפּהענגיק, וועסטו קענען באַשליסן, וואָס ווייטער..." — אַזוי האָט ער מיט ברודערלעכער ליבשאַפט געוואַכט איבער טאַמאַראַ און געקערעוועט מיט אירע טריט אויך פון דער ווייטנס.

אויף דעם ראַנד פון דעם בריוו קאָן מען זיך אָנשטויסן וואָס פּאַראַ פאַרצווייגטע קאָרעספּאָנדענץ מרדכי האָט אָנגעהאַלטן בכלל. הגם אין אַזאַ צייט „איז נישט... לייכט זיך אָוועקצוזעצן צו שרייבן בריוו", דערליידיקט ער 3־4 מיט אַ מאָל. ס'איז בולט קענטיק, אַז ער ווערט געיאָגט דורך אַן אינערלעכער איילעניש. אויף בשעת מעשה פעלט אים געדולד צו וואַרטן אויף טעמעס צושריפט צום בריוו — זי געפינט זיך איצט ביי דער אַרבעט אַלס קראַנקן־שוועסטער — לייגט ער ביי אין איר נאָמען גרוסן פאַר טאַמאַראַ. זאָל די שריפט וואָס גיכער גיין איר דרך. ער צווייפלט אַפילו, צי זי וועט דערגרייכן איר ציל, וואָרעם כמעט אַלע וועגן זענען שוין פאַרכאַפּט דורך דער מלחמה־סטיכיע. ס'איז אָבער נייטיק צו פּראָבירן, צו טאָן אַלץ וואָס מ'קאָן. דאָס זעלביקע ראָט ער זיין שוועסטער. אַפילו חדשים־לאַנג איז כדאי צו וואַרטן, ווייל „גרויס איז דער כוח פון אַזאַ בריוו פון דאָרט".

וואָס שייך מרדכין אַליין — איז ביי אים אַלץ מער „דענערווירטקייט". ער מאַכט אַ רמז אויף זיין שטייגנדיקער קאָנספּיראַציע. עס ווערט נישט געבראַכט דער אַדרעס פון דעם אויפגעבער. ער בעט צו ענטפערן אויף דעם פריערדיקן, דעם „אַלטן" און ווייזט אָן, כדי איר צו דערמאָנען, דעם נומער פונעם הויז, אָבער נישט די גאָס. דער מאָמענט פון פּאָליטישער פאַרפּאָלגונג קומט אויך צום אויסדרוק אין אַ צווייטן בריוו, פון 29.5.41 צו זיין חבר משה נאָוואָפּרוצקי אין א"י. דאָ ווערן דערמאָנט צוויי נעמען, צו שרייבן אויף זייערע אַדרעסן. אין דער באַטרעפנדיקער שריפט באַקלאָגט זיך דער

אָנגעבער אויף דעם מאַנגל פון ידיעות, וואָס ער דערוואַרט שוין לאַנג און אומגעדולדיק. אַלע האָבן אָנגענומען „אַ מויל מיט וואַסער און שווייגן... צי האָט פאַרגעסן דער אָקס, ווען ער איז אַ קעלבל געווען?" — פרעגט ער מיט אַ פאָרוואורף קעגן די פריינד, וואָס האָבן געהאַט דאָס גליק, שוין בשעת דער מלחמה, צו דערגרייכן דאָס לאַנד.

אין אַלגעמיין איז דער בריוו פיל מיט בענקשאַפט און אויך מיט זאָרג פאַר דער באַוועגונג. ער אַליין, זאָגט זיך, לעבט דאָ מיטן „הייפל באַקאַנטע" און איז באַשעפטיקט מיט דערציִערישער אַרבעט — אין „אַ שול". אין אַ פאַרשטעלטער פאָרעם, מיט רמזים, ווערט אָנגעוויזן, אַז מ׳קומט זיך אָפּט צונויף, מען דערמאָנט די „אַמאָליקע צייטן" און אַז זיינע „קינדער"... לערנען זיך גוט... האָבן גוטע קעפּלעך". דער גייסטיקער קלימאַט בכלל — „אויף זיי געזאָגט". פאַראַן אַן אָנדייט אויף צונויפזאַמלען אַלע פון פאַרשידענע געגנטן, „אין איין קלאַס", — וואַרשיינלעך אויף אַ סעמינאַר, אָדער באַראַטונג.

אָבער זייער גרויסע צרות האָט מרדכין פאַרשאַפט די טרויעריקע לאַגע אין וואַרשע. דער ענין פון פינאַנציעלער הילף פאַר דער דאָרטיקער אָרגאַניזאַציע נעמט איִם „אַראָפּ דעם קאָפּ". דער ביז איצטיקער בייטראָג — די פעקלעך און אַנדערע „קלייניקייטן", וואָס זיי האָבן געשיקט פון ווילנע, זענען, לויט איִם, ווייט נישט גענוגנדיק. ער פערזענלעך וואָלט גרייט געווען איבערצושיקן אַ טייל פון די אייגענע באַשיידענע אָפּשפּאָרונגען, אָבער די „קרובים" דערלויבן עס נישט, קיינער טוט גאָרנישט אין דעם פרט און ער „מוז אַלץ אַליין שלעפּן".

אין לויף פון שרייבן ווערט אַלץ אומהיימלעכער זיין טאָן, ער דערציילט וועגן די לאָקאַלע שוועריקייטן. די לעצטע האָבן אַ פּאָר מאָל פאַרורזאַכט אַ „קרענק" (געמיינט אַרעסט). „בכלל דענערווירט עס זייער שטאַרק" און אויך זיין אייגן געזונט איז נישט „איי, איי, איי" — קאָמענטירט ער מיט אַ קרעכץ די פּאָליטישע שטרויכלונגען אויפן אָרט. אין דער שריפט צו משה׳לען איז אויך די רייד וועגן אַ „פּרעזענט" און אַ „מתנה" (געמיינט הילף) מצד „הדסה" און „גולעס" (גלות). ווען די ערשטע ווערט געלויבט אַלס אַ זייער שיינע", באַצייכנט טענענבוים די צווייטע, ווי „אַ טראָפּן אין ים". דעם בריוו פאַרענדיקט ער הומאָריסטיש און זיין נישט פאַרלאָשענער אינטערעס פאַרן מזרח רוקט איִם אונטער די מוסולמענישע ברכה „זאָל דיך אַללאַה"...

די כתבים פון מרדכי טענענבוים און אויך פון צפּורה בירמאַן קיין ארץ־ישראל וואַרפן אַ ליכט אויף דעם וויכטיקן קאַפּיטל פון גרענעץ, וואָס דער „החלוץ" האָט געפירט אונטערערדיש אינעם סאָוויעטישן רעזשים. דער פאַקט, וואָס דער פאַרמעסט איז געבליבן פאַרהוילן פאַר דער געשיכטע, האָט פאַרשאַפט טענענבוימן אַ סך עגמת־נפש.[34]

אין די סאַמע לעצטע טעג פון דער סאָוויעטישער ממשלה, איז ווילנע פאַרפלייצט געוואָרן פון אַ באַנייטער כוואַליע דעפּאָרטאַציעס פון די „אומ־זיכערע עלעמענטן״, צווישן זיי אויך אַ צאָל חלוצים, אין פאַרשידענע פאַר־שיקונגס־פלעצער. באַזונדער האָבן די אָנגעגריפן די ליטווינער. צענדליקער טויזנטער פון זיי זענען אַרויסגעריסן געוואָרן פון די היימען און עס האָט באַהערשט אַ פּאַניק פאַר ווייטערדיקע טראַנספּאָרטן. דערצו נאָך האָבן די רוסן האַרט פאַר זייער ריקצוג אויסגעשאָסן מיט פּולעמיאָטן אין די תפיסות די אַרעסטאַנטן, וואָס זיי האָבן נישט באַוויזן אַרויסצופירן.[35] הגם צווישן די דערמאָרדעטע זענען אויך געווען יידן, באַזונדערס ציוניסטן, איז די שנאה פון דער ליטווישער באַפעלקערונג צום סאָוויעטישן רעזשים געגאַנגען באַגלייט מיט אַ געפערלעכן האַס צו די יידן, באַשולדיקטע אויך אין די הריגות.

*

טענענבוים פלעגט אויך שיקן בריוו קיין אויסלאַנד צו יידישע רעפּרעזענ־טאַטיווע אינסטיטוציעס, קודם כל פאַר דער הסתדרות אין ארץ־ישראל, מיט אינפאָרמאַציעס וועגן דעם מצב פון די יידן אונטער דער סאָוויעטישער און שפּעטער אויך אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע.

אין אַזאַ בריוו, דאַטירט דעם 19.6.41, ד. ה. דריי טעג פאַרן אויסברוך פון דער דייטש־סאָוויעטישער מלחמה (דערהאַלטן אין נ. אַמעריקע ערשט מערץ 1942), האָט צו וויסן געגעבן וועגן די מאַסן־פאַרשיקונגען אויף סיביר מיט אָנווייזונגען פון די ערטער און צוואַנגאַרבעטן, אַלץ געשריבן פאַרשטעלטערהייט, מיט אַלוזיעס און רמזים אויף נעמען און טערמינען, וואָס זענען אין אַלגעמיין, געווען לייכט צו אידענטיפיצירן (חוץ צוויי) דורך די אַדרעסאַטן. אין די אָפּשריפטן, וואָס די לעצטע האָבן געמאַכט, האָבן זיי אין קלאַמערן צוגעגעבן די אויסטייטשונגען. מיר ברענגען דאָ דעם טעקסט, וואָס איז אַ קאָפּיע, איבערגעשריבן אויף אַ מאַשין, אין דער פאָרעם, ווי ער איז צו אונדז דערגאַנגען.[36]

ווילנע, 6.19.41

מיין ליבער, — דו ווייסט שוין זיכער, אַז באַ מיר איז צו גאַסט געווען פרוי חטיפה (דאָס כאַפּן און פאַרשיקן קיין סיביר), די זעלבע, וועלכע דו האָסט געטראָפן לעצטן יאָר באַ עדעקן[37] (החלוץ אין רוסלאַנד). זי פילט זיך גוט, זי האָט זיך גלענצנד איינגעאָרדנט און פאַרדינט אַ סך. רעוואָוואָצקי (רבבות — צענדליקער טויזנטער) האָט זיך אַריבערגעטראָגן צו נחמיה׳ן (פאַרשיקונג קיין אַרכאַנגעלסק). ער אַרבעט אין וואַלד. אויך טף (קינדער) און געמאַרסקי (גמרא — ישיבה בחורים). חטיפה וועט נאָך זיין באַ מיר מסתמא אַ צוויי וואָכן.

אַזוי חמשת (?) גושינסקי (?) וועגן וועלכן דו פרעגסט, אַרבעטן אין אַרטעל באַ אָסקאַרן (חבר פון החלוץ, וואָס איז פאַרשיקט געוואָרן אין אוראַל). ערשט עטלעכע טעג, ווי איך ווייס וועגן דעם. דאָס איז אַלץ וועגן די פריינט, וועגן וועלכע דו פרעגסט זיך. גיב אָפּ אַ גרוס אברהמלען (געוועלבער אין ארץ־ישראל).

דיין

אדם לא יוצלח

(חלוץ־פירער אין ווילנע, מרדכי טענענבוים)

דער פאַקט, וואָס די חתימה „אדם לא יוצלח" איז אין די אויסלענדישע פאַראינטערעסירטע קרייזן געווען גוט באַקאַנט און אידענטיפיצירט געוואָרן, איז אַ באַווייז, אַז עס זענען דורך אים אַרויסגעשיקט געוואָרן מערערע אַזעלכע שריפטן.

דער מאָדנער פסעוודאָנים, וואָס דריקט אויס מינדערשעצונג פאַר דער אייגענער פּערזאָן, זאָגט עדות וועגן זיין אומצופרידנקייט מיט די אָפּגעטוענע מעשים און גרויסע פאָדערונגען צו זיך אַליין.

דריטער טייל

אין בלוטיקן מבול

קאַפּיטל פערצן

ווילנע אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע

פּרוּוון פון אַנטלויפן

דעם 22־טן יוני 1941 איז פּלוצעם אויסגעבראָכן דער דייטש־סאָוויעטישער קריג. אַ סך יוגנטלעכע, צווישן זיי צ. בירמאַן, האָבן זיך דעמאָלט און שוין זינט 2 וואָכן, געפונען אין באַהעלטענישן אין שייכות מיט דער באַנייטער כוואַליע פון אַרעסטן און פאַרשיקונגען אין סאָוויעט־רוסלאַנד.[1] דאָך אין אָנבליק פון דער אומגעריכטער נאַצישער אינוואַזיע, דער א. ג. „באַרבאַראָסאַ־אַקציע" און אונטערן האָגל פון די דייטשע באָמבעס, איז אויף אַ חלוצים־פאַרזאַמלונג באַשלאָסן געוואָרן „ צו גיין מיט די רוסן, הגם ס'איז נישט געווען לייכט צו לעבן אונטער זייער רעזשים", אָבער מ'האָט געפילט „די פליכט צו קעמפן צוזאַמען קעגן געמיינזאַמען שונא".[2] אין דער שרעקלעכער מהומה, וואָס איז אַנטשטאַנען, האָט מען זיך אין גרויס איילעניש געלאָזט אין וועג מיט דער באַן, מיט פורן און אַ סך צו פוס, נישט קענענדיק באַקומען קיין קאָמוניקאַציע־מיטל. אָבער גאָר ווייניקע האָבן דערגרייכט דעם ציל. די מענטשן זענען געווען געצוווּנגען זיך אומצוקערן מחמת די פאָלגנדיקע סיבות: א) די געפערלעכע באָמבאַרדירונג, וואָס איז קודם כל געווען געווענדן אויף די באַן־ליניעס און שאָסייען, ב) די פוילישע פויערים האָבן אָפּגעזאָגט יעדע הילף און די ליטווישע „פאַרטיזאַנער" (קעגנער פון סאָוויעטישן רעזשים) האָבן געלויערט, באַרויבט און געמאָרדעט די אַנטלאָפענע רוסן און יידן, ג) די הערמעטיש אָפּגעשלאָסענע אַלטע פויליש־רוסישע גרענעץ האָט נישט דערמעגלעכט אַדורכצוגיין אַפילו די, וואָס האָבן זיך שוין יאָ באַוויזן צו דערשלאָגן אַהין. אַזוי למשל איז אַ צוג, אַ פול געפאַקטער, פאַרהאַלטן געוואָרן ביי דער גרענעץ און ווען די פּאַסאַזשירן, באַלאָדענע מיט פּעק, זענען אַראָפּגעגאַנגען צו אַ כלומרשטער רעוויזיע, איז די באַן אַוועק, איבערלאָזנדיק אַ 3000 מענטשן, צ"א באַקאַנטע קאָמוניסטישע טוערס אין אַ שרעקלעכער פאַרלעגנהייט. נאָך 17 טעג וואַנדערונג האָבן זיי זיך דערשלאָגן צוריק קיין ווילנע.[3]

אַחוץ דעם איז דער דייטשער פאָרויסמאַרש געווען אַזאַ בליץ־שנעלער, אַז ווען מרדכיס גרופּע איז דערגאַנגען ביז אָשמיאַנאַ (אָשמענע),[4] האָבן שוין די דייטשן געהאַט פאַרנומען די גאַנצע געגנט און יידן זענען מאַסנווייז

דערמאָרדעט געוואָרן, קודם כל דורך די היימישע שונאים, די ליטווינער. די חלוצים זענען געווען געצוווּנגען זיך אומצוקערן. אויפן וועג זענען זיי באַפאַלן געוואָרן דורך פּאָליאַקן, באַוואָפנטע מיט שטעקנס, מעסערס און שטיינער. „מרדכי האָט פאַרגעשלאָגן זיך צו פאַרטיידיקן",[5] אָבער דערווייל האָט הערמאַן אַדלער [6] געגומען אונטערהאַנדלען מיט די אָנגרייפערס, אָנ־געגעבן, אַז זיי זענען טשעכן, אַנטלאָפענע פון די רוסן און געוויזן זיין טשעכישן פּאַספּאָרט. די אַנדערע חברים האָבן נאָך פריִער פאַרשטעקט זייערע דאָקומענטן און באַשלאָסן צו דערציילן, אַז די געפינען זיך ביי דער רוסישער פּאָליציי, וואָס האָט אויף זיי געהאַט אַ פאַרדאַכט. די אָנפאַלערס האָבן זיי נאָכגעלאָזט, אָבער אויפן ווייטערדיקן וועג האָבן פּויערים ווידער דערקענט אין זיי יידן און געוואָלט איבערגעבן צו די דייטשן. די גערודפטע זענען אין קליינע גרופּעס דורך פעלדער און וועלדער געלאָפן צוריק קיין ווילנע, ווו עס איז נאָך געווען „רויק".[7]

אין סך־הכל האָבן נאָר ווייניק פון די „צענדליקער טויזנטער",[8] וואָס זענען אַרויס פון ווילנע אין די טעג פון 22־טן און 23־טן יוני, באַוויזן זיך אַדורכצורייסן קיין ראַטן־פאַרבאַנד. אַ טייל צוריקגייענדיקע האָבן די אוואַנסירנדיקע דייטשע טאַנקן צעטראָטן אויפן וועג.

מחמת די נישט געלונגענע פּרוּוון צו אַנטלויפן, איז כמעט דער גאַנצער גרויסער יידישער ישוב אין ווילנע אַרונטערגעפאַלן אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע.

דעם 24־טן יוני אין דער פרי איז ווילנע, איבערגעלאָזט אָן אַ שום פאַרטיידיקונג, פאַרנומען געוואָרן דורך די דייטשן.

די צאָל יידן איז צו יענער צייט געשאַצט געוואָרן אויף בערך 75 — 80 טויזנט.[9]

דייטש־ליטווישער רעזשים

נאָכן אַריינמאַרש פון דער דייטשער אַרמיי קיין ווילנע האָט די ערשטע טעג ביזן אַנטשטיין פון דער מיליטערישער מאַכט, דעם 2־טן יולי, געהערשט אַ רעזשים פון דייטש־ליטווישער צוזאַמענאַרבעט.[10]

די ליטווינער האָבן אויפגענומען די דייטשן מיט בלומען און מיט פרייד, ווי דערלייזערס פון דער רוסישער אונטערדרדיקונג, אין דער האָפענונג צו דערגרייכן פּאָליטישע זעלבשטענדיקייט, אָן אייגענע מדינה און אָן יידן. דעריבער זענען זיי באַלד נאָכן אויסברוך פון דער דייטש־סאָוויעטישער מלחמה, אַרויסגעטרעטן אין אַ פאַרטיזאַנישן קאַמף, האָבן אַטאַקירט פון באַהעלטענישן די רויטע אַרמיי, וואָס האָט זיך צוריקגעצויגן אין אומאָר־דענונג, אין פּאַניק און אויך געהרגעט יידן.

זיי האָבן צוריקגעשאַפן די רעגירונגס־אינסטאַנצן פון דער אומאָפּ־הענגיקייטס־תקופה, די אַרמיי, פּאָליציי א״א, באַצירט די בנינים, ספּעציעל אין ווילנע, מיט אַ סך נאַציאָנאַלע פענער, כדי אונטערצושטרייכן די עקסיסטענץ פון אַן אייגענער מלוכה. די דייטשן האָבן לכתחילה טאָלערירט אַזאַ מצב, וואָס האָט זיי באַלד אין אָנהייב פאַרלייכטערט די אויספירונג פון די מאָרד־פּלענער.

אַ סך טויזנטער ליטווינער און אויך פּאָליאַקן האָבן נאָר געוואַרט אויף דער געלעגנהייט צו מאַכן אַ בלוטיקן חשבון מיט די רוסן און די יידן. אין די באַדינגונגען פון גיכן דייטשן נצחון אויפן מזרח־פראָנט, האָט זייער אַקטיווע מיטאַרבעט אויף דעם שטח, קודם כל פון די ערשטע, משפּיע געווען אויף דעם גרויסן פאַרנעם פון דער אויסראָטונג. דעריבער זענען די יידן אויף די געביטן, וואָס האָבן זיך פריִער געפונען אונטער דער סאָוויעטישער ממשלה, געוואָרן די ערשטע קרבנות.

די ליטווינער האָבן געשטרעבט אויך צו באַהערשן די פּאָליאַקן, אָבער אָנגעהויבן פון די יידן: איניציאירט און אויף אייגענער האַנט אויסגעפירט די ערשטע שחיטות אויף יידן אין קאָוונע, שאַוולי, שוויענטשאַן און אין אַנדערע שטעט, בעת וועלכע עס זענען אומגעבראַכט געוואָרן טויזנטער מענטשן. אַ סך הייזער און שולן זענען נאָכן באַרויבן אַוועק אין פלאַמען. די ליטווינער האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט באַזונדערער אכזריות. עס זענען אַרומגעגאַנגען קלאַנגען, אַז מ׳באַגראָבט יידן לעבעדיקערהייט און ווער ס׳האָט נאָר געקענט, איז פון דאָרטן אַנטלאָפן קיין ווילנע.[11] דאָ, ווו די ליטווינער האָבן זיך געפילט אַ שוואַכע מינדערהייט לגבי די פּאָליאַקן, האָבן די מאָרד־מעשים דעמאָלט נישט אָנגענומען קיין מאַסן־כאַראַקטער. דאַקעגן האָט זיך אין ווילנע ברייט צעגאָסן אַ כוואַליע פון רויבערייען און פאַרכאַפּונגען. מענער זענען אַרויסגעשלעפּט געוואָרן פון די היימען און פון די גאַסן, מ׳האָט זיך איבער זיי איזדיעקעוועט, פאַרטריבן צו פאַרשידענע אַרבעטן, פון וועלכע אַ טייל האָט זיך מער נישט אומגעקערט. איין ליטווישער פּאָליציאַנט פלעגט אַרעסטירן, אַ צווייטער זאָל קענען נעמען אַ גרויסן שוחד פאַרן אַרויסלאָזן. צו מאָל האָבן די דייטשן אַליין, ספּעציעל די סאָלדאַטן פון וועהרמאַכט, באַפרייט די פאַרפאָלגטע און אַפילו אויך געשלאָגן די „כאַפּונעס״.[12]

די ליטווישע אָנפאַלערס פלעגן אַריינדרינגען אין די שטיבער אויך ביי נאַכט, כלומרשט מאַכן רעוויזיעס אויף וואָפן און סחורות און דערביי געשלאָגן, געגזלט די ווערטפולסטע זאַכן, גענומען ערובניקעס און אַפילו פאַרטריבן גאַנצע משפּחות פון זייערע דירות.

זיי האָבן איינגעפירט באַזונדערע יידישע רייען צו די שפּייז־קראָמען

און פון די דאָזיקע אַריינגעלאָזט נאָר ווייניק מענטשן. דער יידישער ישוב איז באַלד פון אָנהייב אָוועקגעשטעלט געוואָרן פאַר אַ שאַרפן מאַנגל אין לעבנס־מיטל. אין דעם פּרט האָט געשריבן ה. קרוק אין דער נאָטיץ פון סוף יוני: — „זעקס פאַרטאָג אַוועק אין אַ קאָלייקע. איך בין שוין מסתמא געווען דער 500־טער". — נישט איין מאָל איז מען נאָכן אָפּשטיין שעהן־לאַנג נאָך אַ ברייטל, אַוועק אָן גאָרנישט.

די כסדרדיקע פאַרפאָלגונגען און אָנגריפן, דער פייף פון אומזיכערקייט, האָבן דערפירט דערצו, אַז יידן האָבן שוין מיט אומגעדולד אויסגעקוקט עס זאָל זיך אָרגאַניזירן די דייטשע מאַכט, כדי פּטור צו ווערן פון דער ליטווישער הפקרות.[13]

גזירות און פאַראָרדענונגען פון דער מיליטערישער מאַכט

אָנהייב יולי 1941 איז קיין ווילנע אָנגעקומען די א. ג. איינזאַץ־קאָמאַנדאָ מיט אירע גרופּן, וואָס זענען געווען ספּעציעל צוגעגרייט און אויסגעשולט פאַר יידן־מאָרדן. די נייע מיליטערישע מאַכט האָט אָפּגעשאַפט די פּאָליטישע קאָמפּעטענץ פון דעם ליטווישן ממשלה־אַפּאַראַט, פונאַנדערגעלאָזט אָדער באַגרענעצט די אַמטן בלויז צו מוניציפּאַלע ראַמען און אַוועקגעשטעלט אונטערן אייגענעם קאָנטראָל דאָס מיליטער, פּאָליציי אאז"וו.

די ליטווישע פאַשיסטן, די א. ג. „איפּאַטינגאַס"[14] (אויסדערוויילטע), וועלכע מ'האָט באַצייכנט ווי די „ליטווישע געסטאַפּאָ",[15] זענען תיכף געוואָרן די אַקטיווסטע קאָלאַבאָראַנטן. זיי האָבן זיך שפּעטער טרויעריק באַרימט געמאַכט מיט גרויזאַמער אכזריות אויך אין פאַרשידענע ווייטערע שטעט, ווי וואַרשע, ביאַליסטאָק און אַפילו אין אַנדערע אָקופּירטע לענדער.

אויף די יידן האָבן זיך אַ שאָט געטאָן אַלע די פּלאָגן, וואָס די דייטשן האָבן אָנגעוואָנדן זינט אַ צייט אין אַנדערע יידישע ישובים, אין די געטאָס, כדי צו צעברעכן די יידן מאַטעריעל, פיזיש און גייסטיק. אָבער ווען דאָרטן זענען די רדיפות געקומען שטופנווייז, האָט אין ווילנע זייער פּלוצעמדיקייט, דער ברייטער פאַרנעם און די ברוטאַלקייט פון אויספירונג שוין לכתחילה שווינדלערלעך צעטרייסלט דעם ציבור. יעדער פרישער נאַצישער גדול האָט צוגעטראָגן זיין חלק צו דער קייט פון די פאַרפאָלגונגען.

דעם 3־טן יולי איז פאַראָרדנט געוואָרן צו טראָגן די געלע לאַטע פון פאָרנט און פון הינטן. צו דעם דערנידערונגס־צייכן האָט זיך באַצויגן אין זיין טאָגבוך דער 14־יעריקער יצחק רודאַשעווסקי, אַ קינד באַשאָנקען מיט אַ סך אינטעליגענץ און סענסיביליטעט: — „ס'האָט מיך געברענט די גרויסע לאַטע אויף זייערע (די יידנס) פּלייצעס. איך האָב די געלע לאַטע נישט געקענט אָנטאָן. כ'האָב געפילט... אַ הויקער, צוויי זשאַבעס

אויף זיך. כ׳האָב זיך געשעמט... נישט דערפאַר... אַז איך בין אַ ייד, נאָר... מיט מיין אומבאַהאָלפנקייט״. — אָבער, פּירט אויס דאָס מערקווירדיקע יינגל, די לאַטע וועט נישט אָנרירן „אונדזער באַוווסטזיין״. זי וואָלט גע־דאַרפט „ברי׳ען יעדן באַוווסטזיניקן דייטש, וואָס פּרוווט קלערן וועגן דער צוקונפט פון זיין פאָלק״. (נאָטיץ פון 8־טן יולי 1941).

די יידן איז פאַרבאָטן געוואָרן, תמיד אונטער זייער שווערע שטראָפן, צו געפינען זיך אויף דער גאַס צווישן 18.00 און 6 אַ זייגער, צו גיין איבער געוויסע צענטראַלע גאַסן, אויפן טראָטואַר, קויפן פּראָדוקטן אויסער די ספּעציעל באַשטימטע קראָמען און בעקערייען, זיך צו באַנוצן מיט עפנט־לעכע קאָמוניקאַציע־מיטלען, אַריינצוגיין אין שטאָטישע א״א באַדינונגס־אַנשטאַלטן, פאַרוויילונגס־פּלעצער אד״ג. אומעטום האָבן זיך באַוויזן פּלאַ־קאַטן: „פאַר יידן איינטריט פאַרבאָטן״. עס זענען אַוועקגענומען געוואָרן די ראַדיאָ־אַפּאַראַטן.[16] אַ ביסל שפּעטער איז די געלע לאַטע פאַרביטן געוואָרן אויף אַן אַנדערן יידישן אידענטיפיקאַציע־צייכן. בכלל האָבן די אָפּטע פאַראָרדענונגען, דאָס בייטן פון איין גזירה אויף אַ צווייטער און אויך דער אָנגעצייכנטער קורצער טערמין פון אויספירן, געצילט צו דעז־אָריענטירן די מענטשן און געבן אַזוי אַרום דעם אָקופּאַנט אַ „לעגאַלן״ יסוד אָנצווענדן עקסטרעמע שטראָפן.

די גערודפטע האָבן געזוכט אופנים אויסצומיידן די וויטיקלעכע און דערנידעריקנדיקע באַשרענקונגען. כדי נישט צו גיין מיטן פאַרוועג, האָט מען דורכגעהאַקט מויערן, פאַרבונדן הויפן, געטאָן אַלץ מעגלעכע צו פאַר־טיידיקן די מענטשלעכע חשיבות.

עס איז באַלד אין אָנפאַנג אַרונטערגעריסן געוואָרן די באַזע פון דער יידישער עקאָנאָמישער עקזיסטענץ. דאָס רעשטל יידיש אייגנטום, פרי׳ער נישט נאַציאָנאַליזירט דורך די סאָוויעטן, איז קאָנפיסקירט געוואָרן דורך דער אָרטיקער ליטווישער מאַכט. עס איז פאַרבאָטן געוואָרן די באַלעבאַטים דאָס צו פאַרקויפן, אָדער איבערצוטראָגן פון די וואַרשטאַטן סחורות, מכשירים אז״וו. אין שייכות מיט דעם האָבן זיך ווידער פאַרשטאַרקט די רעוויזיעס אין די יידישע הייזער און עס איז פאַרווערט געוואָרן צו בייטן די דירות.

לויט די נאַצישע געזעצן, איז דאָס יידישע אייגנטום, אַריינגערעכנט ווערטזאַכן, דעקלאַרירט געוואָרן ווי אָנגעהעריק צו דער מלוכה און האָט זיך נאָר צייטווייליק געפונען אין די הענט פון די ביז איצטיקע באַזיצערס. די יידן האָבן געהאַט דאָס רעכט בלויז צו קליינע שטוב־זאַכן און אַ ביסל געלט. דעריבער איז מען געווען פאַרפליכטעט צו רעגיסטרירן דאָס פאַרמעגן אויף געהעריקע פאָרמולאַרן אין דער אָרטיקער פּאָליציי. אַזאַ אינטערפּרע־

טאַציע האָט „באַרעכטיקט“ די קאָנפיסקאַציעס און קאָנטריבוציעס, וואָס האָבן דערפירט צו ווייטגייענדיקער פויפעריזאַציע פונעם ישוב. די יידן האָבן פאַרלוירן דאָס לעצטע ביסל האָב און גוטס, די פּרנסה־קוואַלן און געבליבן אָן אַ שום עקאָנאָמישן אָנשפּאַר.

דער ערשטער יודנראַט

אויפן דייטשן באַפעל איז דעם 4־טן יולי געשאַפן געוואָרן אַ יידישע פאָרשטייערשאַפט פאַר צושטעלן אַן אַרבעטס־קראַפט, צונויפזאַמלען קאָנ־טריבוציעס אז״וו. אויפן אָרט פון דער אַלטער קהילה, וואָס איז געהאַט פונאַנדערגעלאָזט געוואָרן דורך דער סאָוויעטישער מאַכט, האָט זיך פון אירע מיטגלידער קאָאָרדינירט — דער א. ג. געזעלשאַפטלעכער קאָמיטעט, באַצייכנט שפּעטער ווי דער ערשטער יודנראַט,[17] קודם פון 10 מענטשן און דערנאָך אויסגעברייטערט צו 24 פון רעפּרעזענטאַנטן פון פאַרשידענע פּאָליטישע ריכטונגען.

ד״ר דוואָרזשעצקי, איינגעלאַדן צו מיטאַרבעט, ווי דער דעלעגאַט פון „פּועלי־ציון־התאחדות“, האָט זיך אָפּגעזאָגט, אין הסכם מיט דעם באַשלוס, וואָס די פּאַרטיי האָט אָנגענומען, כדי נישט צו ווערן אַ דייטשער אויספיר־אינסטרומענט. דאַקעגן האָט דער „בונד“ יאָ אַריינגעשיקט זיין פאָרשטייערשאַפט. אגב, זענען אומעטום געפירט געוואָרן וויכוחים מכוח דער באַטייליקונג און דער זייער שווערער, טרויעריקער ראָל, וואָס מ׳האָט פאָרויסגעזען פאַרן יודנראַט, טראָץ דעם אייגענעם גוטן ווילן.[18]

די אומאויפהערלעכע געפאַר פון פאַרכאַפּונגען האָט באַוויגן מרדכי טענענבוים זיך צו ווענדן, צוזאַמען מיט ח. גראָסמאַן, צו דער א. ג. „צייט־ווייליקער קהילה“, אָדער „ערשטן יודנראַט“ אין דער פּערזאָן פון דעם לאַנגיאָריקן ציוניסטישן עסקן, ישראל ווערבלינסקי, וועגן איינאָרדענען די חלוצים ביי אַרבעטן אין דער שטאָטישער געגנט. ער האָט זיי אויפגענומען אין דער היים און מיט צער אויפגעקלערט, אַז אויסער דער שטאָט דער־וואַרט נאָר טויט. ער האָט געראָטן איבערצוגעבן די יידן און קודם כל די חברים, אַז „אַלע פאַרכאַפּטע זענען דערהרגעט געוואָרן“.[19] אַ פּאָר טעג נאָך דעם האָבן אים די דייטשן דערשאָסן.

דער יודנראַט האָט גאָרנישט געקענט אויפטאָן אין אָנבליק פון שטאַרקן טעראָר און די פאַרכאַפּונגען, וואָס האָבן אויך אָנגעגריפן די דורך אים צוגעשטעלטע אַרבעטס־גרופּעס.

מצד די דייטשן איז געווען אַ באַזונדערע טענדענץ צו פאַרטיליקן, קודם כל די יידישע גייסטיקע מנהיגים, די רבנים און די אינטעליגענץ, כדי אָפּצושוואַכן די אינטעלעקטועלע כוחות און די אָרגאַניזאַציאָנעלע

פעיִקייט זיך קעגנצושטעלן. צו דעם האָט אויך באַצוועקט דאָס פאַרכאַפּן אין אָנהייב כמעט בלויז מענער, וואָס זייער צאָל האָט אין דעם חודש יולי באַטראָפן אַ 5000. פון דער צווייטער זייט האָט דאָס אויך געדאַרפט אונ־טערהאַלטן די אילוזיע אין זייער באַשטימונג אויף אַרבעט.

די פּאָליטיק פון דער דייטשער ציווילער מאַכט

דעם 1־טן אויגוסט 1941 איז די מיליטערישע אָנפירונג פאַרביטן געוואָרן אויף אַ ציווילע אַדמיניסטראַציע, וואָס האָט זיך דעמאָלט אָרגאַ־ניזירט אין דעם רייכסקאָמיסאַריאַט פון „אָסטלאַנד״ מיטן זיץ־פּלאַץ אין ריגע און אַרומגענומען ליטע, לעטלאַנד, עסטאָניע און ווייסרוסלאַנד. פון דאָרט זענען געשיקט געוואָרן אינסטרוקציעס בנוגע דער פּאָליטיק און די עטאַפּן פון דער „ענדגילטיקער לייזונג״ פון דער יידן־פראַגע.

די פרישע מאַכט האָט שנעל אונטערגענומען די יידן־פאַרניכטונג אין אַ ברייטן מאַסשטאַב. דער נייער געביטס־קאָמיסאַר פאַר ווילנע, האַנס ק. הינגסט, איז געוואָרן דער איניציאַטאָר פון אַ סך פּאָגראָמען און גירושים און זיין געהילף איבער יידישע און אַפּראָוויזאַציע־ענינים, פראַנץ מורער, האָט בלויז מיט זיין באַווייזן זיך אָנגעוואָרפן אַ מוראדיקן פּחד. הינגסט האָט אָנגעהויבן זיין הערשאַפט מיט אַ ריי גזירות, טיילווייז נייע און טיילווייז באַשטעטיקט אָדער אויסגעברייטערט די פריִערדיקע. אַזוי איז דער ביז איצטיקער ווייסער באַנד, מיטן אות J (יודע), וואָס מ׳האָט געטראָגן אויפן אַרבל, פאַרטראָטן געוואָרן דורך אַ געלן מגן־דוד. ס׳איז נאָר דערלויבט געווען צו גיין אויף דער רעכטער זייט פון דעם שאָסיי, בלויז איינציק־ווייז אאז״וו. פון זיין זייט האָט מורער פאַראָרדנט אַ ריזיקע קאָנטריבוציע אונטער דראָונג פון טויטשטראָף פאַר די יודנראַט־מיטגלידער און דערביי געגעבן דערויף איין טאָג צייט, וואָס האָט אָנגעוואָרפן אַ שרעקלעכע אימה אויפן גאַנצן קהל. לסוף איז דער טערמין פאַרלענגערט געוואָרן און די יידן האָבן וויטער געזאַמלט געלט, זייגערלעך און צירונג פאַר די גאָלד־און בלוט־גיריקע דייטשן.

די גרויסע פּראָוואָקאַציע

דעם ערשטן אַקט פון מאַסן־פאַרטיליקונג, וואָס איז אייגנטלעך געווען אַ גרויסע ליקווידאַציע־אַקציע, האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט די א. ג. „גרויסע פּראָוואָקאַציע״. אַ וואָך פאַרן איינפירן די געטאָס, דעם 31־טן אויגוסט, זענען צוויי ליטווינער אַריין אין אַ יידיש הויז, פון אַ פענצטער אויסגעשאָסן און אויסגעשריגן, אַז דאָס האָבן די יידן געשאָסן אין די קעגן איבער שטייענדיקע דייטשע סאָלדאַטן. צוויי יידן, באַלד „אידענטי־פיצירט״ אַלס שולדיקע, זענען געטויט געוואָרן. דאָס איז געווען דער

אָנפאַנג פון אַ פּאָגראָם און דעפּאָרטאַציע פון דעם גאַנצן געדיכט באַוווינטן יידישן ראַיאָן (צווישן די גאַסן: גלעזער, ברייטע און יידישע ביז רודניצקע, שפּיטאַלנע און לידסקע). טויזנטער [20] יידן זענען אַרויסגעפירט געוואָרן אין דער לוקישקער תפיסה. אויף אַזאַ אופן זענען אויסגעליידיקט געוואָרן די גאַסן פאַר די געטאָס, דערביי זענען אַ סך הייזער דעמאָלירט און צע־ראַבעוועט געוואָרן דורך ליטווינער און אויך דורך פּאָליאַקן.

דעמאָלט איז ליקווידירט געוואָרן דער „ערשטער יודנראַט", וואָס האָט זיך געפונען אויף דעם שטח. הגם דער האָט געזאָלט דערליידיקן די ענינים דורך אַ ליטווישן פאַרבינדונגס־מאַן, פלעגן די דייטשן זיך אַריינמישן, טעראָריזירן און כסדר פאָדערן געוואַלדיקן כאַבאַר. דעם 2־טן סעפּטעמבער האָט שווײנענבערג, דער פאָרשטייער פון דער געסטאַפּאָ פאַר דער ליטווישער „איפּאַטינגאַ", פּראָוואָקאַטיוו אויסגענוצט אַ געוויסע פאַרשפּעטיקונג אין צושטעלן 10 וועגענער מיט פערד, כדי צו פאַרנעמען דעם רוב אַנוועזנדיקע יודנרעטלער אין לוקישקי. די פאַרבליבענע האָבן זיך פאַרבאַהאַלטן אין יידישן שפּיטאָל.[21]

אין צווישנצייט זענען די קריסטלעכע איינוווינער באַזייטיקט געוואָרן פון דעם קוואַרטל, וואָס איז געבליבן אין גאַנצן ליידיק.

דער גאַנג אין די געטאָס און לוקישקי־תפיסה

אויך דער באַפעל פון איבערגיין אין געטאָ איז אין ווילנע אויסגעפירט געוואָרן מיט מער ברוטאַלקייט ווי אין אַנדערע שטעט, ווו די יידן האָבן, אין אַלגעמיין, באַקומען אַ געוויסן טערמין, אַפילו וואָכן אויף „איבערציִען זיך" און טייל מאָל וועגעלעך צו הילף. דאַקעגן איז זיי דאָ, דעם גורלדיקן 6־טן סעפּטעמבער, געגעבן געוואָרן בלויז 15—30 מינוט, כדי זיך צו־צושטעלן אין דרויסן מיט דעם ביסל זאַכן, וואָס מ'איז געווען בכוח מיט זיך מיטצונעמען.[22] מען האָט אַפילו אָפט נישט געהאַט גענוג צייט אויף דאָס צו פאַרפּאַקן. צ. בירמאַן שילדערט אַזוי איר גירוש: 9 אַזייגער אין אָוונט איז געקומען די ריי פון איר הויז, ווו זי האָט געוווינט מיט אַ גרופּע חברים. אַ מחנה „ווילדע ליטווינער" האָבן זיך אַריינגעריסן אין שטוב און גלייך גענומען שלאָגן מיט ביקסן איבער די פּלייצעס, אַזוי, אַז מ'האָט קוים באַוויזן צו נעמען די פּעקלעך. די מענטשן זענען געטריבן געוואָרן און געשלאָגן. מ'איז געפאַלן פון דער שווערער משא און פון די „אומ־ברחמנותדיקע קלעפּ". אין דער מהומה און פינצטערניש האָבן מוטערס פאַרלוירן זייערע קינדער, משפחות האָבן זיך צעשייד, דער געוויין און געיאָמער זענען געווען שרעקלעך. מענטשן האָבן געוואָרפן די זאַכן, כדי אַליין קוים לעבעדיק זיך צו דערשלאָגן צום אָרט.[23]



מאַפּע פון ווילנער געטאָ

אויפן וועג זענען געשטאַנען פּאָליאַקן און ליטווינער און געקוקט. די מערהייט פון זיי האָט געהאַט הנאה, געלאַכט, די יונגערע האָבן געפּייפט. ס'האָבן זיך געהערט אויסגעשרייען: „יידן אין געטאָ אַריין! גוט אַזוי פאַר אייך!" „באָלשעוויקעס! קיין פּאַלעסטינע! צום טויט!" נאָר איינצלנע פון די קריסטלעכע שכנים האָבן געקוקט מיט טרויער אויף דער פּראָצעסיע און געזאָגט מוסר די קינדער, זיי זאָלן נישט לאַכן פון די אומגליקלעכע, ווייל, „מאָרגן קען מען אונדז אַזוי פירן".[24]

די שטאָט איז פונאַנדערגעטיילט געוואָרן אין דריי חלקים און פון זיי האָבן צענדליקער טויזנטער מענטשן גלייכצייטיק געשטראָמט אין דריי ריכטונגען: פון דער געגנט מיט דער נאָוואָגראָדער גאַס, באַוווינט ס'רוב דורך אַרבעטערס און בעלי־מלאכות — אין דעם גרויסן געטאָ, אָדער נר. 1, פון דעם רייכן צפונדיקן קוואַרטאַל, באַפעלקערט דורך סוחרים, אינטעליגענץ א"א — אין דעם קליינעם געטאָ, אָדער נר. 2 און פון דעם טייל מיט מיצקיעוויטש־גאַס — צו דער לוקישקי תפיסה.

די פאַרמירונג פון די געטאָס

אין ביידע געטאָס זענען אַריין אַ 40 טויזנט נפשות: אין דעם ערשטן — בערך 29 טויזנט, דער גרויסער רוב פון עקאָנאָמיש פּראָדוקטיווע כוחות, אין דעם צווייטן, אַ באַגרענעצטן צו אַ פּאָר פאַרוואָרלאָזטע געסלעך — אַ 10—11 טויזנט, הויפּטזעכלעך פאַכלאָזע עלעמענטן, אַלטע, קראַנקע, פרויען און קינדער.[25]

די צאָל פאַריאָגטע קיין לוקישקי איז געשאַצט געוואָרן צווישן 6—10 טויזנט,[26] צווישן זיי זענען געווען אַ סך פּראָפעסיאָנאַלן.

צ. בירמאַן איז אַריינגעפאַלן אין דער תפיסה און האָט אַזוי געשילדערט איר איבערלעבעניש: אויפן הויף זענען געשטאַנען „טויזנטער" ליידיקע קינדער־וועגעלעך. אַ סך ליטווינער, דייטשן און פּאָליאַקן האָבן געחוזקט, אָנגעזאָגט דעם טויט. אונטער קלעפּ פון די קאָלבעס זענען זיי אַריינגע־שטופּט געוואָרן אין צעלעס ווי „הערינג אין אַ פעסל",[27] אָן אַן אָרט פאַר פיזיאָלאָגישן געברויך, אָן לופט, ברויט און וואַסער אַפילו פאַר די פאַר־הלשטע. מ'האָט פון די אַרעסטאַנטן אַוועקגענומען אַלע ווערטזאַכן. נאָכן אָפּזיצן דריי טעג האָט זי באַוויזן זיך אַרויסצורייסן צוזאַמען מיט אַ גרופּע פאַכמענער, וואָס זענען אַרויסגעפירט געוואָרן צום גרויסן געטאָ.

די געטאָס זענען געווען אַרומגערינגלט מיט אַ הילצערנעם פּלויט, פאַרצויגן מיט שטעכלדראָטן. פאַרן אַריינגאַנג האָט געהאָנגען אַ גרויסער בלעכענער שילד מיט דער אויפשריפט: „אַכטונג, זויכע געפאַר (אַנשטעקיקע קראַנקייט), יודענפירטעל. איינגאַנג פיר מיליטער־לויטע אונד ניכט־יודען פערבאָטען".[28]

אויף אַריבערצוגיין פון קליינעם, „מינדערוויכטיקן" געטאָ צום גרויסן, האָט זיך געפאָדערט אַ דערלויבעניש פונעם לאָקאַלן יודנראַט, למשל צו גיין אין שפּיטאָל, אין באָד אדג"ל און אויך די באַגלייטונג פון אַ יידישן פּאָליציאַנט.[29]

*

הגם עס האָט געשראָקן די אָפּגעצוימטקייט פונעם געטאָ, האָט אַ טייל מענטשן געגלויבט, אַז די מויערן וועלן אַ ביסל באַשיצן פון דעם אומ־אויפהערלעכן ווילקיר. אָבער די דייטשן האָבן געגעבן דעם געטאָ אַן אַנדערע באַשטימונג — צו זיין דער ערשטער שטאַפּל אין דעם מעכאַניזם פון דער מאַסן־פאַרלענדונג, וואָס זיין לעצטער איז געווען אין די טויט־לאַגערן.

דאָס אַרויסרייסן די באַפעלקערונג פון איר וווינאָרט, די זייער געדיכטע קאָנצענטראַציע אויף אַ קליינעם שטח, אין אַן אויסטערלישער ענגשאַפט, האָט געגעבן דעם שונא די דערגרייכונג פון אַ דרייפאַכיקן ציל: א) דעם עקאָנאָמישן חורבן און די פולע קאָנטראָל איבער די יידן, ב) די טיילווייזע פיזישע ליקווידאַציע דורך הונגער, קראַנקייטן און מגפות, און ג) די אי־זאָלאַציע, וואָס זאָל אומעגלעך מאַכן דאָס באַקומען הילף פון דרויסן.

שוין סוף סעפּטעמבער 1939 האָט ריינהאַרדט היידריך [30] אַרויסגעגעבן אַן אינסטרוקציע וועגן שאַפן די געטאָס אַלס אַן „איבערגאַנג־סטאַציע" צו די קאָנצענטראַציע־ און טויט־לאַגערן, ווי אויך בנוגע די יודנראַטן, וועגן וועלכע ס'האָט זיך געזאָגט צ"א: — „אין יעדער יידישער קהילה דאַרף נאָמינירט ווערן אַ ראַט פון עטלעכע יידן, צונויפגעשטעלט, ווי ווייט מעגלעך, פון חשובע מענטשן און רבנים, וואָס זענען פאַרבליבן אויפן אָרט... אַלע מענער. די יודנראַטן דאַרפן זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער אויס־פירונג פון די פאַראָרדענונגען, וועלכע זענען געגעבן געוואָרן און וועלן געגעבן ווערן — פּינקטלעך און אין דעם באַשטימטן טערמין".

פון דעם איז קלאָר די פונקציע, וואָס די דייטשן האָבן אָנגעצייכנט דעם יודנראַט און דער ווילן אַריינצונעמען פערזענלעכקייטן, צו וועלכע די באַ־פעלקערונג האָט צוטרוי. די צוגעטיילטע כלומרשטע אויטאָנאָמיע, וואָס האָט אַרומגענומען די גאַנצע געטאָ־עקסיסטענץ, האָט באַצוועקט צו פאַרלייכ־טערן דאָס אויספירן פון די דייטשע פּלענער דורך די יידן אַליין — די פאַרשידענע גזרות, די עקאָנאָמישע עקספּלאָאַטאַציע און בכלל דאָס פאַר־שלעפּערן די וואַכזאַמקייט פון די קרבנות. אין די יידישע הענט איז אין אָנפאַנג איבערגעגעבן געוואָרן דער אויסוואַל „ווער צום לעבן און ווער צום טויט". [31]

און ווידער איז דאָס געטאָ אין ווילנע זינט דעם סאַמע אָנהייב אויסגע־שטעלט געוואָרן אויף גרעסערע פּיינען און אויסבלוטיקונג ווי אויף אַנדערע שטחים. די יידן זענען געבליבן צונויפגעפּרעסט אין אַ מוראדיקער ענגשאַפט, ממש אַן לופט צו אָטעמען — בערך 0.75 קוו. מעטער אויף אַ קאָפּ, בעת אין וואַרשע און אין ביאַליסטאָק, ווו די גרענעצן פון געטאָ האָבן זיך עטלעכע מאָל געביטן, איז אויסגעפאַלן דורכשניטלעך צו 1.4 מטר קוו. אין ערשטן און 3 מטר. קוו. אין צווייטן. [32]

אין איין צימער האָבן געוווינט עטלעכע משפּחות, אַפּילו ביז 50 נפשות,[33] אָן מינימאַלע סאַניטאַרע איינריכטונגען. מען איז געשלאָפן אויף יעדן פרייען אָרט, אויף די טרעפּ, ביי די טויערן ביז מ'האָט געפונען אַ שטיקל ווינקל פאַר די זאַכן אונטערן קאָפּ. דערביי איז אַ טייל הייזער געלעגן אין חורבות.

אין זיין בריוו צו די חברים אין א"י, צו דער הסתדרות, האָט טענענבוים אַזוי געשילדערט די לאַגע: „אין גאַנצן געטאָ איז נישט געווען קיין איין פרייער מעטער, קיין איין בוים, קיין קשאַק. יעדער דייטש, וואָס קומט אין געטאָ, וויל ער — שלאָגט ער, וויל ער — הרגעט ער. קאָלעקטיווע אחריות פון גאַנצן יידישן ציבור פאַר דער מינדסטער אומפאָרזיכטיקייט פון אַ יחיד... אינדיווידועלע טויט־שטראָפן און מאָרדן איבער טויזנטער".[34]

דער ייד איז געשטאַנען אויסערן געזעץ, אויסגעשטעלט נאָר אויפן איינזען פון די דייטשן און די ליטווינער. פאַר יעדן קלענסטן חטא האָט געדראָט טויט.

*

איןביידע געטאָס זענען דורך די דייטשן טיילוויז נאָמינירט געוואָרן יודנראַטן און עס זענען געשאַפן געוואָרן אַנדערע פּאַראַלעלע אָרגאַנען, וואָס האָבן פונקציאָנירט באַזונדער.

אויף דעם אָרט וועט איבערגעגעבן ווערן דער עיקר וועגן דעם גרויסן געטאָ, וואָס איז געוואָרן די באַזע פון דער יידישער געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישער טעטיקייט און האָט אויך געהאַט אַ לענגערן לעבנס־דויער.

אין דעם געטאָ האָט מורער צופעליק געטראָפן אויף דער גאַס דעם אינזש. אַנאַטאָל פריד פון דעם פריערדיקן יודנראַט און אים באַפוילן צו גרינדן אַ נייעם פון 5 מיטגלידער. פריד, ווי דער פּאָרזיצער, האָט אַריינ־גענומען 4 מענטשן פון דעם ערשטן יודנראַט.

באַלד נאָך דעם, אויף דער דייטשער פאַראָרדענונג, האָט דער יודנראַט געשאַפן די יידישע פּאָליציי, ווי אַן עקזעקוטיוו־אַפּאַראַט מיט דער אויפגאַבע אָפּצוהיטן די אָרדענונג אין געטאָ. פריד, אַ געוועזענער דירעקטאָר פון אַ באַנק, אַ פילאַנטראָפּ, האָט געהאַלטן די פונקציע פאַר זייער וויכטיק און זי געוואָלט אָנפאַרטרויען די חלוצים מיט מרדכי טענענבוים בראש, אָבער דער האָט זיך פון דעם קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט.[35] דעמאָלט האָט פריד דעם אַמט איבערגעגעבן צו יעקב גענס, אַ געוועזענעם לערער פון דער ליטווישער שפּראַך אין אַ העברעיִשער גימנאַזיע, אויך אַ בוכהאַלטער און מיליטערמאַן, וואָס האָט געהאַט דעם ראַנג פון אַ קאַפּיטאַן אין דער ליטווישער אַרמיי. זיין פרוי, אַ קריסטין, האָט מיט זייער טאָכטער געוווינט אויסערן געטאָ. גענס האָט לעצטנס געאַרבעט ווי אַן אַדמיניסטראַטיווער

פּאַרוואַלטער פונעם יידישן שפּיטאָל און ער איז געבליבן אין געטאָ. אין שפּיטאָל האָט זיך טאַקע פּריד באַקענט מיט אים.[36]

גענס, אַ רעוויזיאָניסט, האָט רעקרוטירט די פּאָליציאַנטן מיינסטנס פון זיין פּאַרטיי׳שער ריכטונג. מיט דער צייט האָט זיך דער אַפּאַראַט באַדייטנדיק צעוואַקסן, ער האָט אָנגעהויבן צו ריוואַליזירן מיטן יודנראַט און שפּילן אַ דאָמינירנדיקע ראָל אין געטאָ. דער יודנראַט, וואָס איז געווען אָנמעכטיק צו באַהערשן די לאַגע אין דער אַטמאָספער פון טעראָר און רציחות, האָט זיך דאָך געראַנגלט פאַר פאַרזיכערן אַ שטיקל אָרט צו שלאָפן, צו פאַרהיטן דאָס געטאָ פון עפּידעמיעס, צוצושטעלן אַ ביסל זופּ די הונגעריקע. אַזוי זענען מיט דער צייט אָרגאַניזירט געוואָרן 5 קיכן, וואָס האָבן אַרויסגעגעבן 3500 מיטאָגן, צווישן זיי 1000 אומזיסטע.[37]

שיינען, אַרבעט, דערנערונג

שוין לכתחילה פון דער אָקופּאַציע, האָבן די דייטשן אַרויסגעגעבן די אַרבעטנדיקע באַשטעטיקונגען, „שיינען", וואָס האָבן אָנגעוויזן דאָס באַשעפטיקונגס־אָרט, כדי זיי זאָלן נישט פאַרשלעפּט ווערן אויף אַנדערע פּלעצער. אויך דער יודנראַט האָט באַזאָרגט זיינע אָנגעשטעלטע מיט אַרבעטס־קאַרטן.

דער שיין האָט געגעבן דעם באַזיצער דאָס רעכט צו באַקומען די אָפיציעל באַשטימטע פּראָדוקטן־צוטיילונגען. אַזוי אַרום האָט דער שיין אָנגעוויזן אויף אַ „פּראָדוקטיוון" עלעמענט און דאָס פעלן פון אַזעלכן — אויף אַן „אומפּראָדוקטיוו", אַן אומנוצלעך וועזן, וואָס האָט אין יענע באַדינגונגען נישט געהאַט קיין עקסיסטענץ־באַרעכטיקונג. אַזאַ מענטש איז געווען אין פּערמאַנענטער געפאַר צו ווערן פאַרכאַפּט און פאַרשיקט קיין לוקישקי און דעריבער פול מיט פּחד פאַר אַלץ און פאַר אַלעמען.

כדי צו באַזייטיקן די לויערנדיקע סכנה, געבן די מעגלעכקייט צו באַוועגן זיך אויף דער גאַס און גלייכצייטיק צו באַקומען די באַשפּייזונגס־קאַרטע, האָט מ. טענענבוים, אַ ספּעציאַליזירטער פון פריִער אין פּאָלסי־פּיצירן פּאַפּירן, זיך גענומען צו דער נייער „פּראָדוקציע", צוזאַמען מיט יענדזשעי לעביעד, רבקה מאַדייסקאַ [38] פון „השומר הצעיר", צבי מערסיק פון „דרור" און שלמה ענטין [39] פון „הנוער הציוני". אַזעלכע צייגענישן פאַרטיילטע צווישן די יידן, באַזונדערס דער יוגנט, האָבן בשעתו באַטייט אַ רעטונג פון טויט און דערצו נאָך דערלויבט אויסצומיידן אַרבעט פאַרן שונא.

בנוגע דעם פּרט האָט ה. גראָסמאַן דערציילט: — „אַ ביישפּיל האָב איך גענומען פון מ. טענענבוים... כ׳ווייס נישט פון וואַנען ער האָט באַקומען אַזאַ צייגעניש. ער האָט נישט געאַרבעט, חס וחלילה, אין אַן „איינהייט".

אָבער מרדכין פֿרעגט מען נישט „פֿון וואַנען״?... ער וועט תּמיד געפֿינען אַ געלעגנהייט ביי אימעצען אַזאַ אַרויסצונעמען מיט דעם באַדינג, נאָך דעם עס צוריקצולייגן אויפֿן אָרט, קיינער זאָל נישט באַמערקן״.[40]

אויך אונטער די אָפּגעשלאָסענע מויערן האָט מען נישט געקענט עקסיס־טירן אָן אַזאַ אַרבעטס־שיין. בכלל איז דער שיין געווען נאָך אַ טייוולאָניש פֿאַרפֿירונגס־מיטל פֿון דער דייטשער פּאָליטיק. דערווערבן זיך די שוץ פֿון אַזאַ דייטשער אַרבעטס־באַשטעטיקונג, דעמאָלט באַטראַכט ווי אַ גוואַראַנץ פֿון קיום — דאָס איז געוואָרן דער וויכטיקסטער ציל פֿון די שיינלאָזע. דער ווייטערדיקער שטאָפּל פֿון צעטומלונג האָט געפֿירט דורך כסדרדיקע אומבייטן און קאָמבינאַציעס מיט די שיינען. ווען עס האָט זיך שוין איינ־געגעבן אַזאַ צו דערגרייכן, אָפֿט פֿאַר אַ זייער הויכן פּרייז, פֿלעגט דער נאָך אַ קורצער צייט פֿאַרלירן זיין גילטיקייט. די מאַכט האָט פֿון טאָג צו טאָג זיי געענדערט, די פֿאַרעם, שטעמפּל, קאָליר — אויף ווייסע, געלע, ראָזע, אַנולירט אייניקע און אַרויסגעלאָזט אַנדערע פֿון פֿאַרשידענע קאַטע־גאָריעס און מיט ספּעציעלע צייכנס ווי „פֿאַכמאַן״ א״א. דאָס אַלץ האָט יעדעס מאָל מוראדיק צערודערט די מוחות און אַרויסגערופֿן אַ פֿיבערדיקן געיעג נאָך אַ נייעם „פֿולווערטיקן״ שיין. לסוף האָט זיך געשאַפֿן אַזאַ כאַאָס און פּאַניק, אַז מ׳האָט נישט בלויז פֿאַרלוירן די זיכערקייט אין דער ווירק־זאַמקייט פֿון די באַזיצטע באַשטעטיקונגען, גאָר אַדרבא, מ׳האָט נאָך מורא באַקומען, אַז דאָס פֿיגורירן אין דער עווידענץ פֿון דער פּאָליציי זאָל נישט ברענגען קיין שאָדן ביי דער נאָענטסטער אַקציע.

די משונהדיקע שפּיל מיט די אַרבעטס־קאַרטן האָט נאָך מער פֿאַר־גרעסערט די צעמישונג אין געטאָ. דאָס איז טאַקע געווען די כּוונה פֿון די הערשערס, נאָך אַ פּראָצעדור אין דעם ראַפֿינירטן אָפּנאַר־סיסטעם צו פֿאַרבלענדן די מענטשן.

מיט דעם מעטאָד האָבן די דייטשן אויך געצילט אַרונטערצורייסן די מאָראַל און די סאָלידאַריטעט־געפֿילן ביי די יידן, צו פּאַראַליזירן די געמיינזאַמע איניציאַטיוו פֿון פֿאַרטיידיקונג און ווידערשטאַנד דורך אַרויס־רופֿן אַן אַנטאַגאַניזם צווישן די „שיין״־באַזיצערס, באַשטימטע צום לעבן און די איבעריקע — פֿאַרמשפּטע צום אומקום. וואָרעם ווי פֿאַררעטעריש און אומזיכער אַ שיין זאָל נישט זיין, האָט מען דאָך אָן אים נישט געקענט עקסיסטירן. אָבער ס׳איז געוואָרן וואָס אַ מאָל שווערער נאָכצופּאָלגן די דייטשע מאַכינאַציעס און צו פּראָדוצירן די כסדר נייע גילטיקע קאַרטן.

באַזונדערס האָט אויפֿגעטרייסלט דאָס גאַנצע געטאָ די מעשׂה מיט די „געלע״ שיינען, וואָס זינט אָקטאָבער האָט זיי אַרויסגעגעבן דער דייטשער אַרבעטס־אַמט אויף אַ קאָאָרדינירטן אופֿן און צוגעטיילט צו פֿאַרשידענע

אונטערנעמונגען, נישט צו אַלע און אין אַ ווייט נישט־גענוגנדיקער צאָל, בסך הכל דריי טויזנט.[41] אויך דער יודנראַט האָט באַקומען אַ זייער באַ־גרענעצטן סכום פאַר זיינע אינסטיטוציעס און אַנשטאַלטן. אין דעם פּרט, און ווי אומעטום, האָבן די מענטשן מיט אַ טיפן ציטער געוואַרט אויף דעם „גזר דין" און ד"ר דוואָרזשעצקי, איינער פון זיי, האָט געשילדערט יענע פיינלעכע שטימונג, ווען די רעטונג פון איינעם, דער פסק פון לעבן, האָט באַטייט דעם טויט פאַר אַ צווייטן.[42]

דער „געלער" שיין האָט געגעבן זיין באַזיצער דאָס רעכט צוצשרייבן דעם פּאַרטנער, אַ פרוי אָדער מאַן און 2 קינדער ביז 16 יאָר אַלט. אָבער אַפילו דעמאָלט, ווען אַלע זענען אויסגעפילט געוואָרן מיט 4 פּערזאָן, איז נאָך אַלץ אין גוטע געטאָ פאַרבליבן אַ העלפט שיינלאָזע באַפעלקערונג, „נישט לעגאַלע"[43] און דער איינציקער וועג זיך צו באַשיצן איז געווען זיך צו פאַרבאַהאַלטן — פאַרשווינדן. אין יענע טעג, ווען עס איז באַוווסט געוואָרן וועגן דעם לעבנס־ווערט פון דעם „געלן" שיין, איז דאָס גאַנצע געטאָ פיבערדיק אַרומגעלאָפן, פאַרכאַפּט פון אַ פאַנישער זוכעניש: דער „גליק־לעכער" באַזיצער — זיך איינצושאַפן, אויב ער האָט נישט געהאַט, אַ „משפחה" פון נאָך דריי נפשות, וואָס מ'איז געווען באַרעכטיקט צו רעגיס־טרירן אין אַרבעטס־אַמט ביים יודנראַט, און די שיינלאָזע — צו געפינען אַ פּאַטראָן. מ'האָט געמאַכט פאַרשידענע קאָמבינאַציעס, דורכגעפירט פיק־טיווע חתונות, גירושין (גט'ן); די געהעריקע פּאַפּירן האָט מען אַרויסגענומען ביי דער יידישער פּאָליציי.

אין די קאָמענטאַרן, וואָס באַציען זיך צו די געשעענישן, שטרייכן אונטער די זכרונות־שרייבערס, דער עיקר די דערהויבנקייט, וואָס האָט זיך אַנטפּלעקט אין יענע אויסטערלישע אומשטאַנדן און ווייניקער די מאָראַלישע געפאַלנקייט. אַזוי ווייזט אָן מ. באַלבערישסקי, אַז מ'האָט צו־געשריבן צו די שיינען פון — „ליבשאַפט און מענטשלעכער גוטסקייט", אָבער אויך געווען פאַלן פון „שמוציקער האַנדלונג".[44]

ענלעך שרייבט א. סאָלאַווייטשיק: — „געווען פאַלן פון שטילער, גרויסער העלדישקייט, ווען מענטשן האָבן רעזיגנירט פון זייערע „געלע שיינען, כדי אַן אַנדערער זאָל זיך קענען ראַטעווען". ס'איז אויך געשען אַן איבערפאַל אויף איינעם און מ'האָט ביי אים אַרויסגעריסן זיין שיין אויף כוח.[45]

אַפּטע דערשיינונגען פון סאָלידאַריטעט איןליידן זענען געקומען צום אויסדרוק אין די מעלינעס, אין די קעלערן און אויף די בוידעמער, ווו מ'איז געזעסן לאַנגע טעג אין אויסטערלישע באַדינגונגען פון הונגער, דאָרשט, מאַנגל פון לופט. די טראַגישסטע און דראַמאַטישסטע מאָמענטן

פלעגן זיין בעת אַ געוויין פון אַ קינד, צי אַ הוסטן פון אַ קראַנקן, ווען די כאַפּונעס האָבן זיך געפונען נאָענט. דעמאָלט האָט זיך מאַניפעסטירט אַ סך „שטילע גבורה" — למשל, אַ מאַמע, וואָס האָט נישט געוואָלט איינשטעלן אַלעמען מחמת איר וויינענדיק קינד, איז אַרויס פון דער באַ־העלטעניש. זי איז פאַרכאַפּט געוואָרן און דעם בונקער נישט פאַרראַטן, 30 מענטשן זענען אָפּגעראַטעוועט געוואָרן. אין אַנדערע ערטער האָבן די מאַמעס אין אַזעלכע פאַלן איינגעשטילט און שוין אויף תמיד זייערע קינדער־לעך. אין אַלגעמיין, וואָלטן זיך מער מענטשן געקענט אַרויסרייסן פון די רוצחים, אָבער די משפחה־צוגעבינדנקייט האָט באַוויזן גאַכצוגיין די נאָענטע.

עס האָבן זיך אַנטפּלעקט „וווּנדערלעכע נשמה־אויפטרייסלונגען ביים ראַנד פון אונטערגאַנג".[46] געווען ווי דערמאָנט, אויך פאַרקערטע דער־שיינונגען, אָבער די ערשטע האָבן דאָמינירט. אַזוי האָט דאָס געטאָ אין אָנבליק פון אומקום זיך געראַנגלט מיט אַלע מיטלען פאַרן קיום.

די יונגעטשקע חלוצה צ. בירמאַן האָט געוואָלט ווי פאַרענטפערן דעם מעכטיקן לעבנס־אינסטינקט, וואָס ברויזט אויף מיט אַ באַזונדערער קראַפט פּנים אל פּנים מיטן אומקום, באַטאָנענדיק: — „ווען מען שטייט אויפן שוועל פון לעבן און טויט, ווערט דאָס לעבן אַזוי ליב, אַז מ'איז גרייט... צו לעבן ווי אַ הונט".[47]

*

די פאַרניכטונגס־פּאָליטיק לגבי די שיינלאָזע האָט באַאיינפלוסט דעם געדאַנקען־גאַנג און די האַנדלונג פון דעם יודנראַט אין דעם גרויסן געטאָ, אַז נאָר אַ דאַנק דער ווירטשאַפטלעכער נוצלעכקייט וועט זיך איינגעבן דאָס אָפּצוראַטעווען. אין הסכם מיט דעם איז געווען אַ טענדענץ און אַן אָנשטרענג צו באַשעפטיקן וואָס מער מענטשן.

דער יודנראַט האָט געגרינדעט אַ ריי וואַרשטאַטן און פאַבריקן, וואָס האָבן געאַרבעט פאַר די דייטשן, ווי קירזשנערײ, קאָנפעקציע, טעקסטיל, מעבל א"א. אַ סך פון די יידן, וואָס זענען געווען באַשעפטיקט אין דייטשע אונטערנעמונגען, האָבן געטאָן שווערע אַרבעטן, גערייניקט חורבות אדג"ל. די בעסטע אַרבעטן זענען געווען ביי די מיליטערישע איינהייטן, ווו מ'פלעגט באַקומען אַ ביסל עסן פון די זעלנערישע קיכן. צווישן די האָט זיך אויס־געצייכנט די איינהייט „די שניידער־שטובע", אָנגעפירט פון דעם זעלטן גוטהאַרציקן דייטשן אָפיציר אָסקאַר שיינברונער, וואָס האָט אָפּגעראַטעוועט הונדערטער יידן, אויך אַרויסנעמענדיק זיי פון דער לוקישקער תפיסה. די ערגסטע פּלעצער זענען געווען די ווייטע מחוץ דעם געטאָ, פון וואַנען מ'האָט נאָך לאַנגער האָרעוואַניע זיך אומגעקערט פאַרמאַטערט, הונגעריק און אַ מאָל

צעשלאָגן ביז בלוט, ספּעציעל דורך יונגע נאַציס. די איינציקע מעלה פון אַזאַ אַרבעט איז געווען די מעגלעכקייט אַריינצושמוגלען, הגם אונטער לעבנס-סכנה, עפּעס שפּייז אין אויסטויש פון זאַכן. די אַרבעט איז בדרך כלל געווען אַן אומזיסטע, נאָר פאַר פּראָדוקטן-צוטייל און אַ שייך.

דער אָפיציעלער קוואַנטום עסנוואַרג, וואָס די דייטשן האָבן באַשטימט אויף די שפּייז-קאַרטן פאַרן געטאָ, האָט אַפילו נישט געקלעקט אויף אַ מינימאַלע וועגעטאַציע, נאָר געווען אויסגערעכנט אויף אַ הונגער-טויט. אַזוי למשל, האָט לכתחילה די ברויט-ראַציע באַטראָפן אַ 50 גר. אַ טאָג. אויך אַנדערע פּראָדוקטן, ווי קאַרטאָפל, קרויט האָבן אַנטהאַלטן אַזעלכע מיקראָסקאָפּישע דאָזעס.[48] שפּעטער האָט דער יודנראַט איינגעפירט אַ געוויסע „צוגאָב-דערנערונג” פאַר די אַרבעטנדיקע. אָבער דאָס גאַנצע באַקומענע לעבנס-מיטל אויף אַ וואָך „האָט נישט געקלעקט אַפילו אויף צוויי טעג”[49] און אין דעם קליינעם געטאָ איז דערצו די ליפערונג פון דער באַשפּייזונג געווען אַ נישט רעגולערע.[50]

אין אָנפאַנג פונעם געטאָ האָט מען זיך דערנערט פון די רעזערוון, וואָס מ׳האָט אָנגעטראָפן אין די פאַרנומענע הייזער, שפּעטער פון זאַכן-אויס-פאַרקויף און שמוגל. מענטשן, וואָס זענען אָנגעקומען אין די שוין באַ-זעצטע דירות און כמעט אָן גאָרנישט, געצוווּנגען צו וואַרפן די פּעק אויפן וועג, האָבן געליטן עקסטרעמען הונגער. — „קאַרטאָפל-שאָלעכץ איז געווען אַן עסן פון מלכים” — האָבן געשריבן די מחברים פון דער דערמאָנטער „טרילאָגיע”.[51] מחמת דעם שאַרפן מאַנגל פון הייץ-מאַטעריאַל האָט מען צענומען און פאַרברענט חוץ דעם מעבל, אויך די פאַרענטשעס פון די שטיגן. שפּעטער האָט די אָרגאַניזירטע הילפס-אַרבעט באַוויזן צו לינדערן דעם פאַרצערנדיקן הונגער, אָבער נישט איינצושטעלן די פאַרניכטונגס-סטיכיע.

פּאַנאַר

אונטער די אָפּגעשלאָסענע מויערן זענען די דייטשן אַריבערגעגאַנגען צו אַ צענטראַליזירטן מאַסנמאָרד. די פאַרכאַפּונגען זענען געוואָרן עפטער און אויך אָנגענומען אַ ברייטערן מאַסשטאַב. זיי האָבן שוין אָנגעגריפן אַלע אָן אונטערשיד. מענער אין פרויען, יונג און אַלט זענען אונטער מערדערישע קלעפּ געטריבן געוואָרן צו פוס און שפּעטער אין לאַסט-וואַגנס אויסער דער שטאָט. ווער ס׳האָט זיך קעגנגעשטעלט איז דערשאָסן געוואָרן אויפן אָרט. צו דער דאָזיקער אַרבעט זענען די דייטשן און די ליטווינער אָפּט געקומען אָנגעשיכורט און אָנגערייצט, דערביי פלעגן די ערשטע זיך באַ-

גרענעצן צו דער צאָל, וואָס איז זיי באַשטימט געוואָרן צוצושטעלן, בעת די צווייטע האָבן געזוכט אַריבערצושטייגן דעם סכום.[52]

אויך פון די פּאַרטיעס, וואָס זענען אַרויס אויף אַרבעט מחוץ דעם געטאָ, פלעגן אַ סך פאַרשלעפּט ווערן אויפן וועג און מער נישט צוריק־קומען. מענטשן האָבן געלעבט ווי געפּלאָגטע חיות, אָן אַ רגע מנוחה און אין כסדרדיקן פּחד: די פאַרבליבענע אונטערן פּלויט — וועגן גורל פון די אַרויסגייענדיקע און פאַרקערט, אַלע צוזאַמען האָבן געפיבערט פון שרעק און בהלה פאַר די צעווילדעוועטע פאַרגראַמשטשיקעס, וואָס האָבן פון אומעטום געלויערט אויף יעדן ייד.

די קרבנות פלעגן פאַרטריבן ווערן צו לוקישקי אָדער דירעקט קיין פּאָנאַר. ווען עס זענען דערגאַנגען ידיעות וועגן דער ריכטונג פון די טראַנספּאָרטן, האָט מען געגלייבט, אַז דאָרט געפינט זיך אַ „דריט געטאָ". די דייטשן האָבן פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז די יידן ווערן אַרויסגעפירט אין אַרבעטס־לאַגערן און פּאָנאַר איז אײנער פון זיי. — „נישט געווען קיין קלאָרער באַגריף וועגן דעם, וואָס עס קומט פאָר אין פּאָנאַר. עס איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף מרדכין ד אָ ס אויפצוקלערן... אָבער ס'איז נישט מעגלעך געווען דאָרט אַהין אַריינצודרינגען". מ'האָט נאָר געוווּסט, אַז קורץ נאָך דעם ווי מ'האָט די מענטשן אַרויסגענומען אַהינצו, זענען זייערע מלבושים געבראַכט געוואָרן אין גרויסע וואַגאָנס אין שטאָט אַריין פאַר דעזינפעקציע־צוועקן.[53]

דער גרויזאַמער אמת איז אויפגעדעקט געוואָרן: אַלע עוואַקואירטע, אויך פון לוקישקי, זענען דאָרט דערשאָסן געוואָרן און באַגראָבן אין מאַסן־קברים אין דעם וואַלד פון פּאָנאַר, וואָס איז געווען אַ פּרעכטיק דאַטשע־אָרט, אַ 7 ק"מ פון ווילנע. אָנהייב מלחמה זענען דאָרט געמאַכט געוואָרן גרויסע גריבער פאַר מיליטערישע צוועקן און די נאַציס האָבן זיי איצט אויסגענוצט פאַר די מאַסן־עקזעקוציעס. חוץ דעם האָבן די געטריבענע פון לוקישקי דאָ געגראָבן פּאָסעס און אַרומגערינגלט דעם פּלאַץ מיט שטעכיקע דראָטן. די דייטשן האָבן זיי צוגעזאָגט נאָך דער אַרבעט אַהיים צו לאָזן, אָבער אַנשטאָט דעם האָט מען מיט אַ פייער פון קוילן־וואַרפערס אַלע געצוווּנגען אַריינצוגיין אין די גריבער. די שפּעטערדיקע גרופּעס האָבן זיי פאַרשאָטן מיט קאַלך און מיט אַ דינעם שיכט ערד.[54]

די ערשטע מאַקאַברישע ידיעות וועגן פּאָנאַר זענען געבראַכט געוואָרן דורך יחידים, וואָס האָבן זיך אַרויסגעריסן פון יענעם גיהנום. אָבער די ווייניקע דערשיטערטע צוהערערס האָבן עס אויפגענומען מיט אומגלויבן, ווי אַן אויסטראַכטעניש פון אַ קרענקלעכער פאַנטאַזיע. די נאָרמאַלע מוחות

האָבן נישט געקענט באַגרייפן דעם אויסטערלישן גרויל ווי אַ רעאַליטעט.

אָנפאַנג סעפּטעמבער זענען געקומען עטלעכע עדות מיט אַ מאָל. זעקס פאַרווונדעטע פרויען, צווישן זיי אַן 11־יעריק מיידעלע, האָבן זיך פון דאָרט אומגעקערט אין געטאָ. זיי זענען פאַרנומען געוואָרן בעת דער „גרויסער פּראָוואָקאַציע" קיין לוקישקי און פון דאַנען קיין פּאָנאַר. אין יענעם „לאַגער" האָבן די פרויען לאַנגע שעהן, ביז פאַר נאַכט, געוואַרט אויף זייער ריי נאָך די מענער און דעמאָלט מיט פאַרבונדענע אויגן צו 10, צוגעפירט געוואָרן צו די גריבער. מען האָט אויף זיי געשאָסן מיט אויטאָמאַטישע ביקסן. נאָכן אַוועקגיין פון די ליטווינער, אין דער טונקלקייט, זענען זיי אַרויס פון די גריבער און איינציקווייז אַריינגעגאַנגען צו די שכנותדיקע פויערים, וואָס האָבן די פאַרווונדעטע צוגעפירט קיין ווילנע.

אַחוץ דעם מאָמענט פון פיינלעכע ספקות אין דעם אמת פון דער רעלאַציע, האָבן אַ טייל געהאַלטן פאַר נייטיק אויסצובאַהאַלטן בסוד די שוידערלעכע מעשה אויס מורא, מ'זאָל די אָפּגעראַטעוועטע נישט פאַרכאַפּן ווידער, כדי אָפּצורוימען די עדות.

דער יודנראַט, צו וועמען אַזעלכע ידיעות זענען אויך דערגאַנגען שוין פריִער, האָט געהאַט אַן אינטערעס צו פאַרהוילן דאָס פאַר דער באַפעלקע־רונג, „כדי נישט צו זייען קיין בהלה", וואָס וואָלט געקענט שטערן דאָס איבערפירן פון די אומפּראָדוקטיווע עלעמענטן אין דעם צווייטן געטאָ און דורך דעם פאַרהיטן די עקסיסטענץ פון דעם ערשטן, דעם עקאָנאָמיש נוצלעכן.

ווען די פינצטערע בשורה איז דערגאַנגען צום שרייבער ה. קרוק, האָט ער אַ דערציטערטער זי פאַרצייכנט אונטער דער דאַטע פון 4־טן סעפּטעמבער אין זיין טאָגבוך און אַוועקגעשטעלט דערביי אַ פרעגצייכן. ווי אַנדערע, איז אויך אים געווען שווער צו דערלאָזן דעם קאָשמאַרן געדאַנק, אַז די פיל טויזנטער אַרויסגעפירטע זענען דערשאָסן געוואָרן אין פּאָנאַר. האָט ער דערביי צוגעגעבן אַ באַמערקונג, אַז עס ווערן פאַרשפּרייט סתירותדיקע קלאַנגען.

די דייטשן האָבן זיך באַנוצט מיט פאַרשידענע פאָרטלען צו דעזאָריענ־טירן די קרבנות. דער זעלבער מחבר האָט מיט אַ פּאָר חדשים שפּעטער פאַרצייכנט, אַז עס געשעען פאַלן, ווען מענטשן, פאַרכאַפּטע מיט אַ צייט צוריק, באַווייזן זיך מיט אַ מאָל מיט גרוסן. אַזוי למשל איינער, אַרויס־געפירט נאָך מיט אַ האַלב יאָר צוריק, איז „פאַרבייגעפאָרן די ווילנער גאַסן און אַלע, וואָס ער האָט אויפן וועג געטראָפן, געמאָלדן, אַז ער איז געזונט און איז אויף אַרבעט".[56]

קאָמענטירנדיק דעם פאַקט, וואָס דער ישוב האָט נישט געוואָלט גלייבן,

אַז די אַרויסגעפירטע זענען מער נישטאָ, שרייבט א. קאָוונער: — „האָט מען דאָך געבראַכט צו דער פּאָליציי „דאָקומענטן" וועגן דער עקסיסטענץ פון דעם דריטן געטאָ. די מאַמעס טרייסטן איינע די צווייטע, אַז ערגעץ דאָרטן לעבן זייערע קינדער. — „מיין זון איז דאָך אַזוי יונג און געזונט. ער וועט אַוודאי אויסהאַלטן"... ווייל ס'איז ביז איצט נישט געווען קיין ביישפּיל פון אַ מאַסן־שחיטה, ווייל זינט אַ לענגערע צייט עקסיסטירט דאָס וואַרשעווער געטאָ מיט אַ האַלבן מיליאָן נפשות און ביאַליסטאָק מיט אַ 40 טויזנט, האָבן זיך די ווילנער פאַרגעשטעלט, אַז ס'דערוואַרט זיי אַ לעבן פון ליידן, פּיינען, פּאָגראָמען, אָבער אַז מ'קען מאָרדן מיליאָנען — האָט זיך נישט געקענט פאַרשטעלן דער שוואַרצסטער געדאַנק. דאָס האָט דער מענטש נישט געקענט תופס זיין".[57]

ווען מ'האָט סוף אָקטאָבער געבראַכט פאַר י. גענס אַן אויטענטישן עדות, אַן אָפּגעראַטעוועטע פרוי פון פּאָנאַר, האָט ער איר צוגעזאָגט שטיצע פאַר דער גאַנצער משפּחה, אָבער באַפוילן קיינעם גאָר נישט צו דערציילן.

מיט אַן ענלעכער „טעכניק" פון טויט זענען אויך אומגעקומען צענדליקער טויזנטער יידן אין אַנדערע ליטווישע שטעט.

אין זיין בריוו־באַריכט, וואָס מ. טענענבוים האָט געשריבן צו דער הסתדרות, האָט ער זיך באַצויגן צו דעם טראַגישן מאַנגל פון יעטוועדער הילף פון דרויסן. פּונקט פאַרקערט, „אַ מויער פון האַס און שפּאָט, פון שאַנטאַזש און רויב" [58] האָט אַרומגערינגלט דאָס געטאָ, וואָס איז פאַרמשפּט געוואָרן צו ליקווידאַציע.

אַקציעס, יידישע פּאָליציי

אין דעם ווייטערדיקן פאַרניכטונגס־עטאַפּ איז אָנגעוואָנדן געוואָרן דער מעטאָד פון די א. ג. „אַקציעס". מ. טענענבוים האָט אָנגעוויזן אין זיינע שריפטן, אַז דער באַגריף, אין דייטש „אַקציאָן", האָט זיך ס'ערשטע מאָל פאַרשפּרייט אין ווילנע און באַטייט דאָס אַרויספירן צענדליקער טויזנטער יידן צום טויט.[59] בעת די אַקציעס זענען הייזער און גאַנצע קוואַרטאַלן געוואָרן אַרומגערינגלט און די מענטשן פאַרטריבן מיט געוואַלד.

די ערשטע אַקציעס האָבן אָנגעגריפן שיינלאָזע אין דעם גרויסן געטאָ, כדי זיי אַריבערצופירן אין דעם קליינעם און פאַרקערט — באַזיצערס פון שיינען מיט זייערע משפּחות פון דעם דאָזיקן צום ערשטן.

בכלל איז דאָס שאַפן פון צוויי געטאָס געווען אַ ראַפינירט מיטל צו מאַסן־פאַרטיליקונג, ווען בעתן „איבערזידלען" מענטשן פון איינעם אין צווייטן, זענען טויזנטער פאַריאָגט געוואָרן אין אַן אַנדערער ריכטונג — צום אומברענג.

דער ערשטער גרויסער בלוטיקער גירוש איז אַדורכגעפירט געוואָרן דעם 15־טן סעפטעמבער. ער איז געקומען נאָך דעם, ווי דער יודנראַט־פּראָזיצער, פריד, האָט געפּרוווט אינטערווענירן ביי די דייטשע מושלים מכוח דער שרעקלעכער ענגשאַפט אין געטאָ. ער האָט דאַמאָלסט באַקומען פון איינעם פון זיי, שווינענבערג, די תשובה, אַז „ענגשאַפט איז נישט קיין פּראָבלעם" און אַ באַפעל צוצושטעלן אַ קאָנטינגענט פון 2000 מענטשן אָן שיינען פאַרן צווייטן געטאָ.[60] אָבער נאָר 600 פון זיי זענען דערפירט געוואָרן צום באַשטימטן אָרט, אַלע אַנדערע זענען אַוועק מיט דעם מאַרטירער־וועג לוקישקי־פּאָנאַר.

די באַטייליקונג פון דער יידישער פּאָליציי אין דער אַקציע האָט אַרויס־גערופן אַ גרויסן אויפברויז ביי דער באַפעלקערונג. בעת דער דאָזיקער און די שפּעטערדיקע „רייניקונגס"־אַקציעס זענען פאַרנומען געוואָרן צום צווייטן געטאָ און דערנאָך גיך פון דאָרטן אַרויסגעפירט, אַ סך אַלטע און קראַנקע פון מושב זקנים, ווי אויך קינדער פון יתומים־הויז א"א. די „לעבעדיקע" טראַנספּאָרטן האָבן נאָך מער אונטערגעשטראָכן די „צווייטראַנגיקייט"[61] פון דעם קליינעם געטאָ און אָנגעפילט זיינע איינוווינערס מיט כסדרדיקן פחד פאַר דער פולשטענדיקער ליקווידאַציע.

אַחוץ די גרופּעס פאַכמענער, וואָס זענען איבערגעפירט געוואָרן אין דעם ערשטן געטאָ, פלעגן זיך אַהינצו אַריינשמוגלען אַנדערע מענטשן, כדי צו אַנטרינען פון דעם לויערנדיקן זיכערן אומקום.

דעם 1־טן אָקטאָבער, אין סאַמע טאָג פון יום־כיפּור, זענען אין ביידע געטאָס פאָרגעקומען אַקציעס. די יידן, פאַרזאַמלטע אין די שולן, האָבן דעמאָלט געגעבן די דייטשע און ליטווישע פאַרכאַפּערס אַ לייכטן פאַנג. אין דעם גרויסן געטאָ, ווו דער יודנראַט האָט באַקומען אַ באַפעל צו־צושטעלן שיינלאָזע, האָבן זיך אויפן רוף פון דער פּאָליציי גראָד געיאָוועט מענטשן מיט שיינען, מיט זייערע משפחות, איבערצייגטע אין זייער „אימו־ניטעט", אָבער אַלע זיי זענען פאַרשיקט געוואָרן קיין לוקישקי; פון די העכער 2000 זענען נאָר הונדערטער, די פאַכמענער א"א, פאַר אַ גרויסן כאַבאַר שפּעטער אויסגעקויפט געוואָרן דורך דער פאַרמיטלונג פון די אַרבעטגעבערס. דער פאַקט פון נישט רעספּעקטירן די שיינען האָט נאָך מער פאַרגרעסערט די בהלה און דעזאָריענטאַציע אינעם געטאָ, אָבער אָן אַ שיין איז דאָך בכלל נישט געווען קיין אויסזיכט צו בלייבן לעבן.

אינעם קליינעם געטאָ זענען במשך פון אָקטאָבער פאָרגעקומען נאָך עטלעכע אַקציעס, אין רעזולטאַט פון וועלכע דאָס איז, נאָך אַ 6־וואָכיקער עקסיסטענץ, אין גאַנצן פאַרניכטעט געוואָרן, אָבער אויך אויף ווייטער פאַר־בליבן אַ פאַסטקע, אַ מאַכינאַציע־פּונקט פאַר פרישע קרבנות. בלויז אַ קליינע

צאַל מענטשן האָט זיך דאַמאָלסט אָפּגעראַטעוועט אַ דאַנק די באַקומענע „געלע" שיינען און פאַר גרויסן אויסקויף־געלט אַריבער אין דעם געטאָ נר. 1. אַ טייל איז געבליבן פאַרבאַהאַלטן אין גוט מאַסקירטע סכראָנעס.

אין דעם גרויסן געטאָ איז באַלד נאָכן צעטיילן די נייע „געלע" שיינען, וואָס האָבן בטל געמאַכט אַלע אַנדערע, דעם 24־טן אָקטאָבער, אויסגעבראָכן אַן אַקציע. ס'איז געווען אַ פאַראָרדענונג, אַז אַלע באַזיצערס פון די „געלע" שיינען מיט זייערע משפחות, זאָלן זיך פאַרזאַמלען ביים געטאָ־טויער, פון וואַנען זיי זענען אַרויסגעפירט געוואָרן צו די אַרבעטפּלעצער אויסערן געטאָ. בשעת מעשה איז פאָרגעקומען אַ סעלעקציע פון די משפחה־מיטגלידער. די וואָס האָבן נישט אַטנשפּראָכן, לויטן איינזען פון די רעוויזאָרן, צווישן זיי פ. מורער, דעם אָנגעצייכנטן עלטער, זענען אַרויסגענומען געוואָרן פון די רייען און אָפּגעשיקט קיין פּאָנאַר.

אַן ענלעכער איבערזיכט און סעגרעגאַציע איז פאָרגעקומען אויפן הויף פונעם יודנראַט מיט זיינע באַשעפטיקטע, אָבער דאָ זענען געווען פאַר די אומלעגאַלע געוויסע מעגלעכקייטן זיך צו באַהאַלטן.

דאָס געטאָ האָט דעמאָלט געזאָלט פולשטענדיק אויסגעליידיקט ווערן פון מענטשן. די שיינלאָזע האָבן זיך טיף פאַרשטעקט אין די פאַרשידענע באַהעלטענישן, אָבער די יידישע פּאָליציאַנטן זענען געווען פאַראַנטוואָרטלעך מיט זייער לעבן, אַז קיינער זאָל נישט בלייבן אָן אַ „געלן" שיין. האָבן זיי געזוכט אין אַלע דירות, געריסן פּאָלן, געבראָכן ווענט און געפונען טויזנטער מענטשן, וואָס זענען אַרויסגעפירט געוואָרן קיין פּאָנאַר.[62]

סוף אָקטאָבער און אָנהייב נאָוועמבער זענען פאָרגעקומען ווייטערדיקע אַקציעס, בעת וועלכע יידן אָן „געלע" שיינען און שפּעטער אויך מיט אַזעלכע, זענען געבראַכט געוואָרן אין דעם קליינעם חרובן און פוסטן געטאָ. לויט די דייטשע פאַרזיכערונגען, האָט דאָס געזאָלט אויף ס'ניי „לעגאַליזירט" ווערן. דער טראַנספּאָרט פון די שיינלאָזע איז גלייך אַוועק אין דער ריכטונג פון לוקישקי — פּאָנאַר. דער צווייטער איז פאַרבליבן דאָרט דריי טעג. אין דער צייט זענען אַרויס פון די באַהעלטענישן אַ סך יידן, פאַרלאָקט פון די סימנים פון אַ באַנייט יידיש לעבן.

דעם 5־טן נאָוועמבער זענען אַלע, אָן אונטערשיד, צוריקגעפירט געוואָרן אין גרויסן געטאָ, ווו עס זענען דערווייל דורך די ליטווינער אויס־געפירט געוואָרן שטרענגע רעוויזיעס און אויפגעריסן אַ סך באַהעלטענישן.[63]

העלפט דעצעמבער איז פאָרגעקומען אַן אַקציע, וואָס הגם זי האָט אָנגעגריפן נאָר הונדערטער, האָט זי איבערגעלאָזט אַ זייער שווערן רושם אין געטאָ. עס זענען דעמאָלט פאַרנומען געוואָרן די אַרבעטערס, באַשעפ־טיקטע ביי דער געסטאַפּאָ, וואָס האָבן געהאַט די פּריווילעגיע צוצושרייבן

צו דער משפחה אויך די עלטערן און ברידער־שוועסטער ; כדי פּטור צו ווערן פון דעם „באַלאַסט", האָט מען זיי פאַרפירט קיין לוקישקי, פון וואַנען בלויז אַ טייל האָט זיך אומגעקערט און שוין מיט פאַרקלענערטע משפחות, אַזוי ווי ס'איז געווען דערלויבט ביי אַנדערע שיין־באַזיצערס. דער פאַקט האָט עדות געזאָגט, אַז אויך דער „געלער" שיין פאַרזיכערט נישט פון אומקום.[64]

די לעצטע אַקציע, אין חודש דעצעמבער, איז אַדורכגעפירט געוואָרן אין די טעג פון 20—22־טן. עס זענען שוין דאַמאָלסט געווען גילטיק אויך „ראָזע" שיינען, אַרויסגעגעבן פאַר די פאַמיליע־מיטגלידער פון די „געלע" שיינען און פאַר די שיינלאָזע, כדי צו „לעגאַליזירן" זייער מצב. אַ טייל מענטשן האָבן אָבער דאָס באַטראַכט פאַר אַ נעץ אַריינצוכאַפּן נאָך יידן און האָבן מורא געהאַט זיך צו רעגיסטרירן. אָבער נאָך פאַרן פאַרענדיקן די צעטיילונג, איז אויסגעבראָכן אַן אַקציע, די א. ג. „פון די ראָזע שיינען", וואָס האָט פאַרשלונגען נייע הונדערטער קרבנות.

נאָך דעם 22־טן דעצעמבער, נאָך דער אויסראָטונג פון העכער דריי פערטל פון ווילנער יידנטום, איז געקומען אַ לענגערער פעריאָד פון רעלאַטיווער סטאַביליזאַציע, בעת וועלכן עס זענען אָפּגעשטעלט געוואָרן די מאַסן־מאָרדן. דער באַשלוס איז געקומען אין רעזולטאַט פון דער באַדערפעניש פון דער דייטשער מיליטערישער מאַכט (ווערמאַכט) אין דער קוואַליפיצירטער אַרבעטקראַפט. ס'האָט דעמאָלט צייטווייליק געזיגט דער שטאַנדפונקט, וואָס האָט אָקעגן דעם פרינציפּ פון באַלדיקער אויסראָטונג אַרויסגערוקט אויפן ערשטן פּלאַן די עקאָנאָמישע אינטערעסן פון דעם דייטשן רייך.

*

די אויפפירונג פון דער יידישער פּאָליציי, וואָס האָט מצד דעם אַנאָנימען מעמואַריסט אַרויסגערופן אַ פאַרביטערטע און שאַרפע קריטיק, באַזונדערס בעת דער „אַקציע" מיט די „געלע" שיינען, האָט אין אַן אַנדערן מקור באַקומען אַ געוויסן פּאָזיטיוון אָפּרוף. אַזוי למשל האָט געשריבן באַלבע־רישסקי : „יידישע פּאָליציאַנטן האָבן אין אַ סך פאַלן געהאָלפן זיך ראַטעווען דעם אָדער יענעם, אין דער ערשטער ריי... אייגענע, באַקאַנטע, נו און פאַר געלט" און צוגעגעבן שפּעטער, אַז צווישן די פּאָליציאַנטן זענען געווען „מענטשן — אָרנטלעכע, אַנשטענדיקע, פעיקע",[65] וואָס האָבן נאָר געוואָלט איבערלעבן די פינצטערע צייט.

אין דעם זעלבן זין האָט באַריכטעט אַ צווייטער עדות, ה. קליאַטשקאָ, וועגן דעם קליינעם געטאָ : „מען דאַרף דאָ אונטערשטרייכן, אַז די יידישע

פּאַליציי האָט זיך אויפגעפירט זייער שיין, זיי האָבן באַהאַלטן און געהאָלפן זיך באַהאַלטן".[66]

דאַקעגן האָט קרוק באַצייכנט דעם קאָמענדאַנט פון דער פּאַליציי, גענס, ווי אַ ברוטאַלן נפש, אַ סאַדיסט, וואָס אונטער זיין אויפזיכט „שלאָגט מען, גנבעט און מען טוט... אַלץ דאָס בייז".[67]

לויט דער ווערסיע פון דער שומרישער טוערין זעלדע טרעגער, האָט גענס געהאָט „גוטע כוונות... זיין טענדענץ איז געווען צו ראַטעווען יוגנט", ווי לאַנג מ'קאָן, אפשר וועט אין צווישנצייט קומען די ישועה. אָבער מחמת זיין „נישט ריכטיקן צוגאַנג זענען אומגעקומען זייער אַ סך מענטשן".[68]

אויך דער אַקטיוויסט פון „הנוער הציוני", ב. רעזניק האָט זיך באַצויגן צו די אָפּט אַרויסגעבראַכטע באַהויפּטונגען מצד גענסן וועגן פאַרהיטן ביזן לעצטן מאָמענט די אינטעליגענץ, „די גוטע" און אַז ווען אַלץ וועט זיין פאַרלוירן— וועט ער אַליין אַרויספירן די יוגנט, דעם קעמפערישן אונטער־ערד און העלפן אים מיט וואָפן און זיין דערפאַרונג. רעזניק באַצייכנט אים ווי אַ „פּראָבלעמאַטישן טיפּ"[69]: פון איין זייט איז ער געווען אַ פאַררעטער, וואָס האָט זיך באַטייליקט אין אַרויספירן יידן פון די שטעטלעך קיין קאָוונע און אין אַנדערע אַקציעס. פון דער צווייטער אָבער, האָט ער נישט געמוזט אַריינגיין אין געטאָ, זיך געקענט אָפּראַטעווען, האָבנדיק אַ קריסטלעכע פרוי און אַ סך באַקאַנטשאַפטן אין די ליטווישע קרייזן. דער זעלבער עד־ראיה מיינט, אַז בעת מ'האָט גענסן אַרויסגערופן אין דער געסטאַפּאָ, האָט ער זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון, אַז דאָס איז צום טויט און דאָך איז ער נישט אַנטלאָפן.

דאָס אַלץ וואָלט עדות געזאָגט וועגן אַ געוויסער צעשפּאָלטנקייט פון גענסעס פּסיכיק און כאַראַקטער, פון דער ווירקונג פון פאַרשידענע מאָטי־ווירונגען אין אים.

גענס, ווי אַ טייל פּאָליציאַנטן, און אויך דער יודנראַט האָבן זיך געלאָזט פאַרפירן דורך די דייטשע צוזאָגן און געגלייבט, אַז מיט דיסצי־פּלינירטער אַרבעט, געהאָרכזאַמקייט און מיט ריזיקן שוחד פאַרגרעסערט מען די שאַנסן פון איבערלעבן. אין דער אָפיציעלער יידישער צייטונג „געטאָ־ידיעות" פלעגן זיך באַווייזן אַפּעלן: „אַכטונג געטאָ־יידן! געדענקט, אַז אַרבעט שפּאָרט בלוט!"[70]

אין דער פּאָליציי האָבן זיך אויך אַנגעשלאָסן מאָראַליש פאַרדאָרבענע עלעמענטן, וואָס האָבן געזוכט צו שלאָגן קאַפּיטאַל פון יענעם גרויזאַמען אומגליק.

דאַקעגן האָט דער אָפיציר פון דער געטאָ־פּאָליציי, י. מושקאַט (אַזוי ווי י. גלאַזמאַן), מיטגעאַרבעט מיט דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג[71] און דער

עיקר געווען פון די גרינדערס פון קינדער־אַנשטאַלטן, זיך פאַרנומען מיט די פאַרוואָרלאָזטע יתומים, נאַקעטע און באָרוועסע און געזאָרגט נישט בלויז פאַר אַ שטיקל ברויט פאַר זיי, נאָר אויך פאַר זייער גייסט. — „און דאָס איז געווען זייער אַ סך אין געטאָ" — האָט באַהויפּטעט ז. טרעגער. אגב, האָט מושקאַט אויך שפּעטער, אין די עסטאָנישע לאַגערן, אָרגאַניזירט אַ קינדער־גרופּע צו הילפס־אַרבעטן.[72]

די אָרגאַניזאַציאָנעל־פּאָליטישע טעטיקייט

זינט די ערשטע טעג פון דער דייטשער אָקופּאַציע האָט די יידישע אָרגאַניזירטע געזעלשאַפט אַנטקעגנגעשטעלט דער דייטשער פאַרניכטונגס־אַרבעט קאָנסטרוקטיווע פּלענער און אַן אומגעהייער שווערן געראַנגל פאַר אַ ווירדיק לעבן אין די ערגסטע באַדינגונגען פון אומקום.

ווי דער אָנפירער פון „דרור", האָט טענענבוים געפילט אויף זיך די אחריות פאַר דעם פיזישן און גייסטיקן קיום פון דער באַוועגונג בכלל און פון זיין קיבוץ בפרט.

אין אָנבליק פון דער גרויסער נויט האָט זיך קודם כל געפאָדערט צו אָרגאַניזירן הילף, כדי צו באַשיצן די יוגנטלעכע פון פיזישן אונטער־גאַנג. מ'האָט געדאַרפט באַזאָרגן מיט עסן, מיט אַ דאַך איבערן קאָפּ און מיט עפּעס אַן אַרבעט. עס זענען לכתחילה פאַרקויפט געוואָרן די איבער־געבליבענע מאַשינען און מכשירים פון „שחריה" און פאַרן געלט האָט מען איינגעשאַפן מעל. ס'איז אויך געגרינדעט געוואָרן אַ קאַסע פאַר קעגנ־זייטיקער הילף.[73]

טענענבוים איז אַריין אין דעם גרויסן געטאָ און געוווינט דאָרטן אין אַ קליין צימערל אויף סטראַשון־גאַס נר. 15 צוזאַמען מיט אַ גרופּע חברים, צווישן זיי ע. באָראַקס, י. לעביעד, ר. קאַרטשאַק פון „השומר־הצעיר" און נאָך אַנדערע. דאָס צימערל האָט זיך באַלד פאַרוואַנדלט אין דעם צענטער פון דער באַוועגונג.[74]

פון דעם שומרישן אַקטיוו איז ער געווען ספּעציעל צוזויפגעלעבט מיט עדעק (אליהו) באָראַקס.[75] דאָס איז געווען אַן אויסנעמלעכער טיפּ פון אַ חלוץ און אידעאַליסט, אַ שרעקלאָזער קעמפער, פול מיט רעוואָלוציאָנערן ברען. זיין קאָמפּראָמיסלאָזיקייט און שטאַרקע אינדיווידואַליטעט פלעגן אים דערפירן צו קאָנפליקטן מיט די חברים און אויך מיט מרדכין, אָבער דאָס האָט נישט געשטערט דער טיפער פריינדשאַפט און סימפּאַטיע צווישן דיביידע טוערס

אַ טייל חלוצים זענען פאַרבליבן אין געהיים אויף דער פאַרם אין

וואָלאָקומפּיע, צענדליקער פלעגן זיך דאָרט אויסבאַהאַלטן אין דער צייט פון אַ סכנה.

אין געטאָ האָט מען זיך איינגעאָרדנט אין גרופּעס און קעגנזייטיק אַרויסגעהאָלפן. טעמאַ שניידערמאַן איז געבליבן ווײַגען מחוץ דעם געטאָ צו קענען שטיצן די חברים פון דרויסן און אויך אָנצוהאַלטן אַ פאַרבינדונג מיט אַנדערע יידישע ישובים.

נישט געקוקט אויף דעם אויסטערלישן אַלגעמיינעם מצב, האָט טענענבוים באַלד אין אָנפאַנג, מיטן אויסבליק אויף אַ בעסערע צוקונפט, ווי נאָר ס'איז געגעבן געוואָרן אַן אָטעם־פּויזע, אָנגעצייכנט פאַר זיך ברייטע אָרגאַניזאַציאָנעלע פּלענער, וואָס האָבן באַצוועקט צו קאָאָרדינירן אַלע חלוצישע עלעמענטן. קודם־כל האָט זיך פאַר אים אַרויסגערוקט דער פּראָבלעם פון איבערפירן די חלוצישע באַוועגונג, וואָס איז אָנדערטהאַלבן יאָר געווען אין סאָוויעטישן אונטערגרונט, אויף נייע אַרבעטס־פאָרמען און אויסברייטערן אירע ראַמען דורך פאַראייניקן די מיטגלידער פון סניף און הכשרה פון פאַר דער מלחמה מיט די לעצטנס צוגעקומענע און די גרעינים (קערנדלעך־גרופּעס), אָפּשטאַמיקע פון די מזרח־שטחים (אוקראַינע, ווייס־רוסלאַנד) מיט די מערבדיקע (ליטע, לעטלאַנד). אַזאַ אוניפיקאַציע פון דער גאַנצער חלוצישער מחנה האָט געדאַרפט „טראָגן הויך — בפני עם ועדה — די פאָן פון ציוניזם און נאַציאָנאַלער קולטור"[76] — האָט טענענבוים באַ־ריכטעט (אין זיין בריוו צו דער הסתדרות).

אַחוץ די גרויליקע באַדינגונגען, וואָס האָבן, בכלל גענומען, גורם געווען דעם אָרגאַניזאַציאָנעלן פונאַנדערפאַל פון דער יוגנט און די אָפּ־שוואַכונג פון איר גייסט, איז דאָ צוגעקומען נאָך אַ באַזונדערע שוועריקייט. זי איז באַשטאַנען אין דעם, ווי ער האָט ווייטער אויפגעקלערט, אַז „ווען אין דעם גענעראַלגובערנאַמענט האָט די באַוועגונג נאָך געהאַט אַ נאַטירלעכן המשך, די פאַרבינדונגען מיטן מרכז זענען געווען איבערגעריסן נאָר אויף אַ פּאָר וואָכן, צי חדשים — האָט מען דאָ געמוזט אַלץ אָנפאַנגען פון בראשית". דערצו האָט זיך נאָך מער ווי פריִער געפילט אַ שאַרפער מאַנגל אין קאַדרעס. מען האָט זיך געקענט שטיצן בלויז אויף אַ קליין הייפעלע פון אויסגעפּרווטע מענטשן.

טראָץ די זייער גרויסע שטרויכלונגען, וואָס האָבן זיך געמערט פון טאָג צו טאָג, איז די אַרבעט נישט אָפּגעשטעלט געוואָרן.

צ. בירמאַן האָט געשילדערט דאָס פאָלגנדיקע וועגן דער תקופה נאָכן אַנטשטיין פונעם געטאָ: — „גלייך האָט זיך די באַוועגונג אויפגעזאַמלט כדי צוזאַמען באַטראַכטן, וואָס צו טאָן. צ"א איז באַשלאָסן געוואָרן צו שאַפן אַ קיך, געבן אַן אינהאַלט דער בלאָנדזשענדיקער יוגנט אין די שמאָלע

געסלעך אין געטאָ... אין חורבות פון דעמאָלירטע הייזער, צווישן אָפּגע־ריסענע און צעבראָכענע ווענט... געקומען אויף מינוטן, באַשלאָסן וואָס מיר טוען און ווייטער זיך צעלאָפן אין די ווינקעלעך. נישט באַוויזן זיך אויסרוען פון איין אַקציע און די צווייטע האָט זיך שוין אָנגעהויבן״.[77] די גרעסטע צאָל חלוצים — האָט דערציילט ווייטער צ. בירמאַן — איז אַריינגעפאַלן בעת דער ערשטער אומגעריכטער אַקציע. אין די שפּעטער־דיקע האָט מען זיך שוין אָריענטירט, ווי אַזוי זיך צו פאַרשטעקן אין די באַהעלטענישן. די איבעררייסן צווישן די אַקציעס, די טעג פון רעלאַטיווער שטילקייט, האָט מען אויסגענוצט אויף אַן אינטענסיווער אידעישער און אָרגאַניזאַציאָנעלער טעטיקייט.

שוין אין די ערשטע טעג פונעם געטאָ איז דערגרייכט געוואָרן די פאַראייניקונג פון דער חלוצישער יוגנט, צו ערשט פונעם „דרור״, רעפּ־רעזענטירט דורך מ. טענענבוים, מיטן „השומר הצעיר״ — דורך ע. באַראַקס און שפּעטער אויך מיטן „הנוער הציוני״ בראש מיט ג. רעזניק.

— „די נשמה חיה פון דער חלוצישער קאָאָרדינאַציע, וועגווייזער און קאָנצענטרירער איז געווען מרדכי טענענבוים״...[78]

אַ וויכטיקן אָנשפּאַר און טרייבקראַפט פאַר דער פּלאַנירונג און פאַר־ווירקלעכונג פון פאַרשידענע געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישע איניציאַטיוועס האָט טענענבוים געפונען אין דער „פּועלי־ציון—התאחדות״. מיט איר אונטער־שטיצונג איז קאָנסאָלידירט געוואָרן דער לאַגער פאַרן אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל. אין דעם אַנטשפּרעכנדיקן קאָמיטעט, געגרינדעט דעם 10־טן סעפּטעמבער 1941, וואָס האָט געזאָלט מיט זיך פאַרשטעלן דעם ערשטן שטאָפּל פאַר דער אוניפיקאַציע פון אַלע אָפּעראַטיווע כוחות אין געטאָ, האָבן י. צינצינאַטוס און ד״ר מ. דוואָרזשעצקי פאַרטרעטן די פּאַרטיי, מ. טענענבוים — דעם „דרור״ און י. לעביעד — דעם „השומר הצעיר״. די לייטונג איז געשטאַנען אין פּערמאַנענטן קאָנטאַקט מיט דער א. ג. „פּעריפעריע״. צו די צילן פונעם קאָמיטעט האָבן געהערט צ״א דאָס מוטיקן און שטאַרקן מאָראַליש די געטאָ־באַפעלקערונג, אין דער ערשטער ריי די יוגנט, און וועקן דעם נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין. מ׳האָט באַשלאָסן צוצוגרייטן דעם באָדן פאַר אַ באַוועגונג, וואָס זאָל ווירקן לטובת אַ מאַסן־עליה גלייך נאָכן פאַרענדיקן דעם קריג. אין די ראַמען פונעם הילפס־קאָמיטעט זענען געמאַכט געוואָרן גרויסע אָנשטרענגונגען צו לינדערן די נויט אין געטאָ און אין רעזולטאַט זענען געגרינדעט געוואָרן די פאָלקס־קיכן, וואָס האָבן אַרויסגעגעבן אַ גרעסערע צאָל אומזיסטע מיטאָגן. אין די ראַמען פון סאָציאַלער שטיצע זענען אויך איינגעשלאָסן געוואָרן מענטשן פון גייסט און פען, געזעלשאַפטלעכע עסקנים.

די קיך אויף סטראַשון־גאַס נר. 2 איז, חוץ איר אייגנטלעכער פונקציע, געוואָרן אַן אָרגאַניזאַציאָנעלער צענטער. מ׳האָט זי טאַקע גערופן „די חלוצישע", אָדער „די ציוניסטישע", וואָרעם זי האָט זיך פאַרוואַנדלט אין דעם וויכטיקסטן טרעפפּונקט פון דער יוגנט; אונטער דעם קאַמופלאַזש פון אַ קיך, זענען דאָרט פאָרגעקומען געהיימע זיצונגען, פאַרזאַמלונגען א״א.

די וויטערדיקע באַמיִונגען אין דער ריכטונג פון אויסברייטערן די צוזאַמענאַרבעט אין געטאָ האָבן דערפירט צו דער שאַפונג פון אַ קערפּערשאַפט א. נ. „דאַך", וואָס האָט אַרומגענומען אַלע ציוניסטישע גרופּירונגען מיטן צוועק צו קאָאָרדינירן און דיריגירן זייער גאַנצע טעטיקייט. קיין שום ציוניסטישער אַרויסטריט פון אַלגעמיינעם כאַראַקטער איז נישט געווען דערלויבט אָן דער הסכמה פון דעם „דאַך". אין אים האָט טענענבוים רעפּרעזענטירט די גאַנצע חלוצישע באַוועגונג.

אַחוץ דעם בשותפותדיקן אָנשטרענג צו זאָרגן פאַרן גורל פון די אָרעמערע און שוואַכערע עלעמענטן, באַזונדערס די קינדער, און פאַרן איינשאַפן אַרבעטפּלעצער פאַר די יוגנטלעכע, האָט דער „דאַך" אָנגעצייכנט אַ ברייטן פּראָגראַם פון קולטור־אַרבעט, פאַרטיפונג פון דער נאַציאָנאַלער דערציִונג און פּאָפּולאַריזירונג פון דער העברעיִשער שפּראַך. פאַר דער אויפגאַבע איז ספּעציעל געגרינדעט געוואָרן דער „ברית עברית" און אין דער ערשטער לייטונג איז אויך אַרייַן מ. טענענבוים.[79] אויף אַזאַ אופן האָט דער „דאַך" מיטגעווירקט פאַרן אַרויפלייגן אַ ווירדיקן חותם אויף דעם גאַנצן געטאָ־לעבן.

מיט דער צייט איז דער קאָמיטעט אויסגעוואַקסן און אויסגעברייטערט געוואָרן דורך איינשליסן אַנדערע פּאָליטישע ריכטונגען, אויך די אומפּאַרטייִשע און שפּעטער די רעליגיעזע. אַלע צוזאַמען האָבן צונויפגעשטעלט אַ פאַרייניקטן פּאָלקס־פראָנט, וואָס האָט מיט אַלע מיטלען געזוכט צו פאַרהיטן פון אַ הונגער־טויט און צו שטיין אויף דער וואַך פון די גייסטיקע און נאַציאָנאַלע ווערטן פון דער „ירושלים דליטא", אויפשטעלנדיק אין דער קאָשמאַרער געטאָ־ווירקלעכקייט אַ נעץ פון דערציִונגס־ און קולטור־אַנשטאַלטן מיט פאַרשידענע אונטערנעמונגען.

דער „החלוץ", ווי אַ סטימולירנדיקער פאַקטאָר אין דער אַנטשטייונג פון צווישן־פּאָליטישע קערפּערשאַפטן, פלעגט באַאייַנפלוסן די אידעאָלאָגישע ריכטליניעס און די פּרינציפּיעלע שטעלונג פון די קרובהשע אָרגאַניזאַציעס אין באַצוג צו געווויסע פראַגעס. אַזוי למשל, תיכף נאָך דער קאָנסטיטויִרונג פון יודנראַט און שפּעטער פון דער יידישער פּאָליציי, האָט „פּועלי־ציון — התאחדות" אויסגעדרוקט איר נעגאַטיווע באַציונג צו דיביידע, זיי פאַרורטיילט, ווי אויספיר־אַפּאַראַטן פון די נאַציס און פאַרבאָטן אירע מיט־

גלידער אַריינצוטרעטן אין זייער דינסט, סיידן איינצלנע, געשיקטע אַהין פאַר אויסשפיר־צוועקן. דאַקעגן האָט זי פאַרפליכטעט אירע חברים מיט־צואַרבעטן אין דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג.

„מרדכי טענענבוים־טאַמאַראָף איז געווען די צענטראַלע און ממש לעגענדאַרע פיגור פון אונטערערד אין ווילנער געטאָ... דאָס צימערל אויף סטראַשון־גאַס נר. 15, איז געוואָרן אַ צענטער פאַר געהיימע זיצונגען. פון דאָרט האָט מרדכי אַרויסגעשיקט אין די ערשטע טעג פון געטאָ אַ גרופּע חלוצים קיין וואָלין. דאָרט איז אויך געפאַלן דער באַשלוס אַרויס־צושיקן שליחים אין געטאָ וואַרשע און אין אַנדערע געטאָס. שפּעטער האָט מרדכי זיך איבערגעקליבן אין אַ געהיים צימערל, וואָס איז אויף גיך אויפגעשטעלט געוואָרן אויף אַ בוידעם אויף סטראַשון־גאַס נר. 2. דאָרט זענען אין די נעכט פאַבריצירט געוואָרן פאַלשע טאָטערישע, קאַראַימישע און פּוילישע פּאַספּאָרטן, אַרבעטס־שיינען, פּאַסיר־שיינען און פאַלשע רייזע־דערלויבענישן איבער די באַנען מיט נאָכגעמאַכטע געסטאַפּאָ־שטעמפּלען" [80] — האָט געשריבן ד"ר דוואָרזשעצקי.

טענענבוימס נאָמען, זעט אויס, איז שוין דעמאָלט געווען באַקאַנט און פּרעסטיזשירט אין געוויסע געזעלשאַפטלעכע קרייזן אויך מחוץ דעם ווילנער געטאָ. אַלס פּועל יוצא, פלעגן אונטער זיין אַדרעס צוגעשיקט ווערן פאַרשידענע זאַכן און מאַטעריאַלן. אויף דעם וועג איז אַריינגעפלאָסן אַן עקאָנאָמישע אונטערשטיצונג פאַר דער חלוצישער באַוועגונג מצד דעם פּאַרטיי־פּאַרזיצער מ. כמיעלניק פון ביאַליסטאָק, וואָס טענענבוים האָט געהאַט באַזוכט נאָך אין דער סאָוויעטישער תקופה.[81] ד"ר קאַגאַן פון באַראַנאָוויטש האָט געגעבן זיין ביישטייערונג אין דער פאָרעם פון אַ גאָלדענעם זייגער.[82]

צו יענער צייט האָט טענענבוים דערהאַלטן אַ העברעיִשן בריוו פון י. צוקערמאַן פון וואַרשע וועגן דער טעטיקייט פון חלוציִשן אונטערערד, די הכשרה־קיבוצים און פּרוּוון צו אָרגאַניזירן אַן עליה. דער דאָזיקער, איבערגעלייענט אויף די פאַרזאַמלונגען פון דער יוגנט און פון דער פּאַרטיי פּועלי־ציון — התאחדות, האָט געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק און באַוויזן די בשותפותדיקייט פון דעם געדאַנקען־גאַנג און פון די אויפגאַבעס.[83]

די אָפּטקייט און גרויזאַמקייט פון די גירושים האָט צו נישט געמאַכט אַלע אָנגעצייכנטע אַרבעטס־פּלענער. — „די חברים פלעגן זאָגן, אַז זיי האָבן מורא זיך צונויפצוקומען אויף אַ זיצונג, ווייל נאָך יעדן באַשלוס קומט... אַן „אַקציע"" [84] — האָט געשילדערט טענענבוים מיט גאַליקן הומאָר אין זיין בריוו צו הסתדרות יענע אומשטאַנדן. „אין די טעג פון די פּאָ־גראָמען — האָט ער ווייטער געשריבן — האָבן מיר „געוואַכט" איבער

אונדזערע מענטשן, איבערן געזעלשאַפטלעכן אַקטיוו אין ירושלים דליטא״. אין די רויקע — איז אָנגעגאַנגען „די אַרבעט פון בויען דעם סניף, דאָס אַרויסגעבן שריפטן, דער געראַנגל מיטן יודנראַט אאז״וו״.

טענענבוים אַליין איז אָפט אַנטקעגנגעגאַנגען יעדער געפאַר און זיך געראַטעוועט אַ דאַנק זיין חריפות און דרייסטקייט. אגב, איז דאָס לעצטע געווען אייגן דער גאַנצער חלוצישער יוגנט־גרופּע.

צ. בירמאַן האָט איבערגעגעבן וועגן יענער צייט: — „יעדער פון אונדז איז פיל מאָל געפירט געוואָרן אין דער פאַרטיע צום טויט. כמעט אַלע האָבן זיך אַרויסגעריסן און אַנטלאָפן, מיר זענען געווען פון די אייבציקע, וועלכע זענען געווען זיכער, אַז מ׳פירט צום טויט... פיל זענען געראַטעוועט געוואָרן אַ דאַנק דער אייגענער געשווינדקייט. מערסיק איז דריי מאָל געפירט געוואָרן און אַנטלאָפן, מ׳האָט אים נאָכגעשאָסן, געכאַפּט, אָבער דער כוח פון וועלן בלייבן לעבן האָט איבערגעשטיגן און ער האָט זיך אַרויסגעריסן. מרדכי איז איבער דעכער געלאָפן און זיך אַרויסגעריסן. ער איז אַנטלאָפן צו אַ פּוילישן לערער, דאָרט געווען אַ פּאָר טעג און דערנאָך געשפּאַנט איבער די ווילנער גאַסן אַלס פּאָליאַק״.

אַזוי אַרום איז טענענבוים געבליבן אַ געוויסע צייט אויסערן געטאָ. דער שנעלער טעמפּאָ פון פאַרטיליקונג האָט אים באַוויגן צו שיצן זיין גרופּע מחוץ דעם געטאָ. ער איז ווידער אַרויס אויף דער אַרישער זייט און אַ דאַנק פּראָטעקציע פון פּוילישע פריינד באַקומען אַלס אַ קריסט אַן אַרבעט פון אַ וועכטער אין אַ ווילע פון אַ געוועזענער מוניציפּאַלער קאָלאָניע, וואָס איז געשטאַנען אין אַ וואַלד. נאָכן באַקומען דעם שליסל פון דער ליידיקער דירה, האָט ער אַהין, אין אַ פּראָסטיקער נאַכט, איבער־געפירט זיינע חברים. דאָרטן זענען די חלוצים געזעסן באַהאַלטן צוויי וואָכן, געליטן הונגער און קעלט און נאָר ביי נאַכט זיך פרייער באַוויגן. זיי האָבן זיך געזאַמלט אונטער די קלאַנגען פון פייפן פון באַקאַנטן ליד: „שם בעמק״.[85]

אין דעם אָנשטרענג מציל צו זיין די יוגנט פון אַ הונגער־טויט, האָט טענענבוים זיך דעמאָלט דערשלאָגן צום יודנראַט און פון אים באַקומען אַ געוויסע אונטערשטיצונג פאַר דער באַוועגונג.

די טראַנספאָרמאַציע אין „טאַמאַראָף״

טענענבוים, וואָס פלעגט פריער, אין דער ליטווישער און סאָוויעטישער תקופה, אָפט אַרומפאָרן איבער די יידישע ישובים, האָט אין די נייע גרויזאַמע באַדינגונגען נאָך עקשנותדיקער געזוכט אָנצוהאַלטן קאָנטאַקטן מיט די אָפּגעשלאָסענע געטאָס. זיין געזיכט מיט בולטע סעמיטישע שטריכן און מיט ברענענדיקע יידישע אויגן, האָט אים נישט דערלויבט אָנצוגיין

פֿאַר אַ פּאָליאַק. דעריבער האָט ער באַשלאָסן זיך צו פֿאַרשטעלן פֿאַר אַ קאַראַ‏ִמער.

באַקאַנט אַ ביסל מיט זייער אמונה און מנהגים פֿון די אָריענטאַלישע שטודיעס, האָט ער זיך געוואָנדן צו דער קאַראַ‏ִמער געמיינדע מיט אַ דרייסטן פּרוּוו צו באַקומען אַן אויטענטישן דאָקומענט אַלס זייער גלויביקער.

די קאַראַ‏ִמער,[86] אַ גאַנץ גרויסע קהילה אין ווילנע, זענען דורך די דייטשן נישט באַטראַכט געוואָרן פֿאַר קיין יידן און האָבן געוווינט אויסערן געטאָ. אין דער ערשטער געטאָ־תקופה האָט דער אונטערערד געמאַכט פֿאַלשע דאָקומענטן פֿון קאַראַ‏ִמער און בשעת די אַקציעס פּלעגן זייערע באַזיצערס אַרויסגיין אויף דער אַרישער זייט. אָבער שפּעטער זענען אַרומ־געגאַנגען שמועות, אַז דער קאַראַ‏ִמער גייסטיקער פֿירער, דער „חכם", האָט צוגעשיקט אין דער געסטאַפּאָ אַ נאָמענטלעכע ליסטע פֿון אַלע מיטגלידער פֿון זיין געמיינדע מיט די אַדרעסן, וואָס האָט דערמעגלעכט אויסצוגעפֿינען די פֿאַלסיפֿיצירטע. עס זענען נאָך דעם דורכגעפֿירט געוואָרן רעוויזיעס און אַ סך יידן זענען אַרויסגעפֿירט געוואָרן צום טויט. ענלעך האָט זיך געזאָלט אויפֿפֿירן דער מוסולמענישער מופֿטי.

כאַראַקטעריסטיש איז דער פֿאַקט, אַז ווען די באַשטימטע דייטשע אינסטאַנץ האָט געפֿאָרשט דעם קאַראַ‏ִמישן אָפּשטאַם, האָט דער אַרויס־גערופֿענער אַלס עקספּערט, זעליק ה. קאַלמאַנאָוויטש, אַן אויטאָריטעט אין יודאַ‏ִזם, געפּסקנט, כדי זיי צו שיצן פֿון אומקום, אַז די סעקטע האָט גאָרנישט קיין געמיינזאַמעס מיט דער סעמיטישער ראַסע און יידישן פֿאָלק.[87]

אויף זיין ווענדונג צום „חכם" און שפּעטער צום מופֿטי וועגן אַ דאָקומענט, האָט טענענבוים באַקומען נישט בלויז אַ שאַרפֿן אָפּזאָג, נאָר אויך אַ דראָונג פֿון אַרויסגעבן אים דער פּאָליציי. —„זיי האָבן נישט געוואָלט טאָן קיין שום טובה די יידן" — האָט פֿאַרצייכנט דער אַנאָנימער מחבר.[88]

אין אַזאַ לאַגע האָט טענענבוים זיך אַליין געמאַכט אַ פּאַס פֿון אַ טאָטער אויפֿן נאָמען יאָסיף, יוזעף אָדער יוסעף (JUSEFF) מיטן פֿאַמיליע־נאָמען טאַמאַראָף (TAMAROFF) פֿון טעמאַ־טאַמאַראַ מיט אַ טאָטערישער ענדונג.[89]

מיט זיין דאָקומענט האָט מרדכי געקענט וווינען אויף דער אַרישער זייט, אָבער, הגם ער איז דאָרט פּאָליציייִש געווען געמאָלדן, האָט ער נישט געוואָלט פֿאַרלאָזן דאָס געטאָ. דאָ פּלעגט ער אָפֿט בייטן דעם אַדרעס; אַפֿילו געהאַט צוויי וווין־פּלעצער, אָבער זיך נישט רעגיסטרירט אויף קיין איינעם, כאָטש ער האָט באַזיצט גילטיקע שיינען.[90]

אין דער ראָל פֿון אַ שליח פּלעגט ער אַרומפֿאָרן זייער אַ סך מיט זיין פֿאַלשן דאָקועמנט. ער האָט אָפֿט געטאָן זיין אַרבעט זעלבשטענדיק, אָן

באַראַטן זיך מיט קיינעם, כדי ניש צו פאַרלירן קיין צייט, געפילט די נאָענטקייט פון דער טויט־ברענגענדיקער סטיכיע און געטריבן פון איילעניש, צו מאָל מיטן כוח פון אייגענעם אויטאָריטעט זיך געמעכטיקט אויף וויכטיקע דעציזיעס.

— „מיט אַ מאָל פלעגט ער פּלוצעם פאַרשווונדן ווערן פון געטאָ און צוריק קומען מיט פּאָליטישע נייעסן און קאָנטאַקטן מיט פּוילישע אַנטי־נאַצישע סאַבאָטאַזשניקעס, ווי אויך מיט דייטשע אַנטיהיטלעריסטן...

שטענדיק מוטיק, רירעוודיק און מיט אַ באַצויבערנדיקן, געהיימעניש־פול־שמייכלדיקן פּנים. — אַלע האָבן זיך באַצויגן צו אים מיט טיפער באַוווּנדערונג, אַכטונג און ליבע".[91]

זיינע עפנטלעכע אַרויסטריטן פלעגן אַרויסרופן אַ באַזונדערן אינטערעס אין דעם ציוניסטיש־סאָציאַליסטישן לאַגער, וועגן וואָס עס זאָגט עדות די פאָלגנדיקע שילדערונג פון ד״ר דוואָרזשעצקי: — „1941, חנוכה. אַקאָרשט נאָך אַ גרויסער ,אַקציע׳ און אַרויספירונגען אויף פּאָנאַר... אין אַ קליינעם, באַהאַלטענעם צימערל אין די טעכנישע וואַרשטאַטן, האָבן מיר זיך פאַר־זאַמלט אַ קרייז חברים צו פייערן דעם יום־טוב חנוכה און אין חושך פון געטאָ אויפצולעבן די בילדער פון אַ לאַנד פון פרייהייט און אַרבעט.

אַלעמענס אויגן זענען צוגעשמידט צו מרדכי טענענבוים־טאַמאַראָף... ער איז דער געהיימעניש־פולער ,משולח׳, וועלכער וואַנדערט מיט פּאַפּירן פון אַ טאַטער פון געטאָ אין שטאָט אַריין... קומט צוריק מיט נייעס פון דער ווייטער וועלט און מיט ידיעות פון יידישן לעבן אין אַנדערע געטאָס. מרדכי איז דאָ היינט דער הויפּטרעדנער. ער רעדט וועגן חלוצישע אויפגאַבן אין געטאָ אונטערן נאַצי־רעזשים, וועלכע דאַרפן זיין אַ המשך פון חלוצישן קאַמף אין ארץ־ישראל... ער רעדט און ווערט באַגייסטערט אין רעדן. צום סוף — אַ מינוט שטילשווייגן און ער ענדיקט: — „מיר וועלן אין די געטאָס אָנצינדן דאָס ליכט און דעם מוט און די גרייטקייט פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט אין ארץ־ישראל".

אַ חברה פון קיבוץ „שחריה" זינגט:

„כל ישראל קדושים —
אתה המכבי".

אויף דער דאָזיקער פייערונג איז געפאַלן אַ געדאַנק צונויפצוזאַמלען אויף אַ מתנה פאַרן קרן קימת לכבוד די אַרבעטער אין א״י, אַ מתנה פון דער געטאָ־יוגנט, וואָס איז געבליבן טריי איר אידעע. די אויפגעקליבענע סאָוויעטישע רובל האָט מען באַהאַלטן אין אַ וואַנט אויף סטראַשון־גאַס.[92]

אַ פיינלעכער אומרו, דער באַוווּסטזיין פונעם אומקום, וואָס דערנענטערט זיך אָן אַן אָפּהאַלט, האָט באַוויגן טענענבוימען אָנצוהייבן דאָס זאַמלען

באַוויַיז־שטאָף וועגן די טראַגישע געשעענישן. די פונקציע איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף צבי מערסיק. ער פלעגט אויפנעמען די באַריכטן און אויך אַליין זיך איינשאַפן אַזעלכע אויף די ערטער פון די פּאַסירונגען. די דאָזיקע האָט טענענבוים דערגאַנצט מיט די אייגענע באַשרייבונגען, אַ פּראָדוקט פון זיינע אָפטע פּערזענלעכע נסיעות. דאָס אַלץ האָט געליפערט מאַטעריאַל פאַר די געהיימע אויסגאַבעס און פאַרן אַרכיוו. „דורך פּ. פּלאָטניצקאַ, ט. שניי־דערמאַן און אַנדערע שליחים האָט מען דאַן איבערגעשיקט פון געטאָ ווילנע אין געטאָ וואַרשע צו ד״ר ע. רינגעלבלום מאַטעריאַלן פאַר די היסטאָרישע זאַמלונגען וועגן די געטאָס״.[93]

די שליחים־נעץ

מרדכי טענענבוים איז געווען פון די ערשטע אָרגאַניזאַטאָרן פון דער שליחים־נעץ צווישן די געטאָס, וואָס האָט געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל אין דעם יידישן אַנטי־נאַצי־קאַמף.

מיט דער איזאָלאַציע פון די געטאָס האָט דער פיינד געוואָלט ווי צעשניידן דאָס פאָלק אויף שטיקער, אַז יעדער חלק זאָל בלייבן שוואַך און אָנמעכטיק, אָן אַ פאַרבינדונג און הילף פונעם צווייטן. די הערמעטישע אָפּגעזונדערטקייט, וואָס האָט נישט געלאָזט אַריינדרינגען אין געטאָ קיין שום ידיעות פון אַנדערע ישובים, האָט אַרויסגערופן פון איין זייט — דאָס פיינלעכע געפיל פון איינזאַמקייט און אומזיכערקייט און פון דער צווייטער — פאַרשידענע פאַנטאַסטישע ווערסיעס פון עקסטרעם פּעסימיס־טישע, די באַלדיקע טאָטאַלע פאַרטיליקונג, ביז גאַר אָפּטימיסטישע — די אויסלייזונג פון אַלע יידן דורך אַן אויסטויש פאַר דייטשע קריגס־געפאַנגענע.

מענער און נאָך מער, יונגע מיידלעך מיט אַ קריסטלעכן אויסזען און אַ גוטן פּויליש, באַזאָרגט מיט אַרישע דאָקומענטן, אָפט פאַרשטעלט פאַר פּויערטעס, מיט אַ טיכל אויפן קאָפּ און מיט אַ צלם אויפן האַלדז, פלעגן וואַנדערן פון שטאָט צו שטאָט און טראָגן דאָס וואָרט פון דעם קעמפערישן אונטערגרונט.

פאַרבינדן די באַזונדערע טיילן און באַקענען זיך מיטן יידישן לעבן אין די פאַרשידענע געטאָס, אָנהאַלטן אַ קאָנטאַקט פון דער צענטראַלע מיט די לאָקאַלע אָרגאַניזאַציעס, איבערגעבן ידיעות, אינסטרוקציעס און פאַרטרייבן פאַלשע אילוזיעס, אָנרעגן צו וואַכזאַמקייט און צו זעלבסטפאַר־טיידיקונג, זוכן וועגן קיין ארץ־ישראל און איבערפירן שריפטן, דאָקומענטן, העלפן איינאָרדענען חברים אויסערן געטאָ און אָנבינדן באַציונגען מיט דעם פּוילישן ווידערשטאַנד־סעקטאָר, ווי אויך מיט דער פאַרטיזאַנער־באַוועגונג, איינקויפן און איבערפירן וואָפן אין געטאָ אַריין און בכלל, ווי

ווייט מעגלעך, העלפן מאַטעריעל און מאָראַליש — דאָס זענען געווען די פונקציעס פון די געטאָ־קוריערס.

די ראָלע פון אַ שליח איז געווען זייער אַ שווערע און געפערלעכע. אויף יעדן טריט און שריט האָט מען געדאַרפט אַפּהיטן די פאַרמאַסקירטקייט און זיך רעכענען מיט יעדן וואָרט, זיין באַהערשט און אַרויסווייזן אַ גיכע אָריענטאַציע, אַפילו קאַלטבלוטיקייט אין אַנבליק פון אַ טויט־סכנה. מען האָט געמוזט צוזאַמען מיט די נידערטרעכטיקע גויים חוזק פון די אומ־גליקלעכע יידן, געפירטע צום אומקום און שמייכלען, ווען דאָס האַרץ האָט געבלוטיקט פון פיין און געברענט פון האַס. דאָס יידישע מיידל איז אויך געווען געצווונגען צו חנדלען זיך צו די פוילישע און דייטשע מנוולים.

אגב, האָט ד״ר עמנואל רינגעלבלום אין זיינע כתבים באַזונדערס אַרויסגעהויבן די אויפגאַבע פון די שליחות: — „די העלדישע מיידלעך... דאָס איז אַ טעמע, וואָס פאָדערט אַ פּען פון אַ גרויסן שרייבער... די גע־פערלעכסטע מיסיעס נעמען זיי אויף זיך און דערפילן זיי... אָן אַ מינוט וואַקלען זיך... שמוגלען... אומלעגאַלע אויסגאַבן, מאַטעריאַלן, געלט... ראַ־טעווען די באַדראָטע חברים... די יידישע פרוי האָט צו פאַרצייכענען אַ שיין בלאַט אין דער געשיכטע בעת דער איצטיקער וועלט־מלחמה״.[94]

צו די הויפט־פאַרבינדלערינס, וואָס זענען געשטאַנען אין קאָנטאַקט מיט מרדכין אויך שפּעטער אין ביאַליסטאָק האָט געהערט אַחוץ ט. שניי־דערמאַן, ח. גראָסמאַן — ער האָט איר אַליין אויסגעשטעלט אַ דאָקומענט און „געקרוינט״[95] מיטן אַרישן נאָמען האַלינאַ וואָראָנאָוויטש. דאַקעגן פון וואַרשע, אין צענטראַלן מאַסשטאַב, פלעגן ענג מיט אים מיטאַרבעטן קודם כל פ. פּלאָטניצקאַ און ל. קאָזיעבראָדזקאַ, ווי אויך ט. אַלטמאַן און א. אַדאַמאָוויטש.

פרומקאַ פּלאָטניצקאַ, געבוירן אין 1914 לעבן פּינסק, האָט זי זינט 1920 געוווינט אין דער דאָזיקער שטאָט גופא און פון דער פרי־עסטער יוגנט געהערט צו „פרייהייט״; אין 1935 געווען אין קיבוץ „תל־חי״ אין ביאַליסטאָק, שפּעטער זיך באַטייליקט אין פאַרשידענע סעמינאַרן און צו־זאַמענקומען, געפאָרן אין שליחותן אין סניפים און קיבוצים. אַדורכגע־דרונגען מיטן חלוצישן גייסט, האָט זי אויך אָנגעצונדן מיט אירע אידעאַלן די יונגערע שוועסטער חנה׳טשע און דעם ברודער הערשל, וועלכע זענען געוואָרן זייער אַקטיוו און שפּעטער זיך אויסגעצייכנט אין דעם קעמפערישן אונטערגרונט מיט אַ סך איניציאַטיוו און דרייסטקייט.

פרומקע האָט זיך געגרייט צו עליה, אָבער ס׳איז אויסגעבראָכן די מלחמה. אירע אויסערגעוויינלעכע מעלות האָבן זי פאַרוואַנדלט אין אַ מוסטער פון אַ חלוצה פאַר דער גאַנצער באַוועגונג. איר טעטיקייט בעת

דער חורבן־תקופה, באַלאַדן מיט דראַמאַטישקייט און גבורה, האָט פאַר־וועבט איר נאָמען מיט לעגענדאַרישקייט. זי איז געווען פון די לייטנדיקע פיגורן אין דער ווידערשטאַנד־אָרגאַניזאַציע אין צענטראַלן מאַסשטאַב און גלייכצייטיק די הויפט־קוריערין פון „החלוץ" אין וואַרשע. אַחוץ ווילנע, האָט זי באַזוכט פאַרשידענע געטאָס, די ערשטע, אין יאַנואַר 1942, דער־גרייכט וואָלין און געבראַכט די איוב־בשורה וועגן דער פאַרניכטונג פון די דאָרטיקע קהילות אויסער קאָוועל. הגם איר פּנים האָט נישט געהאַט קיין טיפּיש אַרישע שטריכן, האָט זי „זיך תמיד געריסן צו נסיעות, קיין מאָל נישט געלייגט קיין אַכט, אַז איר אויסזען קען דעררועקן אַ פאַרדאַכט. איר זיכערקייט און באַהערשטקייט האָבן זי פאַרהיטן פון געפאַרן" — האָט דערציילט וועגן איר אַ צווייטע געוואַגטע שליחה, חווקה פאַלמאַן,[96] וואָס איז צוזאַמען מיט פרומקען געפאָרן קיין הרוביעשאָוו און דאָרט בייגעווען דעם גירוש אין פרילינג 1942.

נאָכן שאַפן די יידישע קאַמפס־אָרגאַניזאַציע אין וואַרשע איז פרומקע באַשטימט געוואָרן אין דער דעלעגאַציע צו אונטערהאַנדלען מיט די אומ־לעגאַלע פוילישע מיליטערישע קרייזן וועגן וואָפן פאַרן געטאָ.

געשיקט דורך דער צענטראַלע פון דער באַוועגונג קיין בענדין, איז פרומקע געוואָרן די נשמה פון דער דאָרטיקער ווידערשטאַנד־באַוועגונג. זי האָט זייער פיינלעך איבערגעלעבט דעם טראַגישן סוף פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד, דעם אומקום פונעם יידנטום און די אבידה פון די נאָענטע מענטשן, צווישן זיי פון דער שוועסטער חנהטשע.

פרומקע האָט די גאַנצע צייט געשריבן בריוו מיט באַריכטן וועגן גאַנג פון דער פאַרטיליקונג און זיי אַרויסגעשיקט קיין ארץ־ישראל. די קאָ־רעספּאָנדענץ בכלל פלעגט גיין דורך פאַרשטייערס פון יידישע רעטונגס־קאָמיטעטן אין דער שווייץ, ווי אויך דורך אַנדערע לענדער, ווי טערקיי, פּאָרטוגאַל.[97]

ווי דערמאָנט, האָט מרדכי שוין בעת דער מלחמה געהאַלטן פאַר זיין חוב צו באַפרייען פרומקען פון דעם גרויסן עול און איר דערמעגלעכן די עליה. אָבער די גרענעצלאָזע איבערגעגעבנקייט פאַר דער אַרבעט האָט זי באַוויגן צו בלייבן. אַ קורצע צייט פאַר איר אומקום האָט זי אָפּגעוואָרפן דעם שאַנס צו פאַרלאָזן פוילן מיט דער הילף פון אַ ספּעציעל געשיקטן, נישט יידישן שליח.[98] (זי איז געפאַלן אין אויגוסט 1943 בעת דער העלדישער פאַרטיידיקונג פונעם בונקער מיט די חברים פון איר קיבוץ אין בענדין).

לאָנקאַ (לאה) קאָזיעבראָדזקאַ איז געבוירן געוואָרן אין פּרושקאָוו, לעבן וואַרשע, האָט שטודירט אין פראַנצויזישן אינסטיטוט אין דער הויפּט־שטאָט, געהערט צו דער פּוילישער סאָציאַליסטישער יוגנט־באַוועגונג „טור"

פ. פלאַטניצקאַ

ל. קאַזיעבראדזקאַ

ט. שניידערמאַן

טעמאַס אַרישער דאָקומענט אויפן נאָמען פון וואַנדאַ מאַיעווסקאַ

און שפּעטער צו „פּרייהייט״, ווו זי איז גיך געוואָרן טעטיק אויפן קולטור־דערציִערישן געביט און אָנגעפירט מיט יוגנט־קרייזן.

בעת דער דייטשער אָקופּאַציע האָט זי אויסגענוצט איר בולט אַריש פּנים און זיך פאַרוואַנדלט אין אַ פּאָלקע מיטן נאָמען קריסטינאַ קאָסאָווסקאַ. אַן אומדערשראָקענע, מיט אַ סך שווונג און איניציאַטיוו, האָט זי אויף זיך גענומען די געפערלעכסטע פונקציעס און רייזעס איבער די פאַרשידענע באַזעצטע געביטן. די שפּראַך־קענטענישן האָבן איר פאַרלייכטערט דאָס שליסן באַקאַנטשאַפטן מיט דעמאָקראַטישע עלעמענטן אויסערן געטאָ, מיט פּאָליאַקן, אוקראַיִנער, ספּעציעל מיט דייטשן, וואָס פלעגן איר העלפן אין דער אַרבעט, ס׳רוב נישט וויסנדיק, אַז זיי טראָגן איבער אָדער פירן אומלעגאַלע מאַטעריאַלן, דאָקומענטן, געלט צי מענטשן פון דעם יידישן אונטערגרונט.

זי האָט ביי זיך נישט געקענט פועלן לענגער זיך צו פאַרהאַלטן ביי די עלטערן אין וואַרשע, געווען תמיד אונטערוועגס, אָרגאַניזירנדיק די אַרבעט אויף דער פּראָווינץ.

ס׳איז געווען אַ פּלאַן, אַז לאָנקע זאָל אויסנוצן די מיטאַרבעט פון אַן עסטרייכישן פריינד פון אַנטאָן שמיד און זיך אַרויסבאַקומען קיין אויסלאַנד, אין דער שווייץ, כדי פון דאָרטן צו אַלאַרמירן די יידישע וועלט. ווען דער פּלאַן איז אין דעם לעצטן מאָמענט נכשל געוואָרן, האָט זיך אַרויסגערוקט אַ צווייטער: זי זאָל זיך לאָזן נעמען קיין דייטשלאַנד כלומרשט אויף אַרבעט און פון דאָרט האָט זי געדאַרפט אַריבער אין דער שווייץ מיט דעם זעלבן צוועק.[99] אָבער אויך דער פּראָיעקט איז נישט רעאַליזירט געוואָרן און לאָנקע איז ווייטער אָנגעגאַנגען מיט אירע שליחותן.

לאָנקע האָט געווידמעט אַ סך ענערגיע די פּראָבלעמען פון פינאַנסירן די אָרגאַניזאַציע און שפּעטער באַזונדערס פון איינקויפן געווער. זי פלעגט דערווערבן גרויסע סומעס געלט פאַר דער באַוועגונג.[100] מער פּרטים וועגן איר — שפּעטער.

טאָסיאַ אַלטמאַן פלעגט אויך קומען קיין ווילנע, ביאַליסטאָק א״א געטאָס אין שליחות פון וואַרשע. זי איז געווען אַ מיטגלידערין פון דער הויפּט־אָנפירונג פון „השומר הצעיר״ און אַ קוריערין אין צענטראַלן מאַסשטאַב, וואָס האָט צוגלייך מיט די פריִער אָנגעוויזענע געהערט צו די אומדער־מידלעכע וואַנדערערס און קיין שום סכנה האָט זי נישט אָפּגעהאַלטן אין דער אויספירונג פון דער באַקומענער מיסיע.[101] אויך איר נאָמען איז פאַר־אייביקט געוואָרן מיט די גרעסטע גיבורים פון יענער צייט.[102]

אירענאַ אַדאַמאָוויטש האָט אויף דעם געביט פאַרנומען אַ גאַנץ באַזונדער אָרט. איר נאָמען ווערט אויך אין דער מיטצייטיקער דאָקומענטאַציע דער־

מאַנט מיט אַ ספּעציעלער פּיעטעט.[103] אַ יונגע, פרומע קאַטאָליקין, פון אַן אַריסטאָקראַטישער פּוילישער משפּחה, אַן אויסנעמלעך גוטהאַרציקע, איז זי נאָך פאַר דער מלחמה געווען פול מיט סימפּאַטיע פאַר דער שומרישער און חלוצישער יוגנט, זייענדיק אַליין אין דער אָנפירונג פון דער פּוילישער סקויטן־אָרגאַניזאַציע.

בעת דער דייטשער אָקופּאַציע האָט זי מיטגעאַרבעט מיטן יידישן קעמ־פערישן אונטערערד אין וואַרשע און אויך אין אַנדערע שטעט, אויסגעפירט אינפאָרמאַציע־דינסט און געהאָלפן איינשטעלן קאָנטאַקטן מיט די געטאָס, ווו ס׳איז באַזונדערס שווער געווען צוצוקומען, צ״א מיט ווילנע, קאָוונע, שאַוולי. זי האָט געהאָלפן איבערפירן יידן אויף דער אַרישער זייט און באַגלייט צו ווייטע גרענעצן (סלאָוואַקיי און אונגאַרן), אָנגעבונדן קאָנטאַקטן פונעם געטאָ מיט די פּויליש־רעליגיעזע און מיליטערישע קרייזן און זיך באַמיט צו מאָביליזירן זייער הילף לטובת די קעמפערישע יידן, אָבער אָן אַ ספּעציעלן דערפאָלג.

צו די לאָקאַלע פאַרבינדלערס, וואָס פלעגן אַרומפאָרן אין אָרגאַניזאַציאָ־נעלע ענינים אין די שכונתדיקע ישובים, האָבן געהערט ש. ענטין, ה. ראָזענ־טאַל, צ. מערסיק א״א. די ידיעות, געבראַכטע פון פאַרשידענע מקומות, האָבן צוגעשטעלט שטאָף פאַר די געהיימע ביולעטינען, וואָס זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן אויף דין פּאַפּיר, כדי זיי לייכטער צו קענען קאָלפּאָרטירן.

*

סוף סעפּטעמבער 1941 איז פון „החלוץ״ אין וואַרשע דעלעגירט געוואָרן קיין ווילנע דער פּוילישער פּאַרלעסלעכער סקויט (האַרצעזש) העניעק גראַ־באָווסקי. ער איז בייגעווען די מאַסן־פאַרניכטונג אויפן אָרט און זיך אומ־געקערט מיט דער גרויליקער אינפאָרמאַציע.

דעם פאָלגנדיקן חודש האָט טענענבוים אַרויסגעשיקט קיין וואַרשע טעמען מיט אַ באַריכט וועגן פּאָנאַר, כדי צו וואָרענען און אַלאַרמירן די יידן אין דער הויפּטשטאָט. — „די ערשטע, וואָס האָט געבראַכט פון ווילנע די גרויליקע בשורה וועגן פאַרטיליקונג, איז געווען טעמאַ שניי־דערמאַן״.[104] ביי דער געלעגנהייט האָט זי אויך באַנייט דעם קאָנטאַקט מיט דער באַוועגונג, וואָס איז געווען אין גאַנצן אָפּגעשניטן זינט אַ לענ־גערער צייט.[105]

די קאָשמאַרע בשורה, וואָס די שליחים האָבן איבערגעגעבן פאַרן אונ־טערערד, איז אויפגענומען געוואָרן מיט שוידער, אָבער גלייכצייטיק מיט אומצוטרוי און אומגלויבן, ווי אַ משונהדיקע „שרעק־מעשה״. דער טייל, וואָס האָט יאָ תופס געווען דעם גרויל, האָט אים באַטראַכט פאַר אַ לאָקאַלע

דערשיינונג, פאַרבונדן מיטן פאַקטאָר פון נקמה פאַר דער יידיש־סאָוועטי־שער מיטאַרבעט.

דער חלוצישער אַקטיוו איז באַהערשט געוואָרן פון אַ געוואַלדיקער צעטומלעניש און מורא נישט פאַרפירט צו ווערן. די אחריות האָט געפאָדערט אויסצופאָרשן די אומשטאַנדן אויפן פלאַץ. אין הסכם מיט דעם איז אַרויס־געשיקט געוואָרן קיין ווילנע ל. קאַזיעבראָדזקאַ אין דער באַגלייטונג פון ט. שניידערמאַן. זיי האָבן זיך שפּעטער אומגעקערט מיט דער באַשטעטיקונג פון די פריִער דערהאַלטענע, אויפטרייסלענדיקע ידיעות.

דעם זעלבן חודש אָקטאָבער האָט מ. טענענבוים, אין דער שטרעבונג איינצושטעלן אַ פאַרבינדונג אויך מיט אַנדערע געטאָס, באַשטימט ווי אַ קוריערין בעלאַ חזן, וואָס איר קריסטלעכער נאָמען איז געווען בראָניסלאַוואַ לימאַנאָווסקאַ, קיין גראָדנע. אין רעזולטאַט זענען צו דעם געטאָ דערגאַנגען די נייעסן וועגן די בלוטיקע געשעענישן אין ווילנע און אַהערצו האָט זי געבראַכט די אינפאָרמאַציע וועגן דעם רעלאַטיוו רויִקן מצב אין גראָדנער געטאָ.

סוף דעצעמבער האָבן זיך אין בעלאַס דירה, אויף דער אַרישער זייט אין גראָדנע, קורץ פאַרהאַלטן לאָנקע מיט טעמען אויפן וועג פון וואַרשע קיין ווילנע.

וואַרשיינלעך צו זייער דעמאָלטיקן אָנקום באַציט זיך די שילדערונג פון צ. בירמאַן: — „אין צווישנצייט איז טעמע אָנגעקומען פון וואַרשע און מיטגעבראַכט לאָנקע קאָזיעבראָדזקאַ. צוויי פּרעכטיקע שיקסעס,ביידע צעשטראַלטע. אַ נײַ ליכט האָבן זיי פאַר אונדז געבראַכט, ידיעות און גרוסן פון דער צווייטער טייל באַוועגונג, וועלכע איז אַזאַ צייט געווען אָפּגעריסן. דערציילט פיל וועגן וואַרשעווער געטאָ... פיל מוט און האָפענונג האָבן זיי צוגעגעבן יעדן פון אונדז".

געציילטע טעג נאָך דעם איז אויך פון וואַרשע אָנגעקומען ט. אַלטמאַן.[106] דאָקעגן איז בעלאַ חזן אַוועק אין שליחות קיין ביאַליסטאָק, פון וואַנען מ׳האָט געבעטן, אַז „מרדכי טענענבוים זאָל קומען".[107] ער האָט דערפילט זייער בקשה. בכלל „פאָרט ער עטלעכע מאָל פון געטאָ ווילנע אין געטאָ ביאַליסטאָק, ווו עס האָט זיך אַנטוויקלט דאָן אַ שטאַרקע חלוצישע באַוועגונג".[108]

איין מאָל, בעת אַזאַ נסיעה, האָט טענענבוים זיך אָפּגעשטעלט אין גראָדנע און ווען ער איז געקומען באַזוכן בעלאַ, האָט דאָס שייגעצל פון דער באַלעבאָסטע אין אים דערקענט אַ ייד. בעלאַ, געצוווּנגען צו פאַרלאָזן דאָס אָרט, איז ווידער אַוועק קיין ביאַליסטאָק.

דער יידן־רעטער אַנטאָן שמיד

דער פעלדפעבל (סערזשאַנט) אַנטאָן שמיד, אַ מערקווירדיקער אַנטי־נאַצי און אוהב ישראל, איז געווען אַן 41־יעריקער עסטרייכער (געבוירן דעם 16־טן יאַנואַר 1900),[109] אַן אייגנטימער פון אַ גרעסער ראַדיאָ־געשעפט אין אַ ווינער פאָרשטאָט,[110] אידעיִש אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט לויטן מוסטער

אַנטאָן שמיד

פון די אָנהענגערס פון דער דאָרטיקער געוועזענער „רויטער" מוניציפּאַ־ליטעט. ער פלעגט מיט עקשנות אונטערשטרייכן זיין עסטרייכישן און נישט דייטשן אָפּשטאַם. אויסערלעך, צוליב די וואָנסעס און זיין פריזור, פאַרקעמט „אַלאַ היטלער", איז ער געווען ענלעך צו „אַ גוט האַרציקן ברודער" [111] פון דעם בלוטיקן דיקטאַטאָר.

אין ווילנע איז שמיד געווען דער אָנפירער פון אַ „פערשפּרענג־טענזאַמעלשטעללע" (אויפזאַמלונג פון צעשפּרייטע זעלנער, וואָס זענען מחמת פאַרשידענע סיבות אָפּגעפאַלן פון זייערע מיליטערישע איינהייטן) און געהאַט צו זיין דיספּאָזיציע אַ לאַגער מיט דריי הייזער — דאָס צענטראַלע לעבן דער באַן־סטאַציע, נאָך צוויי אויף דער באַן־גאַס און אויך עטלעכע לאַסטאויטאָס. (די סטאַציע האָט צוליב שמידן באַקומען דעם צונאָמען „יידישער באַן־הויף").

די סאָלדאַטן, וואָס פלעגן קומען אין אַ זייער שלעכטן מצב, אָפּגעריסענע

און אָפּגעשליסענע, זענען דאָ דערנערט און באַקליידט געוואָרן און נאָך אַ קורצער צייט צוגעטיילט צו ווייטערדיקער דינסט. אין די קעלערס זענען געווען וואַרשטאַטן פון שניידעריי, שוסטעריי, טאַפּיצעריי א״א, אין וועלכע ס׳האָבן געאַרבעט אַ גרעסערע צאָל יידן, לעצטנס 140.

וועגן שמידן זענען אַרומגעגאַנגען אַ סך פאַרשידענע שמועות און צוליב זיין אויסנעמלעכער האַרציקייט, הילפס־גרייטקייט און דעם ברייטן שוווּנג פון זיין אַרבעט, טיילוויז פאַנטאַסטישע,[112] וואָס האָבן אַרומגערינגלט זיין נאָמען מיט לעגענדעס. זיי חזרן זיך ס׳רוב איבער כמעט אין אַלע דאָקומענטן אָלס־טיקע און אויך שפּעטערדיקע שילדערונגען וועגן אים.

אין די מיטצייטלעכע רעלאַציעס האָבן זיך ברייטער אָפּגעשטעלט אויף שמידן די באַריכט־געבערס פון בודאַפּעסט, אָבער גאַנץ ספּעציעל דער דאָקומענט, וואָס איז געווידמעט אים אויסשליסלעך און האָט באַצוועקט צו פאַראייביקן זיין געשטאַלט דורכן רינגעלבלום־אַרכיוו אין וואַרשע.[113]

דער כתב דערציילט וועגן שמידס אויסערגעוויינלעכער באַציונג צו די יידן, וואָס זענען געווען ביי אים באַשעפטיקט. ער פלעגט זיי וואָרענען פאַר די אַקציעס, ראַטן מיטצוברענגען די משפחות, פאַרזאָרגן זיי מיט עסן פון זיינע זעלנערישע קיכן, אָבער דאָס געטאָן פאַרזיכטיק, נישט יעדן טאָג, געבן אַפילו פעקלעך פּראָוויאַנט און באַגלייטן צום געטאָ, אָדער שיקן אַ פאַרטרוילעכן סאָלדאַט, אַז בעת דער רעוויזיע ביים טויער זאָל מען דאָס נישט צונעמען. ער האָט זיך באַמיט צו באַקומען גילטיקע „גוטע״ שיינען פאַר זיינע אַרבעטערס, געמאַכט אַ כוסה און דאָס האָט ער, אגב, גוט געקענט, מיט די אַנטשפּרעכנדיקע לייט, כדי פון זיי אַרויסצובאַקומען דאָס פאַרלאַנגטע און אויך סודות — בעת מעשה געפאָרשט וועגן די נאָענטע אַקציעס קעגן די „פאַרפלוכטע״ יידן.

שמיד פלעגט זיך באַמיען צו באַפרייען, ווי נייטיקע פאַר זיין אַרבעט, די פאַרכאַפּטע יידן קיין לוקישקי, זיך דערוויסן וועגן ערטער, ווו מ׳האָט פאַרהעלטענישמעסיק געלעבט רויִק און אַהין אַרויספירן די צום מיינסטנס באַדראָטע, די מיט ווייסע שיינען. ער איז געווען „אַן אמתער געטרייער פאָטער פאַר זיינע אַרבעטער״.[114]

אין אָנפאַנג פלעגט ער די יידן פירן ספּאַנטאַן, ווער ס׳האָט זיך נאָר צו אים געוואָנדן, פאַר אָדער אָן געלט. די דאַנקבאַרע מענטשן האָבן אים באַשאָנקען מיט מתנות און אַפילו ווען זייער ווערט איז געווען אַ קליינע, האָט ער זיך מיט זיי „געפרייט״.

די יידן, וואָס האָבן גערייניקט זיין הויז, פלעגן אָנטרעפן איבערגעלאָזענע סאַנדוויטשן, ברויט מיט פּוטער און קעז, אָדער מיט מאַרמעלאַד. אין אָנהייב האָבן זיי מורא געהאַט דאָס אָנצורירן, מיינענדיק, אַז אפשר שטעקט אין דעם

עפּעס אַ פּראָוואָקאַציע. ערשט ווען דאָס האָט זיך איבערגעחזרט אַ לענגערע צייט און דעמאָלט ווען קיין סאָלדאַטן זענען נישט געווען, האָבן זיי פאַר־שטאַנען, אַז דאָס וואַרפט שמיד אונטער בכיוון.

דערשראָקענע און פאַריאושטע יידן פלעגן אַהער קומען פון אַלע זייטן, פון די מעליגנעס, מ׳האָט זיך דאָרט באַהאַלטן אין די קעלערס, אויפן הויף אין אַ סקלאַד מיט ביכער פון אַ פריִערדיקן יידישן פאַרלאַג און געוואַרט, אַ מאָל עטלעכע טעג, אויף דער ריי.

לויט דער דערקלערונג פון אליעזר ענגעלשטערן, וואָס האָט פון צייט צו צייט געמאַכט אָרדענונג אין שמידס גרויסן אַרבעט־צימער — אגב איז דאָס צופעליק געווען אַ מאָל די דירה פון זיין שוואָגער — איז געגנוג געווען בלויז איין ווענדונג זיינע, אַז שמיד זאָל באַשטיין מיטצונעמען אים מיט דער פרוי און קינד, נאָך די זעלבע נאַכט. ער האָט נישט געפרעגט אויף קיין באַלוינונג, אָבער מענטשן האָבן געהערט, „אַז מ׳צאָלט אים״.[115]

ווען די לאַסטמאַשין, באַדעקט מיט ברעזענט איז אָנגעקומען, איינס אַ זייגער ביי נאַכט, האָט זי זיך אין געציילטע מינוטן אָנגעפילט ממש ביז דערשטיקט צו ווערן, מיט אַ 50 מענטשן. שמיד האָט קיינעם נישט געפרעגט און נישט געשטערט. ער האָט נאָר אָנגעזאָגט זיך צו פאַרהאַלטן רויק, אויב נישט — זענען אַלע פאַרלוירן. נאָך צוויי שעה איז די מאַשין אָנגעקומען צום ציל — קיין וואַראַנאָווע, אַ 60 ק״מ פון ווילנע און זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ יידיש הויז. די מענטשן זענען אַראָפּגעגאַנגען און געגעבן אים, וויפל יעדער האָט געקענט אָדער געוואָלט, אַ טייל — גאָרנישט.

לויט דעם זעלבן עדות, איז דאָס שוין געווען דער פינפטער אָדער זעקסטער טראַנספּאָרט אין דעם שטעטל, ווו די יידן האָבן נאָך געוווינט אין זייערע הייזער און געהאַט וואָס צו עסן. די פּליטים זענען תיכף צעשיקט געוואָרן אין די דערבייִיקע יידישע הייזער.

קיין וואַראַנאָווע האָט שמיד אַרויסגעפירט מענטשן אַזוי לאַנג, ביז עס האָט זיך דאָרט אָנגעהויבן אַן אַקציע קעגן די ווילנער. דאַמאָלסט האָט ער געגנומען טראַנספּאָרטירן יידן קיין לידע, ווו עס האָט נאָך געהערשט אַ סטאַביליזאַציע־פּעריאָד. לויט אַ דערקלערונג פון אַ דירעקטן באַטייליקטן אין אַזאַ רייזע, איינגש. שלמה בראַנאָווסקי, וואָס האָט געאַרבעט אין שמידס וואַרשטאַט אַלס שלאָסער, פלעגט שמיד עטלעכע מאָל אין וואָך פאָרן נאָך האָלץ אין אַ וואַלד אין דער ריכטונג פון לידע און אַהינצוועגס מיטנעמען יידן. לכתחילה האָט ער זיי געפירט בחינם, אָבער שפּעטער האָבן אים אין דער אַרבעט געהאָלפן צוויי קאָרומפּירטע פאַרשוינען און פאַרלאַנגט אַן אָפּצאָל (אין ווערטזאַכן), אַ גרויסן טייל פון דעם צוגענומען פאַר זיך.[116]

די פאַרבינדונג מיט דעם אויסנעמלעכן דייטשן מיליטער־מאַן (זיינע

קאָמפּעטענצן זענען געווען פיל גרעסערע ווי דער ראַנג), האָט טאַמאַראָף געפונען דורך די חברים הערמאַן און אַגיטאַ אַדלער, וואָס פון זייער זייט האָבן אָנגעקניפּט באַציונגען מיט אים אַ דאַנק דעם באַרימטן קלויסטער „אָסטראַ בראַמאַ״. ה. אַדלער, וואָס האָט זיך אַ מאָל אין אָוונט נאָך אַ צוואַנגאַרבעט, געפונען אויף דער גאַס, אין אַ געפאַר, אָן אַ דאָקומענט, האָט אָנגעקלאַפּט דאָרטן און מ׳האָט אים אַריינגעלאָזט.

דער אָנפירער פון קלויסטער, דער העכער 70־יעריקער גלח, פאָטערל אַנדרעאַס גדאָווסקי, פלעגט ראַטעווען יידן דורך לעגאַליזירן זיי, געבנדיק דאָקומענטן פון פאַרשטאָרבענע און אויך אויסבאַהאַלטנדיק ביי זיך אין קלויסטער. עס זענען דאָרט געווען פאַרשטעקט צ״א יידן מיט בערד און פיאות.[117] אויך שמיד האָט זיך געוואָנדן צו דעם גלח נאָך אַרישע פּאַפּירן פאַר זיינע פראַטעזשירטע און נאָכן דערוויסן זיך פון אים וועגן די אַדלערס, איז ער געקומען אין געטאָ זיי אויפצוזוכן און זיי פאַרגעשלאָגן צו וווינען ביי אים.[118]

אין דעם גרויסן הויז, ווו עס זענען געווען צימערן פאַר די סאָלדאַטן, ביוראָען א״א, האָט שמיד פאַרנומען דעם אונטערשטן שטאָק און לעבן זיין חדר איז געווען אַ גרויסער זאַל מיט איבער 25 בעטלעך מיט מאַטראַצן און קאָצן, באַשטימטע פאַר די זעלנער, אָבער שמיד האָט דאָרט געהאַלטן זיינע יידישע „געסט״.

עס האָבן זיך שוין דעמאָלט געפונען ביי שמידן אויף אַרישע פּאַפּירן צוויי יידישע שטאַרק אַסימילירטע מיידלעך: איינע מיטן נאָמען לואיסאַ, וואָס האָט געקענט גוט ליטוויש, דייטש און געאַרבעט אין דער אַדמיניס־טראַציע, די צווייטע איז געווען אירס אַ קוזינע מיטן נאָמען מאַריאַ, אַ פאַרהייראַטע מיט אַ קריסט. אויסער זיי איז געווען אַ ייד, וואָס שמיד האָט אים באַזאָרגט מיט אַ דאָקומענט פון אַ פאַרשטאָרבענעם דייטשן סאָלדאַט אויפן נאָמען פון מאַקס הופּפערט און ער האָט אויך געדינט אַלס אַזעלכער אין אַן אוניפאָרם.[119]

טענענבוים האָט באַשלאָסן אויסצונוצן די הילפס־גרייטקייט פון דעם גרויסן יידן־פריינד לטובת דער באַוועגונג און אויך געשטעלט די שומרים אין קאָנטאַקט מיט אים.[120]

שמיד האָט זיך פאַראינטערעסירט מיטן „החלוץ״. די באַציונגען זענען געוואָרן נאָענטע און האַרציקע. שמיד פלעגט הייסן וואָרענען די חלוצים פאַר אַן „אַקציע״, רופן זיי זיך צו באַהאַלטן ביי אים. מרדכי איז אויך אָפט דאָרט געבליבן נעכטיקן. נישט ווייט פון געטאָ איז געווען אַן אַפּטייק, מיט אַ זייער נאָבעלעם פּוילישן באַלעבאָס. דאָרט האָט מען זיך פאַרהאַלטן, אַראָפּגענומען די יידן־צייכנס און איבערגעגאַנגען צו שמידן אין דעם גרויסן צימער, אָדער

אין אַ קעלער, ווען ער איז געווען לײדיק — צו מאָל פלעגן דאָרט שלאָפן רוסישע געפאַנגענע סאָלדאַטן, וואָס זענען אויך געווען באַשעפטיקט ביי פאַרשידענע אַרבעטן.

ביי שמידן פלעגן פאָרקומען זיצונגען, באַגעגענישן מיט די אַהער־געקומענע שליחות, טעמע, לאָנקע, פּרומקע, בעלא א״א. די טיר פלעגט מען עפענען נאָר קעגן אַ סימן: אויף אַ ספּעציעל אָפּגעשמועסטן דרייפאַכיקן אָנקלאַפּן. כדי אָנצוהאַלטן זיין נאָמען אין דיסקרעציע, האָט מען אים צווישן זיך גערופן מיט שפּאַס אָבער מיט ליבשאַפט „יצחק״, אָדער „דער גרויער משיח״ צוליב דעם קאָליר פון זיין מיליטערישן מונדיר.[121]

טאַמאַראָף האָט זיך באַמיט צו געבן שמידס רעטונגס־אַקציע אַן אָרגאַ־ניזירטן כאַראַקטער און צו פאַרמיידן דאָס ווייטערדיקע פאַרשפּרייטן זיך פון קלאַנגען, וואָס קענען שעדיקן אים און דער גאַנצער זאַך. „שמידס טאַטן זענען צו פיל באַקאַנט״ [122] און דאָס באַדראָאָט זיין זיכערקייט — האָט ער אויפגעקלערט די חברים, שרעקנדיק זיך פאַר זיין גורל.

טאַמאַראָפס פּלענער בשייכות מיט שמידן

אויף אײַגער אַ זיצונג פון פאַרטייִשן און „דרור״־אַקטיוו האָט טענענ־בוים־טאַמאַראָף געבראַכט „אַ זעלטענעם און דרייסטן פּראָגראַם״ פון איבער־פירן גרופּעס חלוצים קיין שוועדן: מיט אַ דייטשן מיליטערישן וואָגן ביז לובאַווע (לעטלאַנד) און פון דאָרט מיט פישער־שיפלעך אָדער ווינטערצייט מיט שליטנס איבערן אייז דורכן פינישן אויסגוס ביז שוועדן. דער פּלאַן האָט זיך געשטיצט אויף דער הילף, וואָס דער הויפּט־ראַבינער פון שטאָק־האָלם, ד״ר עהרענפּרייז, וועט צוטיילן די אָנגעקומענע פּליטים — מכוח דעם האָט טענענבוים געגרייט אַ פּאַסיקן בריוו — און אויך אויף דער מיט־אַרבעט פון דעם געוועזענעם ליטווישן קאָנסול אין אַן אַמעריקאַנער לאַנד, וואָס איז אין דער סאָוויעטישער עפּאָכע געווען אַ לעקטאָר אויפן ווילנער אוניווערסיטעט, פּראָפעסאָר קאַמאַנדאַוסקאַס, מיט וועלכן ה. אַדלער האָט אָנגעקניפּט באַציונגען. מיט דעם וועג איז אַרויסגעפאָרן פון ווילנע אַ צאָל מענטשן, צווישן זיי פּוילישע אָפיצירן.

אַ צווייט מאָל איז טענענבוים געקומען מיט אַ פּראָיעקט, אויך געשטיצט אויף שמידס הילף, צו דינגען אַן אַעראָפּלאַן קיין שוועדן. דער פּרייז פון די ביידע נסיעות איז געווען אַ זייער הויכער און כדי זיי צו פינאַנסירן, האָט טענענבוים פאָרגעשלאָגן, אַז יעדער רייכער קאַנדידאַט אויף אַזאַ רייזע זאָל באַצאָלן דאָפּלט, ד. ה. דעקן די הוצאות פון אַ מענטש פון דעם אונטערגרונט.

טאַמאַראָף האָט געטראַכט מיטצופאָרן מיטן ערשטן טראַנספּאָרט, כדי צו אינפאָרמירן די יידישע און אַלגעמיינע וועלט וועגן די דייטשע מאָרדן

און אַלאַרמירן נאָך הילף, ווי אויך צו אָרגאַניזירן די רעטונגס־אַרבעט אין אַ ברייטערן פאַרנעם און זיך אומקערן אויף אויסצופירן ווייטערדיקע אַזעלכע אונטערנעמונגען. מ'האָט געפּרווט מאָביליזירן מיטלען, געלט און „גאָלדענע רינגלעך",[123] אַ צאָל רייכע מענטשן זענען גרייט געווען צו געבן. די פרוי סאָשאַ פון אַדוו. א. זאַקס, האָט אַפילו אַריינגעטראָגן גאָלדענע רוסישע רובל.[124] אָבער אין סך־הכל האָבן זיך נישט געפונען גענוג גבירים, דערצו איז אויך איין פּוילישע גרופּע פון אַזאַ מאַרשרוט אַריינגעפאַלן אין די הענט פון פיינד.

ווען טענענבוים האָט אין זיין בריוו צו דער הסתדרות, באַריכטעט וועגן דעם פּראָיעקט מכוח שוועדן, האָט ער אָנגעוויזן, אַז די אָפּטע „אַקציעס" האָבן נישט דערלויבט אים צו פאַרווירקלעכן. גלייכצייטיק האָט טענענבוים געזען אויסזיכטן אַריבערצופירן חלוצים פון ווילנע קיין אונגאַרן און סלאָ־וואַקיי און פון דאָרט מיט פאַרשידענע אומוועגן קיין ארץ־ישראל.

דאָס זענען געווען אייניקע פון די פּלענער, וואָס טאַמאַראָף האָט געוועבט מיטן אָנבינדן אַ קאָנטאַקט מיט שמידן.

די פּאָלעמיק אין דער חלוצישער קאָאָרדינאַציע

דער מוראדיק שנעלער חורבן פון יידישן לעבן אין ווילנע האָט באַוויגן מרדכין צו דער דעציזיע איבערצופירן מיט שמידס הילף די יוגנט קיין ביאַליסטאָק, וואָס האָט נאָך פאַרמאָגט אַ גרויסן יידישן ישוב — העכער 40 טויזנט נפשות; אגב, אין דער הינזיכט איז אויך אַריינגעקומען אַ רעקאָמענדאַציע פון דער חלוצישער צענטראַלע אין וואַרשע, אַ בריוו, וואָס עס האָבן פון דאָרטן געבראַכט לאָנקע מיט טעמען.[125]

אויף אַ זיצונג פון ראַט פון דער חלוצישער קאָאָרדינאַציע, וואָס איז פאָרגעקומען בערך אין מיטן דעצעמבער, האָט טענענבוים אָנגעגעבן די פאָלגנדיקע מאָטיווירונג פאַר זיין שטעלונג: אין ווילנע זענען פאַרבליבן בסך־הכל 18 טויזנט יידן, „אָנמעכטיקע, דערשלאָגענע און צעבראָכענע". נישטאָ קיין מעגלעכקייט זיי אויפצומונטערן צו אַ קאַמף. עס איז נייטיק צו קאָנצענטרירן קעגן שונא אַלע עקסיסטירנדיקע און באַגרענעצטע כוחות אויף איין פּלאַץ און נישט צעשפּליטערן זיי. דאָ שטייט די באַוועגונג פאַר צעפאַלונג און דער ציל איז זי צו פאַרהיטן פאַרן המשך און ווייטערדיקער אַרבעט. אין די גרויסע געטאָס, אין וואַרשע און ביאַליסטאָק, לעבן מאַסן יידן און עס איז טעטיק די חלוצישע אָרגאַניזאַציע. די איצטיקע אויפגאַבע איז צו דערוייטערן די חברים פון דעם אָרט, ווו עס דראָט אַן אומקום און אָנצוהייבן דרינגענדיק דאָס איבערפירן קיין ביאַליסטאָק.

אויף אַ צווייט אָרט, וואָס וועט געלעגנטלעך אָנגעוויזן ווערן, האָט

טענענבוים אַרויסגעבראַכט זיין פּלאַן צו גרינדן אין ביאַליסטאָק אַ צענטראַלע פאַרן אונטערערדישן קאַמפּס־פראָנט מיט אַ זייער ברייטן טעריטאָריאַלן פאַרנעם.

טענענבוים־טאַמאַראָף, זיינע נאָענטע אידעישע חברים און אויך פון אַנדערע באַוועגונגען זענען געווען פרעמדע אויף דעם באַדן, פּליטים, וואָס האָבן נאָכן מלחמה־אויסברורך געשטראַמט קיין ווילנע, ווי צו אַ דורכגאַנגס־פונקט, אָדער צו אַ צייטווייליקער סטאַציע אויפן וועג צו עליה. אויף דעם געביט האָט ער צוזאַמען מיט מערערע אַקטיוויסטן, געמאַכט די מאַקסימאַלע אָנשטרענגונגען צו דערגרייכן די בעסטע רעזולטאַטן.

אין די נייע באַדינגונגען האָט דער חלוצישער פאָרשטייער דערזען פאַר זיך אַ צווייטע און עיקרדיקע מיסיע — דעם קאַמף קעגן די נאַצישע פאַר־ברעכערס, אָבער לויט זיין אָנשויונג, האָט ווילנע שוין נישט געקענט ווערן קיין באַזע פאַר אַ ברייטער אָרגאַניזאַציע פון אָפּעראַטיווע ווידערשטאַנד־כוחות.

דער פאָרשלאָג האָט אַרויסגערופן אַ העפטיקע אָפּאָזיציע, קודם כל מצד דעם שומרישן פאָרשטייער, ע. באָראַקס, וואָס האָט געהאַלטן, אַז מ'טאָר נישט מפקיר זיין די יידישע ווילנע. דאַקעגן האָט ש. ענטין פון „הנוער הציוני" אונטערגעשטיצט די שטעלונג פון טראַנספּאָרטאַציע קיין ביאַליס־טאָק. אויך ער האָט געטענהט, אַז דאָ איז מען פּאַקטיש אָנמעכטיק. דאָרטן וועט אפשר געגעבן ווערן אַ לענגערער אָטעמצוג פאַרן אָרגאַניזירן זיך און צוגרייטן אַ ווידערשטאַנד. „מאָרגן קאָן מען קומען און ליקווידירן דאָס געטאָ און וואָס האָבן מיר? דאָס איז נישט קיין פראַגע פון אַנטלויפן"[126] — האָט ער אַרגומענטירט.

דעם דאָזיקן פּראָבלעם האָט אויך קאָמענטירט אין זיין עדות־זאָגן אַן אידעישער חבר פון מ. טענענבוים, אַקטיוו אין געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישן לעבן, מיליטערישער אינסטרוקטאָר אין דעם אונטערגרונט און שפּעטער־דיקער אָנפירער פון אַ פּאַרטיזאַנער־גרופּע — אלחנן מגיד. ער האָט אונטערגעשטראָכן די מאָטיוון, אַז „אין ווילנע האָבן די חלוצים געזוכט אַ וועג קיין ארץ־ישראל" און זיי האָבן געשאַפן דעם „הויפּטקערן פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג". מ'האָט געפּלאַנט מיט טענענבוימען אַ „באַוואָפנטע פּאַרטיידיקונג" און פאַר דעם צוועק געוואָלט „קאָנצענטרירן דעם געזונטערן טייל פון דער יוגנט מ'זאָל קענען אָרגאַניזירן אַ ווידערשטאַנד".[127]

דער פאַקט פון אַוועקשטעלן אַזאַ פּראָפּאָזיציע דווקא דורך מרדכין האָט, זעט אויס, אַרויסגערופן אַ שטאַרקע פאַרוווּנדערונג און אַ ספּעציפישע רעאַקציע אויך ביי די ביידע שומרישע באַריכט־געבערינס. וואָרעם נאָך

זייערס אַ זאַכלעכער רעלאַציע וועגן דעם ענין, קומט אַ לירישע פּאַר זיין פּערזענלעכקייט.

ח. גראָסמאַן האָט געשריבן אין שייכות מיט דעם: — „מרדכי, דער דרייסטער און דינאַמישער, וואָס רעאַגירט מיט אַ ווונדערלעכער וואַכזאַמקייט... פילעוודיק אויף אַלץ, וואָס געשעט, ביז צו נאַיוויקייט און איבערמענטשלעכער געוואַגטקייט. דו ביסט געווען צווישן די אַקטיוויסטע מוחות... באַגעגנטע אין מיין לעבן, וואָס פּראָגראַמירט גרויסע זאַכן און שימפּט זיך אַליין נאָך שווערע דורכפאַלן. און אַנטוישונגען האָבן נישט געפעלט... האָסט געגרייט פּלענער און אָנגעצייכנט דאַטעס פאַר אַלץ... געגלייבט, אַז מיט דיין שטאַרקן ווילן, גרענעצלאָזער אַקטיוויקייט און ענערגיע וועסטו זיי דערגרייכן. און אָט איז געקומען די שווערע ווירקלעכקייט און אונדז אַלעמען געגעבן איבערן קאָפּ... און דיר, אפשר דעם גרעסטן בעל אמונה צווישן אונדז. אָבער... האָסט גוט פאַרשטאַנען, ווי אַזוי אויפצונעמען די שליטה פון לעבן און דאָס איז אַ קונסט, אַ ברכה פאַר אַ קעמפער".[128]

ר. קאָרטשאַק האָט איבערגעגעבן דאָס פאָלגנדיקע: — „ער האָט יעדן טאָג ריזיקירט מיטן לעבן, אַרויסגייענדיק אין שטאָט ווי אַ קאַראַימער. מערערע מאָל איז ער פאַרהאַלטן געוואָרן אין דער גאַס, וואָרעם זיין טיפּיש יידיש פּנים האָט גערופן די אויפמערקזאַמקייט, אָבער נאָר אַ דאַנק זיין פּיקחות און גרויסער שטאַנדהאַפטיקייט איז אים געלונגען זיך אַרויסצודרייען... ער איז געווען אַ פאַראַנטוואָרטלעכער, אַ קאָנסעקווענטער און אַ ווייך יידיש האַרץ האָט געקלאַפּט אין זיין ברוסט".[129]

בנוגע דעם עצם פּראָבלעם פון איבערפירן די חלוצים איז נישטאָ קיין שום אָנדייט אויף וויטערדיקע חילוקי־דעות. דאַקעגן באַלד נאָך דעם האָט דער „השומר הצעיר" אָנגענומען אַ באַשלוס צו טראַנספּאָרטירן קיין ביאַליסטאָק „אַ קליינע גרופּע פון אָנפירער", צווישן זיי י. לעביעד און זיין חברה ר. מאַדייסקאַ. דער ענין איז אַפילו באַטראַכט געוואָרן ווי „אַ דרינגענדיקער. ס'האָט געהאַט אַ גרויסע באַדייטונג דאָס אויפשטעלן אַ קעמפערישע אָרגאַניזאַציע אין דער עיר ואם בישראל, אין געטאָ... ביאַליסטאָק" — אַזוי האָט אינפאָרמירט מכוח דער זאַך ה. גראָסמאַן, וואָס איז, אָנפאַנג יאַנואַר 1942, אַוועק אַהין, ווי אַ שליחה פאַר דעם צוועק.[130] שפּעטער, נאָכן אומקערן זיך פון וואַרשע, זענען אויך ע. באָראַקס מיט אַ צאָל אַקטיוויסטן אַריבער קיין ביאַליסטאָק.

אויך אַנדערע יוגנט־באַוועגונגען, אַפילו ווען די אידעישע מדריכים זענען לכתחילה געווען קעגן טאַמאַראָפס שטעלונג, האָבן לסוף, זעט אויס, באַוויזן דורך ענלעכע טעמים, טיילווייז פאַרלאָזט ווילנע. אַזוי זענען אַריבער קיין ביאַליסטאָק און מיט שמידס הילף, צוזאַמען מיט טענענבוימס

אַקטיוו, גרופּעס פון „הנוער הציוני",[131] „בית"ר" א"א, אַ קליינע צאָל איז אויך אַוועק קיין וואַרשע.

אָבער פון אַלע ווירקנדיקע ריכטונגען זענען געבליבן אָרגאַניזירטע באַוועגונגען אויפן אָרט בראש מיט: פון „דרור" — י. שיינבוים, פון „השומר הצעיר" — א. קאָוונער, פון „בית"ר" — י. גלאַזמאַן, פון „הנוער הציוני" — נ. רעזניק, פון די קאָמוניסטן — איציק וויטענבערג.[132] זיי האָבן ממשיך געווען אויפן אָרט דעם געראַנגל פאַר אַ באַוואָפנטער פאַר־טיידיקונג

די דעלעגאַציע קיין וואַרשע

אין חודש דעצעמבער 1941, נאָך דעם ווי טאַמאַראָף האָט זיך דער־וווסט פון שמידן וועגן דער מעגלעכקייט אַריבערצופירן קיין וואַרשע עטלעכע בחורים, ווי קריסטלעכע אַרבעטערס, איז אין דער חלוצישער קאָאָרדינאַציע אָנגענומען געוואָרן אַ באַשלוס אַרויסצושיקן אַ גרופּע אַקטיוויסטן מיטן צוועק אָפּצוגעבן אַ ברייטערן באַריכט וועגן פּאָנאַר און צו רופן צו וואַכזאַמקייט פאַר דער געפאַר פון אַלגעמיינער יידן־פאַרניכטונג אין פּוילן.

אין דער דעלעגאַציע זענען באַשטימט געוואָרן: עדעק באַראַקס פון „השומר הצעיר", שלמה ענטין פון „הנוער הציוני", ישראל קעמפּנער און יהודה פּיטנשעווסקי פון בית"ר". די דעלעגאַציע, אַ נישט איינהייטלעכע אָרגאַניזאַציאָנעל, האָט אויך אין וואַרשע געווירקט טיילווייז סעפּעראַט.

אויף אַ באַראַטונג מיט דער באַטייליקונג פון אַ ריי געזעלשאַפטלעכע טוערס אין וואַרשע, האָבן די דעלעגאַטן פון דער חלוצישער קאָאָרדינאַציע אָפּגעגעבן דעם פאָלגנדיקן באַריכט: — „איבער 50.000 יידן, וועלכע האָבן נישט געוווּסט וואָס זיי דערוואַרט, האָט מען דעפּאָרטירט קיין פּאָנאַרי. אַ גרעסערע גרופּע יידן האָבן געשטעלט אויף די גאַסן פון ווילנע, מחוץ די מויערן פון געטאָ, אַ פּאַסיוון ווידערשטאַנד, דערקלערנדיק, אַז זיי וועלן נישט גיין און האָבן פאַרלאַנגט מען זאָל זיי שיסן אויפן אָרט. די דייטשן האָבן נישט געשאָסן. זיי האָבן נאָך דעמאָלט באַהאַלטן פאַר דער ברייטער עפנטלעכקייט זייער פאַרניכטונגס־אַרבעט. זיי האָבן צוריקגעפירט די יידן אין געטאָ אַריין, האָבן זיי מיט געוואַלד אַריינגעזעצט אין לאַסטאויטאָס און אַוועקגעפירט קיין פּאָנאַר".

די פאָרשטייערס פון „החלוץ" האָבן באַטאָנט, אַז ווילנע איז דער אָנהייב פון דער ליקווידאַציע פון פּוילישן יידנטום, אַז מען דאַרף זיך צוגרייטן צו אַן אַקטיווער פאַרטיידיקונג. עטלעכע כלל־טוערס האָבן גע־האַלטן, אַז „וואַרשע ליגט אין האַרץ פון אייראָפּע" און אין גענעראַל־גאָווערנמענט קאָן אַזעלכעס נישט געשען. דער „החלוץ" איז אָבער נישט

מסכים געווען מיט אַזאַ אָפּשאַצונג פון דער סיטואַציע און ער איז צו־געטראָטן צו אָרגאַניזירן קאַמפּס־גרופּן. אויף אַזאַ אופן זענען אַנטשטאַנען די ערשטע קאַמפּס־גרופּן פון „החלוץ״, „דרור״ און „השומר הצעיר״.[133]

אין דעם זעלבן באַריכט זאָגט זיך אויף אַ צווייט אָרט, אַז די דעלעגאַטן האָבן געפאָדערט „געלט און געווער״. אָבער זייערע פּאָסטולאַטן האָבן נישט אָנגעטראָפן אויף קיין געהעריקער פאַרשטענדניש און אונטערשטיצונג מצד די אָרטיקע געזעלשאַפטלעכע פאַרשטייערס. נאָר אַ ביסל שפּעטער האָט דער „דזשוינט״ איבערגעשיקט דורך דער פאַרבינדלערין פ. פּלאָטניצקאַ אַ סומע געלט פאַר דער חלוצישער באַוועגונג, וואָס איז געווען באַשטימט „פאַר אָרעמע, הונגעריקע, קראַנקע״. אָבער די נייע לאָזונג פון דער יוגנט איז געווען: „דאָס גאַנצע געלט, אַלע מיטלען פאַר באַוואָפענונג״.[134]

ווידערשטאַנדס־דערשיינונגען

ביי די ערשטע רדיפות און מאָרדן אין ווילנע האָבן מענטשן געגלייבט, אַז די סיבה פון דעם איז פאַרבונדן מיט די לאָקאַלע פאַקטאָרן פון נקמה קעגן דעם סאָוויעטישן רעזשים און זיינע יידישע מיטהעלפערס. אויך די אָרטיקע קריסטן האָבן באַטראַכט די מוראדיקע מעשים ווי אַ באַצאָלונג די „קאָמיסאַרן״. אָבער, שרייבט טענענבוים אין זיין בריוו צו דער הסתדרות, „ווען עס האָבן אָנגעהויבן אָנקומען ידיעות וועגן נייע באַגרענעצונגען און גזירות איבער די מערב־יידן — האָבן מיר פאַרשטאַנען: ווילנע איז דער אָנפאַנג, נאָך איר וועלן קומען אַנדערע יידישע ישובים. ס׳איז אויפגעקומען דער געדאַנק פון ווידערשטאַנד״.[135]

מיטן גאַנצן ברען האָט טענענבוים זיך איבערגעגעבן דער אַרבעט פון דעמאַסקירן די מערדערישע דייטשע כוונות, באַקעמפן די פּאַסיווקייט און רופן צו פאַרטיידיקונג פון אייגענעם לעבן.

פול מיט צוטרוי צום מין מענטש, האָט ער דערוואַרט אַ פּאָסיקן אָפּהילך מצד די צוהערערס אויף זיינע אָנרעגונגען. ווען ער פלעגט באַ־געגענען אַ יוגנטלעכן, וואָס איז מסכים געווען מיט זיין אָפּשאַצונג און איז גרייט געווען מיטצווווירקן פאַר אַ ווידערשטאַנד, האָט זיך זיין געזיכט צעלויכטן מיט ענטוזיאַזם. דאַקעגן, האָט ער באַמערקט אַ מאַנגל פון פאַר־שטענדניש און אינטערעס, פלעגט אים פאַרגיסן אַ צער און פאַרביטערונג. זיין ספּאָנטאַנע, שטורמישע רעאַקציע פלעגט זיך דאָך גיך איינשטילן און ער איז תמיד גרייט געווען אויף דאָס ניי צו פאַרפירן אַ וויכוח מיט דעם באַטרעפנדיקן. אין דעם פּרט דערציילט ח. גראָסמאַן: — „האָט מרדכי באַמערקט, אַז מ׳וויל זיך אויסדרייען, אָדער ווען ער האָט זיך געטראָפן מיט זיינע אַמאָליקע חברים און געזען, ווי זיי זענען רויִק, זאַט און זיכער,

אַז צו זיי וועט דאָס בייז נישט קומען, האָטטו געוווסט: מרדכי וועט אויף דיר אויסגיסן אַ טאָפּ „אוקרופּ" (זידנדיק וואַסער). ער וועט דיר שוין גאָרנישט גלייבן... דעמאָלט איז בעסער אויסצוװאַרטן ביז ס'וועט אים אַריבערגיין דער כעס. דאַן וועט ער באַטראַכטן דיין מיינונג און אויב דו ביסט גערעכט, וועט ער אָנערקענען, אַז דו ביסט גערעכט".[136]

די אויפקלערונגס־אַרבעט האָט באַקאַנט געמאַכט אין געטאָ דעם גרויל פון פּאָנאַר און געשטאַרקט דעם ווילן זיך קעגנצושטעלן די באַצווינגערס מיט אַלע מיטלען און אויף אַלע אופנים. אַלע פאָרמען פון רעזיסטאַנץ, אויך די פּאַסיווע, זענען געווען פאַרבונדן מיט אַ סך אויסדויער און אָפט אויך מיט קדושה. „עס זענען געווען טויזנטער פאַלן פון פּערזענלעכן העלדנטום אין יידישן אויפבראויז פאַרן אומקום".[137] דער וואַקסנדיקער דראַנג זיך אויסצובאַהאַלטן אַפילו אין די שווידערלעכסטע באַדינגונגען, וואָס האָט אָנגענומען אַ מאַסן־כאַראַקטער, איז געווען אַן אויסדרוק פון אַ פעסטן באַגער צו פאַרטיידיקן דאָס לעבן ביזן סוף. נאַטירלעך, איז פאַרבליבן פאַרפיקסירט נאָר אַ קליינער טייל פון די ווידערשטאַנדס־טאַטן.

אָנפאַנג אָקטאָבער, בעת דער „אַקציע" אין קליינעם געטאָ, האָבן די דייטשן „פאַרזיכערט" די מענטשן אַז מ'פירט זיי צו אַרבעט אין דעם „דריטן" געטאָ, וועגן וועלכן מ'האָט נאָך דעמאָלט גאָרנישט געוווסט. אָבער איין גרופּע, וואָס האָט זיך דערזען אויפן וועג קיין לוקישקי, איז געבליבן שטיין און זיך אָפּגעזאָגט צו גיין ווייטער. דער 18־יעריקער משה'קע פרומקין האָט גערופן זיך נישט צו לאָזן נעמען און צו אַנטלויפן. אין דער אַנטשטאַנענער מהומה האָבן די יונגערע זיך אַרויסגעריסן און די עלטערע האָבן זיך נישט געוואָלט רירן פון אָרט. דעמאָלט האָט שווייַנענבערג באַ־פוילן צו שיסן. צענדליקער זענען געפאַלן און די פאַרבליבענע זענען אונטער מערדערישע קלעפּ געצוווּנגען געוואָרן פאָרצוזעצן דעם מאַרש. צווישן די מערדערע ניצול געוואָרענע איז געווען אויך פרומקין.[138]

בעת דער ליקווידאַציע פון קליינעם געטאָ, די אַקציעס פון „געלע" און „ראָזע" שיינען, האָבן הונדערטער יידן זיך נישט געלאָזט אַרויספירן און דערשאָסענע גופים אויפן געטאָ־ברוק האָבן עדות געזאָגט וועגן זייער ווידערשפּעניקייט קעגן די מערדערס.

אַ פּאַרטיע בעלי־עגלות, טרעגערס און גנבים פאַרכאַפּטע בעת דער א. ג. אַקציע פון דער „אונטערוועלט", האָט רעוואָלטירט אויפן וועג קיין פּאָנאַר און איז באַפאַלן די וועכטערס, אַ טייל פון זיי איז געלונגען זיך אַרויסצורייסן און אומצוקערן אין געטאָ.

דעם 21־טן דעצעמבער, בעת דער אַקציע פון די „ראָזע" שיינען, ווען ס'איז אַנטדעקט געוואָרן אַ מעלינע מיט אַ 20 מענטשן, האָבן זיי זיך

אָפּגעזאָגט אַרויסצוגיין און זיך געוואָרפן אויף די אָנגרייפערס מיט די בלויזע הענט. אַלע זענען העלדיש אומגעקומען. עס זענען געווען באַקאַנט די נעמען נאָר פון צוויי פון די אָנפירערס — האָוז און גאָלדשטיין. דער דאָזיקער קאַמפּס־טאַט האָט אַרויסגערופן אַ שטאַרקן אָפּהילך אין געטאָ און ספּעציעלע אַפּישן האָבן גערופן אָפּצוגעבן כבוד דיביידע און אויך די אַנדערע קדושים.[139]

אַ ברייטערן פאַרנעם האָבן אָנגענומען די סאַבאָטאַזש־אַקטן. צו ערשט זענען זיי אויסגעפירט געוואָרן דורך יידן אינדיווידועל, אויף אייגענער איניציאַטיוו, מיטן ווילן פון נקמה, שפּעטער — אונטערן איינפלוס פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג און אויך אין אַן אָרגאַניזירטער פאָרעם. די, וואָס האָבן געאַרבעט ביי דייטשן, האָבן אויסגענוצט יעדע געלעגנהייט צו מאַכן שאָדנס דעם פיינד. מ׳האָט דורכגעלעכערט זעק מיט מעל, פעסער מיט בענזין, באַשעדיקט טיילן פון מאַשינען, טאַנקן, איינגעשניטן גומי־רעדער אאז״וו. די דייטשן האָבן נישט דערלאָזט דעם געדאַנק, אַז די דיווערסיע פירן אויס יידן, וואָס איבער זייערע קעפּ הענגט די שווערד און האָבן זיי צוגעשריבן צו פּאָליאַקן, ליטווינער אָדער רוסישע פּאַרטיזאַנער.

דאָס זענען געווען די ערשטע קעמפערישע סיגנאַלן. אַ גאַנץ באַזונדערע פּרשה פון אַנטי־נאַצישער מלחמה האָבן שפּעטער פאַרצייכנט די פּאַרטיזאַנער, וואָס האָבן אויפגעבויט אין דער געגנט אַ שטאַרקע ווירקונגס־באַזע.

סילוועסטער־נאַכט ביי שמידן

עס האָט אָנגערוקט ניי־יאָר. לכבוד דער סילוועסטער־נאַכט (פון 31־טן דעצעמבער 1941) האָט שמיד איינגעלאַדן צו זיך מרדכין, לאָנקען, טעמען, די אַדלערס, די אַנדערע היימישע איינוווינער און אַפילו צוויי פאַרטרויליכע דייטשע סאָלדאַטן.[140]

ס׳איז געווען קורץ נאָך די אַקציעס, וואָס האָבן פאַרשלונגען פיל טויזנטער יידן, אין דער צייט פון דייטשן טריומפאַלן פאָרויסמאַרש אויפן פראָנט. אָבער דורך דעם ים פון בלוט און דער שטאָלענער וואַנט פון די נאַצישע חיילות און טאַנקן האָט טענענבוים־טאַמאַראָף דערזען די ליכט פון דער נאַציאָנאַלער אויפריכטונג און אַפילו אַ גאַנץ אייגנאַרטיקן צערע־מאָניאַל, וואָס וועט פראַקטיצירט ווערן אין צוקונפטיקן יידישן לאַנד לגבי די „חסידי אומות העולם״. בעת זיין באַגריסונגס־וואָרט לכבוד שמידן, איז ער באַהערשט געוואָרן פון דער דאָזיקער וויזיע און פייערלעך דערקלערט, אַז „נאָך דער מלחמה וועט אים אין ארץ־ישראל, אין דער יידישער מדינה, צוגעטיילט ווערן אַן ערן־אויסצייכענונג פאַר ראַטעווען יידן״.[141]

שמיד האָט דערויף געענטפערט, אַז ער איז קעגן היטלעריזם און וועט טראָגן מיט שטאָלץ דעם באַקומענעם מעדאַל. ביי דער געלעגנהייט איז שמיד, אויף מרדכיס פאָרשלאָג, מיט ענטוזיאַזם אָנגענומען געוואָרן און צו זיין גרויסער פרייד, ווי אַ חבר פון „החלוץ" און פון דעם קיבוץ. ס'איז אים פאַרזיכערט געוואָרן אַ סערטיפיקאַט אַלס ותיק, ד. ה. פאָרדינסטפולער צו פאָרן נאָכן קריג קיין ארץ־ישראל. ער האָט אויסגעדריקט איין בקשה: אין פאַל פון אַן אומגליק, ווען ער וועט געכאַפּט ווערן פאַר זיין רעטונגס־אַרבעט, זאָל מען זאָרגן פאַר זיין פאַמיליע אין ווין און דאָס איז אים צוגעזאָגט געוואָרן אויף אַ פייערלעכן אופן.[142]

דער באַזונדערער דאָקומענט וועגן שמידן (פון רינגעלבלום־אַרכיוו) ברענגט געוויסע צוגאָב־פּרטים בנוגע דעם איינדרוקספולן אָוונט. ער דער־ציילט צ"א, אַז שמיד, וואָס האָט געמיטלעך געשמועסט מיט זיינע יידישע פריינד און זיי געווונטשן צו פאַרווירקלעכן זייערע אידעאַלן, האָט זיך עטלעכע מאָל אַנטשולדיקט, אַז ער מוז זיך אַ ביסל באַווייזן אין אָפיצירן־קלוב, ווו מ'האָט אויך געפּראַוועט דעם סילוועסטער, אויסטרינקען מיט זיי אַ כוסה, כדי נישט צו ציען קיין חשד מיט זיין אָפּוועזנהייט.[143]

אויף דער זעלטענער פייערונג איז דורכגעפירט געוואָרן די צערעמאָניע פון שליסן פריינדשאַפט (ברודערשאַפט) פון די אָנוועזנדיקע מיטן בעל־הבית. די רייכע סעודה מיט משקאות, פליישן און אויך „פאַנטשקעס", וואָס די יוגנטלעכע האָבן געבראַכט און שמיד האָט זייער ליב געהאַט, האָט זיך פאַר־צויגן ביז דריי פאַר טאָג. ס'איז געווען אַ פּלאַן פאַרצוזעצן די מסיבה צו מאָרגנס, אָבער טענענבוים האָט דערקלערט אַדלערן, אַז ער מוז אַוועקגיין צוליב אַ „וויכטיק געשעעניש" — אַן אַזכרה נאָך די אומגעקומענע אין פּאָנאַר און פאַרלייענען אַ קאַמפּס־רוף. צוזאַמען מיט אים זענען אויך אַרויס טעמע מיט לאָנקען. דאַקעגן די אַדלערס איז געוואָרן רעקאָמענדירט מחמת קאָנספּיראַציע, נישט אָנטייל צו נעמען אין דער פאַרזאַמלונג.

די קאַמפּס־רופן

אויף אַ זיצונג פון דער חלוצישער קאָאָרדינאַציע פון חודש דעצעמבער, מיט דער אָנוועזנהייט פון מ. טענענבוים, צ. מערסיק, נ. רעזניק, א. פינטשוק, ש. ענטין, ע. באָראַקס, ח. גראָסמאַן און ר. קאָרטשאַק, איז אָנגענומען געוואָרן אַ באַשלוס אָנצושרייבן אַן אויפרוף צו ווידערשטאַנד. דער געדאַנק וועגן רעזיסטאַנץ האָט זיך גענומען אין די חלוצישע רייען אויספורעמען זינט אַ לענגערער צייט. ביי יעדער באַגעגעניש מיט טענענבוימען איז אַוועק־געשטעלט געוואָרן די פראַגע פון פאַרטיידיקונג.[144] אין דעם פּרט האָט אויך ד"ר דוואָרזשעצקי אָנגעוויזן, אַז אויף איינער פון די זיצונגען מיט טענענ־

בוים, שיינבוים, מגיד און אפשר נאָך איינעם, אין וועלכער אויך ער האָט זיך באַטייליקט, האָט מען באַטראַכט און פּלאַנירט ווי אַזוי אויפצושטעלן אַ באַוואָפנטע קראַפט צום קאַמף. דאָס האָט דעמאָלט אויסגעזען „שטאַרק פאַנטאַסטיש".[145] מ'איז אויך איבערגעגאַנגען צו מעשים: וואָכן־לאַנג האָבן יוגנטלעכע פון „דרור" זיך געגרייט דערצו, מ'האָט געשלעפט וואָפן פון די אַרבעטס־פּלעצער, געזוכט פאַרבינדונגען דאָס איינצושאַפן אאז"וו.

עטלעכע טעג פאַרן 1־טן יאַנואַר 1942 האָט טענענבוים, וואָס פלעגט אָפט קומען צו דוואָרזשעצקין, אים מודיע געווען, אַז אויפן 1־טן יאַנואַר איז באַשטימט אין דער חלוצישער קיך אַ יזכור־פאַרזאַמלונג נאָך די אומגעבראַכטע אין פּאָנאַר, אים איינגעלאַדן און צוגעגעבן, אַז דאָרט וועט מען עפּעס איבערלייענען. דעריבער אויך איז דער אויפרוף פאַר אים שוין נישט געווען קיין איבערראַשונג.

דאָס איז געווען דער ערשטער גרעסערער צוזאַמענקום פון דער אָרגאַניזירטער געטאָ־יוגנט.

די אויפגאַבע אָנצושרייבן אַן אויפרוף צו ווידערשטאַנד איז דורך עדעקן איבערגעגעבן געוואָרן צו אַבא קאָוונער,[146] וואָס האָט צוזאַמען מיט נאָך 16 חברים זיך אויסבאַהאַלטן אויף דער אַרישער זייט אין אַ מאָנאַסטיר, ווו די „מוטער" (אָנפירערין) איז אַ מאָל געווען אַ סאָציאַליסטין. ער איז ערב דעם 1־טן יאַנואַר געקומען אין געטאָ און אויף אַ זיצונג פון דער קאָאָרדינאַציע פאַרגעלייענט דעם אויפרוף.

בשייכות מיט דעם האָט נ. רעזניק אָנגעוויזן, אַז דער רוף איז געווען „אַ קאָמפּראָמיס פון צוויי רעיונות, אָדער צוויי רעדאַקציעס (ניסוחים)... — ס'קאָן זיין, אַז אויך מרדכי האָט געשריבן, ער האָט געהאַט אַ נטיה פון ציט צו ציט צו שרייבן... יעדן פּאַלס האָט מען אים פאַרגעלייענט אויף דער קאָאָרדינאַציע און צוזאַמען באַשטימט דעם נוסח... ס'איז געווען אַ שותפותדיקע שאַפונג, וואָרעם אין יענע טעג, טראָץ די מיינונג־פאַרשידנהייטן מיט מרדכי טענענבוים, זענען די באַציונגען געווען אויסגעצייכנטע, חברישע, פון קעגנזייטיקער הילף".[147]

פון די שפּעטערדיקע שריפטן פון טענענבוים דרינגט נישט אַרויס, אַז ער איז געווען דער מחבר, אָבער זיין בייזשטייער צו אים אין אַזאַ אָדער אַנדערער פאָרעם אונטערליגט נישט קיין ספק.

עפּנטלעך האָט מען דעם אויפרוף, ס'ערשטע מאָל, איבערגעלייענט דעם 1־טן יאַנואַר. ד"ר דוואָרזשעצקי האָט וועגן דער דאָזיקער וויכטיקער געשעעניש אַזוי באַריכטעט: — „דעם 1־טן יאַנואַר איז פאָרגעקומען אין לאָקאַל פון דער חלוצישער קיך דער יזכור־אָוונט נאָך די אומגעקומענע אין פּאָנאַר, בשעת וועלכן עס איז געוואָרפן געוואָרן פאַר הונדערטער

חלוצים פון אַלע ריכטונגען די לאָזונג פון ווידערשטאַנד, דער אויפרוף איז געלייענט געוואָרן אויף יידיש און העברעיש. — אין דעם קאַלענדאַר פון די באַדייטנדיקע „דאַטן", וואָס ווערט געבראַכט צום סוף פון דוואָרזשעצקיס בוך, איז אויך אָנגעוויזן דער טאָג לויטן יידישן לוח: „י"ב טבת, חלוצישע יזכור־פאַרזאַמלונג (אויפרוף נישט צו לאָזן זיך פירן אויף פּאָנאַר)".[148]

אויך אין זיין שפּעטערדיקער דערקלערונג האָט ד"ר דוואָרזשעצקי באַטאָנט די דאַטע, עס זאָל אויסגעמיטן ווערן יעדער עווענטועלער פעלער: „נישט סוף דעצעמבער, דעם 1־טן יאַנואַר 1942. איך בין געשטאַנען צוזאַמען מיט טענענבוים אויף דער יזכור־אסיפה".[149]

א. קאָוונער האָט מיט די פאָלגנדיקע ווערטער געשילדערט די דאָזיקע היסטאָרישע פאַסירונג: — „דער רוף, וואָס מיר האָבן אַרויסגעגעבן דעם 1־טן יאַנואַר 1942 אין ווילנער געטאָ, דאָס איז געווען דער ערשטער רוף צום ווידערשטאַנד. איינצלנע שרידים פון אַ שטאָט און אַ משפחה, פאַרצווייפלטע, גלייכגילטיקע, אַפּאַטישע צו יסורים, האָבן מיט אַ מאָל דערזען פאַר זיך אַ ציל, אַ הייליקן ציל... 150 פּאָר אויגן האָבן געוויינט, ווען אין דער טונקלקייט זענען געלייענט געוואָרן די שורות פונעם אויפרוף".[150]

די זעלביקע צאָל מענטשן איז אָנגעוויזן געוואָרן אין דער גבית־עדות פון נ. רעזניק, וואָס רעכנט אויך אויס די באַטייליקטע גרופּירונגען: „פרייהייט" („דרור"), „הנוער הציוני", „השומר הצעיר" און „עקיבא".

אין זיין רעלאַציע וועגן דער זעלבער געשעעניש האָט א. סוצקעווער צוגעגעבן, אַז אויף דער אסיפה ווו מ'האָט געלייענט דעם אויפרוף פון 1־טן יאַנואַר,* איז אויך באַקאַנט געוואָרן דאָס עדות־זאָגן פון דער לערערין טעמאַ כ"ץ, וואָס האָט זיך אַרויסגעריסן פון פּאָנאַר אַ נאַקעטע, מיט קוילן אין איר גוף און איז דערשינען אויף דער פאַרזאַמלונג נאָך אַ פאַרבלוטיקטע.[151]

וואָס פאַראַ טעקסט פון קאַמפּס־פּראָקלאַמאַציע איז דעמאָלט איבערגעגעבן געוואָרן פאַר די פאַרזאַמלטע? עס איז אָנגענומען און פּובליקירט אין פאַרשידענע אויסגאַבעס דער פאָלגנדיקער:

* בכלל איז אין אַלע אויסגאַבעס קלאָר אָנגעוויזן די דאַטע פון 1־טן יאַנואַר פון דער אַלגעמיינער אסיפה און פון דער קאַמפּס־פּראָקלאַמאַציע. דעריבער איז נישט צו באַגרייפן, וואָס דער פאָרשער יצחק ארד, פאַררופנדיק זיך גראָד אויף די זעלבע מקורות, איז אין זיין בוך: „וילנה היהודית במאבק ובכליון", ז. 196/7 אַרויסגעקומען מיט אַ פעסטשטעלונג, אַז די באַהאַנדלטע פאַרזאַמלונג איז פאָרגעקומען אין דער סילוועסטער־נאַכט און אַז מרדכי טענענבוים האָט זיך אין איר נישט באַטייליקט, הלמאי ער איז דעמאָלט געווען ביי שמידן.

— „לאָמיר נישט גיין ווי שאָף צו דער שחיטה!

יידישע יוגנט! גלויבט ניט די פּאַרפירערס! פון די אַכציק טויזנט יידן אין ירושלים דליטא זענען געבליבן נאָר צוואַנציק טויזנט. פאַר אונדזערע אויגן האָט מען אַרויסגעריסן די עלטערן, ברידער און שוועסטערס. ווו זענען די הונדערטער מענער, געכאַפּטע אויף אַרבעט דורך דער שטאָטישער פּאָליציי? ווו זענען די נאַקעטע פרויען און קינדער, אַרויסגעפירטע אין דער גרויליקער נאַכט פון דער פּראָוואָקאַציע? ווו זענען די יידן געכאַפּטע אין יום־כיפור? ווו זענען אונדזערע ברידער פון דעם צווייטן געטאָ? וועמען מען האָט אַרויסגעפירט פון געטאָ וועט זיך מער ניט אומקערן, ווייל אַלע וועגן פון געסטאַפּאָ פירן קיין פּאָנאַר, און פּאָנאַר איז דער טויט!

רייסט אַראָפּ די אילוזיע פון פּאַריאושטע: אייערע קינדער, פרויען און מענער זענען נישטאָ! פּאָנאַר איז ניט קיין לאַגער. מען האָט זיי אַלעמען דערשאָסן. עס האָט היטלער געמאַכט אַ סיסטעם אומצוברענגען אַלע יידן אין אייראָפּע. אויף אונדז איז אויסגעפאַלן די ערשטע רייע.

לאָמיר ניט גיין ווי שאָף צו דער שחיטה! אמת, מיר זענען שוואַך און האָבן קיין הילף ניט. אָבער דער איינציקער ווירדיקער ענטפער דעם שונא איז ווידערשטאַנד!

ברידער! בעסער פאַלן, ווי פרייע קעמפערס, איידער לעבן אין דעם מערדערס גענאָד: זיך קעגנשטעלן ביזן לעצטן אָטעם!"

ערשטער יאַנואַר 1942, ווילנע אין געטאָ.[152]

דער קאַמפּס־רוף ווערט באַטראַכט אַלס דער איינציקער. נ. רעזניק אין זיין עדות־זאָגן האָט יאָ דערמאָנט וועגן „צוויי ניסוחים".

עס ווייזט זיך טאַקע אַרויס, אַז עס האָט עקסיסטירט אַ צווייטע ווערסיע, וואָס איז אָפּגעפונען געוואָרן צוזאַמען מיט אַנדערע אַרכיוואַלע מאַטעריאַלן פון ווילנע.

דאָס איז וואַרשיינלעך אַ קאָפּיע, געמאַכט מיט געוויסע גרייזן, פון אַן אָריגינעלן דאָקומענט, וואָס זיין מחבר איז אומבאַקאַנט. נאָר אונטן, ווי אַ פוס־באַמערקונג, איז פאַראַן אַן אייגנהענטיקע צושריפט פון מרדכי טענענבוים, וואָס באַווייזט זיינס אַ שייכות צו דעם דאָזיקן כתב.

דער טעקסט, וואָס קומט דאָ אין באַטראַכט, לייענט זיך אַזוי:[153]

— „לאָמיר זיך נישט לאָזן פירן ווי שאָף צו דער שחיטה!

יידישע יוגנט!

צו דיר ווענדן מיר זיך! און אין אַ צייט פון אַ נאַציאָנאַלן אומגליק, וואָס האָט נישט קיין גלייכן.

מיר האָבן נאָך היינט נישט קיין ווערטער אויסצודריקן דעם גאַנצן טראַגישן גערעַנגל, וואָס קומט פאַר פאַר אונדזערע אויגן. אונדזער שפּראַך פאַרמאָגט נישט אַזאַ וואָרט, וואָס זאָל אויסדריקן[151] אַזוי טיף, ווי טיף עס איז איצט איינגעזונקען אונדזער לעבן, זאָל גענוג שטאַרק אויסשרייען דעם ווײ־געשריי, וואָס שטיקט אונדז.

עס איז נאָך שווער צו געפינען די פּאַסיקע דעפיניציע פאַר דעם צושטאַנד, אין וועלכן מיר געפונען זיך, פאַר דער אויסערגעוויינלעכער אכזריות, מיט וועלכער עס ווערט אַדורכגעפירט די אויסראָטונג פון דער היגער יידישער באַפעלקערונג.

75.000 יידן האָט געציילט די קהילה פון ירושלים דליטא. ביים אַריינגיין אין געטאָ האָבן שוין געפעלט 25.000 און היינט זיינען דאָ פאַר־בליבן נאָר 12.000.[155] אַלע איבעריקע זיינען דערהרגעט געוואָרן! אין אונדזערע גאַסן שפּאַצירט דער טויט, אין אונדזערע געצעלטן — אָנמעכ־טיקייט. פאַר דעם דאָזיקן אומגעהויערן אומגליק איז אָבער פיל גרעסער דער ווייטאָג אין אָנבליק פון דער שפלער האַנדלונג פון די יידן אין איצטיקן מאָמענט. קיינמאָל האָט נאָך דאָס יידישע פאָלק אין זיין לאַנגער געשיכטע פון מאַרטירערטום, ניט אַרויסגעוויזן אַזאַ געפאַלנקייט, אַזאַ מאַנגל פון מענטשלעכער ווירדע, פון נאַציאָנאַלן שטאָלץ און אחדות, אַזאַ אומּמעכטיקייט און אונטערטעניקייט פאַר די רוצחים.

און נאָך שטאַרקער ווייטאָגט דאָס האַרץ אויף דער האַלטונג פון דער יידישער יוגנט, אַ יוגנט, וואָס האָט זיך אין משך פון 20 יאָר דערצויגן אויף די אידעאַלן פון שאַפונג און חלוצישער פאַרטיידיקונג, שטייט איצט אַפּאַטיש, פאַרלאָרן און רעאַגירט ניט אויף דעם טראַגישן גערעַנגל.

עס זיינען אָבער פאַראַן אין לעבן פון אַ פאָלק, פון אַ קאָלעקטיוו, ווי אין לעבן פון אַ יחיד, אַזוינע מאָמענטן, וואָס כאַפּן דיך אָן פאַר די האָר פון קאָפּ און געבן דיר אַ שטאַרקן טרייסל און צווינגען דיך אָנצו־גורטן אַלע כוחות צו דערהאַלטן דאָס לעבן. אַזאַ מאָמענט לעבן מיר איצט איבער.

מיט וואָס קענען מיר זיך פאַרטיידיקן? מיר זיינען הילפלאָז, מיר האָבן ניט קיין מעגלעכקייטן צו אָרגאַניזירן וועלכע ניט איז פאַרטיידיקונג פון אונדזער לעבן. אָבער אויב אין דעם ניט גלייכן פאַרמעסט פון כוחות איז אָפּגענומען ביי אונדז די מעגלעכקייט פון אַ באַוואָפנטער פאַרטיידיקונג — זיינען מיר אָבער נאָך פעיק צו פאַרטיידיקן זיך אַליין, פאַרטיידיקן זיך מיט אַלע מיטלען — און מאָראַלישע פאַרטיידיקונג קודם כל — דער געבאָט פון שעה!

יידישע יוגנט!

ניט אַנדערש, נאָר אויף דיר ליגט די נאַציאָנאַלע פליכט צו זיין דער טרעגער פון דער געזעלשאַפטלעכער פאַרטיידיקונג פון דעם יידישן קיבוץ, וועלכער שטייט אויף דער שוועל פון פאַרניכטונג!

I. לאָמיר זיך פאַרטיידיקן בשעת אַ גירוש!

שוין איניקע חדשים ווי טאָג און נאַכט רייסט מען אַרויס פון צווישן אונדז טויזנטער און צענטליקער טויזנטער יידן, מענער, אַלטע, פרויען און קינדער און מען פירט זיי סטאַדעסווייז — און מיר, די געבליבענע שטייען פאַרשטיינערטע, און עס לעבט נאָך אין אונדז די אילוזיע, אַז ערגעץ ווו לעבן זיי דאָך, אין אַ פאַרבאָרגענעם קאָנצענטראַציע־לאַגער, אין אַ געטאָ נר. 3. און דו גלויבסט און האָפסט צו זען די מאַמען און דעם פאָטער, דיין ברודער, וועלכער איז געכאַפט געוואָרן און ניטאָ אים.

אין אָנבליק פון דעם מאָרגנדיקן טאָג ,וועלכער קומט מיטן גרויל פון גירוש און רצח, האָט אויסגעשלאָגן די שעה צו צעשטרויען די אילוזיע:

ניטאָ קיין אַנדער וועג פון געטאָ, איידער דער וועג פון טאָט!

יעדער אַרויסגעפירטער פון געטאָ — איינער זיין וועג: אויף פאָנאַר!

און פאָנאַר — איז טויט!

ניטאָ קיין גרעסערע אילוזיע, ווי די, אַז אונדזערע נאָענטע לעבן.

ניטאָ קיין שעדלעכערע אילוזיע, ווי די, און זי האָט פאַרטעמפּט אונדזערע געפילן, צעבראָכן אונדזערע נאַציאָנאַלע אחדות אין די מאָמענטן פאַרן טויט.

פאַר אונדזערע אויגן האָט מען געפירט אונדזער מאַמען, אונדזער פאָטער, אונדזערע שוועסטער — גענוג!

מיר וועלן ניט גיין!

חברים! טראָגט דעם באַוווסטזיין און פאַרשפרייט עס צווישן אייערע משפחות, צווישן די רעשטלעך פון ירושלים־דליטא.

— גיב זיך ניט איבער אין די הענט פון די כאַפּערס!

— גיב ניט איבער קיין אַנדערע יידן!

— אויב מען כאַפּט דיך, האָסטו ניט וואָס אָנצוווערן!

— לאָמיר זיך פאַרטיידיקן און ניט גיין.

בעסער פאַלן מיט כבוד אין געטאָ, איידער ווערן געפירט, ווי שאָף קיין פאָנאַר!

II. אויף דער וואַך פון נאַציאָנאַלן כבוד און מענטשלעכער ווירדע.

מיר אַרבעטן ביי דייטשן און ליטווינער. טאָג טעגלעך טרעפן מיר זיך פנים אל פנים מיט אונדזערע אַרבעטסגעבער, די מערדער פון אונדזערע ברידער און גרויס זייגען די חרפּה און ווייטאָג, זעענדיק די האַנדלונג פון די יידן, אַ האַנדלונג באַרויבט פונם באַוווסטזיין פון מענטשלעכער ווירדע.

חברים!

— גיט ניט דעם פיינד די מעגלעכקייט צו שפּאָטן פון אייך!

— ווען דער דייטש שפּאָט פון אַ יידן — העלף אים ניט לאַכן!

— חנפעט ניט אייערע מערדער!

— שטעמפּלט די „מה־יפית׳ניקעס" בשעת דער אַרבעט!

— שטעמפּלט די מיידלעך, וואָס פלירטעווען מיט די געסטאַפּאָ־לייט!

— ווייניקער געאַרבעט, ניט געאיילט!

— זייט סאָלידאַר! אויב עס טרעפט אַן אומגליק — זייט ניט קיין נידעריקע עגאָיסטן — העלפט אים אַלע! זייט אייניק אין אַרבעט און אומגליק!

— אין די גאַסן גייען אום יידישע אַגענטן פון געסטאַפּאָ און מוסרים מכל המינים. דערטאַפּ אַזאַ — מישפּט אים — קלעפּ ביז טויט!

III. אין אַנבליק פונעם דייטשן זעלנער.

אַנשטאָט אונטערטעניקייט און מיאוסער חניפה, ווערט אין טאָג־טעגלעכן צוזאַמענטרעפן זיך מיט דייטשע זעלנער, געגעבן די געלעגנהייט צו טאָן אַ ווירדיקע נאַציאָנאַלע טאַט. ניט יעדער דייטשער זעלנער איז אַ געשוואָרענער יידן־פיינד, ניט יעדער דייטשער זעלנער איז אַ געשוואָרענער היטלעריסט. אָבער אַ סך פון זיי האָבן אַ פאַלשע פאָרשטעלונג וועגן יידן. מיר, יונגע מיט אונדזער האַלטונג, מיט וואָרט און טאַט, קענען מיר שאַפן אין דער פאָרשטעלונג פונם דייטשן זעלנער אַן אַנדער טיפּ פון אַ יידן, וואָס פאַרמאָגט נאַציאָנאַלע און מענטשלעכער ווירדע.

חברים! דערווייזט די יידן, מיט וועלכע איר אַרבעט און לעבט צו־זאַמען, אַז דאָס איז דער וועג צום דייטשן זעלנער.

IV. צו די יידישע פּאָליציסטן.

זייער טראַגיש איז די ראָל פון דער יידישער פּאָליציי — זיין אַ בלינדע געצייג אין די הענד פון אונדזערע רוצחים. אָבער איר, יידישע פּאָליציסטן האָט דאָ אַ געלעגנהייט צו אַנטפּלעקן אייער פּערזענלעכע מאָראַל און נאַציאָנאַלע פאַראַנטוואָרטלעכקייט!



סוף פונעם קאַמפּס־רוף מיט מרדכיס צושריפט

— יעדער טאָט, וואָס דראָט דעם יידישן לעבן — זאָל ניט געטאָן ווערן!

קיין אַקציעס פון מאַסן־גירוש — זאָלן ניט אויסגעפירט ווערן!

— אַנטזאָגט זיך אויסצופירן די באַפעלן, וועלכע ברענגען אום יידן און זייערע משפחות!

דער פוילישער היסטאָריקער, וועלכער וועט שרייבן די געשיכטע פון זיין פאָלק אין דער צייט פון חורבן פון דער פוילישער מדינה, וועט פונם נאַציאָנאַלן שטאַנדפונקט באַשרייבן מיט גאָלדענע אותיות די נעמען פון די פוילישע אייזנבאַן־אַרבעטער, וועלכע האָבן, שטעלנדיק אין געפאַר זייער אייגענעם לעבן, געראַטעוועט הונדערטער ברידער פון גירוש און טויט.

— זאָל די דינסט אין דער פּאָליציי ניט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ נאַציאָנאַלע שאַנד פאַר אייך!

— יידישער פּאָליציאַנט, שטעל בעסער אין געפאַר דיין אייגן לעבן, איידער צענטליקער יידישע לעבנס!

חברים!

טראָגט אייער שנאה צום פיינד אין יעדן אָרט, אין יעדע רגע!

זאָל אייך ניט פאַרלאָזן דאָס באַוווסטזיין, אַז איר אַרבעט פאַר אייערע מערדער!

בעסער פאַלן אין קאַמף פאַר מענטשלעכער ווירדע, איידער לעבן אין מערדערס גנאָד!

לאָמיר זיך ווערן! ווערן ביז דער לעצטער מינוט!

ווילנע, אין געטאָ, 1.I.1942

נאָך דעם טעקסט, אין סאַמע אונטן פון דעם 4־טן און לעצטן בלעטל, האָט מ. טענענבוים אייגנהענטיק צוגעשריבן:

— „פאַרגעלייענט אין ווילנע, יאַנואַר 1942,
אויף אַ פאַרזאַמלונג פון ציוג. יוגנט־אָרגאַניזאַציעס".

ווי צו זען, איז די דאָזיקע פּראָקלאַמאַציע באַדייטנדיק לענגער פון דער פריער ציטירטער, פאַרשידן אין דער פאָרעם, ווי אויך אין די נומערישע אָנגאַבעס. עס פיגורירט אין איר די דאַטע פון ניי־יאָר 1942, דאָס מיינט די זעלביקע, ווען די ווענדונג איז דאָס ערשטע מאָל פאַר־געבראַכט געוואָרן אויף דער אַלגעמיינער אסיפה. דערצו באַשטעטיקט טענענבוימס אויטענטישע צושריפט בולט און קלאָר, אַז אויף דער פאַר־זאַמלונג פון די ציוניסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס האָט מען „פאַרגעלייענט" די אָ שריפט און ער האָט זי מן הסתם אויך איבערגעגעבן אויסצובאַהאַלטן.

ביידע „קול קורא'ס" האָבן געהאַט פאַר אַ ציל צו דעמאַסקירן דעם

דייטשן פאַרניכטונגס־פּלאַן און אויפקלערן דעם ריכטיקן זין פון דער דעפּאָרטאַציע, אַפּעלירן צו די פאַרמשפּטע ברידער אָפּצוהיטן די ווירדע און אָנרעגן צו זעלבס־פאַרטיידיקונג. די ווערסיע מיט טענענבוימס צו־שריפט אַנטהאַלט, אויסער דעם, אַ מין רעגולאַמין פון בכבודיקער אויפ־פירונג אין די שוידערלעכע באַדינגונגען פון אומקום, באַזונדער פאַר דער יוגנט, אויך פאַר דער יידישער פאָליציי. אַלע ווערן גערופן זיך קעגנ־צושטעלן די מערדערס אומעטום, אויף דער גאַס, בעת אַ גירוש, ביי דער אַרבעט און אָנצוהאַלטן דעם נאַציאָנאַלן שטאָלץ אויך אין אָנבליק פונעם דייטשן סאָלדאַט. עס ווערט שאַרף געשטעמפּלט די אונטערטעניקייט און געפאָדערט פון יעדן אַ הויכע מאָראַלישע מדרגה, מוט און אחדות, דאָס ברענגען זיך אַליין פאַר אַ קרבן, איידער אַנדערע יידישע לעבנס.

ביידע רופן, פול מיט קראַפט, הייבן זיך אָן מיט דער סוגעסטיווער לאָזונג, הגם אַ ביסל פאַרשידן, וואָס איז געוואָרן אַ פּאַראָל פאַר אַלע יידישע אַנטי־נאַצי־קעמפערס און ענדיקן זיך מיט אַ פלאַמיקן אַפּעל זיך קעגנצושטעלן דעם שונא ביזן סאַמע סוף.

אויב אַפילו דער ברייטערער אויפרוף זאָל האָבן געווען דער פּראָ־טאָטיפּ, האָט זיך דאָך אָנגענומען און פאַרשפּרייט דער קלענערער, וואָס האָט מיט זיין קאָנדענסירטקייט מער אַנטשפּראָכן דער באַשטימונג. אויך ווען טענענבוים אַליין האָט זיך אין זיין בריוו צו דער הסתדרות באַצויגן צו דער פּראָקלאַמאַציע, האָט ער ציטירט די ערשטע לאָזונג לויט דעם קירצערן נוסח. יעדן פאַלס שטעלט מיט זיך פאָר דער באַהאַנדלטער דאָ־קומענט אַן אינטערעסאַנטן, עטישן און דערציערישן סטאַטוט, וואָס האָט אין דער צייט פון דעזאָריענטאַציע און כאַאָס באַצוועקט אָנצווייזן יעדן יחיד דעם ריכטיקן און ווירדיקן וועג פאַר זיינע האַנדלונגען.

די שטאַרקע רעוואָלוציאָנערע לאָזונגען האָבן אָפּגעקלונגען מיט אַן אינערלעכן ציטער אין די יוגנטלעכע הערצער. די מחנה חלוצים, פאַר־זאַמלטע אויף דער אַלגעמיינער אסיפה, אויפגערודערט און צעפלאַמט, האָט מיט פייערלעכקייט געזונגען דאָס בונטאַרישע ליד, וואָס איז שפּעטער געוואָרן זייער פּאָפּולער:

„איידער אומקומען איז בעסער
העלדיש צו פאַרגיין,
אויסשטרעקן דעם האַלדז צום מעסער —
ניין — שוין קיינמאָל נישט!״ [156]

די קאַרדינאַלע געשעעניש האָט געגעבן אַ שטויס פאָרויס דעם פּראָגראַם פון זעלבסטפאַרטיידיקונג. אין רעזולטאַט פון די היציקע וויכוחים וועגן דעם

פלאַצדאַרם פונעם קאַמף צווישן די אָנהענגערס פון אַן אָפענעם אַרויסטריט אין געטאָ און פון פאַרטיזאַנער־טעטיקייט אין וואַלד, האָבן זיך אָנגעהויבן צוגרייטונגען איןביידע ריכטונגען.

די חלוצישע קאָאָרדינאַציע האָט באַווירקט דאָס שאַפן פון איני־ציאַטיוו־גרופעס פון דער קאַמפס־באַוועגונג און איינע פון די ערשטע קערן־אָפטיילונגען האָט צוגעשטעלט דער „דרור".

ביז סאַמע סוף פון זיין אָנוועזנהייט דאָ האָט טענענבוים געבויט און געשטאַנען בראש פון דעם אונטערערד. ערשט קורץ פאַר זיין אָפּפאָר פון ווילנער געטאָ, איז קאָוונער אָהערגעקומען פון דער אַרישער זייט.[157]

כדי צו פאַרזיכערן דעם המשך פון דער צוזאַמענאַרבעט אין אונטער־גרונט, האָט טענענבוים אַרויסגערופן איליאַ און פעסיע שיינבוים און זיי אָנגעזאָגט פון היינט אָן און אויף להבא צו שטיין אין פאַרבינדונג מיט קאָוונער, רעזניק און בכלל מיט די, וואָס וועלן באַשטימט ווערן, אָנצונעמען און אונטערצוואַרפן זיך אַלע בשותפותדיקע באַשלוסן. זיי זענען געוואָרן די פאַראַנטוואָרטלעכע איבער דער „דרור"־גרופע, פון וועלכער אַ גרויסער טייל איז פאַרבליבן אויפן אָרט.[158]

די דאָזיקע קאָאָרדינירטע ווידערשטאַנד־טעטיקייט האָט געלייגט דעם גרונטשטיין פאַר דער צווישן־פאַרטיייִשער פאַראייניקטער פאַרטיזאַנער־אָרגאַניזאַציע — „פ. פ. אָ.", וואָס איז אַ ביסל שפּעטער אַנטשטאַנען און האָט קאָנסאָלידירט אַלע ווירקנדיקע כוחות פאַר דער געמיינזאַמער זעלבשוץ.

צו דער דאָזיקער, מן הסתם, באַציט זיך די פעסטשטעלונג פון די מחברים פון דער מגילה (טרילאָגיע), ווען זיי קאָמענטירן דעם אַרויספאָר פון מרדכיס גרופע: „פאַרן פאַרלאָזן ווילנע, האָבן די חברים געזאָרגט צו לייגן אַ יסוד פאַר דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין געטאָ".[159]

שמידס רעטונגס־אַקציע קיין ביאַליסטאָק — זיין טראַגישער סוף

אין צווישן האָט זיך אָנגעהויבן די איבערוואַנדערונג פון ווילנע קיין ביאַליסטאָק. ניִשט בלויז דער וועג איז געווען ווייט און געפערלעך, נאָר אויך די הכנות צו אים — סכנותפולע. די פאַסאַזשירן, וואָס זייער צאָל אין די טראַנספּאָרטן האָט באַטראָפן פון 18—25 פערזאָן, זענען מחמת פאַרשידענע סיבות אָפט פאַרבליבן אַ פאָר טעג, צו מאָל העכער אַ וואָך, אין שמידס דירה.

צ. בירמאַנס גרופע איז געזעסן דאָרט צוויי טעג. — „מיט זיין אַרייַנ־קומען אין שטוב האָט ער געבראַכט מוט און האָפענונג. געווען באמת

אַ געטרייער חבר" — איז זי יעדעס מאָל געווען באַאיינדרוקט פון זיין טיפער מענטשן־ליבע.

לויט דעם „דאָקומענט וועגן שמידן", פלעגט ער, ווען עס זענען געשטאַנען ליטווישע פּאָליציאַנטן, אַדורכפּאָרן מיט גרויסער שנעלקייט אין זייער ריכטונג, אַזוי, אַז זיי האָבן געמוזט אָפּשפּרונגען; דאַקעגן ביי אַ דייטשער וואַך — האָט ער געגעבן אָנצוהערן, אַז די מענטשן זענען באַשטימט „צו אַ וויכטיקער אַרבעט".[160]

שמיד האָט זיין מאַשין אַריינגעפירט דירעקט אין ביאַליסטאָקער געטאָ, וואָס האָט אין פאַרגלייך מיט ווילנע אויסגעזען ווי אַ „דאַטשע" אָדער נאָך מער — „אַ גן עדן".[161] דעם ערשטן טראַנספּאָרט האָבן באַגלייט מרדכי מיט הערמאַן, לויט זיין ג"ע, שפּעטער — טעמע מיט לאָנקע.

אין זיינס אַ שריפט האָט טענענבוים ספּעציעל אונטערגעשטראָכן טעמעס גרויסן אָרגאַניזאַציאָנעלן און פינאַנסיעלן ביישטייער אין דער גאַנצער אונטערנעמונג.[162]

עס זענען געווען געפּלאַנט פיר טראַנספּאָרטן מיט אַן 80 מענטשן.[163] פאַרן צווייטן טראַנספּאָרט איז אַניטאַ קראַנק געוואָרן און דער האַרציקער באַלעבאָס און פּראָטעקטאָר, נישט געקוקט אויף דער גרויסער ריזיקע, האָט זי פּערזענלעך אָפּגעפירט אין דעם געטאָ־שפּיטאָל און נישט געוואָלט איבערלאָזן אָן זיין השגחה אין מורא פאַר אַ נייער אַקציע. כדי דעם עניין צוצואיילן, איז אַניטאַ נאָך דער אָפּעראַציע, נישט אין גאַנצן קיין געזונטע, אַרויסגענומען געוואָרן פונעם שפּיטאָל און ערשט דעמאָלט זענען פאַרגע־זעצט געוואָרן די רייזעס.

טראָץ זיין באַשלוס איבערצופירן קיין ביאַליסטאָק חלוצים און קאַמפּס־פעיקע כוחות, האָט טאַמאַראָף דאָך געהאַלטן פאַר וויכטיק אויך צו ראַטעווען די גייסטיקע און פּאָליטישע מנהיגים פון פאָלק, פאַרדינסטפולע ציוניסטישע און אַנדערע טוערס.[164]

דערווייל זענען אַרויסגעשוווּמען נייע קאָמפּליקאַציעס, וואָס האָבן געצווונגען צו בייטן דעם אורשפּרונגלעכן פּלאַן. זיי זענען געווען פאַרבונדן מיט די שוועריקייטן, וואָס די יידישע פּאָליציי האָט געמאַכט די מענטשן ביים אַרויספאָרן פון ווילנער געטאָ. אויף טענענבוימס ווענדונג אין דער פראַגע צו י. גלאַזמאַן, האָט דער געשטעלט אַ באַדינג איינצושליסן אין די טראַנספּאָרטן אויך אַ געוויסע צאָל רעוויזיאָניסטן.

אויך שמיד איז געווען פאַראינטערעסירט אין גוטע באַציונגען מיט גלאַזמאַנען, וואָס האָט געווירקט ביי אים דורך זיין פרוי, די „ביתר"־טוערין אסתר יפה, וואָרעם ער האָט צו מאָל געדאַרפט אָנקומען צו דער פּאָליציי אין די ענינים פון זיינע אַרבעטערס.

באין ברירה, איז מרדכי מסכים געווען, אָבער, כדי זיך נישט אונטער־צוגעבן דעם דיקטאַט פון די רעוויזיאָניסטן און דער פּאָליציי, האָט ער פאַרוואַנדלט די גאַנצע רעטונגס־אַקציע אין אַן אַלגעמיין ציוניסטישע, אַריינגעמענדיק אויך מיטגלידער פון „המזרחי״, „ציונים כלליים״ און פון זייערע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס.[165]

צו איינעם פון די טראַנספּאָרטן, וואָס האָבן געזאָלט אַרויספאָרן קיין ביאַליסטאָק העלפט יאַנואַר, זענען געווען צוגעטיילט ד״ר דוואָרזשעצקי און א. מגיד, וואָס איז, אגב, געווען אַ ביאַליסטאָקער. עס איז געווען אָפּגעשמועסט, אַז זיי זאָלן זיין גרייט און טענענבוים וועט קומען נאָך האַלבער נאַכט זיי געבן אַ צייכן, ווען שמיד וועט צוקומען מיט דער מאַשין צום געטאָ־טויער. אָבער די רייזע איז שוין נישט צושטאַנד געקומען.[166]

דער „דאָקומענט וועגן שמיד״ דערציילט, אַז ער איז אַרעסטירט גע־וואָרן צוויי טעג פאַר אַ פרישן טראַנספּאָרט קיין ביאַליסטאָק, וואָס באַציט זיך וואַרשיינלעך צו דעם דאָזיקן.[167] ס׳איז אויך געווען פּלאַנירט דאָס אַרויספירן פון דעם יונגגן חלוצישן קיבוץ אין שאַוולי, וועגן וועלכן טאַמאַ־ראַף האָט שטאַרק געזאָרגט. אַלץ איז שוין געווען צוגעגרייט פאַר דער אויפגאַבע, אויך אַן אָפּפאָר־שיין.

צ. בירמאַן האָט געשריבן, אַז שמיד איז אַריינגעפאַלן בעת דער דאָזיקער נסיעה, אָבער, ווי עס זעט אויס, האָט ער שוין נישט באַוויזן אַהינצופאָרן — איז פאַרהאַלטן געוואָרן פריִער, בערך העלפט יאַנואַר.

אַ צייט פאַר דעם, בעת אַ גרופּע יוגנטלעכע איז געזעסן אויסבאַהאַלטן ביי שמידן אין הויז, איז חיים רודנער, אַ חבר פון מרדכיס קיבוץ, וואָס האָט געהאַלטן וואַך אין דרויסן, פאַרכאַפּט געוואָרן קיין לוקישקי. ס׳איז אים גראָד געלונגען צו שטיין ביים פענצטער, האָט ער אַרויסגעוואָרפן זייער אַ סך צעטעלעך מיט דער בקשה מודיע צו זיין אין געטאָ וועגן זיין אַרעסט. אַ פּאָר דורכגייערס האָבן טאַקע צו וויסן געגעבן. שמיד, אינפאָר־מירט וועגן דעם פאַל, האָט תיכף אינטערווענירט און אים אַרויסגענומען פון דעם גיהנום.

דאָס זאָל האָבן געווען דער לעצטער אויפטו פון דעם גרויסן הומאַניסט און אוהב־ישראל.[168]

*

פון פאַרשידענע ווערסיעס וועגן שמידס טראַגישן אומקום, איז די וואַרשיינלעכסטע, אַז ער איז פאַרראַטן געוואָרן אין לידע דורך אַ פאַרשויך, וואָס איז געקומען פון ווילנע, אָבער נישט דורך שמידן.

עס זענען דאָרט פאַרגעקומען גניבות אין די קירכעס און די דייטשן האָבן פאַרלאַנגט פון דעם דאָרטיקן יודנראַט אַרויסצוגעבן אַ ייד, ווי אַ

שולדיקן אין דעם רויב. אַלס אַ קרבן איז באַשטימט געוואָרן אַ באַקאַנטער אונטערוועלט־מענטש און דער דאָזיקער, כדי זיך צו ראַטעווען, האָט אין דער געסטאַפּאָ געמאַכט די מסירה אויף שמידן.[169]

אַ מיליטערישער געריכט אין ווילנע האָט שמידן פאַרמשפּט צום טויט. אין די לעצטע טעג האָט שמיד באַוויזן, מיט דער הילף פון דעם דייטשן מיליטערישן קאַפּעלאַן (גלח) פריץ קראָפּ, איבערצושיקן אַ פּאָר בריוו צו זיין פרוי און טאָכטער. אין איינעם, פון 1־טן אַפּריל (1942), האָט ער געשריבן: — „יעדער מענטש מוז שטאַרבן אַ געוויסן טאָג. איינער קען שטאַרבן אַלס הענקער, אָדער אַלס העלפער. איך האָב געוואָלט שטאַרבן ווי אַ העלפער״. אין דעם לעצטן, פונעם 9־טן אַפּריל, האָט ער איבער־געגעבן דער פרוי, אין אַלגעמיין, וועגן דעם מאַסנהאַפטן יידן־מאָרד (אין פּאָנאַר) און אויך ווי אַזוי „מ׳האָט געוואָרפן מיט קליינע קינדער אין דיביימער... איך האָב די יידן געהאָלפן אין הסכם מיט מיין געוויסן. איך האָב געהאַנדלט, ווי אַ מענטשלעך וועזן און קיינעם נישט געוואָלט וויי טאָן... כ׳האָב אַנדערש נישט געקענט דענקען״ — האָט שמיד זיך מתוודה געווען.

פיר טעג שפּעטער, דעם 13טן אַפּריל, איז אויסגעפירט געוואָרן די עקזעקוציע דורך שיסן, צוזאַמען מיט 5 יידן, וועלכע ער האָט געוואָלט ראַטעווען. שמיד איז באַגראָבן געוואָרן אויפן קליינעם מיליטערישן בית־עלמין אין ווילנע.[170]

ווען די דערשיטערנדיקע בשורה וועגן שמידס אַרעסט איז דערגאַנגען צום געטאָ, האָט מען איינגעאָרדנט אַ גרויסע און איינדרוקספולע טרויער־פאַרזאַמלונג און אַן אזכרה.[171] אין דער איבערצייגונג, אַז ער איז באַלד דערשאָסן געוואָרן, האָט מען געזאָגט נאָך אים קדיש. טאַמאַראָף אַלס רעדנער האָט אַרויסגעהויבן די ליכטיקע פּערזענלעכקייט פון דעם גרויסן פריינד און גערופן זיך צו גרייטן צו אַן עקשנותדיקן ווידערשטאַנד, זיך נישט לאָזן פירן, „ווי שאָף צו דער שחיטה״. ער האָט ווידער אַרויסגע־בראַכט זיין שטאַנדפּונקט, אַז ביאַליסטאָק דאַרף ווערן דער פּלאַצדאַרם פון דעם „הויפּט־ווידערשטאַנד״ פאַר דעם גאַנצן געביט. אויך פאַר וואַרשע שטייט אַן ענלעכע אויפגאַבע, אָבער דאָ האָט ער פאַרויסגעזען גרויסע שטרויכלונגען מחמת דעם אומגלויבן פון דער באַפעלקערונג אין מעשה פּאָנאַר.[172]

שמידס געשטאַלט איז געבליבן ווי אַ לעגענדע און ווי אַ דערמוטיקונג, אַז נישט די גאַנצע דרויסנדיקע וועלט איז „פּחדנות און חיה״.[173]

שמידס אומגליק האָט צו נישט געמאַכט אַלע ווייטערדיקע פּלענער, וואָס טאַמאַראָף האָט געהאַט געוועבט אין שייכות מיט אים. עס האָט אויך

באַטייט אַ פינאַנסיעלן קלאַפּ. דאָס גאַנצע געלט פון דער באַוועגונג, וואָס איז געווען באַהאַלטן אין אַ קעסטל אין שמידס הויז, איז פאַרפאַלן געגאַנגען, נאָך דעם ווי די חלוצים און די אַדלערס, אין אַנבליק פון געפאַר, זענען אין גרויס איילעניש פון דאָרט אַנטלאָפן. די פאַרבליבענע לוואיסאַ האָט זיי נאָר אומגעקערט די אַרישע פאַפּירן, מיט וועלכע מ'האָט אָבער מורא געהאַט זיך צו באַנוצן מחמת דעם חשד, אַז זיי זענען בעת דער רעוויזיע רעגיסטרירט געוואָרן דורך דער געסטאַפּאָ.

אין דער נייער צרה האָט מען זיך געוואַנדן צו דעם צווייטן נאָבעלען קריסט, דעם פאָטערל אַנדרעאַס גדאָווסקי, וואָס האָט אויפגענומען אַ גרופּע באַדראָטע חברים און זיי איינגעאָרדנט אין די קלויסטערס. — „דער קאַטוילשער גלח וועט נישט פאַרגעסן ווערן אין דער געשיכטע פון אונדזער באַוועגונג, ווי עס וועט נישט פאַרגעסן ווערן אויך שמיד" [174] — האָט פאַראייביקט דער אַנאָנימער מעמואַריסט די ביידע ליכטיקע געשטאַלטן פון יענער פינצטערער צייט.

*

עס פעלן גענויע ידיעות וועגן דער אַלגעמיינער צאָל יידן, וואָס שמיד האָט דעמאָלט אָפּגעראַטעוועט פון טויט, אָבער ס'איז זיכער, אַז זי האָט באַטראָפן מערערע הונדערטער.

אין הסכם מיט די אָנגאַבן פון ענגעלשטערן, האָט שמיד איבערגעפירט קיין וואָראָנאָווע אַ 300 נפשות און פון בראָנאָווסקי — בערך 300 משפחות קיין לידע. אויך דער ערשטער באַריכט־געבער, וואָס איז שפּעטער אַנטלאָפן אַהין, באַשטעטיקט אַן ענלעכן סכום ווילנער פליטים אין דעם שטעטל, אַרום 1.000 נפשות. נאָך אַ געוויסער צייט, אין אַנבליק פון די דראָענדיקע אַקציעס, האָט אַ טייל געפּרוווט זיך אומקערן קיין ווילנע, ווו עס איז דעמאָלט איינגעטרעטן אַ סטאַביליזאַציע־פּעריאָד.

שמידס רעטונגס־עקספּעדיציעס זענען אויך געווען געוואַנדן קיין גראָדנע, ווו יידן האָבן נאָך געלעבט „רויק", אָן מאַסן־מאָרדן.

פאַר די טראַנספּאָרטן, אָרגאַניזירטע דורך דעם אונטערגרונט, פלעגט שמיד זיך פאַרזען מיט ריכטיקע אָפּפאָר־צייגענישן. קיין ביאַליסטאָק זאָלן האָבן איבערגעפירט געוואָרן אַ 3־4 טראַנספּאָרטן.[175]

אין סך־הכל האָט שמיד געראַטעוועט דריי קאַטעגאָריעס פּאַסאַזשירן: א) קליינע גרופּעס צו 5־6 רייכע מענטשן, וואָס האָבן אים געבראַכט ווערטפולע „מתנות" — צירונג, פוטערס, גרויסע סומעס געלט.[176] אַזוי האָט ער אויך איבערגעפירט קיין ביאַליסטאָק עטלעכע ווינער יידן, וואָס זענען פאַרוואָגלט געוואָרן קיין ווילנע. ב) גרעסערע פּאַרטיעס אַרבעטערס און סתם יידן, וואָס האָבן זיך צו אים געוואַנדן אויף זיין הויף און אים

יאָ אָדער נישט געצאָלט. געווען פאַלן, ווען ער פלעגט אַפּילו „איבערלאָזן צו אַ פּאָר הונדערט מאַרק אויף די ערשטע הוצאות אויף דעם נייעם אָרט".[177] ג) טראַנספּאָרטן לויט די צוגעשטעלטע רשימות פון פּאַסאַזשירן, ווו די חשבונות זענען דערליידיקט געוואָרן אויף אַ קאָלעקטיוון אופן.

אין זיין באַריכט צו דער הסתדרות האָט טענענבוים פאַרצייכנט, אַז דאָס איבערפירן די מענטשן קיין ביאַליסטאָק האָט געקאָסט 80 טויזנט רובל און אַז דאָס געלט האָט טעמע אַליין פאַרדינט.[178]

אַדלער, וואָס האָט געפירט די פינאַנסיעלע און ווירטשאַפטלעכע ענינים ביי שמידן, דערקלערט קאַטעגאָריש, אַז דער דאָזיקער האָט נישט גענומען קיין געלט פון די חלוצים און אַז די סומע האָט וואַרשיינלעך מרדכי אים געגעבן ראַטעסווייז, אויף צו דעקן די גרויסע עפעקטיווע אויסגאַבעס. טענענבוים האָט געווידמעט אַ סך אויפמערק דער פינאַנסיעלער זייט פון דער אונטערנעמונג, זיך כסדר אינטערעסירט מיטן מצב פון דער קאַסע און מקפּיד געווען אויף דער מינדעסטער פאַרשווענדונג, פלעגט אַפּילו טאַדלען די שליחות, ווען ער האָט געזען ביי זיי נייע „ווייבערישע, אומנייטיקע שמאָכטעס".[197]

דער אַנאָנימער מעמואַריסט און די מחברים פון דער „טרילאָגיע" האָבן בפירוש אונטערגעשטראָכן, אַז שמיד האָט ביי די חלוצים איבערהויפּט נישט גענומען קיין שום אָפּצאָל פאַר די טראַנספּאָרטן, אַפּילו נישט פאַר די ממשותדיקע הוצאות און בלויז געבעטן, ווי שוין דערמאָנט, אַז אין פאַל פון אַ מכשול, זאָל מען זאָרגן פאַר זיין משפחה.

דאַקעגן האָט צ. בירמאַן אין איר בריוו געשריבן: — „אין דער צייט, ווען פּריוואַטע מענטשן האָבן אים געצאָלט טויזנטער פאַרן איבערפירן, האָט ער ביי אונדז גענומען מינימאַלע פּרייזן". — וואַרשיינלעך איז זי געווען אין איר אָפּשאַצונג. טאַמאַראָף האָט מסתמא געגעבן שמידן אַ צושטייער צו די אומגעהייער גרויסע קאָסטן, וואָס זענען געווען פאַרבונדן מיט די לאַנגע און זייער געפערלעכע רייזעס, אפשר נאָר אַ טייל פון דער סומע און דאָס איבעריקע איז געגאַנגען אויף צו דעקן די לויפנדיקע באַדערפענישן. אַדלער אַליין האָט אין זיינע ווייטערדיקע דערקלערונגען אונטערגעשטראָכן דעם פאַקט, אַז שמיד האָט געהאַט ביז גאָר גרויסע אויסגאַבעס. אין הסכם מיט די רעגירנדיקע פאַרשריפטן איז ער געווען פאַרפליכטעט, אין די ווייטערע וועגן, צו פאָרן מיט אַ באַגלייטונג פון אַ שאָפער און דער האָט נאַטירלעך באַקומען פון אים אַ זייער הויכן אָפּצאָל — שווייג־געלט. חוץ דער טייערער אויסהאַלטונג פון זיין היים מיט די אָפטע „געסט" און דער אויסגעטיילטער הילף צו יידן, האָט ער סיסטעמאַטיש געצאָלט כאַבאַר, אין מזומן און אין מתנות, זיינס אַן אָנגעשטעלטן, אַן

אויסגעשפּראָכענעם נאַצי, וואָס האָט געאַרבעט ביי אים אין ביוראָ און בכלל געמוזט צופרידנשטעלן מיט אַלעם די קיכערס א״א דייטשע אַרבעטערס, זיי זאָלן נישט צו פיל זען און הערן... דערביי האָט ער דאָך מיטגענומען אַ סך מענטשן פאַר אַ קליינעם אָפּצאָל און אויך אין גאַנצן אומזיסט. אין די אומשטאַנדן וואָלט געווען נאַטירלעך, טאַמאַראָף זאָל האַלטן פאַר נייטיק צו פינאַנסירן אפשר אויך טיילוויז די נסיעות, וואָס ער האָט אָרגאַניזירט. דאָס פאַרקלענערט נישט לחלוטין דעם עצם פאַקט פון שמידס מסירות־נפשדיקער רעטונגס־טעטיקייט.

מיט טיפער התלהבות האָט מרדכי טענענבוים, ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן, סיי אין וואָרט, סיי אין שריפט, אַרויסגעהויבן די הערלעכע געשטאַלט פון דעם זעלטענעם עסטרייכער, וואָס זיין נאָמען איז דורך אים, ווי דורך אַלע אַנדערע, אַרומגערינגלט געוואָרן מיט פאַרערונג און ליבשאַפט.

דער אַרויספאָר פון ווילנע

ביז די לעצטע טעג פון זיין אָנוועזנהייט אין ווילנע איז מרדכי טענענבוים־טאַמאַראָף אַרומגעגאַנגען צווישן דער חלוצישער יוגנט אין געטאָ, ווי אַ לעבעדיקע לעגענדע. מען פלעגט אים רופן: — „דער אַר־לאָזאָראָוו פון ווילנער געטאָ״.[180]

פאַרן פאַרלאָזן ווילנע האָבן די חברים אים געזעגנט אין אַ פינצטער צימערל פון די געטאָ־וואַרשטאַטן און אין אַ גרויען פאַר טאָג באַגלייט צום געטאָ־טויער. דאָ האָט מרדכי אָוועקגעגעבן מגידן זיין געלן שיין.[181]

אָט ווי ד״ר דוואָרזשעצקי שילדערט די זעלטענע קראַפט, וואָס האָט עמאַנירט פון טענענבוימס געשטאַלט און די לעצטע מאָמענטן פון צעשיידונג:

— „איך געדענק, כ׳בין צו אים צוגעגאַנגען. איך האָב שטאַרק פאַרערט טענענבוימען. כ׳האָב אין אים געזען אַ מענטש, וואָס איז געשיקט געוואָרן פון דער געשיכטע. איך האָב געפילט אין אים עפּעס מיסטישעס, וואָס איז העכער פון יעדן מענטש. כ׳בין יעדעס מאָל געווען איבערראַשט, ווען כ׳האָב אים געזען; איך האָב געפילט, אַז ער איז אַ יוצא מן הכלל, אַ הערלעכע פערזענלעכקייט. ער איז געווען נישט בלויז די צענטראַלע פיגור אין „החלוץ״ און אין דער אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע פון „פּ.צ.ס. התאחדות״. ווען ער איז אַריינגעגאַנגען אין יודנראַט עפּעס בעטן, פלעגן אַלע דערפילן זיין בקשה, ווייל מ׳האָט אין זיין דערשיינען געזען ווי פון אַ מיסטעריעזן נביא״.

ד״ר דוואָרזשיצקי האָט אים געפרעגט: „טענענבוים, אויף וועמען פאַרלאָזטו אונדז?״ און דער האָט געענטפערט: — „דו געדענקסט די

מעשה מיט טרומפּעלדאָרן? ער האָט געזאָגט צו שנייערסאָן: אתה המפקד (דו ביסט דער קאָמענדאַנט), יחיאל המפקד״.

פון דעמאָלט אָן, אַזוי ווי איינער וואָלט איבערגעגעבן די קרוין דעם צווייטן — דערציילט ווייטער ד״ר דוואָרזשעצקי — האָט ער אָנגעהויבן צו זען אין יחיאלן זייער צענטראַלע פּערזענלעכקייט.[182] ס׳איז געווען דער זעלבער וועג און דער זעלבער גורל...

די נסיעה קיין ביאַליסטאָק, אין פעברואַר 1942,[183] האָט מרדכי אַדורכ־געמאַכט צוזאַמען מיט טעמע, לאָנקע, די אַדלערס א״א. זיי האָבן זיך באַנוצט מיט „דורכלאַס־שיינען״, באַקומענע בשעתו פון שמידן.


№ aktu
RZECZPOSPOLITA POLSKA
Rok
Świadectwo urodzenia
Zaświadcza się, że
Halina
w Warszawie
dnia
Listopada
tysiąc
roku
z ojca
z matki
Zgodność powyższego świadectwa z oryginałem stwierdzam.
Urzędnik Stanu Cywilnego

דער אַרישער דאָקומענט, וואָס מ. טענענבוים האָט אייגנהענטיק אויסגעשטעלט ח. גראָסמאַן (זע ז. 173).

דער פאָלגנדיקער עפּיזאָד אילוסטרירט, ווי אַזוי טאַמאַראָף פלעגט זיך אויפפירן אויף די „אַרישע״ וועגן: ער איז געזעסן שטאַרק פאַרטיפט אין לעזן די דייטשע צייטונג „דער פעלקישער בעאָבאַכטער״ און נישט אויפגעהויבן זיין בליק אויף קיין רגע. אַ מיטפאָרנדיקער פּאָליאַק האָט נאָך אַ לענגערער אָבסערוואַציע אויסגעדריקט זיין מיינונג, אַז דער דאָזיקער פּאַסאַזשיר איז ענלעך צו געבעלס און געהערט זיכער צו דער געסטאַפּאָ.[184]

דאַקעגן, זעט אויס, אין אַ צווייט ווינקל פֿון וואַגאָן, האָט זיך באַקומען אַן אַנדערע רעאַקציע: מרדכי איז טאַקע געווען פֿאַרזונקען (אָדער געמאַכט אַן אָנשטעל) אין לייענען די דייטשע צייטונג, אָבער „די קריסטלעכע פּאַסאַזשירן האָבן נישט אַראָפּגעלאָזט קיין אויג פֿון אים און אַפֿילו אָפּן חושד געווען, אַז ער איז אַ ייִד".[185] די לעצטע ווערסיע ווערט אויך באַשטעטיקט פֿון נאָך אַ קוואַל, וואָס גיט צו, אַז מרדכי האָט זיך געמאַכט נישט הערנדיק און נאָר אַ דאַנק זיינע שטאַרקע נערוון דערפֿאָרן צום ציל.[186]

אגב, זענען די פּאַראַנענע „דורכלאַס־שיינען" אויסגענוצט געוואָרן נאָך עטלעכע מאָל אויף אַריבערצופֿירן קלענערע גרופּעס חברים פֿון ווילנע קיין ביאַליסטאָק.[187]

אין צווישנצייט, ווי שוין אָנגעוויזן, האָבן זיך אין ווילנע אָפּגעשטעלט די בלוטיקע אַקציעס און עס איז געקומען די א. ג. „סטאַביליזאַציע־תּקופֿה".

קאַפּיטל פופצן

אין ביאַליסטאָקער געטאָ

דער קיבוץ „תל־חי"

די יידן אין ביאַליסטאָקער געטאָ האָבן צו יענער צייט געלעבט פאַר־העלטעניש־מעסיק באַקוועם. זיי האָבן פיל געליטן ביים דייטשן אַריינמאַרש, אָבער שפּעטער האָט זיך די מערכה „נאָרמאַליזירט". אין פאַרגלייך מיטן קאָשמאַר פון ווילנע, האָט ביאַליסטאָק, לויט צ. בירמאַן, אויסגעזען ווי „אַ גן־עדן". די חלוצים האָבן דאָ פרייער אָפּגעאָטעמט, הגם „אַ מורא האָט... אַרומגענומען פאַר אַזאַ רויִקייט".

מיטן איבערפירן אַהערצו דעם אַקטיוו פון „דרור" און „החלוץ" האָט טענענבוים באַצוועקט צו שאַפן דאָ די צענטראַלע פאַר דער אונטערערדישער אַרבעט מיט אַ ברייטן טעריטאָריאַלן פאַרנעם, וואָס האָט געזאָלט אַרומנעמען ליטע, פּאָלעסיע, וואָלין און מזרח־גאַליציע (בריוו צו הסתדרות).

די חברים פון יענע געביטן זענען טיילווייז געהרגעט אָדער מאָביליזירט געוואָרן אין דער „רויטער אַרמיי", האָט מען דאָרט געדאַרפט העלפן אויפ־שטעלן די באַוועגונג אויף ס'ניי.

אין טענענבוימס נשמה האָט געברענט אַ ווייטיק מחמת דעם שוידער־לעכן אומקום פון צענדליקער טויזנטער יידן אין ווילנער געטאָ און ער האָט באַגערט צוצוגרייטן ביאַליסטאָק, ווי אויך אַנדערע געטאָס, פאַר אַ פאַרטיידיקונג בעת אַ פאַרניכטונגס־אַקציע.

ווי אין ווילנע „שחריה", איז אין ביאַליסטאָק „תל־חי" געוואָרן דער אויסגאַנגס־פונקט פון זיין ווירקונג. צ. בירמאַן ווייזט אָן אויף נעמען פון 14 פּליטים, „אַ סימן פון אַ שטאָט און אַ שטעטל", אַהערגעבראַכטע פון ווילנע,[1] וואָס האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין דעם שוין פון פריִער עקסיסטירנדיקן קיבוץ „תל־חי". אַ דאַנק דער אונטערשטיצונג פון דעם פּאַרטיי־אָנפירער פון „פּוע"צ (צ. ס.)" און לייטער פון דער סאָציאַלער הילף ביים יודנראַט, מ. כמיעלניק, האָבן זיי, מיט נאָך צוגעקומענע נייע חברים, געקריגן צו זייער דיספּאָזיציע אין אַ פּאַרוואָרלאָזט אָרט אַ גאַנצע כאַטע (שטוב) אויף סמאָלנע־גאַס נר. 8 און דעריבער פלעגט מען דעם קיבוץ רופן „די כאַטע".

אגב, אין דער פראַגע פון געלט, וווינונג, דאָקומענטן, באַניייונג פון קאָנטאַקטן אאז"וו איז געווען אַ נאָענטע מיטאַרבעט צווישן „דרור" און

„השומר הצעיר", וואָס האָט באַקומען שטיצע ביים איינאָרדענען זייער קיבוץ, אויפשטעלן אַ קיך, אַ הכשרה־פונקט א"א.

„תל־חי" איז זיך צעוואַקסן מיט „אַ שיין חלוציש לעבן, אין דעם פאַר־מאַכטן געטאָ איז דאָס געווען אַ ליכטיק ווינקעלע. מ'זינגט אין אָוונט, מ'מאַכט אַ מאָל אַ מסיבה, מ'פאַרגעסט אַ ביסל אין די צרות" — האָט געשריבן צ. בירמאַן.

שפּעטער איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ הכשרה, וואָס איז אין די טעג פון שווערער נויט געוואָרן אַ וויכטיקער אָנשפּאַר־פּונקט נישט בלויז פאַר די מיטגלידער און זייערע נאָענטע, נאָר אויך פאַר אַ סך געזעלשאַפטלעכע און קולטור־מענטשן.

דער קיבוץ האָט מיט דער צייט אויפגעשטעלט אַן אייגענע קיך, די א. ג. „גערטנעריי־קיך". זי איז געשטאַנען אין שייכות מיט די נייע „פּלאַנ־טאַציעס", אַן אַרבעטס־צווייג, וואָס מערסיק האָט באַוויזן צו אָרגאַניזירן אינעם געטאָ — ער האָט באַקומען פונעם יודנראַט די דערלויבעניש צו פאַרזייען מיט גרינצייג די פאַרלאָזטע, פאַרבלאָטיקטע און פאַרמיסטיקטע פּלעצער. די אונטערנעמונג האָט אַרויסגערופן אַ שטאַרקן אָפּקלאַנג און ענטוזיאַזם ביי דער יוגנט. די קאַנדידאַטן האָבן פריִער אַדורכגעמאַכט אַ טעאָרעטישן קורס, אָנגעפירט דורך דעם אַגראָנאָם אינזש. שאַליט פון ווילנע און מערסיק האָט זיי געלערנט פּראַקטיש אויסצופירן די מלאכה. נאָך אַ געוויסער צייט האָבן זיך אין דעם ענגן און גרויען געטאָ צעבליט קאָלירטע לאַנדווירטשאַפטלעכע אינדזעלעך. זיי האָבן דערפרייט די אויגן, אָפּגעפרישט דעם אָטעם און געליפערט אַ ביסל גרינצייג, וואָס האָט זייער געפעלט די געטאָ־איינוווינערס.

טענענבוים האָט מיט אָנערקענונג אָפּגעמערקט די גערטנעריי־סעקציע אין די פאָלגנדיקע שורות: — „איניציאַטיוו און לייטונג פון „החלוץ" סעקרעטאַר מערסיק, די צאָל באַשעפטיקטע — זומער אין סעזאָן — ביז 300. די אַרבעטערס — יוגנטלעכע, שילערס, מיטגלידער פון ציוניסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס. די גערטנער — זונען פלעקן אויפן חושכדיקן געטאָ־לעבן. געזאַנג. יוגנטלעכקייט. במשך דעם זומער: 190 טאָן ירקות".[2]

אויך צ. בירמאַן האָט אַרויסגעבראַכט די דאָזיקע דערפרייענדיקע דער־שיינונג און די האָפענונג: — „דער סניף האָט זיך אויסגעברייטערט, גע־וואַקסן צוזאַמען מיט די פּאַמידאָרן אין גאָרטן... מ'האָט פאַרלייגט ספּעקטן, פאַרזייט גאַנצע פעלדער".

*

דער קערנדיקער עלעמענט פון „תל־חי" האָט געהאַט אונטער זיך די דערפאַרונג פון אַ פריִערדיקן קיבוץ, הכשרה צי סעמינאַר — דאָס אַלץ איז

געווען אַ קוזניע, ווו עס זענען געשמידט געוואָרן חלוצישע אַקטיוויסטן, צוגעגרייטע טעאָרעטיש און פּראַקטיש פאַר די אויפגאַבן צו פאַרווירקלעכן די נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע שטרעבונגען אין דעם אייגענעם לעבן און אויך צו משפיע זיין אויף אַנדערע לטובת זייערע אידעאַלן.

די אויסטערלישע באַדינגונגען האָבן ביי די יוגנטלעכע צוגעאײלט דעם פּראָצעס פון מענטאַלן רייף ווערן. דער ביטערער גורל, וואָס האָט פאַר זיי אַוועקגעשטעלט דעם קאָשמאַר פון טויט האָט אויך אַרויסגערוקט די פראַגע פון האַלטונג אין די לעצטע טעג פונעם לעבן. טענענבוים, ווי דער וועג־ווייזער האָט זיך דראַמאַטיש געראַנגלט צו לענקען זייער מחשבה אין דער ריכטונג פון אַן אינהאַלט, וואָס זאָל אַנטשפּרעכן דעם נייעם אידעאָלאָגישן מהות פונעם „החלוץ": פון אַ פריען אויסוואַל פונעם טויט אויפן שלאַכט־פעלד, וואָס זאָל צווינגען אויך דעם שונא צו באַצאָלן אַ הויכן בלוטיקן פּרייז.

שטאַרקן דעם גייסט, צוגרייטן פאַר דער באַזונדערער היסטאָרישער מיסיע — דאָס איז געווען אַן אומגעהייער טרויעריקע און שווערע אויפגאַבע.

אויף דעם אָרט וועלן אויסגעטיילט ווערן אייניקע פון טענענבוימס נאָענטסטע מיטאַרבעטערס, וואָס האָבן מיטן כוח פון זייער פערזענלעכקייט געהאָלפן שפּעטער פאַרוואַנדלען זייער קיבוץ אין אַ נייעם „תל־חי".

צבי (הערש) מערסיק. אַן אָפּשטאַמיקער פון מעלניצע, ביי קאָוועל, פון אַ טראַדיציאָנעלער היים, איז ער קליינערהייט, דער יונגסטער פון דער משפּחה, פאַריתומט געוואָרן נאָכן פאָטער. ווען ס'איז אין דעם שטעטל אַנטשטאַנען די „החלוץ הצעיר"־אָרגאַניזאַציע, איז הערשל אין עלטער פון 14 יאָר אין איר אַריינגעטרעטן קעגן ווילן פון זיינע נאָענטע. זיין אינטע־ליגענץ און אחריות־געפיל, וואָרעם האַרץ און פשטות האָבן אומעטום דער־וועקט אַנערקענונג און ליבשאַפט.

די הכשרה אין קאָוועל, בעת וועלכער ער איז געווען באַשעפטיקט ביים טראָגן וואַסער אין פּריוואַטע הייזער, האָט באַפעסטיקט זיין אידעיִשע פאַר־מירונג און אויך די שטרעבונג צו אַ קאָלעקטיוו לעבן.

מערסיק איז געוואָרן זייער אַקטיוו אַלס אינסטרוקטאָר און דערציִער אויף זומער־קאָלאָניעס און אין דער אַרבעט פון גאַנצן ראַיאָן. אין 1938 איז ער אויסגעוויילט געוואָרן אין דער צענטראַלע, ווו זיין שעפערישע ענערגיע און רעדנער־טאַלאַנט האָבן געפונען אַ ברייט ווירקונגס־פעלד.

אונטער דער סאָוויעטישער אָקופּאַציע האָט מערסיק געפירט אַ פאַר־צווייגטע אָרגאַניזאַציאָנעלע אויפקלערונגס־אַרבעט קעגן דער קאָמוניסטישער פּראָפּאַגאַנדע, איז געווען ביהילפיק ביים איינאָרדענען פאַרוואָגלטע פּליטים פון דייטשלאַנד א"א. נאָך אַ פּאָר חדשים איז ער אַוועק קיין ווילנע מיט דער אויסזיכט עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל. אָבער זיינע וויכטיקע אויפטוען



צפורה בירמאַן

צבי מערסיק

אין ליטע און אין סאָוויעטישן אונטערגרונט האָבן אים פאַרוואַנדלט אין אַ זייער נייטיקן מענטש אויפן אָרט און דער פאַקט האָט גורם געווען דאָס אָפּלייגן פון זיין נסיעה. שפּעטער האָט די היטלעריסטישע אינוואַזיע צו נישט געמאַכט אַלע פּלענער. צוזאַמען מיט די רעשטלעך פון „שחריה" איז ער אַריבער קיין ביאַליסטאָק.

אַ גרויסער בעל־חלומות, האָט מערסיק נישט געקענט זיך אָפּזאָגן פון דעם אַנגעצייכנטן פּראָגראַם און זיך אַוועקשטעלן אויפן באָדן פון דער נייער, טראַגישער ווירקלעכקייט. זיין טרוימערישע נאַטור האָט אים כסדר, אַפילו אין די ערגסטע מאָמענטן, אונטערגערוקט פרישע אילוזיעס וועגן אַ חלוצישער עליה און אַז אויך ער וועט לסוף זיין ציל דערגרייכן.

טענענבוים האָט אים זייער ליב געהאַט און געווייטיקט מחמת זיין נישט רעאַלן בליק — „אַן אומגליקלעכער גלייביקער מענטש",[3] וואָס איז ווייט נישט צוגעפּאַסט פאַר דער שטורמישער צייט — האָט ער געשריבן וועגן אים. בשעת מרדכיס אָפטע שליחותן, פלעגט מערסיק אים פאַרטרעטן אויפן אָרט. שטיל און באַשיידן, אָבער מיט פאַרטיפונג און ערנסטקייט, האָט ער זיך אָפּגעגעבן די ענינים פון קיבוץ און הכשרה, דערציונג און סאָציאַלער הילף, ווי אויך דער אָרגאַניזאַציאָנעלער אַרבעט מחוץ זיין וווין־פּלאַץ.

אַ זייער גרויסע ראָל האָט ער געשפּילט אויפן געביט פון זאַמלען

היסטאָרישע מאַטעריאַלן, ווו זיין ביישטייער איז פּאַראייביקט געוואָרן אין דעם נאָמען פון אונטערערדישן אַרכיוו פון ביאַליסטאָקער געטאָ.

אין דער מסירות־נפשדיקער טעטיקייט אויף פאַרשידענע געביטן פלעגט אים ווירדיק באַגלייטן זיין פרוי חסיה, אויך אַן אַקטיוויסטין פון קיבוץ „תל־חי״.

הערשל (צבי) ראָזענטאַל, מ׳האָט אים אויך גערופן „דער יאַשינאָוווקער״, ווי אַן אָפּשטאַמיקן פון דעם שטעטל, נאָענט צו ביאַליסטאָק. הערשל, געבוירן אין 1919, האָט געלערנט אין אַ „תרבות״־שול און זינט דער פריִער יוגנט זיך דערצויגן אין חלוצישן גייסט. ער איז געווען פון די וויכטיקסטע גרינ־דערס און אָנפירערס פונעם „החלוץ הצעיר״ אויפן אָרט און איז זייער יונג געוואָרן זעלבשטענדיק, ווייל זיין פאָטער, אַ שאָפער, פלעגט זיך אָפט גע־פונען אויסער דער היים. אַ דרייסטער, מיט אַ שטאַרקן ווילן און אַ געזעל־שאַפטלעכן חוש, האָט ער געבראַכן די לאַנגע טראַדיציע פון יידישער באַ־שעפטיקונג און אָרגאַניזירט אין שטעטל אַ גרופּע, וואָס האָט אין די אָוונטן געהאַקט האָלץ.[4] דאָס איז געווען אַ פּיאָנערישע אַרבעט אויף דער יידישער גאַס. ער האָט זיך אויך אַ סך אָפּגעגעבן מיט שאַפן זומער־קאָלאָניעס פאַר אָרעמע קינדער.

הערשל האָט דורכגעמאַכט אַ הכשרה אין גראָכאָוו, פון וואַנען ער איז געשיקט געוואָרן אויף אַ סעמינאַר אין וואָלין און שפּעטער אין אַ קיבוץ אין קיעלץ.

נאָכן אויסברוך פון דער מלחמה, האָט ער זיך אומגעקערט אין זיין היימשטעטל, וואָס איז קורץ נאָך דעם פאַרנומען געוואָרן דורך דער „רויטער אַרמיי״. אין דער שטרעבונג זיך צו פאַראייניקן מיט דער חלוצישער קאָנ־צענטראַציע, איז ער אַוועק מיט אַ גרופּע חברים קיין ווילנע און פון דאָרט שפּעטער, צוזאַמען מיטן קאָלעקטיוו אַריבער קיין ביאַליסטאָק.

ראָזענטאַל האָט זיך אַרויסגערוקט אויף די פאָדערשטע פּאָזיציעס פון די פאַרשידענע ווידערשטאַנד־פראָנטן. אַן אויסערגעוויינלעך מוטיקער, פלעגט ער נעמען אויף זיך די געפערלעכסטע מיסיעס און זיי דערפילן מיט דער העכסטער אחריות. ער פלעגט אָפט אַרויסגיין פון געטאָ אין שליחותן, כדי צו אָרגאַניזירן די יוגנט, אָנפירן מיט סעמינאַרן און אָנרעגן צו מעשים. צוליב זיינע וואַנדערונגען צו פוס פון שטעטל צו שטעטל, האָט מען אים גוטמוטיק גערופן „פּיעכאָטנער מגיד״. אויך מרדכי האָט אים אַזוי באַצייכנט אין איינעם פון זיינע בריוו.

ראָזענטאַל האָט געטיילט טענענבוימס קאָנצעפּציע וועגן דער היסטאָרי־שער נויטווענדיקייט פון אַ בלוטיקן רעוואַנזש פונעם געטאָ און מיטגעהאָלפן אין דעם שווערן געראַנגל צו דעראָבערן די יוגנט פאַר דער קאַמפּס־אידעע.

„אַ בראַווער יאַט — הערשל״ [5] — האָט אים טענענבוים געלויבט אין צוזאַמענהאַנג מיט אַ דערפאָלגרייכן אויספירן פון אַ סכנותפולער אויפגאַבע.

דער „יאַשינאָווקער״ איז געווען אַן ערשטראַנגיקע פיגור אין צענטראַלן מאַסשטאַב, האָט רעפּרעזענטירט דעם „דרור״ אין די פאַראייניקטע ווידער־שטאַנד־אָרגאַניזאַציעס און בכלל געווען פון די איניציאַטאָרן און דרייסטע אויספירערס פון איינברוכן אין דײַטשע אַרסענאַלן, שמוגל פון געווער אאז״וו.

מיט ה. ראָזענטאַל און ר. ראָזענבערג האָט טענענבוים אָנגעהויבן די פּראָדוקציע פון גראַנאַטן. זיי ביידע האָבן זיך אומדערמידלעך געאיבט אין די טויט־ברענגענדיקע מכשירים. הערשל איז געווען פון די ערשטע, וואָס האָבן זיך אויסגעלערנט גוט שיסן.[6]

ראובן ראָזענבערג, זיין פאַרנאָמען, וואָס איז זייער פרי געוואָרן פּאָפּולער, האָט מען פאַרצויגן פאַמיליאַר און מיט ליבשאַפט. אַזוי זענען אַנטשטאַנען „רובטשיק״ אָדער „ראובטשאַק״, צי „ראובטשיק״ און זיי אַלע זענען אַריין אין דער געשיכטע פון יענע געשעענישן.

זיין קינדהייט, (געבוירן אין 1921), האָט ראובן פאַרבראַכט אין סוכאָוואָליע, ביאַליסטאָקער קרייז, אין אַ פאַרמעגלעכער משפחה. דער פאָטער איז געווען אַ געזעלשאַפטלעכער טוער און סימפּאַטיקער פון די רעוויזיאָניסטן.

ראובן, אַ הויכער און פיזיש קרעפטיקער בחור, האָט נאָכן פאַרענדיקן די „תרבות״־שול אין זיין געבוירן־שטעטל, פאַרגעזעצט די לימודים אין דער העברעיִשער גימנאַזיע אין ביאַליסטאָק. אָבער די פאַרערגערטע מאַטעריעלע לאַגע פון די עלטערן האָט אים געצווּונגען זיך אומצוקערן אַהיים.

ער האָט געאַרבעט ווי אַ בוכהאַלטער. זייער אַקטיוו אין „החלוץ הצעיר״ איז ער באַשטימט געוואָרן אַלס סעקרעטאַר פון דער אָרגאַניזאַציע. אין 1938 האָט ער אָרגאַניזירט אַ גרופּע אויף הכשרה אין לאָדזש און איז געווען באַגייסטערט מיטן קיבוץ־לעבן. זיין אויפפירונג איז תמיד געווען אַ מוסטערהאַפטע.

בעת דער מלחמה, מיט דער שטייגנדיקער סכנה, איז געוואַקסן זיין אונטערנעמערישקייט און דרייסטקייט. ער האָט געהאָלפן אָרגאַניזירן די יוגנט אויך אין דער אומגעגנט, באַזונדערס אין גראָדנע, האָט זיך אַרויסגערוקט אין די פאָדערשטע רייען פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין ביאַליסטאָק און שפּעטער אינטעגרירט די לייטונג פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע. צו זיינע גרויסע אויפטוען האָט געהערט דאָס איינשטעלן אַ געהיימען ראַדיאָ און אינפאָרמאַציע־דינסט, אַ דאַנק וועלכן עס זענען דערגאַנגען ידיעות פון דער ברייטער וועלט און בעיקר פונעם פראָנט. די דאָזיקע אינפאָרמאַציעס האָבן צוגעשטעלט מאַטעריאַל פאַר די געהיימע ביולעטינען.[7]

ראובטשאַק איז אויך געווען פון די איניציאַטאָרן פון פאַבריקאַציע און

דעראָבערונג פון געווער אויף אַלע מעגלעכע אופנים. בכלל איז ער געווען אומעטום ווי אַ לעבעדיקע שטויס־קראַפט, פול מיט רעוואָלוציאָנערן אימפעט, וואָס האָט צעפלאַקערט אַלץ אַרום און מיטגעריסן פאָרויס צו דעם געגאַרטן ציל.

חנוך זשעלאַזנאָגוראַ. אויך ער האָט געהערט צו די צענטראַלע פיגורן פונעם ביאַליסטאָקער אונטערערד, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט אי־דעאָלאָגישער פאַרטיפונג, מסירות־נפש און ברייטן פאַרנעם פון ווירקונג. געבוירן אין שעדלעץ אין 1919 ביי אַן אָרעמער משפּחה, איז ער פרי געוואָרן אַ יתום נאָכן פאָטער און געמוזט איבעררייסן די לימודים אין דער „תרבות"־שול, ווו ער איז געווען אַ גלענצנדיקער און מוסטערהאַפ־טער תלמיד.[8] צוזאַמען מיט דער משפּחה האָט ער זיך איבערגעצויגן קיין וואַרשע און מיט זיינע פאַרדינסטן — געאַרבעט אין אַ גלאָז־פאַבריק — געשטיצט די מוטער מיט די שוועסטערס. אין דער פרייער צייט האָט ער געלערנט מיט התמדה און געווען זייער טעטיק אין „החלוץ הצעיר". אויך זיינע צוויי שוועסטערס זענען געוואָרן באַווירקט פון דעם חלוצישן גייסט און אַריינגעטרעטן אין דער אָרגאַניזאַציע. אַ זייער באַגאַבטער, מיט אַ שטאַרק אַנטוויקלטן געזעלשאַפטלעכן חוש, איז חנוך גיך אָפּגעשאַצט געוואָרן און אויסגעוויילט אין אָרטיקן קאָמיטעט אַלס מדריך פון אַ דער־ציִונגס־גרופּע. זיין וויטערדיקער חלוצישער וועג האָט געפירט דורך דער פאַרם אין גראָכאָוו קיין ווילנע אויף הכשרה.

נאָכן מלחמה־אויסברוך איז זשעלאַזנאָגוראַ אַוועק קיין ראַטן־פאַרבאַנד, וועלנדיק לעבן אין אַ סאָציאַליסטיש לאַנד, אָבער גיך האָט ער זיך אומ־געקערט קיין ווילנע, כדי צו זיין צוזאַמען מיט די חברים און מיטאַרבעטן אין דער באַוועגונג. סוף 1941 בעתן גירוש אין ווילנע, איז ער צייטווייליק געפאָרן קיין סלאָנים און שפּעטער זיך פאַראייניקט שוין אויף תמיד מיטן קיבוץ „תל־חי" און מיט זיין גורל. ער פלעגט העלפן מערסיקן אין דער סעקרעטאַריאַט־אַרבעט און געווען איינער פון די פעיִקסטע דערציִערס פון דער יוגנט, איינשליסלעך אויפן מיליטערישן געביט.

אַ הויכער, מיט אַ בלאַס פּנים, פון וועלכן ס'איז קיין מאָל נישט פאַר־שוווּנדן דער גוטמוטיקער שמייכל, האָט ער נישט געהאַט קיין סעמיטישן אויסזען און דאָס האָט אים דערלויבט זיך צו באַוועגן אויסערן געטאָ, אָנהאַלטן פאַרבינדונגען מיט דער אַרישער זייט, איינשאַפן שפּייז, וואָפן, קאָנטאַקטן א"א. ער האָט זיך אָפט באַטייליקט אין די איינברוכן אויף דייטשע געווער־אַרסענאַלן.

חנוך האָט זיך גוט אויסגעלערנט צו באַגיין מיט געווער און אינסטרויִרט די יוגנטלעכע צו אָפּערירן מיט ביקסן, גראַנאַטן אאז"וו. ער פלעגט זיך אָנטאָן

און האַלטן „ווי אַ סאָלדאַט, וואָס דערפילט מיליטערישע באַפעלן און איז תמיד גרייט אויסצופירן דעם פאָלגנדיקן מאַנדאַט".[9]

זשעלאָזנאָגוראַ האָט מיט אָפענע אויגן געקוקט אויף דעם אָנקומענדיקן טויט און באַטראַכט דעם אָפּווער־קאַמף ווי אַ הייליקן חוב פון זיין דור. — „עס איז אונדז געבליבן ווירדיק צו שטאַרבן" — דאָס איז געווען זיין „אני מאמין" (וועגן דעם שפּעטער). חנוך איז געווען פון די וויכטיקסטע אידעאָלאָגן פון אַ קאַמף אין געטאָ גופא און געהערט צו דער לייטונג פון פאַראייניקטן מיליטערישן בלאָק.

יוכבד ווינשטיין. אַן אָפּשטאַמיקע פון קנישין, לעבן ביאַליסטאָק, האָט זי זיך דערצויגן אין גייסט פון „החלוץ הצעיר" און דורכגעמאַכט די הכשרה אין גראָכאָוו. פון פאַך אַ לערערין, האָט זי פאַרמאָגט אַ געהעריקן פּעדאַ־גאָגישן צוגאַנג צו דער יוגנט און אין דעם תחום אַ סך אויפגעטאָן. איר מילדער און פריינדלעכער כאַראַקטער האָט אומעטום דערוועקט צוטרוי און ליבשאַפט.

בעת די מאַסן־אַבלאַוועס אויף די פליטים אַן סאָוויעטישע פּעסער, איז יוכבד פאַרכאַפּט געוואָרן און פאַרשפּאַרט אין דער תפיסה, פון וואַנען עס האָט זי באַפרייט דער אויסברוך פון דער דייטש־רוסישער מלחמה.

דעם פיינלעכן וועג פון חורבן, וואָס די נאַציס האָבן לכתחילה אָנגעהויבן אין ביאַליסטאָק און אין די אַרומיקע שטעטלעך, „די גרויזאַמע מעשים", האָט ווינשטיין באַשריבן אין איר שילדערונג פאַרן היסטאָרישן אַרכיוו און דורך דעם צוגעטראָגן איר חלק צו דער דאָקומענטאַציע פון יענער צייט.

אַ דראָבנע און איידעלע, מיט העלע האָר און בלויע אויגן, האָט זי געקענט אָנגיין פאַר אַ קריסטין און פלעגט ווי אַ שליחה אָפּט פאַרלאָזן דאָס געטאָ, אומדערמידלעך אַרומגיין אין די נאָענטע שטעטלעך, איבערטראָגן ידיעות און שריפטן, העלפן אָרגאַניזירן די סניפים און הויפּטזאַכלעך די מיידלעך־גרופּעס, ווי אויך שמוגלען געווער.

יוכבד האָט געהערט צו די וויכטיקסטע קעמפערינס אינעם ביאַליסטאָ־קער אונטערערד, וואָס האָט אויך מאָביליזירט און סטימולירט אַנדערע צום טאַט. צווישן די ווייניקע, וואָס זענען געווען באַשעפטיקט ביי דער פּראָ־דוקציע פון אויפרייס־שטאָפן, האָט יוכבד זיך אַרויסגערוקט אויפן ערשטן פּלאַץ. ביזן לעצטן מאָמענט איז זי געבליבן אויף איר פּאָזיציע צו פאַרזאָרגן די קעמפערס מיט עקספּלאָזיוו־מאַטעריאַלן.

גדליה פּעטליוק. אויך ער איז געקומען פון קנישין און, אַזוי ווי זיין חברה, דורכגעמאַכט דעם חלוצישן וועג דורך דער אָרגאַניזאַציע און הכשרה אין גראָכאָוו. גלייך מיט די בעסטע פון דער באַוועגונג איז ער בעתן מלחמה־

קאַטאַקליזם געבליבן איבערגעגעבן די „דרור"־אידעאַלן און מיט מסירות־נפש דערפילט זיינע אויפגאַבן אויף פאַרשידענע סעקטאָרן פון דער ווידער־שטאַנד־אַרבעט. גדליה איז גלייכצייטיק געווען זייער אַקטיוו אויפן געביט פון דערווערבן וואָפן, זיך באַטייליקט אין עקספּעדיציעס און איינברוכן אויף דייטשע מאַגאַזינען און בכלל אין איבערשמוגלען געווער אין געטאָ אַריין.

אָבער אַ ספּעציעלע מיסיע איז אויף אים אַרויפגעלייגט געוואָרן בשייכות מיטן אונטערערדישן אַרכיוו. נאָך מערסיקס טויט האָט טענענבוים פאַר־געשלאָגן פּעטליוקן אויף זיין אָרט און דער קיבוץ האָט גערן מסכים געווען אויף דער קאַנדידאַטור. אַזוי האָט גדליה ממשיך געווען די זאַמלונג פון היסטאָרישע דאָקומענטן און אויסגעפירט די פונקציע מיט אַ סך אייפער, איבערגעגעבנקייט און צילבאַוווסטקייט. הגם די אַרכיוואַלע מאַטעריאַלן, איינגעשאַפענע אויפן סמך פון עדות־זאָגן אָדער אַליין פאַרפאַסטע, טראָגן נישט זיין חתימה, איז דאָך אָנצונעמען, אַז זיין בייטראָג, ווי דער באַפול־מעכטיקטער אויף דעם געביט, איז געווען אַ זייער וואָגיקער. ער האָט געזאָרגט פאַרן אויסזוכן עדות, אויפנעמען פון זיי דערקלערונגען און בכלל פאַרן איבערלאָזן היסטאָרישע באַווייזן פון דער חורבן־תקופה. פּעטליוק האָט אויך געהאַט די אויפזיכט איבער די מאַטעריאַלן, וואָס דער יודנראַט האָט איבערגעגעבן דעם אונטערערדישן היסטאָרישן אַרכיוו און צוגעהיטן זייער צושטעלונג אין אָרדענונג. דעם גאַנצן באַקומענעם שטאָף האָט גדליה געהעריק צוגעגרייט פאַר זיין קאָנסערוואַציע אונטער דער ערד.

צפורה בירמאַן. אין איר היימשטעטל, ראָזשישטשע, אין וואָלין, איז זי פרי אַריינגעטרעטן אין דער חלוצישער אָרגאַניזאַציע און איינגעזאַפּט אין זיך אירע שענסטע מעלות. זי האָט זיך באַטייליקט אין סעמינאַרן און אויך געהאָלפן זיי אַדורכפירן אין דעם סאָוויעטישן פעריאָד און אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע.

צפורה האָט זיך געפונען אין דער גרופּע, וואָס איז פון ווילנע איבער־געפירט געוואָרן קיין ביאַליסטאָק. אין די גרויזאַמסטע טעג, פּנים אל פּנים מיטן אומקום, האָט דאָס אידעאַליסטישע מיידל געוויטיקט מיט דער נשמה איבערן ווייטערדיקן קיום פון דער חלוצישער באַוועגונג, וואָס ווערט פאַר־טיליקט ווערן.

באַשאָנקען מיט ליטעראַרישע פעיִקייטן, האָט זי אין איר באַקאַנטן בריוו מיט פיינלעכע טענער באַקלאָגט דעם גורל, וואָס איז צוגעטיילט געוואָרן איר דור: „...אָפּקומען די זינד פאַר אַלע פריִערדיקע דורות, אַלעמען באַווינט, נאָך אַלע געוויטיקט, דורכגעלעבט דאָס שוידערלעכסטע, וואָס קאָן נאָר געבן אין דער געשיכטע. געזען, געהערט... שטום בלייבן, צו קבר ישראל נישט קומען".

בירמאַן האָט בולט אַרויסגעבראַכט דעם כאַראַקטעריסטישן חלוצישן געדאַנקען־גאַנג אין אַנבליק פון דעם אַגרוקנדיקן פולשטענדיקן חורבן: — „נישטאָ קיין אויסוועג, ווי שטאַרבן מיט אַ ווירדיקן טויט, צוזאַמען מיט אַלע טויזנטער, וואָס גייען צום טויט, אָן מורא, אָן פּחד. מיר ווייסן, דאָס יידישע פאָלק וועט נישט אונטערגיין, עס וועט נאָך צוריק אויפשטיין, עס וועט נאָך וואַקסן און אויך בליִען ווי אַ פאָלק".

איר בריוו האָט די שרייבערין פאַרענדיקט מיט אַ לייידנשאַפטלעכן אַפּעל צו אַ בלוטיקער באַצאָלונג: „צו נקמה רופן מיר אייך... אַ „גוטן" דייטש — אַ לייכטן טויט... דאָס איז אונדזער אַלעמענס פאַרלאַנג, דאָס איז דער באַגער פון מענטשן, וועלכע וועלן מאָרגן... ווירדיק קעמפן און ווירדיק פאַלן... ניט רוען וועלן אונדזערע צעשמעטערטע ביינער אין אַלע עקן פון איירָאָפּע. ניט רוען וועט דאָס צעזייטע אַש פון די קרעמאַטאָריעס, ביז דער נקמה־אַקט וועט דורך אייך ניט אויסגעפירט ווערן. געדענקט און פּילט אויס אונדזער ווונטש און אייער פליכט".

ישׂראל מאַרגוליס. אַ געבוירענער אין דעם מאַלערישן שטעטל ווישאַגרודעק, איז ער אויסגעוואַקסן אַ העלער, ברייטביינערדיקער בחור, אַ הויכער אין פיזישן, ווי אין מאָראַלישן באַנעם. צווישן די חברים האָט מען אים גערופן „סראַליק דער ווייסער".

זיין חלוצישע דערציונג האָט ער דערגענצט אין קיבוץ אין פינסק. די מלחמה האָט אים פאַריאָגט אויף מזרח. ער האָט זיך פאַרהאַלטן אין לידע און בייגעוווינט די גרויזאַמע ליקווידאַציע פונעם געטאָ. פון דאָרטן איז ער געקומען קיין ביאַליסטאָק מיט אַ פלאַמיקן באַגער פון נקמה. נאָך עקשנותדיקע איבונגען, איז ער געוואָרן אַ ספּעציאַליסט אין דער מלאכה פון באַגיין זיך מיט וואָפן און בלב ונפש זיך איבערגעגעבן דער צוגרייטונג פון דער יוגנט פאַרן באַוואָפנטן פאַרמעסט. ער איז געווען אויסערגעוויינלעך געוואַגט, רירעוודיק, אַריינגעדרונגען אין אַלע ווינקעלעך, ספּעציעל אין די פאַבריקן און וואַרשטאַטן און אָרגאַניזירט מיליטערישע גרופּעס.

מאַרגוליס האָט זיך אויך אויסגעצייכנט אין די אָנפאַלן אויף דייטשע אַרסענאַלן און רעקוויזירן געווער. ער האָט מיטגעאַרבעט מיט דער קאָ־מענדאַטור פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע אַלס מיליטערישער אינסטרוקטאָר און סטראַטעגישער ראַטגעבער. טענענבוים האָט זיך מיט אים באַהאָלפן אין דער פּראַקטישער אַרבעט פונעם שטאַב און אים אָנפאַרטרויט געפער־לעכע אויפגאַבן, וואָס ער פלעגט תמיד אויספילן פינקטלעך און געוויסנהאַפט.

טעמאַ שניידערמאַן. געבוירן אין 1916 אין וואַרשע, איז זי אַלס קינד פאַריתומט געוואָרן נאָך דער מוטער. דער פאָטער האָט נאָך אַ מאָל חתונה

געהאַט און זי מיט איר שוועסטער האָבן זיך גאַנץ גוט צונויפגעלעבט מיט דער שטיפמוטער, וואָס האָט מיט איר גוטסקייט און טאַקט באַוויזן אין דער ענגער דירה איינצוהאַלטן אַ האַרמאָניע צווישן זיינע, אירע און די בשותפותדיקע קינדער. אָבער ביי דעם האָט זיך טעמאַ געפילט איינזאַם און געבענקט נאָך מער האַרציקייט. די היים איז געווען אַ טראַדיציאָנעלע און נישט קיין פאַרמעגלעכע. דער פאָטער האָט געאַרבעט אין אַ שעכט־הויז. טעמאַ האָט געלערנט אין אַ פאַך־שול אויף אַ נייטאָרין. שפּעטער, מלחמה־צייט, האָט זי זיך דערוואָרבן די ספּעציאַליטעט פון אַ קראַנקן־שוועסטער און געאַרבעט אַלס אַזעלכע.

טעמאַ האָט געהערט צו דעם זעלבן גדוד אין „הנוער הציוני״, וואָס מרדכי. זיין ערשטע קינדערישע „סימפּאַטיע״ איז געווען אַ מיידל, וואָס האָט געבליצט מיט שאַרפזין און קענטעניש, אָבער זי, אַ שטיפּערקע, האָט אים נישט גענומען ערנסט, ווי דער יונגעטשקער מרדכי, רייף איבער זיינע יאָרן, האָט עס געוואָלט. דעמאָלט האָט ער זיין אינטערעס געוואָנדן צו דער שיינער און באַשיידענער טעמאַ, וועלכע ער האָט מיט דער צייט זייער ליב באַקומען און אַריבערגענומען אין „פרייהייט״ נאָך זיין אַנשליסן זיך אין דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע.[10]

דער יונגער בחור, וואָס האָט געווירקט אויף די חברים מיטן שטאַרקן אינטעלעקט, האָט אַוודאי געוואָלט דערהייבן דאָס אויסגעוויילטע מיידל צו זיין גייסטיקער וועלט, אָבער זי האָט פאַרמאָגט איר אייגענע פּערזענלעכקייט, אַ שאַרפן שכל און זיך געווערט קעגן זיין באַהערשנדיקער השפּעה, וואָס האָט אפשר אויך געפאָדערט פון איר זייט אַ צו גרויסן מענטאַלן אָנשטרענג. דאָס איז געווען דער גורם פון אירע סענטימענטאַלע קאָנפליקטן.

די בריוו צו איר חברה קיין ארץ־ישראל, מיט וועלכער זי איז געווען פאַרבונדן מיט טיפער פריינדשאַפט און פאַרשטענדעניש, ברענגען אַרויס, חוץ אינטערעסאַנטע פּרטים וועגן דעם אַלגעמיינעם מצב אין פּוילן און אין דער באַוועגונג, אירע אינערלעכע ראַנגלענישן, דאָס זוכן אַן אָנשפּאַר פאַר זיך און די ראָמאַנטישע ליידן.

טעמאַ איז געווען אַ זייער אַרבעטזאַמע און ענערגישע. אויסער איר באַשעפטיקונג אין וואַרשטאַט, האָט זי געאַרבעט ביי בוכהאַלטעריע און בכלל געהאַט אַן אַמביציע צו פּראָגרעסירן, זיך גענומען „פעסט צו זיך״, צו לייענען, צו לערנען העברעיש און ענגליש.

זי האָט געטרוימט עולה צו זיין קיין א״י, נישט געזען אין פּוילן קיין צוקונפט, „קיין באָדן״ פאַר זיך און בכלל פאַר דער יידישער יוגנט. דער פאָטער האָט איר צוגעזאָגט צו העלפן אין דעם. נאָך די אַנטיסעמיטישע אַרויסטריטן פון די פּוילישע רעגירונגס־פאָרשטייערס און פּאָגראָמען, האָט

טעמאַ געשריבן: — „ס׳איז שווער די קינדער צו לעבן אָן אַ מאַמען און אַ פֿאָלק — אָן אַ פֿאָטערלאַנד". אויך די אַראַבישע אָנפֿאַלן אויף די ייִדן אין א״י און די קנאַפּע אויסזיכטן אויף עליה האָבן זי דערפֿירט „ממש צו פֿאַרצווייפֿלונג" (בריוו פֿון 8.11.1937). זי האָט אָפּגעוואָרפֿן דעם געדאַנק דערווייל צו פֿאָרן אויף הכשרה, ווייל אַ סך מענטשן פֿלעגן צוריקקומען, איז לויט איר, „בעסער באַלד נישט צו פֿאָרן" און זיך באַקלאָגט אויף דער „שוואַכקייט" פֿון דער באַוועגונג, אויפֿן מאַנגל פֿון „אַ שטראָם וואָס זאָל מיטרייסן" (בריוו פֿון 11.10.1937). קעגן מרדכין, הגם זי האָט אים באַוווּנדערט און באַצייכנט ווי דעם „נאָענטסטן מענטש", האָט טעמאַ געהאַט אַ תּרעומת (אפֿשר אויך צו מאָל בכיוון אַרויסגערוקט פֿאַר דעם מיידל, וואָס איז פֿריִער געווען באַפֿריינדעט מיט מרדכין און אויך מיט איר) און געשריבן: „ער איז... אַזוי אַלהערשנדיק... אומרויִק, איפּערזיכטיק, אַז גאָט, דערבאַרעם זיך... און תּמיד מוז איך זיין צעשמייכלט, צופֿרידן... און דערפֿאַר לייד איך" (בריוו 15.8.1937).

אויף אַ צווייט אָרט האָט זי פֿאַרגעוואָרפֿן מרדכין, אַז אַפֿילו אין קרי־טישע און פֿיינלעכע מאָמענטן האָט ער זי געלאָזט אַליין און פֿאַרבליבן פֿאַרזונקען אין זיין שרייבן, הכשרה א״א. די טענה איז געשטאַנען אין פֿאַר־בינדונג מיט דעם טראַגישן קלאַפּ מחמת איר פֿאָטערס טויט, וואָס האָט אויך געמאַכט אַ סוף צו אירע האָפֿענונגען אויף עליה. בעתן מודיע זיין וועגן דעם אומגליק און טיפֿער אויפֿטרייסלונג, האָט זיך איר אַרויסגעריסן דער כאַראַקטעריסטישער ווונטש: — „ס׳וואָלט זיך געוואָלט טאָן גרויסע זאַכן, וואָס פֿאָדערן אַ סך העראָישקייט — מ׳קאָן נישט" (26.6.1938). אויך איר מאַטעריעלער מצב איז געוואָרן שווערער, אויף איר איז געלעגן דער עול פֿון פּרנסה פֿאַר דער משפּחה.

נאָכן מלחמה־אויסברוך איז טעמאַ אַרויס פֿון וואַרשע צוזאַמען מיט דער חלוצישער גרופּע. שפּעטער אַ ביסל, בשעת דער באָמבאַרדירונג פֿון דער הויפּטשטאָט, איז אונטער די חורבות פֿון איינגעפֿאַלענעם הויז באַגראָבן געוואָרן איר מוטער און אַ שוועסטער. די פֿאַרבליבענע שוועסטערס זענען אַריבער צו זייערע קרובים אין מינסק מאַזאָוויעצקי. סוף 1941, (זעט אויס אין דער צייט, ווען זי איז געווען אין שליחות פֿון ווילנע קיין וואַרשע), איז טעמאַ געקומען אַהינצו און געוואָלט מיטנעמען מיט זיך דאָס מיזיניקל, אַ 6־יעריק מיידעלע, אָבער די עלטערע שוועסטער האָט זי נישט געוואָלט אַרויסגעבן. טעמאַס אומגעוויינלעך דרייסטע אויפֿפֿירונג גראָד צו יענער צייט פֿון כאַפּן און יאָגן ייִדן, האָט אַרויסגערופֿן אַ פֿאַרווּנדערונג און זיך איינגעקריצט אין זכּרון פֿון דעם קינד: אָן מורא און מיט זיכערקייט האָט זי זיך געוואָנדן דווקא צו אַ דייטש מיט עפּעס אַ פֿראַגע.[11]

טעמאַס לעבנס־וועג איז געוואָרן פֿאַרבונדן מיט מרדכין און זיך פֿאַר־וואַנדלט, אַזוי ווי זיינער, אין אַן אומאויפהערלעכן געראַנגל פֿאַרן פיזישן און גייסטיקן קיום פֿון זייער קאָלעקטיוו און שפּעטער — פֿאַר באַוואָפנטער פֿאַרטיידיקונג.

אין צווישנצייט איז טעמאַ גייסטיק שטאַרק אויסגעוואַקסן און זיך גענומען אימפּאָנירן מיט איר גראַדן שכל, ישוב־הדעת און פּראַקטישן חוש. אַ דאַנק די דאָזיקע אייגנשאַפטן פלעגט זי צוימען מרדכיס גרויסע פּלענער, העלפן אויסשיילן דאָס רעאַליזירבאַרע פון דעם אילוזאָרישן און געפינען דרכים צו זייער ממשותדיקער פֿאַרווירקלעכונג.

די צאַרטע טעמאַ האָט מרדכי שוין אין אָנפאַנג פון דער אונטער־ערדישער טעטיקייט באַשטימט פֿאַר די ווייטסטע און געפערלעכסטע שליחותן. ווען ער, אַ פֿאַרבענקטער האָט אַ מאָל געוואָלט אויף אַ צייט פֿאַרהאַלטן זי נאָענט צו זיך, איז אים שוין שווער אָנגעקומען זי אָפּ־צושטעלן אין איר שווונג. די אהבת־ישראל און מרדכיס פּערזענלעכער ביישפּיל, דער טיפער פיין און די הייליקייט פון דער מיסיע האָבן איר צוגעגעבן פליגל און זי האָט מער נישט געקענט אָראָפּנידערן צו דעם אייגענעם פּריוואַטן לעבן. און אַזוי האָט טעמאַ ווירדיק באַגלייט מרדכין אין דער גרענעצלאָזער ליבע צום פאָלק, וואָס האָט זיי נשמהדיק נאָך שטאַרקער באַהאָפטן און קעגנזייטיק געקרעפטיקט צו נייע פּאַרמעסטן.

מרדכי האָט אין זיינע שריפטן מערערע מאָל זיך אָפּגעשטעלט אויף דער געשטאַלט פון זיין העלדישער חברה אין דער אנוסימדיקער־אַרישער פּערסאָניפיקאַציע פון וואַנדאַ מאַיעווסקאַ. ער האָט פֿאַראייביקט איר זכרון מיט אַ לירישן פּאַטאָס אין זיין היסטאָרישן עזבון און אויך אין דעם אָנגענומענעם טאָטערישן נאָמען טאַמאַראָף. איר נאָמען און טעטיקייט זענען אויך באַזונדערס אָפּגעמערקט געוואָרן אין די אַנדערע געשריבענע מגילות פון יענער צייט.[12]

*

די אויבן געשילדערטע חלוצים — דאָס איז געווען דער שענסטער אָפּקלייב פונעם „תל־חי״־אַקטיוו, אָבער מיט דעם איז זייער צאָל נישט אויסגעשעפּט געוואָרן. צווישן די עטלעכע צענדליק קיבוץ־ און סניף־מיטגלידער (צוליב פֿאַרשטענדלעכע סיבות איז דער צוזאַמענשטעל נישט געווען קיין סטאַבילער), האָבן זיך געפונען נאָך חברים מיט אַ סך אחריות און מוט, ווי למשל די פֿאַרבינדלערין מיט דער אַרישער זייט און שמוגלערין פון וואָפן, ב. וויניצקאַ, מיטן אַרישן נאָמען יאַדוויגאַ שקיבעל, די איינציקע לעבנגעבליבענע פון דער גרופּע.

די דאָזיקע געשטאַלטן האָבן אויך בלי ספק רעפּרעזענטירט, מיט נישט וועזנטלעכע אָפּנייגונגען, יוגנטלעכע אידעאַליסטן פון דעם גאַנצן ציוניס־טיש־סאָציאַליסטישן לאַגער און אין געוויסע הינזיכטן אויך די פאָלקס־פּאַרטיידיקערס בכלל, וואָס האָבן גענומען אויף זייערע אַקסלען די הייליקע פליכט אַרויפצולייגן אויף דער טראַגישער תקופה אַ נייעם שטעמפּל פון אַ ווירדיקן קאַמף פאַרן נאַציאָנאַלן און מענטשלעכן כבוד.

טראָץ דעם, האָט מרדכי זיך אָפט געשפּירט עלנט און איינזאַם, נישט געהאַט מיט וועמען זיך „צו באַראָטן". ער איז אַריבערגעוואַקסן זיין סביבה, סיי מיטן עלטער, סיי מיטן אינטעלעקטועלן ניוואָ. זיינע קאָמפּראָמיסלאָזע עטישע פּרינציפּן פון אַ קאָלעקטיוו לעבן און דער גאַנצער גערדאַנקען־גאַנג האָבן אים אַ סך מאָל פאַרוואַנדלט אין אַ שאַרפן קריטיקער און טאַדלער, געפירט צו צוזאַמענשטויסן מיט די מער אָפּאָרטוניסטישע, אַפילו נאָענטע חברים. דערביי פלעגט זיין אימפּעטיקער טעמפּעראַמענט רעאַגירן מיט ווייטיקלעכן פאַרדראָס, וואָס האָט נאָך מער פאַרטיפט זיין געפיל פון איזאָלאַציע.

עס האָט זיך געפאָדערט אַ לאַנגער און אומדערמידלעכער אָנשטרענג, כדי אויסצופורעמען מיטקעמפערס, וואָס האָבן אין דעם לעצטן עטאַפּ מיט התלהבות אים באַגלייט אין זיין רעוואָלוציאָנערן ברען. דאַמאָלסט איז די חלוצישע היים געוואָרן דער פאַרפּאָסטן פון די רעהאַביליטאַציע־שטרעבונגען און פון דער באַוואָפנטער רעזיסטאַנץ קעגן די נאַצישע באַצווינגערס.

די געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישע טעטיקייט אויפן נייעם באָדן

אין הסכם מיטן אָנגעצייכנטן פּלאַן האָט זיך אַנטוויקלט אַ לעבהאַפטע טעטיקייט פון אָרגאַניזירן די יוגנט אויך מחוץ דער שטאָט ביאַליסטאָק. צ. בירמאַן האָט איבערגעגעבן דאָס פאָלגנדיקע וועגן דעם פּעריאָד: — „מרדכי האָט שטענדיק געטרוימט פון אַדורכרייסן זיך אין שאַוועל (ווו ער האָט פריִער געהאָלפן אָרגאַניזירן אַ שיינעם קיבוץ) און אַהין ברענגען די הילף... עס האָט זיך אָנגעהויבן אַן אינטענסיווע אַרבעט אין גליל (קרייז). טעמאַ איז אַרויס אין גליל, אויפגעזוכט די חברים, פאַרבליבענע נאָך די שחיטות, געבראַכט צו זיי דאָס וואָרט פון דער באַוועגונג, געמונטערט, גערופן צו אַרבעט. מיט אימפּעט האָבן זיך די חברים פון די פאַרוואָרפענע שטעטלעך געכאַפּט, צום ערשט נישט געוואָלט גלויבן דער יידישער שיקסע, ניט געהאַט קיין צוטרוי, געמיינט אפשר אַ שפּיצל פון געסטאַפּאָ. נאָך איבערצייגן זיך, אַז זי איז באמת אַ חברטע, האָבן זיי מיט אויסגעשטאַרצטע אויגן אויסגעהערט, נישט געוואָלט גלויבן, אַז אין אַזעלכע שווידערלעכע טעג טוט די באַוועגונג איר אַרבעט, ציט זיך ווייטער די קייט".

נאָכן אומקערן זיך קיין ביאַליסטאָק פון איינער פון זיינע אָפטע רייזעס, האָט טענענבוים איניציאירט דאָס צונויפרופן אַ קאָנפערענץ פון פאָרשטייערס פון אַלע פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע פאַקטאָרן און אַוועקגעשטעלט פאַר זיי די אויפגאַבע פון צוגרייטן אַ ווידערשטאַנד פאַרן פאַל פון אַ פאַרניכטונגס־אַקציע. ביי דער געלעגנהייט האָט „מרדכי אַנטוויקלט סטראַטעגישע פּלענער, וואָס האָבן אַרויסגערופן באַוווּנדערונג ביי יעדן מיליטעריש מומחה. אין דעם פּראָגראַם זענען געווען אָנגעצייכנט אַלע פּאַרטיידיקונגס־צענטערס אין געטאָ״.[13]

אין שייכות מיט דער פראַגע איז אָנגעבונדן געוואָרן אַ קאָנטאַקט[14] מיט אַ פּאַרטיזאַנער־פירער וועגן וואָפן. מרדכיס פּלאַן איז דעמאָלט אָנגענומען געוואָרן און מ׳איז צוגעטרעטן צו דער ממשותדיקער אַרבעט פון זאַמלען געווער א״א.[15] ס׳איז אויך געגרינדעט געוואָרן אַ פייערלעשער־קאָמאַנדע „מסוגל סיי אָנצוצינדן, סיי צו פאַרלעשן שריפות״.

ביידע דאָקומענטאַרישע קוואַלן, וואָס באַריכטן מכוח דעם ענין (אַנאָנימער און טרילאָגיע), ברענגען אויך צום אויסדרוק דעם צאָרן און פאַרדראָס, וואָס האָט געברענט אין די חלוצישע הערצער קעגן די היימישע פאַררעטערס און דעם באַשלוס, וואָס זיי האָבן אָנגענומען: נאָך דער מלחמה „פאַרמשפּטן צום טויט אַלע... יידן, וואָס זענען געשטאַנען אין דינסט פון די דייטשן און אויך פון די רוסן״. וואָרעם זיי האָבן אין דער שווערסטער צייט פאַרפלעקט זייער געוויסן מיט בלוט און דעריבער איז „זייער דין ווי פאַר אַלע רוצחים״.[16] אָבער באַלד נאָך דעם, האָט זיך ביים שרייבער און מסתמא אויך ביי אַנדערע חברים, פאַרגנבעט אַ ספק: די סאָוויעטישע מדינה ווירקט דאָך לטובת די יידן און אַלע שטרעבן צו איר נצחון; די באָלשעוויסטישע שפּיאָנען האָבן טאַקע גורם געווען דעם טויט פון אַ סך ציוניסטן, אָבער עס איז פילמאָליק גרעסער דאָס פאַרברעכן פון די געסטאַפּאָ־אַגענטן. דעריבער איז די ענדלעכע מסקנה: לגבי דער ערשטער קאַטעגאָריע פאַררעטערס, ווי אויך לגבי אַ טייל יידישע פּאָליציאַנטן — אַדורכצופירן אינדיווידועלע משפּטים. אויך וואַרשע זאָל שפּעטער האָבן אָנגענומען אַן ענלעכן באַשלוס מכוח די בוגדים.

אויפן געביט פון פאַראייניקן די אָפּעראַטיווע כוחות אין דעם אייגענעם אידעיִשן לאַגער, האָט טענענבוים אָנגעוויזן אויף ענלעכע שוועריקייטן, ווי אין ווילנע. אויך דאָ איז נייטיק געווען די אָנווענדונג פון נייע אַרבעטס־שיטות און די פאַרבינדונג פון די פריִערדיקע, פאַרמלחמהדיקע מיטגלידער מיט די נייע פון פאַרשידענע אָפּשטאַם־ערטער. אַקטיוויסטן זענען איינסטרויִרט געוואָרן פאַר די ברייטע אָרגאַניזאַציאָנעלע אויפגאַבעס אויף סעמינאַרן און באַראַטונגען. צ. בירמאַן גיט איבער וועגן אַ „פּגישה״,

אַ צוזאַמענטרעף, וואָס איז פאָרגעקומען פאַר פסח (1942) און חברים זענען געקומען, איינשטעלנדיק דאָס לעבן, פון גראָדנע, יאַשינאָווקע, קנישין, דאָמבראָווע א״א. — „פרומקע האָט דערציילט, ווי עס אַרבעט די אומלעגאַלע באַוועגונג אין וואַרשע. מרדכי האָט איבערגעגעבן וועגן סאָוויעט־רוסלאַנד, מערסיק — וועגן דער צוקונפטיקער אַרבעט אין געטאָ. דריי טעג האָבן געדויערט די באַראַטונגען. פול מיט מוט און גלויבן זענען זיך די חברים צעפאָרן״.

צו יענער צייט איז אָנגענומען געוואָרן אַ באַשלוס וועגן מרדכיס אָפּפאָר קיין וואַרשע, „כדי צו אָרגאַניזירן דאָרט די פאַרטיידיקונג״.[17] ס׳איז נייטיק געווען פאַר דעם צוועק צו פעלשן רייזע־פּאַפּירן, אָבער פאַר אים האָט עס נישט פאָרגעשטעלט קיין מניעה.

וואַרשיינלעך אַ צייט פאַר דער נסיעה קיין וואַרשע, האָט טענענבוים אַרויסגעשיקט אַ בריוו צום פאַרבינדונגס־ביוראָ פון דער הסתדרות אין זשענעוו מיט דעם פאָלגנדיקן אינהאַלט: — „טבח, וואָס באַשעפטיקט זייער מיין משפחה, פאַרשאַפט מיר אַ סך זאָרג. ווי דו זעסט, האָב איך געביטן מיין וווינאָרט און איך האָב פאַרלאָזט גאונען. איך וווין איצט צוזאַמען מיט שארית אין ביאַליסטאָק און האָב די זעלבע פרנסה, וואָס יצחק אין וואַרשע״.[18]

הערשל ראָזענטאַל

חנוך זשעלאַזנאָגורא

(זע ז. 214 און 216)

פערטער טייל

ווידער אין וואַרשע

קאַפּיטל זעכצן

די ערשטע קאָנטאַקטן

דער אָנקום

דעם 24־טן מערץ 1942 איז טענענבוים מיט זיין דאָקומענט אַלס טאַמאַראָף אָנגעקומען קיין וואַרשע, צוזאַמען מיט טעמען און לאָנקען. ביים שמוגלען די גרענעץ האָט זיי געהאָלפן אַ דייטשער באַן־קאָנדוקטאָר, וואָס האָט זיך געהאַט באַפריינדעט מיט ביידע מיידלעך אין דער איבערצייגונג, אַז זיי זענען קריסטינס.

דער צוזאַמענטרעף מיט דער אַלטער היים, מיט דער מוטער און דער קליינער, פאַרבליבענער משפחה נאָך אַזאַ לאַנגער און טרויעריקער צע־שיידונג, איז געווען אַ געמיש פון פרייד און טרערן. דאָס גליק פון דער באַגעגעניש האָט זיך פאַרפלאָכטן מיט די זכרונות פונעם עבר, אַ דער־מאָנונג פון די נאָענטע צעשפּרייטע איבער דער וועלט, מיט דיליידן פונעם היינט און דער מורא פאַר דעם אומזיכערן מאָרגן — דאָס אַלץ האָט געפונען דעם אויסדרוק אין שטראָמען פון עמאָציאָנירטע און פאַרבענקטע רייד.

אָבער מרדכי איז געקומען מיט אַ ברייטן אַרבעטס־פּלאַן, פאַרבונדן מיט דער חלוצישער היים. ער איז אַוועק אין קיבוץ אויף דזשעלנע 34. הערשקע קוטשער, אַ יונגער חבר, איז געווען דער פאַרבינדלער, וואָס האָט אים געפירט אין דער קאָנספּיראַטיווער דירה פון י. צוקערמאַן און צ. לובעטקין אויף וואָלנאָשטש־גאַס. (דעם „געפערלעכן" נאָמען — אויף פּויליש פרייהייט, האָבן די דייטשן פאַרביטן אויף „זייגערמאַכער"־גאַס).

י. צוקערמאַן האָט זיך ס'ערשטע מאָל געטראָפן מיט מרדכין און זיין חברטע טעמע אין 1937, אין דער מאַלערישער שטאָט קוזמיר (קאַזימיעזש). זיי זענען דעמאָלט געקומען אין שליחות פון דער יוגנט־אָרגאַניזאַציע „פרייהייט" אין וואַרשע, כדי נאָכצוזוכן אַ פּאַסיק אָרט פאַר אַ זומער־קאָלאָניע. אָט ווי אַזוי ער שילדערט דאָס שיינע און פאַרליבטע פּאָרל אין יענע טעג:

— „ביידע, ער און טעמאַ, פלעגן אַרומוואַנדערן גאַנצע טעג איבער דערפער און פּויערישע כאַטעס פריילעכע און זאָרגלאָזע... קלעטערן אויף דיביימער, זיך לאָזן אין געלויף איבער דעם אַראָפּהענגענדיקן ברעג און פּליוסקען זיך גאַנצע שעהן אין טייך. ביידע זענען זיי געווען יונג און שוין

זינט יאָרן באַפרײַנדעט און פאַרליבט... ער איז צו יענער צײַט געווען אַ סטודענט פון אינסטיטוט פאַר אָריענטאַלע וויסנשאַפטן... מיט גרויסן אינ־טערעס פאַר דער אַלטער אַזיאַטישער וועלט, איר קולטור און שפּראַכן, די מנהגים און פאָלקס־לעגענדעס. זײַן האַרץ האָט געצויגן צו דער נאַטור און צו די בראשית־טעג. ער פלעגט זיך לײַכט אָנצינדן און הייס זיך צעפלאַקערן... טעמאַ... איז געווען אַן אײַנגעהאַלטענע און אַ מענטש פון טאַט״.[1]

אין די נײַע, טרויעריקע אומשטאַנדן, האָבן זיך יצחק און מרדכי געטראָפן נאָך אַן איבעררײַס פון דריטהאַלבן יאָר. מרדכי האָט געטראָגן אַ שוואַרצן אַנצוג, פאַרקנעפּלט אויף דעם רוסישן שטייגער ביז אַרויף און הויכע שטיוול.

— „מיר האָבן באַוווּנדערט זײַן געוואַגטקייט. האָט מען דען געקאָנט צווייפלען, אַז ער איז אַ ייִד? האָט ער דען געהאַט איין אײנציקן נישט־ייִדישן שטריך?״ — האָט צוקערמאַן קאָמענטירט זײַן אויסשטעלן זיך בסדר אויף אַ טויט־סכנה און ווײַטער איבערגעגעבן: — „גאַנצע טעג און נעכט האָבן מיר זיך צוגעהערט צו זײַנע דערציילונגען. ער האָט אַ סך געוווּסט און פאַרמאָגט די פעיִקייט מאַלעריש צו שילדערן״.

מרדכי האָט אויפגעלעבט פאַר די אויגן פון זײַנע צוהערערס דעם שוידערלעכן חורבן פון ווילנער ייִדנטום. — ווילנע האָט זיך נישט געקענט פאַרטיידיקן — האָט ער אויפגעקלערט די חברים, מיט אַ געוויסן געפיל פון שולד פאַר יענער פּאַסיווקייט. אין צענטראַל־פּוילן (די גובערניע מיט וואַרשע בראש), האָט מען זיך ביסלעכווײַז „צוגעוווינט״ פון איין גזירה צו דער צווייטער. אין ווילנע זענען אַלע גזירות אַראָפּגעפאַלן מיט אַ מאָל. דער שונא איז דאָרטן באַלד פון אָנהייב, אין אַ בליץ־שנעלן טעמפּאָ, צו־געטרעטן צו פאַרניכטן די ייִדן מאַסנווײַז. ביז עס איז דערגאַנגען דער גרויזאַמער אמת וועגן פּאָנאַר, זענען שוין צענדליקער טויזנטער ייִדן אַרויסגעפירט געוואָרן צום טויט.

אויפן פּאָן פון יענע בלוטיקע געשעענישן, האָט מרדכי אַרויסגעהויבן די אײַגנאַרטיקע געשטאַלט פון דעם דײַטשן פעלדפעבל — דעם קדוש אַנטאָן שמיד, וואָס זײַן נאָמען האָט ער געוואָלט פאַראײביקן לדורות.

די געזעלשאַפטלעכע און קולטור־אָרגאַניזאַציעס

מיטן צוועק קעגנצווווירקן די קאַטאַסטראָפאַלע באַדינגונגען אין געטאָ, האָט דער ישוב געשאַפן אַ ברייט פאַרצווייגטע נעץ פון הילף־אָרגאַניזאַציעס און קולטור־אינסטיטוציעס.

אין דעם געוואַלדיקן געראַנגל פאַרן אויפהאַלטן דעם גוף און די נשמה

פון דער באַפעלקערונג, האָבן זיך סאָלידאַריש באַטייליקט אַלע פּאַרטייען און יוגנט־באַוועגונגען.

מיט דער אונטערשטיצונג פון „דזשוינט" איז געשאַפן געוואָרן די „יידישע געזעלשאַפט פאַר סאָציאַלער הילף" (Ž.T.O.S) — דער נאָמען איז שפּעטער געביטן געוואָרן אויף „יידישע סאָציאַלע אַליינהילף (יי.ס.א.), אין פּויליש: (Ž.S.S.) און ווידער אויף „יידישער הילפס־קאָמיטעט" (J.H.K.), ווייל אויף דער פאָדערונג פון דער דייטשער מאַכט האָבן די בוכשטאַבן S.S. נישט געטאָרט פיגורירן אין אַ יידישער אינסטיטוציע.[2] די געזעלשאַפט האָט אַרומגענומען אַלע געביטן פונעם לעבן אין געטאָ, פון די קיכן ביז צום טעאַטער. מיט דעם „קאָמיטעט" האָט ענג מיטגעאַרבעט דער „צענטאָס" צו וואַכן איבער קינדער און יתומים, דער „טאָז" — אָפּצוהיטן דאָס געזונט, דער „אָרט" פאַר פאַך־אויסבילדונג א״אַ.

אַ באַזונדערע, פאַרצווייגטע אַרבעט האָט געפירט דער „ייקאָר", די יידישע קולטור־אָרגאַניזאַציע, וואָס איר לעבעדיקער גייסט איז געווען דער יונגער עקאָנאָמיסט, סעקרעטאַר פון „ייוואָ", אַ זייער טיכטיקער אויך אין אַנדערע סעקטאָרן, מגר. מנחם לינדער.

אַן ערשטראַנגיקע מיסיע האָט אויף זיך גענומען דער אַרכיוו, געגרינדעט דורך דעם היסטאָריקער, ד״ר עמנואל רינגעלבלום, וואָס האָט פאַרשריבן די כראָניק פון די געשעענישן און געזאַרגט אויסצובאַהאַלטן די דאָקומענטאַציע. שפּעטער האָט ער זיין אַרבעט געגעבן אַ ברייטן געזעלשאַפטלעכן פאַרנעם. מחמת קאָנספּיראַציע פלעגן די באַראַטונגען פאַרקומען אין דער פאָרעם פון „עונג שבת" און אַזאַ נאָמען האָט אויך באַקומען די דאָזיקע דינאַמישע גרופּע פון קולטור־טוערס און וויסנשאַפטלערס מיט דער מיטאַרבעט פונעם סעקרעטאַר הירש וואַסער, דעם רב שמעון הובערבאַנד, אליהו גוטקאָווסקי א״אַ. די שרייבערס און זאַמלערס פון היסטאָרישע מאַטעריאַלן, קולטור־אוצרות, ליטעראַרישע שאַפונגען אאַז״וו זענען געווען פאַרבונדן מיט אַלע אַקטיווע סעקטאָרן און האָבן געפאָרשט פאַרשידענע אַספּעקטן פון דער געטאָ־עקסיסטענץ, כדי צו געבן „אַן אַלזייטיק בילד אין דער צייט פון דער מלחמה... פון דעם, וואָס עס האָבן איבערגעלעבט, געטראַכט און געוויייטיקט די יידישע פאָלקס־מאַסן" — אַזוי האָט באַצייכנט ד״ר רינגעלבלום אין זיינע נאָטיצן די אויפגאַבן פון דעם אַרכיוו.[3] אויף אַן אַנדער אָרט האָט ער פעסטגעשטעלט, אַז זיי האָבן דערפילט די היסטאָרישע שליחות, אַנטפּלעקט דעם שונאס „טייוולאָנישן פּלאַן צו פאַרניכטן דאָס פּוילישע יידנטום, וועלכן ער האָט געוואָלט אויספירן בשתיקה" און דערפאַר וועט אַפילו זייער „טויט נישט זיין אומזיניק".[4]

קאַפּיטל זיבעצן

אין ליכט פונעם בריוו צו דער הסתדרות

דער מצב פונעם געטאָ

אין זיין בריוו צו די חברים, צום עקזעקוטיוו פון הסתדרות און סעקרע־טאַריאַט פון דעם קיבוץ המאוחד,[1] אין וועלכן מרדכי טענענבוים האָט געגעבן אַן אַלגעמיינעם איבערבליק וועגן דער לאַגע פון די יידן אויף די שטחים אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע, האָט ער זיך באַזונדערס אָפּגעשטעלט אויף וואַרשע. דער באַריכט (געשריבן אין אַפּריל 1943 אין ביאַליסטאָק) האָט רעקאָנסטרויִרט דאָס בילד פון יענערווירקלעכקייט מיט אַ זעלטענער זאַכקענטעניש און אַ סך אָנגאַבעס, וואָס ער האָט באַוויזן איינצוקריצן אין זיין זכרון.

די דייטשן — שרייבט ער — האָבן אין געטאָ געשאַפן אַזעלכע גרויליקע באַדינגונגען, וואָס זאָלן אין אַ גיכן טעמפּאָ דערפירן צו אַ „נאַטירלעכער" ליקווידאַציע פון די יידן. די אָפיציעל באַשטימטע שפּייז־נאָרמעס זענען פון מאָל צו מאָל פאַרקלענערט געוואָרן און באַטראָפן אין דער ערשטער העלפט פון 1942 קוים 100—150 קאַלאָריעס אַ טאָג אויף אַ נפש.[2] די שטרענגע איזאָלאַציע פונעם געטאָ האָט נישט דערלויבט אַריינצופירן אַפּראָ־וויזאַציע פון דרויסן און דאָס ביסל דערוואָרבענע דורכן געפערלעכן שמוגל האָט דערגרייכט זייער אויפגעשרויפטע פרייזן. די פּויפּעריזאַציע האָט איבערגעלאָזט ווי אַן איינציק הכנסה־מיטל דאָס אויספאַרקויפן פון אַלעם מעגלעכן, וואָס איז דורך דער פאַרמיטלונג פון אַ 20 פאַר הענט דערגאַנגען אויף „יענער זייט" מויער, צום גוי, ביז אַלע זאַכן האָבן זיך אויסגעשעפּט.

דער שרעקלעכער הונגער האָט אומאויפהערלעך פאַרצערט די פאַר־אָרעמטע פאָלקס־מאַסן. די געזעלשאַפטלעכע הילף איז נישט געווען בכוח צו באַהערשן די גרויזאַמע נויט. די בערך 70 טויזנט קאָנסומענטן אין די פאָלקס־קיכן, פון די ביליקע זופּן, וואָס האָבן חוץ וואַסער אַנטהאַלטן אַ שטיקל קרויט אָדער ווייסן בוראַק און דאָס איז פאַר דער העלפט מענטשן געווען דאָס איינציקע מאָלצייט במשך פון טאָג, — פלעגן אַרומגיין פאַר־גרינט און געשוואָלן, ביז זיי זענען געפאַלן אויף דער גאַס.

די מענער, וואָס זענען פאַרכאַפּט געוואָרן צו פאַרשידענע אַרבעטן, פלעגן מאַסנווייז שטאַרבן פון הונגער און עבודת־הפרך און דאָס האָט געשאַפן אין געטאָ די אַנאָרמאַלע דעמאָגראַפישע סטרוקטור פון כמעט אַ

לחברים בארץ –
אפשר לעשות – בתוך מהלך החסול הליקבידציה שלנו – כעין סך־הכל וסכום של עבודת התנועה בשנתיים האחרונות. הסכום הזה לא יהיה מלא ולא לגמרי מדויק, אך יהיה קרוב לאמת. אנשים אחרים הראויים לסכם – אינם כבר. את כולם נשא הרוח, כולם נפלו. האחרון – יעיד ד׳ שעודנו בין החיים תודות לתסבוכת מקרית של כל מיני סיבות, בכל אפן – לא מאשמתו. – נמצא במצב נפשי ואוביק־טיבי כזה, שמן החברה ומן האישור שהאי־ברור והחסר בסכום הזה – יסלח לו.

יש לחלק את הפוליטיקה היהודית של היטלר בארצות הכבוש הגרמני לשתי תקו־פות: לפני ואחרי ה־22 ליוני 1941. גם בתקופה הראשונה היתה הטנדנציה של הגרמנים לחסל חסול פיזי את היהודים – בעיקר את היהדות המזרחית. זה היה צריך להעשות על ידי צפיפות רבבות יהודים בגיטאות צרים, החרמת נכסי דלא ניידא, החזרות ועקירת כל שרשי הפרנסה אצל היהודים, ע״י הספקה מעטה של מזון וחמרי הסקה, ע״י עבודת פרך בתנאים הגרועים ביותר, ברעב תמידי ועינויים שונים וכד. הקונצנטרציה והחרמת הרכוש, המסים, אפליה והאיזולציה הגמורה, הרעב והאפידמיות עשו שמות ביהודים, בעיקר בגיטאות הגדולים, בערים הגדולות. בהיותי בורשה / עוד לפני ה"אקציה" ב־22 ליולי 1942 / עשינו חשבון שעד שנת 1945 ישארו מארבע מאות אלף היהודים רק כחמשים אלף. דלת העם ושכבת הבינונית היתה מתה מרעב בפרוגרסיה גיאומטרית. היו נשארים רק העשירים הגדולים, הספקולנטים. ב־1941 מתו בגיטו הורשאי כחמשים אלף איש. אמנם היה ביניהם אחוז גדול מאד של הפליטים מעירות המחוז הורשאי שהוגלו בערום ובחסר כל לורשה. אבל רוב בנינו ובנינו של הגיטו התפרנס הלא ממכירת החזרות וחפצי הבית שנצלו עוד מלפני המלחמה – ומעין "הפרנסה" הזאת הלך ויבש. הכל נמכר למחוץ לגיטו – "אויף יענער זייט". מכרו הכל: כל מכלי לוקסוס וגמר בנוצות של כרים ובסרטוטים משמש חומר גלמי בפרושה. הגיה והמקסטילי. ע״י 20 איש עברה "הסחורה" עד שהגיעה – דרך חור בחומה לגוי. היה בזה הגשמה עקבית של הפרינציפ "לכו והתפרנסו זה מזה".
מספר ה"זופקעס" שהוציאו מסבחי־העם בורשה הגיע עד 70.000. למחצית הנהנים במטבחים אלה היה המרק הזה – מים, מים, מים וקצת כרוב. או החתיכת לחם לבן – המאכל היחידי, כל ההספקה שלהם. ה"מאושרים" האלו – היה להם לשלם 60 גרוש בעד הארוחה. התהלכו בפנים ירוקים, נפוחים מרעב – ובאחד הימים, ללא מחלה קודמת, נפלו ברחוב – ונגמר. היה בזה פתרון גזה של שאלת היהודית. בארצות המערב לא היו עוד אז אפילו גיטאות. במזרח, בתוך הגיטאות, עשו להם היהו־דים כטוב בעיניהם, אם חטאו לרשות – היה משפט. בית־דין כזה הוציא אמנם תמיד משפטים דרקוניים, אך גם החיים של היהודים נמצאו תחת השמירה הנומי־נלית של החוק. היינו כבר הפקר למעשה – אך לא דה יורה. עוד בראשית 1942 נמצאו בגיטו הורשאי על כל מאה גברים – 132 נשים. על כל 100 גברים בגיל ה־20־30 שנים היו 182 נשים. אמנם הגברים האלה מתו מעבודה קשה ורעב במחנות עבודה ורכוז גרמניים, אך באפן בלתי אמצעי לא נהרגו ע״י הגרמנים. באפן "פורמלי" – הכל היה בסדר. והגרמנים עוד דאגו לכך.
התקופה הזאת, התקופה של חסול "טבעי" ואבולוציוני של היהדות המזרחית, היתה תקופה של עבודה פשוט יותר פרו־ציונלית של התנועה. בימים הראשונים אפשר גם היה – על יסוד של רשיונות מיוחדים – לעזוב את הגיטו. ולהשתמש באמצעי התחבורה הכלליים. רשת הסניפים התרחבה. נוסדו סניפים חדשים ונתעסקה העבודה החנוכית בתוך הסניפים הקיימים מלפני המלחמה. היו פגישות. נתקימו

לרשות הועד הפועל של ההסתדרות
מזכירות הקיבוץ המאוחד.

בריוו צו הסתדרות

דאָפּלטער צאָל פרויען אין פאַרגלייך מיט מענער אין דעם עלטער פון 20—30 יאָר.

די רעטונגס־מעגלעכקייטן פון די הילפס־אָרגאַניזאַציעס האָבן ווייט נישט אַנטשפּראָכן דער געוואַלדיקער נויט, דערביי זענען די מיטלען כסדר

איינגעשרומפּן געוואָרן, בעת דער הונגער האָט געבושעוועט אַלץ שטאַרקער, אָן אַן אָפּהאַלט.

די אומגעהייער גרויסע באַדערפֿעניש, דער מאַנגל פֿון פֿאָנדן און די טויט־סכּנה, וואָס האָט געדראָט ביים אויספֿירן פֿאַרשידענע פֿאַרבאָטענע פֿונקציעס, האָבן געפֿאָדערט אַ גרענעצלאָזע איבערגעגעבנקייט מצד די מענטשן בראש פֿון יעדער קהילישער טעטיקייט. מ׳האָט געדאַרפֿט האָבן אַ שטאַרקן מאָראַלישן רוקנביין נישט אונטער־צוגעבן זיך דער פּלאָג פֿון קאָרופּציע און צו באַקעמפֿן זי אין אַלע אירע פֿאָרמען. צו אַזאַ שטופֿע האָט זיך נאָר אַ טייל פֿון די כּלל־טוערס געקענט דערהייבן.

דער ערלעכער מרדכי טענענבוים האָט שאַרף קריטיקירט די מנהיגים, וואָס זענען נישט געווען מסוגל צו שטעלן זיך אויף דער געהעריקער מדרגה. ער האָט צ״א געשריבן: „דער אַלטער גלעזלשאַפֿטלעכער אַקטיוו, וואָס איז געווען טעטיק אין פֿאַרשידענע פּאַרטייען און אינסטיטוציעס פֿאַרן מלחמה־אויסברוך, איז טיילווייז אַוועק קיין אויסלאַנד, דערהרגעט אָדער פֿאַרשוווּנדן געוואָרן און טיילווייז געזעסן פּאַסיוו אויס מורא פֿאַר די געסטאַפּאָ־אַגענטן, „קאָנספּיראַציע״ אאז״וו. די דייטשן איז געלונגען זיי אַזוי צו טעראָריזירן, אַז ס׳איז גענוג געווען דו זאָלסט צוגיין צו אַזאַ „עסקן״ אין דער גאַס, ער זאָל באַלד ווייס ווערן ווי קאַלך, דיך לאָזן שטיין און אַנטלויפֿן... בעת די פֿאַרשידענע מהומות, כאַפּעונישן צו אַרבעט, זוכענישן, וואָס האָבן אויסגע־מאַכט אַ העלפֿט פֿון געטאָ־לעבן, פּלעגן די „חשובֿע״ פֿאַרשווינדן — אויך דער מאַטעריעלער אַספּעקט האָט ביי דער קאַטעגאָריע „עסקנים״ געשפּילט אַ ראָלע און ווען ס׳האָט נישט געסטאַיעט מער אויף קיין געהאַלטן, קיין „פּרנסה״ — האָבן זיי אין גאַנצן פֿאַרלאָזט די ביז איצטיקע פּאָזיציעס.

אין זיין ברייטערן אַנאַליז פֿון דער דערשיינונג, האָט דער שרייבער אַרויסגערוקט די מערערע סיבות, וואָס האָבן צו איר דערפֿירט. בלויז אַ קליינע צאָל פֿון די פֿריִערדיקע טוערס האָט פֿאַרמאָגט די גייסטיקע עטישע לויטערקייט און דעם באַזונדערן גראַד פֿון אַלטרויִזם צו באַגלייטן די מאַסן אויף די פֿאַרשידענע שטאַפּלען פֿון דער קאָשמאַרער עקסיסטענץ. צווישן די דאָזיקע האָט ער אָנגעוויזן אויף י. גיטערמאַן, דעם פֿאַרדינסטפֿולן דירעקטאָר פֿון „דזשוינט״. — „מיר האָבן זיי באַטראַכט אַלס „אנשי שלומנו״, אויך זיי האָבן אין אונדז געזען „אייגענע מענטשן״,[3] די איינציקע אויף וועלכע מ׳קאָן זיך פֿאַרלאָזן״ — ווערט ווייטער געזאָגט.

מיט צופֿרידנקייט און לויב איז אונטערגעשטראָכן געוואָרן די שטאַנד־האַפֿטיקייט פֿון די צווייטראַנגיקע באַאַמטע, פֿון די „גרויע מענטשן״, וואָס זענען כּמעט אַלע פֿאַרבליבן אויף זייערע פּאָסטנס אין די באַדראָטע אינסטיטוציעס.

דער וואַקסנדיקער הונגער האָט באַוויגן די פאַרשידענע פּאָליטישע ריכטונגען אויסצוברייטערן זייער געוויינלעכע אַקטיוויטעט אויף אַנדערע געביטן, נישט בלויז צו קאָאָפּערירן אין די ראַמען פון די צענטראַלע הילפס־אָרגאַנען, נאָר אויך אַליין צו פירן די וויטאַלע רעטונגס־אַרבעט, כדי צו דערמעגלעכן דעם געטאָ איבערצולעבן די קאַטאַסטראָפע.

דער חלוצישער בייטראַג אויפן סאָציאַל־קולטורעלן געביט

טענענבוים האָט אַרויסגעהויבן די גרויסע אויפטוען פון די חלוצישע גרופּעס, בפרט פונעם „דרור", אויף אַלע שטחים פון זייער טעטיקייט. פאַרבאָטן אַלס אָרגאַניזאַציע, איז דער „החלוץ", אַזוי ווי אַנדערע ענלעכע, פאַרמאַסקירט אונטערן שלייער פון פּליטים־הייזער, אַרבעטס־לאַגערן, פאָלקס־קיכן אד"גל, געוואָרן אַ וויכטיקער פאַקטאָר אינעם גרעאַנגל פאַר אַ ווירדיק לעבן אין געטאָ. די חלוצים האָבן, אין אַ גרויסער מאָס, דערפילט אויף זיך די פאַראַנטוואָרטלעכקייט, קודם כל פאַר דעם אונטערוואַקסנדיקן דור. מ'האָט געדאַרפט אין דער ערשטער ריי פאַרזאָרגן דעם הונגעריקן און אַפילו זיך מטפל זיין מיט די רוי׳נירטע משפחה־מיטגלידער. מיט טיפער אָנערקענונג האָט טענענבוים געשילדערט די דערגרייכונגען אין דער הינזיכט:

— „מיר האָבן אָנגעפאַנגען מיט דער אויפזיכט איבער קינד און יוגנט. טויזנטער יוגנטלעכע און קינדער זענען געבליבן אָן עלטערן... טויזנטער פאַמיליעס — אָן ברויט. די קינדער זענען אַרומגעגאַנגען נאַקעט און באָרוועס, אָן אַ שום השגחה און אָן אַ שול. אין אָנהייב האָבן מיר אָרגאַניזירט קינדער־ווינקלען אין די גרויסע הייזער. אין אָוונט פלעגן זיך די קינדער פאַרזאַמלען, זיך שפּילן, לערנען און באַקומען אַ ביסל זופּ מיט ברויט."[4]

שפּעטער זענען געגרינדעט געוואָרן באַזונדערע קיכן פאַר קינדער, וווּ מ'האָט זיי געגעבן אָפּצועסן אַ מיטיק, געלערנט זינגען, דערציילט אַ מעשה. די ווינקלען און קיכן זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין שולן און קלובן פאַר דער יונגערער שיכט. די עטלעכע שעה, ווען די קינדער פלעגן פאַרברענגען אין די גערטנדלעך, האָבן זיי אַ ביסל אויפגעהייטערט, געמאַכט פאַרגעסן וועגן דער שטיקנדיקער היים־אַטמאָספער, פול מיט צרות און מיט קריי־גערייען, מחמת דער עקסטרעמער נויט.

עס זענען אויך איינגעאָרדנט געוואָרן ספּעציעלע וואַרשטאַטן פאַר דער יוגנט, כדי זי צו באַפרייען פון די דייטשע אַרבעטס־לאַגערן און אויך צו באַזאָרגן מיט ברויט און אַ בגד.

מ'האָט איינגעשאַפן נייע פינאַנסיעלע מיטלען דורך פאַרשידענע קאָמ־פּאַניעס, אַ צאָל מעצענאַטן און טראַנספערן — אין נאָמען פון דער הסת־

דרות זענען די ווילטעטיקע אַרויסגעגעבן געוואָרן פאַרפּליכטונגס־דאָקו־מענטן אויף נאָך דער מלחמה. („מ'דאַרף זיי שוין נישט צאָלן, ס'איז שוין קיינער נישטאָ"... — האָט דער שרייבער באַמערקט מיט צער).

מיט טיפער עמאָציע האָט טענענבוים געשילדערט אַ פאָרשטעלונג, וואָס איז געווען איינגעאָרדנט דורך די קינדער־קיכן, קלובן און פאָלקס־שולן בערך אַ צוויי חדשים פאַר דער אַקציע: — „די פאָרשטעלונג איז אין גאַנצן געשטאַנען אונטערן צייכן פון פרילינג, פון לעבנס־באַנייונג, פון דער זון, וואָס גייט אויף פון צווישן די וואָלקנס, פון אַ ליכטיקן מאָרגן. אונדזערע קינדערלעך זענען דערשינען אויף דער סצענע אין געשטאַלט פון בלומען, פייגעלעך, שמעטערלינגען. דאָס איז געווען דער אייניציקער שמעטערלינג, וואָס כ'האָב דעם זומער געזען אין וואַרשעווער געטאָ — דער שמעטערלינג אויף דער בינע".

טענענבוים האָט באַזונדער אַרויסגעהויבן די קולטור־דערציערישע אַרבעט, וואָס האָט באַצוועקט צו באַהעפטן די יוגנט מיט די נאַציאָנאַלע ווערטן. אַ וויכטיקע דערגרייכונג אין דעם תחום איז געווען דאָס גרינדן אַן אומלעגאַלע העברעישע גימנאַזיע „דרור", אָנגעפירט דורך קאָמפּעטענטע פּעדאַגאָגן, די ערשטע מיטלשול אין געטאָ (אָפיציעל זענען געווען דערלויבט נאָר פאָלקסשולן). זי האָט געעפנט בילדונגס־מעגלעכקייטן פאַר אַ צאָל יוגנטלעכע, וואָס האָט געזאָלט פאַרזיכערן אַ גייסטיקן המשך.

אויך די דערגאַנצונג־קורסן פאַר הונדערטער יוגנטלעכע און די סיסטעמאַטישע „עונג שבת'ן" מיטן אָנטייל פון שרייבערס און אַרטיסטן, האָבן אַריינגעבראַכט העלערע שטראַלן אין יענער חושכדיקער עקסיסטענץ. אגב, פלעגן די ליטעראַרישע און טעאַטער־אימפּרעזעס זיך דערווערבן אַ גרויסע פרעקווענץ; יידן האָבן געזוכט צו אַנטלויפן אויף אַ שעה, צוויי, פון דער פאַרצווייפלונג און זיך אָפּפרישן אין דעם קינסטלערישן וואָרט. אַ באַליבטער פאָרום פאַר שעפערישע מענטשן איז געווען דער קיבוץ, ווו עס פלעגט באַזונדערס אָפט אַרויסטרעטן און פאָרלייענען זיינע לידער דער דיכטער י. קאַצענעלסאָן, ווערמען טענענבוים ווידמעט אַ סך פלאַץ אין זיינע שריפטן. אויף דזשעלנע 34 האָט ער אויך איבערגעלייענט די תנ"כישע דראַמע „איוב", דאָס איינציקע יידישע בוך דעמאָלט אַרויסגעגעבן אין אַ העקטאָגראַפישער פאָרעם דורך דעם געהיימען פאַרלאַג פון „דרור". מיט דער קאָלאָסאַלער קראַפט פון זיין דיכטונג, פון צאָרן און מאָנונג, האָט קאַצענעלסאָן שטאַרק באַווירקט די תמיד צאָלרייכע אוידיטאָריע.

בכלל האָט טענענבוים אָקצענטירט דעם איניציאַטאָרישן און אָרגאַני־זאַטאָרישן ביישטראָג פון דעם „החלוץ" אין די פאַרשידענע דערגרייכונגען אין געטאָ, צווישן זיי אויך אין דער אַנטוויקלונג פון דעם אַרכיוו פון יידישער

מאַרטיראָלאָגיע, פאַר וועלכן די חברים האָבן צוגעשטעלט אַ יסודותדיקן מאַטעריאַל.

דער געראַנגל פאַר אַ ווידערשטאַנד

סוף מערץ איז פאָרגעקומען אַ צוזאַמענטרעף פון די פּראָלעטאַרישע גרופּירונגען —ביידע „פּועלי־ציון״, „בונד״ און „החלוץ״ — ווו אויפן סדר־היום איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן די פאַרטיידיקונג פונעם געטאָ. נאָך דעם, ווי דער חלוצישער פאָרשטייער, י. צוקערמאַן, האָט איבערגעגעבן וועגן דעם מצב פון די יידן אין פּוילן, אין וואַרשע און פאָרגעשלאָגן צו שאַפן אַן אָנפירערשאַפט פאַר דער צוגרייטונג פון אַ ווידערשטאַנד, איז אַרויסגע־טרעטן דער בונדישער רעפּרעזענטאַנט, מ. אָזשעך, מיט אַ רעדע אין אַ טאָן, וואָס דער באַריכט־געבער און אָנטייל־נעמער פון דער זיצונג, דער לינקער פּועלי־ציוניסטישער טוער, הערש בערלינסקי,[5] האָט באַצייכנט פאַר אַ שרייענדיקן, אַ „חוצפּהדיקן״: — „ווען נישט די פאַרשאָלטענע באַדינ־גונגען אין געטאָ, וואָלטן מיר נישט געזעסן ביי איין טיש ביי אַזאַ פּאָליטישן צוזאַמענשטעל. דאָס געטאָ איז נישט קיין באַזונדערע קליינע וועלט פאַר זיך אַליין. די ליקווידאַציע פון געטאָ איז אָפּהענגיק פון אויסערלעכע פּאָלי־טישע פאַקטאָרן״ — האָט ער געזאָגט און באַטאָנט, אַז זיי זענען תמיד געווען פאַר פאַרטיידיקונג, אָבער היות די פּאַרטיי איז פאַרבונדן מיט די אינטערנאַציאָנאַלע פאַקטאָרן, וועלן זייערע באַשלוסן פאַרפליכטן אויך דעם „בונד״. אין קאָנסעקווענץ וועט זיין פּאַרטיי נישט אַריינטרעטן אין קיין קערפּערשאַפט, וואָס איר טאַקטיק און טעטיקייט קאָנען זיין אין קעגנזאַץ צו יענע אַלגעמיינע ריכטליניעס. אויך מחמת דער קאָנספּיראַציע פון די אייגענע קאַמפּס־גרופּן און זייערע „קאַמפּס־צילן״, איז ער געווען קעגן דער גרינדונג און אָנטייל אין אַ פאַראייניקטער אָרגאַניזאַציע.

אויך דער צווייטער דעלעגאַט פונעם „בונד״, אַ. בלום, האָט געפּרוווט, הגם מער רויִק און „העפלעך״, אויפצוקלערן דעם שטאַנדפּונקט קעגן אַנשלוס צו אַן אַלגעמיינעם קאַמפּס־בלאָק.

אין נאָמען פון דער לינקער פּועלי־ציון האָט מלך „עסדעק״ (פיינקינד) אַרונטערגעריסן די בונדישע אַרגומענטאַציע, דערקלערט די נויטווענדיקייט פון אַ געמיינזאַמען פאַרטיידיקונגס־ראַט און אַז זיין ריכטונג איז גרייט אָן שום רעזערוואַציעס זיך אָנצושליסן אין אַזעלכן.

אַ צייט שפּעטער, אין אַפּריל, „נאָך לאַנגע אונטערהאַנדלונגען מיט פאַרשידענע פּאַרטייען״, איז צונויפגערופן געוואָרן אַ קאָנפערענץ פון פאָרשטייערס פון די ווירקנדיקע פּאָליטישע ריכטונגען און אַ צאָל פאַר־

טרויִלעכע מענטשן פון די קרייזן פון „זשיטאָס" (יידישע געזעלשאַפט פאַר סאָציאַלער הילף — עקספּאָזיטור פון „דזשוינט"). די חלוצישע באַוועגונג האָבן רעפּרעזענטירט: י. צוקערמאַן, י. קאַפּלאַן („השומר הצעיר") און מ. טענענבוים; דעם „בונד" — מ. אָזשעך און א. בלום[6]; די „פּועלי־ציון — צ. ס." — י. סאַק; „לינקע פּוע"צ" — ע. ריגגעלבלום און ש. זאַגאַן; אַל־געמיינע ציוניסטן — ל. בלאָך, ד"ר י. שיפּער, מ. קירשענבוים; די קאָמו־ניסטן: י. פינקעלשטיין (לעוואַרטאָווסקי).

אינעם בריוו צו דער הסתדרות האָט טענענבוים איבערגעגעבן די פאָלגנדיקע פּרטים וועגן דער דראַמאַטישער פּאָלעמיק, וואָס האָט זיך פונאַנדערגעוויקלט אַרום דעם באַהאַנדלטן גורלדיקן ענין:

— „מיר האָבן איבערגעגעבן אַ גענויען באַריכט וועגן חורבן ליטע און ווייסרוסלאַנד. מיר האָבן פעסטגעשטעלט, אַז די כוואַליע דערנענטערט זיך צו דער גובערניע. מיר האָבן געפאָדערט צו שטעלן אַלע מיטלען צו דער פאַרטיידיקונג און אַקטיוון קאַמף מיטן פיינד. אויב מיר וועלן נישט האָבן די מעגלעכקייט צו קעמפן מיטן שונא אויפן פעלד — דורך אַ פּאַרטיזאַנער־מלחמה, דיווערסיע און סאַבאָטאַזש־אַקטן — וועלן מיר ווייניקסטנס שטעלן אַ ווידערשטאַנד ביי די מויערן פון געטאָ: מיר וועלן זיך פאַרטיידיקן."

אָבער די פירערס פון ישוב האָבן דעמאָלט נאָך נישט געגלייבט, אַז די ליקווידאַציע פון די יידן אין ווילנע איז דער אָנהייב פון סוף פון פּוילישן יידנטום.

— „אין וואַרשע, אין האַרץ פון אייראָפּע, וועלן די דייטשן זיך נישט דערלויבן צו טאָן אַזאַ זאַך... ס'איז זיך שווער פאַרצושטעלן אַן אויסראָטונג אין אַזאַ פאַרנעם, פון העכער אַ האַלבן מיליאָן יידן. לאָמיר זיך נישט שפּילן מיט קיין פייער,[7] דאָס גאַנצע געטאָ איז קאָלעקטיוו פאַראַנטוואָרטלעך" — האָט געהאַלטן איין רעדנער (מ. קירשענבוים).

אַן אַנדערער (אָזשעך) האָט אָנגעוויזן, אַז די אַלגעמיינע פּאָליטישע סיטואַציע איז נאָך נישט רייף, אַז מ'דאַרף אויסוואַרטן דאָס אַנטשטיין פון צווייטן פראָנט און אויף אַ סיגנאַל צום קאַמף מצד דעם פּוילישן אַרבעטער־קלאַס. — „מען דאַרף נישט זיין קיין שאָוויניסט" און זען נאָר דאָס יידישע אומגליק. אויך פּאָליאַקן ווערן אין די טויזנטער דערהרגעט און אַרויס־געפירט. עס האָט נישט קיין זין אַ טאַט, וואָס איז אָביעקטיוו גענומען, פאַרויס פאַרמשפּט אויף אַ דורכפאַל. די איינציקע רעאַקציע אין דער לאַגע — האָט געהאַלטן דער בונדישער פאַרשטייער — דאַרף זיין אַ פּאַסיווער ווידערשטאַנד.

נאָר ווייניקע (פינקעלשטיין און גיטערמאַן) זענען געווען מיט די

יונגערע. אין אַלגעמיין האָט די שטעלונג פון דער חלוצישער רעפּרעזענ־טאַנץ נישט באַקומען קיין אונטערשטיצונג מצד דער אָנפירערשאַפט פונעם ישוב. אין סך־הכל פון די באַראַטונגען איז אָנגענומען געוואָרן אַ באַשלוס — אויסצווואַרטן.

אַ צוגאָב־ליכט צו יענע שפּאַנענדיקע פּאָלעמיקעס, ברענגען די פאָלגנ־דיקע באַריכטן פון צ. לובעטקין און י. צוקערמאַן: נאָך דעם, ווי דער חלוצישער רעפּרעזענטאַנט האָט פאַרענדיקט זיין באַריכט וועגן דער לאַגע און פאָרמולירט דעם פּראָגראַם פון אַ באַוואָפנטן ווידערשטאַנד, זענען „אין זעלבן מאָמענט די פּנימער פון אַלע פאַרזאַמלטע פאַרוואָלקנט געוואָרן. אַ טייל מחמת פּחד, וואָס איז געפאַלן אויף זיי, אָבער די מערהייט — פון כעס אויף אונדזער העזה. די רעאַקציע איז געווען אַ שטורמישע. זיי האָבן אונדז ממש געזידלט פאַרן פאַרשפּרייטן יאוש און צעטומלעניש, וואָס מיר פאַרזייען אַן אחריות צווישן די יידן און פאַר אונדזער חוצפּה צו טראַכטן וועגן אַ באַוואָפנטן ווידערשטאַנד״... אַזוי אַרום, — האָט ווייטער איבער־געגעבן לובעטקין, — זענען די פרייִדיקערס פון אַן אָרגאַניזירטן קאַמף געבליבן שטיין פאַר אַ טויבער וואַנט, „אַן אַ מעגלעכקייט צו מאַכן אין איר אַ דורכברוך״.[8] זיי האָבן אָבער נישט געוואָלט רעזיגנירן. מ׳האָט זיך באַמיט אַדורכצוזעצן דעם שטאַנדפּונקט אויף אַן אַנדערער באַראַטונג, אויף וועלכער עס זענען איינגעלאַדן געוואָרן בלויז די פאַרלעטאַרישע פּאַרטייען — ביידע פּועלי־ציון און דער בונד. אָבער אויך דאָס מאָל האָט געהערשט אַן אידענ־טישער געדאַנקלעכער איינשטעל. דער חלוצישער רעדנער האָט באַקומען אַן ענלעכן פּסק. ער האָט קוים באַוויזן צו פאַרענדיקן זיין פאָרשלאָג וועגן שאַפן אַ יידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, ווי דער בונדישער דעלעגאַט מ. אָזשעך האָט זיך געוואָנדן צו אים מיט אַן אויסדרוק פון ביטול: — „דו ביסט נאָך אַ יונגער בחור און עס איז צו פרי פאַר דיר צו באַשעפטיקן זיך מיט פּאָליטיק און אָפּשאַצן דעם מצב. דו האָסט דאָ געלאָזט הערן ווערטער, וואָס זענען לחלוטין נישט קיין ערנסטע. קיין שום מענטש, וואָס איז דער־פאַרן אין געזעלשאַפטלעכן לעבן און אין פּאָליטישן דענקען, קען זיך נישט רעכענען מיט זיי״. דער שלוס — וואַרטן אויף דעם אַלגעמיינעם באַפרייונגס־קריג.

אין דער צייט פון די דאָזיקע וויכוחים האָבן זיך גענומען פאַרשפּרייטן קלאַנגען וועגן אַ צווייטן פראָנט און דאָס האָט צוגעגעבן אַ נייע האָפענונג איבערצולעבן.[9]

פון אַן אייגנאַרטיקן קוקווינקל האָט די פראַגע באַטראַכט דער פּראָ־מינענטער היסטאָריקער און קולטור־טוער ד״ר י. שיפּער, וואָס האָט ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן אַזוי מאָטיווירט זיין מיינונג: אין דער יידישער

געשיכטע זענען באַרעכטיקט צוויי שטרעמונגען — סיי די, וואָס ראַנגלט זיך און קעמפט, סיי די, וואָס נעמט אָן אויף זיך דעם דין און בייגט אַראָפּ דעם קאָפּ. פאַראַן תקופות, ווען דאָס פאָלק קאָן נישט און דאַרף נישט קעמפן. ער האָט געהאַלטן, אַז אין די געגעבענע באַדינגונגען, אויב מ׳וועט אָנהייבן אַ מלחמה, קאָן מען „נאָר פאַרלירן אַלץ, וואָס מ׳קען נאָך ראַטעווען". מען דאַרף ראַטעווען וואָס עס לאָזט זיך — איז געווען זיין דעוויז אַפילו שוין בשעת דער אַקציע. ער, אַזוי ווי אַנדערע, האָט געגלייבט, אַז „דער מולך וועט זיך באַגנוגענען מיט 70 אָדער 100 טויזנט יידן".[10]

געווען אויך רעליגיעזע מאָטיוון. דער רב ז. פרידמאַן האָט געזאָגט: „השם נתן, השם לקח" (גאָט האָט געגעבן און גאָט האָט אָפּגענומען). מ׳טאָר נישט איינשטעלן דאָס לעבן פון דעם כלל, מחמת דער קאָלעקטיווער אחריות, וואָס קאָן ברענגען צו דער פאַרניכטונג פון הונדערטער טויזנטער יידן.[11] אגב, דעם פּרינציפּ פון מאַסן־פאַראַנטוואָרטלעכקייט האָט דער אָקופּאַנט אָנגעוואָנדן אויף אַלעם. מיט דעם דאָזיקן מעטאָד האָבן זיך באַנוצט אַפילו די אַנשטאַלטן פון עפנטלעכן געברויך, ווי גאַז, עלקטריע: אויב איין לאָקאַטאָר האָט נישט באַצאָלט, איז דאָס גאַנצע הויז באַשטראָפט געוואָרן מיטן אָפּשטעלן די באַטרעפנדיקע דינסט.[12] דעריבער האָט דער מאָמענט פון כוללדיקער שולדיקייט געהעמט און באַשווערט די דעציזיע אויך פון די חלוצים. צו דעם זענען נאָך צוגעקומען באַדייטנדיקע אָביעקטיווע מניעות: דער מאַנגל פון וואָפן און פון מיליטערישער צוגרייטונג.

אָבער די ידיעות וועגן די מאַסן־מאָרדן אין כעלמנאָ, ווילנע, הרוביעשאָוו א״א ערטער האָבן זיי געשטויסן צו דעם דראַמאַטישן באַשלוס וועגן אַ ווידערשטאַנד.

אַזוי אַרום איז דער לאַגער, וואָס האָט געפאָדערט אַ זעלבסט־פאַרטייי־דיקונג פאַרבליבן פאַראייניזאָמט און אַפילו שאַרף פאַראורטיילט. אָבער ער האָט דאָך אין צענטראַלן מאָסשטאַב פאָרמולירט דעם פּראָגראַם פון קאַמף און פאַרזייט די אידעע, וואָס האָט זיך שפּעטער אָנגענומען און געשלאָגן וואָרצלען, צעוואַקסן און רייף געוואָרן.

קאַפּיטל אַכצן

דערציִעריש־פּובליציסטישע טעטיקייט

די אויפלעבונג פון דעם יונגן אַקטיוו

די פּאַסיוּוקייט פון די ברייטע געזעלשאַפטלעכע קרייזן און דער מאַנגל פון רעאַקציע אויף די וואַקסנדיקע גזירות פון איין זייט, די אָנמעכטיקייט פון דער חלוצישער אָנפירונג, וואָס איז געשטאַנען פאַראייַנזאַמט און אָן מעגלעכקייטן פון ממשותדיקע טאָטן — פון דער צווייטער, האָבן געווירקט דעסטרוקטיוו אויף די אַקטיווע יונגע קאַדרעס. די אומצופרידנקייט האָט אַרויסגערופן דעזאָריענטאַציע, אַנטוישונג און פאַלגלעך די אָפּשוואַכונג פון אינטערעס פאַר דער באַוועגונג.

די פאַרביטערונג און דער פאַרדראָס האָבן טיילווייז פאַראַליזירט די אייגענע בוטנאַרישע קראַפט, וואָס עס האָט אין זיי דערוועקט די באַקומענע ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע דערציִונג. עס האָט געדראָט, אַז די דאָזיקע עלעמענטן, וואָס זענען געווען באַשטימט פאַר דעם צוקונפטיקן אַוואַנגאַרד פונעם „החלוץ", זאָלן אָפּפאַלן פון דער באַוועגונג. ס'איז נייטיק געווען אויפצומונטערן דעם גייסט פון די יוגנטלעכע און צו דערוועקן אין זיי די אמונה אין די חלוצישע אידעאַלן.

אויך די אויסגאַבעס פון די געהיימע צייטשריפטן האָבן אַדורכגעמאַכט אַ קריזיס, אויפגעהערט אַרויסצוגיין אָדער זענען דערשינען אין אַ פאַר־קלענערטער פאָרעם.

אין די באַדינגונגען איז אָנגענומען געוואָרן אַ באַשלוס, אַז טענענבוים זאָל דערוויַיל פאַרבלייבן אין וואַרשע, כדי צו ווירקן אויף דיביידע שטחים. די אויפגאַבע אויפצולעבן דעם יונגן אַקטיוו האָט ער געטיילט מיט דעם טיכטיקן חלוצישן טוער, טוביה באָזשיקאָווסקי.

צו דער גרופּע, וואָס איז אָנפאַרטרויט געוואָרן טענענבוימען, האָבן צ"א געהערט: שרה גראַנאַטשטיין, אַרמין לאַקס, חוקה פּאַלמאַן, דינה לעווין, רות שקליאַר און שושנה גזשענדאַ. מיט דעם אייגנאַרטיקן פאַר אים אימפּעט האָט זיך מרדכי אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט פון רעאַקטיווירן די יונגע, אָרגאַניזאַציאָנעלע רעזערוון, פון איבערשמידן זייער אָנגעזאַמלטע פּאָטענציעלע ענערגיע אין מעשים.

י. צוקערמאַן האָט געשריבן אין דעם פּרט: — „מרדכי האָט אַריינ־געלייגט אין דער דערציונגס־אַרבעט זיין גאַנצן פרישן כוח, האָט אָפּגעהיט

די קבוצה פון צוזאַמענפאַל, זי פאַראייניקט און געשטאַרקט. זי האָט זיך שפּעטער פאַרוואַנדלט אין איינע פון די וויכטיקסטע גרופּעס אין דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע".[1]

אין זיין בריוו קיין ארץ־ישראל וועגן דעם אַרבעט־אָפּשניט, האָט טענענבוים איבערגעגעבן, אַז די באַוועגונג האָט אין יענער צייט אויסגעברייטערט איר איינפלוס און איז אַריינגעדרונגען אין די קרייזן פון דער שטודירנדיקער יוגנט. אין דער טראַגישער אויסזיכטלאָזיקייט פונעם געטאָ האָבן די מער דענקענדיקע בחורים און מיידלעך געזוכט אַן אַנדער לעבן, מיט אַ זין און אינהאַלט. די קאָמפּליצירטע געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען, וואָס זענען געשטאַנען צו לייזן, האָבן באַהויכט די נעבעכדיקע געטאָ־עקסיסטענץ, דאָס בשותפותדיקע לעבן האָט געקרעפּטיקט פּסיכיש. עס זענען געגרינדעט געוואָרן נייע סניפים און אויך הכשרה־פּונקטן, ספּעציעל אַגראַרע. נישט געקוקט אויף דער שווערער פּראַצע און גרויסער עקספּלאָאַטאַציע מצד די גוטבאַזיצערס, זענען זיי געווען אַ ברכה, ווען די דערגרייכטע פּראָדוקטן האָבן געראַטעוועט די חברים פון אַ הונגער־טויט.

אויף אַן אַנדער אָרט האָט טענענבוים אונטערגעשטראָכן דעם פאַקט, אַז די קעגנזייטיקע הילף און די חברישע סביבה אין די קיבוצים האָבן אַפילו דערמעגלעכט צו שטיצן די עלטערן פון די מיטגלידער, די פּאַרטייַ־מענטשן און בכלל דעם ציבור. דאָס קאָלעקטיווע לעבן האָט געשטאַרקט דעם גייסט, די סניפים זענען געווען די איינציקע ערטער אין געטאָ, פון וואַנען עס האָט זיך געהערט געזאַנג.

אַזוי האָט די „דרור"־לייטונג אין יענע באַדינגונגען זיך געראַנגלט פאַר אַן אָרגאַניזאַציאָנעלן פונאַנדערבוי און פאַר דערציִען נייע חלוצישע קאַדרעס. — „מיר האָבן אויפגעשטעלט אַ יונגן אַקטיוו פון טייערע מענטשן, איבערגעגעבענע מיט האַרץ און נשמה, פעיִקע אויפצושטעלן דורות חלוצים און צו רעאַליזירן רעוואָלוציאָנערע אידעאַלן" — האָט טענענבוים פאַרצייכנט. די דאָזיקע גרופּעס האָבן שפּעטער צוגעשטעלט דיריגירנדיקע כוחות פאַר אַלע סעקטאָרן, וואָס האָבן געווירקט פאַר דער צוגרייטונג און אויספירונג פון דער יידישער מלחמה קעגן די דייטשן.[2]

די רעדאַקציע פון די „ידיעות"

אַ וויכטיק ווערקצייג אין דער אידעאָלאָגישער אויספורעמונג פון דער יוגנט און פונעם געטאָ בכלל, זענען געווען די אומלעגאַלע פּובליקאַציעס.

די איינציקע לעגאַלע צייטונג, אַרויסגעגעבן דורכן יודנראַט אין פּויליש Gazeta Żydowska (יידישע צייטונג, ענלעך ווי אין אַנדערע געטאָס), איז געווען געשריבן אין גייסט פון קאָלאַבאָראַציע און האָט פאַרהוילן די

בלוטיקע מעשים פון די אָקופּאַנטן. דער אָרגאַן איז זייער שאַרף באַקעמפט געוואָרן דורך די אונטערגרונט־אויסגאַבעס.

די ערשטע געהיימע פּרעסע איז דערשינען אין מערץ־אַפּריל 1940.[3] מיט דער צייט איז די צאָל צייטונגען געוואַקסן, כמעט יעדע גרופּירונג האָט געהאַט אירע אייגענע אָרגאַנען. עס זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן ביולע־טינען פאַר דער באַפעלקערונג מיט אַקטועלע אינפאָרמאַציעס פון עטלעכע מאַשין־בלעטלעך און זאַמלהעפטן צו דינסט פון מדריכים, תלמידים און סתם פאַראינטערעסירטע יוגנטלעכע, מיט אַ רייכן מאַטעריאַל, וואָס האָט געדאַרפט פאַרטרעטן דאָס פעלנדיקע יידישע בוך.

די צייטונגען זענען געווען דער איינציקער מקור פון וויזנטלעכער אינפאָרמאַציע און אויך דער אויסשליסלעכער וועג אַריינצודרינגען צווישן די ברייטע מאַסן. לכתחילה האָבן די אויסגאַבעס בעיקר געדינט ווי אַן אידעיִשע פּלאַטפאָרם פאַר די פּאַרטייען. ווען עס זענען דערגאַנגען די אויסטערלישע ידיעות וועגן די מאַסן־מאָרדן און די גאַז־אויטאָס פון פאַר־שידענע געגנטן, זענען זיי דערטראָגן געוואָרן צו די יידן דורך די אונ־טערערדישע צייטונגען. מיט די אָנקומענדיקע בשורות וועגן פאַרלענדונג, איז פון די אונטערערדישע בלעטער פאַרשוווּנדן די צווישן־פּאַרטייִשע פּאָלעמיק און זיי האָבן זיך אָנגעפילט מיט חורבן־כראָניק, מיט וואָרענונגען פאַר דער אָנרוקנדיקער געפאַר. מ׳האָט אָנגעהויבן צוצוגרייטן פּסיכיש די יידן צו ווידערשפּעניקייט קעגן די דייטשן.

די אויסגאַבעס אין יידיש, פּויליש און אויך אין העברעיִש, פלעגן דערשיינען פּעריאָדיש — יעדע וואָך, יעדע צוויי, חודשלעך אָדער ספּאָראַ־דיש, צי אַפילו איינמאָליק — זענען געדרוקט געוואָרן העקטאָגראַפיש, אויף אַ דין ביבולע־פּאַפּיר, כדי עס זאָל זיין לייכטער זיי אויסצובאַהאַלטן און איבערצוטראָגן.

דאָס אָפטע אַריינפאַלן פון די מיטאַרבעטערס און קאָלפּאָרטערן, האָט געצוווּנגען צו בייטן די נעמען און אויך די דרוקערייען פון די געהיימע צייטשריפטן. שווערע פאַרלוסטן האָבן גורם געווען דאָס אָפּשטעלן פון זייער דערשיינונג.

די פּרעסע פון דעם ציוניסטיש־סאָציאַליסטישן לאַגער איז געווען ברייט פאַרשפּרייט; אין איר האָט דער „דרור" פאַרנומען אַ וויכטיק אָרט. די פאַרוויסטונג און אומקום, וואָס האָבן אַלץ שטאַרקער זיך גענומען אויסשפּרייטן איבער די יידישע קעפּ, האָט באַוויגן צו פאַרגרעסערן די קאַמפּאַניע קעגן דער פאַרפירערישער פּראָפּאַגאַנדע פון די נאַציס.

די בלוטיקע נאַכט פון 17־טן אויפן 18־טן אַפּריל, בשעת וועלכער עס זענען דערמאָרדעט געוואָרן אַ 50 יידן, ס׳רוב קולטור־טוערס,[4] צווישן זיי

אַרויסגעבערס און פאַרשפּרייטערס פון די אונטערערדישע ביולעטינען, האָט אָנגעזאָגט, אַז די סטיכיע דערנענטערט זיך אויך צו וואַרשע. דער דער־שראָקענער יודנראַט האָט געפּרוווט אויסאיבן אַ דרוק אָפּצושטעלן די געהיימע טעטיקייט בכלל און געוואָרנט פאַר רעפּרעסיעס.

די פאָלגן פון דעם „טראַגישן פּרייטיק" זענען געווען שווערע. אַ סך מענטשן מיט עפּעס אַ שייכות צו געזעלשאַפטלעכע ענינים האָבן אויס מורא נישט געגעכטיקט אין דער היים. ס'איז אַפילו פאַרקלענערט געוואָרן דער אינטערעס צו די פאַרשידענע אימפּרעזעס. „די אומלעגאַלע פּרעסע האָט זיך אָפּגעשטעלט. די פּאָליטישע טעטיקייט איז באַדייטנדיק אָפּגעשוואַכט" — האָט דעמאָלט געשריבן ד"ר ע. רינגעלבלום.[5]

דער חלוצישער אַקטיוו האָט זיין אַרבעט נישט איבערגעריסן, זיך מאָביליזירט פאַר נייע פאָרמעסטן און געענטפערט אויף די דראָונגען מיט אַ פאַרגרעסערטן וואָכן־ביולעטין „ידיעות".

די וואַקסנדיקע צאָל קרבנות האָבן געצוווּנגען אָנצונעמען שטרענגע פאָרזיכטיקייטס־מיטלען ביים דרוקן און פאַרשפּרייטן די שריפטן.

צו יענער צייט איז אינעם קיבוץ אויף דזשעלנע 34, ווו עס האָט זיך אויך געפונען אַ פאָלקס־קיך, פאָרגעקומען אַ רעוויזיע, בעת וועלכער די דייטשן האָבן געזוכט ל. קאָזיעבראָדזקאַ און י. צוקערמאַן. מיט זייער ברייטער אויסשפּירערישער און דענונציאַטאָרישער אַגענטן־נעץ, זענען זיי אָנגעקומען אויף אַהין. די ידיעה וועגן דער רעוויזיע איז דערגאַנגען צו דעם באַלעבאָס פון דער דירה אויף וואָלנאָשטש און ער האָט אַרויסגעטריבן זיינע לאָקאַטאָרן. דעמאָלט האָט מרדכי איבערגעפירט די חברים, צוזאַמען מיט דער רעדאַקציע פון די „ידיעות", אין דער וווינונג פון זיין מוטער, אויף לעשנאָ 27. שפּעטער האָט אויך דאָרט געפונען אַ מקום מקלט די תמיד אַרומוואַנדערנדיקע פ. פּלאָטניצקאַ, בעת זי איז צוריקגעקומען פון אירע נסיעות.

אין דעם אומפאַנגרייכן באַריכט, ווו טענענבוים האָט זעלטן אָנגעוויזן אויף די אייגענע פונקציעס, געפינט זיך אויך נישט קיין שום אָנדייט אויף זיין רעדאַקציע־אַרבעט אין די „ידיעות". בנוגע דער אויסגאַבע איז נאָר פאַראַן אַן אַלגעמיינע פאַרצייכענונג: „ידיעות" — „וואָכן־שריפט פאַר פּאָליטישער און געזעלשאַפטלעכער אינפאָרמאַציע", ווי אויך וועגן דער צאָל אַרויסגעגעבענע עקזעמפּלאַרן און לייענערס.

בשייכות מיט דעם ענין האָט י. צוקערמאַן איבערגעגעבן דאָס פאָלגנ־דיקע: מרדכיס פאַמיליע, זיין מוטער מיט אַ שוועסטער און איר מאַן, האָבן דאַמאָלסט געלעבט פון זאַכן־אויספאַרקויף און אין דחקות. די מוטער פלעגט

יעדן אָוונט אַרויסנעמען קליידער און וועש פון די שאַפעס און אין די פרימאָרגנס זיי אַרויסטראָגן צו פאַרקויפן אויפן יידישן מאַרק אין געטאָ, „גענשאָווקאַ”, כדי „איינצושאַפן אַ שטיקל שוואַרץ ברויט און נישט דאַרפן אָנקומען צו מענטשן. נאָכן אַרומלויפן אַ גאַנצן טאָג, פלעגט זי זיך אומקערן אַ פאַרמאַטערטע, צעבראָכענע און מיט פחד זיך איינקוקן אין איר זון, וועלכן זי האָט שוין אַזוי לאַנג נישט געזען און האָט געפילט בחוש, אַז זיין לעבן איז יעדן טאָג אויסגעשטעלט אויף אַ געפאַר”. מרדכיס נאָענטע האָבן זיך גוט איינגעלעבט מיט זיינע חברים. — „מרדכי האָט זיך אָנגעשלאָסן אין דער רעדאַקציע פון די „ידיעות” — שרייבט וויטער צוקערמאַן — און ווען מיר פלעגן אָנהייבן צו קלאַפן מיט דער שרייבמאַשין, איז די גאַנצע קליינע משפחה געשטאַנען ביי די פענצטערס און מיט אַנגסטיקע בליקן אַרויסגעקוקט אויפן הויף, אויפן קאָרידאָר, צו זען, צי ס׳גייט נישט דורך קיין דייטש, צי דערגייט נישט דאָס קלאַפן צו די אויערן פון אימעצן פון די שכנים”.[6]

טענענבוים האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט מיט זיין גאַנצן ברען. די אויפגאַבע פון די „ידיעות”, אַזוי ווי פון אַנדערע געהיימע בלעטער, איז געווען אויפצודעקן דעם גרויזאַמען אמת, די מאָרד־מעשים פונעם שונא, אַרויסצורייסן די פאַרגלייבטע מענטשן פון אונטער דער השפעה פון די פאַרפירערישע דייטשע צוזאָגן און אַוועקשטעלן זיי אויף דער וואַך פאַר זעלבספאַרטיידיקונג.

דאָס צוגרייטן פסיכאָלאָגיש דעם באָדן אין געטאָ פאַר אַזאַ פאָזיציע איז אויך דאָ געווען פאַרבונדן מיט זייער גרויסע מניעות פון סוביעקטיוון און אָביעקטיוון כאַראַקטער. מ׳האָט קודם כל נישט דערלאָזט דעם געדאַנק, אַז אַזאַ מאָרד־כוואַליע קאָן דערגיין אויך צו דער הויפטשטאָט. די גערודפטע און געפייניקטע, וואָס האָבן געלעבט אין כסדרדיקער שרעק פאַר די פאַר־פאָלגערס, האָבן אויך נישט געקענט באַגרייפן, ווי אַזוי דאָס הילפלאָזע געטאָ און דערצו נאָך אָן געווער, זאָל זיך אָקעגנשטעלן די באַזיגערס פון אייראָפע. אויסער דעם האָבן געווירקט אַ סך אַנדערע סיבות, צווישן זיי אויך די וואַקלדיקייט און דעזאָריענטאַציע פון די געזעלשאַפטלעכע עסקנים. די „ידיעות” האָבן אָנגעהויבן אַ דראַמאַטישן געראַנגל צו דערוווערבן די נשמה פון דעם געטאָ־מענטש, הויפטזאַכלעך מיטן אויסבליק אויף דער יוגנט. די וווינונג פון מרדכיס משפחה איז געוואָרן די קוזניע, ווו מ׳האָט געשמידט דאָס גייסטיקע וואָפן קעגן דעם פיינד.

דעם רוב אינפאָרמאַציעס וועגן יידישן אומקום האָט טענענבוים אַליין אויפגעזוכט און געזאַמלט. ער פלעגט זיך טרעפן מיט די פאַרבינדונגס־

מענטשן, שליחים, נאָך זייער צוריקקומען פון די געטאָס און יעדעס מאָל איבערלעבן דעם יידישן צער און פּיין פון די וויטסטע און פאַרוואָרפנסטע ערטער. אַזוי אַרום האָט ער געהאַלטן די האַנט אויף דעם פּולס פון אַלע טראַגישע געשעענישן אין דער מאָס, אויף וויפל די עקסיסטירנדיקע קאָנ־טאַקטן האָבן עס דערמעגלעכט. די ציטונגס־אינפאָרמאַציע איז געווען זייער גוט אָרגאַניזירט. עס פלעגן געגוי פאַרצייכנט ווערן אַלע פּאַסירונגען אין יידישן לעבן און נאָך דעם זענען די מאַטעריאַלן איבערגעגעבן געוואָרן דעם היסטאָרישן רינגעלבלום־אַרכיוו. אליהו גוטקאָווסקי, וואָס האָט רעדאַקטירט די וואָכנשריפט „עונג שבת", פלעגט עטלעכע מאָל אין דער וואָך קומען נאָך נייעסן, בייטנדיק זיך מיט זיינע, דערהאַלטענע פון אַנדערע מקורות.

די ערשטע זייטן פון די „ידיעות" האָבן אַנטהאַלטן אַ לייט־אַרטיקל, פּובליציסטיש מאַטעריאַל וועגן די נייסטע און וויכטיקסטע פּאַסירונגען. עס האָבן געפּאַלגט „בלעטלאַך פון קאַלענדאַר" פונעם אַמאָל, וואָס פון זיי האָט מען געקענט ציִען געוויסע מסקנות פאַר דעם היינט. די ווייטערדיקע שפּאַלטן האָבן געבראַכט נאָטיצן פונעם יידישן געראַנגל און אומקום, ליטעראַרישע שאַפונגען, דער עיקר פונעם דיכטער י. קאַצענעלסאָן אאז"וו.

— „די מערסטע לייט־אַרטיקלען און כמעט אַלע „קאַלענדאַר־בלעטלאַך" זענען פאַרפאַסט געוואָרן דורך מרדכי טענענבוים. ער פלעגט שרייבן לייכט, כמעט אָן אָנשטרענג. די לעצטע יאָרן, וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין ווילנע, האָבן באַרייכערט זיין יידיש לשון און צוגעגעבן אים עלאַסטישקייט. דער טאָן פון זיינע מאמרים איז געווען אַ פּאַטעטישער — אַ געטרייער אויסדרוק פון זיין גליִענדיקן גייסט. ער פלעגט אַרומגיין איבערן צימער און דיקטירן גלייך אויף דער מאַשין" — האָט י. צוקערמאַן אָנגעוויזן.

פון די וויניקע, דערגאַנגענע צו אונדז עקזעמפּלאַרן, אויסבאַהאַלטענע דורך מרדכין אַליין, קוקט אַרויס, אַחוץ דער אַקטועלער, אַ פאַרשידענע טעמאַטיק, געשריבן אין שייכות מיט די יאָרטאָגן פון נאַציאָנאַלע און אוני־ווערסאַלע היסטאָרישע געשעענישן. זיין גוטע קענטעניש פון דער מאַטעריע און זעלטענער זכרון האָבן אים דערלויבט אָפּצומערקן פּאַסירונגען, וואָס זייער דערמאָנונג קאָן אָנרעגן רעוואָלוציאָנערע טעמפּעראַמענטן צום טאַט און סוגערירן דרייסטע איניציאַטיוועס. די קרעפטיקע פעדער, באַגלייט פון בליציקן געדאַנק, גיבן צו זיין שרייבן אַ לעבעדיקן פּולס, וואָס פאַרכאַפּט און באַווירקט.

די „ידיעות" פון 2־טן יוני 1942, נר. 5 **מערקן אָפּ דעם 71־טן יאָרטאָג פון דער פּאַריזער קאָמונע. אויב „די געשיכטע איז די מוטער פון די וויסנשאַפטן" — שרייבט טענענבוים — איז דער כלל חל אויף דער טאַקטיק**

פון דעם אַרבעטער־קלאַס, וואָס נאָך מפּלות זאַמלט ער אָן כּוחות „צו שטורעמען די באַסטיאָנען פון דער קנעכטשאַפט". דער מחבר ווייזט אָן אויף דער לערע, וואָס די קאָמונאַרן האָבן איבערגעלאָזט, צ״א צו „פאַר־וואַנדלען אַ פעלקער־שחיטה אין אַ קלאַסן־קאַמף, אַ מלחמה — אין אַ רעוואָלוציע", אַז די דאָזיקע דאַרף אונטערגעשטיצט ווערן דורך „אַן אויפ־שטאַנד אויף דער צווייטער זייט גרענעץ" און אַז ס׳איז אויך נייטיק צו באַקעמפן די היימישע קאָלאַבאָראַנטן מיט סאַבאָטאַזש, דיווערסיע אאז״וו.

דער מאמר פאַרענדיקט זיך מיט די פאָלגנדיקע ווערטער: — „און ווען גרופּן פאַריזער שוויגנדיקע אַרבעטערס וועלן זיך, אין דער פינצטער־ניש פון אָוונט, פאַרגבנבען צו די קברים פון די העלדן און אַוועקלייגן דאָרט רויטע בלומען, וועלן זיך בויגן קעפּ און ביילן פויסטן פון טויזנטער יידישע יוגנטלעכע".

די ווייטערדיקע נאָטיץ צייכנט אָפּ די דאַטע פון 1־טן יוני 1925, ד. ה. 17 יאָר זינט דער גרינדונג פון דעם אָרגאַן פון דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטערשאַפט, „דבר", און הייבט אַרויס זיינע דערגרייכונגען, די ראָל פון אַ „לערער און וועגווייזער, די פאַרקערפּערונג פון אונדזער פּיין און צער, פון אונדזער האָפענונג און קאַמף". — צום יובילײ פון „דבר" שיקט אים איבער דער שרייבער זיין ברכה: — „זאָל ער זיך עלטערן און וואַקסן מיטן וואַקסנדיקן ישוב, מיטן שטייגנדיקן כּוח פון אויפטו פון דער הסתד־רות, מיט דער פאַרווירקלעכונג פון דער יידישער האָפענונג".

מיט סוגעסטיווע ווערטער, וואָס באַצוועקן אויפצומונטערן צו דרייסטע מעשים, ווערט דערמאָנט דער העלד פּנחס דאַשעווסקי, דער יונגער בחור פונעם „תחום המושב", וואָס האָט אין 1903 אויפגערודערט די וועלט, אויס־פירנדיק איינער אַליין, אין פּעטערבורג, אַן אַטענטאַט אויף קרושעוואַנען, דעם אָרגאַניזאַטאָר פון פּאָגראָם אין קישענעוו. — „אַן אַקט פון אָפּרעכענונג און נקמה, דער שוואַכער קעגן טיראַן, דער פּאָגראָמירטער קעגן דעם פּאָ־גראָמשטשיק". — און אַזוי ווי יענער רעזשים איז זיך צעפאַלן, אַזוי וועט אויך פאַרשווינדן היטלערס ממשלה — פירט אויס דער מחבר און פאַר־ענדיקט: — „אָבער פּנחס דאַשעווסקי לעבט ווייטער און זיין טאַט מאָנט נאָכצוטאָן זיין ביישפּיל. און דער טאָג איז שוין נאָענט. לאָמיר זיין גרייט".

די „ידיעות" נר. 6 פון 9־טן יוני ברענגען זיין לייט־אַרטיקל „אין פּערמאַנענטער סכּנה", אין וועלכן טענענבוים שרייבט, „אַז דאָס געטאָ האָט ליב רו", מען יאָגט פון זיך די אויפטרייסלענדיקע בשורות וועגן יידן־פאַרניכטונג און מ׳קאָן זיך נישט צעשיידן מיט די אילוזיעס, אַז אַהערצו „וועט דאָס נישט דערגיין". ער ווייזט אָן אויף די מאַסן־מאָרדן אין פאַר־שידענע שטעט, אַז די „כּמאַרע" דערנעענטערט זיך צום וואַרשעווער געטאָ

און רופט אויפצוּוואַכן פון דער „גייסטיקער לעטאַרגיע". ספּעציעל שאַרף ווערן קריטיקירט די געזעלשאַפטלעכע טוערס, וואָס גיבן אָפּ זייער צייט און ענערגיע אויף דריטראַנגיקע זאַכן און שטעלן זיך נישט אויף דער הייך פון דער שעה. און אויב די וואַרטזאָגערס לעבן אַזוי, „קאָן מען האָבן טענות צום ייד פון דער גאַס ?" — פרעגט ער מיט פאַרביטערונג.

די פּערמאַנענטע געפאַר וואָלט געדאַרפט פאַרוואַנדלען דאָס וואַרשעווער געטאָ אין אַ באַלאַגערטע פעסטונג, ווו אַלע מיטלען און די גאַנצע ענערגיע ווערן געשטעלט צו איר פאַרטיידיקונג און „צו דעם גרויסן טאַט, וועלכן מ׳וועט אויספירן" — מיינט דער שרייבער. אין הסכם מיט דער לאָזונג פון דעם פאַרשטייענדיקן קאַמף, פאָדערט טענענבוים אַ סיסטעמאַטישע צוגרייטונג, טאָג־טעגלעכע מעשים אין „גייסט פון מסדה".[7]

אין די וויטערדיקע „בלעטלאַך פון קאַלענדאַר" האָט ער אָפּגעמערקט די יאָרצייטן פון די „קרבנות פון פאַשיזם", ביידע פון 10־טן יוני, הגם אין פאַרשידענע יאָרן און לענדער, דהיינו גאַך זשאַקאָמאַ מאַטעאָטי און חיים אַרלאָזאָראָוו, ביידע פּירגדיקע פערזענלעכקייטן — איינער פון איטאַליענישן סאָציאַליזם, דער צווייטער — פון דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטער־באַוועגונג. די רעאַקציאָנערע מאַפיעס האָבן „מיטן שאָס אויפן יחיד... געוואָלט טרעפן די גאַנצע... באַוועגונג", אָבער זיי וועלן נישט דערגרייכן זייער ציל — שטעלט פעסט דער מחבר.

טענענבוים גלייבט טיף אין דעם ענדגילטיקן נצחון פון יושר און באַהויפטעט: — „עס זענען שוין נאָענט די טעג, ווען פון אונטער דער ערד קומען זיי אַרויס, די באַפרייענדיקע כוחות, וואָס וועלן צעשטערן די אָרדענונג פון גרויל און אונטערדריקונג, פאַרברענען די נעסט פון די מערדער און זיי ברענגען צום דין. מעכטיק איז דער ווילן צו נקמה, ווי פיל עס זענען די פאַרברעכנס פון דעם פאַשיזם... און דער חשבון וועט געמאַכט ווערן".

די „ידיעות" פון 20־טן יוני, נר. 8, ברענגען זיינס אַ לענגערן לייט־אַרטיקל א"ק „צום צוויי און צוואַנציקסטן יוני", געווידמעט דעם ערשטן יאָר זינט דעם אויסברוך פון דער דייטש־סאָוועטישער מלחמה. און ווידער, נישט געקוקט אויף דעם דייטשן זיג אויף די פראָנטן, זאָגט טענענבוים פאָרויס היטלערס נאָענטן צוזאַמענבּרוך: — „דער גורל פון היטלער־דייטשלאַנד איז געחתמעט" — שרייבט ער און קלערט אויף, אַז אויפן שוועל פון צווייטן יאָר פון דער דייטש־סאָוועטישער מלחמה, איז היטלער שוין נישט בכוח אונטערצונעמען אַ גענעראַל־אָפענסיווע. דער מחבר ווייזט אָן, אַז אין דער צייט, ווען די אַנקומענדיקע דייטשע מפלה וועקט די אָקופּירטע לענדער צום לעבן און אויפשטאַנד, לויפן די זיגערס אין פּאַניק



„ידיעות", אַ טייל פון נומער 8

פון די באָמבאַרדירטע שטעט און געבעלס מוז בעטן און שרעקן די זעלנער, זיי זאָלן נישט שרייבן קיין „שלעכטע בריוו פון פראָנט". אָבער דערווייל ווייל די היטלעריסטישע בעסטיע, נאָך מער „צעווילדעוועט פון אייגענער אָנמעכטיקייט און אויסזיכטלאָזיקייט, קילן איר בייז בלוט אין מאַסן־מאָרדן פון שוצלאָזע יידן... אָבער איר סוף איז נאָענט... יעדער טאָג דערנענטערט די אָנטשיידונג. יעדע באָמבאַרדירונג גרייט צו דעם באָדן..." דער שרייבער פאַרבינדט אַ סך האָפענונג מיטן פלאַנירטן צווייטן פראָנט. דער מאמר פאַרענדיקט זיך מיט אַן אָפּטימיסטישער נבואה: — „אונטערן האָגל פון די רויט־אַרמעיִשע קוילן.... רעגן פון ענגלישע באָמבעס, אונטער די קייטן פון די אַמעריקאַנער טאַנקען.... פון דער אינערלעכער אומצופרידנקייט — וועט צעשמעטערט ווערן דער פאַשיסטישער כוח. דורך דער פינצטערניש פון אונדזערע „טעג פון פאַראַכטונג", שלאָגט שוין אַרויס דער שטראַל פון באַפרייונג. אויפן חורבן פון דעם דעגענערירטן מאָרד־רעזשים וועט געבויט ווערן די פרייע פעדעראַציע פון די סאָציאַליסטישע לענדער. אין דער יידישער סאָציאַליסטישער מדינה אין ארץ ישראל וועט אויפגעריכט ווערן דאָס שווער געפּרוווטע און פאַרפייניקטע יידישע פאָלק".

אין די „ידיעות" נר. 10 פון 17־טן יולי, אין דעם לעצטן ביולעטין,[8] וואָס איז אויסבאַהאַלטן געוואָרן דורך מ. טענענבוים, האָט ער אין דעם לייט־אַרטיקל זיך באַצויגן „צו די קאַמפן אַרום על־אַלאַמעין" און מיט אַ סך בקיאות דורכגעפירט אַן אַנאַליז פון דער גרויסער עקאָנאָמישער, פּאָליטי־

שער און סטראַטעגישער באַדייטונג פון דעם מיטללענדישן ים אין גאַנג פון דער געשיכטע און באַזונדער פון די רײַכע נאַפט־קוואַלן פון די אַרומיקע לענדער פאַר די קריג־פירנדיקע צדדים. ער האָט אָנגעוויזן אויף דער דירעקטער געפאַר, וואָס דראָט ארץ־ישראל פון ראָמעלס פאָרויסמאַרש אין צפון־אַפריקע. עס איז אָבער פאַר אים קלאָר, אַז ענגלאַנד וועט אויף דעם פראָנט קאָנצענטרירן אַלע מעגלעכע קרעפטן און נישט דערלאָזן צו קיין דייטשן זיג. פון דער צווייטער זײַט זעט דער שרײַבער פונעם אַרטיקל אַ ביישטייער, וואָס דאָס לאַנד קאָן צוטראָגן אין דעם קאַמף — דורך העלפן דער ענגלישער אַרמיי מיט די פּאַרטן, אינדוסטריע א״א. לסוף האָט ער געמאַכט אַ פּאַראַלעל צווישן ביידע יידישע ישובים, אין פּוילן און א״י, אין אָנבליק פון דעם שונא: אָנטקעגן דער פּאַניק און שרעק דאָ שטייט „מאָביליזאַציע, מיליטערישע צוגרייטונג און צילבאַוווסטע אַקציע״ דאָרטן. בכלל איז, לויט אים, פאַראַן אַ גרונט צו גלייבן, „אַז אויך דאָס מאָל וועט די וועלט ־שריפה נישט דערגיין צו די ברעגן פון אונדזער לאַנד״.

אַ שטראַל פון גאולה שלאָגט אַרויס פון זײַן ווייטערדיקן מאמר אין די „בלעטלאַך פון קאַלענדאַר״, אונטער דער זעלבער דאַטע, געווידמעט דעם יאָרטאָג פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. דער שרײַבער ברענגט אַרויס אירע הומאַנע ווערטן און לאָזונגען אין זייער אוניווערסאַלער אויסווירקונג אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט און ווייזט אָן, ווי ווייט אונטערשטעליק די וועלט איז פון יענער דעקלאַראַציע פון מענטשן־רעכט. אָבער דער קאַמף גייט אָן. ער מאַכט אַ דרייסטן אָנדייט דערויף, אַז אַזוי ווי דעמאָלט, קען אפשר „שוין מאָרגן פאַלן די היינטיקע באַסטיליע״. דעם דאָזיקן מאמר ענדיקט דער מחבר מיט די רעוואָלוציאָנערע, שטאָלצע שורות פון דער מאַרסיליעזע נאָך עד היום אַ פּאַראָל און קאַמפס־אַפּעל פאַר אַלע אונטערדריקטע:

— „כאָטש מיר זענען אָפּגעשניטן פון דער וועלט
וועט דער שטראַלנדיקער מאָרגן אונדז פּאַרברידערן —
— פון אויפשטאַנד וועט קומען דער טאָג״.

די „ידיעות״ האָבן געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע ווי אַ קאַמף־אינסטרו־מענט קעגן דער דייטשער פּאַרפירערישער פּראָפּאַגאַנדע. זיי פלעגן איבער־גיין פון האַנט צו האַנט און זייער אינהאַלט — פון מויל צו מויל. אַלע אַנדערע אויסגאַבעס אין געטאָ פלעגן איבערשרייבן דעם מאַטעריאַל פאַר זייערע לייענערס. ווען אימעצער האָט מרדכין איינגערוימט אין אויער עפּעס אַ פּרט וועגן זיינע „ידיעות״, אָדער צוגעטראָגן וועגן זייער אויפקלערערישן איינפלוס, פלעגט ער אויפשטראַלן און זאָגן: — „מ׳הייבט אונדז אָן צו גלייבן״. — און באמת האָבן זיינע רייד געווירקט „ווי גיפט אויף אָפּצו־

שוואַכן ביי די לייכטזיניקע דעם גלייבן אין די דייטשן" — האָט דערציילט י. צוקערמאַן און צוגעגעבן: „מרדכי אַליין האָט געגלייבט אין דעם יידישן כוח און דער מעגלעכקייט פון אַ יידישן ווידערשטאַנד. אין זיין רייכער פאַנטאַזיע האָט ער געזען צענדליקער טויזנטער יוגנטלעכע קעמפערס אויף די באַריקאַדעס אין די יידישע שטעט".

דער דורכפאַל פון אַ קאַלפאַרטערין

אַ זייער אינטערעסאַנטן עפּיזאָד פאַרבונדן מיטן קאַלפּאַרטאַזש פון די „ידיעות", האָט איבערגעגעבן שושנה גזשענדאַ, אַ מיטגלידערין פון טענענבוימס קבוצה, אַ תלמידה פון דער געהיימער גימנאַזיע און פון דעם קאָנספּיראַטיוון סעמינאַר פון „דרור", שפּעטער אַליין אַן אָנפירערין פון אַ קינדער־סניף.

אין דער ערשטער צייט, ווען עס האָט זיך נישט געפאָדערט אַזאַ שטרענגע קאָנספּיראַציע ביים פאַרשפּרייטן די אונטערערדישע אויסגאַבעס, זענען זיי צוגעשטעלט געוואָרן דער יוגנט, וואָס איז געשטאַנען נאָענט צו דער באַוועגונג. מיט דער וואַקסנדיקער געפאַר איז דער קאַלפּאַרטאַזש געפירט געוואָרן אַ סך פאָרזיכטיקער און נאָר לויט די אָנגעצייכנטע אַדרעסן.

אויף דעם עקזעמפּלאַר נר. 10 איז פאַראַן אונטערן טעקסט אַ געהעריקע אָנדייטונג אין דעם הינזיכט: — „היט אָפּ די צייטונג פון אומזיכערע הענט — די געסטאַפּאָ לויערט פון אַלע זייטן!!!!!!!!!!!"

ווען י. צוקערמאַן האָט דאָס ערשטע מאָל איבערגעגעבן צו ש. גזשענדאַ די „ידיעות" און די אַדרעסן, ווו זיי דאַרפן פונאַנדערגעטיילט ווערן, — דאָס איז געווען אין מאַי (1942), האָט ער איר אָנגעזאָגט: — „גיב אַכטונג און געדענק: אויב דו וועסט אַריינפאַלן, וועט נישט נאָר דיין קאָפּ אַראָפּפליען, נאָר אונדזערע אַלעמענס קעפּ!" זי האָט זיך גוט איינגעקריצט אין זכרון די דאָזיקע ווערטער.

נאָך אַ צוויי חדשים פון דער סכנות־פולער אַרבעט איז שושנה געכאַפּט געוואָרן מיט אַזאַ עקזעמפּלאַר. דאָס איז געשען דעם 23־טן יולי, צו מאָרגנס נאָכן אָנהויב פון דער אַקציע. מיט אַ טאָג פריער האָט זי געהאַט באַקומען צו קאַלפּאַרטירן 9 נומערן פון דער לעצטער אויסגאַבע (נר. 12).

שושנה האָט באַשלאָסן פאַר יעדן פּרייז זיך צו האַלטן מוטיק ביזן סוף און קיינעם נישט אויסגעבן. בעת דעם פאַרהער אין דער געסטאַפּאָ, האָט מען איר געהייסן איבערלייענען די קאָנפיסקירטע צייטונג. ס'זענען דאָרט געבראַכט געוואָרן פּרטים וועגן די מעטאָדן, וואָס די דייטשן האָבן אָנגעווענדן לגבי די יידן אין פאַרשידענע ערטער, דעם פאַרסמען אין די וואַגאָנען, די מאַסן־קברים א"א. ס'איז אויך געווען אַ רוף צו ווידערשטאַנד

— אגב, אפשר דער דאָזיקער, מכוח וועלכן טענענבוים האָט דערציילט אין זיין שפּעטערדיקן טאָגבוך (פון 13.1.43), אַז ער האָט אַזאַ אָנגעשריבן אין וואַרשע. — די אַרעסטירטע חלוצה האָט דאָס אַלץ געלייענט מיט אַ הויכער שטים.

— „איך זע נאָך די דייטשן אַרום מיר, זיי חוזקן. אָבער ס׳האָט זיך מיר געדאַכט, אַז אין איין מאָמענט האָב איך אַרויסגעלייענט אין זייער פּנים אַ מין פאַרוווּנדערונג. זיי האָבן זיך פריִער נישט פאַרגעשטעלט, אַז מיר ווייסן אַלץ אַזוי גענוי״.[9]

מען האָט זי מערדערלעך געשלאָגן, אָנגעוואָנדן לגבי איר די באַקאַנטע טאָרטור־מעטאָדן, כדי אַרויסצופּרעסן די נעמען פון די אָנפירנדיקע חברים און אַרויסגעבערס פון דעם ביולעטין. די אויספאָרשערס האָבן געהערט וועגן אייניקע פון זיי און געפאָדערט פון איר אינפאָרמאַציעס. אָבער זי האָט זיך געהאַלטן מוטיק און זיך נישט איינגעבראָכן. — דאָס בלעטל האָט זי געפונען אויף דער גאַס — האָט גזשענדאַ געטענהט און דערביי קאָנצענטרירט אַלע געוועבן פון איר נשמה צו שטאַרקן דעם ווילן, נישט צו פאַרראַטן...

דאָס געוואָגטע מיידל האָט אויסגעהאַלטן. ווען מ׳האָט זי נאָכן פאַרהער אין דער געסטאַפּאָ, אויף שוכאַ־גאַס, צוריקגעפירט דורכן געטאָ אין דער תפיסה אין פּאַוויאַק און פאַר אירע אויגן האָט אויפגעטויכט דער בנין פון דער אָרגאַניזאַציע אויף דזשעלנאַ 34, איז איר פון דאָרטן אַנטקעגנגעקומען אַ נייע כוואַליע פון מאָראַלישער קראַפט און דערהויבן דאָס פאַרפייניקטע געמיט צו דער מדרגה פון חלוצישער מסירות־נפש. זי האָט זיך אין דמיון איבערגעטראָגן אַהין, וווּ ס׳האָט זיך אויסגעפורעמט איר ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע אָנשויונג, אַנטוויקלט און איז רייף געוואָרן איר חלוצישער באַוווּסטזיין. זי האָט זיך דערמאָנט אין דער לאָזונג פון באַוואָפנטן קאַמף קעגן דעם פיינד, וואָס איז צו איר דערגאַנגען דאָס ערשטע מאָל אין אַפּריל 1942 בעת אַ פאַרזאַמלונג אין דער פאַרקאָנספּירירטער דירה אויף נאַלעווקי 33. עס זענען דאָמאָלסט בייגעווען: יצחק, צביה, פרומקע, חנה׳טשע, מרדכי, טעמע, אַרמין (לאַקס), חווקע (פאַלמאַן) שרה (גראַנאַטשטיין) און זי שושנה. אויף דער מסיבה האָבן גערעדט יצחק, מרדכי א״א וועגן דער נויטווענדיקייט פון ווידערשטאַנד און נקמה.

— „שוין לאַנג האָבן מיר געוואַרט אויף אַזאַ לייזונג פון דער פראַגע. די דערציונגס־אַרבעט האָט אונדז שוין דאָמאָלס נישט באַפרידיקט. מיר האָבן געוואָלט קאָנקרעטע מעשים״ — באַריכטעט די מעמואַריסטין. אין רעזולטאַט פון דער רעאָרגאַניזאַציע פון דער חלוצישער באַוועגונג איז שושנה אַריין אין אַ מיליטערישׁ „פינפטל״ און געוואַרט אויף אַ שאַנס

אַרויסצוטרעטן קעגן שונא. דאָס אַלץ האָט אַ שווער געטאָן אין איר פאַר־שטעלונג אויפן אָנבליק פון דעם באַליבטן הויז און פאַרפלייצט אירע אָפּ־געהאַקטע לונגען מיט אַ דערמוטיקנדיקן, אָפּפרישנדיקן אָטעם. און כאָטש נאָך יעדער פייניקונג־סצענע דאַכט זיך איר, אַז נאָך אַ מאָל וועט זי אַזוינס נישט איבערטראָגן און וועט מוזן אויסגעבן, דאָך האַלט זי אויס, „אַ באַווייז, אַז אַ מענטש קען זיין שטאַרק".

דער צוזאַמענטרעף פון שליחות אין פּאַוויאַק

אין פּאַוויאַק האָט שושנה געטראָפן ל. קאַזיעבראָצקאַ און ב. חזן.

לאָנקאַ, וואָס איז געקומען קיין וואַרשע מיט מרדכין און טעמען, איז נאָך אַ קורצן אויפהאַלט צוריקגעפאָרן קיין ביאַליסטאָק, כדי זיך צו באַ־טייליקן אין אַ סעמינאַר, וואָס איז אין אַפּריל אָרגאַניזירט געוואָרן אונטער פרומקעס אָנפירונג. אָבער פון דאָרטן האָט זי זיך מער נישט אומגעקערט. מ׳האָט דאַן באַשלאָסן אין ביאַליסטאָק אַרויסצושיקן בעלאַן צו זוכן אירע שפורן.

אויפן וועג, בעת אַ רעוויזיע פאַר מאַלקיניאַ,[10] איז געפאַלן אַ חשד אויף בעלאַס רייזע־פּאַפּירן און זי איז אַרעסטירט געוואָרן. אין אירע האָר איז געווען פאַרשטעקט אַ העברעישער ביולעטין, געשריבן אויף ביבולע־פּאַפּיר — אַ באַריכט וועגן ווילנע און ביאַליסטאָק. מ׳האָט אים נישט געפונען — ס׳איז איר געלונגען אים צו פאַרניכטן. פון מאַלקין איז בעלאַ אָפּגעפירט געוואָרן קיין וואַרשע צו דער געסטאַפּאָ, וווּ זי איז שטאַרק געפייניקט געוואָרן און שפּעטער — אין דער פּאַוויאַק־תפיסה. נאָך אַ גע־וויסער צייט פון איזאָלאַציע, איז בעלאַ איבערגעפירט געוואָרן אין אַ צעל פון פוילישע פרויען, וווּ עס האָט זיך אויך געפונען לאָנקאַ. ווען נאָך אַ פּאָר טעג האָבן זיך זיי בײדע אַליין באַגעגנט, האָט איר לאָנקע איבער־געגעבן, אַז אויך זי איז אַריינגעפאַלן אין מאַלקיניאַ. מ׳האָט זי מערדערלעך טאָרטורירט, אָבער זי האָט קיינעם נישט אויסגעגעבן. די בײדע פאַרבינד־לערינס זענען פאַרבליבן אַ געוויסע צייט אין פּאַוויאַק.[11]

לאָנקע האָט זיך דערוווּסט וועגן שושנה, וואָס איז אַריינגעזעצט געוואָרן אין אַ קאַמער מיט יידישע אַרעסטאַנטקעס, אין פיל ערגערע באַדינגונגען, ווי ביי די קריסטלעכע. און זי, תמיד אַ שפּרודלדיקע מיט איניציאַטיוו, האָט אַפילו אין דער איזאָלאַציע פון דעם גרויזאַמען אַרעסט־רעזשים באַ־וויזן איבערצושיקן צו שושנה אַ בריוול און מיט אַזאַ כאַראַקטעריסטישן אָנזאָג: „האַלט זיך קליינע, כ׳בעט דיך זייער. מער קענען מיר דאָך שוין גאָרנישט טאָן".

בײדע שליחות זענען אַרויסגעשיקט געוואָרן קיין אוישוויץ.[12]

דער אַנטיפאַשיסטישער בלאָק

זינט אַ צייט זענען געמאַכט געוואָרן באַמיונגען צו פאַראייניקן די צעשטויבטע ווידערשטאַנד־כוחות אין געטאָ און אַנצובינדן אַ קאָנטאַקט מיט דער פוילישער פרייהייט־באַוועגונג. די פאַרבינדונג מיט דער לעצטער איז איינגעשטעלט געוואָרן דורך וועוועק (וואָלף) פּאַלמאַן,[13] דעם ברודער פון מאַרעק און חווקע, וואָס איז פאַר דעם צוועק צו אים אַרויסגעשיקט געוואָרן אויף דער אַרישער זייט.

מיט דער הילף פון פוילישן קאָמוניסטישן אונטערערד, פון דער ניי געגרינדעטער און רעאָרגאַניזירטער פּוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי, פּ. פּ. ר., האָט זיך אין געטאָ געשאַפן די יידישע קאָמוניסטישע סעקציע און זי האָט פאַרנומען אַ פּאָזיציע פון אַקטיוון קאַמף מיטן שונא.

וו. פּאַלמאַן, אַליין זייער טעטיק אין די העכסטע אינסטאַנצן פון דער „פאָלקס־גוואַרדיע" ("GWARDIA LUDOWA"), פון וועלכער ס'איז שפּע־טער אַרויסגעוואַקסן די פאָלקס־אַרמיי ("ARMIA LUDOWA"), האָט נאָך אייניקע באַגעגענישן מיט די געהעריקע פאַרשטייערס מודיע געווען וועגן אַ פּלאַן אויפצושטעלן אַ געמיינזאַמען פראָנט פון אַלע פּראָגרעסיווע שטרע־מונגען אין געטאָ. אין קעגנזאַץ צו דער אָפיציעלער פּוילישער רעגירונג אין לאָנדאָן, וואָס האָט פאַרנומען די שטעלונג פון „וואַרטן", איז די פּ. פּ. ר. געשטאַנען אויף דער פּלאַטפאָרם פון באַלדיקן און כסדרדיקן קאַמף אויף אַלע מעגלעכע שטחים אין הסכם מיט דעם פּראָגראַם, אַז יעדער באַוואָפנ־טער אַרויטריט, יעדער דיווערסיע־אַקט קעגן שונא איז אַ הילף פאַר דער „רויטער אַרמיי" אויף איר וועג צום נצחון.

נאָך אַ ריי אונטערהאַנדלונגען איז סוף אַפּריל 1942 פאָרגעקומען אַ צונויפטרעף אויף לעשנאָ 27, אין דער היים פון מ. טענענבוים און זיינע חברים.[14] דעם קאָמוניסטישן סעקטאָר האָבן רעפּרעזענטירט די פראָמינענטע טוערס יוסף פינקעלשטיין [15] (לעוואַרטאָווסקי) און אַנדזשעי שמידט.[16]

דער ערשטער, אַ לאַנגיעריקער פּאָליטישער און פּראָפעסיאָנעלער טוער, איז מיט זיין גאַנצן רעוואָלוציאָנערן ברען געווען אַריינגעטאָן אין דער אויפבוי־אַרבעט פון דער יידישער סעקציע ביי דער פּ. פּ. ר. און פונעם קעמפערישן אונטערגרונט אין געטאָ.

א. שמידט, וואָס האָט געהאַט אונטער זיך אַ רומפּולע, קעמפערישע פאַרגאַנגענהייט, איז אויך דאָ געוואָרן פון די טיכטיקסטע אָרגאַניזאַטאָרן פון דער פוילישער „גוואַרדיאַ לודאָוואַ" (פאָלקס־גוואַרדיע) און פון אוני־פיצירטן קאַמפּס־פראָנט אין געטאָ, נאָך דעם, ווי ער איז דורך די חברים באַשטימט געוואָרן צו דער אַרבעט אויף דעם שטח.

ביידע קאָמוניסטישע אָנפירערס האָבן פאָרגעשלאָגן אַ קאָאָרדינאַציע

פון אַלע דעמאָקראַטישע סעקטאָרן אין געטאָ, כדי צו מאָביליזירן אַלע כוחות לטובת דעם ראַטן־פאַרבאַנד און אַרויסצופירן די יוגנט צו אַ פּאַר־טיזאַנער קריג.

צו דעם אַנטיפאַשיסטישן בלאָק זענען צוגעשטאַנען: „פּ. פּ. ר.", „לינקע" און „רעכטע פּועלי־ציון", „השומר הצעיר" און „דרור". די חלוצישע פּאַר־שטייערס זענען אין פּרינציפּ איינגעגאַנגען אויף דער קאַמפּס־פּאַראייניקונג, האָבן אָבער אַרויסגערוקט רעזערוואַציעס בנוגע דעם אָנגעצייכנטן פּלאַן פון אַרויספירן די יוגנט אין דער פּאַרטיזאַנטקע צו העלפן סאָוו. רוסלאַנד. זיי האָבן אָנגעוויזן אויף דעם פעלנדיקן אַספּעקט פון אַן אָרגאַניזירטער יידישער געטאָ־פאַרטיידיקונג און קלאָר אונטערגעשטראָכן זייער כוונה אין דער ריכטונג אויסצובורייטערן די פּרעראָגאַטיוון פון דער געשאַפענער אינסטאַנץ. די יידן זענען מחויב צו באַשיצן דאָס געטאָ און נישט לאָזן עס אָן קאַמפּפעיִקע עלעמענטן — האָבן די חלוצים, אונטערשטיצט דורך אַלע ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע רעפּרעזענטאַנטן, בפירוש באַטאָנט.

אין זיין בריוו צו דער הסתדרות בנוגע דעם פּראָבלעם, האָט טענענבוים געשריבן צ"א: — „די פּ. פּ. ר. האָט זיך באַטראַכט — און אַזוי האָבן זיי אויך אַנדערע אָפּגעשאַצט — ווי אַ פּאָליטישער דעסאַנט פון ס. ס. ס. ר., וואָס דאַרף צוגרייטן דעם באָדן פאַר אַ סאָוויעטיש פּוילן... מיר האָבן גערעכנט אויף זייער הילף צו באַוואָפענען דאָס געטאָ. מיר האָבן געטראַכט פריִער וויניקער, שפּעטער ערנסטער, אַרויסצופירן באַוואָפנטע גרופּעס אין וואַלד אַריין. אויך אין דער אַרבעט האָבן מיר געוואָלט אונטערשטרייכן דעם יידישן מאָמענט. מיר האָבן געקלערט אויסצונוצן אונדזערע פאַרביג־דונגען מיט דער פּ. פּ. ר. כדי צו קענען אין דער צוקונפט אויספירן אַקטן פון נאַציאָנאַלער נקמה".[17]

דער „בלאָק" האָט אַנטהאַלטן דריי סעקציעס: אַ מיליטערישע, אַ פּאָ־ליטישע און אַ פּאַטראָנאַט איבער די קרבנות פון היטלעריזם. צו דער ערשטער האָבן געהערט: פון „פּ. פּ. ר." — א. שמיד, „לינקע פּוע"צ" — הירש לענט,[18] „פּוע"צ־צ. ס." — אברהם פישלזאָן,[19] „השומר הצעיר" — יוסף קאַפּלאַן,[20] פון „דרור" און „החלוץ" — טענענבוים.

מיליטערישע איינהייטן אָרגאַניזירט דורך מ. טענענבוים

אין די ראַמען פון דער מיליטערישער סעקציע ביים אַנטיפאַשיסטישן בלאָק איז טענענבוים „תיכף מיט התלהבות צוגעטרעטן צו דער אַרבעט. טאָג איין טאָג אויס, צענדליקער צוזאַמענטרעפן מיט גרופּעס, איינצלנע חברים, מיט מדריכים. די באַוועגונג האָט אָנגעהויבן איבערצוגייען אויף

מיליטערישע רעלסן".[21] די באַזע פון דער אָרגאַניזאַציאָנעלער סטרוקטור זענען געווען גרופּעס פון 5 מענטשן, א. ג. "פינפטלעך".

אין צווישנצייט האָבן די חלוצישע וואָרטזאָגערס, צוזאַמען מיטן גאַנצן ציוניסטיש־סאָציאַליסטישן לאַגער, געקעמפט פאַר זייערע באַזונדערע רעכט. — "מיר האָבן געוואָלט אויפשטעלן אַן אומאָפּהענגיקע אָרגאַניזאַציע פון יידישע קעמפערס, וואָס באַקומען נישט קיין באַפעלן פון פּוילישן אונטער־ערד און וואָס פליסן אַרויס פון אַ פּאָליטיק פון פּאַסיוון אויסוואַרטן, אַזאַ אָרגאַניזאַציע, וואָס אין איר וועט דער באַפעל געגעבן ווערן פונעם געטאָ, דער קאָמענדאַנט איז אַ ייד, די קעמפערס זענען יידן, זיי באַשטימען ווען צו קעמפן... און דעם קאַמפּספּלאַץ צווישן די געטאָ־מויערן" — האָט קאָמענטירט י. צוקערמאַן.[22]

עס איז געגאַנגען אין דעם, אַז אין די ראַמען פון דער אַלגעמיינער אַנטי־נאַציישער מלחמה זאָל אויך קומען צום בולטן אויסדרוק דער באַזונ־דערער נאַציאָנאַלער בייטראַג, דער יידישער קאַמף־פראָנט אין געטאָ.

אַ ליכט אויף די וועזנטלעכע אונטערשידן אין דעם באַנעם פון דער פראַגע וואַרפט די פאָלגנדיקע אויפקלערונג, וואָס טענענבוים האָט געגעבן ח. גראָסמאַן, בעת זי איז געווען אין וואַרשע און האָט זיך פאַר אים באַ־קלאָגט אויף די שוועריקייטן אין די אונטערהאַנדלונגען מיט די קאָמוניסטן אין ביאַליסטאָק: — "היינטיקן טאָג ליגט די מענטשהייט פאַר אונדזערע אויגן, ווי אַ קראַנקער אויפן אָפּעראַציע־טיש. היינט איז נישט נייטיק קיין ספּעציעלער היסטאָרישער, צי פילאָזאָפישער שאַרפער ביסטורי. דאָס מאָל קען אונדז דער חולה אַליין לערנען אַ קאַפּיטל... געשיכטע פון דער געזעל־שאַפט, יידישער און נישט־יידישער. אויך דאָ טיילן זיך אונדזערע מיינונגען פון די קאָמוניסטן... דאָס איז אַן ענין פון אויפפּאַסונג... לעוואַרטאָווסקי און זיינע חברים מיינען אויפריכטיק אַ מלחמה מיטן פאַשיזם... זיי שאַצן אויך אָפּ דעם יידישן קריג... אָבער אין זייערע אויגן איז דאָס געטאָ איינער פון די קוואַרטלען פון דער שטאָט. אַ געאָגראַפישער באַגריף... ביי זיי איז דאָס געטאָ נישט אַ ציבור, וואָס לעבט אַן אַנדערשדיק לעבן, פירט אַן אייגנאַרטיקן גערענגל אין באַדינגונגען און אומשטאַנדן, וואָס דעקן זיך נישט מיט די אַנגענומענע נוסחאות פון אַ מלחמה מיט אַן אָקופּאַנט, נאָר אַ שטאָט־קוואַרטל, ווי אַלע אויף דער וועלט. די הויכע געטאָ־מויער באַטייט (בלויז) אַ פיזישע שוועריקייט אין זייער אונטערערדישער אַרבעט און אויך די מויער איז אין זייערע אויגן — אַ געאָגראַפישע דערשיינונג.

פאַרשטייסטו די היסטאָרישע באַדייטונג פון דעם? זעסטו נישט אין דעם קיין רמז פון דעם גאַנצן עבר פון די יידישע קאָמוניסטן? דאָס איז דאָך אַ טראָפּן, וואָס שפּיגלט אָפּ דעם ים. היות די יידן זענען אין וואַרשע,

אין דער פוילישער מדינה, דאַרף נישט דער יידישער אַנטיפאַשיסטישער אונטערערד אָננעמען קיין באַזונדערע קאַמפּס־מעטאָדן... דערפאַר רופן זיי אונדז נישט צו פירן קיין נאַציאָנאַל־אַנטיפאַשיסטישע מלחמה, ווי אַ פאַלק וואָס ווערט פאַרטיליקט דורכן פאַשיזם, נאָר אַרויסצוגיין אין די וועלדער ווי פאַרטיזאַנער און זיך אויסמישן מיט די אַנדערע אַנטיפאַשיסטישע כוחות. אָט וועסטו זיך איבערצייגן, אַז דאָס איז נישט נאָר אַ פּראָבלעם פון ביאַליסטאָק אַליין".[23]

דער וועזנטלעכער אונטערשיד אין די ביידע קאָנצעפּציעס האָט דער־פירט צו אינערלעכע העפטיקע וויכוחים, אין וועלכע די נאַציאָנאַלע פאַק־טאָרן האָבן געפאָדערט צו אַקצענטירן דעם פּאָסטולאַט פון דער ספּעציפישער יידישער מלחמה.

נאָך אַ לאַנגן, אידעאָלאָגישן געראַנגל, איז דערגרייכט געוואָרן די שאַפונג פון אַ פּאַראַלעלער מיליטערישער אָרגאַניזאַציע מיט ספּעציעלע איינהייטן, וואָס זייער באַזע איז אין געטאָ און זענען באַשטימט צו קעמפן אין געטאָ.

בראש פון דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן מרדכי טענענבוים, וואָס איז געווען דער חלוצישער באַפולמעכטיקטער אין דער מיליטערישער אָרגאַניזאַציע פון דעם „אַנטיפאַשיסטישן בלאָק".[24] די גאַנצע באַוועגונג האָט דעמאָלט „געלעבט" מיט דער נייער ווענדונג אין דער אַרבעט. די קולטור־טעטיקייט האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ „הכשרה פאַר ווידערשטאַנד". די פאַרבינדלערינס האָבן צעטראָגן די לאָזונג פון אָרגאַניזירן פאַרטיידיקונגס־גרופּעס. אין דער אַטמאָספער פון הילפלאָזיקייט האָט דער נייער תוכן אַרויסגעשלאָגן אַ פרישע ענערגיע און בטחון ביי די יוגנטלעכע. — „געווען צווישן אונדז אַזעלכע, וואָס האָבן געוועבט דרייסטע און ווייטגרייכנדיקע חלומות און האָבן זיך פאַרגעשטעלט, אַז מיט אונדזער קאַמף וועלן מיר אויפוועקן אויך די פוילישע אונטערערד און היות עס האָט שוין אַרויסגעשפּראָצט דער אָנפאַנג פון אונטערערדישן קאַמף אין פאַרשידענע לענדער, האָבן זיי דערוואַרט, אַז מיטן אויפשטעלן פון דריטן פראָנט, (דער אונטערערדישער קאַמף אין אייראָפּע), וועט קומען אויך אונדזער שעה"[25] — האָט צ. לובעטקין באַצייכנט די גרויסע פּסיכישע אויפהייטערונג, וואָס דער פאַרטיידיקונגס־פּראָגראַם האָט אַרויסגערופן צווישן דער יוגנט.

אַזוי האָט זיך, טראָץ דעם מאַנגל אין כלי־זין, אויסגעשפּרייט די נעץ פון קאַמפּס־„פינפטלעך", וואָס האָבן באַקומען אַ מיליטערישע איינאיבונג. די דאָזיקע קעמערלעך זענען געווען שטרענג פאַרקאָנספּירירט. יעדער האָט

געקענט נאָר זיין גרופּע — די 4 חברים ; די פאַרשטייערס פון די „פינפטלעך" פלעגן אָפּהאַלטן באַזונדערע געהיימע באַראַטונגען.

אַלע ריכטונגען, אַנגעשלאָסענע אין דעם „אַנטיפאַשיסטישן בלאָק" האָבן מאָביליזירט זייערע קעמפערישע רעזערוון און אַריינגעפּאַסט זיי אין מיליטערישע איינהייטן. — „נישט געקוקט אויפן דוחק אין וואָפן און מיליטערישער צוגרייטונג, האָט זיך פאַרשטאַרקט די קעמפערישע אָרגאַניזאַציע פונעם „בלאָק" מער און מער. אין מאַי און יוני 1942 איז די צאָל פון די אָרגאַניזירטע מיטגלידער דערגאַנגען צו 500" — האָט באַהויפּטעט דער אונטערערדישער ליטנדיקער טוער א. בערמאַן.[26]

אויף דעם אופן איז מרדכי טענענבוימס געווען פון די ערשטע קאָנסטרוקטאָרן, וואָס האָבן געלייגט דעם פונדאַמענט פאַר דער פאַרטיידיקונג פון וואַרשעווער געטאָ.

דער באַגער פון נקמה און טאַט האָט אויך פאַרכאַפּט אַנדערע סעקטאָרן אויסערן „בלאָק", וואָס האָבן אויפגעשטעלט אייגענע מיליטערישע כוחות.

די שטעלונג פון „בונד"

דער „בונד", וואָס האָט זיך זייער אַקטיוו באַטייליקט אין אַלע קולטור־געזעלשאַפטלעכע סעקטאָרן און אויך געהאַט אַ קאַמפּס־אַפּטיילונג, איז פאַרבליבן די איינציקע סאָציאַליסטישע פאַרטיי אויסערן בלאָק, מחמת זיינע פאַרבינדונגען מיט דער פּ. פּ. ס. (פּוילישער סאָציאַליסטישער פאַרטיי), וועלכע איז געשטאַנען אונטער דער השפעה פון דער גלות־רעגירונג אין לאָנדאָן.

די אָפּשלעפּערישע פּאָליטיק, דער מאַנגל אין טאַט, האָט אויך אין דער פּ. פּ. ס. אַליין אַרויסגערופן אַן אומצופרידנקייט און שאַרפע קריטיק, וואָס האָט געדראָט מיט אַ שפּאַלטונג. אינעם „בונד" גופא איז דער רוב מיטגלידער געווען קעגן דער אָפיציעלער, פּאַסיווער שטעלונג פון דער פּ. פּ. ס. מ'האָט אָבער געהאַלטן, אַז „אין אַזאַ מאָמענט דאַרפן די סאָציאַליסטישע כוחות אַרויסטרעטן געאייניקט"[27] און נישט ברעכן די ביזאיצטיקע אידעאָלאָגישע אחדות. דער אַרגומענט האָט געדינט ווי אַ באַרעכטיקונג פאַר דער באַקאַנטער שטעלונג פון מ. אָזשעך.

אָבער אין לויף פון די טראַגישע געשעענישן איז דער שטאַנדפּונקט געוואָרן אַלץ וויניקער פּאָפּולער. דערצויגן אין פּיעטעט פאַר די פרייהייטס־אידעאַלן, אין דער טראַדיציע פון רעוואָלוציאָנערן טאַט, האָבן די יידישע אַרבעטערס, גאַנץ ספּעציעל די יוגנט פון „צוקונפט", זיך געבונטעוועט קעגן דער ליניע פון „וואַרטן". עס איז געוואָרפן געוואָרן די לאָזונג : „מיר וועלן נישט שטאַרבן אויף די קני"[28] — האָט איבערגעגעבן וועגן יענעם געראַנגל דער קעמפער מ. עדעלמאַן.

די שטייגנדיקע הריגות האָבן מיט דער צייט געגעבן פּריאָריטעט די קעמפּערישע פאַקטאָרן, וואָס וועלן שפּעטער בייגאַנד מיט די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע און קאָמוניסטישע „פינפטלעך" ווערן די הויפּט־זיילן פון דער יידישער זעלבשוץ אין וואַרשעווער געטאָ. בראש פון דער דאָזיקער בונדישער גרופּע איז געשטאַנען אינזש. אַבראַשאַ בלום, וואָס איז געווען איר לעבעדיקער נערוו, אַ מענטש מיט אַן אומדערמידלעכן אונטערנעמונגס־גייסט. ער איז געווען באַגלייט אין דער אָרגאַניזאַציאָנעלער אַרבעט דורך די מסירות־נפשדיקע מיכאל קלעפּפיש, זלמן פרידריך, מאַרעק עדעלמאַן א"א.

„דער רוף"

דער בלאָק האָט איינגעשטעלט אַ קאָנטאַקט מיט דער פּ. פּ. ר. אויף דער אַרישער זייט, מיט אַ ריי פּוילישע געזעלשאַפטלעכע טוערס און אינטעלעקטואַלן, וואָס האָבן צ"א געהאַט פאַר אַ צוועק דאָס צושטעלן פון אינפאָרמאַציע, ווי אויך מיט די מיליטערישע קרייזן ביי דער דעלעגאַטור פון דער אומלעגאַלער פּוילישער רעגירונג וועגן וואָפן.

לעבן דעם אָנשטרענג צו מאָביליזירן שטיצע מצד די אויסערלעכע פאַקטאָרן, איז אויך אונטערגענומען געוואָרן אַן אויפקלערונגס־אַרבעט, כדי צו באַקענען די געטאָ־באַפעלקערונג מיטן מצב אויפן מיליטערישן פראָנט, שטעלן זי אויף דער וואַך פון דער לויערנדיקער טויט־געפאַר און אויפצורודערן פאַר אַ פאַראייניקטן געראַנגל קעגן דעם בלוטיקן שונא. פאַר דער אויפגאַבע איז באַשטימט געוואָרן אַרויסצוגעבן אַ פּרעסע־אָרגאַן אין יידיש — „דער רוף". „דער רעדאַקטאָר איז געווען מרדכי טענענבוים,[29] אין דער רעדאַקציע־קאָלעגיע — שכנא זאַגאַן[30] און יוסף לעוואַרטאָווסקי־פינקעלשטיין".

פון דער דאָזיקער שריפט זענען דערשינען בלויז דריי נומערן און פון די האָט זיך נאָר איינער, דער ערשטער, פונעם 15־טן מאַי, אָפּגעראַטעוועט אינעם רינגעלבלום־אַרכיוו. אין דעם דאָזיקן פון 12 העקטאָגראַפישע זייטן, איז פאַרעפנטלעכט אַן אויפרוף, וואָס אַפּעלירט צו אַלע שיכטן פון פאָלק פאַר אחדות און מאָביליזאַציע פאַרן קאַמף קעגן די באַצווינגערס. אָט זענען איניקע אויסצוגן:

„צו די יידישע פאָלקס־מאַסן!

מיר שטייען אויפן שוועל פון גרויסע געשעענישן און פון אומגעהייער דעצידירנדיקע שלאַכטן. במשך פון גאַנצן ווינטער האָט די רויטע אַרמיי געפירט אַ העפטיקן אָנגריף, צווינגענדיק דעם פאַשיסטישן שונא אָפּצוטרעטן פון אַ גאַנצער ריי פאַרנומענע געביטן.... צו וואַרפן אויפן פראָנט די אַלע כוחות, וואָס האָבן געזאָלט אויסגענוצט ווערן צו דער... אָנגעזאָגטער

פרילינגס־אָפּענסיווע. ריזיקע גוט אויסגעשטאַטע און צוגעגרייטע אַרמייען און רעזערוון פון סאָוויעטן־לאַנד שטייען גרייט צום ווייטערדיקן אָנגריף... אין רוקן פון דער דייטשישער אַרמיי איז אויפגעשטאַנען די באַוועגונג פון פּאַרטיזאַנער, דיוועסיע און סאַבאָטאַזש.

... צוזאַמען מיט די דורכפאַלן אויפן פראָנט, פילנדיק זיך נישט זיכער אין די אָקופּירטע געביטן, האָבן די פאַשיסטישע בעסטיעס נאָך מער אָנגעצויגן דעם שטריק אַרום דעם האַלדז פון די אונטערדריקטע פעלקער.

... מיט יעדן טאָג ווערט אויך פאַרשטאַרקט דער בעסטיאַלישער אויסראָטונגס־קאַמף פון דייטשן אָקופּאַנט קעגן דער יידישער באַפעלקערונג. היטלער האַלט פאַר זיין היסטאָרישע מיסיע דאָס ענדגילטיקע אויסראָטן די יידן פון אייראָפּע און ער פירט דורך אין אַ פאַרגרעסערטן טעמפּאָ זיינע בלוטיקע פּלענער...

„...די יידישע מאַסן טאָרן אָבער נישט זיך אונטערוואַרפן דעם געפיל פון יאוש, פאַרצווייפלונג און פאַסיוון אָפּוואַרטן אויף דעם, וואָס דער גורל וועט זיי ברענגען. זיי מוזן אָנשטרענגען אַלע זייערע כוחות און צושטיין צום אַנטיפאַשיסטישן קאַמף פון אַלע אונטערדריקטע פעלקער...

דער דאָזיקער קאַמף פאָדערט אייניקייט און געשלאָסנקייט. דאָס באַוווסטזיין וועגן דער נויטוועדיקייט פון אָט דעם אײנהייטלעכן קאַמף האָט שוין געשלאָגן טיפע וואָרצלען ביי ברייטע שיכטן פון דער יידישער פאָלקס־מאַסע.

עס זענען אָבער פאַראַן אַזעלכע, וואָס וואַרטן אָפּ און שטעלן אויס אויף אַ נס... נאָר דער וועג פון קאַמף פירט צו פרייהייט... די צייט פאָדערט דאָס פאַראייניקן אַלע כוחות צום קאַמף מיטן בלוטיקן אָקופּאַנט... דער געבאָט פון דער שעה איז אויפצושטעלן אַ נאַציאָנאַלן פרייהייטס־פראָנט דורך צעמענטירן און פאַראייניקן אַלע אַקטיווע כוחות פונעם פאָלק צום פאַרמעסט מיטן שונא!

... יידישע פאָלקס־מענטשן! יידישע אַרבעטער! יידישע אינטעליגענץ! יידישע יוגנט! זאַמלט צונויף אייערע כוחות און פאַראייניקט זיי צום קאַמף! שטעלט זיך געשלאָסן, אַקסל ביי אַקסל אין איין אייגהייטלעכן פראָנט פון קאַמף קעגן פאַשיזם!

נאָר די פאַרניכטונג פון דער מעכטיקער, היטלעריסטישער קריגס־מאַשין דורך די אַנטיפאַשיסטישע אַרמייען און די מיט זיי פאַרבינדעטע מאַסן פון די אונטערדריקטע פעלקער, וועט ענדלעך אַ סוף מאַכן צו אונדזער פאַרשקלאַפונג און שאַפן באַדינגונגען פאַר דער פולער, סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער אויסלייזונג פון די יידישע מאַסן!

אַלע געזונטע כוחות פון יידישן פאָלק מוזן איצט פאַראייניקט ווערן

צום איינאונאיינציקן ציל: צום קאַמף פאַר פרייהייט און אויסלייזונג, קאַמף מיטן פאַשיסטישן שונא ביז צום ענדגילטיקן נצחון".[31]

הגם עס איז נישט אָנגעוויזן דער מחבר פון דעם קאַמפס־אַפעל, איז דאָך וואַרשיינלעך, אַז טענענבוים אין זיין ראָל פון אַ רעדאַקטאָר, האָט יעדן פאַלס צוגעטראָגן צו אים אַ חלק. אגב, זענען פאַראַן געוויסע אַנאַלאָגיעס סיי אין געדאַנקען־גאַנג, סיי אין סטיל, באַזונדערס מיט זיין מאמר אין די „ידיעות" פון 20־טן יוני 1942, וואָס איז געווען געווידמעט דעם ערשטן יאָרטאָג פון דער דייטש־סאָוויעטישער מלחמה. דער כאַראַקטער פון אַ בשותפותדיקער פאָליטישער פלאַטפאָרם האָט אויך באַאיינפלוסט איר תוכן.

עס איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז טענענבוים האָט זיך באַצויגן צו דעם דאָזיקן קאַמפס־רוף, ווען ער האָט שפּעטער פאַרצייכנט אין זיין טאָגבוך (13.1.43) מכוח אַזעלכן, וואָס ער האָט אָנגעשריבן אין וואַרשע.

*

דער אַרעסט פון אַ צאָל מיטגלידער פון דעם „בלאָק" און א. שמידט בתוכם, ווי אויך דער מאַנגל פון וואָפן האָבן גורם געווען זיין צעפאַלן זיך. זיין קורצע עקסיסטענץ האָט אָבער געשפּילט אַ וואָגיקע ראָל, ווי די ערשטע פאַרווירקלעכונג פון דער קאַמפס־איינִיקייט און פון אַ ברייטער מיליטעריש־אָרגאַניזירטער באַוועגונג פאַר פאַרטיידיקונג אין וואַרשעווער געטאָ.

די „פינפטלעך" זענען געוואָרן די באַזע פאַר דער שפּעטער אַנטשטאַנענער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע.

צווישנלענדישע קאָנפערענץ

ענלעך ווי אין ביאַליסטאָק, זענען אין וואַרשע אַוועקגעשטעלט געוואָרן אויפן טאָג־אָרדענונג, אַחוץ אַקטועלע ענינים פון געטאָ־לעבן און קאַמף — די פון שטראָף און נקמה אין די שונאים און זייערע קאָלאַבאָראַנטן נאָך דער מלחמה. אָט וואָס דער אַנאָנימער מעמואַריסט האָט געשריבן מכוח דעם ענין:

— „אין זומער 1942 איז איינגעאָרדנט געוואָרן אַ יידישע צווישנלענדישע קאָנפערענץ אין געטאָ וואַרשע.[32] הגם ס'איז נישט באַוווּסט, צי די דעלעגאַטן פון פראַנקרייך, נאָרוועגן, טשעכאָסלאָוואַקיי, האָלאַנד, בעלגיע און פון אַנדערע אָקופּירטע לענדער זענען אויסגעוויילט געוואָרן צו דער באַראַטונג, איז אָנצונעמען, אַז זיי האָבן זיך געפונען אין וואַרשעווער געטאָ אַלס פאַרטריבענע. פאָרזיצער איז געווען קאַצענעלסאָן, פאָליטישער אָנפירער[33] מרדכי. ס'איז זיכער, אַז ס'האָט זיך באַטייליקט אויך אַ דעלעגאַט פון רוסלאַנד, ווייזט אויס אַן אָנפירער פון פאַרטיזאַנער. מ'האָט באַהאַנדלט פראַגעס פון אַקטיוון ווידערשטאַנד, אינערלעכע פּראָבלעמען פון געטאָ,

מעגלעכקייטן פון לעגאַליזירן חברים מיט אַן אַרישן אויסזען און אַנדערע ענינים, וואָס שייך נאָך דער מלחמה. אין דער אָפּשטימונג איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז נקמה דאַרף זיין פריער פאַר עליה. די אַלע, וואָס האָבן אָנטייל גענומען אין יידן־מאָרדן, אַפילו ווען זיי זענען בלויז געווען אויספירערס, קומט זיי טויט־שטראָף. ביי דער געלעגנהייט איז אויסגעדריקט געוואָרן די מיינונג, אַז דאָס גאַנצע דייטשע פאָלק וועט זיין געצווונגען צו אַרבעטן ביים אויפבוי פון די חורבות אין אייראָפּע נאָך דער מלחמה.

מ׳האָט אויך גערעדט וועגן באַשטראָפן די מוסרים, אָבער ס׳זאָל גע־פאָרשט ווערן יעדער פאַל באַזונדער. קאַצענעלסאָן האָט פאַרשריבן די באַ־שלוסן פון דער אָפּשטימונג. די דאָזיקע פאַרצייכענונגען זענען אויך באַגראָבן געוואָרן.

(אויף דער קאָנפערענץ האָט מרדכי מספיד געווען שמידן)״.[33]

צו דער דאָזיקער וויכטיקער באַראַטונג האָבן זיך באַצויגן די באַריכטן פון דער „טרילאָגיע״ [35] און פון „הנוער הציוני״.[36] די באַהאַנדלטע טעמאַטיק איז אין אַלע מקורות אָנגעגעבן כמעט אידענטיש. די צוויי לעצטע דאָקומענטן באַצייכענען דעם צוזאַמענטרעף ווי אַ „יידישן קאָנגרעס״ און ווייזן אָן אויף נאָך איין פונקט: די רעווינדיקאַציע פון דעם יידישן פאַרמעגן, וואָס איז צוגערויבט און פאַרניכטעט געוואָרן.

דער פּאָסטולאַט זעט אויס צו זיין אַן עפעקטיווער באַשטאַנדטייל פון דער אָפּגעשטימטער אַלגעמיינער רעזאָלוציע און איז מן הסתם דורך אַ פאַרזען אַדורכגעלאָזט געוואָרן דורך דעם ערשטן פון די אינפאָרמאַנטן.

פון דעם דאָקומענט איז קלאָר די זאָרג פון די אָרגאַניזאַטאָרן, י. קאַצע־נעלסאָן און מ. טענענבוים, נישט בלויז פאַר די פאַרשטייענדיקע אויפגאַבעס, נאָר אויך אויף להבא, דער דראַנג באַלד נאָך דער נאַצישער מפלה אויס־צושטעלן אַ בלוטיקן חשבון אַלע קריגס־פאַרברעכערס, זייערע קאָלאַבאָראַנטן און דעם דייטשן פאָלק. דאָס באַטייליקן זיך אין דער קאָנפערענץ פון פאָר־שטייערס פון פאַרשידענע לענדער האָט באַצוועקט צו געבן דעם אַקט אַן אינטערנאַציאָנאַלן כאַראַקטער און פאַרנעם און דער אָנגענומענער דעקלאַ־ראַציע — דעם אויסדרוק פון אַ מאָנונג פון שטראָף און באַצאָלונג אין נאָמען פון דעם גאַנצן גערודפטן און פאַרשניטענעם אייראָפּעישן יידנטום.

מרדכי טענענבוים האָט אויך אויף דעם פאָרום נישט פאַרפעלט צו דערמאָנען מיט כבוד דעם אומפאַרגעסלעכן אַנטאָן שמיד.

די דאָקומענטן מערקן אָפּ נאָך אַ פאַקט: אויף דעם שרייבער קאַצענעלסאָן איז אַרויפגעלייגט געוואָרן די פונקציע צו פאַראייביקן יענע תקופה — „די גאַנצע מגילה״. יעדער חבר, וואָס איז געקומען קיין וואַרשע, פלעגט אים איבערגעבן פרטים [37] — שטאָף פאַר דער שילדערונג.

מרדכי האָט דאָס באַטראַכט פאַר אַ וויכטיקע אויפגאַבע און זי אויס־געפירט מיט אַ געפיל פון מיטווירקונג אין דער מיסיע.[38] די „מגילה" איז אָנגעשריבן געוואָרן און פאַרבאַהאַלטן, באַגראָבן אין אַ קעלער נאָענט פון דער פּאָסט אין געטאָ [39] (זי האָט זיך געפונען אויף דער גאַס זאַמענהאָף, ראָג גענשע), אָבער בעתן אויפשטאַנד איז דאָס הויז חרוב געוואָרן. נאָך דער מלחמה וועט מען דאַרפן „די מגילה" פון דאָרט אַרויסנעמען, — האָבן זיך די מחברים געאײניקט אין דער הינזיכט.

אויך צו ה. אַדלער איז דורך מרדכין דערגאַנגען די ידיעה וועגן דער קאָנפערענץ און מכוח דער אויסבאַהאַלטענער „מגילה".[40]

„20־טער יולי"

מחמת קאָנספּיראַטיווע טעמים האָט מרדכי, צוזאַמען מיט יצחקן און צביהן, זיך אַרויסגעצויגן פון זײַן מוטערס היים און איבערגעגאַנגען וווינען אויף נאַלעווקי 33, אין דעם איינציקן צימער פון אַן אָרעמער פאַמיליע. די באַלעבאַטים — צוויי שוועסטערס מיט זייערע קינדער זענען אַליין אַריבער אין קיך־צימער.

כדי צו באַרעכטיקן דאָס אָפטע קלאַפּן פון דער שרייבמאַשין, האָבן די לאָקאַטאָרן פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז אַלס אָנגעשטעלטע פון דער „סאָציאַלער הילף", זענען זיי מחויב אַרויסצוגעבן טעגלעכע באַריכטן.

צו דער נייער געהיימער דירה האָט געהאַט אַ צוטריט בלויז אַ באַ־גרענעצטער קרייז מענטשן.

מרדכי האָט זיך דעמאָלט אין אַ געוויסער מאָס באַפרייט פון דער נערוון־אָנשטרענגונג פון די דערדריקנדיקע טעג און „זיינע שוואַרצע אויגן פלעגן גלאַנצן מיט אַ געמיטלעכן שמייכל. אַ מאָל בשעת אַן אָרעמען אָוונטברויט פלעגט ער הויך און געלאַסן דערציילן עפּעס פון זיינע אייגענע קאָמישע פּאַסירונגען, זכרונות פון דער נישט ווייטער, זאָפּטיקער יוגנט־צייט. אַ מאָל פלעגט ער אַהיים קומען, מיטשלעפּנדיק מיט זיך אַ פּאַק ביכער פון אינדישע מחברים, דיכטער און פילאָזאָפן, וואָס ער האָט אײַנגעקויפט ביי די גאַסן־בוכהענדלערס און פאַר אונדז לויבן די טיפע חכמה פון די אָריענטאַלע מענטשן. און ווען ס'האָט פּאַסירט, אַז טעמע איז פּלוצעם אַריינגעפאַלן אין צימער, אומקערנדיק זיך פון עפּעס אַ געפערלעכער רייזע אין די ווייטע מקומות, פלעגט מרדכי מיט אַ מאָל פאַריונגערט ווערן און מיט זיינע שטיפערייען אָנשטעקן די גאַנצע סביבה. אָבער אויך טעמע פלעגט נישט פאַרגעסן מיטצוברענגען אַ ביסל בעז־בלימעלעך פון פרעמדע ביימלעך און אין צימער האָט אַ בלאָז געטאָן אַ ווינטל פון ווייטן פרילינג" — האָט געשילדערט י. צוקערמאַן.[41]

מרדכיס מחשבה האָט דעמאָלט אַרויסגעשוועבט נישט בלויז צום בעסערן עבר, נאָר אויך צו אַ פרייען מאָרגן. און פאַר אים איז ער מחויב געווען צו פאַרזיכערן אַ זכר פון דעם גרויליקן היינט. געשטויסן דורך זיין מערק־ווירדיקער אינטויציע, ווי ער וואָלט געשפּירט די אָגרוקנדיקע געפאַר, האָט ער צוויי טעג פאַר דעם אויסברוך פון דער פאַרטיליקונגס־אַקציע אין וואַרשע, צונויפגעזאַמלט די וויכטיקסטע מאַטעריאַלן, וואָס ער האָט געהאַט אונטער דער האַנט, דהיינו: אַ טייל פונעם „דרור״־אַרכיוו, צווישן זיי פון



דער לעצטער אויסגאַבע „אינערלעכע קאָרעספּאָנדענץ", [42] עטלעכע נומערן פון די „ידיעות", אייניקע כתבים פון דעם דיכטער יצחק קאַצענעלסאָן און דאָס אַלץ באַגראָבן אין אַ קאַסטן אויפן הויף פון קיבוץ, דזשעלנע 34. צו דעם אַלעם האָט ער צוגעלייגט אַ האַנטשריפטלעכע נאָטע, אין העברעיש, מיט דעם פאָלגנדיקן תוכן:

20־טער יולי 1942

מ׳גרייט מאַטעריאַל פאַרן נומער 12. מ׳האַלט ביים אויסברייטערן און פאַרבעסערן די „ידיעות". אויב מיר וועלן באַוויזן — ס׳איז אַלץ „בעסער" — וועלן מיר זיי אַרויסגעבן.

די צאָל לייענער — בערך — 1000. די צאָל עקזעמפּלאַרן — ביי אַ 60. די פּאָפּולאַריטעט איז זייער גרויס אין פאַרשידענע קרייזן — מ׳בענטשט זיי, מ׳גיט איבער פון האַנט צו האַנט א. ז. וו.

און שלום צו דעם „פאָרשער", וואָס וועט זיי ווידער אַרויסברענגען אויף דער ליכטיקער שיין.

מ. ט.

די ברכה פאַר דעם „פאָרשער" — ממש ווי אַ מיסטישער האַנטדרוק, דערלאַנגט צו אַ צוקונפטיקן יידישן היסטאָריקער, איז אַ ביז גאָר כאַראַקטעריסטישער און רירנדיקער אויסדרוק פון דער פאַרבינדונג פון דורות, וואָס מרדכי האָט באַשיימפּערלעך געפילט.

קאַפּיטל ניינצן

די ערשטע ליקווידאַציע־אַקציע

זעלבסטמאָרד פון אינזש. א. טשערניאַקאָוו

דעם 22־טן יולי 1942, „אין מיטן פון די שטורמישע טעג און דער־וואַרטונג פון גרויסע מעשים״ [1] איז אויסגעבראָכן די ערשטע, לאַנג דויערנדיקע אַקציע אין וואַרשע.

די אָקופּאַציע־מאַכט האָט אַראָפּגעבראַכט פון לובלין אַ ספּעציאַליסט אין יידן־מאָרד, דעם אָבערשטורמפירער ד. העפלע פון „איינזאַץ־רייַנהאַרדט״ פאַרניכטונגס־איינהייטן.

דעם טאָג איז דאָס געטאָ אַרומגערינגלט געוואָרן מיט פאַרשידענע פאָרמאַציעס, צווישן זיי פון אוקראַיִנער, ליטווינער און אויך פון דער פּוילישער פּאָליציי. אַן אָפּטיילונג באַוואָפנטע לעטן אין שוואַרצע מונדירן, (וואָס דאָס אַליין האָט שוין אָנגעוואָרפן אַ טויט־שרעק) האָט דורכמאַרשירט דאָס געטאָ ביז צום „אומשלאַגפּלאַץ״ [2] (טראַנספּערפּלאַץ). שפּעטער זענען אויך אַריין איינהייטן פון דער יידישער פּאָליציי, וואָס האָבן אָנגעהויבן צו בלאָקירן די גאַסן און הייזער.

אויף די מויערן האָבן זיך באַוויזן מעלדונגען וועגן דער „אויסזידלונג״ אויף מזרח מיט אָנווייזונגען, וואָס יעדער איינער קאָן מיט זיך מיטנעמען, דהיינו: 15 קילאָגראַם באַגאַזש, געלט און ווערטזאַכן. דער באַפעל איז נישט חל געווען אויף די אַרבעטערס אין די דייטשע אונטערנעמונגען, די אָנגעשטעלטע פונעם יודנראַט, פון די סאָציאַלע אינסטיטוציעס, יידישע פּאָליציי אדג״ל, אַלע די אויסגערעכנטע קאַטעגאָריעס מיט זייערע משפחות.

העפלע מיט זיין שטאַב איז אַריין אין יודנראַט (אויף גזשיבאָווסקע 25, אין לאָקאַל פון דער געוו. קהילה) און געפאָדערט דעם טאָג פאַר „איבער־זידלונג״ אַ טראַנספּאָרט פון 6000 מענטשן „נישט־נוצלעכע פאַר דער געזעלשאַפט״. אינזש. א. טשערניאַקאָוו האָט באַלד צונויפגערופן אַלע מיטגלידער.

„...די לעצטע זיצונג פון וואַרשעווער יודנראַט״ — אַזאַ נאָטיץ האָט מ. טענענבוים שפּעטער געמאַכט אויף אַ דאָקומענט, וואָס באַציט זיך צו יענע געשעענישן. [3] אין דעם דאָזיקן זאָגט זיך, אַז עס האָט געזאָלט אַרויס־געפירט ווערן דער עלעמענט פון די פּליטים־פּונקטן, אַ דעקלאַסירטער, אַן באַשעפטיקונג, וואָס איז, לויטן יודנראַט, געווען „אַ שלעכטער״ און

אויף די אַרעסטאַנטן פון די׳ תפיסות, אָבער שפּעטער — נאָך דעם ווי ער האָט אונטערגעשריבן זיין הסכמה — „האָט זיך טשערניאַקאָוו געכאַפּט, אַז מ׳האָט אים אָפּגענאַרט״.

צו מאָרגנס האָבן אים די דייטשן איבערגעגעבן אַ פאַראָרדענונג, נאָך וועלכער ער האָט איינגענומען ציאַנקאַלי (סם). טשערניאַקאָוו האָט אָנגערופן טעלעפאָניש צו זיין פרוי, איר געוואָלט עפּעס איבערגעבן, אָבער שוין נישט באַוויזן — ער איז אַוועקגעפאַלן אַ טויטער. לויט אַן אַנדערן קוואַל, האָט ער יאָ אויפגעקלערט דעם סוד פון יענעם געשפּרעך. ס׳זענען געפונען געוואָרן צוויי בריוולעך: איינס צו דער פרוי, אין וועלכן ער בעט זי זאָל אים מוחל זיין, אָבער ער קאָן נישט אַנדערש האַנדלען און אַ צווייטס מיט די ווערטער: — „מען פאָדערט אויף מאָרגן צען טויזנט, דערנאָך צו זיבן טויזנט״.[4]

דער זעלבסטמאָרד פונעם „יודענעלטעסטן״ האָט מוראדיק אויפגערו־דערט דאָס געטאָ. דער קעמפערישער אונטערערד האָט קריטיקירט זיין דראַמאַטישן טאַט, מ׳האָט דערוואַרט פון אים אַ מער געזעלשאַפטלעכע שטעלונג — דהיינו — צו וואָרענען דעם ישוב וועגן דעם פאַרנעם פון דער פאָרשטייענדיקער גזירה.

דער מאַסן־גירוש

דאָס דורכפירן פון דער דעפּאָרטאַציע איז איבערגעגעבן געוואָרן דעם קאָמענדאַנט פון דער געטאָ־פּאָליציי, דעם משומד און שונא ישראל י. שערינסקי און זיין פאַרטרעטער, אַדוו. י. לעיקין.[5]

די דייטשן האָבן געלאָזט אין גאַנג זייער אָפּנאַר־אַפּאַראַט מיט באַ־רויִקנדיקע פאַרזיכערונגען און גאַראַנטיעס „מיטן ערן וואָרט״, אַז די אַרויסגעפירטע וועט קיין שום שלעכטס נישט געשען — זיי פאָרן אויף אַרבעט...

די ערשטע זענען גענומען געוואָרן אונטערן מערדערישן חלף די שוואַכע און שוצלאָזע: אַרעסטאַנטן, זקנים, פּליטים, יתומים און קינדער.

אין יענע טעג איז אַוועק בראש פון זיין אַנשטאַלט דער וווּנדערלעכער מענטש, שרייבער און פּעדאַגאָג, ד״ר יאַנוש קאָרטשאַק, וואָס האָט אָפּגע־וואָרפן דעם פאַרשלאָג אַליין זיך אַרויסצוראַטעווען פון די גאַז־קאַמערן.

דערשיטערט ביז די נשמה־טיפענישן פון דעם אויפטרייסלענדיקן בילד פון די צאַרטע גפשלעך, געטריבענע צום טויט, האָט דער דיכטער י. קאַצענעלסאָן אָנגעשריבן זיין ליד „די ערשטע״:

„זיי זען׳ געווען די ערשטע אומצוקומען, די יידישע,
די קינדער, אַלע זיי, דאָס רוב
אָן טאַטע־מאַמע, קינדער אויפגעגעסענע פון קעלט,
פון הונגער און פון לייז,
משיחים הייליקע, געהייליקטע איןליידן... אַ זאָגט,
פאַרוואָס די שטראָף ?
פאַרוואָס אין אומקום־טעג די ערשטע צאָלן אים,
דעם בייז, דעם העכסטן פּרייז ?"

(„דאָס ליד פונעם אויסגעהרג׳עטן יידישן פאָלק")

אין דעם ערשטן עטאַפּ האָט די יידישע פּאָליציי אַרומגערינגלט די הייזער אונטער דער אויפזיכט פון די דייטשן און באַפוילן אַלעמען אַרויס־צוגיין אויפן הויף, ווו מ׳האָט קאָנטראָלירט די לעגיטימאַציעס. ווער עס האָט נישט באַזיצט אַזעלכע, איז אַרויפגעשטופּט געוואָרן אויף אַ וואָגן און אָפּגעפירט אויפן אומשלאַגפּלאַץ.

אין אָנהייב פון גירוש איז בכן אַ פּאַסיקע צייגעניש געווען אַ ווירקזאַם מיטל זיך אָפּצוראַטעווען. אַזוי ווי אין ווילנע, האָט זיך דאָ אָנגעהויבן אַ משונהדיקער געיעג נאָך אַ קען־קאַרטע, (AUSWEIS). דער „יידישער הילפס־קאָמיטעט" האָט זיך באַמיט צו באַזאָרגן מיט לעגיטימאַציעס די מענטשן, וואָס זענען געווען אויסגעשטעלט אויף דער געפאַר פון דעפּאָר־טאַציע. אָבער די מעגלעכקייטן זענען געווען זייער באַגרענעצטע. נאָך אַזאַ „סגולה־פּאַפּירל"[6] האָט זיך געריסן אַ המון מענטשן, וואָס האָבן אויסגע־פילט דאָס גאַנצע הויז און די גאַנצע גאַס. דאָס האָט טאַקע אויסגענוצט די יידישע פּאָליציי און פון דאָרט פון צייט צו צייט פאַרכאַפּט הונדערטער מענטשן. פון דער געשאַפענער בהלה האָבן אויך גענאָסן אַפּעריסטן און פּאַר אַ גרויסן אָפּצאָל פאַרזיכערט דאָקומענטן פון כלומרשט ביי אַנטשטאַ־נענע אַרבעטס־פּלעצער.

מ. טענענבוים, וואָס האָט געהאַט נאָך פון ווילנע אַ דערפאַרונג אין פאַלסיפיצירן „שיינען", איז תיכף צוגעטרעטן צו פאַבריצירן אויך דאָ אַזוינע פּאַפּירן. ער האָט אויסגעזוכט געהעריקע פאָרמולאַרן און משה רובין, אַ מיטגליד פון קיבוץ אין גראָכאָוו, אַ פּליט פון דייטשלאַנד, אַ זייער פעיִקער גראַפיקער, האָט זיי נאָכגעמאַכט פּערפעקט. אַזעלכע לעגי־טימאַציעס זענען פאַרטיילט געוואָרן צווישן טויזנטער יידן, וואָס זענען אַרונטערגעפאַלן אונטער דער קאַטעגאָריע פון „אומפּראָדוקטיווע עלעמענטן".

אָבער דער קאָנטינגענט, וואָס האָט געדאַרפט צוגעשטעלט ווערן איז כסדר געשטיגן און עס איז שווער געוואָרן אים צו ליפערן, וואָרעם אַ

גרעסערע צאָל יידן האָבן זיך געקענט אויסלעגיטימירן מיט פאַלשע צייגענישן און אַ טייל, אָנגערעגט דורך די אונטערערדישע אַגיטאַטאָרן, האָבן זיך פאַרשטעקט אין באַהעלטענישן. די פאָליציי, נישט קענענדיק צושטעלן דעם הויכן, באַשטימטן סכום „קעפּלעך" (פאַר דעם פּרייז האָבן די דייטשן צוגעזאָגט נישט צו רירן זיי מיט די משפחות), האָט פאַרלוירן יעטוועדן איינזען און מיט רציחה געכאַפּט ווער ס'איז נאָר אונטערגעקומען.

מיט דער פאַרקלענערונג פון דער צאָל „פּריוויליק" צוגעשטעלטע, האָבן זיך פאַרשטאַרקט די „בלאָקאַדעס": אין די שטרענג אָפּגעשלאָסענע, באַוואַכטע גאַסן, האָבן די דייטשע פאַרניכטונגס־קאָמאַנדעס, באַגלייט פון באַוואָפנטע ליטווישע אָדער אוקראַינישע פאַשיסטן, אַרומגערינגלט יעדעס הויז און מיט דער הילף פון דער יידישער פאָליציי געטריבן אַלע איינ־וווינערס אַראָפּ. מ'האָט אויפגעריסן טירן און טויערן, געזוכט אויף די דעכער, אַריינגעקוקט אין די קוימענס, געשאָסן אויף אָפּצושרעקן. ס'זענען אָנערקענט געוואָרן נאָר לעגיטימאַציעס פון די באַשעפטיקטע אין דייטשע וואַרשטאַטן, די באַזיצערס פון אַנדערע זענען געיאָגט געוואָרן אין גרעסערע פּאַרטיעס, אונטער אַ שטאַרקן טעראָר צום אומשלאַגפּלאַץ, אָדער גלייך אין די וואַגאָנען אַריין. אויך די שאָפּן האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין פאַסטקעס, פון וואַנען עס זענען פאַרכאַפּט געוואָרן פון די בעסטע פאַכמענער.[7]

ביי אַזעלכע אומשטאַנדן איז געוועזן זייער געפערלעך אַרויסצוגיין אויף דער גאַס, אָבער מרדכי איז אַרומגעגאַנגען אין די שעהן פון דער גרעסטער געפאַר, אויסגעזוכט מענטשן, אָנגעבונדן קאָנטאַקטן און אויפגעפאָדערט די געזעלשאַפטלעכע מנהיגים צו קאָנקרעטע מעשים.

רופן צו אַ קאָנטראַקציע

באַלד ביים אָנהייב פון דער „עוואַקואַציע" איז צונויפגערופן געוואָרן אַ דרינגענדיקע באַראַטונג פון די פאַרשידענע פּאָליטישע און געזעלשאַפט־לעכע קרייזן אין געטאָ, כדי צו באַטראַכטן די מיטלען, וואָס דאַרפן אָנגענומען ווערן. דער געזעלשאַפטלעכער ראַט האָט ווידער אָפּגעוואָרפן די לאָזונג פון אַקטיוון קעגנשטעלן זיך. מ'האָט זיך אַלץ גערעכנט מיט די דייטשע ווערסיעס וועגן אָפּשטעלן די אַקציע נאָכן דערגרייכן 50—70 טויזנט יידן און געמיינט, אַז מיט געהאָרכזאַמקייט וועט מען פאַרהיטן דאָס געטאָ פון נאָך אַ גרעסערן בראַך און אָפּראַטעווען לכל הפחות די „פאַר־זיכערטע" עלעמענטן, וואָס אַרבעטן אין די דייטשע אינדוסטריע־אונטער־נעמונגען.

— „אויב איר וועט באַשליסן עפּעס אַליין, זייט וויסן, אַז דאָס לעבן פון אַלע יידן איז אין אייערע הענט לחיים און למות און די געשיכטע

וועט אײַך משפּטן"[8] — האָבן די דערשיטערטע כּלל-טוערס גערעדאָט און געטאַדלט די חלוצישע און אַנדערע קאַמפּס-אָנהענגערס.

אין זײַן בריוו צו דער הסתדרות האָט טענענבוים אינפֿאָרמירט די חברים אין א"י וועגן די דראַמאַטישע רופֿן צו אַ קאָנטראַקציע (אַ טערמין, וואָס ער האָט געשאַפֿן און האָט זיך אָנגענומען[9]) און די פּרוּוון אַזאַ צו אָרגאַניזירן. — „מיר וואָלטן דעראָבערט וואָפֿן, פֿון אַ לויערונג „קען מען הרגענען דעם מערדער, נישט דווקא מיט אַ ביקס אָדער אַ רעוואָלווער"[10] — האָט ער פֿאַרצייכנט אין דעם פּרט. עס זענען מאָביליזירט געוואָרן מיליטערישע גרופּעס, שטורעם-אָפּטיילונגען, צוגעגרייט אַ גענויער פּלאַן פֿון ווידערשטאַנד — און פֿאַרטיזאַנער-אַקטן, צינד- און אויפֿרייס-שטאָפּן; אין די גאַסן איז פֿונאַנדערגעקלעפּט געוואָרן אַגיטאַציע-מאַטעריאַל, פּלאַקאַטן, וואָס האָבן אויפֿגעקלערט, אַז דער וועג פֿירט נישט, „נאָך אָסטען צום אַרבייטס-אײַנזאַץ",[11] ווי עס זאָגן די דײַטשן, נאָר צום טויט. זיי האָבן אַפּעלירט צו די ייִדן צו באַהאַלטן די פֿרויען און קינדער און אַליין זיך קעגנצושטעלן, צו פֿאַרטיידיקן דאָס אייגענע לעבן, די נאַציאָנאַלע און מענטשלעכע ווירדע.[12]

— „ערב דעם אַנטשיידנדיקן טאָג — ווערט געשילדערט אין המשך — פֿאַר דעם מאָמענט, ווען מיר האָבן געדאַרפֿט אויף זיך נעמען די אחריות פֿאַרן גורל פֿון די 400.000 ייִדן,[13] האָבן מיר נאָך אַ מאָל גערופֿן אויף אַ זיצונג די „חשובֿע" פֿון דער שטאָט. דאָס איז נישט געווען אַזוי לײַכט. נישט מעגלעך געווען זיי צו געפֿינען. פֿון 22-טן יולי זענען זיי אַלע נעלם געוואָרן. זיי האָבן זיך אויסבאַהאַלטן. די אינסטיטוציעס זענען געשטאַנען ליידיק... נאָר מיר זענען אַרומגעגאַנגען אין גאַס. האָט מען אונדז געכאַפּט — זענען מיר אַנטלאָפֿן. ס'זענען געווען אַזעלכע, וואָס אַ צען מאָל זענען זיי געכאַפּט געוואָרן און זיי זענען אַנטלאָפֿן. ס'האָט זיך פֿאַרוואַנדלט אין אַ מין ספּאָרט. מענטשן זענען אויך אַרײַנגעפֿאַלן. אָבער מיר האָבן געמוזט אומעטום אַרומגיין, זען, צוגרייטן. מיר האָבן זיך פֿאַרזאַמלט בײַ נאַכט, מ'ציטערט פֿאַר שרעק. „האָט רחמנות",[14] טוט גאָרנישט! אַזוי וועט מען אַרויספֿירן עטלעכע צענדליקער טויזנט און אויב איר וועט אָנהייבן — וועט מען אונדז פֿאַרניכטן ביזן סוף. ווילט איר אויף זיך נעמען די פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט פֿאַרן בלוט פֿון הונדערטער טויזנטער ייִדן? און צוליב וואָס — צוליב אַ שיינעם זשעסט פֿאַר דער געשיכטע? מיר ווייסן קלאָר: אין דריי טעג אַרום וועט די אַקציע אָפּגעשטעלט ווערן. דער באַשלוס: וואַרטן".

צוזאָב-פּרטים בנוגע דער דאָזיקער זיצונג ברענגט אין זײַנע זכרונות דער דערמאָנטער ה. בערלינסקי. הגם עס פֿעלט אויף דעם אָרט די גענויע

דאָטע, דרינגט אָבער אַרויס פון דעם קאָנטעקסט, אַז זי איז פאַרגעקומען נאָכן אויסברוך פון דער אַקציע און צווישן דעם 22־טן און 28־טן יולי, דאָס מיינט, אין דער צייט, צו וועלכער טענענבוים האָט זיך באַצויגן.

לויט בערלינסקיס פאַרצייכענונג[15] האָבן דעמאָלט אָנטייל גענומען: זאַגאַן, אָזשעך, בלום, לעוואַרטאָווסקי, רינגעלבלום, גיטערמאַן, א. לאַנדוי, קירשענבוים, שיפּער, רב זישאַ פרידמאַן, יידן פון לובלין א״א, וואָס זייערע נעמען ווערן נישט אָנגעוויזן. די באַראַטונג איז געשטאַנען אונטער דער השפּעה פון די קעגנערס פון פאַרטיידיקונג — פון דעם רב פרידמאַן און ד״ר שיפּער. דער ערשטער האָט אויסגעדרוקט זיין טיפע אמונה אין גאָט און אַ נס, וואָס וועט קומען און נישט דערלאָזן צו פאַרניכטן דאָס פאָלק ישראל. דער קאַמף קעגן די דייטשן וועט דערפירן צו אַ באַלדיקן אומברענג. — „נאָר געדולד, בטחון אין דעם אויבערשטן און מ׳וועט דערלעבן די פרייהייט״ — איז געווען זיין גלויבן און שטעלונג.

אויך ד״ר שיפּער איז געווען קעגן אַ ווידערשטאַנד, ווייל דאָס וועט דערפירן צו אַ פולשטענדיקער ליקווידאַציע פונעם געטאָ. ס׳איז אַ מלחמה, אַלע פעלקער ברענגען קרבנות און אויך די „יידן מוזן דאָס טאָן, כדי צו פאַרהיטן דעם קערן פון פאָלק אין וואַרשעווער געטאָ״.

די פאַרזאַמלטע זענען זיך צעגאַנגען מיט דער כוונה צו באַגעגענען נאָך אַ מאָל און ממשיך צו זיין דעם וויכוח, אָבער דער לויף פון די געשעענישן האָט נישט דערלויבט אויף ווייטערדיקע צוזאַמענטרעפן.

טענענבוים ווייזט אָן אויף נאָך אַ באַראַטונג, אָבער דער רוב טוערס איז אויף איר נישט געקומען. אַ טייל רעדנערס פון דער פריערדיקער זיצונג זענען אַנטלאָפן אויף דער אַרישער זייט. מיט טיפן צער און צאָרן קוקט ער זיך צו צו די טויזנטער יידן, וואָס ווערן יעדן טאָג אַרויסגעפירט צום טויט און וואָס מעלדן זיך אַפילו „גוטווילִיק״, געטריבן פון יאוש און עקסטרעמען הונגער, געלאָקט דורך די צוגעטיילטע דריי קילאָ ברויט מיט אַ קילאָ מאַרמעלאַד און איינגעגלויבט אין די ליגנערישע מאַנעווערס פון דער דייטשער מאַכט מיט אירע מיטהעלפערס. די אומגעהייערע אָנשטרענגונגען פון דעם רעוואָלטירנדיקן אונטערערד אַרונטערצורייסן די אָפיציעלע פאַרפירערישע ווערסיעס און אָנצווייזן די גרויזאַמע באַשטימונג פון די טראַנספּאָרטן, האָבן לכתחילה געהאַט אַ קליינע פּעולה.

— „נישט איין מאָל קאָנסטו נישט באַהערשן דיינע נערוון — נישט אַריינצוגיין אין טראַנספּאָרט, גיין מיט אַלע, טיילן זייער גורל, טראָגן דעם זעלבן קרייץ״ — האָט מרדכי געקלאָגט אויף דעם שוידערלעכן אומגליק.

אגב, פלעגן די געהיימע באַראַטונגען פאָרקומען בדרך כלל אויף לעשנאָ 52־54, אין דער דירה פונעם ציוניסטישן מנהיג מנחם קירשענבוים,

וואָס האָט זיך געפֿונען נאָענט פֿון טעבענס „שאָפּ“ און זײַער צענטראַלן ביוראָ. דאָרט, אויפֿן גרויסן הויף האָבן זיך אויך באַגעגנט די אָנפֿירנדיקע פּערזענלעכקייטן אין געטאָ־לעבן, ווי י. גיטערמאַן, ד״ר י. שיפּער, ד״ר ע. רינגעלבלום, י. קאַצענעלסאָן, מ. אַניעלעוויטש, א. בלום און בכלל פּאַר־שטייערס פֿון פֿאַרשידענע גרופּירונגען, אויך פֿון „החלוץ“, צווישן זיי מ. טענענבוים.[16] פֿון דעם פּונקט איז לײַכטער געווען זיך אַרויסצובאַקומען אויף דער אַרישער זײַט.

דאָס פֿאַרשווינדן פֿון די כלל־טוערס פֿון עפֿנטלעכן לעבן, האָט טענענ־בוים קאָמענטירט מיט אַ סך פֿאַרביטערונג. — „ מיר האָבן פֿאַרגעשלאָגן אַ דעמאָנסטראַציע פֿון די דאָזיקע לעבעדיקע מתים, אויפֿברעכן די געטאָ־מויערן, איבערגיין אויף דער צווייטער זײַט. אַ דעמאָנסטראַציע מיט טראַנס־פּאַרענטן, אַ שטומען פּראָטעסט פֿון מענטשן, געפֿירטע צום טויט, וואָס קענען זיך נישט פֿאַרטיידיקן, ווײַל זיי האָבן נישט קיין וואָפֿן... מיר זאָלן גיין בראש“ — אַזוי ליאַרעמט מרדכי אין דער טראַגישער הילפֿלאָזיקייט. אַלע האָבן געשוויגן — האָט טענענבוים ווײַטער ראַפּאָרטירט צו זײַנע חברים — נאָר איינער, דער שטאָט־רבֿ, האָט געענטפֿערט, אַז די תורה פֿאַרווערט זעלבסטמאָרד... מ׳דאַרף „אָפּוואַרטן... ראַטעווען, וואָס ס׳איז מעגלעך“.

די פֿאַראייניקאַמטע און געטאַדלטע קאָמפּראָפּערס האָבן דאָך נישט גערוט. די גרופּירונגען פֿריִער באַטייליקטע אין „אַנטיפֿאַשיסטישן בלאָק“, האָבן צוזאַמען מיטן „בונד“ געשאַפֿן אַ געמיינזאַמען אַרבעטער־קאָמיטעט, וואָס האָט געדאַרפֿט נעמען אויף זיך די אחריות פֿאַרן גורל און כבוד פֿונעם געטאָ, אָבער די פֿאַרטיליקנדיקע סטיכיע, וואָס האָט מיט אַ געוואַלדיקן כוח אַרויסגעריסן איין אבר נאָכן צווייטן פֿון דעם געטאָ־אָרגאַניזם, האָט אויך נישט דערמעגלעכט דעם אַרבעטער־קאָמיטעט עפּעס אויפֿצוטאָן, נאָך מער, אַז ער איז באַלד דעקאָמפּלעטירט געוואָרן. ס׳איז אויך נישט אָנגע־קומען דאָס צוגעזאָגטע געווער.

די יידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע

די אַלע דורכגעפֿאַלענע פּרוּוון האָבן דאָך נישט אָנגעוואָרפֿן קיין מאַכטלאָזן יאוש אויף די יידישע פּאַטריאָטן. דאָס בלוטיקע פֿאַרברעכן האָט געפֿאָדערט אַ ווירדיקן אָפּוועך, איידער דאָס גאַנצע פֿאָלק וועט אויס־געהרגעט ווערן. דעם 28־טן יולי איז צונויפֿגערופֿן געוואָרן אַ זיצונג פֿון „החלוץ“ מיטן אָנטייל פֿון „דרור“, „השומר הצעיר“ און „עקיבא“. ס׳איז אָפּגעשטימט געוואָרן אַ גורלדיקער באַשלוס צו שאַפֿן אַ קאַמפּס־אָרגאַני־זאַציע. פֿון די פֿאַרגעשלאָגענע נעמען מיט די עפּיטעטן „ציוניסטישע“,

„חלוצישע", „יידישע", איז אָנגענומען געוואָרן דער לעצטער, וואָס איז פון אינטעגראַלן כאַראַקטער. אַזוי אַרום איז אַנטשטאַנען „די יידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע", יי. ק. אָ. — Żydowska Organizacja Bojowa) (Ż. O. B. צו דער ערשטער קאָמאַנדע פון דער אָרגאַניזאַציע האָבן גע־הערט: י. צוקערמאַן, צ. לובעטקין, מ. טענענבוים, יוסף קאַפּלאַן און שמואל ברעסלאַוו.[17] אויף דעם אופן איז אויפגעקומען דער קאַמפּס־אַפּאַראַט, וואָס איז געוואָרן די פאַרקערפּערונג פון ווידערשטאַנדס־גייסט און דער צענטראַלער אָרגאַניזאַטאָר פון דער יידישער רעזיסטענץ אויפן גאַנצן שטח פון אָקופּירטן פּוילן און ליטע. שפּעטער איז אין איר שפּיץ אַוועקגעשטעלט געוואָרן מרדכי אַניעלעוויטש, וועלכן די „גענעראַלסקע" פעיקייטן האָבן פאַר־וואַנדלט אין דעם קאָמאַנדיר פון אַלע קעמפערישע כוחות אין וואַרשע.[18]

— „מיטן גרינדן די אָרגאַניזאַציע האָבן מיר געפילט, אַז עס איז געקומען אַ סוף צו אונדזערע נשמה־ראַנגלענישן; געווען איז אין דעם אַ מין אָפּשלוס פון דער גאַנצער פּרשה וואַקלענישן און ספקות, וואָס האָבן אונדז געמאַטערט אַזאַ לאַנגע צייט. איצט האָבן מיר געוווּסט, אַז מיר האָבן זיך נישט מער צו שטיצן אויף דער הילף מצד די „פּני" פון דער געזעלשאַפט, פון אירע „מנהיגים" און אַז מיר דאַרפן מיט אונדזערע איי־גענע כוחות אָנהייבן אַן שרעק אַ באַוואָפנטן ווידערשטאַנד. עס איז נאָר געבליבן אויפצוקלערן דעם וועג פון קאַמף — ווי אַזוי מיר וועלן קעמפן, אָבער פון אַלע דיסקוסיעס איז ווייניק וואָס אַרויסגעקומען. מיר האָבן געהאַט אין אונדזער באַזיץ בלויז צוויי רעוואָלווערן"...[19] — אַזוי האָט גע־שילדערט צ. לובעטקין יענע טעג פון גרויסע אַמפערנישן און באַשלוסן.

מיט אַ באַנייטן ענטוזיאַזם האָבן זיך די יוגנטלעכע אַריינגעוואָרפן אין דער אויפקלערונגס־אַרבעט. חוץ די אויפרופן, זענען אָפּגעדרוקט געוואָרן טויזנטער בריוו און צעשיקט אין די הייזער מיט אַ וואָרענונג זיך אויס־צובאַהאַלטן און קעגנצושטעלן די רוצחים. אויך די „פּינפטלעך" זענען פיבערדיק מושטרירט געוואָרן.

אין דער זעלבער ריכטונג זענען געגאַנגען די אָנשטרענגונגען פון אַנדערע קעמפערישע גרופּירונגען. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ וואַקסנדיקע באַוועגונג צו פאַרשטעקן זיך אין אַלערליי באַהעלטענישן און אויך מער ווידערשטאַנד־אַקטן פון אינדיווידועלן און קאָלעקטיוון כאַראַקטער.

אַ באַזונדערע פאָרעם פון אַקטיוון און אָרגאַניזירטן אָפּוועהר האָבן געבראַכט צום אויסדרוק די זעלבשוץ־גרופּעס, וואָס האָבן זיך מאָביליזירט אַרויסצורייסן און אָפּצושלאָגן די געכאַפּטע קרבנות. זייער אָפּט זענען דערביי אַריינגעפאַלן די רעטערס אַליין.

אין זיינע נאָטיצן האָט ד"ר רינגעלבלום אונטערגעשטראָכן דעם פאַקט,

אַז די יוגנט איז געווען „די איינציקע, וואָס איז געבליבן אויפן שלאַכט־פעלד" און ער האָט זי דעמאָלט באַצייכנט מיט די עפּיטעטן „ראָמאַנטיקער, פאַנטאַזיאָרן".[20] דאַקעגן האָט דער אָרגאַניזאַטאָר און קעמפער ט. באָזשי־קאָווסקי געשריבן, אַז „די רומפולע געשיכטע פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע שפּאַרט זיך אָן נאָך אין יענע טעג פון דער ערשטער פאַר־ניכטונגס־אַקציע, ווען די גרופּן פון „דרור" און „השומר הצעיר" האָבן דורכגעפירט סאַבאָטאַזש־אַקטן, בכדי צו שטערן די דייטשן אין זייער אויסראָטונגס־אַרבעט".[21]

גלייכצייטיק זענען אַרויסגעשיקט געוואָרן אויף דער אַרישער זייט רעפּרעזענטאַנטן, וואָס האָבן געמאַכט מאַקסימאַלע אָנשטרענגונגען צו באַקומען געווער.

מרדכיס מוטער צווישן די קרבנות

טענענבוים איז אַזוי געווען פאַרזונקען אין זיינע פּילצאַליקע פונקציעס פון גרויען פאַרטאָג ביז שפּעט אין דער נאַכט, אַז ער האָט אויפגעהערט צו באַזוכן זיין מוטערס הויז.

אין איין פרימאָרגן, באַגינען, — געווען איז דאָס דעם 10טן טאָג פון דער אַקציע, אַ פרייטיק — איז די מוטער געקומען צו לויפן צו אים אַ פאַרבענקטע, מיט אַ טראַגישן אומרו אין האַרצן, אַ געיאָגטע פון אַ פאַרכטיק פאַרגעפיל. זי האָט איר זון און זיינע חברים געבראַכט עסן — זיכער אָוועקגענומען זיך דעם ביסן פון מויל. אַ פאַרציטערטע און פאַר־וויינטע האָט זי מרדכין געקושט און געבעטן, ער זאָל קומען צו איר. מרדכי האָט איר דאָס צוגעזאָגט, מורא געהאַט זי צו לאָזן אַליין אַהיים גיין, ווייל 7 אַ זייגער פלעגט מען שוין אָנהייבן צו כאַפּן (זי האָט געהאַט אַלערליי לעגיטימאַציעס, אָבער דאַמאָלס האָט מען זיך שוין מיט זיי נישט גערעכנט) און זי אָפּגעפירט ביזן טויער. נאָכן דערליידיקן עטלעכע ענינים אין גאַס, האָט ער זיך אומגעקערט אין זיין וווינונג. באַלד דערנאָך איז אַריינגעלאָפן אַרמין לאַקס, אַ יונגער אַקטיוויסט פונעם קיבוץ, מיט אַ געשריי: „מרדכי, מ'האָט צוגענומען דיין מאַמען!!!"

מרדכי איז תיכף אַוועקגעלאָפן אויף לעשנאָ, אויפן „אומשלאַגפּלאַץ". ער האָט געזוכט אומעטום, צוגעזאָגט געלט דעם פּאָליציאַנט, אָבער אומ־זיסט. אפשר האָט זי מורא געהאַט זיך אָנצורופן? נאָר פון דעם לאַסטוואָגן האָט זי אַרויסגעשריגן צו אַ דורכגייער: „גיט צו וויסן אויף דזשעלנע 34". דער דאָזיקער האָט דערפילט איר בקשה „אין גאַרנישט"... — האָט דער־ציילט מרדכי אין פּיין פון הילפלאָזיקייט און צוגעגעבן, זעט אויס געמאַ־טערט דורך געוויסן־ביסן, אַז ער האָט נישט געטאָן אַלץ, כדי די מוטער

אַרויסצוראַטעווען, ווייל פריער צי שפּעטער האָט זי געמוזט אַריינפאַלן, „ווי יעדער פון אונדז מוז אַריינפאַלן — אויף אַזאַ אָדער אַנדערן אופן". —

מרדכי האָט זיך אומגעקערט אַהיים — האָט דערציילט וועגן דער דראַמאַטישער געשעעניש י. צוקערמאַן — „אַן אויפגערעגטער, אַ שווייגנ־דיקער און געזאָגט צו אונדז: „אַ מאַמעס האַרץ". אויפן טיש זענען געלעגן נאָך נישט קיין אויסגעפּאַרטיקטע דאָקומענטן און ער האָט זיך פּאַרטיפט אין דער אַרבעט". —

אין איינעם פון די פּיינלעכסטע און טראַגישסטע מאָמענטן אין זיין לעבן, איז מרדכי געווען בכוח צו פילן אין זיין פּערזענלעכן אומגליק אַ טייל פון דעם אַלגעמיינעם פאָלקס־חורבן. — „יעדן טאָג האָט מען אַרויסגעפירט טויזנטער מוטערס, פאָטערס, פרויען, קינדער. פאַרוואָס האָט אונדזער מוטער געזאָלט זיין אַן אויסנאַם?"[22] — האָט ער שפּעטער גע־שריבן צו דער שוועסטער אין זיין געזעגענונגס־בריוו, מיט אַ טיפער ווונד, וואָס האָט געאייטערט אין זיין האַרץ.

אַזוי איז די מוטער אַרויסגעפירט געוואָרן קיין טרעבלינקע און ער, מרדכי, איז געגאַנגען גרייטן אַ „קאָנטראַקציע". אַ קורצע צייט נאָך דעם זענען מיט דעם זעלבן מאַרטירער־וועג אַוועק אַ ברודער מיט אַן איינציק טעכטערל און אַ שוואָגער. מרדכי האָט זיך שוין דעמאָלט נישט געפונען אין געטאָ.

פאַרן פאַרלאָזן די שטאָט, האָט ער אויסגעפירט אַ פּיינלעכן קאַמפּס־אַקט — אייגנהענטיק אונטערגעצונדן זיין מוטערס דירה. דאָס איז געטאָן געוואָרן אין הסכם מיט אַן אַנגענומענעם באַשלוס פון דער יי.ק.אָ. צו פאַרברענען די אויסגעליידיקטע הייזער, כדי דאָס יידישע פאַרמעגן זאָל נישט אַריינפאַלן צו די תלינים. שפּעטער זענען אויך דורכגעפירט געוואָרן שרפות אין פאַרשידענע דייטשע ווירטשאַפטלעכע אָביעקטן — פאַבריקן, סחורה־מאַגאַזינען א"א. די ערשטע פלאַמען האָבן טאַקע פאַרשלונגען אַ טייל לעשנאַ־גאַס, ווו עס האָט זיך געפונען מרדכיס היים. נישט פאַרבליבן קיין שום מאַטעריעלער זכר פון דער מאַמעס שטוב... דאָס לעצטע ביסל האָב האָט מרדכי געלאָזט מיטן רויך און נאָר אַש זאָל דער שונא ירשענען נאָך די אומגליקלעכע, פאַרברענטע באַלעבאַטים...

שליחותן — אַטנטאַטן

טעמע, אין פּערמאַנענטן דינסט פון דער חלוצישער באַוועגונג, האָט זיך נישט דערלויבט לענגער צו פאַרבלייבן מיט מרדכין אין וואַרשע און איז אַרויסגעפאָרן קיין ביאַליסטאָק מיט אַ באַריכט וועגן דער אַקציע. מרדכי האָט געוווסט מיט וואָס פאַראַ אומגעדולד דער קיבוץ וואַרט

אויף אינפאָרמאַציעס. דאָס לעצטע מאָל איז טעמע דאָרטן געווען צוזאַמען מיט פרומקען. תמיד איז דאָס דערשיינען פון די שליחות געווען אַ וויכטיק געשעעניש פאַר די אָפּגעשלאָסענע חברים, וואָס האָבן געלעכצט נאָך ידיעות פון אַנדערע ישובים. — „וויפל פרייד, וויפל דערהויבענע מאָמענטן ביים טרעפן זיך, ביים באַקומען אַזעלכע נייעסן!... גרוסן פון שטעטלעך און שטעט, ווי פון יענער וועלט" — אַזוי האָט צ. בירמאַן דערמאָנט יענע באַגעגענישן.

איצט איז טעמע געקומען נאָך דעם, ווי דער קיבוץ איז אַ לענגערע צייט פאַרבליבן אָפּגעריסן, אָן אַ קאָנטאַקט מיטן דרויסן. אָבער די בשורות, וואָס זי האָט דאָס מאָל געבראַכט, האָבן אַלעמען אויפגעשוידערט. זיי האָבן באַוויזן, אַז די מערדערישע שווערד דערנענטערט זיך שוין אויך צו דעם ביאַליסטאָקער געטאָ.

דערפילט איר אויפגאַבע, האָט זיך געלאָזט טעמע ווייטער אין וועג אַריין. — „נישטאָ קיין צייט צו זיצן אויפן אָרט" — קאָמענטירט צפּורה איר וואַנדערישן אומרו. די פאַרבינדלערין איז אָפּגעפאָרן קיין גראָדנע, כדי דאָרט צו שטעלן די באַוועגונג אויף דער וואַך. אויך דער באַזוך איז זייער אַ קורצער, אָבער גענוג אויף אַריינצוברענגען אַן אויפברויז אין דער אָרטיקער טעטיקייט און צו אָריענטירן וועגן דעם אמתן, טראַגישן גאַנג פון דער אַלגעמיינער פאַרלענדונג.

פון גראָדנע האָט זיך טעמע אומגעקערט קיין וואַרשע מיט פרישע בשורות וועגן דעם מצב פון די געביטן, וואָס זענען געווען פאַרבונדן מיט מזרח־פּרייסן.

*

די אַקציע, וואָס האָט לאַנג געבושעוועט אין דער הויפּטשטאָט און פאַרשלונגען צ"א די לייטנדיקע ווידערשטאַנד־אָרגאַניזאַטאָרן, לעוואַרטאָווסקי און זאַגאַן, האָט אויך באַדראָט דעם קיום פון דעם חלוצישן אַקטיוו און באַוויגן צום באַשלוס אַרויסצושיקן אַ טייל חברים אויסערן געטאָ אויף דער אַגראַר־פאַרם אין טשערניאַקאָוו, ווו עס האָט זיך זינט 1940 געפונען אַ קיבוץ. דער יידנפריינדלעכער באַלעבאָס האָט איבערגעגעבן צו אַ גרופּע פון 70 חלוצים די פאַרוואָרלאָזטע ערד מיט אַ שטאַל און די יוגנטלעכע, וואָס זייער צאָל איז שפּעטער דערגאַנגען צו 170, האָבן פאַרוואַנדלט דאָס אָרט אין אַ בליענדיקעווירטשאַפט. דער שיינער, מוסטערהאַפטער קיבוץ איז אויך געוואָרן אַ שטיץ־פּונקט פאַר דער גאַנצער שטאָטישער אָרגאַניזאַציע. זיין טאָפּאָגראַפישע לאַגע האָט געגעבן אַ מעגלעכקייט זיך פרייער צו באַוועגן און אים באַשטימט ווי אַ צענטער פאַר דער אָרגאַניזאַציע אויף דער אַרישער זייט.

זייער שטורמיש איז געווען דער וויכוח וועגן דעם, ווער ס׳איז צום מיינסטן באַרופן אַהין אַרויסצוגיין. יעדער האָט געהאַלטן פאַר זיין חוב צו פאַרבלייבן אין געטאָ. אָבער לסוף זענען באַשטימט געוואָרן פרומקע און מרדכי. דאָס איז זיי גאָר נישט געווען צום האַרצן — „ווי אַזוי קאָן מען אין אַזאַ צייט פאַרלאָזן דאָס געטאָ, די חברים" — האָט מרדכי געטענהט. האָבן זיי טאַקע ביידע אָפּגעשלעפּט דאָס אַרויסגיין פון געטאָ.

טענענבוימס אויפגאַבע איז באַשטאַנען אין אויפשטעלן אַ קאַמפּס־איינהייט אין דער קיבוצישער פאַרם. פרומקע פּלאָטניצקאַ, לאה פּערל־שטיין [23] צוזאַמען מיט אריה ווילנער [24] און טאָסיע אַלטמאַן האָבן געדאַרפט מאַכן באַמיִונגען וועגן כלי־זין.

די שליחים האָבן אַנגעבונדן אַ קאָנטאַקט מיט די פּוילישע מיליטערישע קרייזן, מיט דער אָרגאַניזאַציע פון באַוואָפנטן קאַמף (Związek Walki Zbrojnej - Z. W. Z.), געגרינדעט פון דער פּוילישער לאָנדאָנער רעגירונג (שפּעטער זיך געביטן אויף „לאַנד־אַרמיי" — Armja Krajowa - A. K.), אָבער מחמת דער באַקאַנטער פּאָליטיק פון „וואַרטן" האָבן די אינטער־ווענצן דעמאָלט נישט געבראַכט קיין רעזולטאַטן.

*

אין צווישן איז די אַקציע אין וואַרשע צייטווייליק אָפּגעשטעלט געוואָרן. די דייטשע פאַרניכטונגס־קאָמאַנדע האָט זיך איבערגעטראָגן אין אַנדערע געגנטן. די יי. ק. אָ. האָט מיט אייפער געזוכט אויסצונוצן די לעבנס־פּויזע און גרייטן אָן אַקטיוון ווידערשטאַנד, ווי אויך פאַרשטעק־פּלעצער, מעלינעס. ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן צו פאַרטיידיקן זיך אין פאַל פון אַ באַנייטער דעפּאָרטאַציע. דערווייל האָט די יי. ק. אָ. אַרויסגעגעבן און אויסגעפירט די ערשטע אורטיילן איבער די צום מיינסטן קאָרומפּירטע און פאַרהאַסטע יידישע פאַררעטערס. דעם 21־טן אויגוסט האָט דער שרעקלאָזער ישראל קאַנאַל פון קיבוץ „עקיבא", וואָס האָט געלערנט די קעמפערס דעם באַנוץ מיט געווער, אַליין אָפּגעפייערט דעם ערשטן שאָס און שווער פאַרוווּנדעט דעם ברוטאַלן מיטהעלפער פון די נאַציס, דעם שעף פון דער געטאָ־פּאָליציי, י. שערינסקי. ספּעציעלע אויפרופן האָבן געמאָלדן דער עפנטלעכקייט וועגן דעם פּסק־דין און געוואָרנט אַנדערע פאַרקויפטע צו די שונאים מיט אַ האַרבער שטראָף פאַר מסירה. דאָס האָט געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק אויף די צעווייטיקטע געטאָ־רעשטלעך.

אויפן צווייטן טאָג נאָך דעם אַטענטאַט זענען דערהאַלטן געוואָרן פון דער „גוואַרדיאַ לודאָוואַ" דורך פרומקען און אריהן די אַזוי אומגעדולדיק דערוואַרטע פינף רעוואָלווערן און אַכט גראַנאַטן. זיי זענען אויסגענוצט געוואָרן פאַר אָנפאַלן אויף אַנדערע יידישע שפּיאָנען, ווי אויך אויף העכערע

געסטאַפּאָ־לייט. דער אָנגריף אויף דעם פּאָליציי־אָפּיציר און אכזריותדיקן קאָמענדאַנט פון אומשלאַגפּלאַץ, דעם צווייטן משומד שמערלינג, איז נישט געלונגען. אַ ביסל שפּעטער זענען דורך די יידישע קעמפערס ליקווידירט געוואָרן שערינסקיס פּאַרטרעטער י. לעיקין און י. פירסט פון דעם דעגע־נערירטן יודנראַט, וואָס איז נאָך טשערניאַקאָווס זעלבסטמאָרד געווען אונ־טערן פאָרזיץ פון אינזש. מ. ליכטענבוים; דער גזר־דין איז אויסגעפירט געוואָרן מיט אָנטייל פון שרה גראַנאַטשטיין, אַ מיטגלידערין פון דער „דרור"־גרופּע.[25]

די נקמה אין די נאַצישע קאָלאַבאָראַנטן האָט אַ ביסל אויסגערייניקט די געטאָ־אַטמאָספער און געדינט ווי אַ וואָרענונג פאַר די אַנדערע פאַר־ברעכערס, וואָס האָבן דערפילט די לויערנדיקע האַנט פון דער יידישער גערעכטיקייט. אין אַ ריי טעראָר־אַקטן און איבערפאַלן אויף דייטשע פּאָסטנס און אַנדערע אָביעקטן האָט זיך אויסגעצייכנט די העלדישע טוערין פון „פּ. פּ. ר." און „אַרמיאַ לודאָווא", ניוטאַ (ריווע) טייטעלבוים, („וואַנדאַ"), פאַר איר קאָפּ האָבן די דייטשן אַרויפגעלייגט אַ זייער הויכן פּרייז.[26]

עס זענען אויך געמאַכט געוואָרן פּרוּוון אַנצובינדן אַ קאָנטאַקט מיט דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג. לויט אַ פאַרשטענדיקונג מיט דער פּ. פּ. ר., זענען צוויי גרופּעס — אַן ערך 100 מאַן — אַרויסגעגאַנגען אין דער געגנט פון לובלין, אין די הרוביעשאָווער וועלדער, ווו ס'האָט זיך געפונען אַ פּאַר־טיזאַנער־צענטער. אָבער די פּאַראָלן און אַדרעסן, וואָס מ'האָט זיי געגעבן, זענען נישט געווען גענוג דייטלעכע און כמעט אַלע זענען אומגעקומען אין וועג.[27]

מיט דעם באַקומענעם ביסל געווער האָט מען באַשלאָסן צו מאַכן דעם ערשטן גרעסערן ווידערשטאַנד־אַרויסטריט און אַז מרדכי זאָל אין שפּיץ פון אַ קאַמפּס־גרופּע אַטאַקירן די דייטשע זשאַנדאַרן אויף דער אַרישער זייט. אין צווישנצייט איז אים אויך געלונגען צו דערווערבן אַ פּאָר גראַנאַטן און רעוואָלווערן אין אַ צאָל, וואָס האָט געקאָנט סטייען פאַר אַ „פּאַר־צווייפלטן איבערפאַל".[28] מ'האָט זיך „פיבערדיק" געגרייט צו דעם, אויס־געאַרבעט גענויע פּלענער, אָבער דער פּראָיעקטירטער קאַמפּס־אַקט איז צעשטערט געוואָרן. דעם 3־טן סעפּטעמבער, צוויי טעג ערב דער באַנייטער אַרויספירונג־אַקציע, זענען אַריינגעפאַלן צוויי צענטראַלע פיגורן פון דער אָרגאַניזאַציע: י. קאַפּלאַן איז אַרעסטירט געוואָרן דורך דער געסטאַפּאָ און דעם זעלבן טאָג איז דערמאָרדעט געוואָרן זיין געטרייער חבר, ש. ברעסלאַוו, וואָס האָט געפּרוּווט אים אַרויסראַטעווען. דערצו נאָך איז אַריינגעפאַלן דער גאַנצער, אָרעמער אַרסענאַל פון געווער און אַמוניציע, בעת מ'האָט אים איבערגעטראָגן פון באַדראָטן קיבוץ פון דזשעלנע 34. אַזוי אַרום איז די

טעטיקייט פון יי. ק. אָ. אונטערגעהאַקט געוואָרן אין איר סאַמע אָנפאַנג און ערב אַ נייער ליקווידאַציע־כוואַליע.

שוין נאָך איר אָנהייב, דעם 6־טן סעפּטעמבער, האָט רינגעלבלום פאַרצייכנט אין זיין טאָגבוך, אַז „אַ חלוצישע גרופּע האָט אונטערגעצונדן אַ מאַגאַזין פון דייטשן רוישטאָף".[29]

דעם פרישן, בלוטיקן גירוש — פון 5־טן ביזן 12־טן — האָט דער שונא דורכגעפירט מיט אומבאַשרייבלעכער בעסטיאַלישקייט און אין אַ זייער גרויסן פאַרנעם. די מאַסע, אַ צונויפגעטריבענע אויף דער גאַס אין אַ מוראדיקער ענגשאַפט, אָן עסן און אָן טרינקען, איז אַזוי פאַרבליבן דריי טעג נאָכאַנאַנד ביז דעם באַפעל זיך אויסצושטעלן אין רייען צו פינף פאַר דער סעלעקציע: אויף „רעכטס" — צו פאַרבלייבן אין געטאָ, ד. ה. צו לעבן און „לינקס" — צום אומשלאַגפּלאַץ, ד. ה. צום טויט.

אין סך־הכל פון דער שוידערלעכער הריגה, זענען נאָך דער אַקציע פאַרבליבן אַ 50 טויזנט יידן.[30] דאָס צעממיתטע און אויסגעליידיקטע געטאָ איז אַמפּוטירט געוואָרן און צעפּערטלט אין איזאָלירטע אינדזעלעך, אין פיר קליינע געטאָס.

דער יידישער נאַציאָנאַלער קאָמיטעט

דער גרויזאַמער בראָך האָט ביי די דרייסטע און מוטיקסטע אַוועקגענומען דעם חשק צום לעבן. די חרפּה האָט געגנאַגט די נשמה. בשעת אַ פאַרזאַמלונג פון דער צענטראַלע פון „החלוץ", איז אַרויסגערוקט געוואָרן אַ פּראָיעקט אונטערצוצינדן דאָס געטאָ, צו אַטאַקירן די שונאים מיט די הוילע פויסטן און פאַלן אין דער פאַרטיידיקונג פון דער נאַציאָנאַלער און מענטשלעכער ווירדע.[31] ס'האָט אָבער געזיגט דער שכל הישר און מ'האָט באַשלאָסן מיט די רעשטלעך כוחות צו גרייטן אַ באַוואָפנטן פאַרטיידיקונגסאַקט. ס'איז קודם כל נייטיק געווען צו פאַראייניקן די פאַרבליבענע צעשפּליטערטע קאַמפס־רעזערוון.

די קאַטאַסטראָפאַלע הריגה האָט אַוועקגענומען אַלע אילוזיעס און אָפּגערוקט אין אַ זייט די פּאָליטישע חילוקי־דעות, צונויפגעגאָסן דעם ווילן און דעם אָנשטרענג אַנטקעגנצוגיין מיט בשותּפותדיקע קרעפטן די וויטערדיקע טראַגישע געשעענישן. אַזאַ רעפּרעזענטאַנץ איז געגרינדעט געוואָרן אין אָקטאָבער אונטערן נאָמען „יידישער נאַציאָנאַלער קאָמיטעט" — יי. נ. ק., (אויף פּויליש: Żydowski Komitet Narodowy - Ż. K. N.), ווי די אָפיציעלע פאַרשטייערשאַפט פון די שרידים פונעם פּוילישן יידנטום און האָט לכתּחילה אַרומגענומען אַלע ציוניסטישע ריכטונגען. כדי צו דערמעגלעכן די צוזאַמענאַרבעט מיטן „בונד", איז געשאַפן געוואָרן דער א. ג.

קאָאָרדינאַציע־קאָמיטעט, מיטן אָנטייל אויך פֿון זײַנע פּאַרטרעטערס. די יי. ק. אָ. איז אַנערקענט געוואָרן אַלס דער אָרגאַן פֿון דעם „קאָאָרדינאַציע־קאָמיטעט" און ממילא ווי דער געאייניקטער קאַמפּס־אינסטרומענט פֿון אַלע ריכטונגען אין געטאָ, איינגעשלאָסן די פּ. פּ. ר. די קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע האָט געהאַט צו איר דיספּאָזיציע עטלעכע הונדערט יוגנטלעכע פֿון די „פּינפּטלעך", וואָס זענען אויך געשטאַנען אונטער טענענבוימס אָנפֿירונג.

קאַפּיטל צוואַנציק

פאַרוואָס האָט מען זיך נישט פאַרטיידיקט?

מ. טענענבוים האָט זייער פיינלעך איבערגעלעבט דעם פאַקט, וואָס הונדערטער טויזנטער יידן זענען געגאַנגען פּאַסיוו צום טויט. עס האָט אים, ווי אויך אַנדערע אַקטיוויסטן, שטאַרק געמאַטערט די שמערצלעכע פראַגע: פאַרוואָס האָט מען זיך נישט געוועהרט?

ער אַליין האָט געזען די פילצאָליקע און אומגעהייער קאָמפּליצירטע סיבות, וואָס האָבן גורם געווען די דאָזיקע טרויעריקע דערשיינונג אין די פאַרשידענע געטאָס. ער האָט געהאַלטן פאַר נייטיק, לכל הפחות טיילווייז, אויפצוקלערן זיי פאַר דער אויסערלעכער וועלט, כדי צו געבן אַ געוויסן ענטפער אויף די פאַרויסגעזעענע שפּעטערדיקע באַשולדיקונגען בנוגע דער יידישער מאַכטלאָזיקייט. זיין בריוו צו דער הסתדרות האָט באַצוועקט, צווישן אַנדערע, אויך צו אינפאָרמירן וועגן דער דעסטרוקטיווער ווירקונג, וואָס די אויסטערלישע געטאָ־באַדינגונגען האָבן אויסגעאיבט אומעטום אויף די פיזישע און ענערגיע־קוואַלן, וועגן די מוראדיקע פאָלגן פון דער דייטשער פאַרניכטונגס־פּאָליטיק אין אירע פאַרשידענע עטאַפּן און פאָרמען.

אין דעם בריוו ווערט געשילדערט דער חורבן פון יידישן לעבן זינט דער ערשטער תקופה — די כסדרדיקע רויבערייען, קאָנפיסקאַציעס, קאָנ־טריבוציעס און כלערליי עקאָנאָמישע רדיפות, וואָס האָבן פולשטענדיק אונ־טערגעגראָבן די באַזע פון דער מאַטעריעלער עקסיסטענץ; דאָס אַריינ־קוועטשן אין אַ קליינעם שטח, אָן לופט און פּלאַץ זיך צו באַוועגן און איזאָלאַציע פון דער אַרומיקער וועלט, די באַשטימטע קאַטאַסטראָפאַלע שפּייז־ראַציעס און אויך דאָס אָפּשוואַכן דעם געטאָ־אָרגאַניזם דורך איבער־לאָזן אַ גרויסע צאָל אַלטע, פרויען און קינדער.

אָבער דער וויכטיקסטער פאַקטאָר פון דעם היטלעריסטישן פאַרלענ־דונגס־מעטאָר באַלד אין אָנפאַנג איז געווען דער פאַרצערנדיקער הונגער מיט דעם קאָמפּלעקס פון באַגלייט־דערשיינונגען פון פיזישער און פּסיכישער אויסווירקונג, פון אָרגאַנישער און גייסטיקער דערשעפּונג, פאַרלוסט פון כוח און ענערגיע, פון מאַכטלאָזיקייט און אַפּאַטיע און בכלל פון די פיל־צאָליקע, קראַנקהאַפטע פּראָצעסן, וואָס זענען, אגב, געוואָרן אַן אָביעקט פון באַזונדערע שטודיעס מצד מעדיקערס און סאָציאַלע פאָרשערס אין דעם רינגעלבלום־אַרכיוו.

ווען אַלע חושים זענען געווען אָנגעשפּאַנט נאָר אויף איינצוהאַלטן דאָס

אויסגייענדיקע חיות, האָט דאָס ברויט און די מאַרמעלאַד, וואָס זענען, ביי די געוואַלדיק הויכע פּרייזן אויפן שוואַרצן מאַרק, געטיילט געוואָרן אומזיסט צו די „פּריווילייק" געקומענע, געקענט דינען ווי אַ ווענטקע פאַר אַ סך אומגליקלעכע. אַזאַ לאַגע האָט דערלויבט די דייטשן צו פאַרשנעלערן דעם גאַנג פון די מאַסן־מאָרדן.

צו די אַכזריותדיקסטע פּלאָגן, וואָס דער פיינד פלעגט אָנווענדן ספּעציעל אין די לעצטע אומקום־פּאַזעס, האָט געהערט דער דאָרשט. די פאַרמשפּטע זענען לאַנגע טעג פאַרבליבן אָן אַ טראָפּן וואַסער. דער פולשטענדיקער מאַנגל פון דעם יסודותדיקן עלעמענט האָט צענומען אַלע אברים און זיי געבערענט מיט אַ פייערדיקער טריקעניש, וואָס האָט דערפירט צו גיהנומדיקע עינויים.[1]

*

חוץ די פיזיאָלאָגישע פּיינען, באַשטימטע צו צעברעכן און פאַרקירצן דאָס לעבן, האָבן די אָקופּאַנטן אָנגעוואָנדן אַ טייוולאָנישן צעמישונג־סיסטעם צו דעזאָריענטירן און פאַרפירן די קרבנות.

די ראַפינירטע שפּיל מיט דער דעזאינטעגראַציע פונעם ישוב, מיטן אוועקשטעלן יעדן באַזונדער פאַר אַ געיעג נאָך אַ לעבנס־שיין, האָט באַלד פון אָנהייב איינגעבראַכן די ייִדישע אחדות און אָפּגעוואָנדן די וואַכזאַמקייט פון דעם סאַמע תוך פון דער לאַגע. די דייטשן האָבן געטאָן אַלץ, כדי וואָס לענגער אָנצוהאַלטן די בהלה נאָך די פאַרשידנסטע לעגיטימאַציעס און אומגעריכט צו דערלאַנגען אַ טויט־קלאַפּ זייערע „גליקלעכע" באַזיצערס.

דער מורא פאַר דעפּאָרטאַציע, די אָנגעקומענע שוידערלעכע בשורות וועגן דער אמתדיקער באַשטימונג פון די טראַנספּאָרטן, האָבן די נאַציס מיט כיטרעקייט אַנטקעגנגעשטעלט טויזנטער בריוו, וואָס זענען ספּעציעל פאַרשפּרייט געוואָרן צווישן די ייִדן און זיי דערציילט, אַז די „אויסגעזידלטע" ווערן געשיקט אין אַרבעטלאַגערן. מיט אַזאַ כוונה פלעגט אַ גרופּע ייִדן ספּעציעל פאַרוואָרפן ווערן ערגעץ ווו, כדי זיי זאָלן איבערשיקן בריוו צו קרובים און אויף אַזאַ אופן צו נישט מאַכן קלאַנגען וועגן די טויט־לאַגערן. ס'זענען צווישן זיי אויך געווען פאַלסיפיקאַטן און מסתמא געשריבענע אונטער צוואַנג און דיקטאַט פון די אומקום־פלעצער.

בכלל פלעגן די דייטשן פון צייט צו צייט מאַכן אַ שווינדלערישן דריי, אַרויסגעבן אַ גינסטיקע פאַראָרדענונג, וואָס זאָל דערוועקן דעם גלויבן, אַז דאָס מאָל קומט שוין ווירקלעך אַן ענדערונג לטובה און אַ סוף צו די מערדערייען. יעדער אַזאַ מאַנעווער האָט געשטאַרקט די פאַלשע אילוזיעס און דעם אייביקן ייִדישן בטחון, וואָס האָט דערשטיקט דעם ווילן צו אַ ווידערשטאַנד. ס'האָבן דערצו צוגעהאָלפן נישט בלויז די דייטשע שפּיאָנען

און יידישע קאָנפידענטן, נאָר אויך אַ טייל פון דער יידישער פּאָליציי און פון יודנראַט מיט זייער „אויפקלערונג״, אַז דעפּאָרטאַציע באַטייט נישט קיין טויט, נאָר אַן „איבערזידלונג״ אויף די מזרח־געביטן. אין רעזולטאַט האָבן אַ סך יידן אָנגענומען די ערשטע רופן צו ווידערשפּעניקייט פאַר אַ נאַצישע פּראָוואָקאַציע. מ׳האָט דאָך נישט געקענט באַגרייפן קיין מאַסן־שחיטות.

פון דער צווייטער זייט האָט די בעסטיאַלישע ברוטאַלקייט פון די באַצווינגערס געווירקט פּאַראַליזירנדיק אויך אויף די אַקטיווע און אָנפירנדיקע עלעמענטן, מחמת דעם פּחד פאַר בלוטיקע רעפּרעסיעס, פאַר אַ טאָטאַלער אויסראָטונג פונעם געטאָ. מ׳האָט אַלץ געוואַרט אויף פּאָזיטיווע פּאָליטישע ענדערונגען, זיך געריכט אויף אַ צווייטן פראָנט, געוואָלט פאַרהיטן און נישט ריזיקירן מיטן לעבן פונעם גאַנצן ציבור.

אין דעם טראַגישן און האָפענונגסלאָזן געראַנגל קעגן דעם מעכטיקן פאַרניכטונגס־מעכאַניזם, איז דער פּשוטער געטאָ־ייִד, אין אַ גרויסער מאָס, פאַרבליבן אין דער דעצידירנדיקער שעה איזאָלירט און אָנגעוויזן אויף זיך אַליין. די טיפע פיזישע און פסיכישע איינגעבראָכנקייט האָט דערדריקט אין אים די קראַפט און דעם ווילן צו לעבן. די פאַרלוירנקייט און אָנמאַכט האָבן אָנועקגענומען דעם חשק צו ווייטערדיקער זעלבסט־פאַרטיידיקונג. מ׳האָט מיט רעזיגנאַציע און אַפּאַטיע שלום געמאַכט מיטן גרויליקן גורל צוגעטיילט דורך גאָט און מענטש.

אַ ביסל שפּעטער איז צו די אַלע גורמים, וואָס האָבן משפּיע געווען אויפן פּרייוויליקן צושטעלן זיך בעת דער אַקציע, צוגעקומען נאָך איינער — די משפּחה־צוגעבונדנקייט, דער דראַנג צו פאַראייניקן זיך מיט די אַרויסגעפירטע נאָענטע און צו טיילן זייער מאַרטירער־וועג. מ׳האָט שוין אין דעם שטאַרבן געזען אָפּט אַ סוף צו די אומדערטרעגלעכע יסורים און אַן אויסלייזונג פון די בלוטיקע נעגל פון דעם דייטשן מאָנסטער, וואָס איז נאָך ערגער ווי דער טויט...

אין יענע טעג פון געפּלאָגטקייט און פון צענעמענדיקער בענקשאַפט נאָך די טייערסטע מענטשן, האָט נאָר די אָרגאַניזאַציע מיט איר חברישער סביבה און געזעלשאַפטלעכע צילן געקאָנט שטאַרקן דעם גייסט און דעם געראַנגל קעגן די אומברענגערס. באַזונדערס פּאָזיטיוו האָט אין דער היגזיכט געווירקט דאָס לעבן אין אַ קאָלעקטיוו — דער געמיינזאַמער גורל און די פּאָליטיש־סאָציאַלע אויפגאַבן. מ. טענענבוים האָט ספּעציעל אונטערגעשטראָכן דעם דערמוטיקנדיקן אַספּעקט פון דער קיבוץ־עקסיסטענץ. אויך דער דאָזיקער עלעמענט האָט כסדר געשפּירט די סכנה פון אונטערגאַנג, אָבער נישט געוואַרט אויף איר, ווי אויף אַן אומפאַרמיידלעכן פאַטום. פאַרקערט: מ׳האָט זיך געגרייט צום קאַמף פאַרן לעבן און אין לעצטן פאַל —

פֿאַר אַ ווירדיקן טויט. דעריבער זענען טאַקע די דאָזיקע אָרגאַניזירטע גרופּעס געוואָרן די באַסטיאָנען פֿון דעם אָפּווער קעגן די דייטשן. אָבער זייער כוח איז געווען צו קליין, ער זאָל קאָנען באַווירקן די ברייטע מאַסע, וואָס איז געווען אַזוי גרויזאַם אויסגעהונגערט, טעראָריזירט און סיסטע־מאַטיש גענאַרט.

די קליינע צאָל זעלבשוצלער, וואָס האָבן גערופֿן נישט צו גיין אויפֿן זאַמלפּונקט, נאָר אויסצובאַהאַלטן זיך, איז געווען צו שוואַך צו באַהערשן פּסיכיש דאָס געטאָ. אַחוץ דעם, איז דער קעמפֿעריִשער אונטערגרונט געווען צעשפּליטערט און זיינע אָנשטרענגונגען צעשטויבט. די פֿאַרשידענע פּאָלי־טישע אָריענטאַציעס אין געטאָ האָבן פֿאַרמאַגט אַן אַוואַנגאַרד, וואָס איז גרייט געווען צו געבן דעם העכסטן קרבן פֿאַר זייערע פּריניציפּ־אידעאַלן, אָבער געווירקט האָט ער סעפּאַראַט און צעזייט. דער מאַנגל פֿון קאָאָפּעראַציע און דער עיקר פֿון געווער, האָט נאָך מער רעדוצירט דעם איינפֿלוס, וואָס דער ווידערשטאַנד־לאַגער האָט געקאָנט האָבן אויף דער באַפֿעלקערונג. אַזוי אַרום איז דער ציבור געבליבן אויסגעשטעלט, הויפּטזאַכלעך, אויף דעם מעכטיקן דרוק פֿון דעם פֿיינדלעכן און פֿאַרפֿירערישן עקסטערמינאַציע־אַפּאַראַט.

*

דער פֿיינטלעכער ענין פֿון דער פּאַסיוויקייט פֿון די מאַסן האָט געעגבערט די מוחות פֿון די אַקטיווערע עלעמענטן, זיי באַוויגן צו טראַכטענישן און קאָמענטאַרן, וואָס שטרייכן אונטער פֿאַרשידענע סיבות פֿון אַזאַ האַלטונג. וואָרעם ווער קאָן דען באַנעמען און אויסשעפּן די אומענדלעכע קייט פֿון פּראָצעסן און רעאַקציעס, וואָס שאַפֿן זיך אין אַ לאַנג געפּייניקטן קערפּער און טאָרטורירטער נשמה, פֿון מחשבות און פֿילונגען פֿון אַ מענטש, וואָס זיין לעבן שטייט כסדר אונטער דער סכנה פֿון אַן אויסטערלישן טויט? יענע גאַנצע שוידערלעכע ווירקלעכקייט, וואָס איז געווען אַנאָרמאַל אין איר אורשפּרונג און אויסגאַנג, געפֿינט נישט קיין געהעריקן אויסדרוק אין טערמינען פֿון ראַציאָנעלן דענקען.

ד"ר רינגעלבלום האָט אין מערערע געלעגנהייטן זיך אָפּגעשטעלט אויף דער דאָזיקער דערשיינונג און צ"א אויסגעפֿירט: „ס'קאָן זיך נישט אָקעגנ־שטעלן אַ שקלאַף, וואָס לעבט אין אַ צושטאַנד פֿון אומאויפֿהערלעכער דער־שלאָגנקייט".

דער ראַפּאָרט פֿון דער יידישער אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע,[3] גע־שריבן דעם 15־טן נאָוועמבער 1942 האָט באַהויפּטעט, אַז אין דעם שפּעטער־דיקן פּעריאָד פֿון דער אַקציע „איז די מורא פֿון די יידן פֿאַר די דייטשן געווען אַ גרעסערע, ווי די מורא פֿאַרן טויט". די נעבעכדיקע וועגעטאַציע,

דאָס לעבן פון פאַריער, דער מינדערווערטיקייטס־קאָמפּלעקס, האָבן פאַרטעמפּט דעם פאַרטיידיקונגס־אינסטינקט ביי דער יידישער מאַסע.

אין שייכות מיט דער פראַגע, איז כדאי דאָ איבערצוגעבן אַ זייער כאַראַקטעריסטישן עפּיזאָד, וואָס ווערט געשילדערט דורך דעם ציוניסטישן עסקן, ד״ר הלל זיידמאַן: [4]

דעם 6־טן דעצעמבער 1942, שוין נאָך דער צווייטער גרויזאַמער פאַרטיליקונגס־אַקציע, האָבן זיך אין דעם היסטאָרישן אַרכיוו אין וואַרשע פאַרזאַמלט אינטעלעקטואַלן, פּאָליטישע און רעליגיעזע מנהיגים פונעם ישוב: ד״ר י. שיפּער, ד״ר ע. רינגעלבלום, מ. אָזשעך, י. קאַצענעלסאָן, ד. וואַהל, י. גיטערמאַן, רבי זעמבאַ א״א, מענטשן, וואָס יעדער אויף זיין געביט האָט עפּעס באַטייט און עפּעס געהאַט צו זאָגן. אָבער יעדער זעט, ווי נישטיק קליין עס זענען זיינע ווערטער אַקעגן דעם, וואָס עס איז געשען... דאָס לאָזט זיך נישט אויפקלערן נישט מיט תורה און נישט מיט וויסנשאַפט, נישט מיט לאָגיק — און נישט מיט געפיל, נישט מיט היסטאָרישע פּרעצעדענסן און נישט מיט פּאָליטישע סיבות. מ׳וויל עפּעס דערגיין. אָנגעהויבן האָט זיך מיט דער פראַגע: „וואָס וועט זיין?״ די אַספּיראַציעס ווערן וואָס אַ מאָל קלענער. מ׳וויל שוין בלויז דערגיין דעם „זין״ פון דעם, וואָס עס איז פאָרגעקומען, ווי אַזוי האָט געקאָנט פּאַסירן, אַז פון אַ האַלב־מיליאָניקן ציבור זאָל פאַרבלייבן אַ הייפל צעבראָכענע מענטשן... ווייזט אויס, אַז די „גוטע קעפּ״ קאָנען עס נישט באַגרייפן. זעט אויס, ס׳זענען פאַראַן קאַטאַסטראָפעס, וואָס גייען אַריבער דעם מענטשלעכן שכל, די מענטשלעכע אויפנעם־פעיִקייט. מ׳איז פּריטשמעליעט דורכן מוראדיקן קלאַפּ״.

אָבער ביי דעם אַלעם — קאָנסטאַטירט ד״ר רינגעלבלום, — האָט דאָס וואַרשעווער געטאָ אַרויסגעוויזן אַ ברייטע און העפטיקע פּאַסיווע רעזיסטענץ.

— „קיין שום פאָלק אין דער וועלט וואָלט זיך נישט אַזוי פעסט געהאַלטן פּסיכיש ווי די יידן״ [5] — האָט ער פאַרצייכנט אין זיינע נאָטיצן, אָנווייזנדיק אויף אַ סך שטילע העלדישע אַקטן, ווי פון ד״ר י. קאָרטשאַק, פון צענדליקער דאָקטוירים און קראַנקנשוועסטערס, פון אַ גרויסער צאָל לערערס און אַנדערע יחידים, אַפילו פון גאַנצע גרופּעס. טויזנטער מוטיקע יידן האָבן געוואַגט זיך קעגנצושטעלן דעם גירוש און באַצאָלט דערפאַר מיטן לעבן אויפן אָרט. די דאָזיקע אַנאָנימע ווידערשטעגדלערס פיגורירן אין דער רובריק פון „5394 דערשאָסענע״, וועגן וועלכע עס האָט ראַפּאָרטירט דער דייטשער באַריכט פון דער „אויסזידלונגס־קאָמיסיע״.

דאָס איז געווען אַ געוויסע מאָראַלישע דערגרייכונג פון דער זעלבשוץ־באַוועגונג. אָבער די דאָזיקע העראָישע טאַטן זענען פאַרבליבן צעשטויבט און פאַרשוויגן. זיי האָבן זיך נישט צונויפגעגאָסן אין איין גרויסן און ציל־באַוווסטן קאַמפּס־ווערק.

קאַפּיטל איין און צוואַנציק

פאַרן פאַרלאָזן וואַרשע

די נסיעה קיין קראָקע

לויט אַ באַשלוס פון דער יי. ק. אָ., איז טענענבוים אַרויסגעפאָרן קיין קראָקע, כדי דאָרט צו העלפן אָרגאַניזירן די ווידערשטאַנד־באַוועגונג.

אונטער דער אָנפירונג פון די חברים פון דער ציוניסטישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע „עקיבא" — שמעון (מאַרעק) דרענגלער, אהרון (דאָלעק) ליבעסקינד און פון „דרור" — אברהם לייב לייבאָוויטש (לאַבאַן) — די צוויי לעצטע נעמען זענען אויך אָפּגעמערקט אין די שריפטן פון אַנאָנימען מעמואַריסט און אין דער „טרילאָגיע" — האָט די אָרטיקע זעלבשוץ אַנט־וויקלט אַ דרייסטע טעטיקייט, דעראָבערגדיק געווער אינעם קאַמף מיטן שונא.

טענענבוים־טאַמאַראָפס רייזע, געשילדערט דורך י. צוקערמאַן, איז געווען, ווי תמיד, פול מיט סכנותדיקע עפּיזאָדן, בשעת וועלכע ער האָט זיך געהאַלטן זיכער, קאַלטבלוטיק.

צו דער באַן־סטאַציע האָט אים באַגלייט אַ יונג, חנוודיק מיידל, די שליחה פון „דרור" פאַר דער אַרישער זייט, פראַניאַ בעאַטוס.[1] אויף דעם וואַרשעווער וואָקזאַל האָט מרדכין פאַרהאַלטן אַ פּוילישער פּאָליציאַנט.

— דו ביסט אַ ייד?

— אַ טאַטער בין איך.

יענער האָט קאָנטראָלירט זיין אידענטיטעט־צייגעניש. ער האָט אים נישט געגלייבט.

— זיי זיך מודה, אַז דו ביסט אַ ייד. באַצאָל וועל איך דיך נאָכלאָזן.

— איך בין אַ טאָטער.

— גוט, מיר וועלן גיין אין קאָמיסאַריאַט. דאָרטן וועלן מיר אויפקלערן די זאַך.

אין קאָמיסאַריאַט האָט מען אים אָנגעהויבן פאַרשן. ס'האָט זיך דאָרט געפונען אַ זאַכקענער פאַר טאָטערישע אָנגעלעגנהייטן און דער האָט אים גענומען אויף אַ פאַרהער. טאַמאַראָף האָט זיך מוטיק און שטאַנדהאַפטיק אַרויסגעדרייט פון אַלע פראַגעס. דאָך האָט מען אים לאַנג געהאַלטן. עפּעס איז זיי געווען פאַרדעכטיק. אפשר איז ער טאַקע אַ טאָטער, אָבער זיינע דאָקומענטן זען נישט אויס צו זיין גלאַט „כשרע". האָט מען באַשלאָסן אין דער פּאָליציי אים איבערצוגעבן דער דייטשער זשאַנדאַרמעריע און

די וועט זיך שטעלן אין קאָנטאַקט מיט ווילנע אויסצופאָרשן דעם ענין. די לאַגע איז געווען זייער ביטער. מרדכי האָט נישט געזען קיין אַנדערן אויסוועג, ווי אונטערצוהאַנדלען מיטן קאָמיסאַר. יאָ, ער איז טאַקע אַ טאַטער — האָט ער געטענהט — אָבער אַזוי ווי די מעשה קאָן זיך פאַר־שלעפּן לאַנג אין אַזאַ נישט נאָרמאַלער צייט — איז ער גרייט צו באַצאָלן און אַ סוף זאָל עס נעמען. דער קאָמיסאַר איז דערויף איינגעגאַנגען.

ווען טאַמאַראָף איז אַרויס פון קאָמיסאַריאַט, האָט ער געהאַט ביי זיך נישט מער ווי אַ פּאָר זלאָטעס, וואָס האָבן קוים געסטאַיעט אויף אַ בילעט קיין קראָקע. דעם צווייטן טאָג אין דער פרי איז ער אַהין אָנגעקומען.

ער האָט זיך שטאַרק געאיילט צו טרעפן מיט זיין חבר לאַבאַן. אָבער דאָס געטאָ איז געווען שטרענג באַוואַכט דורך דייטשע זשאַנדאַרן און פּוילישע פּאָליציאַנטן. האָט מרדכי זיך געדרייט אַהין און אַהער, געוואַרט עס זאָל דורכגיין עפּעס אַן אַרבעטער־גרופּע, כדי זיך צוזאַמען מיט איר אַריינצושמוגלען אין דעם יידישן ראַיאָן. אָבער ביים טויער איז געווען שטיל, מ׳האָט קיינעם נישט געזען. נאָר איינצלנע, אָפּגעריסענע יידן האָבן זיך באַוויזן אין גאַס. ער האָט באַשלאָסן נישט צו פאַרלירן קיין צייט און אַריבערצוקלעטערן דעם שטעכל־דראָט, וואָס האָט אָפּגעטיילט פונעם געטאָ. האָט עס באַמערקט אַ פּוילישער פּאָליציאַנט און אים פאַרהאַלטן.

— זשיד?

—ניין. אַ טאַטער.

דער פאַרדעכטיקטער „טאַטער" איז אָפּגעפירט געוואָרן און אָפּגעזעסן לאַנגע שעהן אין דער תפיסה, ביז איין פּאָליציאַנט האָט באַוויליקט אָנ־צוהייבן פאַרהאַנדלונגען מיט לאַבאַנען. דער איז תיכף געקומען, באַצאָלט פאַר דעם אַרעסטירטן חבר אויסלייז־געלט און דער איז אַרויסגעלאָזט געוואָרן אויף דער פריי.

אין קראָקעווער געטאָ האָט דער שליח דערליידיקט אַלע ענינים, וואָס זענען פאַר אים געווען אָנגעצייכנט און איינגעשטעלט קאָנטאַקטן מיטן לאָקאַלן אונטערערד.

מרדכי אַליין האָט דערציילט (בריוו צו הסתדרות) מיט לויב וועגן די דאָרטיקע וויכטיקע אויפטוען און מיט די פאָלגנדיקע פּרטים: אין דער געגנט פון קראָקע איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ נעץ פון שפּיאָנען, פון פעלד־ און בוי־אַרבעטער. אַ גרופּע, באַוואָפנט טיילוויז מיט געווער, וואָס זי האָט צוגענומען ביי די דייטשן (אַ געוויסן סכום כלים אויך באַקומען פון דער פּ.פּ.ר.) — איז אַרויס אין וואַלד אויף פאַרטיזאַנער אַרבעט. עס איז געמאַכט געוואָרן אַן איבערפאַל אויף אַ דייטשן זשאַנדאַרמעריע־פּאָסטן; ס׳זענען פאָרגעקומען עטלעכע געלונגענע צוזאַמענשטויסן אין דער

שטאָט גופא, אויף דער אַרישער זייט, ווו מ׳האָט דערוואָרבן געווער און אַמוניציע.[2]

נאָכן דערפּילן זיין אויפגאַבע, איז טאָמאַראָף צוריקגעפאָרן קיין וואַרשע. אָבער ווי נאָר ער איז אויסגעשטיגן פון דער באַן, האָט אים פאַרהאַלטן דער זעלבער פּאָליציאַנט, וואָס מיט עטלעכע טעג פריער ביים אָפּפאָרן. דאָס גאַנצע געלט, וואָס ער האָט באַצאָלט אין קאָמיסאַריאַט, האָט דער קאָמיסאַר צוגענומען פאַר זיך און אים קומט דאָך אויך עפּעס — האָט אַרגומענטירט דער אָרדענונג־היטער זיין נייע פּרעטענסיע. טאָמאַראָף האָט געטענהט, אַז ער האָט נישט קיין געלט. — „עס מאַכט נישט אויס״ — האָט געענטפערט דער פּאָליציאַנט — דער וואָלענער סוועטער וועט אים אויך צו נוץ קומען... טענענבוים האָט נישט געהאַט קיין אַנדערע ברירה, ווי אויסצוטאָן דעם סוועטער און אים אָוועקצוגעבן.

די באַשרייבונג פון דער דאָזיקער נסיעה, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריס־טיש פאַר מרדכין, האָט צוקערמאַן פאַרזען מיט אַזאַ קאָמענטאַר: „נאָר איין מרדכי טענענבוים, מיט אַזאַ בולט יידישן אויסזען, האָט געוואַגט זיך צו לאָזן אין וועגן, ווו יעדער שריט האָט מיט זיך געטראָגן די געפאַר פון אַן אומרחמנותדיקן טויט. אָבער עס איז ווידער אָנגעקניפּט געוואָרן אַ קאָנטאַקט מיט קראָקע און די ידיעות, וואָס זענען געקומען פון דאָרט האָבן דערוואַרעמט דאָס האַרץ און אויפגעמונטערט דעם גייסט״.

שתדלנות וועגן וואָפן

אין הסכם מיט דער באַנייטער מאָביליזאַציע פון די זעלבשוץ־כוחות, איז ווידער די פראַגע פון וואָפן אָוועקגעשטעלט געוואָרן אין צענטער פון דעם חלוצישן אַרבעט־פּראָגראַם. אין שייכות מיט דעם, זענען אויף ס׳ביי אָנגעבונדן געוואָרן באַציִונגען מיטן פּוילישן אונטערערד. די פרישע אונטערהאַנדלונגען וועגן געווער זענען מצד דער יי.ק.אָ. געפירט געוואָרן דורך אָ. ווילנער און מ. טענענבוים, וואָס האָט דעמאָלט געוווינט אויף דער אַרישער זייט, אויף טשערניאַקאָוו.

אין אָקטאָבער 1942 האָט טאָמאַראָף, ווי אַ מיטגליד פון דער דעלע־גאַציע פון יידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט, זיך געטראָפן מיטן רעפערענט פאַר יידישע ענינים ביים באַפולמעכטיקטן פון דער אומלעגאַלער פוילישער רעגירונג אין וואַרשע, כדי צו באַהאַנדלען די באַדינגונגען פון צוזאַמענ־אַרבעט אויף אַלע געביטן פון דער אונטערערדישער טעטיקייט און דער עיקר די פראַגע פון כלי־זין פאַרן געטאָ.

די ביז איצטיקע קאָאָפּעראַציע מיט „סיקאָרסקי׳ס מענטשן״ האָט זיך אויסגעדרוקט אין דעם, וואָס דער יידישער אונטערגרונט פלעגט זיי איבער־

געבן אינפאָרמאַציעס וועגן דעם „עמק הבכא” און יענע האָבן די דאָזיקע פון צייט צו צייט איבערגעדרוקט אין דער פוילישער פרעסע, אָדער אַרויס־געשיקט קיין לאָנדאָן. אָבער די פרוּוון צו באַקומען געווער האָבן נישט געגעבן קיין רעזולטאַטן.

דער פאַרלויף פון די געשפרעכן (אין ליכט פון בריוו צו הסתדרות) איז געווען פול מיט דראַמאַטישע אַקצענטן, וואָס האָבן אַרויסגעשריגן פון טאַמאַראָפס צעגליטן און צעוויטיקטן געמיט. אויף דער ערשטער פראַגע פון דעם רעפערענט, פאַרוואָס מ׳האָט זיך נישט געוואָנדן צו דער פּ. פּ. ר., זענען געקומען די דאָזיקע ביטערע, אָבער שטאָלצע ווערטער: — „מיר זענען די פאָרשטייערס פון פרייען פוילן. מיר זענען בירגערס פון דער רעפּובליק. גיט אונדז אַ מעגלעכקייט פון נקמה, פון קאַמף, אין ערגסטן פאַל — פון אַ ווירדיקן טויט”.[3]

דער ענטפער פון דעם רעפערענט איז געווען ענלעך צו די פריערדיקע, וואָס ס׳האָבן באַקומען אַנדערע יידישע שתדלנים: — ס׳איז נאָך נישט געקומען די צייט. מ׳דאַרף וואַרטן אויף אַ באַפעל. מ׳טאָר נישט אָנהייבן.

מיט איינגעהאַלטענעם פאַרדראָס האָט רעפליקירט טאַמאַראָף, אַז די געטאָס געפינען זיך אין אַ ספּעציפישער לאַגע, זיי קענען נישט וואַרטן. אָבער אומזיסט. די הייסע ווערטער האָבן אָנגעטראָפן אויף פאַרשטאָפּטע אויערן.

עס זענען אויך פאָרגעקומען ווייטערדיקע קאָנפערענצן מיטן שעף פון שטאָב פון ציווילן קאַמף און מיט די פאָרשטייערס פון פוילישע מיליטער־לייט. אָבער אַלע בקשות מכוח געווער זענען אָפּגעזאָגט געוואָרן. אינדיווי־דועלע הילף, אויסבאַהאַלטן אַ צאָל יידן אויף דער אַרישער זייט — דאָס זענען זיי געווען גרייט צו טאָן, אָבער מיטהעלפן צו באַוואָפענען דאָס געטאָ — דאָס נישט.

מיט טרויער האָט דער שתדלן קאָנסטאַטירט אַז די פוילישע לייטנ־דיקע קרייזן האָבן נישט געטאָן אַלץ אין די ראַמען פון זייערע מעגלעכ־קייטן, ניין — „אַבסאָלוט נישט” — האָט ער אונטערגעשטראָכן מיט טיפער איבערצייגונג, הגם דאָס האָט נישט אויסגעשלאָסן אַ געוויסן גוטן ווילן מצד אייניקע מענטשן, מיט וועלכע ער האָט זיך באַגעגנט. דער יידישער דעלעגאַט האָט נישט לייכט רעזיגנירט און אייפעריק געזוכט נייע מיליטערישע אויטאָריטעטן, כדי צו דערגרייכן די געגאַרטע אויפגאַבע. אָבער אומעטום האָט אים לסוף דערוואַרט אַ ביטערע אַנטוישונג.

יעדער אָפּזאָג האָט ביי אים אַרויסגערופן אַ פרישן צופלוס פון צער און פאַרדראָס. דאָך וועט ער אין די ווייטערדיקע אונטערהאַנדלונגען מיט אַנדערע פוילישע אינסטאַנצן בכיוון, אויס דיפּלאָמאַטישע טעמים, פאַר־

שווייגן זיין אמתע מיינונג וועגן די פריערדיקע און די נעגאַטיווע אָפּשאַ־צונגען, כדי נישט צו פאַרהאַקן אין גאַנצן דאָס שמאָלע טירל, וואָס האָט געפירט צו די „הויכע פענצטערס". מען האָט געמוזט זיין פּאָרזיכטיק מיט די רייד און לאָזן אָפן דעם וועג פאַר נייע אינטערווענצן, אפשר דאָך...

אין אַלגעמיין, האָט דער פּוילישער אונטערערד נישט אַרויסגעוויזן קיין פּאָזיטיוון און ממשותדיקן אינטערעס פאַר דער יי.ק.אָ., וואָס האָט זיך אַזוי שווער געראַנגלט פאַר אַ יידישן אָפּווער.

די גלייכגילטיקייט פון די פּוילישע אָנפירנדיקע קרייזן צו די יידישע זאָרגן און פאַרלאַנגען ווערט אויך באַשטעטיקט דורך אַנדערע געטאָ־רעפּרעזענטאַנטן, צווישן זיי פון ד"ר הלל זיידמאַן. באַויפטראַגט צו זוכן אַ פאַרבינדונג מיט פּאַטריאָטישע קרייזן פון דעם פּוילישן אונטערגרונט, האָט ער באַצייכנט דעם רעזולטאַט פון זיין מיסיע, ווי „אַ פולשטענדיקן פיאַסקאָ". קיינער האָט נישט צוגעזאָגט צו געבן וואָפן. נאָר איינער פון די אינטערפּעלירטע האָט אויפריכטיק און אָן בושה אויסגעטייטשט דעם ענין: — „מיר קאָנען נישט „קאָמפּראָמיטירן" די פּוילישע ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין די אויגן פון די פּוילישע מאַסן, אַז מיר העלפן יידן, וואָרעם די פּוילישע מאַסן זענען קעגן אייך".[4] — די אומצווייִדייטיקע תשובה האָט קלאָר אָפּגעשפּיגלט דעם גייסט, וואָס האָט געוועלטיקט אין יענע אינסטאַנצן.

דער באַריכט פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע פון אָקטאָבער 1942 האָט אָפּגעצייכנט מיט פאַרביטערטקייט: — „מיר וועלן קיין מאָל נישט מוחל זיין דעם קאָמענדאַנט (פון דער פּויל. מיליט. אָרג.) פאַר נישט געבן אונדז געווער, כדי מיר זאָלן קענען שטאַרבן ווי מענער".[5] ווען עס איז שפּעטער, נאָך לאַנגער מי און מאַטערניש, געקומען פון יענעם צד אַ פּאָזיטיווער באַשלוס, איז די צאָל צוגעטיילטע כלים געווען אַ נישטיקע און די קוואַליטעט — אַ נידעריקע. אין סך הכל איז דאָס געטאָ געבליבן אָנגעוויזן אויף זיין אייגענעם באַראָט אינעם קאַמף און אינעם אומקום.

אין די באַדינגונגען איז מיט גרויס פרייד אויפגענומען געוואָרן די וואָפן־דערגרייכונג פון טעמען, וואָס האָט אַריינגעבראַכט „אייער" (גראַ־נאַטן) און „קאָלטן" (אַ טיפּ רעוואָלווערן) — לויט טענענבוימען זענען זיי געווען די ערשטע אין געטאָ.[6]

##ביים אַנטי־נאַצי קערסטען

אין צווישנצייט איז טאַמאַראָף געשטעלט געוואָרן דורך אַדלערן אין קאָנטאַקט מיט דעם שטרענג פאַרקאָנספּירירטן, דייטשן אַנטי־נאַצי, מיט וועלכן עס האָט אויך מיטגעאַרבעט טעמאַ און פריער לאָנקאַ. אויף זיין

הויכן אַמט פון אַ פּאָליציי־אינספּעקטאָר, האָט ער געדינט דעם פּוילישן אונטערגרונט מיט פֿאָלקס־דייטשע א״א דאָקומענטן.

קערסטען, וואָס איז אין תוך געווען אַן אַנטיסעמיט, הגם נישט אין עקסטרעמען נאַצישן זין, האָט אַרויסגעגעבן אַרישע פּאַפּירן אַ צאָל יידן, נישט ווייסנדיק, אָדער אפשר מאַכנדיק אַזאַ אָנשטעל, וועגן זייער אָפּשטאַם.

אַדלער האָט אַ צייט געוווינט צוזאַמען מיט זיין פרוי אין דעם קיבוץ אויף טשערניאַקאָוו. שפּעטער, אַ דאַנק זיין טשעכישן פּאַס און קריסטלעכן אויסזען, גוטן דייטש און קענטעניש פון מאַשינשריפט, האָט ער געפונען אַן אַרבעט אין אַ מיליטערישן אָפּטייל פאַר פסיכיש ליידנדיקע סאָלדאַטן און אין שייכות מיט דעם געמוזט אָנקומען נאָך נייטיקע אַרישע דאָקומענטן צום פּאָליציי־אינספּעקטאָר קערסטען. דער, אַ קעגנער פון היטלעריזם, האָט אים, אַ טשעכישן בירגער, באַטראַכט ווי אַ נאַטירלעכן שונא פון דעם דייטשן רעזשים און געבליבן מיט אים אין וויטערדיקער פּריוואַטער פאַרבינדונג.

טאַמאַראָף איז פאַרגעשטעלט געוואָרן פאַר קערסטען ווי אַ טאָטער, וואָס בעט צו באַקומען אַ גילטיקן און דאָרטיקן דאָקומענט. עס זענען אין דעם פאַל געקומען אין באַטראַכט צוויי קאַטעגאָריעס: די אָנגעהעריקע צום רוסיש־אָרטאָדאָקסישן גלויבן זענען געווען אַנערקענט ווי געוויינלעכע קריסטלעכע בירגערס, דאַקעגן די פון איסלאַמישן — ווי אויסלענדערס מיט געהעריקע פּריווילעגיעס, וואָס זענען פון דעם אַרויסגעדרונגען.

אויף קערסטענס פראַגע וועגן זיין רעליגיע, האָט טאַמאַראָף געענטפערט, אַז ער איז אַ מוסולמענער און אויף דער פאָדערונג פון אַ באַווייז, איז געקומען זיין תשובה: — „נאַטירלעך, ווען נישט, וואָלט איך דאָך נישט געווען געמלעט״.[7]

דער ענטפער האָט אַדלערן געלאָזט אַ פאַרציטערטן, אָבער קערסטענען — אַן איבערצייגטן. ער האָט אים אויסגעשטעלט אַן אויטענטישן, אָפיציעל רעגיסטרירטן דאָקומענט אַלס טאָטער פון איסלאַמישן גלויבן אויף דעם פריערדיקן נאָמען טאַמאַראָף מיטן זעלביקן פאַרנאָמען. דאָס האָט געגעבן דעם באַזיצער אַ פּריווילעגירטן סטאַטוס פון אַן אויסלענדער און אויך אַ רעכט צו פאָרן מיט דער באַן אין דער דייטשער אָפּטיילונג, אַן אַ ספּע־ציעלער דערלויבעניש.

אין אַלגעמיין פלעגט קערסטען נעמען אַ סך געלט פאַר לעגאַליזירן, אָבער אין דעם פאַל האָט ער זיך באַגנוגנט מיט אַ פריער באַקומענער „מתנה״.[8]

די באַשטימונג קיין ביאַליסטאָק

נאָכן דערפילן די אויסערלעכע שליחותן, האָבן די חברים פון דער אַרישער זייט זיך אומגעקערט אין געטאָ. אגב, פלעגן די באַראַטונגען מיט זיי פאָרקומען אויפן יידישן בית־עולם, דאָרט האָט מען אויך אָנגענומען באַשלוסן וועגן דער פאָרשטייענדיקער אַרבעט.

עס האָבן זיך דעמאָלט פאַרזאַמלט נאָך זייערע נסיעות און שתדלנותן מ. אַניעלעוויטש, און מ. טענענבוים, וואָס זענען אַריין אין געטאָ צוזאַמען מיט פ. פלאָטניצקא און ט. אַלממאַן. צוזאַמען מיט זיי האָבן זיך באַטייליקט אין דער זיצונג א. ווילנער, י. צוקערמאַן, צ. לובעטקין, ח. פּאָלמאַן א״אַ.

אין סך־הכל פון אַ מיינונגס־אויסטויש, האָט די חלוצישע צענטראַלע אָנגעצייכנט אַ פּלאַן פון ווירקונג אין אַלע גרעסערע יידישע ישובים. עס זענען נאָמינירט געוואָרן דעלעגאַטן, קאָמענדאַנטן צו אָרגאַניזירן די פאַר־טיידיקונג פון די געטאָס.

מרדכי טענענבוים איז באַשטימט געוואָרן ווי אַ קאָמענדאַנט קיין ביאַליסטאָק. — „ער האָט געקאָנט די לאָקאַלע באַדינגונגען און איז דאָרט געווען געשעצט. ער האָט נאָך פאַרמאָגט גענוג גייסטיקע קראַפט אויף נאָך אַ מאָל אָנצוהייבן פון ס׳ביי און זיין ווילן איז געווען גענוג שטאַרק אויף צו קענען אויפטאָן, אַז אין ביאַליסטאָק זאָל אַנטשטיין אַ פאַראייניקטער, קעמפערישער יידישער כוח״ [9] — אַזוי האָט י. צוקערמאַן אינטערפּרעטירט די דאָזיקע נאָמינאַציע.

בכן — פאָרט מרדכי צוריק קיין ביאַליסטאָק, אין דער עיר ואם בישראל, באַרייכערט מיט דערפאַרונגען און דערגרייכונגען. מיט זיינע טריט קערעוועט דער קאַמפּס־פּראָגראַם, וואָס ער האָט פּיאָנעריש געהאָלפן פאָרמולירן אין וואַרשע און אויך מיטגעווירקט אין דער ערשטער פאַזע צו זיין רעאַליזאַציע.

באַמערקונגען

מקורות

1. ווייטער באַצייכנט: אַנאָנ. מעמ. די שריפט איז אַ פאָטאָקאָפּיע, גענומען פונעם אַרכיוו פון ד״ר מ. דוואָרזשעצקי ז״ל. די באַמיונגען צו אידענטיפיצירן דעם איבערגעבער און דעם אויטאָר האָבן נישט געבראַכט קיין רעזולטאַט. דער מחבר איז מסתמא געווען איינער פון די חלוצים, מכוח וועלכע טענעבווים האָט געשריבן אין זיין בריוו צו דער הסתדרות, אַז נאָכן דערגרייכן סלאָוואַקיי און אונגאַרן אויפן וועג פון דער אומלעגאַלער עליה, זענען זיי פאַרבליבן אָפּגעשניטן, אָן פאַרבינדונג און געלט און בעת די דאָרטיקע גירושים — אומגעקומען.
דער דאָקומענט אַנטהאַלט 24 עמודים פון אַ מיטעלן בלאָק, געשריבן אויף איין זייט מיט אַ דייטלעכן כתב־יד, אין העברעיש. ער איז, ווייזט אויס, געווען איבערגעגעבן אימעצן צו רעדאַקציע, אָבער יענער האָט אים אומגעקערט צו אַ געוויסן „גולני״ מיט דער צושריפט, אַז מחמת צייט־מאַנגל קען ער די אַרבעט נישט מאַכן. די אונטערשריפט איז נישט לייענבאַר. דאָך זענען קענטיק געוויסע קאָרעקטורן; אַלע נעמען (פאָרנעמען) זענען פאַרשטראָכן און איבער זיי פיגורירט נאָר דער איניציאַל. עס זענען אויך איבערגעשטראָכן גאַנצע אָפּשניטן, אָבער דער טעקסט איז געבליבן לייענבאַר. אויך די פאַרשטראָכענע נעמען קען מען לייכט רעקאָנסטרויִרן.
2. אין העברעיש, קנאַפּע 5 זייטן, געדיכטע מאַשינשריפט, אָן אַן אינטערוואַל, העקטאָגראַפירט. ה„טרילוגיה״ ווילנה, ביאַליסטוק, ורשה, הועד למען יהודי אירופה הכבושה, שע״י הסוכנות היהודית לארץ ישראל, מס. 27/58, צרור רשימות, חומר על מצב היהודים בארצות הכיבוש הנאצי (ווייטער: טרילאָגיע), ארכיון ציוני מרכזי, 1319 — S 26.
3. אַ תשובה אויף אַן אָנפראַגע פון דער מחברטע.
4. מתוך דו״ח של קבוצת הנוער הציוני, הועד למען אירופה..., ביולטין, מרס 1944, ירושלים, ארכיון ציוני מרכזי, מס. 1246 — S 26.
5. דער דאָקומענט, מאַשינשריפט, אויף דין פאַפּיר, אַנטהאַלט 5 זייטלעך און איז אויף אַ טייל ערטער אַזוי באַשעדיקט פונעם ליגן אַ לענגערע צייט אייבגעקנייטשט אין צווייען אָדער אין פירן, אַז אַ טייל ווערטער זענען נישט לעזבאַר. די שריפט איז דאָס ערשטע מאָל געדרוקט געוואָרן דורכן יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט אין וואַרשע אין „בלעטער פאַר געשיכטע״, באַנד IV העפט 1, 1951 און שפּעטער אין אַ מאמר פון פיליפּ פרידמאַן: „צי איז אין דער נאַצי־צייט געווען אַן אַנדער דייטשלאַנד״? „ייוואָ־בלעטער״, ב. XXXIX ניו־יאָרק, 1955.
לויט אַן אינפאָרמאַציע, וואָס ד״ר דוואָרזשעצקי האָט באַקומען פון י. צוקערמאַן (ידיעות, יד ושם, 19/20, ז. 8), האָט ד״ר רינגעלבלום אַליין פאַרפאַסט די שריפט אויפן סמך פון דעם עדות־זאָגן פון דער שליחה פון „דרור״, ל. קאָזיעבראָדזקאַ. עס דערוועקט אָבער אַ חידוש דער פאַקט, וואָס הגם זי איז געווען גוט באַקאַנט מיט שמידס טעטיקייט, אפילו טיילווייז אין איר זיך מיטבאַטייליקט, און אויך מיט דער נאָענטער סביבה, שטרייכט דער דאָקומענט לחלוטין נישט אונטער דעם חלוצישן מאָמענט. דאַקעגן זענען אין אים פאַראַן געוויסע טעותדיקע פרטים. יעדן פאַלס האָט דער פאָרשער־פּראָטאָקאָלאַנט אַרויסגעבראַכט אַ פאַרנעמיקע שילדערונג פון איינעם פון די שענסטע געשטאַלטן פון דער סעריע „מחסידי אומות העולם״.
6. ווינען אין דער שווייץ.
7. ראיון קבוצתי, נר. 1204, יד ושם.
8. ג״ע, נר. 3404/219, יד ושם.

ערשטער טייל

קאַפּיטל 4

1. ג״ע פון אברהם ריינהערץ, געוו. מדריך פון גדוד „בני־העם״, אַרכיוו פון דער מחברטע.
2. ג״ע פון נחמה אייזענשטיין, אַ גדוד־חברה, (קיבוץ בית־השיטה), דאָרטן.
3. ג״ע פון הדסה עקשטיין, אַ גדוד־חברה, דאָרטן.
4. די גאַנצע צייט אויסבאַהאַלטן ביי א. ריינהערץ, וואָס האָט אים לעצטנס איבערגעגעבן אין אַרכיוו פון בית לוחמי הגיטאות ע״ש יצחק קצנלסון.
5. ג״ע פון נחמה אייזענשטיין, ווי פריער.
6. ג״ע נ. אייזענשטיין און ה. עקשטיין.
7. היינט נבט, אין ישראל, אַרכיוו פון דער מחברטע.
8. ג״ע ה. עקשטיין, ווי פריער.
9. ג״ע פון דער געוו. חניכה (תלמידה), חיה שטיינהאַרט (קיבוץ גליל ים), אַרכיוו פון דער מחברטע.
10. אינפאָרמאַציע פון יצחק פּערליס (קיבוץ יגור), אַרכיוו פון דער מחברטע.

קאַפּיטל 5

1. י. פּערליס, ווי פריער.

קאַפּיטל 7

1. ג״ע פון חיה זילבערבערג, אַ טוערין פון „גורדוניה״, אַרכיוו פון דער מחברטע.
2. אינפאָרמאַציע פון אפרים שפּירא, געוו. „הגנה״־שליח פון ארץ־ישראל אין זיעלאָנקא, אַרכיוו פון דער מחברטע.
3. יהודה סלוצקי, מההגנה למאבק, ספר תולדות ההגנה, כרך 2, ז. 999־1002.
4. ג״ע פון מ. באַראַנטשוק, (קיבוץ עין הכרמל), אַרכיוו פון דער מחברטע.
5. יהודה סלוצקי, ווי אויבן.
6. ג״ע פון אברהם ברום (קיבוץ שפיים), אַרכיוו פון דער מחברטע.
7. ג״ע פון מרדכי ברום, דאָרטן.
8. ג״ע פון די אויבן אָנגעגעבענע און אויך פון פייוול און שרה וויגדערהויז, דאָרטן.
9. ג״ע מרדכי ברום, ווי אויבן.

קאַפּיטל 8

1. ג״ע פון מ. באַראַנטשוק, ווי פריער.
2. ארכיון העבודה, תל־אביב.
3. פון די נאָטיצן אין דער מאַנאַטשריפט פון דער באַוועגונג „אונזער פרייהייט״, נר. 3 פון אַפּריל און נר. 4 פון מאַי 1939.

צווייטער טייל

קאַפּיטל 10

1. לויט מ. באַראַנטשוק, ווי פריער.

קאַפּיטל 11

1. ג״ע פון מ. באַראַנטשוק, ווי פריער.
2. ד. קאָזיעבראָדזקי (היינט ד. בראָדזקי), התנועה בנדודים, ז. 383, ספר דרור.

3. יודקה העלמאַן, תנועתנו בשטח הכיבוש, צרור מכתבים, עלון לאינפורמציה פנימית, מרס 1940, עין חרוד, 75 (139). (ווייטער : יודקה).
4. יודקה, מרדכי טננבוים, מבפנים, ז. 687, כרך י״ב, חוב׳ ד׳, אָקטאָבער 1947.
5. יודקה, ווי פריער.
6. מ. ניישטאַדט, חורבן און אויפשטאַנד פון די אידן אין וואַרשע, ז. 564 (ווייטער : ניישטאַדט).

קאַפּיטל 12

1. יצחק ארד, וילנה היהודית במאבק ובכליון, ז. 21 א״וו. אויך די מאַפּע פון ווילנער געטאָ — פון דעם בוך.
2. ג״ע פון שרה ברום (קיבוץ שפיים), ווי אויבן.
3. ג״ע פ. וויגדערהויז, ווי פריער.
4. „אינערלעכע קאָרעספּאָנדענץ״, אַן אויסגאַבע פון דער „דרור״־באַוועגונג אין וואַרשע, דער לעצטער נר. 4 אַנטהאַלט אַ מין סך־הכל פון דער טעטיקייט אין דער צייט פון סוף 1939 ביז מאַי 1942. נאָך דער מלחמה אָפּגעפונען בלויז 6 בלעטער פון דעם נומער. דפים לחקר השואה והמרד, כרך א׳, ז. 148, אַפּריל 1951.
5. מ.נ. (משה׳ל נאָוואָפּרוצקי) מרדכי טננבוים. ספר דרור, ז. 432.
6. ג״ע פ. וויגדערהויז.
7. פסיה בערנשטיין (שיינבוים), ג״ע נר. 188/72, יד ושם, תל־אביב.
8. משה גל, סובאָטש 37, ספר השומר הצעיר, כרך, א׳, ז. 641.
9. מרדכי בילאָריי, ריכוז השומר בווילנא, דאָרטן, ז. 442.
10. ג״ע שרה ברום, ווי פריער.
11. ג״ע ח. שטיינגאָרט, ווי פריער.
12. מרדכי בילאָריי, ווי פריער.
13. ספר מלחמות הגיטאות, ז. 764.
14. ג״ע שרה ברום, ווי פריער.
15. ג״ע מרדכי ברום, ווי פריער.
16. בעלאַ יערי, (חזן), ג״ע נר. 3292/75, יד ושם, תל־אביב.
17. מ. נאָוואָפּרוצקי, ג״ע, ווי פריער.
18. ב. בורשטיין, קאָמאַנדיר טאָמאַראָוו און חברה טעמע, דער יידישער קעמפער פון 17־טן נאָוועמבער 1944.
19. ג״ע א. וויגדערהויז, ווי פריער.
20. יהודה באָוער, פעילות הצלה דרך וילנא, קובץ מחקרים בפרשיות השואה והגבורה, ז. 181, יד ושם, 1973.
21. איבערזעצונג פון פוילישן אָריגינאַל, אין וועלכן עס גראַמט זיך איין שורה מיט דער צווייטער.

קאַפּיטל 13

1. ד. קאָזיעבראָדזקי, ווי פריער, ז. 383.
2. אַן אינדזל אין אַרכיפּעלאַג אַנטילן, צווישן צפון און דרום־אַמעריקע, נאָענט פון ווענעזועלא, א האָלענדישע קאָלאָניע.
3. ד. קאָזיעבראָדזקי, ווי פריער.
4. אַנאָנ. מעמ., ז. 2, אַרכיוו פון דער מחברטע, אויך טרילאָגיע, ז. 2, ווי פריער.
5. יהודה באָוער, ווי פריער.
6. לויט אַן אינפאָרמאַציע פון ד״ר דוואָרזשעצקי, האָט מען אין אָנפאַנג זיך געאיבט אין נאָכמאַכן די אונטערשריפט פון פּראָפ׳ א. טאַרטאַקאָווער, וואָס איז געשטאַנען דעמאָלט בראש פון דער רעטונגס־אַקציע פון יידישן וועלט־קאָנגרעס אין ניו־יאָרק.
7. ניישטאַדט, ז. 433.
8. לויט אַן אינפאָרמאַציע פון דעם דיכטער א. סוצקעווער, האָט אים מרדכי

מערערע מאָל דערמאָנט וועגן צושטעלן עדות פאַר זיין שוועגערין, וואָס איז געווען איינגעשלאָסן אין דער רשימה פון עולים. זי איז צוזאַמען מיט יענעם טראַנספּאָרט אָנגעקומען בשלום קיין ארץ־ישראל.

9. בריוו „צו מיינע ליבע חברים...".

10. לעביעד, פון די וויכטיקסטע אַקטיוויסטן אין „השומר הצעיר", האָט געשטאַמט פון אַ קינסטלערישער היים, פון מאָלערס און סקולפּטאָרן און אַליין אויך געווען באַשאָנקען מיט אַרטיסטישע פעיקייטן, צו צייכענען, צו מוזיק א"א. ער איז אומגעקומען בעת דעם אויפשטאַנד אין ביאַליסטאָקער געטאָ.

11. אָן אָנהענגער פון פּאַרטיזאַנער־קאַמף, איז יחיאל שיינבוים געפאַלן אויף זיין אָנפירנדיקער פּאָזיציע אין געטאָ ווילנע בעת דעם ווידערשטאַנד אין דער „אויסזידלונג־אַקציע" פון 1־טן סעפּטעמבער 1943.

12. גלאַזמאַן האָט געהערט צו די הויפּט־אידעאָלאָגן פון אַ באַוואָפנטער רעזיסטענץ אין געטאָ גופא, אָבער ער איז אומגעקומען אין וואַלד בשעת אַרויספירן פּאַרטיזאַנער־גרופּעס (אָקטאָבער 1943).

13. נ. רעזניק — זיך אָפּגעראַטעוועט ווי אַ פּאַרטיזאַן אין וואַלד, לעבט אין ישראל.

14. ר־קי, מסביב לכדור הארץ — לארץ ישראל, מבפנים, ספטמבער 1941, עין חרוד.

15. אָנגעקומען קיין א"י דורך ראש הנקרה, יאַנואַר 1941, ג"ע פון דער בית"ר־אַקטיוויסטין לאה צוקערקאַנדעל, אַרכיוו פון דער מחברטע.

16. ג"ע פון חיה זילבערבערג, ווי פריער.

17. ג"ע פ. בערנשטיין, וואָס באַצייכנט די דאָזיקע נסיעה ווי אַ „לעגאַלע".

18. הסתדרות הציונית בפולין, הועד המרכזי ת"א, 19.12.1940, ארכיון ציוני מרכזי, נר. 1099 — 26 S.

19. י. באוער, ז. 183.

20. ד. קאַזיעבראָדזקי, ווי פריער.

21. אָנגעקומען אין לאַנד אַריין אַפּריל 1941.

22. בריוו צו טאַמאַראַ.

23. צפורה בירמאַן, ווי פריער.

24. דוואָרזשעצקי, ירושלים דליטא אין קאַמף און אומקום, ז. 350. (ווייטער: דוואָרזשעצקי).

25. צ. בירמאַן.

26. טאָגבוך פון ביאַליסטאָקער געטאָ, נאָטיץ פון 18.2.43.

27. געזעגענונג־בריוו צו טאַמאַראַ, סוף פעברואַר 1943.

28. אינפאָרמאַציע פון ד"ר דוואָרזשעצקי.

29. לויט צ. בירמאַן, ווי פריער.

30. ניישטאַדט, ז. 463, ב. בורשטיין, ווי פריער.

31. צ. בירמאַן, מיינע זכרונות און איבערלעבענישן אין ווילנע, טענענבוים — מערסיק־אַרכיוו, יד ושם.

32. אָן אָנדייט אויף דער הילף געפינט זיך אין די זכרונות פון חנה געלבאַרט, אַ חלוצה פון דעם קיבוץ אויף דזשעלנע 34, אין וואַרשע: ...„מיר פלעגן פון צייט צו צייט באַקומען פעקלעך פון אונדזערע חברים אין ווילנע". ספר מלחמות הגיטאות, ז. 17.

33. אַנאָנ. מעמ. ז. 3, אויך „טרילאָגיע", ז. 2.

34. אין זיין שפּעטערדיקן טאָגבוך פון ביאַליסטאָקער געטאָ, נאָטיץ פון 21.1.43, האָט ער באַצייכנט דעם דאָזיקן פּעריאָד: „אונדזער העראָישע תקופה".

35. ג"ע פון צפורה פעלדמאַן, אַקטיוויסטין פון „גורדוניה", אַרכיוו פון דער מחברטע.

36. באַקומען דורך דער מחברטע פון אינזש. א. רייס, וואָס האָט געווירקט בעת דער מלחמה אין לאָנדאָן, אין רעטונגס־קאָמיטעט פאַר די פּוילישע יידן; געווען אויך אַנדערע בריוו פון מ. טענענבוים, אָבער זיי זענען נישט אָפּגעפונען געוואָרן.

37. געמיינט עדעק גאָלאָוונער; אַ פּאַרדינסטפולער מדריך פון דער חלוצישער באַוועגונג, אַ מיטגליד פון „פרייהייט", וואָס איז דורך דער סאָוו. מאַכט

אַרעסטירט געוואָרן און געזעסן אין תפיסה אין לוצק. נאָכן דייטשן אַריינ־מאַרש איז ער דאָרט דערמאָרדעט געוואָרן.

דריטער טייל

קאַפּיטל 14

1. צ. בירמאַן, מײַנע זכרונות..., ווי פריער.
2. אַנאָנ. מעמ., ז. 5
3. ה. קרוק, „טאָגבוך פון ווילנער געטאָ" (ווייטער : קרוק), נאָטיץ פון 6־טן יולי.
4. ביז אָשמיאַנאַ איז אויך דערגאַנגען דער דיכטער א. סוצקעווער מיט זיין גרופּע און פון דאָרטן זיך אומגעקערט קיין ווילנע. א. סוצקעווער, ווילנער געטאָ, (גיטו וילנה) ז. 8 (ווייטער : סוצקעווער).
5. אַנאָנ. מעמ., דאָרטן.
6. יידיש־דייטשער דיכטער, לערער און פּסיכאָלאָג, געוו. מיטגליד פון דער באַוועגונג „דרור־הבונים". נאָכן אָנשלוס פון עסטרייך איז ער אַנטלאָפן קיין טשעכן ווו ער איז געוואָרן אַ בירגער און פון דאָרט קיין פּוילן. מלחמה־צייט געווען אַקטיוו אין דער חלוצישער באַוועגונג אין ווילנער געטאָ. פון דאָרטן אַוועק דורך ביאַליסטאָק קיין וואַרשע און שפּעטער אומלעגאַל קיין אונגאַרן, פון וואַנען ער איז אין 1944 צוזאַמען מיט זיין פרוי אַניטאַ אַרויס־געשיקט געוואָרן קיין בערגען־בעלזען. נאָך אין ווילנע האָט ער אָנגעשריבן דעם גרעסטן טייל פון זיינע Gesänge aus der Stadt des Todes, בעתן קריג אַרויסגעגעבן אומלעגאַל און אויך אין דער צייט אַרויסגעפירט מיט דער הילף פון אַ שליח דורך טערקיי קיין א"י, ווו זיי זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין אַ העברעישער איבערזעצונג. חוץ דעם האָט אַדלער אָנגעשריבן Balladen des Gekreuzigten... און איבערגעזעצט אין דייטש „דאָס ליד פון אויסגעהרגטן יידישן פאָלק" פון י. קאַצענעלסאָן.
7. אַנאָנ. מעמ., ז. 5—6, טרילאָגיע, באַשטעטיקט דורך ה. אַדלער.
8. דוואָרזשעצקי, ז. 24.
9. געווען פאַרשידענע שאַצונגען : לויט ד"ר דוואָרזשעצקי, „ווייסע נעכט און שוואַרצע טעג", ז. 95, 76—80 טויזנט. אַנאָנ. מעמ., ז. 2, טרילאָגיע און באַלבערישסקי, „שטאַרקער פון אייזן". ז. 77 (ווייטער : באַלבערישסקי) האָבן אָנגעוויזן דעם סכום פון 80 טויזנט. ד"ר מ. העלער אין זיין פאַרש־אַרבעט וועגן געטאָ, וואָס ער האָט געמאַכט פאַרן ראָזענבערג־אינסטיטוט — 76 טויזנט.

לויטן צענז אין פּוילן פון 1931 האָט די צאָל יידן אין דעם יאָר באַטראָפן אין ווילנע 55 טויזנט אויף דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג פון 195 טויזנט נפשות. די אינדעקסן פון דעם דורכשניטלעכן יידישן נאַטירלעכן צוּוווּקס פאַר דעם פעלנדיקן צייט־אָפּשניט דערלויבן צו שאַצן די צאָל יידן אין ווילנע אַרום דעם 1־טן סעפּטעמבער 1939 אויף אַ 59—60 טויזנט. ס'איז אָבער אָנצונעמען, אַז די צאָל איז דאַמאָלס געווען פאַקטיש אַ העכערע אין שייכות מיטן פּראָצעס פון גראַוויטאַציע פון דער באַפעלקערונג פון קליינע צו די גרויסע שטעט, וואָס האָט זיך בולט מאַניפעסטירט אין אַלע לאַנד־טיילן פון פּוילן. נאָכן מלחמה־אויסברוך זענען אַהערצו געפלאָסן טויזנטער פליטים פון די געביטן פאַרנומענע דורך די דייטשן און טיילווייז אויך אַנטלאָפענע פון די נאָענטע געגנטן, ווו ס'זענען פאָרגעקומען מאַסן־מאָרדן. אויך לויט אַ ליטווישן באַריכט, וואָס איז צוגעשטעלט געוואָרן דער דייטשער מאַכט, האָט די צאָל יידן אין ווילנע באַטראָפן 60 טויזנט.

10. אַלעקסאַנדראַ סאָלאָווייטשיק, דריי פערטל יאָר אונטער די דייטשן אין ווילנע, ייוואָ־בלעטער, ב. XXX, נר. 1, ז. 60, 1947.
11. טרילאָגיע, ז. 2.
12. א. סאָלאָווייטשיק, ווי פריער און קרוק, ז. 14.
13. באַלבערישסקי, ז. 124.

14. קרוק, דאַרטן.
15. א. סאַלאָווייטשיק ז. 63. געסטאַפּאָ — געהיימע שטאַטס־פּאָליציי.
16. דוואָרזשעצקי, ז. 29, סוצקעווער ז. 10.
17. באַלבערישסקי, ז. 164.
18. דוואָרזשעצקי, ז. 2—41.
19. ח. גרוסמן. אנשי המחתרת, ז. 20 (ווייטער: גראָסמאַן).
20. פאַרשידענע קוואַלן ברענגען די ציפערן 5.000—8.000, צ. בירמאַן אין איר בריוו — 15.000.
21. באַלבערישסקי, ז. 164.
22. א. סאַלאָווייטשיק, ז. 64, קרוק, ז. 62.
23. מיינע זכרונות... און אויך: צו מיינע ליבע חברים...
24. דוואָרזשעצקי, ז. 62.
25. קרוק, ז. 76, באַלבערישסקי, ז. 184, קאַלמאַנאָוויטש, אַ טאָגבוך אין ווילנער געטאָ, ז. 79.
26. קרוק ז. 72 — 6.000, סוצקעווער, ז. 38 — 10.000.
27. צ. בירמאַן, ווי פריער.
28. באַלבערישסקי, ז. 209.
29. ה. קליאַטשקאָ, די צווייטע געטאָ אין ווילנע, ייוואָ־בלעטער, ב. XXX, נר. 1, ז. 133.
30. גרופּנפירער (גענעראַל) פון ס. ס., הויפּט פון רייכסזיכערהייט־דינסט, אָרגאַ־ניזאַטאָר פון דער „קריסטאַל־נאַכט", דערמאָרדעט געוואָרן אין מאַי 1942 דורך טשעכישע פּאַרטיזאַנער. אויף זיין נאָמען זענען אָנגערופן געוואָרן די ליקווידאַציע־אַקציעס „ריינהאַרדט־אַקציאָן" און די אויסראָטונגס־טרופּן — „ריינהאַרדט־איינזאַץ".
31. פ. פרידמן, בעיות מוקד. למיתודול., קובץ מחקרים..., ז. 87, יד ושם, תשי"ח.
32. י. קרמיש, שלב ראשון להשמדה, ידיעות, בית לוחמי הגיטאות, מס. (18—19) 1—2, ז. 48, אַפּריל 1957.
33. אַנאַנ. מעמ., ז. 7, ר. קורצ'אַק, ספר הפרטיזנים, כרך א' ז. 22.
34. הגם מיר האָבן זיך באַנוצט מיט אַן אויטאָריזירטער קאָפּיע פון דעם אָריגינאַל, וועט צוליב טעכנישע סיבות אַנגעוויזן ווערן די זייט פון „דפים מן הדליקה" אין דעם פאַל — ז. 126, ווייטער: דפים.
35. אַנאַנ. מעמ. ז. 7, טרילאָגיע, ז. 2.
36. באַלבערישסקי, ז. 254.
37. קרוק, נאָטיץ פון 25־טן דעצעמבער, ז. 98.
38. רבקה מאַדייסקאַ איז אומגעקומען מיט אַ מאַרטירער־טויט. דערקענט און דערמאָרדעט געוואָרן דורך געסטאַפּאָ־אַגענטן.
39. ש. ענטין איז דערמאָרדעט געוואָרן אין דער פּאַוויאַק־תפיסה אין וואַרשע.
40. גראָסמאַן, ז. 18.
41. ג"ע שרה שאַוועץ, ייד. היסטאָרישע קאָמיסיע, נר. M11/B/48, אַרכיוו יד ושם.
42. דוואָרזשעצקי, ז. 102.
43. באַלבערישסקי, ז. 264.
44. דאַרטן, ז. 268.
45. א. סאַלאָווייטשיק, ז. 83.
46. באַלבערישסקי, ז. 246.
47. מיינע זכרונות..., ווי פריער.
48. דוואָרזשעצקי, ז. 16.
49. א. סאַלאָווייטשיק, ז. 73.
50. ה. קליאַטשקאָ, ווי פריער, ז. 132.
51. 51. טרילאָגיע, ז. 2.
52. ה. קליאַטשקאָ, ז. 134.
53. אַנאַנ. מעמ., ז. 8.
54. א. סאַלאָווייטשיק, ז. 65.
55. חיים לזר (ליטאי), חורבן ומרד, עמ' 54.
56. קרוק, ז. 111.

57. אבא קאָוונער, להבות באפר, ספר מלחמות הגיטאות, ז. 411.
58. דפים, ז. 126.
59. האקציה בביאליסטוק, טאָגבוך.
60. באַלבערישסקי, 10, קרוק, ז. 76 האָט אָנגעגעבן די ציפער פון 3550.
61. ה. קליאַטשקאָ, ווי פריער.
62. אַנאַנ. מעמ., ז. 8.
63. באַלבערישסקי, ז. 282.
64. קרוק, 262.
65. באַלבערישסקי, דאָרטן און 264.
66. ה. קליאַטשקאָ, ז. 132.
67. קרוק, ז. 78.
68. ג"ע פון זעלדע טרעגער, נר. ט־3390/73, אַרכיוו יד ושם, ת"א.
69. ג"ע נ. רעזניק, 3404/219, פון 19/6/73, יד ושם.
70. דוואָרזשעצקי, ז. 141.
71. ג"ע פון ה. אַדלער, אַרכיוו פון דער מחברטע.
72. דוואָרזשעצקי, ווייסע נעכט..., ז. 156.
73. צ. בירמאַן, בריוו צ״ מיינע ליבע חברים...
74. ר. קורצ'אַק, להבות באפר, ז. 22.
75. באַראַקס, געשטאַמט פון קאַליש. פאַר דער מלחמה פרייוויליק זיך צוגע־שטעלט צום פוילישן מיליטער־דינסט, כדי אויסצומיידן אַ שטערונג אין באַקומען אַן אַרויספאַר־דערלויבעניש פאַר דער עליה.
76. דפים, ז. 122.
77. בריוו צו מייגע ליבע חברים... אַלע ווייטערדיקע ציטאַטן פון איר שטאַמען פון דעם בריוו.
78. דוואָרזשעצקי, ז. 335.
79. דאָרטן, ז. 246.
80. דאָרטן, ז. 337.
81. לויט זיין בריוו צו דער שוועסטער אויף סיביר.
82. דוואָרזשעצקי, ז. 364.
83. דאָרטן, 339.
84. דפים, ז, 124.
85. צ. בירמאַן.
86. קאַראַימער, אַ סעקטע, וואָס האַלט נאָר פון דער תורה שבכתב און וואַרפט אָפּ דעם תלמוד. לויט אייניקע, שטאַמען זיי פון די צדוקים, לויט אַנדערע — פון די טאַטערן און די כוזרים.
87. דוואָרזשעצקי, ז. 332.
88. אַנאַנ. מעמ., ז. 11.
89. דער ערשטער — לויט ניישטאַדט, ז. 469 ; דער צווייטער — דוואָרזשעצקי, ז. 351, דער לעצטער — לויט אַדלער.
90. ג"ע אַדלער.
91. דוואָרזשעצקי, ז. 351.
92. דוואָרזשעצקי, חנוכה 1941... די פרעסע, בוענאָס־איירעס, 29.12.1948.
93. דוואָרזשעצקי, ז. 340.
94. כתבים פון געטאָ, ז. 359.
95. גראָסמאַן, ז. 21, ספר הפרטיזנים, ז. 270.
96. Słowo Ruchu אין Nasze Słowo נר. 7, 1947.
97. אינפאָרמאַציע פון אינזש. אַנזעלם רייס.
98. ניישטאַדט, ז. 61—560.
99. אינערלעכע קאָרעספאָנדענץ, ווי פריער.
100. די פאַרדינסטן זאָלן האָבן געשטאַמט פון איבערפירן דעוויזן דורך די גרע־נעצן, אַנאַנ. מעמ., ז. 4, טרילאָגיע, ז. 1. מיט דעם האָבן זיך פאַרנומען אַ סך קריסטלעכע פרויען. פאַר אַ שליחה איז דאָס אפשר געווען נאָך אַן אופן צו פאַרמאַסקירן איר יידישקייט.
101. זי איז אומגעקומען בעת דעם אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ.

102. אַנאָנ. מעמ., ז. 19, טרילאָגיע, ז. 4.
103. אירענאַ אַדאַמאָוויטש, אָפּגעמערקט אין מרדכיס שריפטן, ביים אַנאָנ. מעמ. און אין דער טרילאָגיע, לעבט אין פּוילן.
104. צ. לובטקין, בימי כליון ומרד, ספר דרור, ז. 468, ר. קורצ׳אק, ספר הפר־טיזנים, כרך א׳, ז. 24.
105. פון טענענבוימס געזעגענונגס־בריוו צו זיין שוועסטער טאַמאַראַ.
106. גראָסמאַן, ז. 49.
107. ג״ע פון בעלאַ חזן־יערי, ווי פריער.
108. דוואָרזשעצקי, ז. 341.
109. ארכיון חסידי אומות העולם, תיק נר. 55, יד ושם.
110. ג״ע פון ה. אַדלער.
111. אַנאָנ. מעמ., ז. 10, אויך ה. אַדלער.
112. ווי וועגן אַ כלומרשטער כלה, וואָס איז אַרויסגעפאָרן קיין א״י, זיינע פּלענער זיך מגייר צו זיין און זיך מיט איר פּאַראייניקן דאָרטן, פריערדיקע באַ־קאַנטשאַפטן מיט ציוניסטן און מיט אַניטאַ אַדלער אין ווין א״א.
113. ווייטער באַצייכנט: דער דאָקומענט וועגן שמידן.
114. בלעטער פאַר געשיכטע, ב׳ IV, ה. 1, ז. 99, 1951.
115. אליעזר ענגעלשטערן, ג״ע נר. 3608, יד ושם און אויך אַרכיוו פון דער מחברטע, אין די געטאָס און וועלדער, ז. 22/3.
116. ג״ע פון ש. בראַנאָווסקי, ארכיון חסידי אומות העולם, תיק נר. 55, יד ושם.
117. אַנאָנ. מעמ., ז. 11, טרילאָגיע, ז. 3, אַדלער.
118. אַזוי ווי וועגן שמידן, זענען אויך וועגן די אַדלערס, וואָס האָבן ביי אים געוווינט און געווירקט ביי דער הילפס־אַקציע, געוועזן פאַרשפּרייט פאַלשע קלאַנגען און זיי האָבן זיך איבערגעחזרט אין כמעט אַלע רעלאַציעס. פאַקטיש האָט אַניטאַ, וואָס איז געוועזן אַן אָפּערן־זינגערין אין ווין, נישט געקענט שמידן פון דאָרטן און ס׳ערשטע מאָל זיך באַגעגנט מיט אים אין ווילנער געטאָ. זי איז אויך נישט געוועזן פריער פאַרהייראַט און דער אַנ־געוווּזענער, כלומרשטער ערשטער מאַן, מאַצענאָווער, איז מסתמא אַ פּסעוו־דאָנים, מיט וועלכן די יידישע אונטערערד האָט באַצייכנט שמידס פריינד, דעם דייטשן אַנטי־היטלעריסט און יידן־רעטער, פראַנץ פריטש (וועגן אים — שפּעטער).
הערמאַן, וואָס האָט געדינט אין טשעכישן לעגיאָן, איז געוועזן באַשעפטיקט ביי פּשוטע אַרבעטן, נישט געוועזן קיין פּליער און ממילא נישט געקענט אָנטייל נעמען אין די באָמבאַרדירונגען פון דייטשע שטעט.
119. אַדלער, אַנאָנ. מעמ. און טרילאָגיע.
120. גראָסמאַן, ז. 47.
121. אַדלער, אַנאָנ. מעמ., ז. 10.
122. ד״ר דוואָרזשעצקי, ידיעות, נר. 19/20, ז. 6, יד ושם.
123. דוואָרזשעצקי, ידיעות, נר. 15/16, ז. 15, יד ושם, ראיון קבוצתי, ז. 8.
124. ג״ע פ. בערנשטיין־שיינבוים ראיון קבוצתי, ז. 8.
125. י. צוקרמן, דפים, ז. 7. (ווייטער: צוקערמאַן).
126. ג״ע ב. רעזניק, ווי פריער.
127. ג״ע א. מגיד, ראיון קבוצתי, ווי פריער, ז. 26.
128. גראָסמאַן, ז. 48.
129. קורצ׳אַק, להבות באפר, ז. 47, (ווייטער: ר. קאָרטשאַק).
130. גראָסמאַן, ז. 61.
131. ג״ע ב. רעזניק, ווי פריער.
132. איציק וויטענבערג, קאָמוניסטישער טוער, געשטאַנען אין שפּיץ פון דער פאַראייניקטער פּאַרטיזאַנער אָרגאַניזאַציע. געזוכט דורך דער געסטאַפּאָ און מחמת דער דראָונג פון בלוטיקע רעפּרעסיעס קעגן גאַנצן געטאָ, האָט ער זיך אַליין איבערגעגעבן און דערמאָרדעט געוואָרן אין יולי 1943.
133. די באַריכטן פון יידישן נאַציאָנאַל־ראַט און פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע אין וואַרשע, פון 24־טן מאַי 1944, פאַרעפנטלעכט דורך דעם יידישן וועלט־קאָנגרעס אין דער זאַמל־שריפט „דורך בלוט און פייער",

ניו־יאָרק, נאָוועמבער 1944. ענלעך אויך ביי ניישטאַדט, ז. 130.
אין די באַריכטן זענען נישט אָנגעגעבן די נעמען פון ד׳י צוויי דעלעגאַטן פון „בית״ר״, דאָקעגן ווערט געבראַכט טעותדיק דער נאָמען פון מרדכי טענענבוים, וואָס איז אָנגעקומען קיין וואַרשע ערשט דעם 24־טן מערץ 1942, ווי אויך פון טעמע שניידערמאַן און ח. גראָסמאַן. די לעצטע איז אָנגעקומען שפּעטער און באַזונדער.

134. גראָסמאַן, ז. 61, אויך דוואָרזשעצקי, ז. 340.
135. דפּים, ז. 125.
136. גראָסמאַן, ז. 169.
137. באָלבערישסקי, ז. 247.
138. דאָרטן, ז. 225.
139. דוואָרזשעצקי, ז. 133, סוצקעווער, ז. 130.
140. ג״ע ה. אָדלער.
141. דוואָרזשעצקי, ידיעות יד ושם, נר. 19/20, ז. 6, אויך ראיון קבוצתי, ז. 9 און אָדלער. אַזעלכע צערעמאָניעס זענען ווירקלעך, זינט יאָרן, איינגעפירט געוואָרן דורך יד ושם אין ירושלים.
142. אָנאָנ. מעמ., אויך אָדלער.
143. בלעטער פאַר געשיכטע, ווי פריער, ז. 101.
144. א. מגיד, ראיון קבוצתי, ז. 26.
145. דוואָרזשעצקי, דאָרטן, ז. 29.
146. ר. קאַרטשאַק, ז. 47, דוואָרזשעצקי, ז. 342.
147. נ. רעזניק, ג״ע, ווי פריער.
148. דוואָרזשעצקי, ז. 343 און 499.
149. ראיון קבוצתי, ז. 19.
150. א. קאָוונער, ווי פריער.
151. א. סוצקעווער, ז. 129/30.
152. דוואָרזעצקי, ווי אויבן, אויך אַנדערע פּובליקאַציעס וועגן ווילנע, צווישן זיי א. קאָוונער, סוצקעווער און ר. קאַרטשאַק געבן אָן דעם טעקסט, אויב נישט אידענטיש, איז מיט קליינע אָפּנייגונגען.
153. גענומען פון אַ פאָטאָקאָפּיע פון בית לוחמי הגיטאות ע״ש י. קצנלסון. דער כתב איז געשריבן מיט אַ דייטלעכער און רעגולערער האַנטשריפט, טיילווייז אויף אַ פריער שוין באַשריבן בלעטל, וואָס איז אָפּגעמעקט געוואָרן — אַ באַווייז פון מאַנגל אין פּאַפּיר.
154. אין טעקסט טעותדיק: אַריינדריקן, אפשר געמיינט אַריינדרינגען. אחוץ דעם ווערט אַלץ איבערגעגעבן אין דער אָריגינעלער טראַנסקריפּציע און מיט די עווענטועלע פעלערן.
155. געוועזן פאַרשידענע שאַצונגען פון דער צאָל דעמאָלט איבערגעבליבענע: דער פריער ציטירטער אויפרוף ווייזט אָן — 20 טויזנט, אָנאָנ. מעמ., ז. 12 און טרילאָגיע — 11 טויזנט, וואָס שטייט נאָענט צו דעם סכום, אָנגעגעבן אויף דעם אָרט. אויך קרוק, ז. 260 און דוואָרזשעצקי, ז. 140 געבן אָן 12 טויזנט — 12.600.
156. ר. קורצ׳אַק, במאבק על יחידה יהודית לוחמת, ספר הפרטיזנים, פ׳ א׳, 4.
157. א. מגיד און פּ. בערנשטיין, ווי פריער, ז. 22.
158. פּ. בערנשטיין, דאָרטן, ז. 21.
159. טרילאָגיע, ז. 3.
160. בלעטער פאַר געשיכטע, ווי פריער, ז. 99.
161. אָנאָנ. מעמ., ז. 10, צ. בירמאַן.
162. געזעגענונג־בריוו צו טאַמאַראַ.
163. טרילאָגיע, ז. 2.
164. ג״ע ה. אָדלער.
165. אָנאָנ. מעמ., ז. 12, טרילאָגיע, ז. 2.
166. דוואָרזשעצקי, אַנטון שמיד, ידיעות יד ושם, נר. 19/20, ז. 6, ג״ע א. מגיד, אַרכיוו פון דער מחברטע.
167. בלעטער פאַר געשיכטע, ז. 100, ווי פריער.

168. אַנאָנ. מעמ. און טרילאָגיע, ווי אויבן.
169. ג״ע אַדלער.
170. S. Wiesenthal, The Murderers Among Us, p. 295 (ווייטער: קאָוואַלסקי). I. Kowalski, A Secret Press in Nazi Europe.
171. אַנאָנ. מעמ., טרילאָגיע.
172. ג״ע אַדלער. לויט אַן אַנדערן נוסח, איז שמיד פאַרמסרט געוואָרן דורך אַ געוויסן, ווייניק באַקאַנטן מאַקס, אַן אָפּשטאַמיקן פון בערלין, וואָס האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ חלוץ, אָבער געווען „אַ גרויסער פלאַפלער" און דעריבער נישט באַליבט אין דער סביבה. די סיבה פון דעם פאַרראַט — נקמה פאַר נישט אַריינגעמען אים אין דער רשימה פון די אָפּפאָרנדיקע. מ'האָט אים שפּעטער געלינטשט אין געטאָ. — אַנאָנ. מעמ., טרילאָגיע און אויך מתוך דו״ח של קבוצת הנוער הציוני (הועד לעניני יהודי פולין, הארכיון הציוני המרכזי, 1246—26 S, ז. 19).
173. דוואָרזשעצקי, ז. 322.
174. אַנאָנ. מעמ., ז. 14, אויך טרילאָגיע.

און זיי זענען נישט פאַרגעסן געוואָרן. די ווייניקע לעבנגעבליבענע, אָפּגעראַטעוועטע דורך שמידן — די אַדלערס, הופּפערט — האָבן געהאַלטן וואָרט און באַלד נאָך דער מלחמה אויפגעזוכט זיין פרוי און טאָכטער. עס האָבן דאָס אויך געטאָן אַנדערע באַקאַנטע מיט דער פּרשה שמיד, צווישן זיי ד״ר דוואָרזשעצקי, ש. וויזענטאַל, לייטער פון דעם פאָרשונגס־צענטער אין ווין, מיטן צוועק צו העלפן דער משפּחה. זייער מאַטעריעלער מצב איז גראָד געווען אַ גוטער, די פרוי האָט ווייטער געפירט דאָס ראַדיאָ־געשעפט און אויך די טאָכטער, אַ פאַרהייראַטע, איז געווען צופרידנשטעלנדיק סיטואירט. אגב, איז זי פאַרבליבן זייער שטאָלץ אויף איר פאָטערס מעשים און האָט דערקלערט, אַז אויך זי וואָלט אַזוי געהאַנדלט (לויט אַדלער). מען האָט אַראַנזשירט פאַר דער משפּחה אַ רייזע קיין ווילנע צו שמידס קבר. טאַמאַראָפס וווּנטש פון דער סילוועסטער־נאַכט איז מקוים געוואָרן אין דעם זין, וואָס די פרוי מיט דער טאָכטער זענען איינגעלאַדן געוואָרן דורך יד ושם קיין ישראל, וווּ זיי האָבן, אָקטאָבער 1966, באַקומען פאַר אים אַ דיפּלאָם און דעם כבוד צו פלאַנצן אַ בוים אויף שמידס נאָמען אין דער אַלייע פון די „חסידי אומות העולם" אויפן הר הזכרון, אין ירושלים.

הערמאַן אַדלער האָט אויך פאַראייביקט די געשטאַלט פון דעם „פעלדוועבל שמיד" אין אַ סוזשעט, געשטיצט טיילוויז אויף אויטענטישע דאָקומענטן, פאַר אַ פילם, געמאַכט דורך אַ ישראלדיקן רעזשיסער. דעם פילם האָט באַשטעלט די דייטשע טעלעוויזיע אויף דער איניציאַטיוו פון דער געזעלשאַפט פאַר יידיש־קריסטלעכער צוזאַמענאַרבעט. אַחוץ אין דייטשלאַנד, איז דער פילם געוויזן געוואָרן מיט דערפאָלג אין אַ ריי אייראָפּעישע לענדער און אויך אין ירושלים, וווּ ער געפינט זיך ביז היינט אין יד ושם.

מחמת טעכנישע סיבות קען דער פילם איצט נישט געוויזן ווערן דאָרטן און ער איז געבליבן אומבאַקאַנט דער מחברטע.

175. טרילאָגיע, ז. 3 און אַדלער.
176. ח. גראָסמאַן, וואָס האָט אַ מאָל באַגלייט מרדכין, איז בייגעווען בעת איין אַזאַ שמועס, „רמזים" פון אסתר יפה מיט שמידן, ז. 47, קאָוואַלסקי, ז. 63.
177. בלעטער פאַר געשיכטע, ז. 98, ווי פריער.
178. דפּים, ז. 142.
179. ג״ע אַדלער.
180. דוואָרזשעצקי, ז. 337.
181. ג״ע א. מגיד, אַרכיוו פון דער מחברטע.
182. ראיון קבוצתי, ז. 21.
183. לויט אַדלער — סוף פעברואַר, לויט פ. בערנשטיין — דעם 20־טן אָדער 27־טן פעברואַר, ווי פריער, ז. 19.
184. ג״ע אַדלער.
185. טרילאָגיע, ווי פריִער.

186. ד״ר הערמאַן פראַנק, מרדכי טענענבוים, העלדישער קאָמענדאַנט פון ביאַ־ליסטאָקער געטאָ־אויפשטאַנד, ביאַליסטאָקער שטימע, סעפטעמבער 1966.
187. ג״ע אַדלער.

קאַפיטל 15

1. ד״ר דוואָרזשעצקי, ז. 364 און ידיעות יד ושם נר. 19/20, האָט געהערט וועגן 28 חברים, וואָס זענען אָנגעקומען מיט פאַרשידענע וועגן, דער עיקר דורך שמידן. צווישן די נעמען וויזט ער אָן אויף גרעאַ כהן, וועלכן צ. בירמאַן האָט ביי דער געלעגנהייט נישט דערמאָנט (אפשר דערפאַר, ווייל ער איז געקומען פון „עקיבא״) און פיגורירט שפּעטער אין איר רשימה פון די קיבוץ־מיטגלידער פונעם 1־טן מערץ.
2. מ. טענענבוימס אַ צושריפט אויף אַ מעלדונג פונעם יודנראַט פון 22־טן אַפּריל 1942, נר. 255.
3. טאָגבוך, 21.1.43.
4.ניישטאַדט, 655.
5. טאָגבוך, 18.1.43.
6. Dow Pirej, Towarzysze broni, Nasze Słowo, Nr. 13, 1947 (ווייטער: קאַמפּס־חברים און נאַשע סלאָוואָ).
7. ג״ע פון ד. פּירעי, אַרכיוו פון דער מחברטע.
8. ג״ע פון מאירה ראַוויצקי, אַ געוו. שול־חברה, דאָרטן.
9. ד. פּירעי, ווי פריער.
10. ג״ע פון ב. אייזענשטיין, ווי פריער. צו איר זענען אויך געשריבן טעמאַס בריוו, צוועלף אין צאָל, זינט דעם 1937.7.8 ביזן 1938.9.28, וועלכע, אגב, זי האָט געבעטן צו פאַרניכטן.
11. ג״ע פון דעם דעמאָלטיקן קינד, דער איינציקער לעבנגעבליבענער שוועסטער שיינדל, היינט יפה פינקעלשטיין אין ישראל, אַרכיוו פון דער מחברטע.
12. אַנאַנ. מעמ. און טרילאָגיע.
13. אַנאַנ. מעמ., ז. 17 און טרילאָגיע, ז. 3 געבן איבער מכוח אַ „געהיימער פאַרזאַמלונג... וועגן אַ פאַרטיידיקונגס־אָרגאַניזאַציע..., די אָנוועזנדיקע האָבן באַוווּנדערט מרדכיס מיליטערישן רעפעראַט״.
14. אַנאַנ. מעמ. גיט אָן — דורך פאַרמיטלונג פון לאָנקע, די טרילאָגיע — פון צוויי בחורות, מסתמא לאָנקע און טעמע.
15. ניישטאַדט, ז. 469.
16־17. אַנאַנ. מעמ., ז. 18, טרילאָגיע, דאָרטן.
18. טבח — דאָס הרגענען, גאונען — די שטאָט פונעם גאון, ווילנע, שארית — די לעצטע פאַרבליבענע, יצחק — צוקערמאַן.
ניישטאַדט, ז. 469. דער בריוו איז דורך אונדז נישט אָפּגעפונען געוואָרן. דער דאָזיקער מקור וויזט אָן די דאַטע פון דער שריפט — דעם 31־טן מערץ 1942. אָבער דאָס איז אין סתירה מיט טענענבוימס פאַרצייכענונג אין טאָגבוך (מערץ 1943), לויט וועלכער ער איז אָנגעקומען קיין וואַרשע אַ וואָך פריער. אפשר איז פאַרצייכנט געוואָרן דער טאָג פון דערהאַלטן דעם בריוו און נישט פון אַרויסשיקן. אין יענע באַדינגונגען האָט דער בריוו אוודאי דורכגעמאַכט אַ לאַנגן וועג מיט צעגערונג און שטרויכלונגען.

פערטער טייל: ווידער אין וואַרשע

קאַפיטל 16

1. י. צוקערמאַן, הקדמה צו „דפים מן הדליקה״, ז. 5 א״וו. אַלע ווייטערדיקע ידיעות, וואָס ווערן דורך אים אָנגעגעבן וועגן מרדכין, שטאַמען פון דעם דאָזיקן קוואַל, אויב עס איז נישט אָנגעוויזן קיין אַנדערער.
2. י. טורקאָוו אַזוי איז עס געווען, ז. 62.

Schutzstaffel-S.S., ספעציעלע אָפּטיילונגען אָפּצוהיטן די זיכערקייט און צו קעמפן קעגן די שונאים, אינערלעכע און אויסערלעכע, זיך אויסגעצייכנט אין יידן־מאָרדן.

3. כתבים פון געטאָ, באַנד 2, ז. 84.
4. דאָרטן, באַנד 1, ז. 377.

קאַפּיטל 17

1. לחברים בארץ, לרשות ועד הפועל של ההסתדרות, מזכירות הקיבוץ המאוחד.
2. די געשילדערטע דאַטעס און ציטאַטן פון מרדכי טענענבוים וועגן וואַרשע שטאַמען פון דעם דאַזיקן בריוו, אויב ס'איז נישט אָנגעגעבן קיין אַנדערער מקור. דפים 112 א"וו.
3. דער אויסדרוק אַזוי אין אָריגינאַל, אין יידיש.
4. דפים, ז. 18.
5. הערש בערלינסקי, זכרונות (פון מיקראָפילם), נ. בלומנטל, י. קרמיש, המרי והמרד בגיטו וארשא, ספר מסמכים, ז. 88/9. בשעת דעם אַפּריל־אויפשטאַנד — געווען אַ קאָמאַנדיר פון זיין פּאַרטיי־אָפּטיילונג, געפאַלן אין דעם פּוילישן אויפשטאַנד אין אויגוסט־סעפּטעמבער 1944.
6. אין אָריגינאַל איז טעותדיק אָנגעגעבן ל. בליט, אַ זייער אַקטיווער בונדיסט, וואָס האָט זיך שוין דעמאָלט נישט געפונען אין וואַרשע. דער אָפּשניט, וואָס אַנטהאַלט די נעמען פון די באַטייליקטע, איז אין דפים אויסגעלאָזט געוואָרן.
7. דער דאַזיקער זאַץ אין אָריגינאַל אין יידיש.
8. צ. לובטקין, בימי כליון ומרד, ספר דרור, ז. 471.
9. א. ברמן, מימי המחתרת, ז. 54.
10. י. צוקרמן, מרד היהודים, ספר מלחמות הגיטאות, ז. 111.
11. י. צוקערמאַן, ווי פריער.
12. ע. רינגעלבלום, כתבים, נאָטיץ פון 10־טן יוני 1942, באַנד 1, ז. 2—371.

קאַפּיטל 18

1. דפים, ז. 8.
2. כמעט אַלע זיי זענען געפאַלן אויף פאַרשידענע פראָנטן בעתן אויספירן געפערלעכע מיסיעס. חיים זעלמאַנאָווסקי, דאָס געטאָ, ווי איך האָב עס געזען (פויליש), נאָשע סלאָוואָ, נר. 7, 1947.
3. שלום גראַיאַק, עתונות המחתרת, ספר מלחמות הגיטאות, ז. 44.
4. צווישן זיי דער דינאַמישער מיטאַרבעטער פון דער קולטור־אָרגאַניזאַציע „ייקאָר" אין געטאָ, מנחם לינדער.
5. כתבים, ווי פריער.
6. י. צוקערמאַן, דפים, ז. 9 א"וו.
7. אַ פעסטונג אין ישראל ביים ים־המלח, וואָס איז געוואָרן אַ סינאָנים פון ווייטגייענדיקער איבערגעגעבנקייט צום פאָלק און פון גבורה. במשך פון דריי יאָר נאָכן פאַלן פון ירושלים, האָט זיך נאָך מסדה (מצדה) פאַרטיידיקט אונטער דער אָנפירונג פון אליעזר בן גיורא. ווען די קעמפערס זענען פאַרבליבן אָן אַ שום אויסוועג, האָבן זיי אַליין געמאַכט אַ סוף צו זייער לעבן, פסח אין יאָר 73.
8. אין רינגעלבלום־אַרכיוו איז אָפּגעראַטעוועט געוואָרן אַ שפּעטערדיקער עקזעמפּלאַר פון די „ידיעות", נר. 11, אָבער ס'איז לעת עתה נישט באַוווּסט, וועלכע מאמרים שטאַמען פון טענענבוימס פעדער. אויף דעם אָרט זענען באַהאַנדלט געוואָרן נאָר די דאַזיקע, ווו י. צוקערמאַן האָט אָנגעוויזן טענענבוימען ווי דעם מחבר.
9. ש. גזשענדאַ, צווישן שוכאַ און פּאַוויאַק (אין פּויליש), „נאָשע סלאָוואָ" נר. 13, 1947.
10. מאַלקיניאַ — אַ באַן־סטאַציע צווישן ביאַליסטאָק און וואַרשע, וואָס איז געווען די גרענעץ צווישן דעם גענעראַלגובערנאַמענט, די אָקופּירטע געביטן פון צענטראַל און דרום־פּוילן און דעם רייך, אין וועלכן עס זענען איינ־

געגלידערט געוואָרן די מערבֿ־ און צפֿון־טיילן פֿון פּוילן.

11. ג״ע בעלאַ חזן־יערי — לויט איר געפֿונען ביי לאַנקען 4 רעוואָלווערן.

12. לאַנקאַ איז געווען זייער אויסגעשעפּט, געקרענקט אויף דיזענטעריע א״א חולאתן, געשטאָרבן פֿון טיפֿוס אין מערץ 1943. בעלאַ איז געבליבן לעבן. שושנה איז דורך אַ צופֿאַל אַריינגעפֿאַלן אין אַ גרופּע פֿון פּוילישע אַרעס־טאַנטקעס און צוזאַמען מיט זיי אַפּטראַנספּאָרטירט געוואָרן קיין מאַידאַנעק, ווּ זי איז באַפֿרייט געוואָרן דורך דער „רויטער אַרמיי״.
לויט ב. קליבאַנסקי (מחברטעס אַרכיוו) איז ביי לאַנקאַן געפֿונען געוואָרן אַ גרויסער סכום געלט, וואָס זי האָט געפֿירט פֿון באַראַשן ווי אַן אונטער־שטיצונג פֿאַרן וואַרשעווער אונטערערד. דעם פֿאַקט האָט איר איבערגעגעבן אַ צוג־פֿירער, איינער פֿון די, וואָס פֿלעגן מיטנעמען אויף דער באַן אַ פּאָר שליחות, אין דער איבערצייגונג, אַז זיי זענען קריסטינס, שמוגלערינס. ער האָט נאָכן אומקערן זיך פֿון מאַלקיניאַ אויסגעדריקט זיין פֿאַרדראָס, הלמאַי לאַנקאַ האָט אים נישט געגעבן אויסצובאַהאַלטן די גרויסע סומע געלט.

13. וו. פֿאַלמאַן, פֿון פּועלי־ציון — צ. ס., אַן אַרכיטעקט, האָט זיין דירה אויף דער אַרישער זייט פֿאַרוואַנדלט אין אַ טרעף־פּונקט פֿאַר די שליחים פֿון „דרור״ א״א, אָנהייב 1943 אַרויס צו די פּאַרטיזאַנער און געפֿאַלן אין קאַמף. מאַרעק פֿאַלמאַן, אַן אינזשיניער, פֿון די גרינדערס און לערערס פֿון דער „דרור״־גימנאַזיע, מיטאָרגאַניזאַטאָר פֿון די אויפֿשטאַנדן אין וואַרשע, טשענס־טאָכאָוו און בענדין, אַ שליח צו אָרגאַניזירן די פּאַרטיזאַנטקע אין זאַגלעמביע, אַרעסטירט און דערשאָסן געוואָרן אויפֿן וועג קיין וואַרשע.
חוקע, אַ שילערין פֿון דער אומלעגאַלער „דרור״־גימנאַזיע, האָט באַגלייט י. צוקערמאַנען, סוף 1942, קיין קראָקע, ווּ ס׳איז אויסגעפֿירט געוואָרן אַן איבערפֿאַל אויף אַ דייטש קאַפֿע־הויז. דאָרטן אַרעסטירט און פֿאַרשיקט געוואָרן קיין אוישוויץ, זיך אָפּגעראַטעוועט אַלס קריסטין, (היינט אין קיבוץ לוחמי הגיטאות).

14. י. צוקערמאַן, דפֿים, ז. 11.

15. לעוואַרטאָווסקי איז סוף 1941 געקומען פֿון ביאַליסטאָק קיין וואַרשע, געווען פֿון די גרינדערס פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און אידעאָלאָגן פֿון אַ באַוואָפֿנטן קאַמף אין געטאָ. איז אַרויסגעפֿירט געוואָרן קיין טרעבלינקע אויגוסט 1942.

16. שמידט מיטן אמתדיקן נאָמען פּיניע קאַרטין און אַ צווייטן פּסעוודאָנים פּיאָטר קאַרסקי האָט געשטאַמט פֿון לוצק, געהערט אין אָנפֿאַנג צו „השומר הצעיר״, שטודירט כעמיע אין וואַרשע און דאָרטן געוואָרן אַקטיוו אין דער קאָמ. פּאַרטיי, זיך מאָביליזירט אין דער אינטערנאַציאָנאַלער בריגאַדע אין שפּאַניע. פֿאַרשיקט אין אַ לאַגער, איז ער אָנפֿאַנג מלחמה, אין די ראַמען פֿון אַן אויסטויש פֿון געפֿאַנגענע צווישן דייטשלאַנד און ראַטן־פֿאַרבאַנד, געבראַכט געוואָרן קיין מאָסקווע. נאָכן דורכמאַכן אַ פּאַראַשוטיסטן־קורס, איז ער אין דעצעמבער 1941 אַראָפּגעלאָזט געוואָרן דורך אַ סאָוויעטישן עראָפּלאַן אין פּוילן צו אָרגאַניזירן אַ ווידערשטאַנד־באַוועגונג. זיין נאָמען איז געווען אַרומגערינגלט מיט לעגענדאַרישקייט. סוף מאַי 1942 איז ער אַריינגעפֿאַלן מחמת אַ מסירה, בעתן איבערגעבן אויף דער אַרישער זייט אַ האַנט־דרוקעריי. פֿון פּאַוויאַק האָט ער באַוויזן אַרויסצושיקן אַ „גריפֿס״ (געהיים בריוול) מיטן נאָמען פֿון פּראָוואָקאַטאָר, וועלכן די חברים האָבן טאַקע דערמאָרדעט. — ג״ע פֿון זיין ברודער, באָריס קאַרטין, אַרכיוו פֿון דער מחברטע. (אגב, דער אָפּט אין פּאַרש. פּובליקאַציעס געבראַכטער נאָמען אליהו מאַזעס געהערט נישט צו שמידטן, נאָר צו אַ צווייטן קעמפֿער פֿון דער אינטערנאַציאָנאַלער בריגאַדע).

17. דפֿים, ז. 130.

18. ה. לענט, פֿון די געציילטע יידישע טראַמוויי־אַרבעטערס אין וואַרשע פֿאַר דער מלחמה, איז בעתן געטאָ־אויפֿשטאַנד פֿאַרכאַפּט געוואָרן קיין מאַידאַנעק.

19. א. פֿישלזאָן, אַן אויסגעצייכנטער ספּאָרטסמאַן, אויסגעשולט מיליטעריש, איז בעת דער ערשטער ליקווידאַציע־אַקציע אַרויסגעפֿירט געוואָרן קיין טרע־בלינקע.

20. י. קאַפּלאַן, פון די צענטראַלע אָנפירערס פון דער באַוועגונג „השומר הצעיר" און חלוצישער קאָאָרדינאַציע, פון די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער אומלעגאַלער עליה, פּאַרטיזאַנטקע, אַ מיטאַרבעטער פון דער געהיימער פּרעסע, אין געטאָ געפירט אַ טאָגבוך, וואָס איז אַריינגעפאַלן צו דער געסטאַפּאָ.
21. י. צוקערמאַן, דפים, ז. 12.
22. מרד היהודים, ספר מלחמות הגיטאות, ז. 113.
23. גראָסמאַן, ז. 97.
24. י. צוקערמאַן, ווי אויבן.
25. בימי כליון ומרד, ספר דרור, ז. 472.
26. א. ברמן, מימי המחתרת, ז. 76.
27. בערנאַרד גאָלדשטיין, פינף יאָר אין וואַרשעווער געטאָ, ז. 130.
28. Edelman Marek, Ghetto walczy, ,15 .ז
29. ניישטאַדט, ז. 311.
30. זאַגאַן, אַ פּאָרדינסטפולער עסקן פון דער לינקער פועלי־ציון, אָרגאַניזאַטאָר פון דער סאָציאַלער הילף און מיטגרינדער פונעם „בלאָק", בעת דער ערשטער אַקציע אַרויסגעפירט קיין טרעבלינקע.
31. ב. מאַרק, דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ, ז. 108, וואַרשע, 1955.
32. אויף וויפל ס'איז אונדז באַוווסט, איז די דאָזיקע וויכטיקע פּאַסירונג ביז היינט אין קיין שום פּובליקאַציע נישט אָפּגעמערקט געוואָרן.
33. לויט דער טרילאָגיע — פּאָליטישער רעפערענט.
34. אָנאָנ. מעמ., ז. 21־22, דער באַגראָבענער פּראָטאָקאָל איז נישט אָפּגעפונען געוואָרן.
35. טרילאָגיע, ז. 4.
36. ביולעטין, מרס 1944, עמ' 20, הועד למען יהודי אירופה הכבושה, שע"י הסוכנות היהודית לארץ־ישראל, ארכיון ציוני מרכזי, 1246—26 S.
37. אָנאָנ. מעמ., ז. 19.
38. זע ווייטער, בריוו צו טאַמאַראַ.
39. טרילאָגיע, ווי פריער.
40. לויט אַדלער איז די „מגילה" באַגראָבן געוואָרן אויף גענשע 9.
41. דפים, ז. 13.
42. ווי פריער.

קאַפּיטל 19

1. מ. טענענבוים, בריוו צו דער הסתדרות, דפים ז. 131.
2. אַ סקווער צווישן די גאַסן זאַמענהאָף און סטאַווקי, נאָענט פון אַריינגאַנג אין געטאָ און פון דער באַן־סטאַציע, דאָרט זענען די יידן צונויפגעזאַמלט געוואָרן פאַרן אָפּשיקן אין די טויט־לאַגערן.
3. „וועגן זעלבסטמאָרד פון פירער פון וואַרשעווער יידנטום, אינזש. טשער־ניאַקאָוו" — די באַשרייבונג שטיצט זיך אויף אַן עדות־זאָגן פון אַ פּליט, אַ מיטגליד פון וואָלאָמינער יודנראַט, וואָס איז שפּעטער געקומען קיין ביאַליסטאָק. דער כתב איז אויסבאַהאַלטן געוואָרן אין טענ.־מער.־אַרכיוו. פּאַקטיש האָט דער יודנראַט ווייטער עקסיסטירט אונטערן פאָרזיץ פון אינזש. מ. ליכטענבוים, אָבער ער האָט אָפן קאָלאַבאָרירט מיט די דייטשן.
4. י. טורקאָוו, ווי פריער, ז. 280.
5. טענענבוים האָט אָנגעוויזן, אַז אויף די ביידע זענען שפּעטער אויסגעפירט געוואָרן אַטענטאַטן.
6. י. טורקאָוו, ווי פריער.
7. ד"ר רינגעלבלום, כתבים... ב. 2, ז. 16.
8. צ. לובעטקין, ווי פריער, ז. 474.
9. לויט, ווי ער האָט עס פעסטגעשטעלט אין זיין לעצטן בריוו צו טאַמאַראַ.
10. דפים, ז. 131.
11. אויף מזרח צו אַרבעט.
12. לויט זיין טאָגבוך פון ביאַליסטאָקער געטאָ, פון 13.1.43. האָט מרדכי אָנגע־

שריבן אין וואַרשע אַ קאַמפּס־רוף. דער דאָזיקער האָט זיך נישט אָפּגעפּונען.

13. געמיינט די אָפיציעל רעגיסטרירטע. אַזוי האָט עס טענענבוים אויפגעקלערט אין זיינע שפּעטערדיקע נאָטיצן פון מערץ 1943. אַן אידענטישע ציפער פיגורירט אויך ביי א. ברמן, ווי פריער, ז. 48. אויף אַ צווייט אָרט פון דעם בריוו (אין אָנהייב, דפּים, ז. 113) ברענגט טענענבוים די גלאָבאַלע צאָל פון 500 טויזנט, וואָס ווערט אויך אָנגעגעבן אין פאַרשידענע אַנדערע קוואַלן.

14. דער אויסדרוק אין אָריגינאַל, אין יידיש.

15. ה. בערלינסקי, זכרונות, ווי פריער, ז. 90.

16. י. טורקאָוו, ז. 439.

טעבענס־שאָפּן — דאָס זענען געווען די גרעסטע וואַרשטאַטן אין געטאָ; אין די פאַרשידענע אונטערנעמונגען פון דייטשע באַלעבאַטים האָבן גע־אַרבעט טויזנטער יידן ביי שניידעריי (אוניפאָרמען פאַר דער אַרמיי), שוסטעריי, בערשטעריי, רעפּאַראַציעס אאז"וו. מענטשן זענען געווען גרייט צו אַרבעטן מיט זייערע אייגענע מאַשינען און צו צאָלן הויכע סומעס געלט, כדי צו באַקומען אַ לעגיטימאַציע פון אַזאַ „פּראָדוקטיוון" אַרבעטער.

17. ש. ברעסלאַוו, פון די אָנפירערס פון „השומר הצעיר", מיטאַרבעטערס פון היסטאָרישן אַרכיוו, רעדאַקטאָר פון אומלעגאַלע צייטונגען, אָרגאַניזאַטאָר פון די שפּעטער אויסגעפירטע שריפות (זע ווייטער טעקסט).

18. מ. אַניעלעוויטש, פון די אָנפירערס פון „השומר הצעיר", מיטרעדאַקטאָר פון אומלעגאַלע אויסגאַבעס („נגד הזרם"), אין שלעזיע אָרגאַניזירט זעלבשוץ־גרופּעס קעגן די טראַנספּאָרטן קיין אוישוויץ. נאָך דער גרינדונג פון דער „יי. ק. אָ.", געוואָרן באַשטימט ווי איר הויפּט־קאָמאַנדיר, אָנגעפירט מיטן אויפשטאַנד אין וואַרשע, איז געפאַלן אויף זיין פּאָזיציע אין דעם בונקער פון דעם שטאַב אויף מילע 18.

19. צ. לובעטקין, ווי פריער, ז. 475.

20. כתבים..., ב. 2, ז. 11.

21. ש. באָזשיקאָווסקי, די גרונט־אידעע פונעם אויפשטאַנד, דאָס נייע לעבן, נר. 29 (107), 1947.

22. בריוו צו דער שוועסטער טאַמאַרא.

23. לאה פּערלשטיין, מיטן אַרישן נאָמען יאַדזשאַ, פון די טיכטיקסטע טוערינס פון „החלוץ" און „דרור", אַ לערערין, מיט אַ סך אונטערנעמונגס־גייסט, האָט אין 1940 געזוכט צו אָרגאַניזירן אַן עליה דורך טשעכאָסלאָוואַקיי. זי איז געווען די סעקרעטאַרין און נשמה פונעם קיבוץ אויף טשערניאַקאָוו. נאָך זיין ליקווידאַציע, אין דעצעמבער 1942, געקומען אין געטאָ, אָרגאַניזירט אַ גרופּע פון דער יי. ק. אָ., געפאַלן בעת דעם יאַנואַר־ווידערשטאַנד.

24. אריה (יורעק) ווילנער, געבוירן אין וואַרשע, פון די אָרגאַניזאַטאָרן פון אונטערערד פון „השומר הצעיר" אין ווילנע, געקומען ווי אַ שליח קיין וואַרשע, זיך באַטייליקט אינעם יאַנואַר־ווידערשטאַנד, אַנטלאָפן פונעם לאַגער אין רעמבערטאָוו און צוריקגעקומען אין געטאָ. בשעת דעם אויפ־שטאַנד אין מאַי, איז ער באַגאַנגען זעלבסטמאָרד אינעם בונקער פונעם שטאַב אויף מילע 18.

25. ח. זעלמאַנאָווסקי, ווי פריער.

26. ניוטאַ טייטלבוים, דערמאָרדעט געוואָרן דורך דער געסטאַפּאָ סוף 1943. ניישטאַדט, ז. 38.

27. דפּים, ז. 133.

28. י. צוקערמאַן, דאָרטן, ז. 15.

29. כתבים, ב. 2, ז. 11.

30. באַריכט פון דעם יי. נ. ק. און פון דער יי. ק. אָ. אין פּוילן פונעם 24־טן מאַי 1944. די צאָל אויסבאַהאַלטענע אויף דער אַרישער זייט איז געשאַצט געוואָרן (לויט פאַרשידענע קוואַלן), אויף 25—30 טויזנט. סוף 1942 איז צוגעקומען אַ געוויסע צאָל יידן פון די אַרומיקע ליקווידירטע לאַגערן.

31. ניישטאַדט, ז. 144.

קאַפּיטל 20

1. רחל אויערבאַך, פאַרוואָס אַזוי שפּעט ? (פּויליש), נאַשע סלאָוואָ, נר. 7.
2. נאָטיצן פון וואַרשעווער געטאָ, ז. 258.
3. ייד. נאַצ. קאָמ. (?), די ליקווידאַציע פון דער ייד. וואַרשע, ראַפּאָרט פון 15־טן נאָוו. 1942, בלעטער פאַר געשיכטע, ב. IV, ה׳ 2, ז. 199, 1951.
4. ה. זיידמאַן, טאָגבוך פון וואַרשעווער געטאָ, ז. 171 (ווייטער: זיידמאַן).
5. דאָרטן, ז. 292.

קאַפּיטל 21

1. פ. בעאַטום, בעת דעם אַפּריל־אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ איז זי געווען די פאַרבינדלערין צווישן דעם קאָמענדאַנט מ. אַניעלעוויטש און זיין פאַרטרעטער אויף דער אַרישער זייט. שפּעטער געהאָלפן אין דער רעטונגס־אַקציע פון די לעצטע פאַרבליבענע קעמפערס דורך די קאַנאַליזאַציע־רערן. אַ דערשיטערטע פונעם סוף פון וואַרשעווער יידנטום, איז זי באַגאַנגען זעלבסטמאָרד אין עלטער פון 17 יאָר.
2. בריוו צו דער הסתדרות, דפים, ז. 133.
3. מ. טענענבוים, דפים 134.
4. זיידמאַן, ז. ~~171 און~~ 240.
5. דאָרטן
6. בריוו צו דער הסתדרות, דפים, ז. 134.
7. אַזאַ ענטפער מצד טאַמאַראָף ווערט אויך געבראַכט אין טרילאָגיע און אין נאָך איין רעלאַציע, דהיינו, אויף דער פראַגע: „צי קענט איר באַווייזן, אַז איר זענט טאַקע אַ טאָטער און נישט קיין רוס ?" (טאַמאַראָף איז אויך געווען אַ פאַרשפּרייטער נאָמען ביי די רוסן), פלעגט ער גלייך מוטיק ענט־פערן: „געוויס, אויב איך וואָלט נישט געווען קיין מאַכמעדאַנער, וואָלט איך דאָך נישט געווען קיין געמלטער". — ד״ר הערמאַן פראַנק, ווי פריער, ביאַליסטאָקער שטימע, סעפּטעמבער 1966.
8. ג״ע אַדלער. די אַדלערס זענען אַוועק קיין אונגאַרן אין אָקטאָבער 1943, אַ דאַנק דער הילף פון שמידס באַקאַנטן, אַקטיוון אַנטי־נאַצי און סאָציאַליסט פראַנץ פריטש, וואָס איז געווען דער לייטער פון אוניפאָרם־פאַבריקן אין קראָקע און טאַרנאָוו, דאָרטן געווירקט אין דעם אונטערערד און ביי רעטונג פון הונדערטער יידן. ער האָט אויך איינגעשטעלט אַ קאָנטאַקט מיטן יידישן רעטונגס־קאָמיטעט אין אונגאַרן און סלאָוואַקיי, אָרגאַניזירט דאָס אַריבער־פירן גרופּעס יידן אַהינצו. פאַרפאָלגט דורך דער געסטאַפּאָ, איז פריטש געקומען, סעפּטעמבער 1943, קיין וואַרשע און אויך פון דאַנען פאַרהאָלפן יידן צו אַנטלויפן, צווישן זיי די אַדלערס.
זיי זענען געפאָרן אין דער באַגלייטונג פון קערסטען, וועמענס מצב איז אויך געווען פאַרפלאָנטערט צוליב צוויי, ביי אים אויסבאַהאַלטענע פּוילישע פרויען און אַ קינד, וואָס ער האָט געהאַט מיט איינער פון זיי. די דריי זענען אויך מיטגעפאָרן. אויף דער באַן האָט זיך קערסטען דערוויסט וועגן אַדלערס אַפּשטאַם און דאָס שפּעטער פאַרמסרט אין בודאַפּעסט. דאָרט האָט אַפּיציעל פונקציאָנירט אַ פּוילישער הילפס־קאָמיטעט, אַן אַנטיסעמיטישער, וואָס האָט „אַנערקענט און רעגיסטרירט" קערסטענס גרופּע, אָבער נישט די אַדלערס. דער קאָמיטעט האָט די יידן נישט געוואָלט באַטראַכטן פאַר פּאָליטישע פּליטים.
ווען ס'איז אַ ביסל שפּעטער אָנגעקומען פריטש מיט אַ האָלענדישן פּאַספּאָרט אויפן נאָמען וואַן פעילען, וואָס קערסטען האָט אים געהאַט אויסגעשטעלט, איז ער ווייטער געווען דער פאַרבינדונגס־מאַן און אויסגעשפּראָכענער קעמ־פער קעגן נאַציזם.
ער האָט אויך געוואָגט אַרויסצוגעבן אין בודאַפּעסט אומלעגאַל און צו פאַרשפּרייטן נאָך אין דער צייט פון דער מלחמה דעם דאָקומענט פון יידישער

מאַרטיראָלאָגיע און פון די דייטשע פאַרברעכנס, ה. אַדלערס דערמאָנטע „געזאַנגען פון דער טויטן־שטאָט” (אין דייטש).
אין דער הקדמה צו דער אויסגאַבע אין ציריך, אין 1945, האָט דער דיכטער געווידמעט זיינע טראַגישע לידער די אומגעקומענע און די ווייניקע אָפּ־געראַטעוועטע אין די פאַרשידענע שטעט און לאַגערן, ווי אויך זיין לעבנס־באַגלייטערין אַניטאַ דיסטלער־אַדלער. עס ווערט באַזונדערס אַרויסגעהויבן דער אָנדענק פון דעם אידעישן חבר מרדכי טענענבוים, באַצייכנט ווי דער „גייסטיקער איניציאַטאָר פון דעם וואַרשעווער געטאָ־קאַמף”, פון דעם פעלדוועבל אַנטאָן שמיד, פאַרמשפּטן צום טויט, „ווייל ער האָט געראַטעוועט פאַרפאָלגטע”, ווי אויך פון דעם גלח אַנדרעאַס גראָוסקי, „וואָס האָט געהאַט מוט אין די שווערע צייטן קריסטלעך צו ליבן... און פון טויט צו באַשיצן”.

9. דפים, ז. 17.

רשימה פון די פאַרבליבענע שריפטן
פון מ. טענענבוים

נר.	שריפט	דאַטע	אָרט	שפּראַך	ז'*
		א.			
1.	אין „ספר העבודה" (אַרבעטבוך) פון „בני־העם" פאַר קק"ל	1/6 1931 — 1/5 1934	וואַרשע	העברעיש	—
2.	Kineret, (ליטעראַרי־שער חיבור)	יאַנואַר 1939	באַראַנאָוויטש	פויליש	1
3.	„אונדזערע ידיעות", אַרטיקלען	מערץ־מאַי 1939	וואַרשע	יידיש	—
		ב.			
4.	בריוו, געחתמעט „אדם לא יוצלח" (וועגן די אַרעסטן אין סאָוויעט־רוסלאַנד)	9/6 1941	ווילנע	יידיש	1
		ג.			
5.	„ידיעות", „בלעטלאַך פון קאַלענדאַר"	יוני־יולי 1942	וואַרשע	יידיש	—
6.	20 ליולי 1942 (נאָטע צום „דרור"־אַרכיוו)	20־טער יולי 1942	"	העברעיש	1
		ד.			
7.	„ברידער יידן" (אויפרוף צום קאַמף פון 16־טן אויגוסט, אָנגעשריבן פריער)	יאַנואַר 1943	ביאַליסטאָק	יידיש	2
8.	יומן (טאָגבוך)	13.1.43 — 19.2.43	"	העברעיש	27
9.	„האקציה" בביאליסטוק (די אַקציע אין ביאַליסטאָק)	פעברואַר 1943	"	העברעיש	9
10.	„דום־דום־קוילן" (פאַרצייכענונג)	פעברואַר 1943	"	יידיש	1
11.	אַלגעמיינע אסיפה פון קיבוץ און אַקטיוו פון סניף (פּראָטאָקאָל)	27־טער פעב. 1943	"	יידיש	10
12.	Słuchaj Tamaro, (געזעגענונג־בריוו)	סוף פעברואַר 1943	"	פויליש	8
13.	„מערץ 1943" (המשך פון טאָגבוך)	מערץ 1943	"	העברעיש	9
14.	Szlakiem Bestjalstwa hitlerowskiego (וועגן דער היטלעריסטישער אכזריות)	מערץ 1943	"	פויליש	5

נר.	שריפט	דאַטע	אָרט	שפּראַך	ז׳*
15.	„פון אַ באַריכט" (סטאַטיס. טאַבעלע)	2־טער אַפּריל 1943	ביאַליסטאָק	יידיש	2
16.	Do Kierownictwa Walki Cywilnej (צו דער אָנפירונג פון ציווילן קאַמף)	2־טער אַפּריל 1943	"	פּויליש	3
17.	Ratujcie! S. O. S! S. O. S! (אַלאַרם־רוף צו דער וועלט)	אַפּריל 1943	"	פּויליש	2
18.	לרשות ועד הפועל של ההסתדרות (צום עק־זעקוטיוו פון דער הס־תדרות)	אַפּריל 1943	"	העברעיש	15
19.	„אַ כ ט ו נ ג !" (נאָטיץ וועגן אַ מאָנאָגראַפיע פון גראָדנער געטאָ)	אַפּריל 1943	"	יידיש	1

ה.

נר.	שריפט	דאַטע	אָרט	שפּראַך	ז׳*
20.	אַ פּאָר דעדיקאַציעס אויף ביכער	מערץ 1940	ווילנע	העברעיש	—
21.	„פאַרגעלייענט אויף אַ פאַרזאַמלונג"... (באַמ. צום אויפרוף)	1942 1/1	"	יידיש	—
22.	„קרונות עם בגדים" (וואַגאָנען מיט קליי־דער, אויפקל. וועגן טרעבלינקע)	יאַנואַר 1943	ביאַליסטאָק	העברעיש	1
23.	9 נאָטיצן אויף די קער־זייטן פון יודנ־ראַט־מעלדונגען	פעברואַר 1943	"	יידיש	—
24.	„2־12־5 עוואַקואַציע" (א״א צושריפטן אויף דייטשע געסטאַפּאָ־שריפטן)	פעבר.־מערץ 1943	ביאַליסטאָק	יידיש	—

ו.

נר.	שריפט	דאַטע	אָרט	שפּראַך	ז׳*
25.	קאַרטל קיין ארץ־יש־ראל	אַפּריל 1933	וואַרשע	העברעיש	1
26.	צושריפטן צו פּריוואַ־טע בריוו	1937 — 1938	"	יידיש, פּויליש	
27.	בריוו צו מ. נאָוואָ־פּרוצקי אין א״י	מאַי 1941	ווילנע	יידיש	2
28.	בריוו צו די שוועס־טערס	אַפּר.־מאַי 1941	"	פּויליש	—
29.	בריוו צו ב. וויניצקאַ	מערץ־אויג. 1943	ביאַליסטאָק	פּויליש	—

* אָנגעגעבן לויט די אָריגינאַלן אָדער קאָפּיעס אין דעם טענענבוים־מערסיק־אַרכיוו, יד־ושם.

ביבליאָגראַפיע

1. ביכער

ארד יצחק: וילנה היהודית במאבק ובכליון, יד ושם — אוניברסיטת תל־אביב, 1976.
באָזשיקאָווסקי טוביה: צווישן פאַלנדיקע ווענט, וואַרשע, 1949.
באַלבערישסקי מענדל: שטאַרקער פון אייזן, „המנורה", תל־אביב, 1967.
ברמן אברהם: מימי המחתרת, „המנורה", תל־אביב, 1971.
גאָלדשטיין בערנאַרד: פינף יאָר אין וואַרשעווער געטאָ, ניו־יאָרק, 1947.
גרוסמן חייקה: אנשי המחתרת, מרחביה 1950, מהדורה מחודשת 1965.
דוואָרזשעצקי מאַרק: ירושלים דליטא אין קאַמף און אומקום, פּאַריז, 1948.
דוואָרזשעצקי מאַרק: ווייסע נעכט און שוואַרצע טעג, תל־אביב, 1970.
זיידמאַן הלל: טאָגבוך פון וואַרשעווער געטאָ, בוענאָס איירעס, 1947.
טורקאָוו יאָנאַס: אַזוי איז עס געווען, בוענאָס איירעס, 1948.
טננבוים־תמרוף מרדכי: דפים מן הדליקה, הקיבוץ המאוחד, ת"א, 1947.
יידישער נאַציאָנאַלער קאָמיטעט און יידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע אין וואַרשע:
גטעאָ־בלעטער, דורך פייער און בלוט, ייד. וועלט־קאָנגר. ניו־יאָרק, 1944.
לאַזאַר חיים (ליטאי): חורבן ומרד, מורשת, תל־אביב, 1950.
לוין דב: השתתפות יהודי ליטא במלחמה בגרמנים במלחמת העולם השניה,
יד ושם ומכון ליהדות זמננו, ירושלים, תש"ל.
מאַרק בער: חורבות דערציילן, לאָדזש, 1947.
מאַרק בער: דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ, וואַרשע, 1955.
ניישטאַדט מלך: חורבן און אויפשטאַנד פון די אידן אין וואַרשע, צוויי טיילן,
תל־אביב, 1948.
סוצקעווער אברהם: ווילנער געטאָ 1941—1944, בוענאָס איירעס, 1947. גיטו וילנה,
שכוי, תל־אביב, תש"ז.
ספר דרור, עין חרוד, 1947.
ספר הפרטיזנים היהודים, כרך א', ספרית פועלים, 1958.
ספר השומר הצעיר, מרחביה, 1956.
ספר מלחמות הגיטאות, הקיבוץ המאוחד, 1954.
ספר מסמכים, המרי והמרד בגיטו וארשא, (עורכים: נ. בלומנטל י. קרמיש),
יד ושם, תשכ"ה.
ענגעלשטערן לייזער: אין געטאָס און וועלדער, הקיבוץ המאוחד, 1972.
קאַטשערגינסקי שמערקע: חורבן ווילנע, ניו־יאָרק, 1947.
קאַלמאַנאָוויטש זעליג: אַ טאָגבוך פון ווילנער געטאָ, ייוואָ־בלעטער, באַנד XXXV,
ניו־יאָרק, 1951.
קורצ'אק רייזל (רוז'קה): להבות באפר, מרחביה, 1946, מהדורה שלישית, 1965.
קרוק הערמאַן: טאָגבוך פון ווילנער געטאָ, ניו־יאָרק, 1961.
קרמיש יוסף: מרד גיטו ורשה בעיני האויב, יד ושם, תשכ"ו.
קצנלסון יצחק: כתבים אחרונים, הקיבוץ המאוחד, 1956.
רודאַשבסקי יצחק: יומנו של נער מוילנה, הקיבוץ המאוחד, 1968.

רולניק מאשה: אני חייבת לספר, ירושלים, 1965.
רינגעלבלום עמנואל: נאָטיצן פון וואַרשעווער געטאָ, טאָגבוך, 1952, כתבים פון וואַרשעווער געטאָ, ייִד. היסט. אינסט., וואַרשע, 1961.
שפּיזמאַן לייב: חלוצים במלחמות ובקרב, ירושלים, 1964.
Adler Hermann: Gesänge aus der Stadt des Todes, Vorvort, Verlag Oprecht, Zürich, 1945.
Ajzensztajn Betti (opracowała): Ruch podziemny w ghettach i obozach, Centr. Żyd. Kom. Hist. w Polsce, 1946.
Edelman Marek: Ghetto walczy, Warszawa, 1945.
Kowalski Isaac: A Secret Press in Nazi Europe. New-York, 1969.
Wiesenthal Simon: The Murderers Among Us, London, 1967.

2. מאמרים און באַריכטן

אורן ברוך: מווילנא דרך יפאן אל העולם החופשי, מורשת, י"א, 1969.
באוער יהודה: פעולות הצלה דרך וילנה, קובץ מחקרים בפרשיות השואה והגבורה, ט׳, יד ושם, תשל"ב.
בילאריי מרדכי: ריכוז השומר בווילנא, ספר השומר הצעיר, כרך א׳, מרחביה, 1956.
גל משה: סובאָטש 37, ספר השומר הצעיר, ווי אויבן.
גלברט חנה: התנועה החלוצית בגיטו, ספר מלחמות הגיטאות, הקיבוץ המאוחד, 1954.
גראיאק שלום: עתונות המחתרת, ספר מלחמות הגיטאות, ווי אויבן.
גרוסמן חייקה: מעשי אחרונים, ספר הפרטיזנים היהודים, כרך א׳, 1958.
דוואָרזשעצקי מאיר: אַנטון שמיד, גרמני אנטי־נאַצי בגיטו וילנה, ידיעות יד ושם, מס. 15/16 און 19/20.
דוואָרזשעצקי מאיר: פעולות חבלה, ספר מלחמות הגיטאות, ווי אויבן.
„דרור": קורספונדנציה פנימית (אינערלעכע קאָרעספּאָנדענץ) מ־8—11 במאַי 1942, דפים לחקר השואה והמרד, א׳, עמ׳ 148, 1951, בית לוחמי הגיטאות ע"ש י. קצנלסון.
הלמן יודק׳ה: תנועתנו בשטח הכיבוש, עלון לאינפורמציה פנימית, מרס 1940, עין חרוד, מס. 75 (139).
יודק׳ה: מרדכי טננבוים, מבפנים, כרך י"ב, ח׳ ד׳. אָקט. 1947.
יידישער נאַציאָנאַלער קאָמיטעט (?): די ליקווידאַציע פון דער יידישער וואַרשע, ראַפּאָרט פון די פאַראייניקטע אונטערערדישע אָרגאַניזאַציעס, פון 15־טן נאָוו. 1942 צו דער פּוילישער עמיגראַנטישער רעגירונג אין לאָנדאָן, בלעטער פאַר געשיכטע, ב. IV, ה׳ 2, ז. 199, 1951.
לובטקין צביה: בימי כליון ומרד, ספר דרור, עין חרוד, 1947.
מ. נ. (משה׳ל נאָוואָפּרוצקי): מרדכי טננבוים, ספר דרור, ווי אויבן.
סאָלאָווייטשיק אַלעקסאַנדראַ: דריי פערטל יאָר אונטער די דייטשן אין ווילנע, ייוואָ־בלעטער, ב. XXX, נר. 1, 1947.
סלוצקי יהודה: מההגנה למאבק, ספר תולדות ההגנה, כרך 2, מערכות ישראל, 1963.

פראַנק הערמאַן ד"ר: מרדכי טענענבוים, העלדישער קאָמענדאַנט פון ביאַליסטאָקער געטאָ־אויפשטאַנד, ביאַליסטאָקער שטימע, סעפּט. 1966.

פרידמאַן פיליפּ: בעיות מוקדמות למיתודולוגיה, קובץ מחקרים בפרשיות השואה, יד ושם, תשי"ח.

פרידמאַן פיליפּ: איז אין דער נאַצי־צייט געווען אַן אַנדער דייטשלאַנד ?, ייוואָ־בלעטער, ב. XXXIX, ניו־יאָרק, 1955.

פרליס יצחק: החלוץ בימי החורבן בפולין, מבפנים, כרך ו', עין חרוד, יאַנ.־אוג. 1940.

צוקרמן יצחק: מרד היהודים, ספר מלחמות הגיטאות, הקיבוץ המאוחד, 1954.

צוקרמן יצחק: הקדמה, דפים מן הדליקה, הקיבוץ המאוחד, תל־אביב, 1947.

קאַזיעבראָדזקי דוד: התנועה בנדודים, ספר דרור, ווי אויבן.

קורצ'אק רוז'קה: במאבק על יחידה יהודית לוחמת, ספר הפרטיזנים, ווי אויבן.

קליאַטשקאָ העלענע: די צווייטע געטאָ אין ווילנע, ייוואָ־בלעטער. ב. XXX, נר. 1, 1947.

קרמיש יוסף: שלב ראשון להשמדה, ידיעות בית לוחמי הגיטאות ע"ש י. קצנלסון, מס. 2—1, אַפּריל 1957.

רזניק ניסן: התנועה בגיטו וילנה וביערות ליטא, משואה, קובץ שנתי א', תל־יצחק — תל־אביב, תשל"ג.

ר—קי: מסביב לכדור הארץ — לאָרץ ישראל, מבפנים, ספּט. 1941, ווי אויבן.

3. אַרטיקלען, זכרונות אין צייטשריפטן

באַזשיקאָווסקי ט.: די גרונט־אידעע פונעם אויפשטאַנד, דאָס נייע לעבן, לאָדזש—וואַרשע, נר. 29, 1947.

בורשטיין ב.: קאָמאַנדיר טאָמאַראָוו און חברה טעמע, דער יידישער קעמפער, 17־טער נאָוו. 1944.

דוואָרזשעצקי מ. ד"ר: חנוכה 1941 אין ווילנער געטאָ, די פּרעסע, בוענאָס איירעס, 1948.

Auerbach Rachela: Dlaczego tak późno?, Nasze Słowo, Nr. 7, 1947. אָרגאַן פון פּוע"צ — צ. ס. לאָדזש — וואַרשע.

Folman Chawka; Słowo Ruchu, Nasze Słowo, Nr. 7, 1947.

Grzęda Szoszana: Między Szucha a Pawiakiem, Nasze Słowo, Nr. 7, 1947.

Pirej Dow: Towarzysze broni, Nasze Słowo, Nr. 7, 1947.

Zelmanowski Chaim: Ghetto, jakiem je widział, Nasze Słowo, Nr. 7, 1947.

4. אַרכיוואַלע מאַטעריאַלן

ארכיון אוניברסיטת תל־אביב, בית התפוצות.
ארכיון העבודה, תל־אביב.
ארכיון יד ושם, ירושלים.

ארכיון חסידי אומות העולם, יד ושם.
ארכיון טננבוים־מרסיק, יד ושם.
ארכיון ייד. וואָיעוו. היסט. קאָמיסיע אין ביאַליסטאָק, 1945—1947, יד ושם.
ארכיון שוואַרצבאַרט, יד ושם.
ארכיון יד ושם, מחלקת לגביית עדויות, תל־אביב.
ארכיון ציוני מרכזי, ירושלים.
ארכיון קיבוץ לוחמי הגיטאות ע״ש יצחק קצנלסון.

עדות און אינפאָרמאַנטן (די לעצטע באַצייכנט מיט *)

1. אַדלער הערמאַן און אַניטאַ, אַרכיוו פון דער מחברטע (וויטער: אפ״מ).
2. אייזענשטיין נחמה, אפ״מ.
3. באַראַנטשוק מולקע, אפ״מ.
4. בערנשטיין (שיינבוים) פסיה, נר. 138/72, יד ושם, ת״א און ראיון קבוצתי, נר. 1204, ירושלים.
5. בראָנאָווסקי שלמה, ארכיון חסידי אומות העולם, תיק 55, יד ושם.
6. ברום אברהם און שרה, אפ״מ
7. ברום מרדכי, אפ״מ.
8.* דוואָרזשעצקי ד״ר מאַרק, אפ״מ און ראיון קבוצתי, ווי אויבן.
9. וויגדערהויז פייוול און שרה, אפ״מ.
10. זילבערבערג חיה, אפ״מ.
11. טרעגער זעלדע, נר. ט־3390/73, יד ושם, ת״א.
12. יערי (חזן) בעלאַ, נר. 3292/75, יד ושם, ת״א און אפ״מ.
13. מגיד אלחנן, ראיון קבוצתי, ווי אויבן און אפ״מ.
14. נבט (נאָוואָפרוצקי) משה, אפ״מ.
15.* סוצקעווער אברהם, אפ״מ.
16. ענגעלשטערן אליעזר, נר. 3608, יד ושם׳ ת״א און אפ״מ.
17. עקשטיין הדסה, אפ״מ.
18. פינקעלשטיין יפה, אפ״מ.
19. פירעי דב, אפ״מ.
20. פעלדמאַן צפורה, אפ״מ.
21.* פערליס יצחק, אפ״מ.
22. צוקערקאַנדעל לאה, אפ״מ.
23. קאַרטין באָריס, אפ״מ.
24. קליבאַנסקי בראָניאַ, אפ״מ.
25. ראַוויצקי מאירה, אפ״מ.
26. ריינהערץ אברהם, אפ״מ.
27.* רייס אַנזעלם אינזש, אפ״מ.
28. רעזניק ניסן, נר. 3404/219, יד ושם.
29. שאַוועץ שרה, נר. M/11/B/48, יד ושם.
30. שטיינהאַרט חיה, אפ״מ.
31.* שפּיראָ אפרים, אפ״מ.

אינדעקס פון נעמען

א) פון פערזאָנען

אַדאַמאָוויטש אירענאַ 173, 176
אַדלער הערמאַן און אַניטאַ 19, 27, 141, 182, 183, 190, 191, 202, 205, 206, 208, 260, 287, 288
אָזשעך מאוריצי 234, 235, 236, 255, 268, 282
אַניעלעוויטש מרדכי 6, 269, 270, 289
אַלטמאַן טאָסיאַ 173, 176, 178, 274, 289
אַסקאַר (פון „החלוץ") 131
ארד יצחק 27, 193
ארזי יהודה 82
אַרלאָזאָראָוו חיים 207, 245

באָזשיקאָווסקי טוביה 238, 271
באַלבערישסקי מענדל 28, 154, 162
באַראַנטשוק מולקע 26, 84, 88, 96, 114, 115
באָראַקס עדעק (אליהו) 164, 166, 185—187, 191, 192
בירמאַן צפורה 17, 122, 124, 130—132, 134, 137, 140, 147, 149, 155, 165, 166, 169, 178, 201, 203, 206, 210, 211, 213, 218. 219, 223, 224, 273
בלאַך לייב 235
בלום אַבראַשאַ אינזש. 234, 235, 256, 268, 269
בעאַטום פראַניאַ 283
בערלינסקי הירש 234, 267, 268
בערמאַן אַדאָלף ד"ר 255
בערנשטיין לעאָן ד"ר 27
בערנשטיין (שיינבוים) פעסיע 27, 201
בראָנאָווסקי שלמה אינזש. 181, 205
בראַנד שלמה 27
ברום אברהם און שרה 26, 84
ברום מרדכי 85
ברענער יוסף 101
ברעסלאָוו שמואל 270, 275

גאָלאָוונער אברהם 130
גאָלדמאַן פייגע ביילע 37
גאָלדמאַן רפאל 34, 36 א"וו
גאָלדשטיין 190
גדאָווסקי אַנדרעאַס 182, 205
גוטקאָווסקי אליהו 243
גזשענדאַ שושנה 238, 248—250
גיטערמאַן יצחק 231, 235, 268, 269, 282
גלאַזמאַן יוסף 124, 163, 187, 202
געבעלס יאָזעף ד"ר 22, 208, 246
גערועלבער אברהם 139
געגס יעקב 151, 152, 159, 163
גראַבאָווסקי העניעק 177
גראַנאַטשטיין שרה 238, 249, 275
גראָסמאַן חייקה 23, 24, 145, 152, 173, 186, 188, 191, 208, 253

דאַטנער שמעון ד"ר 28
דאַשעווסקי פנחס 244
דאָקטאָראָוויטש 82
דוואָרזשעצקי מאַרק (מאיר) ד"ר 11, 23, 27, 132, 145, 154, 166, 168, 171, 191—193, 203, 207, 208
דרעגגלער שמעון (מאַרעק) 283

האָוז 190
הופפערט מאַקס 182
היטלער אַדאָלף 85, 179, 194, 244, 245, 257
הינגסט האַנס ק. 146
הירש באַראָן 105
העלמאַן יודק'ה 102—104, 130, 131
העפלע ד. 263

וואַהל ד. 282
וואַראַנאָוויטש האַלינאַ זע גראָסמאַן חייקה
וויגאָדזקי יעקב ד"ר 106
וויגדערהויז פייוול און שרה 26
וויטענבערג איציק 187
ווײַנשטיין יוכבד 217
ווילנער אריה 274, 285, 289
וויניצקאַ בראָניאַ 11, 15, 24, 222
ווערבלינסקי ישראל 145

זאַגאַן שכנא 235, 256, 268, 273
זאַקס אליהו ד"ר 132

זאקס סאשא (סאלא) 132, 184
זיידמאן הלל ד״ר 282, 287
זילבערבערג חיה 26
זעמבא מנחם רב 282
זעמש א. 35 א״וו
זשעלאזנאגורא חנוך 216, 217, 225

חזן (יערי) בעלא 178, 183, 250

טאבענקין יצחק 82
טארטאקאווער אריה, פראפ. 5, 7, 11, 82
טייטעלבוים ניוטא (ריווע), „וואנדא״ 275
טענענבוים חיים דוד 30 א״וו, 78
טענענבוים שרה העניע 30 א״וו, 81, 115 א״וו
טענענבוים שלמה 34
טענענבוים טאמארא 14, 48, 53, 59, 115—117, 127—129, 136
טרומפעלדאר יוסף 89, 208
טרעגער זעלדע 163, 164
טשעמבערליין נעוויל א. 85
טשערניאקאוו אדאם אינזש. 263, 264, 275

יודק׳ה זע העלמאן יודק׳ה
„יאשניאווקער״ זע ראזענטאל הערשל
יפה אסתר 202

כמיעלניק (קין) מ. 168, 210
כ״ץ טעמא 193

לאנדוי (לאנדאו) אלעקסאנדער 268
לאקס ארמין 238, 249, 271
לואיסא 182, 205, 219
לובעטקין צביה 24, 226, 236, 249, 254, 260, 270, 289
ליבעסקינד אהרן (דאלעק) 283
לייבאוויטש אברהם לייב (לאבאן) 263, 284
ליכטענבוים מארעק אינזש. 275
לימאנאווסקא בראניסלאווא זע חזן בעלא
ליעסין אברהם 29
לעביעד יעקב (יענדזשעי) 124, 152, 166, 186
לעווין דב 27
לעווין דינה 238
לעווארטאווסקי יוסף 235, 251, 253, 256, 268, 273
לעיקין יעקב אדוו. 264, 275
לענט הירש 252

מאדייסקא רבקה 152, 186
מאטעאטי זשאקאמא 245
מאיעווסקא וואנדא זע שניידערמאן טעמא
מאכאל וואלדעמאר 21
מאלאטאוו וויאטשעסלאוו 99
מגיד אלחנן 27, 185, 192, 203, 207
מארגוליס ישראל 219
מאריא 182
מארק בער 28
מורער פראנץ 146, 151, 161
מושקאט יוסף 163, 164

נ. מ. (נאוואפרוצקי משה׳ל, נבט) 26, 68, 69, 110, 136, 137
ניישטאדט מלך 27

סאלאווייטשיק אלעקסאנדרא 154
סאק יוסף 235
סאקאלאוו נחום 45
סוצקעווער אברהם 193
סטאזשינסקי סטאניסלאוו 95
סטראאפ יורגען גענ. 21
סיקארסקי וולאדיסלאוו גענ. 285
סרוליק „דער ווייסער״ זע מארגוליס ישראל

עדעלמאן מארעק 255, 256
עדעק (גאלאוונער) 138
עהרענפרייז מארקוס (מרדכי) ד״ר, רב 183
ענגעלשטערן אליעזר 181, 205
ענטין שלמה 152, 177, 185, 187, 191
עסדעק זע פיינקינד מלך

פינטשוק אברהם 191
פינטשעווסקי יהודה 187
פירעי דב 24
פלאטניצקי הערשל 101, 173
פלאטניצקא חנטשע 101, 173, 249
פלאטניצקא פרומקע 101, 102, 120, 172, 173—175, 183, 188, 225, 241, 249, 250, 273, 274, 289
פעטליוק גדליה 217, 218
פערליס יצחק 26, 114
פערלשטיין לאה 274
פעקער מיכאל ד״ר 82

פאלמאן וועוועק (וואלף) 251
פאלמאן חווקה 174, 238, 249, 251, 289
פאלמאן מארעק 251
פיינקינד מלך 234

פינקעלשטיין יוסף זע לעוואַרטאָוו־סקי י.
פירסט ישראל 275
פישלזאָן אברהם 252
פעלדמאַן צפורה 26
פרומקין משה׳ל 189
פריד אַנאַטאָל אינזש. 151, 152
פרידריך זלמן 256
פרידמאַן זישע רב 236, 268
פרידעל פריץ גוסטאַוו 21
פריטש פראַנץ 306

צוקערמאַן יצחק (אַנטעק) 24, 168, 226, 227, 234—236, 238, 241—243, 248, 249, 253, 260, 270, 272, 283, 285, 289
צינצינאַטוס ישעיהו 166

קאַגאַן ד״ר 168
קאָוונער אבא 159, 187, 192, 193, 201
קאַזיעבראַדזקאַ לאַנקאַ (לאה) 173—176, 178, 183, 184, 190, 191, 202, 208, 226, 241, 250, 287
קאַלמאַנאָוויטש זעליג 21, 170
קאָמאַנדאָוסקאָס פּראָפ. 183
קאַנאַל ישראל 274
קאַסאָווסקאַ קריסטינאַ זע קאַזיעבראַדז־קאַ לאַנקאַ
קאַפּלאַן יוסף 235, 252, 270, 275
קאַצענעלסאָן יצחק 233, 243, 258, 259, 262, 264, 269, 282
קאַרטין פּיניע זע שמידט אַנדזשעי
קאַרטשאַק יאַנוש ד״ר 82, 264, 282
קאַרטשאַק רוזשקע (רייזל) 23, 186, 191
קאַרסקי פּיאָטר זע שמידט אַנדזשעי
קוטשער הערשקע 226
קירשענבוים מנחם 235, 268
קליאַטשקאַ העלענע 162
קליבאַנסקי בראַניאַ זע וויניצקאַ ב.
קלעפּפיש מיכאל 256
קעמפּנער ישראל 187
קערמיש יוסף ד״ר 11
קערסטען 288
קראָפּ פריץ 204
קרוק הערמאַן 21, 143, 158, 163
קרושעוואַן 244

ראָזענבערג ראובן (ראובטשאַק) 215
ראָזענטאַל הערשל 177, 214, 225
רובין משה 265
רודאַשעווסקי יצחק 143
רודנער חיים 203
רינגעלבלום עמנואל ד״ר 20, 82, 172, 173, 180, 191, 228, 235, 241, 256, 268—270, 276, 278, 281, 282
ריינהאַרדט היידריך 150
ריינהערץ אברהם 26
רעזניק ניסן 124, 163, 166, 187, 191, 192—194, 201

שאַליט אינזש. 211
שוויינענבערג 147, 160, 189
שטיינגאַרט חיה 26
שיינבוים יחיאל (איליאַ) 124, 187, 192, 201, 208
שיינבוים פּעסיע זע בערנשטיין פּ.
שיינברונער אָסקאַר 155
שיפּער יצחק ד״ר 235, 236, 268, 269, 282
שמידט אַנדזשעי 251, 252, 258
שמיד אַנטאָן 20, 176, 179—184, 186, 187, 190, 191, 193, 201—208, 227, 259
שמערלינג 275
שניאור זלמן 104
שניידערמאַן טעמאַ 16, 70, 71, 75, 84, 88, 100, 113, 123, 127, 130, 136, 165, 170, 172, 173, 175, 177, 178, 183, 184, 190, 191, 202, 206, 208, 219—223, 226, 227, 249, 250, 260, 272, 273, 287
שנייערסאָן 208
שנער צבי 27
שערינסקי יוזעף 264, 274, 275
שקיבעל יאַדוויגאַ זע וויניצקאַ ב.
שקליאַר רות 238

ב) פון ערטער

אָדען 125
אַדעס 126, 129
אוישוויץ 250
אונגאַרן 18, 19, 177, 184
אוקראַינע 130, 165
איטאַליע 114
אייראָפּע 194, 254
איישעשאַק 107
אינדיע 125
איראַן 125
אַלעפּאָ 126
אַרכאַנגעלסק 138

ארץ־ישראל 17—20, 62, 64—66, 73, 74, 76, 83, 86, 90, 99—101, 106, 114, 122, 123, 129, 130, 137, 172, 174, 184, 185, 190, 191, 212, 221, 239, 246, 247
אַשמיאַנאַ (אָשמענע) 140

באַראַנאָוויטש 26, 83—87, 92, 168
בודאַפּעסט 17, 19
בוכאַראַ 90, 130
ביאַליסטאָק 17, 19, 23—25, 135, 143, 150, 159, 173, 176, 178, 184—186, 201—206, 208—210, 225, 250, 253, 254, 272, 289
ביירוט 126
בעלגיע 258
בענדין 92, 99, 174

גאַליציע 99, 210
גראָדנע 178, 205, 215, 225, 273
גראָכאָוו 96, 97, 214, 216, 217, 265

דאָמבראָוואַ 225
דייטשלאַנד 85, 96
דעמבלין 47, 48

האָלאַנד 114, 258
האָנג־קאָנג 125
הרוביעשאָוו 174, 237

וואָלאָקומפּיע 132, 133, 165
וואָלין 99, 168, 174, 210, 214, 218
וואָראָנאָווע 181, 205
וואַרשע 19—46, 48—81, 86—92, 95—97, 227—282, 285—289
ווילנע 13, 14, 17, 19—21, 23, 24, 27, 100, 102, 104, 105—209, 227, 235, 237
ווירבאַליס 111
ווישאָגראָד 33
ווישאָגרודעק 219

זבאָנשין 96
זיעלאָנקאַ 82, 83
זשענעווע 225

חולדה 91
חניתה 91, 92

טערקיי 22, 122, 125, 129, 174
טרעבלינקע 24, 272
טשעכאָסלאָוואַקיי 85, 258
טשענסטאָכאָוו 99
טשערנאָוויץ 100
טשערניאַקאָוו 273, 285, 288

יאַפּאַן 122, 125, 126, 129
יאַשינאָווקע 225
יוגאָסלאַוויע 6
ירושלים 21, 61, 126
ירושלים דליטא זע ווילנע

כינע 125
כנרת 86, 87
כעלמנאָ 237

לאַטוויע (לעטלאַנד) 114, 121, 146, 165, 183
לאָמזשע 92
לאָנדאָן 20, 22, 251, 255, 285
לבנון 126
לובלין 263, 275
לידע 107, 181, 203, 205
ליטע 6, 105, 106, 113, 121, 123, 126, 130, 146, 165, 210, 213, 235, 270
לעמבערג 109

מאַלקיניאַ 250
מאָסקווע 123, 126, 129, 130
מינסק־מאַזאָוויעצקי 71, 221
מעלניצאַ 212
נאָרוועגן 258
נהלל 130
נ. אַמעריקע 138
ניו־יאָרק 20, 123

סאָוויעט־רוסלאַנד זע ראַטן־פאַרבאַנד
סודעטן 85
סוכאָוואָליע 85
סועץ 125
סיביר 13, 124, 133, 134, 138
סינגאַפּור 125
סינוליני 119
סלאָוואַקיי 6, 177, 184
סלאָנים 85, 92, 216
ס.ס.ס.ר. זע ראַטן־פאַרבאַנד

ענגלאַנד 247
עסטאָניע 121, 146

פּאָלעסיע 84, 210
פּאָנאַר 156—161, 177, 187, 189, 192—194, 196, 204, 227

פּאָרטוגאַל 174
פּוילן 6, 82, 83, 95, 100, 108, 126, 187, 220, 227, 234, 247, 252, 270, 286
פּינסק 100, 101, 104, 173, 219
פּערסיע זע איראַן
פּרושקאָוו 174

פֿראַנקרייך 6, 114, 258

צײלאָן 125

קאָווע 125, 126
קאָוועל 99, 100, 174, 212
קאָוונע 105, 106, 110, 113, 116, 122, 123, 142, 163, 177
קאַנטאַראַ 125
קאָנסטאַנטינאָפּאָל 126
קוזמיר (קאַזשימיעזש) 226
קוראַסאַאָ 122, 124, 125, 130
קושטאַ 123
קיעוו 126
קיעלץ 214
קנישין 217, 225
קעניגסבערג 22
קראָקע 99, 283, 284
קרים 126

ראַזשישטשע 218
ראַטן־פֿאַרבאַנד 89, 99, 105—107, 133, 135, 138, 140, 141, 216, 225, 252, 257, 258
רומעניע 95
רוסלאַנד זע ראַטן־פֿאַרבאַנד
ריגע 146

שאַוולי 110, 111, 142, 177, 203, 223
שאַנכײ 125, 130
שוועדן 114, 183, 184
שווײצאַרשאַן 142
שעדלעץ 216

תּל־אביב 21, 61, 126
תּל־חי 88, 92

זוכצעטל פון בילדער און דאָקומענטן

מרדכי טענענבוים־טאַמאַראָף 2
די מוטער 40
מרדכי אין דעם „משפט" 60
פאָטאָגראַפיע פון מרדכין פון אַרבעטבוך 63
קאַרטל פון 1933 קיין ארץ־ישראל 65
מרדכיס שריפט צום סיום פון דער טעטיקייט אין קק"ל . . . 67
אויסצוג פון „היינט" 71
דעדיקאַציע פאַר מולקען 115
קאַרטל צו טאַמאַרא 116
פון דער מוטערס ליד צו מרדכין 118
טעלעגראַם צו י. העלמאַן, געשריבן דורך מרדכין 131
מאַפּע פון ווילנער געטאָ 148
פ. פּלאָטניצקאַ, ל. קאָזיעבראָדזקאַ, ט. שניידערמאַן, טעמאַס אַרישער
דאָקומענט אויפן נאָמען פון וואַנדאַ מאַיעווסקאַ . . . 175
אַנטאָן שמיד 179
סוף פונעם קאַמפּס־רוף מיט מרדכיס צושריפט 198
דער אַרישער דאָקומענט, וואָס מ. טענענבוים האָט אייגנהענטיק
אויסגעשטעלט ח. גראָסמאַן 208
צפורה בירמאַן, צבי מערסיק 213
הערשל ראָזענטאַל, חנוך זשעלאַזנאָגוראַ 225
מרדכיס בריוו צו דער הסתדרות 230
„ידיעות", אַ טייל פון נר. 8 246
„20 ליולי 1942" 261

אינהאַלט

אַריינפיר־וואָרט פון פּראָפ. ד״ר א. טאַרטאַקאָווער 5
הקדמה צו דער ערשטער אויסגאַבע 8
צו דער יידישער אויסגאַבע 12

מקורות

I דאָקומענטאַרישע: א) יידישע 13
ב) דייטשע קוואַלן 21
ג) פּוילישע און אַנדערע 22
II זכרונות און גביות־עדות 23
III ביכער און אָפּהאַנדלונגען 27

ערשטער טייל: פאַר דער מלחמה

קאַפּיטל איינס: די היים און סביבה 29
מרדכיס געבורט 29, דער פאָטער 32, די מוטער 36, די משפּחה 39
קאַפּיטל צוויי: די קינדער־יאָרן 47
אין דעמבלין 47, די לימודים 48
קאַפּיטל דריי: די פריִע יוגנט 51
די ליבע צום בוך 51, דער פאַרלאַנג פון אַן אוידיטאָריע 53, די גייסטיקע פאָרמירונג 55
קאַפּיטל פיר: אין די יוגנט־אָרגאַניזאַציעס . . 59
אין „הנוער הציוני״ 59, אין דער „פרייהייט״־באַוועגונג 68, עפּיזאָד אין מינסק־מאַזאָוויעצקי 70
קאַפּיטל פינף:
העכערע שטודיעס און אידעאָלאָגישע פאָרטיפונג . 72
אָריענטאַלע וויסנשאַפטן 72, דאָס ווערק וועגן חלוציזם 75
קאַפּיטל זעקס: די פּטירה פונעם פאָטער . . 78
דאָס גרויסע אומגליק 78, מרדכי פאַרלאָזט די היים 80
קאַפּיטל זיבן: אויף די וועגן פון הכשרה . . 82
דער סעמינאַר אין זיעלאָנקאַ 82, אין באַראַנאָוויטש 83
קאַפּיטל אַכט: אין חלוצישן קאָלעקטיוו . . 86
די ליטעראַריש־פּובליציסטישע טעטיקייט 86, כנרת 86, „אונדזערע ידיעות״ 87
קאַפּיטל ניין: מרדכיס פּאָרטרעט 93

צווייטער טייל: דער אָנהייב פון דער מלחמה — אונטערן סאָוויעטישן רעזשים

קאַפּיטל צען: דער מלחמה־אויסברוך . . . 95
די באָמבאַרדירונג פון וואַרשע 95, די געזעגענונג מיט דער מוטער 96, דער וועג אויף מזרח 97

קאַפּיטל עלף:
אויף די געביטן פאַרנומענע דורך סאָוויעט־רוסלאַנד 99
אין קאָוועל 99, אין פּינסק 100
קאַפּיטל צוועלף:
ווילנע אונטער דער ליטווישער הערשאַפט . . 105
אַלגעמיינער מצב 105, אין „שחריה" 107, דער געראַנגל פאַר עליה 113, דער מאַמעס אַנזאָג 115
קאַפּיטל דרייצן: ווילנע אונטערן סאָוויעטישן רעזשים 121
ווייטערדיקער געראַנגל פאַר עליה 121, טענענבוים בלייבט אויף זיין פּאָסטן 127, אין אידעאָלאָגישן געראַנגל 131, מרדכיס לעצטע בריוו פון דער סאָוויעטישער ווילנע 134

דריטער טייל: אין בלוטיקן מבול

קאַפּיטל פערצן:
ווילנע אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע . . 140
פּרווון פון אַנטלויפן 140, דייטש־ליטווישער רעזשים 141, גזירות און פאַראָרדענונגען פון דער מיליטערישער מאַכט 143, דער ערשטער יודנראַט 145, די פּאָליטיק פון דער דייטשער ציווילער מאַכט 146, די גרויסע פּראָוואָקאַציע 146, דער גאַנג אין די געטאָס און לוקישקי־תפיסה 147, די פאַרמירונג פון די געטאָס 149, שיינען, אַרבעט, דערנערונג 152, פּאָנאַר 156, אַקציעס, יידישע פּאָליציי 159, די אָרגאַניזאַציאָנעל־פּאָליטישע טעטיקייט 164, די טראַנספאָרמאַציע אין „טאַמאַראָף" 169, די שליחים־נעץ 172, דער יידן־רעטער אַנטאָן שמיד 179, טאַמאַראָפס פּלענער בשייכות מיט שמידן 183, די פּאָ־לעמיק אין דער חלוצישער קאָאָרדינאַציע 184, די דעלעגאַציע קיין וואַרשע 187, ווידעדשטאַנד־דערשיינונגען 188, סילוועסטער־נאַכט ביי שמידן 190, די קאַמפּס־רופן 191, שמידס רעטונגס־אַקציע קיין ביאַליסטאָק — זיין טראַגישער סוף 201, דער אַרויספאָר פון ווילנע 207
קאַפּיטל פופצן: אין ביאַליסטאָקער געטאָ . . 210
דער קיבוץ „תל־חי" 210, די געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישע טעטיקייט אויפן נייעם באָדן 223

פערטער טייל: ווידער אין וואַרשע

קאַפּיטל זעכצן: די ערשטע קאָנטאַקטן . . . 226
דער אָנקום 226, די געזעלשאַפטלעכע און קולטור־אָרגאַניזאַציעס 227
קאַפּיטל זיבעצן:
אין ליכט פונעם בריוו צו דער הסתדרות . . 229
דער מצב פונעם געטאָ 229, דער חלוצישער ביישטייער אויפן סאָציאַל־קולטורעלן געביט 232, דער געראַנגל פאַר אַ ווידערשטאַנד 234
קאַפּיטל אַכצן:
דערציִעריש־פּובליציסטישע טעטיקייט . . . 238
די אויפלעבונג פון דעם יונגן אַקטיוו 238, די רעדאַקציע פון די „ידיעות" 239, דער דורכפאַל פון אַ קאָלפּאָרטערין 248, דער צוואַ־

מענטרעף פון שליחות אין פּאַוויאַק 250, דער אַנטיפאַשיסטישער בלאָק 251, מיליטערישע אייגהייטן אָרגאַניזירט דורך מ. טענענבוים 252, די שטעלונג פון „בונד" 255, „דער רוף" 256, צווישנלענדישע קאָנפערענץ 258, „20־טער יולי" 260
קאַפּיטל ניינצן: די ערשטע ליקווידאַציע־אַקציע . 263
זעלבסמאָרד פון אינזש. א. טשערניאַקאָוו 263, דער מאַסן־גירוש 264, רופן צו אַ קאָנטראַקציע 266, די יידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע 269, מרדכים מוטער צווישן די קרבנות 271, שליחותן — אַטנטאַטן 272, דער יידישער נאַציאָנאַלער קאָמיטעט 276
קאַפּיטל צוואַנציק
פאַרוואָס האָט מען זיך נישט פאַרטיידיקט? . . 278
קאַפּיטל איין און צוואַנציק: פאַרן פאַרלאָזן וואַרשע 283
די נסיעה קיין קראָקע 283, שתדלנות וועגן וואָפן 285, ביים אַנטי־נאַצי קערסטען 287, די באַשטימונג קיין ביאַליסטאָק 289
באַמערקונגען 291
רשימה פון די פאַרבליבענע שריפטן פון מ. טענענבוים . . 309
ביבליאָגראַפיע 311
עדות און אינפאָרמאַנטן 314
אינדעקס פון נעמען 315
זוכצעטל פון בילדער און דאָקומענטן 320